STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08546

HAY-GELEBT

Sh. Miller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. מיללער

•

חי־געלעבט

ש. מיללער

חי-געלעבט

אַרויסגעגעבן פון
ש. מיללער בוך קאָמיטעט
לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.
1959

CHAI - GELEBT

(חי־געלעבט)

Posthumous Stories

by

SH. MILLER

Copyright 1959
O. Miller, 465 N. Stanley Ave.
Los Angeles 36, Calif.

אַ האַרציקן דאַנק דעם ש. מיללער בוך קאָמיטעט און אַלע פּריינט וועלכע האָבן דערמעגלעכט אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען.

אָליאַ מיללער

Printed in the United States of America by Futuro Press, Inc.
476 Broadway, New York 13, N. Y.
200

ש. מיללער

אינהאַלט:

חסד של אמת	5
יזכור	38
אַלטער נאַר	74
חי־געלעבט	89
אָן טעם	135
אַ באַגעגעניש	187
די לעצטע פאַרצייכענונג	230
דאָס הויז אויפן באַרג	250
געראַטעוועט אַ מענטשן	262
ביים טעלעפאָן	283
ביים ברעג	296
רעגנבויגן	302
דער הונט	307
רויך	321
דרויב	328

חסד של אמת

ביי באַקאַנטע, לאַנדסלייט, האָט לייזער קרופּניק געהאַט אַ שם פון אַ קאַרגן, אַ קמצן.

— יענער! ער האַלט דאָך אַזוי שטייף דעם סענט, אַז לינקאָלן ווערט שיר נישט דערוואָרגן אונטער זיינע הענט.

וואַרגן לינקאָלן׳ האָט לייזער קרופּניק ניט געוואָרגן. אדרבה, פון „אייבין״ האָט לייזער קרופּניק געהאַלטן אַ וועלט, דערפאַר טאַקע האָט ער „זיין״ פּעני געהאַלטן זייער טייער, ער האָט זי נישט אַרויסגעלאָזט פון זיינע פינגער אָט אַזוי אָ, מיר ניט דיר ניט, געלט שמעלט בלאָטע אין קעשענע. ניט ווייל ער איז געווען קאַרג, אָדער גאָר אַ קמצן, ווי די באַקאַנטע האָבן גערעדט אויף אים, נאָר דערפאַר וואָס לייזער קרופּניק איז געווען אַן אויסגערעכנטער מענטש. אַזוי האָט ער אַליין געזאָגט.

— א י ך לעב מיט ח ש ב ו ן , און אַז מ׳לעבט מיט חשבון, — האָט זיין שמייכל אָוועקגעשאַרט דעם „שטאַרבט מען מיט ווידוי״, ווי דאָס ווערטל גייט, און פאַרענדיקט, — ווייסט מען ווו מ׳האַלט אין דער וועלט.

לייזער קרופּניק האָט יעדע מינוט פון טאָג געוווסט וויפל געלט ער האָט אין קעשענע, יעדן טאָג פון יאָר געוווסט וויפל געלט ער האָט אין באַנק, און יעדעס יאָר געוווסט וויפל געלט ער וועט האָבן איבעראַיאָר. דער חשבון איז געווען אַ פּשוטער.

— אַ מענטש וואָס פאַרדינט, לאָמיר זאָגן, פינף און פערציק דאָלאַר אַ וואָך און פאַרלעבט פופציק איז אַ . . . פאַרברעכער, איינפאַך אַ פאַר־ברעכער: ער מוז דאָך ביי עמיצן גנבענען דאָס פינפערל; אַ מענטש וואָס פאַרדינט פינף און פערציק און גיט אויס פינף און פערציק, איז אַ נאַר, פּשוט אַ טפּש: ער זעט ניט ווייטער פון זיין נאָז; אַ מענטש וואָס פאַרדינט פינף און פערציק דאָלאַר, דאַרף לעבן אויף דרייסיק, פינף און דרייסיק דאלאר און יעדע וואָך אַריינטראָגן אין באַנק פופצן אָדער לכל הפחות צען דאלאר, אָבער טאַקע יעדע וואָך, וואָך איין וואָך אויס, יאָר

איין יאָר אויס, דאַן איז ער אַ מענטש, ווייסט ער ווו ער האַלט אין דער וועלט.

— און אַז מ׳קען ניט?

— ניטאָ אַזאַ זאַך. אַט נעמט אים אַליין. ער אַרבעט ביי דער וועסטערן מאַטאָרס קאָמפּאַניע. אַ גרויסע קאָמפּאַניע. די גרויסע קאָמ־פּאַניעס, ווי באַוווסט, צאָלן זיך ניט איבער, אָבער ער וועט ניט בייטן זיין שטעלע אַפילו ווען קלענערע קאָמפּאַניעס זאָלן אים וועלן געבן צוויי מאָל אַזוי פּיל. פאַרוואָס? ווייל ביי אַ גרויסער קאָמפּאַניע, אַז מ׳אַרבעט און מ׳טוט די אַרבעט ריכטיק איז מען באַזאָרגט מיט אַ שטעלע אויפן גאַנצן לעבן. שוין זיבעצן יאָר אַז ער אַרבעט ביי דער וועסטערן מאָטאָרס. יאָ, דעם צענטן אָקטאָבער ווערט זיבעצן יאָר, אָפּאַרבעטן נאָך דרייצן יאָר קריגט ער אַ פּענסיע. ער פאַרלאָזט זיך אָבער ניט אויף דער פּענסיע. פינף און פערציק דאָלאַר אַ וואָך קריגט ער, דריי און צוואַנציק הונדערט מיט פערציק דאָלאַר אַ יאָר. אַ וואָך באַצאָלטע וואַקאַציע. נאָכדעם ווי מ׳נעמט אַרונטער „טעקסעס“, פּענסיע פאָנד, בלייבט אים נעט ביי נײַנצן הונדערט דאָלאַר. פון די נײַנצן הונדערט דאָלאַר האָט ער אַסיגנירט אַ בודזשעט פון הונדערט דאָלאַר פאַר קראַנק זיין און „טשאַריטי“ — דער רויטער קרייץ, „קאָמיוניטי טשעסט“, דאָס מוז מען דאָך, עס גייט דורך דער קאָמפּאַניע, היינט ווו זיינען „יידישע זאַכן“, מ׳רייסט פון אַלע זייטן, — און אַ מענטש ווערט אַמאָל נישט געזונט, איז אַט־הונדערט דאָלאַר. בלייבט שוין, הייסט עס, ניט מער ווי אַכצן הונדערט, איז פון די אַכצן הונדערט פאַרלעבט ער דרייצן, פינף און צוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך, פינף הונדערט דאָלאַר שפּאָרט ער. יאָ, רייזל, זיין ווייב, אַרבעט אויך צוביסלעך. אָבער איר געלט איז אַ באַזונדער חשבון, די שטוב הוצאה גייט פון זיין קעשענע. ווי אַזוי באַווייזט ער עס? גאַנץ פּשוט — ער איז אויסגערעכנט אויף דער פּעני.

— נעמט אַזאַ קלייניקייט ווי ברויט. ווער עסט עס ניט קיין ברויט? אָבער טוט אומישנע אַ פרעג ביים דורכשניטלעכן מענטשן וויפל קאָסט אים ברויט אַ וואָך, צי גאָר אַ יאָר, וועט ער אייך אָנקוקן ווי אַ משוגענעם: וויפל קאָסט אים ברויט אַ יאָר! ווער רעכנט עס, ווער? מ׳דאַרף אַ ברויט גייט מען אין קרעמל און מ׳קויפט. פירן אַ חשבון פון ברויט? אַט דאָס איז טאַקע די צרה, דער דורכשניטלעכער מענטש לעבט אָן חשבון. ווען ער וואָלט אָבער יאָ געפירט אַ חשבון, וואָלט ער געזען אַז אויף ברויט אַליין קען ער איינשפּאָרן, ניט זאָגן קיין סך, צען דאָלאַר אַ יאָר,

אַ פאַמיליע פון צוויי. יאָ, צען דאלאר אַ יאָר אויף ברויט אַליין, מ'דאַרף נאָר זיין אַ ביסעלע אויסגערעכנט. ער קויפט קיינמאָל ניט קיין פרישן ברויט, אַ נעכטיקן ברויט קויפט ער. דער חילוק פון אַ נעכטיקן ביז אַ פרישן ברויט איז טאַקע ניט מער ווי פיר סענט, ער האָט שוין אַ פלאַץ ווו ער קריגט דעם ברויט, דערפאַר אָבער וויפל עסט מען אויף פרישן ברויט און וויפל אַלט־געבאַקענעם? שיר נישט צוויי מאָל אַזוי פיל, און זאָל ער האָבן די ברכות, וואָס אַלט־געבאַקענער ברויט איז בעסער, געזונטער ווי דער פרישער ברויט, וואָס שטעלט זיך אונטערן האַרצן. אָבער מענטשן ווילן דוקא עסן פרישן ברויט, בלייבט עפּעס אויף מאָרגן, וואַרפט מען אַרויס. ביי אים וואַרפט מען ניט אַרויס קיין ברויט. ניט ביי לייזערן. ביי אים גייט אַוועק צוויי ברויט אַ וואָך, ניט מער. און ער הונגערט חלילה ניט. דאָס איז ברויט. היינט ווו איז מילך? אַלע מענטשן טרינקען מילך, ניט יעדער איינער ווייסט אָבער ווי צו קויפן מילך. מילך? דער מילך מאַן! נו אודאי, דער מילך מאַן ברענגט מילך. אָבער פאַר זיין טרחה דאַרף ער דאָך קריגן באַצאָלט, לכל הפּחות פינף סענט אַ פלעשל, ער איז באַרעכטיקט דערצו, ער אַרבעט, האָט הוצאות, אָבער לייזער קרופּניק קען זיך באַגיין אָן אַ מילך מאַן, ער קען גיין אין קרעמל קויפן מילך און, מערקט אייך, ער גייט ניט יעדן טאָג. מענטשן קויפן געוויינלעך אַ קוואָרט מילך. ניט לייזער. לייזער און זיין ווייב רייזל זיינען דוקא גרויסע מילך טרינקער, זעקס גלעזער מילך אַ טאָג. טאָג איין טאָג אויס, מילך איז געזונט, דאָס מיינט צוויי און פערציק גלעזער מילך אַ וואָך, חוץ דאָרטן אַ ביסל מילך צום קאָכן, באַקן. נו, קויפט ער מילך אויפן גאַלאָן. אויף וואָס האָט ער אַ פריזער? ווערט קיינמאָל ניט קאַליע. דריי גאַלאָן מילך אַ וואָך גייט ביי אים אַוועק און, איר'ט זיין איבערראַשט, וויפל ער שפּאָרט יעדע וואָך אויף מילך אַליין. דער חילוק צווישן דריי גאַלאָן און צוועלף קוואָרט איז אַריבער דרייסיק דאָלאַר אַ יאָר. יעס סיר, אַריבער דרייסיק דאָלאַר אַ יאָר. אָט האָט איר אייך, אויף ברויט און מילך אַליין שפּאָרט ער איין וואָסערע פערציק־פופציק דאלאר, אַ דאָלאר אַ וואָך. היינט ווו איז פליישׁ, גרינס, פרוכט, אַנדערע עסנוואַרג? זיין רייזל לויפט ניט יעדן טאָג אין קרעמל קויפן זאַכן. קומט שבת, נעמט ער צוויי זעקלעך, זי צוויי און מ'לאָזט זיך אַרויס אין צענטראַלן מאַרק, דאָרטן פאַרקויפט מען ביליקער ווי ווו ס'ניט איז, צי אין אַנדערע פלעצער, ווו עס איז נאָר דאָ אַ „ספּעשל", און איר'ט זיין איבערראַשט וויפל ס'שפּאָרט איין, אַמווייניקסטן

אַ דאָלאַר אַ וואָך, שוין אַרונטעררעכענענדיק דאָס פּאָר געלט. עס נעמט צייט? אודאי נעמט עס צייט, אָבער וואָס טוען *זיי* אויף מיט זייער צייט, די וואָס גייען ניט זוכן וווּ ס'איז ביליקער? אַרבעטן זיי אין דער צייט און פֿאַרדינען מער ווי זיי וואָלטן איינגעשפּאָרט? הויבט זיך ניט אָן. און מ'זאָל אויסרעכענען וויפֿל צייט זיי גיבן אַוועק יעדן טאָג אויף גיין איינקויפֿן נעמט עס זיי לייַנגער ווי אים. ער, אַז ער גיט אויס צוויי שעה צייט אויף איינקויפֿן שפּאָרט ער איין אַ דאָלאַר, און איינשפּאָרן, דאָס איז די הויפּט זאַך. עס איז ניט אַזוי וויפֿל דו ברייגסט *אַריין* אַ וואָך, נאָר וויפֿל דו ברייגסט *איין*, שפּאָרסט אָפּ. די מערסטע מענטשן זייַנען אָבער גרויסע בריות אויף אויסברייגען, ניט אויף איינברייגען. אויף אויסברייגען איז ער אַ מאַדים! ער וואַרפֿט פּשוט אַרויס געלט. יאָ, יאָ, מ'נעמט און מ'וואַרפֿט אַרויס געלט. נעמט אַזאַ זאַך ווי אַ צייטונג. ווער קויפֿט עס ניט קיין צייטונג? ער קויפֿט אויך יעדן טאָג אַ צייטונג, מ'איז דאָך אַ מענטש, מ'לעבט דאָך, ווי זאָגט מען עס, אין אַ ציוויליזירטער וועלט. די נייַס קען ער אַפֿילו קריגן דורך דער ראַדיאָ, אָבער די אַרטיקלען, הייַנט די „פּאָניס”. ער מוז יעדן טאָג זען „דזשיגסן”, און די רעטעניש. נעמט ער אַ צייטונג. אָבער ערשטנס, קויפֿט ער זי ניט אין גאַס, ער קריגט די צייטונג אין דערהיים. אי עס קאָסט אים ביליקער, אי ער האָט זי בייַ דער טיר גלייַך אינדערפֿרי, קוקט זי איבער ביים אָנבייַסן און אין אָוונט לייענט ער זי איבער ווי עס דאַרף צו זייַן. נישט געפֿערלעך, דורכן טאָג פּאַסירט גאָרניט אַזעלכע וויכטיקע נייַס זי זאָל אויף דער נאַכט שוין זייַן אַלט געבאַקן. נו יאָ, אודאי, דאָ מענטשן וואָס קויפֿן צוויי, דרייַ צייטונגען אַ טאָג, גיבן אַ קוק אויפֿן גרויסן קאָפּ, טוען אַ לייען איבער די סענסאַציע און לאָזן זי איבער אין טראַם, צי ווו. ניט לייזער. ער, אַז ער לייענט אויס די צייטונג, לייגט ער זי צוזאַמען, באַהאַלט זי, און יעדן חודש פֿאַרקויפֿט ער פּופּצן, צוואַנציק פֿונט פּאַפּיר. איז אַ סענט אַ פֿונט, אָבער אַ סענט גייט אויך ניט צופּוס. אדרבה, זאָלן זיי אַרומגיין צוויי שעה אין גאַס, וועלן זיי געפֿינען אין פּעני? זיי'לן צערייסן די שיך, דאָס אַלעס. דער וואָס גיט ניט אַכטונג אויפֿן סענט בלייבט מיט ליידיקע הענט. אויף דער פּעני דאַרף מען אַכטונג געבן. פֿון אַ פּעני און אַ פּעני ווערט אַ פֿולע זשמעניע.

לייזער קרופּניק גיט אַכטונג אויף דער פּעני, און ביז איצט האָט ער שוין אָפּגעשפּאָרט...

די גענויע סומע וויפֿל ער פֿאַרמאָגט איז אַזאַ סוד, אַז זיך אַליין זאָגט

ער אים ניט אויס. ער ווייסט, נאָר ציילן דאַרף מען ניט... פונדעסטוועגן, יעדן האַלבן יאָר, ווען אין באַנק דאָרטן שרייבט מען אַריין אין זיין ביכעלע דעם פּראָצענט, זעצט ער זיך אַנידער איבעררעכענען. ניט ווייל ער גלויבט ניט דער באַנק. די באַנק מאַכט ניט קיין טעות. אַ באַנק, דער עיקר זיין באַנק, איינע פון די גרעסטע אין לאַנד, אין דער וועלט, איז ראַיעל, אָבער איבעררעכענען שאַדט ניט. איז ווען רייזל גייט ערגעץ אַוועק, זעצט ער זיך אַנידער און רעכנט אויס דעם באַלאַנס אין באַנק. דער חשבון שטימט, פאַרשטייט זיך, און מיט דער באַנק איז ער דערווייליע פּטור. די באַנק איז אָבער ניט דער איינציקער פּלאַץ וואו זיין געלט ליגט. חוץ דעם מזומן געלט האָט ער דאָך נאָך באָנדס. געמוזט קויפן. אַז די רעגירונג זאָגט און די קאָמפּאַניע הייסט, איז דאָך ניט שייך. און אויף די באנדס וואַקסט דאָך אויך פּראָצענט, אַ גרעסערער פּראָצענט ווי די באַנק גיט. איצטער אָ, ביי היינטיקן טאָג האָבן די באָנדס די ווערט...

ער קוקט נאָך דעם רובריק, פאַרצייכנט געננוי וויפל יעדער באָנד האָט די ווערט היינט, וויפל ס'איז נאָך דאָ ביז די צען יאָר, ווען די באָנדס ווערן פעליק, לייגט זיי צוזאַמען, גלייכט זיי אויס, פּרעסט זיי צו, זיי זאָלן חלילה ניט צעקנייטשט ווערן און לייגט זיי אַוועק דערווייל אויפן טיש לעבן באַנק ביכל. ער דאַרף נאָך אויסרעכענען ג ע נ ו י וויפל ער האָט נאָך צו צאָלן אויף זיין שטיבל, וויפל אויפן קרן, וויפל פּראָצענט, און וויפל, אַן ערך, עס האָט די ווערט.

געווען אַ גוטע קניה דאָס שטיבל. זיבן און פערציק הונדערט האָט ער באַצאָלט, איצט, נאָך קנאַפּע אַכט יאָר וווינען, קען ער פאַר דעם קריגן אפשר זעקס טויזנט. יאָ, עס איז געווען אַ גוטע קניה אַפילו לויט דעמלט־דיקע פּרייזן. די צרה איז נאָר וואָס ער האָט עס געמוזט קויפן מיט אַ „מאָרטגעדזש". געדאַרפט געווען קויפן פאַר מזומן. וויפל ער האָט שוין אָפּגעצאָלט פּראָצענט!

ער נעמט דאָס ביכעלע פון דער באַנק, טאַקע פון זיין באַנק, נאָר אַן אַנדער ביכעלע, וווּ עס איז פאַרשריבן געננוי צו דער פּעני וויפל ער צאָלט יעדן חודש אויפן קרן און פּראָצענט, רעכנט צוזאַמען דעם פּראָ־צענט — צום וויפלטן מאָל — און אים טוט ממש אַ צי ביים האַרצן: ווי, ווי, וויפל פּראָצענט ער האָט שוין אָפּגעצאָלט! היינט פּראָצענט אויף פּראָצענט! ווען ער קויפט עס אָבער פאַר מזומן! ער וואָלט דאָך שוין איצטער געהאַט...

פּאַרפּאַלן. ניט געהאַט די זיבן און פערציק הונדערט דאלאַר. ער האָט נאָך באַדאַרפט צולייגן עטלעכע הונדערט דאלאַר אויף דער איינ־צאָלונג און, איין גאָט ווייסט, דאָס איז אים אָנגעקומען ניט אַזוי גרינג. פריינט, באַקאַנטע, פאַרמעגלעכע, רייכע, דער דאלאַר איז ביי זיי אַ ממזר, אָבער אַז עס קומט צום לייען יענעם אַ פאָר דאלאַר איז קיינער ניטאָ אין דערהיים, אַ מאַרטגעדזש האָט ער גענומען, כמעט אַלע קויפן הייזער מיט מאָרטגעדזשעס, ער האָט אָבער געמאַכט אַ טעות, געדאַרפט געוועזן אַריינשרייבן: דעם און דעם דאַטום אָדער פריער, צאָלן פינף און צוואַנציק דאלאַר אַ חודש, אָדער מער. אָט די צוויי „אָדרס" האָט ער פאַרפעלט אַריינשרייבן. ניט געוווּסט. געוועזן גרין. און אַז מ'שרייבט עס ניט אַריין איז פאַרפאַלן. ער האָט שוין אַ רעד געטון מיטן וויים פּרעזידענט פון באַנק: אַזוי און אַזוי, ער וויל אָפּצאָלן דעם מאַרטגעדזש. האָט יענער אַ קוק געטון אין די פּאַפּירן און — ניין. דאָס קען ניט געטון ווערן, עס זאָגט זיך ניט „אָדער פריער", און אָן דעם קענען מיר דאָס געלט ניט נעמען. פאַרשטייט איר מיך, געלט דאַרף פאַרדינען געלט, וואָס ביי אייך מיינט געלט איז ביי אונז סחורה, געלט איז אונזער סחורה, און ווער וויל זיך עס אָנשטאָפּן מיט סחורה? מיר האָבן גענוג געלט, צופיל... פאַרשטייט זיך, אויב איר ווילט דוקא אָפּצאָלן, קענען מיר עס דורכפירן פאַר אייך, אָבער איר'ט מוזן צאָלן אַ באָנוס.

הער אַ מעשה! פאַר אָפּצאָלן אַ חוב נאָך פריער ווי ער איז פעליק דאַרף מען זיי נאָך צוצאָלן! רויבער! פשוטע רויבער! צוריקשמועסנדיק, זיינען זיי דאָך גערעכט. פעלט זיי געלט, פעלט זיי? מי־לי־אָ־נען דאלארס! זיין געלט, טויזנטער אַנדערע מענטשן, זיי צאָלן איינס פּראָצענט און נעמען נעמען זיי פינף, זעקס פּראָצענט, וויפל עס לאָזט זיך. אָט האָבן זיי שוין ביי אים אַליין צוגענומען קנאַפּע אַכט הונדערט דאלאַר פּראָצענט. אַכט הונדערט דאלאַר! פאַרפאַלן, פאַרענדיקט ער מיט אַ זיפץ, באַטראַכטנדיק נאָך אַמאָל די סומע פּראָצענט. ער טרייסט זיך אָבער וואָס יעדן חודש ווערט דער פּראָצענט קלענער, איז מיט זיבן סענט בלויז, אָבער קלענער, און אין ניין און צוואַנציק חדשים אַרום... יאָ, נאָך ניין און צוואַנציק חדשים, וועט ער האָבן דעם פאַרך אָפּגערייניקט, די הויז וועט זיין ריין, קיינע צאָלונגען, ניט קיין פּראָצענט, ניט קיין קרן, די איינציקע צאָלונג — שטייער. די שטייערן זיינען גאַנץ הויך, און וואָס אַ יאָר ווערן זיי העכער. די גנבים ווייסן גאָרניט פון קיין גענוג. דאָס איז טורמעס, דאָס איז שולן, צי ביבליאָטעקן. ווער דאַרף עס, ווער?

דאָ געגנוג! ביי די קומענדיקע וואַלן וועט ער שטימען פאַר... דער קאונסילמאַן מק׳גיני וועט זיין שטימע נ י ט קריגן. ניט לייזערס.

ביי דער פּאָליטיק פאַרהאַלט זיך לייזער ניט לאַנג. ער קוקט אַריין אין נאָך אַ „פּאַפּיר״, זיין „אינשורנס פּאָליסי״. ווען ער האָט זי אַרויס־גענומען האָט ער זיך געישובט: אויף צוואַנציק יאָר, צי אויף אַ לעבן לאַנג? צוואַנציק יאָר האָט אויך אויסגעזען אַ לעבן לאַנג. דער אַגענט האָט אים צוגערעדט צו דער צוואַנציק יאָריקער, אָבער מאַלע וואָס אַן אַגענט רעדט צו, דאָך זיין פּרנסה, מסתמא מאַכט ער מער ביי דער פּאָליסי, אַ וועלט פון שווינדלער, כאָטש ז י י ן אַגענט איז, קענטיק, ניט פון די גרויסע שווינדלער, זיך נאָכגעפרעגט, פאַרגליכן און ס׳האָט זיך אַרויס־געוויזן אַז די צוואַנציק יאָריקע איז בעסער. דאָ האָט ער ניט געמאַכט קיין טעות, ניין, עס איז אַ גוטע פּאָליסי, איצטער שוין ניט מער ווי עלף יאָר. נאָך עלף יאָר...

צום וויפלטן מאָל פרוווט ער אַריינקוקן אין דער פּאָליסי, זי איבער־לייענען, אָבער יעדעס מאָל כאַפּט ער זיך אַז עס איז ניט פאַר זיין קאָפּ, פאַרשטיין אַ אינשורנס פּאָליסי דאַרף מען זיין אַ „פילאַדעלפיער לויער״. און וואָס איז דאָ צו לייענען? דער עיקר איז — ניט אויפגעבן, צאָלן אין צייט, ווייל צאָלט מען ניט, איז רעכט אַז די גנבים זאָלן צו־נעמען אַלץ. זיי וואַרטן דאַרויף. ניט לייזער! שמייכלט ער. ער צאָלט פּינקטלעך, וועט צאָלן, און אין עלף יאָר אַרום...

ער לייגט צו די פּאָליסי צו די אַנדערע פּאַפּירן, האַלט די האַנט אויף זיי. דאָס אַלץ איז זיינס. פּאַפּירן. פּאַפּיר. אָבער, מוני זשמעניע (מה אָנו ומה חיינו), וואָס פאַר אַ ווערט האָט דער מענטש אָן די פּאַפּירן? ניט אומזיסט רופט מען זיי „ווערט פּאַפּירן״. ווען מ׳זאָגט אַ מענטש האָט די ווערט אַזוי פיל און אַזוי פיל, מיינט מען, אייגנטלעך, טאַקע אָט די פּאַפּירן. אַפילו אַ הויז, זיין הויז אַ שטייגער, טאַקע זיינע, בתנאי ער האָט אַ פּאַפּיר דאַרויף. ער קען זי האָבן אויסגעצאָלט ביז דער לעצטער פּעני, קוים האָט ער ניט דעם פּאַפּיר, דעם „דיד״, איז די הויז ניט זיינע. יאָ, די פּאַפּירן... ווען חלילה, חלילה...

ער וואָלט אפשר באַדאַרפט נעמען אַ קעסטל אין באַנק, האַלטן די פּאַפּירן דאָרטן, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, דאָרטן איז זיכערער, אָבער גיי צאָל זיי זעקס דאָלאַר אַ יאָר. זעקס דאלאר אַ יאָר פאַר אַ פּיצל קעסטל! נו יאָ, אויסבויען אַזאַ פייער קאַסע קאָסט אַ היפּשע פּאַר סענט, לויטער שטאָל, די ווענט זיינען אפשר דריי פוס די דיק, זיי באַוואָרענען זיך, אָבער צי

זעקס דאלאר אַ יאָר? האָבן אַמוויינִיקסטן אַ טויזנט קעסטלעך. זעקס טויזנט דאלאר אַ יאָר פון קעסטלעך אַליין. יאָ, זיי מאַכן געלט פון אַלץ. נו, ער איז ניט קיין באַנקיר, קיין קעסטלעך צו פאַרדינגען האָט ער ניט, ער׳ט אָבער ניט דינגען קיין קעסטל אויך, פאַר אים איז גענוג די קאַסע. און קליין־קרעזוס לייזער פאַרזיכטיק צוזאַמען די פּאַפּירן, באַהאַלט זיי אין זיין שופלאָד צו וועלכן נאָר ער האָט דאָס שליסעלע, און איידער ער פאַרשליסט דעם שופלאָד טוט ער נאָך אַ קוק אין ווינקל, ווו ער האָט אַוועקגעלייגט די פּאַפּירן — ליגט, ליגט! ליגט און וואַקסט, איר׳ט אויסוואַקסן...

פאַרשלאָסן דעם שופלאָד, זעצט ער זיך אַוועק אין געבעטן שטול נאָכטראַכטן אַ ביסל... לייזער קרופּניק זעט פאַר זיך אַ לאַנגן, לאַנגן וועג. דער וועג, אַ ברייטער, אַ געפּלאַסטערטער, ציט זיך און ציט זיך, ערגעץ ווייט אַוועק פאַרשמעלערט ער זיך, אַזוי שמאָל, ממש אַ קליין, צום שפּיץ דערגייט אָבער ניט זיין אויג. ער האָט נאָך לאַנג צו גיין... דרייצן יאָר דאַרף ער נאָך אַרבעטן..

און ווי, חלילה־חלילה, אַז ער פאַרלירט די שטעלע? אַז די וועסטערן מאַטאָרס..

די וועסטערן מאָטאָרס איז טאַקע ניט געשאַפן געוואָרן בששת ימי בראשית, זי עקזיסטירט ערשט אַכט און זעכציק יאָר, אָבער זי וועט עקזיסטירן... אייביק. „אַ געשעפט וואָס וועט קיינמאָל ניט זיין פאַר־ענדיקט״, דאָס איז זייער מאָטאָ. קיינמאָל ניט פאַרענדיקט. און ער? פאַרוואָס זאָל ער פאַרלירן די שטעלע? ער אַרבעט געטריי, און אַז מע אַרבעט אָפּ זיבעצן יאָר, נעמט מען ניט, אַזוי מיר ניט דיר ניט, און מ׳זאָגט אָפּ אַ מענטשן, ניט די וועסטערן מאָטאָרס! ניט אים! נאָר וואָס דען? טאָמער ווערט מען חלילה קראַנק? נו יאָ, מ׳איז ניט מער ווי אַ מענטש, אַט האָט ער פאַריאָרן זיך צוגעקילט, געליגן אַ פּאָר טעג, אָבער דאָס איז גאָרניט. אַ מענטש, אַז ער לעבט נאָרמאַל, עסט אין צייט, שלאָפט אין צייט, טרינקט ניט, רויכערט ניט, טוט ניט דאָרטן איך ווייס וואָס, פאַר־וואָס זאָל ער קראַנק זיין? די מערידן דערגייען אים אַ ביסל די יאָרן. באַדאַרפט אפשר עפּעס טון דערצו, אַ פרעג טון אַ דאָקטאָר, אָבער גיי הויב זיך אָן מיט זיי, אַלץ וואָס זיי ליגט אין זינען איז צאַפּן געלט. רייזל האָט גענומען גיין צו אַ דאָקטאָר, ווייבערישע זאַכן... איז גאָר קיין שיעור און קיין סוף ניטאָ. ניין, ער׳ט צו קיין דאָקטאָר ניט גיין, אפשר אַ פרעג טון דעם אַפּטייקער, ער קען עפּעס געבן דערצו. אַ הייסע באַד

העלפט אַ ביסל. זאָרגן זיך וועגן דעם איז ניטאָ וואָס, פון מערידן איז נאָך קיינער נישט געשטאָרבן. ניין, וועגן דעם דאַרף ער זיך ניט זאָרגן.

זיצנדיק, פאַרקוקט ער אין שפיגל. ער דערזעט דאָס „פּרעסטל אויפן דאַך״, די גרוי ווערנדיקע האָר, ער פילט אָבער ניט ווינטערדיק, אדרבא, אָט די גרויקייט, דער עיקר ביי די שלייפן, גיט אים צו חשיבות... מר. סטודעוואַנס פּיאות זיינען אויך גרוי, ווייס... און עס פּאַסט אים צום פּנים...

דער פּנים אין שפיגל — אַ פּנים פון אַ מענטשן וואָס איז געקומען בעטן אַ שטעלע און לייזער דאַרף אים עקזאַמענירן, מיט די אויגן בלויז. דער שטערן, אַ פיינער שטערן, ניט צו נידעריק און ניט צו הויך, ער האָסט אַ פּליך, די האָר, אַפילו שיטערלעך, אָבער געזנוג, און וויידּ, גע־וועלבט, דאַרף ניט קיין טאַניקס, שאַמפּוס... פּונקט גוט. די אויגן — ערנסטע אויגן, און דער מויל, ברייטלעך, דערפאַר דער קין אויך אַ בריי־טער, אַ קין פון אַן אַנטשלאָסענעם מענטשן, ניט קיין שמאָל קינעלע פון עפּעס אַ ווילנלאָזער בריאה. דער נאָז אויך, אַ גלייכער, אַ שאַרפער, אינמיטן אַ בערגעלע, ניין, ניט קיין בערגעלע, אַ קניפּיקל בלויז, דער ייד ליגט אים ניט אויסגעצויגן אויפן נאָז. די באַקן? וואָלט ניט געשאַדט אַ ביסל מער קאָליר. דאַרף זיין מער אין דרויסן. זונטיק וועט ער גיין אין פּאַרק, אויף דער פרישער לופט . . . יאָ . . .

דער פּנים אין שפיגל האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, לייזער קוקט שוין מער ניט אין שפּיגל, זיינע אויגן זיינען געריכט ערגעץ ווייט אַוועק. יאָ, ער האָט נאָך אַ לאַנגן וועג. אין דרייצן יאָר אַרום, אים וועט דאַן ווערן פינף און זעכציק. ער וועט זיך קענען צוריקציען פון דער אַרבעט, כאָטש צי ער וועט עס טון ווייסט ער ניט. וואָס׳ט ער טון? זיך זעצן שרייבן ספרים? אפשר, ווען עס זאָלן זיין קינדער, אייניקלעך... און אפשר בעסער אַזוי: דעם נחת וואָס מ׳האָט פון היינטיקע קינדער? אַזוי, איז „דיד דאָ באבע״, ער פינף און זעכציק, רייזל איין און זעכציק, אַזוי זאָגט זי, מילא, נאַרט זי אים אין אַ יאָר, צוויי, סיי ווי, פּענסיע וועט ער קריגן, אַ פּאָר דאלאר אין באַנק וועט זיין, זיינע, אירע, אפשר וועט ער גאָר נעמען און אַ פּאָר טון ערגעץ, צופאָרן קיין יוראָפּ אַ קוק טון, אפשר גאָר זיך אַראָפּכאַפּן קיין פּאַלעסטיין... דאָס וועט קאָסטן געלט, אַ היפּשע פּאָר סענט, אָבער, ווי זאָגט מען עס, איין מאָל לעבט מען. מ׳עט שוין זען. דערווייל... ווו איז זי דאָס אַזוי לאַנג? זיך פאַרגעסן! אַזוי שפּעט נאָך ניטאָ. פרייטיק צונאַכטס... ווען זי גייט אָבער אין אַ מוווי...

איין מאָל אין וואָך גייט לייזער מיט זיין ווייב אין אַ מווי. אַמאָל איז דאָס פרייטיק, אַמאָל זונטיק. רייזל האָט ליב גיין זונטיק, לייזער, ווידער, האָט דווקא ליב פרייטיק. פרייטיק איז עפּעס שבתדיק. פרייטיק קאָכט רייזל הון, מ׳עסט אָפּ די שבתדיקע וועטשערע, מ׳גייט אַוועק אין אַ מווי, זעט מען זיך מיט מענטשן, אַ „נאָכבאַרשאַפט״ טעאַטער, היינט די אַקטיאָרן, די אַקטריסעס. ווו נעמען זיי אַזוינע? דער עיקר די פּרויען, איינס און איינס! לעבן ניט לאַנג, אויף דער בינע, הייסט עס. אָט איז געווען אַ קלאַראַ באָו. איז דאָס געווען אַ מויד! אַ בראַנד! און די זשינזשער ראַזשערס... פאַרשווונדן. איצט איז זיין אַקטריסע דזשאַאן קראַופאָרד. זי וואָלט ער געגאַנגען זען יעדן אָוונט... מ׳ניין, זי איז ניט אַזאַ שיינע, נאָר אַז ער קוקט אויף איר נאָז, אויף אירע ליפּן, איר מויל, נעמט אים אַזש אָן אַ חשק... ער האָט זי געזען אין... קענטיק די אמתע בחורטע... כאָטש צו טהעדאַ באַראַ קומט זי ניט. אַי, די טהעדאַ באַראַ! יענע, אַז זי האָט אַ פּיר געטון מיט די אויגן, האָט אַ קער געטון דעם קערפּער... דאָס איז געווען אַ שטוקע! יאַ, טהעדאַ באַראַ...

ווו זיצט זי דאָס אַזוי שפּעט? שוין באַלד צען...

עס איז געווען פרייטיק צונאַכטס, און לייזער קרופּניק האָט געוואַרט אויף טהעדאַ באַראַן, אויף זיין רייזלען...

(2)

אין חדר האָט לייזער קרופּניק געלערנט אַז די וועלט שטייט אויף דריי זאַכן: על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים.

דאָס איז געווען מיט יאָרן צוריק, ערגעץ אין אַ שטעטל מיטן נאָמען טשודנאָוו, אין וואָלינער גובערניע. קיין גוואַלדיקער לערנער איז לייזער ניט געווען, אָבער וואָס ער האָט געלערנט אין חדר האָט ער ניט אינגאַנצן פאַרגעסן. אין „חדר פון לעבן״, ווו ער איז געגאַנגען שפּעטער, האָט נאָך געהאַלטן אין גיין, האָט לייזער קרופּניק אויסגעלערנט אַנדערע דריי זאַכן, וואָס, אויף אַ געמיש פון דער חדר און לעבנס שפּראַך, עפּעס אַ מין לינגוואַ פראַנקאַ, איז אַרויסגעקומען: נילי-מילי, דאָס האָט געמיינט אם אין אני לי מי לי, אויב איך וועל ניט טון פאַר זיך, ווער וועט טון? שלי-סעלע און שליסל-לאָך, וואָס האָט געמיינט — שלי שלי, שלך שלך, מיינס איז מיינס און דיינס איז דיינס; און שמאָרלי-שמאָרלאָך, — שמור לי ואשמור לך, דאָס הייסט — טשעפּע מיך ניט, וועל איך דיך ניט טשעפּען.

לייזער קרופּניק איז געווען אַ מענטש פאַר זיך. ער האָט זיך געהאַט זיין שטעלע, זיין הויז, זיין ווייב, זיין באַנק ביכל, און ניט ער האָט זיך געריסן אויף עמיצנס אַ שטעלע, ניט ער האָט מקנא געווען יענעם זיין הויז, ער האָט ניט באַגערט יענעמס ווייב און האָט אַפילו פאַרגינען יענעם זיין באַנק ביכל, דער עיקר אַ גרויס באַנק באַנק ביכל, פאַר אַ גרויס באַנק ביכל האָט לייזער געהאַט גרויס דרך ארץ. אַז אַ מענטש האָט געקענט „מאַכן אַ מיליאָן" איז ער נישט אַבי ווער, קומט עס אים, און אַז אַ מענטש האָט נישט אַ גראָשן ביי דער נשמה קומט עס אים אויך, איז אַ סימן אַז ער איז אַ האָלעדראַנעץ, אַ גאַרנישט, פון יענע פאַרשוינען, וואָס אַליין וויל עס גאַרנישט טון און איז רק מקנא יענעם, וויל לעבן אויף יענעמס חשבון „די וועלט קומט אים חיונה". פון אָט די טויגענישטן דאַרף מען זיך היטן ווי פאַר פייער. אָבער היט זיך היינט, היט זיך מאָרגן, אינגאַנצן זיך אויסהיטן קען מען נישט. פון אַ שרפה קען מען זיך נאָך אויסהיטן, אָבער ווער קאָן זיך עס אויסהיטן פון מענטשן? אוממעגלעך.

אָט ער, לייזער, דוכט זיך אַ מענטש פאַר זיך, קער זיך מיט קיינעם ניט אָן, קיינער קער זיך ניט אָן מיט אים, און דאָך...

אין פּלאַץ וווּ ער אַרבעט, ביי דער וועסטערן מאָטאָרס, אַ גרויסע קאָמפּאַניע, אַרבעטן אין דורכשניט אַ דריי טויזנט מענטשן, אָבער וואָס קער ער זיך אָן מיט זיי? ער רעכנט בלויז אויס זייער אַרבעטס צייט. דאָס איז זיין אַרבעט — אַ צייט האַלטער — און אים גייט ניט אָן ווער דער אַרבעטער איז, אַפילו זיין נאָמען קימערט אים ניט, יעדער קאַרטל האָט זיך אַ נומער. נומער 681 האָט פאַרשפּעטיקט צען מינוט, נומער 922 האָט פאַרפעלט אַ טאָג און 1267 האָט געאַרבעט צוויי שעה עקסטראַ. פאַר אים איז אַפילו גאַנץ עגאַל וויפל יעדער נומער האָט פאַרדינט, דער עיקר איז — אויסרעכענען ריכטיק, ניט מאַכן קיין טעות, און פאַרלאָזט זיך אויף לייזערן, ער רעכנט שוין אויס ריכטיק. האָט ער טאַקע מיט קיינעם ניט צו טון, חוץ מיט זיין „באָס", דעם סופּעראינטענדענט, מר. סטודעוואַן. און אַפילו מיט אים? גוט מאָרגן, גוט יאָר. שוין יאָרן אַזוי. נו יאָ, אַז די וועסטערן מאָטאָרס זאָגט צו אַזוי פיל און אַזוי פיל פאַרן „קאָמיוניטי טשעסט", צי פאַרן „רויטן קרייץ", אָדער קויפן אַזוי פיל באָנדס, און מר. סטודעוואַן קומט צו אים צו און זאָגט: מר. קרופּניק! איך האָב אייך אָוועקגעשטעלט אויפן צעטל אַזוי פיל און אַזוי פיל, ענט־פערט ער אים מיט אַ שמייכל: איר האָט אָוועקגעשטעלט איז אָוועקגע־

שטעלט, מעגט זיין זיכער אַז איר׳ט עס קריגן. אַ ברירה האָט ער? אַז די קאָמפּאַניע הייסט, מר. סטודעוואַן זאָגט, איז דאָך נישט שייך... און דאַרויף האָט ער דאָך אַ בודזשעט... יעדן יאָר, ערב קריסטמוס, גיט ער מר. סטודעוואַנען אַ קריסטמוס פּרעזענט. די ערשטע פּאָר יאָר איז דער ענין אים געווען אַ ביסל פּריקרע. ניט אַזוי דאָס געבן, די פּאָר דאלאר, ווי דאָס ברעכן זיך דעם קאָפּ — וואָס גיט מען? עס זאָל ניט קאָסטן קיין סך און עס זאָל דאָך זיין אַ פּאַסיקע מתנה, עס איז דאָך מר. סטודעוואַן! נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעלערנט. מר. סטודעוואַן רויכערט „וועבסטער" ציגאַרן. אַ קעסטל ציגאַרן איז אַן אַנגעלייגטע מתנה. קויפט ער יעדן יאָר אַ קעסטל וועבסטערס און קריגט פון מר. סטודעוואַנען אַ דאַנק און אַ קריטמוס קאַרטל. אַזוי יאָר איין יאָר אויס, שוין זיבעצן יאָר, און ער און מר. סטודעוואַן זיינען גוטע פריינט. מר. סטודעוואַן ווייסט אַז לייזער איז אַ ייד, אודאי ווייסט ער, אָבער דאָס מאַכט ניט אויס. אדרבה, קומט ערב ראש השנה און יום כיפור פרעגט מר. סטודעוואַן ביי אים ווען די יידישע יום טובים זיינען, מ׳זאָל וויסן ווען ער וועט ניט קומען צו דער אַרבעט. אודאי וואָלט געווען בעסער ווען די יידן רעכענען אויס אַז זייערע יום טובים זאָלן אויספאַלן אין אַ זונטיק, אָט ווי „איסטער סאַנדעי", וואָלט מען פאַרשפּאָרט צעדרייען אַ פּאָר טעג, אָבער, פון דער צווייטער זייט, איז קריסטמוס, דאָס קריסטלעכע ניי יאָר אויך ניט אויסגערעכנט אויף זונטיקס, אַפילו „טהענקסגיווינג" האָבן „די פּאָטערס" באַשטימט דוקא אויף אַ דאָנערשטיק. דאָס קען מען ניט העלפן. „רעליזשאַן" איז „רעליזשאַן". אמת, לייזער גייט גאָרניט אין שול אַפילו ראש השנה און יום כיפור. זי גייט יאָ צו יזכור, שופר בלאָזן. ער וואָלט אפשר אויך געגאַנגען. יזכור... ניט ווייל ער גלויבט אין דעם, נאָר גאָרניט, זאָלן זיי ניט האָבן קיין פאַראיבל אויף אים, אָבער צי אויסגעבן דאַרויף צען דאלאר? וועלן טאַטע מאַמע דאָרט זיך שוין מוזן באַגיין אָן דעם. אין שול גייט ער ניט, אָבער צו דער אַרבעט גייט ער אויך ניט, זאָל דער מר. סטודעוואַן ניט מיינען אַז ער איז אַ מענטש אָן אַ „רעליזשאָן".

יאָ, מיט מר. סטודעוואַנען קומט ער אויס זייער גוט. בלויז איין מאָל האָט ער געהאַט מיט אים אַן... אומאַנגענעמלעכקייט און אויך דאַן איז שולדיק געווען ניט מר. סטודעוואַן, און אודאי ניט ער, נאָר זיין... טשודנאָווער לאַנדסמאַן, שמואליק מאָטיע דעם גלעזערס „נדן". געווען אַ שטיף קינד ביי מאָטיע דעם גלעזער, האָט מען אים אַזוי אַ נאָמען געגעבן.

טשודנאָוו. שוין באַלד פערציק יאָר אַז ער איז אַוועק פון טשודנאָוו, ער האָט אַזוי צו טון מיט טשודנאָוו ווי מיט... טשון קינג. נו טאַקע, אַוועקגעפאָרן פון דאָרט אַ ייִנגל נאָך, האָט שוין אַפילו פאַרגעסן ווי דאָס זעט אויס, פונדעסטוועגן, מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק, גלייך נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען טאַקע דערזעלבער שמואליק האָט אים אויפ־געזוכט און אים אַריינגעשלעפּט אין דעם טשודנאָווער פאַראיין, איז ער געוואָרן אַ מיטגליד און פאַרבליבן דאָרט עד היום. ער ווייסט ניט, עפּעס פּאָרט בעסער אַז ס׳איז דאָ אַמאָל וווּהין אַריינצוגיין. אַ מענטש דאַרף ע ר ג ע ץ באַלאַנגען, יעדער איינער באַלאַנגט ערגעץ, נו אַז צו די „מייסאָנס״ ניט, צו די „עלקס״, אָדער אַנדערע אַזעלכע לאָזשעס ניט, איז צום טשודנאָווער פאַראיין.

וואָס טוט דער טשודנאָווער פאַראיין? וואָס אַלע פאַראיינען. יעדן יאָר קלייבט מען אויס אַ פּרעזידענט, וויצע פּרעזידענטן, סעקרעטאַרן, ער, לייזער, איז שוין דאָס אַכטע יאָר פינאַנץ סעקרעטאַר. זיי, די פּרעזידענטן, וויצע פּרעזידענטן, קאַמפּיינעווען דעם גאַנצן יאָר אויסגעקליבן צו ווערן, לאָזן זיך בדאַי קאָסטן אַ פאַרמעגן, ער, ניט ער קאַמפּיינעוועט, און אודאי און אודאי גיט ער ניט אויס אַ ניקל דאַרויף. עס גייט אים אין לעבן? ער קאָן זיך באַגיין אָן דעם, וואָס האָט ער דערפון? בלויז עקסטראַ אַרבעט. זיי דאַרפן אים אָבער האָבן, ביז אים האָבן זיי נאָך אַזאַ פינאַנץ סעקרע־טאַר ניט געהאַט, ביי אים שטימען די ביכער צו דער פּעני. איז ער סעקרעטאַר. קומט ער יעדן חודש צו אַ מיטינג, אַמאָל האָט מען אַ „פּאַרטי״, גיט אַ מיטגליד אויס אַ קינד, גייט מען אויף דער חתונה. דער פאַראיין גיט געוויינלעך אַ מתנה, דאָס קאָסט אַ פּאָר סענט, אָבער אַלץ טראָגט עס אויס ביליקער ווי גיין אַליין קויפן. דריי מאָל אין יאָר האָט מען אַן „אונטערנעמונג״, ווינטער — אַ באַל און אַ קאָנצערט, זומער אַ פּיקניק, און מ׳איז טעטיק... פאַרשטייט זיך, דורכן יאָר קלייבט זיך צוזאַמען, עס קאָסט עטלעכע דאָלאַר, אָבער אַרויסוואַרפן געלט, ווי די אַנדערע, דאָס ניט. ניט לייזער.

אַ מעשה מיט אַ סוווענירן. יעדעס יאָר, צום באַל אָדער צום קאָנצערט, גיט מען אַרויס אַ סוווענירן. ווען מ׳פרעגט אים, דאַרף מער אַזוי אַ סוווע־ניר ווי אַ לאָך אין קאָפּ. מאַכן רייך די דרוקער! נאָר גאָרניט, איר ווילט אַ סוווענירן, זאָל זיין אַ סוווענירן. הייבט זיך אָן אַ מעשה מיט באַגריסונגען. דעם סוווענירן דאַרף מען דאָך אויספילן. נו גוט, אַ באַ־גריסונג? זאָל זיין אַ באַגריסונג. „באַגריסונג פון לייזער און רייזל

קרופניק״. איין שורה. גענוג. ניין, ער מוז דוקא נעמען אַ פערטל זייט און באַצאָלן צען דאָלאַר. אַזוי טענהט מיט אים מר. סיימאָן, דער פאָר־זיצער פון דער סוּוועניר קאָמיטע. ער, מר. סיימאָן, נעמט אַ גאַנצע זייט, גיט דערפאַר אַ פינפאונצוואַנציקער.

טענהט ער מיט דעם מר. סיימאָן: גיב אומישנע אַ קוק, דו נעמסט אַ גאַנצע זייט, גיסט דערפאַר פינף און צוואַנציק דאָלאַר, דער דרוקער נעמט פאַר דער זייט אַכט דאָלאַר, דאָס מיינט אַז צוויי און דרייסיק פּראָ־צענט גייט אַוועק פאַרן דרוקער. איך גיב טאַקע ניט מער ווי איין דאָלאַר, אָבער מיין באַגריסונג פאַרנעמט א י י ן שורה, בעסער געזאָגט, אַ ה אַ ל ב ע שורה. פאַר דעם קריגט דער דרוקער קנאַפּע דרייצן סענט. פרעג איך דיך, דאַרף מען אַרויסוואַרפן געלט? צוויי און דרייסיק פּראָצענט! דאָס איז דאָך...

— וואָס דרייט ער מיר אַ מוח מיט פּראָצענטן? ע ר לערנט מיך פּראָצענט! דער פאַראיין קריגט אַ פינף און צוואַנציקער? דאָס אַלעס. — אַזוי קאָכט זיך דער מר. סיימאָן.

דער פאַראיין קריגט. געמעגט שווערן אַז ער טוט עס טאַקע פאַרן פאַראיין. מ׳ווייסט שוין. דער מר. סיימאָן איז גאָרניט אַזאַ צעוואָרפּענער, דאָס וויל ער זיך אויספּיינען, זיך אויסשטעלן — א י ך, מ ר. ס י י מ אָ ן! ער קאָן אים נאָך ווען ער האָט געהייסן שמעונאָוויטש. ווען ער איז דאַן געקומען צו דעם מר. שמעונאָוויטש לייען עטלעכע דאָלאַר איינצאָלן אויף דער הויז האָט ער ביי אים קוים אַרויסגעריסן אַ פופציקער, און האָט אים באַדאַרפט געבן אַ וועקסל, און זיבן פּראָצענט... קאָן שוין די צעוואָר־פּענע. וויל ווערן פּרעזידענט, וויל ער. איז מילא, ער וויל, איז, ווי זאָגט מען, אַ מכה פאַרן וועלן. צוריק גערעדט, איז דער מר. סיימאָן ניט דער ערגסטער. דאָ ערגערע פון אים. טאַקע דער שמואליק, דער „נדן״.

שמואליק דער „נדן״ איז טאַקע אַ טשודנאָווער, אָן אמתער טשוד־נאָווער. אינם טשודנאָווער פאַראיין באַלאַנגען גאָר פּולינער, זשאַבריצער, קיליקיעווער, כאָטש פרעג אים בחרם ווו קיליקיעוו שטעקט ערגעץ ווייסט ער ניט, וואָס דאַרף מען מער, דאָ אַפילו איין ליטוואַק אינם טשודנאָווער פאַראיין, זיך אַריינגעכאַפּט, נאָר טראַיאַנאָווער נעמט מען ניט אַריין, עפּעס אַ מעשה מיט אַ פּאָגראָם אַמאָל... סיי ווי, דער שמואליק איז טאַקע אַ טשודנאָווער, און ניט נאָר סתם אַ טשודנאָווער, נאָר מיט אים, מיט לייזערן, אין איין חדר געגאַנגען, צו אהרן לייב דעם מלמד.

אהרן לייב דעם מלמד געדיינקט ער זייער גוט. אים ליגט נאָך אין

טעם זיין . . . קנייפּן. אַזאַ טבע האָט ער געהאַט, שלאָגן אַ יינגל דאָס ניט, דערפאַר אָבער איז ניט געווען אַ יינגל, וואָס איז ניט געווען ברוין און בלוי פון זיין קנייפּן. שטיקער פלייש האָט ער אויסגעריסן. די יינגלעך האָבן געציטערט פאַר אים.

— ביי ווען לערנסטו?

— ביים מלאך המות.

און מ׳האָט שוין געוואוסט, דאָס איז אהרן לייב דער מלמד. דער איינציקער וואָס האָט קיין מורא ניט געהאַט פאַרן מלאך המות איז געווען שמואליק מאַטיע דעם גלעזערס, דער „נדן". ער איז געווען עלטער פון לייזערן, מיט אַ צוויי יאָר, שוין געווען אין דער עלטערער כיתה, און האָט טאַקע געהאַט אַ גוט קעפּל אויך, אים האָט אהרן לייב ניט געקנייפּט אַזוי אָפט, און אַז ער האָט אים יאָ אַ קניפּ געטון, איז אַ ריב געטון די ליטקע אָדער דעם הינטן און ווי ניט אים מיינט מען. האָבן שמואליקן פאַר אַ חבר איז געווען ניט קיין קלייניקייט, האָט אים לייזער געגעבן אַ קנעפּל, אַ „צפורן ירושלים" פען, אַמאָל אַפילו אַ קאָפּיקע, אָפּגעריסן פון חנוכה געלט, אַבי זיין חבר מיט אים.

דאָס איז געווען אַמאָל. ווען דערזעלבער שמואליק האָט מיט יאָרן שפּעטער אים אויסגעפונען דאָ, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט מיט אים, אַ קלייניקייט? אַ חבר פון חדר! צוליב אים טאַקע אַריין אין טשודנאָ־ווער פאַראיין, וואָס לענגער ער האָט אים אָבער דערקענט, אַלץ מער האָט ער זיך געווונטשן ער זאָל אים גאָר קיינמאָל ניט האָבן געקענט, געזען. נו יאָ, ער האָט געהאַט אַ גוט קעפּל, האָט נאָך איצט אויך אַ גוטן קאָפּ, וואָס קומט אָבער אַרויס פונעם גוטן קאָפּ אַז ער איז ניט גוט „צוגע־שרויפט", זיצט קרום? אַ קרומער קאָפּ. אַ מענטש איז שוין קרוב צו פערציק יאָר אין אַמעריקע, געקומען אין איין צייט מיט אים, רעדט גוט ענגליש, קען האַלטן אַ פען אין האַנט, און געבליבן שמואליק . . . נדן, מ׳רעדט שוין נישט פון געלט, אַ שטעלע אַ לייטישע, אָדער גאָר זיך אויס־לערנען עפּעס אַן אָנשטענדיקע מלאכה. אַ מענטש דאַרף דאָך לעבן, ווער שמועסט נאָך אַז מ׳האָט אַ ווייב מיט קינדער. דריי קינדער. דארויף איז ער אַ בריה, ווען עס קומט אָבער צום געבן עסן זיי, איז קיינער ניטאָ אין דערהיים. אַז אַ מענטש לעבט פון ווינט, פון גמילות חסדימלעך. ניטאָ, דוכט זיך, קיין איין מיטגליד פון פאַראיין ביי וועמען ער זאָל ניט האָבן געכאַפּט אַ גמילות חסד. און אים אַז מ׳גיט אַ פאָר דאלאר מעג מען גלייך אָוועקשטעלן צוויי „פייען" פאַר—פאַלן.

צו אים אויך געקומען נאָך אַ גמילות חסד. האָט ער אים גלייך פון אָנהויב געזאָגט: הער זשע אויס, שמואליק, ווילסט מיר זאָלן בלייבן גוטע פריינט, בעט ביי מיר ניט קיין געלט. מיט די ווערטער. האָט ער אָנגעהויבן: סטייטש, און וואָס הייסט, אויף וואָס איז מען גוטע פריינט, אויף זאָגן גוט מאָרגן און אַ „פיינער פרימאָרגן״? דאָס קען ער הערן פון זיין איירישן שכן. זיי זיינען דאָך חברים פון קינדערווייז אָן, אינאיינעם געלערנט ביי אהרן לייב מלאך המות, אַזוי פיל יאָרן . . .

האָט ער אים געזאָגט: דאָס איז אַלץ גוט און פיין, אָבער קיין געלט וועסטו ביי מיר ניט קריגן. ווי אַ גוטער פריינד זאָג איך עס דיר, פון דיין טובה וועגן — הער אויף לייען גמילות חסדימלעך. האָסט אַ ווייב, קינדער, זאָלן געזונט זיין, שוין צייט זאָלסט זיך נעמען צו עפּעס לייטישס, פ אַ ר ד י נ ע ן אויף דיין אויסקומעניש, ווי איך, ווי אַנדערע. שטעל זיך ערגעץ אַרבעטן, פאַרדין אַזוי פיל אַ וואָך און לעב אויף די פאַרדינסטן, ניט אַרומגיין, זיך יאָגן נאָך ווינטמילן.

— נו אדרבה, אפשר האָסטו פאַר מיר אַ „דזשאָב״.

ער זאָל אים געבן אַ דזשאָב. מ׳דאַרף אַ דזשאָב גייט מען און מ׳זוכט. געהערט אַ מעשה? ווי האָט ער געקראָגן זיין שטעלע? ווי קריגן אַנדערע?

— דיר איז גוט צו זאָגן, שטייסט שוין אויף דיין דזשאָב כ׳ווייס וויפל יאָר, אָבער גיי געפין אַ דזשאָב א י צ ט ע ר! די פיס בין איך זיך שוין אָפּגעגאַנגען, כ׳וואָלט בדאי געאַרבעט טאָג אַרבעט, אָבער גיי אַרבעט אַז ס׳איז ניטאָ. אדרבה, אפשר ווייסטו פון עפּעס אַ דזשאָב?

— וויסן ווייסט ער ניט, אָבער ער׳ט פּרוון. ער׳ט אַ רעד טון מיט זיין סופּעראינטענדענט, מיט מר. סטודעוואַגען.

— הערסט! טאָ וואָס זשע שווייגסטו? איכ׳ל, איכ׳ל . . .

הלואי וואָלט ער געשוויגן. הלואי וואָלט ער זיך געוועזן אָפּגעביסן דעם צונג איידער ער האָט עס אַרויסגעזאָגט, איידער ער האָט גערעדט מיט מר. סטודעוואַן. דערציילט דעם מר. סטודעוואַן אַז זיינער אַ פריינט זוכט אַרבעט, אפשר קען ער אים ערגעץ אַוועקשטעלן, האָט מר. סטודעוואַן אַ ווײַלע געשוויגן, נאָכדעם אַ קוק געטון אויף אים מיט זיין אויפזעערישן קוק פאַר וועלכן אַלע אַרבעטער ציטערן, אַ קוק וואָס נעמט דורך און דורך. לייזער האָט שוין חרטה געהאַט וואָס ער האָט גאָר דערמאָנט וועגן דעם. מר. סטודעוואַן האָט, נאָך אַלץ קוקנדיק אויף אים, אַ זאָג געטון: נו, היות דאָס איז אייערער אַ פריינט, איר רעקאָמענדירט אים, וועל איך אפשר עפּעס געפינען פאַר אים. יאָ, איך דיינק אַז איך קען אים באַשטאַטן. אין שיפּינג

רום. טעד, איך קאַנט טעדן, דער רויטער, פאַרלאָזט זיין פלאַץ, גייט צוריק אויף זיין פאַרם, טאָ זאָגט אייער פריינט ער זאָל זיך מעלדן מאָנטיק.

דאַרף מען נאָך בעסער? אים איבערגעגעבן די נייס, איז ער געווען מלא שמחה.

— אָט דאָס הייסט אַ פריינט! די טובה וועט ער אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

— טובה. וואָסער טובה? קיינע טובות. ער האָט אַ רעד געטון מיט מר. סטודעוואַן. אַ וווילער גוי. מ׳אַרבעט שוין צוזאַמען יאָרן, און פאַר אים איז ער ממש די כפרה. און פאַרגעס ניט, ער איז דער סופּעראינ־טענדענט, דער גאַנצער באַלעבאָס, קען מען זאָגן. ער, אַז ער זאָגט, איז געזאָגט. טאָ פאַרגעס ניט, מאָנטיק אַכט אינדערפרי. קום אַ ביסל פאַר אַכט. ווייסטאָך, אַ נייער מענטש . . . ביז . . .

— אודאי. אודאי!

ער איז געקומען, זיך געשטעלט אַרבעטן, איז לייזערן ממש אַרונטער אַן עול פון קאָפּ. ער איז טאַקע ניט געלעגן אויף זיינע פּלייצעס, וואָס, ער איז דאָס מי שמחויב אים אויסהאַלטן? אָבער דער שמואליק איז שוין געוואָרן אַ . . . קרעצל, ווי טון טוט עס ניט אַזוי ווי, אָבער עס בייסט, דערגייט די יאַר, ניט נאָר אים, אַלע באַקאַנטע, דער פאַראיין האָט שוין אַפילו אַ פּאָר מאָל געמאַכט „פּעקעזש פּאַרטיס". געהייסן האָט עס אַז עס גייט פאַר אַ „נאָבעלן צוועק", אָבער ווער האָט עס נישט געוווסט אַז דאָס גייט פאַר שמואליקן? איצטער — פּטור! שטיי און אַרבעט, מאַך דיינע... מסתם קריגן אַ דרייסיק דאָלאַר אַ וואָך. מ׳קען ניט פעט ווערן, אָבער זיך דורכלעבן קען מען.

אויפן צווייטן דינסטיק, מר. סטודעוואַן קומט אַריין אין אָפיס, באַגריסט זיך ווי געוויינלעך, און מיט אַמאָל טוט ער אַ זאָג: דער מר. זלאָטניק, אייער פריינט, האָט זיך ניט געוויזן, ניט נעכטן, ניט היינט, איז ער קראַנק, אָדער . . . ?

לייזערן האָט אָפּגענומען דאָס לשון. ער האָט קוים באַוויזן אַרויס־שטאַמלען: איך . . . איך . . . ווייס ווירקליך נישט, איך האָב אים ניט געזען, כאָטש זונטיק האָט ער אים יאָ געזען. האָט ער ניט טעלעפאָנירט, דערקלערט?

— ניין, ער האָט ניט טעלעפאָנירט, און עס זעט אויס אַז ער׳ט מער ניט קומען. קענטיק, ניט פון די אַרבעטנדיקע. אַנטשולדיקט וואָס איך זאָג עס אייך. ער איז אייערער אַ פריינט?

— קען אים שוין היפשע עטלעכע יאָר.

— נו, מ'קען אַ מענטשן כ'ווייס וויפל יאָר, דערקענען אַ מענטשן דערקענט מען אָבער ערשט ביי דער אַרבעט. דער מר. זלאָטניק איז ניט קיין אַרבעטער. געזען דאָס פון ערשטן קוק. ווען ניט אייער רעקאָמענ־דאַציע וואָלט איך אים גאָרניט אָוועקגעשטעלט אַרבעטן.

— טוט מיר לייד. טוט מיר זייער לייד... איר פאַרשטייט, ער איז געווען אין אַזאַ געדריקטער לאַגע, געזאָגט אַז ער איז וויליק צו טון וואָס ס'ניט איז, אַז...

— נו, מר. קרופּניק, לאָמיך אייך עפּעס זאָגן. איך רעד פון דער־פאַרונג. אַ מענטש וואָס וויל אַרבעטן, ווירקלעך אַרבעטן, יענער מענטש וועט אַליין געפינען אַרבעט, קיינער דאַרף עס פאַר אים ניט זוכן, און ווען ער קריגט אַ דזשאַב דאַרף ער נישט קיין באַשיצער, קיין יוניאָן און די אַלע אַנדערע זאַכן, ער האַלט אָן דעם דזשאַב צוליב זיינע מעלות. ווי לאַנג אַז איר זייט מיט אונז? זיבעצן יאָר. כמעט אַזוי לאַנג ווי איך גופא. זעט איר? און איר זייט אַלרייט, דער ריכטיקער מענטש אויפן ריכטיקן פּלאַץ. טאָ נעמט אָן מיין עצה—פּרוווט קיינמאָל ניט באַזאָרגן יענעם. איר'ט אָנהויבן פאַרזאָרגן אַנדערע זאָל אייך גאָט זיך מרחם זיין אויף אייך. יעדער איינער פאַר זיך. האָב איך רעכט?

— אודאי זייט איר גערעכט. מר. סטודעוואַן, עס טוט מיר ווירקליך לייד...

— ווען די מילך איז שוין אויסגעגאָסן איז ניטאָ וואָס צו וויינען. איר האָט געמיינט גוט. איז לאָמיר פאַרגעסן וועגן דעם, נאָר געדיינקט נאָכאַמאָל דאָס ניט טון.

און מר. סטודעוואַן האָט אַ קוק געטון אויף אים מיט זיין אויפזועערישן קוק.

ווען אים עפּנט זיך דאָרט אַ גרוב! מר. סטודעוואַן איז אַ פיינער מענטש, אַ זשענטלמאַן, און פאַר אים איז ער די כפרה, צו זיין שטעלע וועט עס אים ניט שאַטן, אָבער ווי נעמט מען עס און מ'פאַרשוואַרצט אַ מענטשן דאָס פּנים? און וואָס הייסט ער גייט אַוועק און זאָגט גאָרניט, לאָזט ניט וויסן, וואָס איז דאָס, הפקר פּעטרישקע? ער האָט דאָך אים זונטיק געזען, ניכאַיבי וואָלט ער אים געזאָגט. און פאַרוואָס איז ער טאַקע אַוועקגעגאַנגען?

— וואָס מיינסטו וואָס? פאַר דרייסיק שמאַליאַרעס אַ וואָך וועל איך שטיין דאָרט אין אַ שטאָל אַכט שעה אַ טאָג און האָרעווען ווי אַן אייזל,

שלעפּן פּעק ווי די גויים, די כאַמולעס דאָרט, און נאָך אויסשטיין פון זיי אַלע זייערע שטיק! ניט שמואליק! דרייסיק דאָלאַר אַ וואָך קען איך פאַרדינען שפּילנדיק.

שפּילנדיק קען ער פאַרדינען. גרויסער פאַרדינער. מילא, כאַפּט אים אַ קלאָג. אָבער פאַרוואָס האָט ער כאָטש ניט געזאָגט, דעם פאָרמאַן, דעם . . .

— וואָס דאַרף ער זאָגן? אפשר געדאַרפט געווען שיקן אַ דיפּלאָ־מאַטישע נאָטע? גאַנצע צערעמאָניעס. זיי מיט אים וואָלטן זיך אַ סך צערעמאָניעט? דאָ איז דיין „פּעי“ און גיי! אַן עסק אַ גאַנצער.

— פונדעסטוועגן, איך האָב דאָך דיך רעקאָמענדירט.

— איז וואָס, האָסטו מורא עס וועט דיר שאַדן צום שידוך? שרעק זיך ניט, אַזאַ געטרייען שקלאַף וועלן זיי אַזוי גיך ניט געפינען.

מיט דעם מענטשן איז ניטאָ וואָס צו רעדן. ער האָט מיט אים מער גאָרניט וואָס צו טון. אַפילו ווען ער ציט זיך אויס פאַר זיינע פיס. ער איז „ניט גוט“!

שמואליק האָט זיך ניט אויסגעצויגן פאַר זיינע פיס, מ׳האָט זיך געהאַלטן פון וויטן, אַ גוט מאָרגן אַ גוט יאָר, ווייל בעטן געלט איז אָפּגערעדט, נאָר איין מאָל אַ זונטיק, רייזל איז געהאַט אַוועקגעפאָרן צום ים, ער איז אַרונטערגעגאַנגען אין דרויסן כאַפּן אַ שפּאַציר, ערשט ווען טראָגט עס אָן? שמואליק! און יענער כאַפּט זיך אַרום מיט אים אָט ווי גאָרניט געווען, רעדט, דערציילט, אַ פּיסקל האָט ער אַלע מאָל געהאַט, ערשט רעדנדיק אַזוי, טוט ער זיך מיט אַ מאָל אַ שטעל אָפּ, גיט זיך אַ כאַפּ ביי דער קעשענע — פאַרגעסן! — ער האָט איבער־געטון די קליידער און פאַרגעסן דאָס געלט אין יענעם גאַרניטור. איצט חלשט ער עסן און האָט ניט אַ סענט. אפשר האָט ער ביי זיך אַ פּאָר דאָלאַר. ביז מאָרגן. מאָרגן ברענגט ער אים אָפּ.

לייזערן איז ניט געפעלן געוואָרן די געשיכטע, אָבער אַז אַ מענטש האָט פאַרגעסן, מאָרגן ברענגט ער אים אָפּ, ער איז דאָך נישט קיין קעשענע גנבֿ! אַזוי ווי אויף צו להכעיס האָט ער געהאַט ביי זיך אין קעשענע דריי פינפערלעך, הוצאות אויף דער גאַנצער וואָך, נעמט ער אַרויס אַ פינפערל, געטראַכט — צעבייטן, ערשט נאָך איידער ער האָט זיך אַ קער געטון איז שוין דאָס פינפערל געווען ביי שמואליקן אין האַנט. וואָס האָט ער געקענט טון? פאַרפאַלן.

— ווילסט אפשר אַריינגיין עסן מיט מיר?

— ניין, איך עס אין דערהיים.

— וואָס ווען סטו גיין זיך זעצן עסן אַליין? ברכה מיט די קינדער זיינען אַוועקגעפאָרן צו אירע קרובים און איך קען פשוט ניט אַריינגיין אין אַ רעסטאָראַן, זיך אַליין אַוועקזעצן ביי אַ טישל. קום, וועסט מיר „האַלטן קאָמפּאַניע״. דאָ, אין די „ליבערטי״ קריגט מען אַ גוטן מאָלצייט, און ניט טייער.

מילא, וועט ער נעמען אַ טעפּל קאַווע מיט אַ סענדוויטש.

— ווילסט הנאה האָבן, נעם זייערן אַ סטייק. ווי זיי ריכטן אים צו איז אין ערגעץ ניט צו קריגן. — ליבערטי סטייק, — האָט ער אַ זאָג געטאָן דעם קעלנער. — צוויי — האָט ער צוגעגעבן און, ניט פרעגנדיק לייזערן, גענומען באַשטעלן די שאר ירקות.

לייזער האָט אַ קוק געטון אויפן פּרייז, איז אים פינסטער געוואָרן אין די אויגן — אַ ד א ל א ר מ י ט פ י נ ף א ו ן ז י ב ע צ י ק סענט! פאַר אַ דאלאר פינף און זיבעציק קען ער עסן ביי זיך אין דערהיים דריי, פיר מאָל. אוי, דער שמואליק! נאָר מילא, אַריינגעפאַלן. פאַרפאַלן. עס קומט צום באַצאָלן, ערשט שמואליק רייסט זיך — ער צאָלט! דאָס האָט אים שוין גאָר פאַרשמעליעט. הער אַ מעשה! לייט ביי אים אַ פינפערל און וויל אים טראַקטירן! דאָס וועט ניט גיין. שמואליק וויל גאָרניט הערן. ער איז גאָר באַליידיקט. ווער וועמען האָט געתופן? ע ר האָט גערופן! צאָלט ער. אַ צווייטן מאָל . . .

מאָלט׳יך קיין צווייטן מאָל וועט שוין ניט זיין, האָט לייזער באַשלאָסן. מער ניט! שמואליק האָט נאָך איבערגעלאָזט דעם קעלנער עס־געלט און, אַרויסגייענדיק פון רעסטאָראַן, אַ פרעג געטון: וואָס דיינקסטו עפּעס מכח אַריינגיין אין אַ מוווי? אין די ריוואָלי שפּילט זיך אַ פיין בילד.

לייזער האָט געדיינקט אַז אפשר — רייזל איז ניטאָ — וועט ער דעם אָוונט גיין אין אַ מוווי, כאָטש ס׳איז זונטיק, ניט פרייטיק, נאָר דערהערנדיק שמואליקס איינלאַדונג, האָט ער אויף גיך אַ זאָג געטון: ניין, איך דאַרף גיין אַהיים, האָב נאָך עפּעס צו טון. מער פעלט אים ניט, שמואליק זאָל נאָך אויסגעבן דאָס רעשט געלט אויף אַ מוווי פאַר זייביידן. דער שמואליק, ער איז . . . נ י ט ג ו ט . . . און, אויב ער ברייננגט מאָרגן ניט דאָס פינפערל, האָט ער מיט אים גאָרניט וואָס צו טון, וויל ער אים ניט קענען און ניט וויסן.

מאָרגן, איבערמאָרגן, איבעראַכטאָג, איבער צוויי וואָכן, שמואליק האָט דאָס פינפערל ניט געבראַכט. באַגעגנט אים ביים מיטינג פון די

טשודנאָוועד, איז ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל קיין פינפּערל ניט גענומען. פאַרגעסן גאָר. לייזער האָט ניט פאַרגעסן. האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך — געקאָסט אַ פינפּערל? פאַרפאַלן, עס וועט אָבער צונוץ קומען, מער וועט ער ביי אים אַ סענט ניט קריגן. אַ סענט ניט! אַפילו ווען . . .

שמואליק האָט ביי אים געקראָגן נאָך אַ פינפּערל.

געקומען איז ער נאָך אַ פּופציקער. ניט סתם נעמען געלט, ער דאַרף אַן הלואה אויף געשעפט. אַ טייער געשעפט! אויטאָמאָביל פּוצעכץ. נו יאָ, פעלט ניט פון דער סחורה, אָבער דאָס איז דאָס בעסטע וואָס איז דאָ אויפן מאַרק, און דער סוחר וואָס האָט די אַגענטור, אַ פיינער מאַן, וויל, ווי זאָגט מען עס, שפּילן באַל מיט אים. אַ פּושקע פון דעם פּוצעכץ פאַרקויפט זיך לאחדים פופציק סענט, אים גיט ער עס פאַר פינף און צוואַנציק. ניט קיין שלעכטער פּראָצענט, האַ? ער מוז אָבער נעמען הונדערט פּושקעס אויף אַ מאָל. דאָס איז שוין גאָרניט קיין סך. וואָס מיינט ער, ער'ט גיין פּעדלען מיט דעם פון טיר צו טיר? ניט שמואליק. ער האָט געקראָגן אַ פּלאַץ אויף אַ „פּאַרקינג לאָט", אַ ריזיקער פּלאַץ, יעדן טאָג פאָרן דאָרט אַריין אַ צוויי־דריי הונדערט אויטאָמאָבילן, פון זיי אַליין, אויב ער זאָל קריגן אַפילו ניט מער ווי צוואַנציק פּראָצענט, מיינט עס אַ דורכשניט פון פופציק אַ טאָג. היינט ווו זיינען פאַרבייגייער? טויזנטער מענטשן גייען פאַרביי. ער האָט שוין געזען אַן אַלטע „זשי־ליאַפּע" אויף וועלכער ער וועט דעמאָנסטרירן. פינף און צוואַנציק דאָלאַר, דאָס אַלעס וואָס מ'בעט פאַר איר. און די רענט איז זייער ביליק, הונדערט דאָלאַר אַ חודש. ער'ט פאַרקויפן הונדערט פּושקעס אַ טאָג, גייט אַוועק פיר דאָלאַר רענט, נאָך אַ דאָלאַר אויף קלייניקייטן, בלייבט אים ריינער ריוח צוואַנציק דאָלאַר, הונדערט און צוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך. ניט שלעכט, וואָס?

— המ'יאַ, די שטעל איז גאַנץ טשעפּקע, נאָר דאָס געבעקס איז לעפּקע.

— וואָס מיינסטו?

— כ'מיין, פאַרנעמסט זיך גאַנץ גרויס, נאָר צי וועט עפּעס דערפון אַרויס . . .

— ווי מ'נעמט זיך פאַר אַזוי העלפט גאָט. נייִן, גיין פּעדלען מיט אַ ביסל שמירעכץ? דאָ איז אַ געשעפט. און אַ גוט געשעפט. איך זאָל עס נאָר דורכפירן. איז אַזוי, אַ הונדערטער האָב איך, און אַ פופציקער וועסטו מיר געבן.

— ניט מער און ניט ווינציקער.

— אַז סיימאָן גיט אַ פּופּציקער, לאָפּידוס אַ פּופּציקער, מעגסטו אויך געבן.

— סיימאָן האָט דיר געגעבן אַ פּופּציקער?

— געגעבן. דערווייל האָט ער נאָך ניט געגעבן. ער האָט מיר אָבער צוגעזאָגט, אַז דו׳סט געבן אַ פּופּציקער, גיט ער אויך.

— אָה! ניט קיין נאַר, דער סיימאָן.

— וואָס זשע?

— ווייל איכ׳ל דיר אַזוי געבן אַ פּופּציקער ווי דאָ וועט וואַקסן האָר, — האָט לייזער געוויזן אויף זיין דלאָניע. — איך אַרבעט אויף מיין געלט.

— און ווער אַרבעט ניט?

— דאָ מענטשן וואָס האַלטן ניט פון אַרבעטן. אַרבעטן, זאָגן זיי, זאָלן גויים, זיי׳לן מאַכן אַ לעבן שפּילנדיק.

זאָל ער וויסן, דער טויגעניכשט, דער האָלעדראַנבעץ, דער פּויליאַק.

דער „פּויליאַק" האָט גאַנץ גוט באַנומען אַז דאָס טרינקט לייזער לחיים צו אים, ער איז אָבער ניט נתפּעל געוואָרן.

— אויב דו דיינקסט אַז פּאַרקויפן הונדערט פּושקעס פּאָליש אַ טאָג איז אַ שפּילעכל מאַכסטו אויך אַ טעות. מ׳דאַרף זיך אויסריידן די גאַל, דאַרף מען, איך בין אָבער וויליק דאָס צו טון, אויב דו וועסט מיר אַרויס־העלפן. און דו דאַרפסט מיר העלפן.

הייסט עס, שמואליק טוט אים נאָך אַ טובה, און פאַר דער טובה דאַרף ער אים באַצאָלן מיט אַ פּופּציקער. אַ פייג! — און פאַרוואָס ד אַ ר ף איך עס אַזוי?

—פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל ווען איך האָב דיין געלט און דו קומסט צו מיר וואָלט איך ניט גערעדט קיין צוויי ווערטער און געגעבן.

— נו יאָ, דו, ווען דו ביסט אַ גביר, וואָלסטו שוין לאַנג געווען אַ קבצן, וואָלסט געגומען דיין גאַנצעס געלט און עס צעטיילט צווישן דיינע פריינט. מיר וויסן שוין, קבצנים זיינען ותרנים — אויף יענעם.

— קבצנים זיינען ותרנים און גבירים זיינען חזירים.

— איך בין נישט קיין גביר.

— קיין גביר ביסטו אפשר ניט, אָבער אַ חזיר ביסטו.

— ביסט געקומען זיך זידלען?

— איך בין ניט געקומען זיך זידלען, נאָר פרעג איך דיך, אַ מענטש,

אַ פֿריינד, אַ חבר קומט צו דיר לייען אַ גמילות חסד, פּופּציק שמאַליאַרעס, דערציילסטו אים אַ מעשה דו אַרבעטסט אויף דיין געלט. יאַקאָס ווען דו האָסט געדאַרפֿט אַ פּאָר דאָלאַר, געדיינקסט? ווען דו האָסט געקויפֿט די הויז? ווער איז מיט דיר געגאַנגען צו סיימאָנען, צו שטערנבערגן, ווער האָט געקראָגן פֿאַר דיר געלט? שמואליק! דאַן איז שמואליק געווען אָלרייט, איצט טויג שוין שמואליק אויף כפּרות. וויל איך דיר זאָגן אַז איך האָב דיך אין דער ערד מיט דיינע פּאָר דאָלאַר.

שמואליק איז אַזש אויפֿגעשפּרונגען פֿון זיין ביינקל, זיין פּנים — אַ רייפֿע טאָמייטאָ, דער נאָז — אַ בוריק. לייזער האָט זיך אַזש דערשראָקן. מוז האָבן אַ הויכן בלוט־דרוק, מוז ער.

— קאָך זיך נישט אַזוי. ניט געקאָכט זיך. וואָס האָב איך דיר אַזוינס געזאָגט? זעץ זיך אַנידער. זיך שוין אָפּגעקאָכט? טאָ הער. דיינע געשעפֿטן געפֿעלן מיר ניט.

— אָט האָסטו דיר, מ׳קומט צו אברהם שמואל חיה דוואָסיס נאָך דריי גראָשן אויף הכנסת כלה זאָגט ער דער שידוך געפֿעלט אים ניט.

אַ שמייכל טוט אַ שימער אין לייזער קרופּניקס אויגן: טאַקע געווען אַזאַ איד אברהם שמואל חיה דוואָסיס? און דיזעלבע אויגן זאָגן: אודאי געווען! אָט זעען מיר אים מיט זיין בלויענער סאַמעטענער היטל, אַזוי פֿאַרשמאַלצעוועט אַז ביי דער פּאַטילניצע איז זי אַזש שוואַרץ און פֿעט, און קאַרג איז ער געווען . . .

לייזער קרופּניק שמייכלט ניט מער. ער איז ניט אברהם שמואל חיה דוואָסיס. ער . . .

— דער שידוך איז אפֿשר אַ שידוך, נאָר דער נדן . . .

ווען ער קען צוריקכאַפּן דאָס וואָרט! אַפֿילו אין חדר ביי אהרן לייבן, ווען עמיצער האָט אַ זאָג געטון „מאָטיע דעם גלעזערס נדן״, אָדער גאָר „נדן״, איז שמואליק געווען קאַפּאַבל אויסדראַפּען די אויגן, איצטער א . . . פֿאַרכאַפּט ער זיך, לייזער.

— כ׳מיין, וואָס דאַרפֿסטו זיך פֿאַרדרייען אַ קאָפּ מיט אַ „לאָט״, מיט רענט, לייגן, ווי זאָגט מען, דאָס לעבעדיקע אויפֿן טויטן? טאַנץ דאָס ראָנדל לויטן רענדל. נעם דאָרטן ביי דיין סוחר אַ צען פּושקעס, גיי אַרויס פֿאַרקויפֿן, אויב ס׳איז טאַקע אַזאַ יקר המציאות ווי דו זאָגסט, דער עולם וועט עס אויסכאַפּן, וועסטו קריגן נאָך צען. ער׳ט דיר זשאַלעווען? און ער מעג זיי דיר געבן אָן געלט. וואָס שטעלט ער איין? צוויי און אַ האַלב דאָלאַר?

— איצט ביסטו שוין דער ותרן. דו גטערויסט מיר ניט, נאָר יענער זאָל מיר יאָ געטרויען. אויף וואָס קוקנדיק? ער קאָן מיך, ער ווייסט מיך?

— אפשר בעסער וואָס ער קאָן דיך ניט, — האָט לייזער אַ טראַכט געטון, ער האָט עס אָבער ניט געזאָגט. שוין אַזוי אויך אים אָנגעטראָטן אויף די הינער אויגן.

— חוץ דעם, — האָט שמואליק געשעפטסמעסיק שוין דערקלערט, — פאַרקויפט ער ניט קיין צען פושקעס. ס׳הייסט, ער פאַרקויפט, נאָר אויפן לאחדים פּרייז, ווינציקער ווי פינף דאלאר איז עס לאחדים, איך מוז נעמען אַמווייניקסטן צוואַנציק קעסטלעך, און וואָס איז צוואַנציק קעסטלעך? אויב איכ׳ל ניט פאַרקויפן הונדערט אַ טאָג, איז ניט הונדערט, איז פופציק, איז עס קיין געשעפט ניט, טויג עס אינגאַנצן אויפן פייער. אָבער איכ׳ל פאַרקויפן. איך בין זיכער איכ׳ל פאַרקויפן, אָבער אַ געשעפט אַז מ׳לייגט ניט אַריין נעמט מען ניט אַרויס.

— יאָ, דאָס ביסטו גערעכט.

שמואליק האָט געוואַרט לייזער זאָל אים זאָגן: נאַ, דאָ האָסטו דיר דיין פופציקער, לייג אים אַריין אין געשעפט און נעם אַרויס אַ הונ־דערטער. לייזער האָט אָבער גאָרניט געזאָגט, ער איז געזעסן אַ פאַר־טראַכטער. ער האָט געזען „געשעפטן" — עפּעס אַ מאַשין מיט צוויי עפענונגען, אין איינער לייגט מען אַריין אַ ניקל, פון דער צווייטער קומט אַרויס אַ דאַים, און די מאַשין אַרבעט אויטאָמאַטיש, אָן אַן אויפהער, שטעלט זיך גאָרניט אָפּ. ווען ער האָט אַזאַ מאַשין!

— איז וואָס זאָגסטו?

די געשעפט מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט, פאַרשוואונדן. ער האָט דערזען שמואליקן, אין א י ם אַריינלייגן אַ ניקל וועט מען קיין דאַים ניט אַרויסנעמען. — איכ׳ל דיר געבן פינף דאלאר, — האָט ער דער־הערט זיך זאָגן און האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע רייד. וואָס טו איך, וואָס? און איבערגעטראָגן דעם קוק אויף שמואליקן.

אוי דער שמואליק. אַ מענטש זאָל עס אָנשפּיצן אַ פּאָר אויגן — צוויי שפּיזן, פאַרקרומען דאָס מויל — אַ קרומער קינזשאַל, וואָס שניידט און דרעלעוועט, און נאָך לאַכן דערצו.

— זיך צעבראָכן דאָס האַרץ...

עה! ער איז שוין פשוט אַ חוצפּהניק. אים גאָרניט געבן! אַ פייג וועט ער אים געבן. גיב אים אַ פינפערל, שטייט אים ניט אָן, דעם פּריץ. זאָל ער ניט נעמען. הלואי טוט ער עס...

— קיינער צעברעכט זיך נישט דאָס האַרץ פון מיינעטוועגן און איך האָב ניט בדעה צעברעכן מיין האַרץ פון עמיצנס וועגן. עס איז ביליִ־מילי... דיר געזאָגט — אַ פינפערל. דאָ האָסטו עס. ווילסט, נעם, ניט...

ער׳ט נעמען... ער׳ט ניט נעמען...

קוקנדיק אויף לייזערן, האָט שמואליק אַרויסגעצויגן דאָס פינפערל, ניט געזאָגט קיין דאַנק, גאָרניט געזאָגט. ערשט ווען ער האָט אַריינ־געלייגט דאָס פינפערל אין קעשענע, גענומען די היטל, שוין געשטאַנען ביים טיר, האָט ער אַ זאָג געטון: דיר אָפּגעבן. דאָס צווייטע מאָל אַז איכ׳ל קומען צו דיר, ברייננג איך דיר דיין פינפערל.

לייזער האָט אים נאָכגעקוקט: הלואי האָלט ער וואָרט, וועט ער׳ שוין מער.. ניט קומען...

ער איז געקומען. אַרום אַ יאָר צייט האָט עס גענומען, אָבער ער איז געקומען. אין דעם יאָר האָט לייזער אים ניט געזען. געהערט האָט ער אַז מיט דעם אויטאָמאָביל שמירעכץ האָט שמואליק זיך גאַנץ פיין אויסגעשמירט... געכאַפּט ביי דעם, ביי יענעם, און... ער האָט דען ניט געוווסט אַז אַזוי וועט זיין? נאָכדעם האָט ער געהערט אַז שמואליק פאַר־קויפט אין גאַס קאָלירטע באַלונס, דעם פערטן יולי האָט ער פאַרקויפט פייערווערק, די ריכטיקע פרנסות, וואָס מ׳פרעגט אויף זיי, נאָר כאַפּט אים דער גוטער יאָר, צו אים קומט ער ניט מער? איז שוין גוט. אָט אַזוי, מיר ניט, דיר ניט ביי אים אַריינגעכאַפּט אַ צענערל. אָבער מער ניט! אַפילו ווען ער ציט זיך אויס פאַר זיינע פיס. אַזאַ... גאָרנישט!

דער „גאָרנישט״, האָט לייזער געהערט, איז קראַנק געוואָרן. פלוצלונג. געקראָגן אַ האַרץ אַטאַקע. דערהערט די נייס, האָט לייזער דערזען שמואליקס נאָז, דעם בוריק קאָליר, דאַן ווען ער איז געקומען צו אים מיט זיין שמירעכץ. ער האָט אָבער פאַרדעכטיקט אַז מיט דעם מענטשן איז עפּעס ניט אין אָרדנונג... האָט ער זיך, הייסט עס, אַוועקגעלייגט. נו... וואָלט אפשר באַדאַרפט צוגיין, געווורע ווערן, פאָרט... אָבער וואָס׳ט ער גיין? ער קאָן אים עפּעס העלפן? ער קאָן אים גאָרניט העלפן.

די לאַנדסלייט זיינען געוואָרן „ביזי״. מר. סיימאָן איז צוגעשטאַנען צו לייזערן: מ׳דאַרף עפּעס טון!

— וואָס קען מען טון? דער דאָקטאָר האָט געהייסן ליגן, זאָל ער ליגן. ער׳ט איבערליגן...

— ווער רעדט וועגן אים? ער... — האָט מר. סיימאָן אַ מאַך

געטון מיט דער האַנט, אים אַוועקגעמאַכט אינגאַנצן, — ער׳ט שוין ליגן, אַבי געזונט, אָבער די ווייב, די קינדער!

לייזער האָט צוגעטראָגן אַ פינפערל, שוין דאָס דריטע פינפערל, און מיט רוגזה אַ טראַכט געטון אַז... אַז דאָס איז שוין צופיל. צו פיל! געזען אַ מעשה? אַ מענטש זאָל... אַזאַ מענטש... ניין, ער ווינטשט אים חלילה ניט קיין שלעכטס, מתים צאָלן אודאי ניט קיין חובות, און יאָ חוב ניט חוב, ווער וויל עס בעטן אויף יענעמס טויט? חס וחלילה! נאָר גאָרניט, ווען שמואליק... בלייבט ניט, לאָמיר זאָגן פאָרט אַוועק. פאַר מענטשן מיט קראַנקע הערצער, זאָגט מען, איז פלאָרידאַ זייער גוט. ווען ער פאָרט אַוועק קיין פלאָרידאַ...

שמואליק איז קיין פלאָרידאַ ניט אַוועקגעפאָרן. אָפּגעליגן די זעקס וואָכן טאַקע ווי אַן אמתער חולה, זיך ניט גערירט פון בעט, איז ער אַ שטיק צייט נאָכדעם אונטערגעליגן, נאָכדעם גענומען אַרומגיין צוביסלעך, דערזעלבער שמואליק, דער צעדרייטער, דער צעוואָרפענער, נאָר מיט אַ ביסעלע חולה־חשיבות אין זיין גאַנג, ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָט די חולה־חשיבות זיך אָפּגעריבן, דער פריערדיקער שמואליק האָט שוין אַרומגעשמאַיעט. לייזער האָט געהערט אַז שמואליק איז געווען ביי סיי־מאָנען, ביי לאַפּידוסן, ביי אַנדערע, צו אים איז ער נישט געקומען. ברוגז, הייסט עס. נו יאָ, געדאַרפט געווען צוגיין צו אים ווען ער איז געליגן קראַנק. אָבער איצט? ער איז ברוגז? בעסער אַזוי. „דאָס צווייטע מאָל אַז איכ׳ל קומען צו דיר ברייננ איך דיר דיין פינפערל״. אַזוי האָט ער געזאָגט ווען ער איז געווען ביי אים מיט זיין שמירעכץ... נו, ער׳ט אַזוי גיך נישט קומען... האָט לייזער געשמייכלט.

ווען שמואליק האָט, אין אַ דאָנערשטיק אָוונט, שוין אַרום אַכט אַזייגער, זיך אַריינגעשטעלט צו לייזערן אין הויז מיט אַ פּאַפּירן קעסטל אונטערן אָרעם, איז לייזער מבולבל געוואָרן.

— העללאָ... שמואליק!

פאַרווונדערונג איז איבערגעגאַנגען אין דערפרייאונג. ער האָט זיך דערפרייט, און די באַגריסונג איז אַרויסגעקומען אַזוי וואַרעם, אַז ווען שמואליק האָט דערלאַנגט די האַנט, האָט ער פרעגנדיק געקוקט אויף לייזערן: מיינסט עס טאַקע? דער האַנט דרוק איז אויך געווען אַ קרעפטיקער, אַ וואַרעמער, מער ניט, דאָס לאַנגע שמאָלע קעסטל אונטער לייזערס לינקן אָרעם האָט זיך ווי אַריינגערוקט צווישן די צווי הענט און זיי האָבן נאָכגעלאָזט אַ סך שלאַבערדיקער ווי זיי האָבן זיך אָנגענומען.

— וואָס מאַכסטו? זיץ! — האָט אים לייזער אונטערגערוקט אַ שטול, און די באַוועגונג איז געווען אַ אייליקע — אונטעררוקן אַ שטול אַ קראַנקן מענטשן. — חרוב, — האָט לייזערן אַ פּיק געטון אין קאָפּ. דער־זעענדיק ווי שמואליק האָט גענומען אַרומווישן דעם פּנים, דעם קאָפּ. — דער מענטש איז חרוב געוואָרן. געמוזט פּאַרלירן אַ סך וואָג. געדאַרפט געווען קומען אים געווירע ווערן...

— ווי פילסטו?

שמואליק האָט שאַרף אַ דריי געטון דעם קאָפּ. — איך בין אָלרייט, — האָט ער טראָציק אַ זאָג געטון. געמיינט איך שטאַרב שוין?

אָט האָסטו דיר. ניט אויסצוהאַלטן פון אים.

— שטאַרבן? ווער רעדט פון שטאַרבן.

— נו, איניקע האָבן געדיינקט אַז איך צי שוין אויס די קאַפּיטעס, אָבער איך האָב זיי אַנטוישט. יאָ, איך האָב זיי אָפּגענאַרט. — האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַזאַ טאָן ווי ער וואָלט דערציילט וועגן אַ שפּיצל וואָס ער האָט עמיצן אָפּגעטון. — און איכ'ל זיי נאָך ווייזן וואָס שמואליק קאָן טון. וואָס הערט זיך ביי דיר?

— אָה. ווי אַלע מאָל. קיינע נייס. .

שמואליק האָט אַ וואָרף געטון מיט די אויגן איבערן צימער, איבער־געטראָגן דעם קוק אויף לייזערן, האָט זיך ווי איבערצייגט אַז ביי לייזערן איז ווירקלעך קיינע נייס ניט פאָרגעקומען זינט . . .

— זיך שוין ניט געזען אַ... ווי לאַנג אַז איך בין דאָ געווען?

— געוואָלט צוגיין צו דיר, געווירע ווערן וואָס דו מאַכסט, האָט מען מיר געזאָגט אַז מ'לאָזט ניט צו, דער דאָקטאָר . . .

— ....מ'יאָ, דער דאָקטאָר... — האָט שמואליק איראָניש אַרויס־געבראַכט. — מ'האָט אים אין באָד, דעם דאָקטאָר, — האָט ער שוין גע־רעדט מיט ביטול. — מיר געוואָלט איינריידן אַ נגידישע קרייענק. אַזוי געווען אַ האַרץ אַטאַקע ווי איך בין אַ רב. עפּעס אַ מוסקול דאָרט אַ ריר געטון, דאָס אַלעס. האַרץ קראַנקהייט איז גוט פאַר נגידים, ניט פאַר אַזאַ עושר ווי איך. — ביי די „נגידים” האָבן זיינע אויגן אַ קאָסע געטון לייזערן.

— איך האָב אַ שלאַנג מיט דריי ווערים, און זיי ווילן עסן.

— וואָס טוסטו איצטער?

לייזערס שטימע האָט אַ ציטער געטון ביי דער פראַגע. ער האָט געפילט, ער האָט אַרויסגעשטעלט אַ פוס אויף אַ דין הייטל אייז, ניט ער וואַגט אַ טראָט טון ווייטער, ניט ער קאָן צוריקציען די פוס.

— וואָס איך טו? אָט דאָס אָ!

ביים „דאָס אָ" האָבן זיינע פינגער פלינק אָן עפן געטון דאָס לאַנגע שמאָלע קעסטל און לייזער האָט דערזען — שניפּסן. פּעדלט, הייסט עס, מיט שניפּסן. געקומען צו אים... כאַפּן אַ פּריץ. ער'ט נ י ט קויפן.

שמואליק האָט ניט געפּעדלט מיט שניפּסן. לויט זיינע רייד — גערעדט האָט ער שנעל, שנעל — זיינען די שניפּסן גאָר איינס אין דער וועלט. מ'קריגט זיי גאָרניט צום קויפן, באשר אים, האָט דער באַלעבאָס פון דער „אַרטיסטיק טאַי קאָ." געגעבן די אויסשליסלעכע אַגענטור, און ער פאַרקויפט אויך ניט אַבי וועמען, באַקאַנטע, פריינט, אַז זיי ווילן... טוט ער זיי, הייסט עס, אַ טובה.

— דל גאה, — האָט לייזער געשמייכלט אין זיך. אויסשליסלעכע אַגענטור. ער האָט פיינט אַ קבצן אַ בעל גאוה. פּעדלסט מיט שניפּסן? זאָג! ניט... ער'ט ניט נעמען! — האָט ער באַשלאָסן און, דערהערט זיך אַליין אַ פרעג טון: ווי טייער פאַרקויפסטו זיי? האָט ער שיר ניט אַ פּאַטש געטון מיט דער האַנט איבערן מויל. ער האָט אַ טראַט געטון אויפן אייז, און דאָס אייז ברעכט זיך. אַריינפאַלן.

— דער פּרייז פון אַ שניפּס איז צוויי דאלאר, — האָט שמואליק אַ זאָג געטון מן השפה ולחוץ, דערביי אויסגעבונדן איין שניפּס אויף די פינגער. — איז עס ניט אַ „שאַנקייט"? אַזאַ שניפּס קריגט מען ניט אין קיין קראָם. דיר וועל איך אַוועקגעבן דריי פאַר פינף דאלאר. — און ער האָט אַוועק־געלייגט „די שאַנקייט" אויפן טיש, אַרויסגענומען נאָך צוויי שניפּסן פון קעסטל, צוגעלייגט צו דער „שאַנקייט" און אַ קוק געטון אויף לייזערן. דער קוק אַ מאַנענדיקער, אַ חוצפּהדיקער: מאַך ניט קיין שהיות, גיב אַהער דאָס פינפערל און רעד ניט קיין סך!

יאָ, אָט דער קוק האָט לייזערן פאַרדראָסן מער ווי אַלץ. ער נעמט אים אויף זיכער. ניט לייזערן! ער'ט אים...

— דיר זאָגן דעם אמת, דאַרף איך ניט קיין שניפּסן. — געזאָגט האָט ער עס כלומרשט נאַכלעסיק, אים אינטערעסירט ניט, הייסט עס, דער ענין, דער קוק זיינער איז אָבער געווען אַן אַרויסרופנדיקער: זיי ניט אַזוי זיכער, רב שמואליק!

שמואליק האָט דערזען דעם קוק און ז י י נ ע אויגן האָבן זיך אַ צינד געטון.

— נו יאָ, — האָט זיך אַרויסגעדרייט פון זיין צעקרימטן מויל, — אַז אַ מענטש טראָגט אַ שניפּס צען יאָר, איז דאָך ניט שייך. אָט דעם שניפּס, —

האָט ער אַ טיקע געטון מיטן פינגער, — געדיינק איך נאָך אויף דיר פון פּאַראַיאָרן . . .

אין לייזער קרופּניקס קערפּער זיינען זיך שפּילקעס צעלאָפן. אַזאַ חצוף! ווער, ווער, ער האָט דעם פּאַראַיאָרן געמעגט ניט דערמאָנען. זיינע ליפּן האָבן זיך אַ קרום געטון, דאָס שפּיציקל פון דער אויבערשטער ליפּ האָט מיט שווערקייט זיך אָפּגעריסן פון דער אונטערשטער און עס האָט זיך אַרויסגעזייט: האָסט אַ גוטן זכרון. די אויגן האָבן שנאַהדיק געוואָרנט: געדיינק! פון מויל איז אייליק געפאַלן: — אָלרייט! לאָז די דריי שניפּסן. — קוקנדיק שמואליקן גלייך אין די אויגן האָט ער שטיל אָבער דייטלעך אַרויסגעזאָגט — קומסט׳אך מיר אַ פינפערל פון פּאַראַיאָרן, זיינען מיר קוויט . . .

שמואליק האָט ברייט אָן עפן געטון די אויגן. די מראה אין זיין פּנים האָט זיך געביטן. לייזער האָט ממש געזען ווי דאָס בלוט פון שמואליקס פּנים פליסט אָפּ, אַפילו איבערן בוריק קאָליר באָז האָט זיך פאַרצויגן אַ גרויע פליסניע. איין אָרעם זיינער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, ווי אַ פאַל געטון צו דער זייט צו. ער האָט קרום אַ וויש געטון דאָס מויל מיט דער דלאָניע, און מיטן מויל, מיט דער דלאָניע אַ וואָרף געטון — אָקעי! ער האָט אַ כאַפּ געטון דאָס שמאָלע, לאַנגע קעסטל, אַ קוק געטון נאָכאַמאָל אויף לייזערן, זיך אַ דריי געטון און אַרויסגעגאַנגען.

— וואָס האָט ער דאָ געטון?

לייזער איז געווען צופרידן וואָס רייזל איז ניט אַריינגעגאַנגען ווען שמואליק איז געווען, אָבער דער זויערער טעם פון שמואליקס באַזוך, פון זיין „קויפן״ די דריי שניפּסן, האָט פאַרזייערט די צופרידנקייט. — גאָר־ניט, — האָט ער צוגעוואָרפן רייזלען.

— וויפל האָט ער שוין ביי דיר אויסגעמאָנטעט?

— ביי דיר, רק מע מאָנטעט.

— ניין, ער איז געקומען געווירע ווערן וואָס דו מאַכסט. וואָס איז דאָס פאַר שניפּסן?

גלייך ווי שמואליק איז אַרויסגעגאַנגען האָט לייזער געוואָלט צונעמען די שניפּסן, זיי . . . אַרויסוואַרפן, באַגראָבן זיי, ניט זען זיי, איצטער האָט זי זיי דערזען.

— שניפּסן, — האָט ער קורץ אַ זאָג געטון. ווי איינער זאָגט: ניטאָ וועגן דעם וואָס צו רעדן.

די פרוי האָט שוין געפינגערט די שניפּסן, באַטראַכט דעם מוסטער, די סחורה. — זעען אויס גאַנץ שיין.

— נעם זיי צו.

— וויפיל האָט ער דיר גערעכנט דערפאַר?

— גערעכנט? ער האָט גאָרניט גערעכנט, געבראַכט אַ מתנה.

— גאָרניט געוווּסט אַז היינט איז דיין געבוירנטאָג...

זי לאַכט פון אים. אויב זי'ט זאָגן נאָך אַ וואָרט...

— נו, טאַקע, וויפל האָסטו באַצאָלט?

— 'עסט אפשר אויפהערן דערגיין די יאָר? מ'זאָגט דיר גאָרניט, איז גאָרניט. דאַרף זיי האָבן ווי אַ לאָך אין קאָפּ. נעם זיי צו.

— גאַנץ שיינע שניפּסן.

רייזל האָט אַ קוק געטון אויף לייזערן. זי קאָן שוין איר מאַן. אים געמוזט קאָסטן אַ היפּשע פּאָר סענט. אַ מצוה אויף אים, זאָל ער זיך ניט חברן מיט אַזעלכע האָלעדראַנצעס.

די שניפּסן האָט לייזער „באַגראָבן", זיי ניט אָנגעטון, שמואליקן האָט ער מער ניט געזען, זיך אַפילו ניט נאָכגעפרעגט אויף אים, געשטאָרבן שמואליק, ניטאָ.

ווען, אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט סיימאָן אים געלאָזט וויסן אַז שמואליק איז געשטאָרבן, האָט לייזער אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן און איבערגעפרעגט: שמואליק? געשטאָרבן? ווי איינער רעדט: וואָס הייסט?

שמואליק איז טאַקע געשטאָרבן און, הגם לייזער האָט ביים לעבן געזאָגט אויף אים אַז ער האָט אַ גוטן קאָפּ, נאָר דער קאָפּ איז שלעכט צוגעשרויפט, האָט ער אָבער שכל געהאַט צו טון אַ גלייכע זאַך און שטאַרבן פּרייטיק צונאַכטס. די לויה איז פאַרגעקומען זונטיק, און גאַנץ טשודנאָוו האָט אַרויסבאַגלייט שמואליקן אויף זיין לעצטער נסיעה.

פון בית עולם האָט מען צוגעפירט די אלמנה אַהיים, די נאָענטערע זיינען אַריינגעגאַנגען צו איר אין הויז: מ'קאָן דאָך ניט לאָזן אַ מענטשן איינער אַליין אין אַזאַ אומגליק. לייזער קרופּניק איז אויך אַריינגעגאַנגען. ער האָט אַפילו ניט געוווּסט ווי דאָס האָט פּאַסירט. ער איז געפאָרן אין סיימאָנס אויטאָמאָביל, סיימאָן איז אַריינגעגאַנגען, איז ער אויך אַריין. דער מר. סיימאָן איז ווי געוואָרן דער באַלעבאָס ביי דער אלמנה אין הויז. ער האָט דערלאַנגט אַ פלעשל בראַנפן, גלעזלעך, געהייסן טרינקען פאַר שמואליקס עלית נשמה, און לייזער האָט אויך צוגעטראָגן דאָס קעלישאָקל צו די ליפּן, ניט געוואַגט זיך אָפּזאָגן.

ווען דערזעלבער מר. סיימאָן האָט דערזען אַז לייזער קלייבט זיך גיין, האָט ער אים אַ צי געטון: וואַרט! איך גיי אויך. דיך צופירן אַהיים.

סיימאָנס צוגעלאָזנקייט איז לייזערן געוואָרן פּאַרדעכטיק: וואָס איז ער מיט אַ מאָל געוואָרן אַזוי גוט צו אים? אָבער צופיל טראַכטן האָט לייזער ניט געקענט, דער קאָפּ איז עפּעס געווען אַזוי שווער, אַט ווי אויפן האַרצן... און אויפן האַרצן... ער ווייסט אַליין ניט... עפּעס...

זיצנדיק ביים רעדל, האָט סיימאָן געדרייט ניט נאָר דאָס אויטאָמאָביל רעדל, נאָר שוין געגומען פאַרדרייען אַן עסק — דער טשודנאָווער פּאַראיין דאַרף העלפן דער אלמנה, די קינדער, דער פּאַראיין דאַרף עפּעס טון, עפּעס מאַכן . . .

לייזער האָט געהערט אַז סיימאָן האָט גערעדט וועגן העלפן, אָבער די רייד האָבן זיך פאַרבייגעגליטשט, ניט אַריינגעדרונגען אין די אויערן, פאַר זיינע אויגן, אין קאָפּ ביי אים האָבן זיך געדרייט . . . פינפּערלעך.

סך הכל איז עס געווען דריי פינפּערלעך, נאָר עפּעס האָבן זיי זיך געדרייט אין אַזוי פיל קאָמבינאַציעס, אַט ווי דריי באַלעמס אין די הענט פון אַ זשאָנגליאָר. דאָס ערשטע פינפּערל — אַ פינפּערל טאַקע, אָבער פון דעם פינפּערל גייט אַראָפּ אַ דאָלאַר מיט פינף און זיבעציק סענט פאַר אַ סטייק, וואָס ער גופא האָט געגעסן. שוין אַן אָנגעשטשערבעט פינפּערל, אַן אָפּגעריסנס, אָפּגעקנייפּט . . . אהרן לייב דער מלמד . . . מלאך המות . . . צפורן ירושלים פענעס . . . שמואליק, מאַטיע דעם גלעזערס „נדן" . . . טשודנאָוו . . . שמואליק . . . זיין ווייב, קינדער, „איך האָב אַ שלאַנג מיט דריי ווערים. און זיי ווילן עסן" . . . פאַר אַט דער „שלאַנג מיט דריי ווערים" האָט ער עס געגעבן סיימאָנען, טאַקע דעם סיימאָנען, אַ פינפּערל, דאָס איז געווען דאָס צווייטע, ניין, דאָס דריטע פינפּערל, דאָס צווייטע פינפּערל, דאָס איז געווען דאָן, אויף דער שמירעכץ אויף זיינער, פאַר דעם פינפּערל האָט ער עס געקראָגן די דריי שניפּסן . . . זיינען מיר קוויט . . . קומט דאָך אים שמואליק גאָרניט, ווייל אויב שמואליק קומט אים יאָ, קומט ער דאָך שמואליקן אויך, ער קומט שמואליקן אַ סטייק, ער קומט אים דריי שניפּסן, ער קומט שמואליקן אַ פינפּערל, אַ צענערל, אַ . . .

די דריי באַלעמס זיינען געשפּרונגען, אַרויף, אַראָפּ, איינער פון זיי — שמואליקס הוילער קאָפּ, זיין פאַמידאָרן רויטער פּנים, און דער פּנים שמייכלט: אַט בין איך טויט! געפעלט דיר? צופרידן, האַ?

— איז וואָס זאָגסטו?

די דריי באַלעמס האָבן זיך אַ שאָט געטון, זיך אַוועקגעקייקלט, איין

באַלעם — סיימאָנס קאָפּ, זיין פּנים סטאַרטשעט אים אין די אויגן. וואָס וויל ער?

— איך האָב גאָרניט וואָס צו זאָגן, קענסט טון וואָס דו ווילסט, איך האָב גאָרניט צו טון דערמיט, אַלץ וואָס איך קען טון איז . . . נאַ, דאָ האָסטו פּופּצן דאָלאַר. נעם עס. דאָס איז אַלץ, און מער האָב איך גאָרניט צו טון דערמיט. פאַרשטייסט?

— ווער וויל ביי דיר מער, ווער? — האָט סיימאָן, אַ פאַרחידושטער, געקוקט מער אויף לייזערן ווי אויפן רעדל. אויף אַזאַ מטבע פון אים, פון ל י י ז ע ר ן, האָט ער זיך ניט געריכט. אַ פינפערל, העכסטנס אַ צענערל! און דאָ, פ ו פ צ ן דאלאר! און מזומן! גלייך! אַ יידישע נשמה קען מען נישט שאַצן. — זייער פיין פון דיר. הלואי פון יעדן לאַנדסמאַן אַזוי, וואָלט שוין געווען נישט שלעכט.

— שוין מוזן געבן אַ פינף און צוואַנציקער, — האָט סיימאָן אַ טראַכט געטון.

— לאַנדסלייט! — האָט עס אין לייזערן געזאָטן. — וואָס גייען זיי אים אָן? און שמואליק? מיט אים איז ער קוויט, אָבער טאַקע קוויט! גמילות חסדים? אַ חסד של אמת. אויס. פּטור. און . . .

— דאָ אָ, לאָז מיך אַרונטער.

אַרונטערגייענדיק פון אויטאָמאָביל, האָט לייזער געפילט אַז ער איז פּטור געוואָרן פון סיימאָנען, פון די לאַנדסלייט, פון אַלעמען. די האַנט האָט אַ שאַר געטון אין קעשענע, אָנגעטאַפּט דאָס קליינגעלט דאָרט, אויך די אָפּוועזנהייט פון די דריי פינפערלעך, דערפילט אַ ליידיקייט אין די הענט און זיך דערמאָנט אַז קומענדיק פון אַ לויה, אין טשודנאָוו, האָט מען „אָפּגעגאָסן" די הענט.

איז ער אַריינגעגאַנגען אין שטוב צו זיך. ניט געווען קיין הילצערן פעסל, קיין מעשענע קוואָרט, געווען אַ ווייסער וואַש בעקן, אַ קראַן, צוויי קראַנען, הייסע, קאַלטע וואַסער. האָט ער געלאָזט ביידע קראַנען, געוואַשן די הענט, געשווײנקט, גוט, גוט אָפּוואַשן . . . ווישנדיק די הענט, האָט ער געפילט ווי ביי אים אין קאָפּ דרייט זיך עפּעס. איז דאָ עפּעס אַ תפילה, אַ „ברכה" וואָס מ'זאָגט דערביי? די איינציקע ברכה וואָס איז אים אַרויף אויפן זינען איז געווען ברוך שפּטרני. אַ זאָג געטון די צוויי ווערטער, האָט ער אַ קוק געטון אין שפּיגל, דערזען אַ פּנים מיט אַ קראַנקלעכן שמייכל . . . האָט ער זיך דערשראָקן.

— גויאישער קאָפּ! דאָס זאָגט מען ביי אַ בר מצוה. אַז מ'קומט פון אַ

לויה... װ אָ ס זאָגט מען אַז מ׳קומט פון אַ לויה? אַ תּפילה! אַ ברכה! אַ . . . ברוך דיין אמת! האָט ער אַ זאָג געטון און אַ הײנג געטון דעם האַנטוך. — געװען, זאָל ער מיר מוחל זײַן אַ . . . — ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, — נאָר מילא, זאָל אים די ערד ניט זײַן צו שװער. יאָ, — האָט ער אַ זיפץ געטון, — געװען אַ שװערער מענטש . . . אָבער פאַרפאַלן . . . זאָל זיך אים גרינג ליגן. מ׳נע . . .

ער האָט אַ רײב געטון די הענט, אַ קוק געטון אויף זײ. זײ זײַנען געװען טרוקן, רײן . . .

יזכור

ער איז געווען אַ קאַפּאָ.

ווען דער לאַגער עלטסטער האָט אים „פאָרגעלייגט" דעם אַמט, האָט בערל סטאָלפּנער מיט אַמאָל דערפילט ווי זיין האַלז איז צונויפגעקלעפּט געוואָרן אינעווייניק. ער האָט געוואָלט אַרונטערשלינגען דאָס געדיכטע, קלעפּיקע שפּייעכץ דאָרט, אַרויסברייננגען אַ „ניין, איך וויל נישט", דער קנייטש פון די ליפּן, די באַוועגונג פון צונג אין דעם פאַרשלאָסענעם מויל האָט עפּעס אַ דריק געטון אין האַלז ביים קנה און פון דאָרט האָט זיך אַרויסגעריסן ניט קיין וואָרט, אַ ביסל לופט בלויז, אָט דאָס ביסל לופט האָט אַ וויג געטון דעם קאָפּ אַראָפּ און אַרויף — יאָ, הייסט עס, — און ער איז געוואָרן אַ קאַפּאָ.

פאַרוואָס האָט דער לאַגער עלטסטער אויסגעקליבן דווקא אים? דאָ געזונטערע, אין בעסערן גנאָד ווי ער, סיידן זיין „אַרישער" אויסזען — בלאָנדע האָר, בלויע אויגן, סיי ווי, ער איז געוואָרן אַ קאַפּאָ. אַ ברירה?

ער האָט געקראָגן עסן צו זאַט, אַ פּאָר שיך, טאַקע שיך, ניט קיין הילצערנע שקראַבעס, אַ פּאָר הויזן מיט אַ רעקל, וואָס זיינען געווען גאַנץ, ניט צעריסן, און געליגן אויפן לייב טאַקע מעשה בגד, אַ היטל און אַ . . . שטעקן.

די פּעולה פונם עסן האָט זיך באַלד געוויזן. אין די לאַגער פּאַפּירן, ביים אַריינקומען, איז געווען פאַרצייכנט: וואָג, פיר און פופציק קילאָ און אַ האַלב, איצט האָט ער געהאַלטן ביי צוויי און פערציק קילאָ, און מיט יעדן טאָג איז דער באַרג אַרונטער צוגעגאַנגען שנעלער, דאָס וואָרט „מוסול־מאַנער" — אַ שאָטן, וואָס האָט געהויערט דאָ ניט ווייט הינטער אים, הויט און ביינער וועט ער ליגן, זיך ניט קענען אַ ריר טון, אָדער ער וועט אַוועקפאַלן ביי דער אַרבעט און . . . פון קוימען דאָ ניט ווייט גייט אַ רויך . . . איין וואָך צייט געגעסן ווי עס דאַרף צו זיין, ניט צו זאַט, אָנזעטיקן זיך וועט ער שוין קיינמאָל ניט, אָבער געגעסן גענוג ברויט, זופּ, איין מאָל אַפילו אַ ביין מיט אַ רעשטל פליייש אויף אים, און ער האָט דערפילט ווי די כוחות אין זיין קערפּער ריזלען זיך, זיין טראָט איז געוואָרן זיכערער.

אַ ביסל האָבן צוגעהאַלפֿן די שיך און די קליידער, זיין טראָט איז געוואָרן ניט נאָר זיכערער, נאָר אויך חשובער, עס איז געגאַנגען ניט אַ העפֿטלינג נומער 39,468, נאָר אַ מענטש מיט אַ נאָמען בערל סטאָלפּנער, דער שטעקן אין האַנט האָט נאָך צוגעגעבן — דער קאַפּאָ. מיטן שטעקן איז עס צו־געגאַנגען ניט אַזוי גרינג, גאַנץ אָפֿט האָט ער באַדאַרפֿט פֿאַרקלעמען די האַנט אַרום אים כדי אים ניט צו פֿאַרלירן. מיט דעם שטעקן איז אין האַנט זיינע געוואָרן לייגער . . . די האַנט איז אָבער געווען אַ הילצערנע, אַ פֿרעמדע, ניט זיינע.

ער האָט געשלאָגן, אודאי האָט ער געשלאָגן. אַ קאַפּאָ! נאָר געשלאָגן האָט ער מיט כעס, ווי אויף להכעיס זיך אַליין, ער האָט עס אָבער געטון אויף י ע נ ע מ ס פּלייצעס, ז י י נ ע פּלייצעס האָבן ניט וויי געטון, דער־פֿאַר אָבער האָט זיין גאַנצער קערפּער געציטערט, פֿאַר די אויגן האָט זיך געשפּרייט אַ הייסער טומאַן.

איין פֿרימאָרגן, דער לאַגער עלטסטער מיט אַן אָבערשאַרפֿירער, אַ ס. ס. (שוץ־שטאַפּל) מאַן, זיינען אַרויסגעקומען באַטראַכטן די אַרבעט. זיי האָבן צוגעזען ווי בערל האָט קאָמאַנדעוועט מיט זיין שטעקן (טאַקע פֿון זייערטוועגן), און דער אָבערשאַרפֿירער האָט אַ זאָג געטון צום לאַגער עלטסטן: דער קאַפּאָ, ער מוז זיין אַ נייער. ער שלאָגט, אָבער ער טוט עס ווי אַ האָן וואָס פֿאַלט אָן אויף אַ הון — פּאַט־פּאַט־פּאַט. ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ פֿעט געלעכטערל. — שלאָגן איז ניט . . . שלאָגן דאַרף מען קענען!

— דאָס וועלן מיר אים שוין אויסלערנען, — האָט דער לאַגער עלט־סטער געענטפֿערט מיט אַ צוזאָגנדיקן שמייכל.

דעם זעלבן אָוונט האָט בערל סטאָלפּנער געקראָגן זיין לעקציע, מ׳האָט אים גענומען אויפֿן „באָק״. ביז עלף האָט ער נאָך געציילט אין דער הויך. נאָכדעם? וואָס נאָכדעם איז געווען האָט ער ניט געוווּסט, ער האָט אַפֿילו ניט געוווּסט צי האָט מען אים געגעבן די פֿולע פֿופֿצן שמיץ, אָדער מ׳האָט אים געשיינקט אַ פּאָר, ער האָט יאָ געוווּסט אַז ביז די עלף האָט ער נישט געשריגן. ניין, דאָס מאָל האָט ער נישט געשריגן. שפּעטער, ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער ניט געקרעכצט, דער גאַנצער קערפּער — איין אָפֿענע וווּנד, וואָס האָט געשמאַרצט, געברענט, דער קאָפּ איז אָבער געווען קאַלט, לויטער און קלאָר, ער האָט געטראַכט: וויפֿל מאָל האָט ער שוין געקראָגן געשלאָגן? זיי ק ע נ ע ן שלאָגן. שלאָגן קען מען מיט חשק, אַ פֿאַרווײַלונג אַזאַ, אָט ווי דער רויטער יאַן טוט עס; מיט הנאה, ווי דער

געשטופּלטער בערט, ביי ווען די אויגן קריכן שיר ניט אַרויס פון קאָפּ ווען ער טוט עס; קאַלט, ברוטאַל, ווי דער לאַטיש, אָדער גאָר נאַטירלעך, אָט ווי רעדן, שרייען. יאָ, שלאָגן דאַרף מען קענען. און אפשר קען מען אויך נ י ט שלאָגן? ניין, דאָס קען מען ניט. ס׳איז אָדער שלאָג, אָדער . . .

דעם צווייטן „אָדער" האָט ער ניט געוואָלט אָנגעמען. ער׳ט עס נישט אויסהאַלטן, און אויסהאַלטן מוז ער.

אויף מאָרגן האָט ער אַרויסגעפירט זיין קאָמאַנדא צו דער אַרבעט, אָט ווי עס וואָלט נעכטן מיט אים גאָרניט פּאַסירט. יעדער איינער האָט געוווּסט, קיינער האָט אָבער ניט דערמאָנט אַ וואָרט, ער האָט אויך געשוויגן. שטייענדיק דעם גאַנצן טאָג (אָוועקזעצן זיך האָט ער ניט געקענט), האָט ער ווען ניט ווען געכאַפּט אויף זיך אַ קוק פון איינעם, אַ קוק־אָן אָנצווזעניש: אַזוי אַזוי, דיך שלאָגט מען אויך. איינער איז געווען צופרידן — אַ מצוה אויף דיר! דער הונט האָט די ווערט דעם שטעקן, אַ צווייטער האָט באַ־דויערט — קאַפּאָ, פּשוטער שקלאַף, דאָס זעלבע פינצטער מזל. אויףביידערליי קוקן האָבן בערלס אויגן קאַלט געענטפערט — ניט דיין עסק, דו טו דיר דיינס, ווייל אַניט . . .

יענעם טאָג האָט ער דעם שטעקן ניט באַנוצט. אַלע האָבן עפּעס ווי אָפּגערעדט זיך ניט דערפירן דערצו. אַפילו גאָדל מיט זיינע ברייטע פּלייצעס אויף וועלכע בערל האָט גאַנץ אָפּט אַרונטערגעלאָזט דעם שטעקן האָט גאָר־ניט געטון צו פּראָוואָצירן אים, ער זאָל אויפהייבן דעם שטעקן. זיין גאַנג איז, ווי אַלע מאָל, געווען ברייטלעך, זיין שטעל — וויל איך אַזוי, און טו מיר עפּעס! זיין פּאַרריסענער קוק האָט געזאָגט: דיר אַריינגעפּיצקעט, האַ? גוט אַזוי, ווייס דעם טעם! ער האָט אָבער געאַרבעט געשמאַק און בערל האָט בלויז געזען זיינע ברייטע פּלייצעס, זיינע לאַנגע מוסקוליסטע הענט, ניט דעם געשטופּלטן פּנים, דעם פּאַרריסענעם קוק. אויף מאָרגן, די טעג נאָכדעם, ווען די „ליכט קרוין" אַרום זיין . . . הינטן איז פאַר־שווונדן, און צוזאַמען מיט דעם אויך פאַרשווונדן די קרובהשאַפט צווישן אים און זיין קאָמאַנדא, זיי — שקלאַפן, ער — שקלאַפן טרייבער, און ער האָט געטריבן וויפל מ׳האָט געדאַרפט, וויפל מ׳האָט פון אים געפאָדערט. ער האָט געשלאָגן שוין אָן כעס, אָבער אויך אָן חסד. ער איז מער ניט געווען אין כעס אויף קיינעם, אַפילו ניט אויף זיך, ער האָט אַפילו אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם. וואָס איז דאָ דאָ צו טראַכטן? אַזוי איז עס! ווען ניט ווען האָט אַ פּיק געטון: ווי לאַנג? ווען וועט שוין נעמען אַן עק? וועט ער אויסהאַלטן, דורכהאַלטן?

(2)

ער האָט דורכגעהאַלטן. פון לאַגער איז ער אַרויס אַ געזונטער אויף אַלע אברים. אַרומגעשאַרן, אָפּגעגאָלט, האַלב לייטיש אָנגעטון, האָט ער אויסגעזען ניט עלטער ווי זיינע פיר און דרייסיק יאָר, מער ניט, די ערשטע פּאָר טעג אין לאַגער פאַר די היימלאָזע איז זיין גאַנג געווען אַ נערוועזער, אַט ווי די פיס, דער גאַנצער קערפּער זיינער וואָלט געצוקט, און די אויגן האָבן אַזוי אָפט זיך באַוועגט פון איין זייט אין דער צווייטער אַז זיי האָבן אויסגעזען ווי שיקלדיק. ער האָט געזוכט, און מורא געהאַט אַז ער וועט געפינען „לאַנדסלייט" פון יענעם לאַגער, פון קאַצעט.

קיין „לאַנדסלייט" האָט ער ניט אָנגעטראָפן, אַ לאַנדספרוי האָט ער יאָ געפונען. ער אַ בענדינער, זי אַ סאָסנאָוויצער, גיטל קויפמאַן; זי האָט פאַרלאָרן דעם מאַן, די גאַנצע משפחה, ער די ווייב און זיין משפחה; איר מאַן האָט געהאַט אַ גאַלאַנטעריי קרעמל, ער — אַ באַקאַליי קרעמל, גלייכע מיוחסים, מער ניט, זי האָט פאַרמעגלעכע קרובים אין אַמעריקע, ער האָט קיינעם. דעם אַמעריקאַנעם יחוס איז געווען ניט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט, פונדעסטוועגן האָט מען זיך צונויפגערעדט אַז ווען זי וועט נאָכאַמאָל שרייבן צו אירע קרובים מכוח אַ וויזע, אַריבערברענגען, זאָל זי שרייבן אַז די וויזע דאַרף זיין אויפן נאָמען פון גיטל און בערל סטאָלפּנער און, פאַרשטייט זיך, מ׳וועט שטעלן אַ חופה כדת וכדין.

און אַזוי איז געווען. ווען די וויזע איז, אין משך פון עטלעכע חדשים, אָנגעקומען איז שוין געווען אַן אָנזאָג אויף נאָך אַ סטאָלפּנער, פאַר דעם אָנזאָג האָט מען אָבער קיין וויזע נאָך ניט געדאַרפט, האָט זיך דאָס פּאָר פּאָלק געזעצט אויף דער שיף און מיט מזל אָנגעקומען קיין ניו יאָרק.

גיטלס קרובים, דער פעטער ברוך (באַרני) אַמסטערדאַם, איר טאַטנס אַ ברודער, אַ ייד אין די זעכציקער, האָט זיך שוין צוריקגעצויגן פון געשעפט, געלעבט פון דירה געלט וואָס זיינע פיר געביידעס האָבן אים אַריינגעבראַכט, איז געווען זייער פריינטלעך צו איר און אויך צו בערלען. בערל איז דער עיקר אים געפעלן געוואָרן פאַר זיין זעלבסטשטענדיקייט. ער האָט אים אַ פרעג געטון וואָס ער דיינקט צו טון, האָט בערל מיט אַ זיכערן טאָן אים געענטפערט: ניט פאַרפאַלן ווערן. אַרבעטן. וואָס פאַר אַן אַרבעט? וואָס איז דער חילוק? אַבי פאַרדינען אויף צום לעבן. גוט, אַזוי דאַרף זיין. אַבי ער האָט געהאַט אַ חשד אַז פון דאָרטן . . . קומען זיי צעבראָכענע, דערשלאָגענע, דערוואַרטן די קרובים זאָלן זיי אויסהאַלטן,

וואַרפֿן זיך אַרויף אויף יענעם, דער אַ וועט שוין באַשטיין זיין שטעטל, און גיטל?

מיט גיטלען האָט זיין ווייב נחמה ניט אַזוי גוט געשטימט. הער אַ מעשה! זי גיט איר איר׳ס אַ קלייד פֿון פֿאַראיאָרן, אפֿשר געטראָגן אַכט מאָל, טאַקע ניט מער, און זי — אַ דאַנק! איך קען דאָס קליידל ניט טראָגן. — באשר בכן, אויס מאָדע, פֿאַראיאָרן האָט מען געטראָגן קורצע קליידלעך, איצטער טראָגט מען לאַנגע. דאָס איז שוין אַ . . . חוצפּה! בעט־לער קענען ניט זיין קיין איבערקלייבער.

בערל און גיטל זיינען ניט געווען קיין בעטלער. דער פֿעטער האָט פּאָר זיי געדונגען אַ דירה, אויסמעבלירט, געגעבן אויף אַ וואָך צום לעבן, דאָס האָט מען דאָך געמוזט, דעם ערשטן מאָנטיק פֿון דער צווייטער וואָך איז שוין בערל געשטאַנען אין אַ ביליקן רעסטאָראַן און געוואַשן געשיר.

די פּראָפֿעסיע האָט געהאַט אַ סך מעלות. ערשטנס — ער האָט זי גלייך געקראָגן; צווייטנס, מ׳קען אויסקומען אָן לשון, ענגליש, הייסט עס; דריטנס, קריגט מען זעקס דאָלאַר אַ טאָג מיט ע ס ן! דאָס עסן, דאָס איז גאָר אַ מתנה פֿון גאָט. אוי עסט מען אין אַמעריקע! היינט וואָס מ׳וואַרפֿט אַרויס! אויף דעם וואָס אַמעריקע וואַרפֿט אַרויס וואָלט אייראָפּע געקענט לעבן. בערלען האָט פּשוט וויי געטון דאָס האַרץ צוזען ווי מ׳וואַרפֿט אַרויס ברויט, קאַרטאָפֿל, אַפֿילו פֿלייש! ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן, ער האָט געמוזט אַריינכאַפּן אַ שטיק פֿלייש, עס איינגעוויקלט אין אַ סטירקע און אַריינגעפּאַקט אין בוזים. איידער זיי זאָלן אַרויסוואַרפֿן וועט ער, גיטל בעסער אַריינוואַרפֿן . . . דאָרטן . . . אַ שטיקל פֿלייש! וואָס פֿלייש? אַ ביין! אַ געפּרוירענע קאַרטאָפֿליע!

דער דאָרטן — אויסגעמעקט. דאָ! און דאָ איז קיין תכלית צו שטיין און וואַשן געפֿעס. דריי, פֿיר וואָכן — גענוג. ער האָט שוין געקענט גענוג ענגליש צו שטיין הינטער אַ „לאָנטש קאַונטער״, מאַכן אַ סענדוויטש, דער־לאַנגען אַ טעפּל קאַווע, און טאַקע געקראָגן בעסער באַצאָלט אויך, און דער עיקר — ער האָט זיך באַקענט מיטן פֿאַך. ניט קיין שלעכט געשעפֿט אַ רעסטאָראַן, ווען ער קען נאָר קריגן אַ ביסל געלט . . .

נאָך אַ זעקס חדשים אַרבעטן ביי יענעם, געווען איז דאָס צו אשרל׳ס ברית — אַ יינגל אַ גאָלד! — דער פֿעטער איז געקומען צו דער שמחה, האָט בערל מיט אים אַ רעד געטון וועגן דעם רעסטאָראַנדל וווּ ער האָט גע־אַרבעט, דער באַלעבאָס וויל פֿאַרקויפֿן, איז קראַנק, מיט עטלעכע הונדערט דאָלאַר מזומן . . .

דער פעטער האָט זיך געלאָזט רעדן. ער האָט אויסגעפרעגט אַלע איינצלהייטן. — אינגאַנצן, זאָגסטו, צען פּוס פּראָנט, און ניט מער ווי פּופצן ביינקלעך? הם . . . עס וואַרפן זיך דורך אַ צוויי הונדערט מענטשן אַ טאָג? לאָמיר זאָגן, אַ דורכשניט פון דרייסיק סענט אַ מענטש. מער זאָגסטו? מיר רעכענען אויף טריפה, און די רענט? ביים דרך. דאָ אַ „ליעס" ? ניט שלעכט. די פראַגע איז צי קענסטו אַליין פירן אַזאַ געשעפט? איין זאַך אַרבעטן ביי יענעם, אַ צווייטע זאַך אַליין פירן אַ געשעפט, מ'דאַרף וויסן, מ'דאַרף קענען, מ'דאַרף . . .

— וואָס איז דאָ צו וויסן, פעטער? איך ווייס איין זאַך, אַ מענטש קומט אַריין אין רעסטאָראַן אַ וואָלף — גיב אים ג ל י י ך עסן, די מינוט! אָפּגעגעסן, איז ער אַ חזיר, אָדער ער זיצט און רויכערט זיך געמיטלעך, כאָטש מ'שטייט און מ'וואַרט אויף זיין ביינקל, אָדער ער גייט באַצאָלן און שטעלט זיך דינגען: מ'האָט אים איבערגערעכנט אַ ניקל. אַז ער האָט גע־טרונקען אַן עקסטראַ טעפּל קאַווע האָט ער גאָר פאַרגעסן, און רעכענען פאַר נאָך אַ טעפּל קאַווע? אַז מ'שמועסט אַ חזיר איז דאָך נישט שייך, אָבער חזיר האָר איז אַ גאַנגבאַרע סחורה, און שערן קען איך, פאַרלאָזט זיך אויף מיר.

דער פעטער האָט געגעבן אַכט הונדערט דאָלאַר. אויף וועקסלען, פאַר־שטייט זיך, מיט פּראָצענט אַפילו, אויסגעשטעלט — יעדן חודש אַ הונ־דערטער, געטון האָט ער עס אָבער ניט לשם געשעפט. זיינע געשעפטן בריינ־גען אים אַריין מער ווי זעקס פּראָצענט און דאָס געלט איז אַ ביסל זיכערער ווי אין בערלס רעסטאָראַן געשעפט, אָבער דער בערל געפעלט אים, ער האָט אַמביציע, מוט, און נישט קיין שלעכטן קאָפּ אויף די פּלייצעס, אים אַ ביסל אַרויסהעלפן, וועט ער . . . גיטל האָט געטון אַ גוטן שידוך. און דער אָשרל, אַ טייער יינגל, אים וועט ער געבן אַ מתנה באַזונדער, ער'ט אים קויפן אַ רעגירונגס באָנד, טאַקע אויף זיין נאָמען.

און אַ ברית איז געשלאָסן געוואָרן צווישן דעם נייעם ייד אָשר בן דוב בער און דעם רבונו של עולם; צווישן בערל סטאָלפּנער און זיין פעטער ברוך (באַרני) אַמסטערדאַם; און צווישן דזשעק סטייגער און בערל סטאָלפּ־נער, דעם נייעם באַלעבאָס פון „דזשעק'ס פּלייס", אַזוי האָט זיך גערופן די קליינע קאַרטשעווניע.

בערל האָט דעם נאָמען ניט געביטן. וואָס איז דער חילוק ווער דער קצב איז? די יאַטקע איז דאָ? קיין הינט וועלן נישט פעלן, ער וועט זיי זיכער נישט פאַרטרייבן, אדרבא, ער'ט זיי נאָך צווואַרפן אַ ביינדל, פון

דעם וואָס ביי דזשעקן איז געגאַנגען אין ניוועץ קען ער קאָרמענען אַ גאַנצע עדה. מענטשן — וועלף, חזירים, הינט, אָבער וואָס זיי קומט, קומט זיי. אַז אַ מענטש קומט אַריין אַ הונגעריקער, גיב אים גלייך עסן און טו אים קיין טובה ניט, ער באַצאָלט דערפאַר. נו יאָ, פאַר אַן עקסטראַ שטיקל פוטער איז נאָך צוויי סענט, אומזיסט קריגט מען ביי אים גאָרנישט, סיידן אַ שמייכל. די ערשטע צייט איז עס אים אָנגעקומען שווערלעך, ער האָט געלאַכט פון די אַמעריקאַנער, זיי געשאָלטן פאַר זייער: שמייכל! דאָס מויל צעציט זיך אין אַ שמייכל און פון די אויגן, פון די צ י י ן שרייט אַרונטער אַזאַ רשעות, אַזאַ אַכזריות, אַז... כאָטש נעם און פאַרפאָר אים אין די ציין . . . שמייכל! וואָס לייגגער ער איז געשטאַנען אין געשעפט אַלץ מער האָט ער איינגעזען אַז ווען אַ קונה בעט אַ גלאָז מילך וויל ער ניט קריגן קיין זויער מילך, באשר בכן דער רעסטאָראַטאָר קען זיך ניט צעשיידן מיט זיין זויערן קוק, אַז מע דערלאַנגט די זעלבע גלאָז מילך בסבר פנים יפות איז די גלאָז מילך זיסער, און ער האָט זיך באַמיט דער־לאַנגען די גלאָז מילך מיט אַ שמייכל, גאַנץ אָפט האָט ער גאָרניט געדאַרפט זיך באַמיען. אָט קומט צו פעט צו דער קאַסע. — נו, איר האָט אָנגעקאָרמעט מיין פּ נ י ם, איצט קענט איר מיר אָפּרייסן מיין קעשענע.

— אָפּרייסן ניט, בלויז מאַכן אַ לאָך.

— ווי גרויס אַ לאָך?

— אָה, לאָמיך זען, איר האָט געהאַט . . . אַרום און אַרום — פינף און זעכציק סענט.

— נאָך מיט חסד. זשאָרזש וואַשינגטאָן (אַ דאָלאַר) וועט עס דעקן נאָך מיט אַ סמיטשיק, אָבער וואָס וועל איך טון מיט דעם סמיטשיק? אָט די דריי ציגאַרן, אַ קוואָטער, ניין? דערצו נאָך אַ צוויי פּעקלעך גומי וועט אויסגלייכן דעם חשבון, ריכטיק?

— צום סענט.

— איז אַ־בי־סי־ניע! (אײ׳ל בי סיינג יו. צום ווידערזען.)

אַ מאַך מיט דער האַנט, אַ שמייכל, און גיי שמייכל נ י ט! מענטשן — וועלף, הינט, דאָ אָבער הינט וואָס לאַשטשען זיך, ווילן זיך שפּילן, ניט ווי יענע הינט, דאָרטן . . . און . . . טאַקע דאָ מענטשן, פריינט אַפילו.

מאָנטיק האָט דזשאָהן דאַווענפּאָרט געבראַכט זיין שכירות טשעק, פופ־ציק דאָלאַר מיט סענטן.

— איך ווייס ניט צי האָב איך אַזוי פיל געלט.

— איר גיט מיר נאָר פינף און צוואַנציק דאלאר מיט זיבן און פופציק סענט, די איבעריקע פינף און צוואַנציק דאָלאר האַלט ביי זיך.

— ווילט אַ קבלה דערפאַר?

— אַ קבלה פאַר וואָס?

— פאַר די פינף און צוואַנציק דאלאר.

— איך דאַרף קיינע קבלות, איר האַלט עס בלויז פון מיינעטוועגן.

— איר'ט עס קריגן מאָרגן.

אויף מאָרגן האָט דזשאַהן דאַווענפּאָרט ניט געוואָלט נעמען מער ווי פינף דאָלאר.

— איך האָב דאָס געלט!

— איך ווייס איר האָט עס, אָבער איך וויל ניט נעמען מער . . .

דזשאַהן דאַווענפּאָרט האָט געזען בערל קוקט אויף אים, פאַרדעכטיקט אים אין עפּעס, האָט ער אַ ווונק געטון — נייג צו דעם אויער, און ער האָט אַריינגעסודעט.

— איך האָב אַ ווייב. זי איז אַ גוטע ווייב, אָבער זי האָט די שלעכטע געוווינהייט אויסטרייסלען יעדע נאַכט מיינע קעשענעס. איך האָב קיין פאַראיבל אויף איר, ווייל איך האָב די שלעכטע געוווינהייט נעמען אַ שנעפּסל, אָדער גאָר זיך אַריינכאַפּן אין אַ פּאָוקער קלייזל און פאַרלירן ניט נאָר די פאָר דאָלאר, נאָר די הויזן אויך, פונדעסטוועגן אַז זי ליידיקט אויס די קעשענע און טיילט מיר נאָכדעם אויס אַזוי פיל אויף עסן, אַזוי פיל אויף רויכערן, אַזוי פיל אויף פאָר־געלט, ווייל איך ניט ליידן, עס איז, ווי זאָגט מען, אי היזק אי בושה. טאָ זייט איר מיין באַנקיר, איך צי אַרויס פון באַנק יעדן טאָג אַ פינפערל. איך גיב עס ניט אויס יעדן טאָג. וואָס דאַרף איך אַ פינפערל? איין מאָלצייט, ציגאַרעטן, אַ שנאַפּס, צי אַ ביר. דאָס איבעריקע נעמט זי סיי ווי אַרויס, אָבער דאָס אַרט מיך שוין ניט, איך האָב מיר געהאַט מיינס, און אַמאָל, אַז איך קען ניט ביישטיין דעם יצר הרע, כאַפּ אַריין אַ קערטל און, ווי דער שטייגער, איך פאַרליר, איז עס איר שלימזל, זי קען ניט נעמען וואָס איז ניטאָ. איז עס, וואָלט איך זאָגן, אַ צווייענדיקע באַוואָרעניש, אי קעגן מיין ווייב, אי קעגן זיך אַליין, אַז איך האָב אין קעשענע קיינמאָל ניט קיין גאַנץ פינפערל וועל איך שוין מער ווי פינף דאָלאר אין קאָרטן ניט פאַרלירן. איצט פאַרשטייט איר שוין?

בערל האָט פאַרשטאַנען, ער האָט זיך אָבער געפילט שולדיק קעגן דזשאַהן דאַוועגפּאָרט, ער האָט אים געצוווּנגען דערציילן וועגן זיין לעבן,

זיין ווייב . . . און ער וויל ניט בלייבן שולדיק דזשאַהנען. — די ווייבער, זיי האָבן אַלע די שלעכטע געוווינהייט — אויסליידיקן דעם מאַנס קעשענעס.

— אייער ווייב אויך? — האָט דזשאַהן דאַווענפּאָרט זיך דערפרייט וואָס ער האָט געפונען אַן אח לצרה.

בערל וואָלט געוואָלט זאָגן: וואָס דען מיינסטו? בלויז דו האָסט אַ ווייב אַ צרה? ער קען אָבער ניט קריוודען גיטלען, אַפילו אין דזשאַהנס אויגן. — זי טוט עס ניט דירעקט, אָבער זי ליידיקט זיי אויס סיי ווי, איך פאַרדין דאָס געלט און זי גיט עס אויס. ערשט מיט אַ פיר וואָכן צוריק איז זי געליגן געוואָרן, געהאַט אַ מיידעלע, אַ שיין קינד, אַ מחיה צו קוקן דאַרויף, אָבער דער קימפּעט, שפּיטאָל, דאָקטאָר, האָט אָפּגעקאָסט אַ פאַר־מעגן.

אַ סוד פאַר אַ סוד, איצט קען ער שוין קוקן דזשאַהנען אין די אויגן.

— איר האָט געקראָגן אַ מיידעלע און איר האָט גאָרניט דערציילט וועגן דעם! דאָס איז . . . דאָס איז . . . מזלדיקער הונט! ווי גרויס איז דאָס קינד?

— אָה, זי איז שוין אַ גרויסע מויד, געוואָרן פיר וואָכן. ווען זי איז געבוירן געוואָרן האָט זי געווויגן זיבן פונט מיט זעקס אונצעס, איצט מוז זי שוין וועגן . . . זאָגן דעם אמת, ווייס איך ניט וויפל זי וועגט איצטער, אָבער זי זעט שוין אויס אַ גאַנצער מענטש. ווילט אַ קוק טון אויף איר? דאָ האָב איך אירס אַ בילדל.

דזשאַן האָט זיך גאָרניט געקענט זאַט אָנקוקן. — זי איז דאָך אַ שיינ־קייט! אַ מחיהדיק נפשל, בנאמנות, אַ טייער קינד . . .

דער טאַטע פונם קינד האָט געשמייכלט מיט אַ שטאָלצן פאָטערלעכן שמייכל, איבערנעמענדיק דאָס בילדל פון דזשאַהנס פינגער, האָט ער דער־זען זיין פאַרביינקטן קוק, דערהערט: מזלדיקער הונט, און אים האָט אַ צופּ געטון ביים האַרצן. ער האָט פאַרשטאַנען, דערפילט אַז דער „מזלדיקער הונט״ איז ניט נאָר אַמעריקאַנער סלענג, אַפילו ניט סתם קנאה, נאָר קענטיק אַן אָנגעווייטיקטער עניך, ער האָט אַפּנים קיין קינדער, קיינמאָל ניט דערמאָנט, און ער׳ט אים ניט פרעגן, פאַרשטייט זיך, און דזשאַהן איז שוין געווען ניט קיין וואָלף אָדער הונט ביים אַריינקומען עסן, ניט קיין חזיר ביים אַרויסגיין אַ זאַטער, אַפילו ניט סתם אַ פרעמדער מענטש, נאָר אַ פריינט וואָס פאַרטרויט אים זיינע צרות וועגן ווייב, קינדערלאָזיקייט . . .

— גיט מיר נאָך אַ פינפערל! — האָט דזשאַהן פלוצלינג אַרויסגעזאָגט שאַרף, איבערשניידנדיק די נאָר וואָס געשאַפענע אינטימיטעט.

— וואָס, ריכט זיך אויף אַ פּאָוקערל?

— פּאָוקער? — פֿאַרחידושט, און גלייך אַ פֿאַרשוועררישער שמייכל.

— יאָ, גאַנץ מעגלעך. סיי ווי, איך דאַרף עס האָבן.

— איר דאַרפֿט עס וועט איר עס קריגן. דאָס געלט איז אייערס. — בערל האָט אים דערלאַנגט נאָך אַ פֿינפֿערל.

אויף מאָרגן, באַלד נאָכן עסן, האָט דזשאַהן באַצאָלט און, ערשט ווען ער האָט אַריינגעלייגט די רעשט אין קעשענע, האָט ער דערלאַנגט בערלען אַ פּעקעלע.

— וואָס איז דאָס?

— פֿאַר אייך. פֿאַר איר . . . אייער מיידעלע . . .

בערל האָט געהאַלטן דאָס פּעקעלע, געקוקט אויף דזשאַהנען, דזשאַהן האָט מיט אַ שמייכל געקוקט אויף בערלען, איבערגעפֿירט די אויגן צום פּעקל — עפֿן אויף! בערל האָט געעפֿנט דאָס פּעקל, אַרויסגענומען אַ שיין געשטריקט סוועטערל.

— פֿאַר איר! — האָט דזשאַהן געשמייכלט. — זאָגט איר, דאָס האָט איר געגעבן דער פּעטער דזשאַהן, עס וועט איר געפֿעלן ווערן.

— אָה, עס איז שיין, זייער שיין! און אַ שיינעם דאַנק, אָבער ווי גיט מען דאָס אויס אַזוי פֿיל געלט אויף . . .

— נאָ־נאָ, ניט געבעבעבעט! איך האָב געוואָלט איר געבן אַ מתנה און, איבעריקנס, איז עס גאָר ניט מיין געלט, עס איז אירס. פֿאַרשטייט איר מיך, איך האָב טאַקע אַריינגעכאַפּט אַ קערטל. זעצנדיק זיך צום טיש האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט: דאָס שפּיל איך פֿון אירטוועגן, און זי, אַ מזלדיק קינד, איך האָב געוווּנען, אַ זאַך וואָס פּאַסירט זייער זעלטן, איצט זעט איר שוין?

— אַ דאַנק, אַ שיינעם דאַנק!

— פֿאַרגעסט ניט איר זאָגן: פּעטער דזשאַהן דאַווענפּאָרט.

און דזשאַן דאַווענפּאָרט איז געוואָרן „אַנקל דזשאַהן". יאָ, נאָך דאָ מענטשן אויף דער וועלט, פּריינטלעכע, האַרציקע מענטשן. אָבער אויך דאָ הינט. אַפֿילו דאָ. הער אַ מעשה. ביים איבערנעמען דעם רעסטאָראַן איז די אַרענדע געווען אויף נאָך צוויי יאָר מיט דריי חדשים. פֿיר וואָכן איידער די אַרענדע איז אויסגעגאַנגען האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ קליין אויסגעדאַרט פֿאַרשוינדל. — זייט איר מר. סטאָלפּנער? מיין נאָמען איז דאָרן, איך בין דער אייגנטימער פֿון דער געביידע. איר ווייסט מסתם אַז די אַרענדע גייט אויס אין אַ חודש אַרום, איז אויב איר ווילט דאָ

שטיין ווייטער דאַרף די אַרענדע באַנייט ווערן. האָב איך דאָ מיט זיך אַ קאָנטראַקט, אויב איר ווילט אים אונטערשרייבן . . .

בערל האָט געפּרוּווט לייענען דעם קאָנטראַקט, אָבער די שפּראַך אַזאַ, אַז ער האָט ניט פאַרשטאַנען אַ וואָרט ביז ער איז געקומען צו די ציפערן. דאָס האָט ער שוין יאָ פאַרשטאַנען, ער האָט אָבער ניט געקענט באַגרייפן ווי נעמט עס אַ מענטש און טוט אַזאַ זאַך, פון פינף און זיבעציק דאָלאַר אַ חודש, וואָס ער האָט געצאָלט ביז איצט, וויל מען אים העכערן דאָס ערשטע יאָר אויף הונדערט פינף און צוואַנציק, דאָס צווייטע — הונדערט און פופציק, דאָס דריטע — הונדערט פינף און זיבעציק. דאָס איז דאָך גזלאָוואַיע!

— נו? — האָט דער באַלעבאָס אומגעדולדיק אַ זאָג געטון, ווען ער האָט געזען ווי בערל לייגט צונויף דעם קאָנטראַקט.

— אייך זאָגן דעם אמת, ווייס איך נישט וואָס צו זאָגן, — האָט בערל געשטאַמלט, מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן דעם כעס. — איך האָב געלייענט, געלייענט, אָבער דעם אמת געזאָגט, ווינציק וואָס פאַרשטאַנען.

— וואָס איז דאָ ניט צו פאַרשטיין? אַלץ איז קלאָר.

— אפשר פאַר אייך איז עס קלאָר, איכ'ל עס דאַרפן איבערלייענען נאָכאַמאָל, שפּעטער, אין דערהיים, און אפשר גאָר זיך באַראַטן מיט מיין אַדוואָקאַט.

דער „מיין אַדוואָקאַט" איז שוין געווען אַן אַמעריקאַנער מעשה, אַ מדינה, וווּ יעדער איינער האָט זיך „זיין" אַדוואָקאַט. זינט ער איז אין אַמעריקע האָט ער נאָך קיין אַדוואָקאַט ניט אָנגעזען אין די אויגן, און הלוואי ווייטער, נאָר גאַרניט, זאָל אָט דער הונט ניט מיינען אַז ער האָט צו טון מיט אַבי וועמען, וואָס איז דאָס, הפקר פּעטרישקע?

— פון מיינעטוועגן קענט איר זיך באַראַטן אַפילו מיט אַ ריכטער, איך וויל אָבער צוגעבן עפּעס וואָס איז אין קאָנטראַקט ניט פאַרשריבן: פאַר באַנייען דעם קאָנטראַקט אַ באָנוס פון פינף הונדערט דאָלאַר.

— חוץ דירה געלט?

— דירה געלט איז דירה געלט, און דאָס איז שליסל געלט.

— שליסל געלט!

— נו יאָ, שליסל געלט. שטעלט זיך פאַר איר האָט דעם קאָנטראַקט און איר ווילט פאַרקויפן דאָס געשעפט וואָלט איר ניט גערעכנט דעם קויפער עטלעכע הונדערט דאָלאַר שליסל געלט? אודאי וואָלט איר גערעכנט, איז דער שליסל אפשר טאָקע אייערער, אָבער דער „שטאָל"

איז מיינער, — האָט מר. דאָרן זויער אַ שמייכל געטון, גיבנדיק אַן אָנצוהערעניש: ווען עס קומט צו פערד גנבים בין איך אַזאַ געניטער גנב ווי דו. — איז . . . ?

אים אַ שמיץ טון דעם קאָנטראַקט אין פּנים. אים אָננעמען פאַרן קאָלנער, דערלאַנגען אַ קני אין הינטן און . . . ער האָט עס ניט געטון, אדרבא, ער האָט אַ שמייכל געטון. — גוט וואָס איר האָט עס מיר געזאָגט. לאָזט דעם קאָנטראַקט, אים גוט איבערלייענען, זיך מישב זיין, איך לאָזן וויסן אין אַ פּאָר טעג אַרום.

— איך וועל דאָ זיין איבערמאָרגן.

— גוט.

— אַ גוטן.

בערל האָט אַפילו ניט געענטפערט אויפן גוטן טאָג. אַזאַ הונט מיט אויערן! אַזאַ... העכערן צוויי מאָל אַזוי פיל און נאָך אַ באָנוס דערצו. שליסל געלט! אפשר טאַקע פאַרקויפן? די פּופּצן צעפּאָרענע ביינקלעך, דאָס טייערע „זילבער”? צי די גליקן וואָס ער מאַכט דאָ? איצט שלאָגט ער נאָך אויס זיינע פופציק־זעכציק דאָלאַר אַ וואָך פאַר זיינע דרייצן שעה אַ טאָג, חוץ צוויי שעה פאַרן, אָבער מיט דירה געלט צוויי מאָל אַזוי פיל! אַרבעטן פאַר דעם מר. דאָרן, אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין. ער׳ט ניט באַנייען דעם קאָנטראַקט. מ׳האָט אים אין ד׳רערד. אַזאַ הונט!

דער פּעטער איז ניט נתפּעל געוואָרן. רענט שטייגט, דאַרף שטייגן. אַלץ גייט אַרויף, פאַרוואָס ניט רענט? צוויי מאָל אַזוי פיל איז שוין אַ ביסעלע צו הויך, און דער באָנוס איז שוין גאַרניט שיין, איז פון באָנוס קען מען אים אפשר אָפּריידן, אָבער די רענט . . . מוזן העכערן די פּרייזן אויפן עסן, דאָס אַלץ וואָס מ׳קען טון.

דעם פּעטערס רייד זיינען בערלען ניט געפעלן געוואָרן. אָט האָסטו דיר, דוכט זיך אַ ווילער מענטש, אָבער אַ „לענדלאָרד”, איינער האַלט פאַרן צווייטן, יד אחת. אים אפשר גאָר ניט געדאַרפט דערציילן. ער וואָלט עס טאַקע ניט דערציילט, ווען ער וואָלט ניט געהאַט עפּעס אַנדערש אין זינען.

— איך גלויב איך קען יאָ עפּעס טון.

— מיינסט מיטן באַלעבאָס?

— ניין, אים האָב איך אין ד׳רערד. אין יענעם שטעלעכל וועל איך מער ניט שטיין, אַפילו ווען ער גיט עס מיר אומזיסט.

— דאָרטן אויסגעמאַכט נישט שלעכט. באַצאָלט די חובות, געלעבט און, אויב איך מאַך קיין טעות, נאָך אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר דאָלאַר אויך.

— דאָס איז זיך אמת, אָבער וואָס איז מכוח די שטונדן וואָס איך האָב דאָרטן אַריינגעלייגט, פון זעקס אינדערפרי ביז זיבן פאַרנאַכט, טאָג איין טאָג אויס, איך זאָל וועלן גוט אויסרעכענען וויס איך נישט צי איך האָב פאַרדינט אַ דאלאר אַ שעה. וואָס אַ דאָלאר! אַפילו נישט קיין פינף און זיבעציק סענט וואָס אַ געפּעס וואַשער קריגט. און מיט די געהעכערטע רענט . . . איך וועל ניט אַרבעטן אויף מר. דאָרן, זאָל ער זיך האַלטן מיט זיין „שטאָל".

— אין אַ געשעפט רעכנט מען ניט קיין שטונדן, און אפילו ניט וויפל עס קאָסט, די הויפּט זאַך וויפל דאָס ברענגט אַריין. גוט, מיר'ן זאָגן דו גייסט אַוועק, וואָס וועסטו טון מיט דער אויסשטאַטונג? וועסט עס גיין פאַרקויפן וועסטו אפשר קריגן צען סענט אויפן דאָלאר, און אַרויסנעמען פון דאָרט האָט עס דאָס אויך ניט די ווערט.

— איכ'ל בדאַי אַרויסרייסן די פופצן צעפּאָרענע ביינקלעך, די אַלטע פּליטע מיט אַלץ מיט אַנאַנדער, פאַרקויפן פאַר אַ שיבוש, אַרויסוואַרפן אין דרויסן, אַבי זיין פּנים ניט אָנקוקן.

— האָסט באַצאָלט גוטע געלט דערפאַר. — דעם פעטערס קוק — איך האָב דיר דאָס געלט געגעבן.

— דאָס וויס איך, — האָט בערל שוין ניט אָן שטירדעס געענטפערט, געבנדיק אָנצוהערעניש: איך האָב דיר באַצאָלט ביז אַ סענט, — אָבער, אַז איר'ט מיך פרעגן, וועל איך אייך זאָגן — דאָס האָב איך געצאָלט רבי געלט, איצטער . . .

— געדיינקסטו, ווען דו האָסט גענומען רעדן וועגן קויפן דעם פּלאַץ, האָב איך דיך געפרעגט: וואָס ווייסטו וועגן רעסטאָראַנען? האָסטו מיר געענטפערט: אַ מענטש קומט אַריין אין רעסטאָראַן אַ וואָלף, גייט אַרויס אַ חזיר. מיר איז דער ענטפער געפעלן געוואָרן. דאָ אַ ביסל אמת אין דעם. איצטער זאָגסטו האָסט עפּעס געלערנט, אינטערעסאַנט צו וויסן וואָס אַזוינס האָסטו טאָקע געלערנט?

בערל האָט אַ קוק געטון אויפן פעטער, דערזען אַ שפּאָטישן, אָבער גוטמוטיקן שמייכל און ער האָט אויך אַ שמייכל געטון: אין ים זיינען דאָ אַלערליי פיש, אויף דער וועלט אַלערליי חיות, וועלף, חזירים, הינט און אויך מענטשן. יאָ, דאָ מענטשן אויך. איך וואָלט אייך געקענט דערציילן היפּשע עטלעכע מעשות, אָבער מיר'ן דאָס לאָזן אויף אַן אַנדער מאָל. איך

האָב באַשלאָסן יענס פּלאַץ אויפגעבן. איך וועל עפּענען אַ פ י י נ ע ם רעסטאָראַן, און דוקא אין די בראָנקס, און דוקא אַ יידישן רעסטאָראַן. אַזוי ווי עס טאַקע הייסן — ד ע ר י י ד י ש ע ר רעסטאָראַן. און ניט נאָר די ווייבער און מענער פון גרענד קאָנקורס און די אַרומיקע גאַסן, נאָר פון גאַנצן שטאָט וועט מען קומען צו מיר עסן אַ יידישן מאָלצייט. ניט קיין כשרער רעסטאָראַן, די בראָנקסער יידן זיינען ניט אַזוי מקפּיד אויף כשרות, זיי ווילן אָבער געפילטע פיש, קרעפּלעך, בלינצעס, פּראַקעס, עסיק פלייש, און איכ׳ל זיי געבן זייערע מאכלים, זיי׳ן אַזש לעקן די פינגער. האָב שוין אַפילו אַ קאָכער. אַ מאַן, אַ בריה אַ קאָכער. ער וויל אַ סך געלט, די ערשטע פיר וואָכן צו הונדערט דאָלאַר, נאָכדעם מער, אָבער עס וועט זיך באַצאָלן. איך פּלאַנעווע אַ פּלאַץ אויף הונדערט ביינקלעך. אויסשטאַטן אַזאַ פּלאַץ וועט קאָסטן אַ שיינע פּאָר דאָלאַר. איך רעכן עס זאָל אַריינטרייבן אין פינף טויזנט דאָלאַר, עס וועט זיך אָבער באַצאָלן. און געלט? איז אַזוי, אַ דריי טויזנט דאָלאַר האָב איך, און די איבעריקע צוויי טויזנט . . .

דער פעטער האָט פאַרשטאַנען און . . . צוגעזאָגט אַרויסהעלפן, מער ניט, ער האָט געראַטן אַז איידער ער נעמט זיך עפּענען אַ נייעם פּלאַץ זאָל ער זיך גוט מיישב זיין. אָפּשניידן זיך אַליין די נאָז יענעם אויף צו להכעיס איז אַ קנאַפּע חכמה. אויב ער וועט זיך ניט איילן קען ער פּאָרט קריגן אַ קונה אויפן אַלטן פּלאַץ, און וואָס ער וועט אַרויסקריגן וועט זיין ווי געוואונען.

בערל האָט אויסגעהערט דעם פעטער און געטראַכט: אָט דער פעטער זיינער איז טאַקע אַ „לענדלאָרד״, דאַוונט אין איין שול מיט דעם מר. דאָרן, פונדעסטוועגן . . . אין ים זיינען דאָ אַלערליי פיש, אויף דער וועלט אַלערליי חיות — וועלף, חזירים, הינט און אויך מענטשן . . .

(3)

אַ זוניקער זונטיק אין אָקטאָבער. דער וואָרעמעס אין בערל סטאָלפּנערס יידישן רעסטאָראַן האָט זיך אָנגעהייבן שפּעט, אַרום איינס, האַלב נאָך איינס, און זיך געצויגן ביז אַרום נאָך פיר, פינף אַזייגער האָבן זיך שוין אָנגעהויבן ווייזן די פריע וועטשערע עסער, אַזוי אַז די סאַרווער האָבן אַפילו קיין צייט ניט געהאַט אויסרוען אַ ביסל זייערע אָנגעלאָפענע פיס און אויך בערל, הגם ער איז ניט אַרומגעלאָפן ווי די סאַרווער, איז אויך געווען מיד, ניט אַזוי מיד, ווי אָפּגעלאָזט, שיר ניט דערשלאָגן.

זען אַ סך מענטשן עסן איז פּאַר בערלען געווען אַן אָפּקומעניש. ער איז געשטאַנען ביי דער קאַסע, צוגעקוקט ווי מענטשן קנייפּן דעם ברויט, רייסן מיט די הענט די שטיקלעך עוף, מיט די ציין די שטיקער פליש, און ער האָט דערזען די זעלבע מענטשן אין געטאָ, אין קאַצעט. די ווייבער אָן גוידערס, די מענערישע פּנימער, פּליכעס — ניט קיין גלאַנציקע, און געריסן, געביסן האָבן זיי ניט קיין הינער, אינדיקעס און סטייקס, נאָר שטיקלעך טרוקענעם, פאַרצווילעטן אָדער קוואטשעוואַטן ברויט, איבער־געפּרוירענע קאַרטאָפּליעס, אָדער גאָר גראָז, יאָ, גרין גראָז . . .

פּאַרוואָס איז אים גראַדע היינט געקומען אויפן זינען דער „קאַצעט”? ער האָט דאָך שוין אַזוי גוט ווי פאַרגעסן אָן דעם. פאַרגעסן. עס רעדט זיך אַזוי. פאַררוקט, פאַרשטעקט, באַהאַלטן, ניט געקוקט אַהין. די ערשטע צייט, ווען ער האָט נאָך געאַרבעט ביי דזשעקן, האָט ער ניט איין מאָל געגנבעט אַ וווּרשטל, אַ שטיקל פליש, אַפילו אַ שטיקל ברויט: ער האָט ניט געקענט זיך אָנעסן צו זאַט, און אַפילו ווען ניט הונגעריק, האָט ער געפילט אַז ער מוז נעמען, באַהאַלטן אויף מאָרגן . . . נאָכדעם, ווען ער איז שוין געווען באַלעבאָס פאַר זיך, עסן איז געווען לרוב, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט צאַמען זיך ביים עסן, ניט כאַפּן, שלינגען, שיר ניט צום דערוואַרגן ווערן. איצט קען ער שוין עסן רויק, געלאַסן, ער קען שוין אַפילו דורכלאָזן אַ מאַלצייט, וואָס ער קען נאָך אַלץ ניט, איז איבערלאָזן עפּעס אויפן טעלער, זיינער אַ טעלער קומט אַרויס אויסגעווישט, אויסגע־וואַשן . . . אפשר די פולע טעלער מיט די בערגלעך הינערשע ביינדלעך, די שטיקלעך פליש און פעטס, וואָס מ׳האָט צוריקגעטראָגן אין קיך אַריין, אַרויסגעוואָרפן אין די גרויסע מיסט קאַנען, אפשר דאָס אָ האָט אים דער־מאָנט אָן „דאָרטן” . . .

אַ שווערער מיטיק געווען. דאָס לויפעניש, דער טומל, דער עיקר אַרום די פאַמיליע טישן מיט די קינדער . . . ער האָט אַ פּיר געטון מיט די פינגער איבער די צאָל־צעטעלעך אָנגעשטעקט אויף דער שפּיטשקע ביי דער קאַסע, זיכער אַ צוויי הונדערט. פינף הונדערט דאלאר, אין גרויס־געלט, צוואַנציקער, צענערלעך, האָט ער שוין פאַרשטעקט, און אין קאַסע . . . ער האָט אַן עפן געטון דעם שופלאָד, אַ לישטשע געטון דאָס פּאַפּיר געלט, אַ בליק געטון אויפן מינץ, זיכער אַריבער אַ הונדערט דאלאר. ניט שלעכט. גאָרניט שלעכט. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט אַז דאָ איז דער פּלאַץ, און ער האָט געטראָפן. ערשט זעקס חדשים אַז ער האָט געעפנט און ער האָט שוין אויסגעצאָלט אַ היפּש ביסל חובות. אמת, די אויסשטאַטונג האָט

אַריינגעטריבן אין מער ווי ער האָט גערעכנט, די קיך אַליין האָט אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן, דערפאַר אָבער איז אַלץ דאָרט פון דעם מאָדערנסטן וואָס איז דאָ, עס איז גוט, באַקוועם און שפּאָרט אַ סך אַרבעט. מיט די אַרבעטער אויך געטראָפן. דער קאָכער — אַ מאַדים! צאָלט אים שוין אַ הונדערט מיט אַ פערטל, ער האָט אָבער די ווערט, ער קען . . . ! דער געהילף, אַ פראַנצויז, קען אויך, פון זיינעם אַ סאַלאַט לעקן די קונים די פינגער. בריקעט זיך אַ ביסל, ווייל שפּילן די ערשטע פידל, נו דאַרויף איז דאָך דאָ אַ באַלעבאָס, ער גלייכט שוין ווי עס איז אויס און די צוויי לעבן בשלום. די אַנדערע, די געפּעס וואַשער, אַ פּאָרטאָריקאַנער און אַ פּיליפּינער, לעבן גאַנץ גוט צווישן זיך און טוען די אַרבעט ווי עס דאַרף צו זיין, אַפילו דער „שוואַרצער", וואָס נעמט צו פון די טישן, ראַמט, רייניקט, אויך אַ ווילער בחור. מיט די סאַרווער איז אַ ביסל צרות, רק זיי ווייבען — ניט גענוג „טיפּס", דאָס וואָס ער צאָלט העכערע שכירות: אַריבער דער יוניאָן סקאַלע, דאָס פאַרגעסן זיי, פונדעסטוועגן טוט אים ניט באַנג וואָס ער האָט אָנגעשטעלט מענער, ניט קיין מיידלעך, מענער ספּראַווען זיך בעסער. זיי זיינען מיד, געווען אַ שווערער מיטיק, איצט שטעלט זיך שוין די וועטשערע, די פריע פייגל, איינער ביי אַ טישל, דאָס הרגעט די סאַרווער גאָר אַוועק. אַ רעד טון מיט זיי, אַ ביסל אויפמונטערן . . . ער גייט צו צום הויפּט סאַרווער, צו לואין, וואָס זיצט נאָך, רוט זיך אָפּ דערווייל. — אַ שווערער מיטיק געווען. — זונטיקס זיינען אַלע מאָל שווער. די פאַמיליען טישן מיט די קינדערלעך . . . — אַ מאַך מיט דער האַנט האָט געזאָגט — קיין גוטער ייד זאָל זיי ניט קענען.

— איר האָט דאָך אויך קינדער, ניין?

— צוויי, זאָלן געזונט זיין, אָבער מיין ווייב גייט ניט מיט זיי אין קיין רעסטאָראַן, און זי'ט ניט גיין אויך! מיינע קינדער עסן אין דערהיים! „וועיטער! דערלאַנגט מיר אַן עקסטראַ שיסעלע פאַרן קינדעלע". דערלאַנגסט איר דאָס שיסעלע, דערמאָנט זי זיך אַז זי דאַרף אַ טעצעלע אויך. גיסט איר אַלץ, דערלאַנגסט איר אַלץ, פאַר איר, דעם קינדעלע, דעם מאַנעלע אירן, און אַז דער מאַן וויל אָוועקלייגן אַ האַלבן דאלאַר, גיט זי אים איבער דער האַנט. „אַ קוואָטער איז איבערגענוג!" זיך אָנגעפרעסן, קען זיך קוים אויפהייבן, אויפגעפרעסן אַ פינפערל, און דער „טיפּ" — אַ גאַנצער קוואָטער! ווערט נישט גוט פון זיי.

— ווי לאַנג זייט איר אין דער פּראָפעסיע? פערצן יאָר? שוין צייט

איר זאָלט וויסן — אין רעסטאָראַן קומט אַריין דער מענטש אַ וואָלף, גיב אים גלייך עסן, פון רעסטאָראַן גייט אַרויס אַ חזיר.

— גוט געזאָגט.

— יאָ, איך ווייס שוין. אָבער ניט אַלע. דאָ אויך מענטשן, און ווילע מענטשן, נעמט די האַרצפעלדס . . .

— ער איז אַ ספּאָרט, צו אים האָב איך גאָרניט.

— ער איז ניט דער איינציקער. אין דורכשניט איז די קליענטעל דאָ ניט קיין שלעכטע, אַ סך אַ בעסערע ווי אין אַנדערע פּלעצער, אָבער אַפילו די גוטע, ווען זיי קומען אַריין זיינען זיי וועלף, זיי מוזן שוין קריגן עסן. איז איצטער אָ, די וועטשערע הייבט זיך שוין אָן, די סאַרווער זיינען אַ ביסל מיד, דאָס ווייס איך, טאָ גיט אַכטונג אַז לכל הפּחות דעם פאַרשפּייז זאָלן די קונים קריגן וואָס גיכער, איר פאַרשטייט? . . .

— דאַרפט מיר ניט זאָגן. ניט געבוירן געוואָרן נעכטן . . .

— איז טוט אייער בעסט, זיך אויסרוען מאָרגן.

די סאַרווער, מיד ווי זיי זיינען געווען, זיינען געלאָפן פון טיש צו טיש, פון עס־זאַל אין קיך און פון קיך אין עס־זאַל, טראָגנדיק אַ שווערע טאַץ אויף דער פלאַך פון איין האַנט, אָדער גאָר פיר־פינף טעלער יויך אויף איין פאָראַרעם. בערל סטאָלפּנער האָט אויך פאַרלאָזן זיין פּלאַץ ביי דער קאַסע און פאַמעלעך געשפּאַנט פון טיש צו טיש, זיך געגריסט מיט די שטענדיקע קונים, געשמייכלט צו די צופעליקע, דער עיקר אָבער אַכטונג געגעבן צי פעלט ניט עפּעס עמיצן. ער האָט זיך אומגעקערט פון זיין אינספּעקציע טור צו דער קאַסע, ווען ער האָט דערזען — גאָדל איז אַריינגעקומען.

ביידע זיינען געבליבן שטיין מיט אויפגעריסענע אויגן. גאָדל! דאָס לענגלעך רעקל אויף זיינע ברייטע פּלייצעס האָט נאָך לענגער געמאַכט זיין אויבערשטן האַלבן קערפּער, קורצער געמאַכט זיינע קלעצער־דיקע פיס. זיין פּנים? די מראה האָט זיך געביטן. פון בלאָס ווערן ביים דערזען בערלען, ביים אויסרופן: ביסטו גאָר דאָ! איז ער פּאַרפּלייצט געוואָרן רויט, בלויז די שטופּלען אויף זיין פּנים זיינען געבליבן ווייס־גרוי, און פּאָר בערלס פּנים האָט זיך גענומען וויגן אַ רויטע זיפּ, צו זיינע אויערן האָט זיך דערטראָגן: קומט דאָך דיר אַ שלום עליכם! און ער האָט ניט באַוויזן זיך אַ צי טון אויף צוריק, ווי גאָדלס קולאַק האָט אַ קנאַק געטון אין קינבאַק, בערל האָט דערפילט לויזע ציין אין מויל, בלוט, ער האָט זיך אַ וויג געטון, איז אָבער איינגעשטאַנען, זיך פאַרמאָסטן דערלאַנגען

אַ קלאַפּ. דער נידעריקערער גאָדל האָט אַ נורע געטון, אים איינגעקלאַ־מערט אין זיינע אָרעמס, ביידע זיינען געליגן אויפן דיל, זיך געקוילערט, געבוכטשעט.

אין רעסטאָראַן איז געוואָרן אַ מהומה. די מענער זיינען אויפגע־שפּרונגען, פאַרחידושט געקוקט, אַ פּאָר האָבן זיך אַ לאָז געטון צענעמען די זיך ראַנגלענדיקע, די פרויען האָבן גענומען שרייען, קוויטשען: ער׳ט אים דערהרגענען! ער׳ט אים דערמאָרדן! איינע האָט געהאַלטן אין איין ליאַרמען: רופט די פּאָליציי! פאַרוואָס רופט איר ניט די פּאָליציי?!

די סאַרוועו, מיט דער הילף פון נאָך אַ פּאָר מענער, האָבן אָפּגעריסן גאָדלען פון בערלען. גאָדל האָט זיך אויפגעהייבן, שיר ניט אויפגעשפּרונגען, בערלען האָט מען אויפגעשטעלט, איין האַנט זיינע האָט אונטערגעשפּאַרט דעם קין, פאַרשטעלט איין באַק. צווי סאַרוועו האָבן געפּרוווט איינהאַלטן גאָדלען. ער האָט זיך אַ דריי געטון, זיך באַפרייט פון זיי, און מיט אַ פאַלצעטאַ שטימע, ניט צו דערוואַרטן גאָר פון אַזאַ ברייט ביינערדיקן מענטשן, האָט ער אַרויסגעשריען, אַרויסגעקוויטשעט: ער איז געווען אַ קאַפּאָ! ביי היטלערן אַ קאַפּאָ!

איבערן רעסטאָראַן האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אַ שטילקייט. גאָדל האָט מיט די אויגן אַ זוך געטון זיין היטל, דערזען זי, האָט ער זי אויפגעהויבן, זי אַ דריי געטון אין די הענט, אַרויפגעזעצט אויפן קאָפּ. — וואַרט! איכ׳ל דיר נאָך ווייזן! — זיין פאַרקרעמפּטער קולאַק האָט זיך אַ טרייסל געטון, ער האָט זיך אויסגעדרייט, פּאַמעלעך זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. די סאַרוועו, די קונים האָבן ווי געמאַכט אַ וואַרע פאַר אים, ער זאָל פריי אַרויסגיין, אים שטום נאָכגעקוקט.

גאָדל איז אַרויסגעגאַנגען. האָבן אַלעמענס אויגן זיך אַ קער געטון צו בערלען. אויף זיין פּנים איז פאַרגליווערט געוואָרן אַ שמייכל — געכאַפּט אַ חשובן באַלעבאָס אין אַ נפקה בית, מ׳פירט אים אָן הויזן איבערן גאַס, און ער שמייכלט: ס׳איז גאָרניט. ס׳איז גאָרניט . . .

— איר טוט בעסער עפּעס צו אייער קינבאַק, אַ קאַלטן קאָמפּרעס, צי . . .

— ס׳איז גאָרניט. ס׳איז גאָרניט. — ער האָט אַ וויש געטון דעם קינבאַק, דאָס מויל מיטן נאָז טיכל, אַ קוק געטון דאַרויף, און ווידער צוגעלייגט. — ס׳איז גאָרניט. — ער האָט זיך געלאָזט צו דער קאַסע. די קני, די הענט האָבן געציטערט, האָט ער פאַרקרעמפּט די הענט אַרום דעם קאַסע שטענדער, אַ וואָרף געטון מיט די אויגן איבער די טישלעך:

געמעגט שווערן אַז עטלעכע — די צופעליקע קונים — זיינען אין דער מהומה אַרויסגעגאַנגען, ניט באַצאָלנדיק. כאַפּט זיי דער רוח. ערגער איז מיט די וואָס קומען צו צו דער קאַסע.

— איז עס אמת וואָס ער האָט געזאָגט?

— אָה, אַן אַלטער חשבון צווישן מיר און אים . . . — און ער שמייכלט אַלץ, דער שמייכל אַ הילפלאָזער, אַ לעקישעוואַטער.

— וואָס איז אַ קאַפּאָ? — פרעגט איין פרוי ביי איר מאַן, שטייענדיק ביי דער קאַסע, און דער מאַן — אַ שטענדיקער קונה — זאָגט איר: דיר שפּעטער דערקלערן, גיט אַ וואָרף אַ פינפערל, נעמט צו די רעשט שוויגנדיק, טוט אַ בייזן קוק אויף בערלען, נעמט אָן די פרוי ביים אָרעם — לאָמיר גיין! — אָט ווי ער וואָלט זי אַרויסגעשלעפּט פון אַן אונטערוועלט לאָקאַל וווהין ער איז צופעליק אַריינגעפאַלן.

אין רעסטאָראַן איז געוואָרן שיטערלעך. בערל האָט אָוועקגעשטעלט דעם הויפּט סאַרווער ביי דער קאַסע, אַליין אַריין אין קיך, דאָרטן גענומען לייגן קאַלטע וואַסער קאָמפּרעסן צום קין, באַק, און יעדע עטלעכע מינוט געקוקט אויפן זייגער. אים האָט געפעלט צוויי ציין, דער קינבאַק איז געווען פאַרשוואָלן, דער גאַנצער קערפּער האָט געבראָכן, און דער קאַפּ . . . אוי, דער קאַפּ! ווען ער קען שוין קומען אַהיים, זיך אָוועקלייגן, איבער־טראַכטן, איבערקלערן . . .

— וואָס איז דער מער? — האָט גיטל דערשראָקן אַ פרעג געטון.

— גאָרניט. איך פיל עפּעס ניט ווי עס דאַרף צו זיין.

— וואָס האָט פּאַסירט?

— גאָרניט, זאָגט מען דיר. לאָז מיך צורו!

ער האָט אויסגעשוויינקט דאָס מויל מיט זאַלץ וואַסער, זיך אַריינ־געלייגט אין בעט. דער קאָפּ האָט געדרייט, געדרייט . . . דער צעוויייטיק־טער קערפּער האָט געלאָזט וויסן: א י ך בין אָפּגעקומען פאַר דיינע זינד, האָסט ניט וואָס צו טראַכטן. בערל האָט זיך איינגעהערט צום קערפּער, דערקענט זיינע טענות און תביעות, דאָרטן . . . ווען מ׳האָט אים גענומען אויפן „באָק״ אויך אַזוי. אַ רחמנות כוואַליע האָט פאַרפלייצט דעם מאַרך, ער איז איינגעשלאָפן.

(4)

דער זייגער האָט געוויזן קרוב צו צוועלף. בערל סטאָלפּנער איז אַרויסגעגאַנגען פון קיך, ווו אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק פאַרן מיטיק,

און פּאַמעלעך געגאַנגען פון טיש צו טיש, באַטראַכט צי אַלץ איז אין אָרדענונג, ווען ער האָט דורכן גרויסן, ברייטן פענסטער דערזען גאָדלען אין דרויסן. אויפן ברוסט, אויפן פּלייצע צוויי קאַרדאָנענע שילדן, אַ מין טלית קטן נאָר אָן ציצית, גאָדל — אַ סענדוויטש צווישן די צוויי שילדן, וואָס האָבן געשריען: דער אייגנטימער פון דעם רעסטאָראַן איז געווען אַ קאַפּאָ ביי היטלערן! „קאַפּאָ" און „היטלערן" מיט גרויסע, רויטע אותיות. די הענט אין די קעשענעס, האָט גאָדל פּאַמעלעך שפּאַצירט הין און צוריק פאַרביי דעם רעסטאָראַן, זיין פּאַמעלעכער גאַנג, זיין פאַררייסענער קאָפּ האָט גערופן: קוקט זיך צו! לייענט!

אַ פּאָר מינוט איז בערל געשטאַנען ביים פענסטער, נאָכגעקוקט גאָדלען, און ווען ער איז צוגעגאַנגען צו דער קאַסע, זיך אָוועקגעשטעלט דאָרטן, האָט ער אַ טראַכט געטון: דער גאָדל, אַרבעט גאָרניט? האָט שוין מער גאָרניט וואָס צו טון? אַזוי פרי און שוין דאָ, מיט די שילדן . . .

אַז גאָדל, די שילדן האָבן עפּעס צו טון מיט אים, מיט זיין רעסטאָראַן איז אים ווי ניט געקומען אויפן זינען. זאָל ער אַרומגיין. כאַפּט אים דער רוח. אַ האַלבע שעה, אַ שעה, און בערל האָט דערפילט, דערזען אַז גאָדל מיט די שילדן גייט אַרום ניט לשם שפּאַצירן . . . מאָנטיק איז טאַקע אַלע מאָל אַ שוואַכער טאָג, דער מיטיק איז קיינמאָל ניט קיין גרויסער, אָבער אַ ז אַ מיטיק האָט ער נאָך ניט געהאַט. פון הינטער דער קאַסע אַפילו האָט ער אַ צייל געטון די מענטשן ביי די טישלעך — זעקס פרויען און צוויי מענער. ער האָט אַ קוק געטון צו דער טיר, פונקט קעגנאיבער דער קאַסע, געזען אַ מאַן — זיינער אַ שטענדיקער קונה — האָט אַ קוק געטון צו דער טיר, איבערגעטראָגן דעם קוק צו גאָדלס שילדן, און אַוועקגעגאַנגען — ניט אַריינגעגאַנגען עסן. הייסט עס . . . שלעכט. און וואָס טוט מען?

— פאַרוואָס רופט איר ניט אַ פּאָליצמאַן?

דאָס האָט געפרעגט די זעלבע פרוי, וואָס האָט נעכטן, בעת גאָדלס אָנפאַל אויף אים, געהאַלטן אין איין קוויטשען: רופט די פּאָליציי! זי איז צוגעגאַנגען באַצאָלן, געכאַפּט בערלס קוק צו דער טיר, אַליין אַ קוק געטון, דערזען גאָדלען. זי האָט אים געזען ביים אַריינגיין אין רעסטאָראַן אויך, איר איז ניט געפעלן געוואָרן זיין קוק — אַזאַ פרעכער פאַרשוין! — און, אים אויף צו להכעיס, איז זי אַריינגעגאַנגען, אָפּגעגעסן, איצט האָט זי געוואָלט העלפן בערלען זיך אָפּרעכענען מיט דעם פרעכן פאַרשוין . . .

— וואָס דאַרף איך אַ פּאָליצמאַן?

— אַ פֿאַליצמאַן וואָלט אים אָפּגעשטעלט, אים פֿאַרטריבן איינס און צוויי.

— אָה! — האָט בערל כלומרשט זיך ערשט געכאַפּט וועגן וואָס זי רעדט. — אים? ער׳ט מיד ווערן אַרומשפּאַצירן, וועט ער אַליין אַוועקגיין.

— פֿון מיינעטוועגן . . . — דעם פֿאַרשוין אין דרויסן האָט זי פֿיינט, אָבער אויך דער רעסטאָראַטאָר איז איר ניט געפֿעלן. אַ שמאַטע. נעכטן אים אָנגעבראָכן די ביינער. היינט, מ׳גיט אים אַ גוטע עצה, וויל ער ניט פֿאָלגן. „וואָס דאַרף איך אַ פֿאַליצמאַן?" אודאי, ווען ער גופא וואָלט געווען אַ מאַן . . . קוקט גראָדע אויס גאַנץ קרעפּטיק, אָבער ווען עס קומט צו עפּעס . . . דער אויסזען נאַרט אָפּ, דאָס ווייסט זי, נאָך אַ מין וויסן! נו, דאָס גייט איר ווינציק וואָס אָן, זי איז געגאַנגען אַהער עסן ביז איצט ווייל דאָס איז דער נאָענטסטער פּלאַץ, צי וועט זי אָבער ווידער קומען אַהער, איז זי ניט אַזוי זיכער, דאָ גענוג רעסטאָראַנען „אויף דער עוועניו", פּלעצער ווו . . .

ד י פרוי, די אַנדערע פרויען, די צוויי מענער זיינען אַרויסגעגאַנגען, זיך אַרויסגעשאַרט פון רעסטאָראַן, קיין אַנדערע זיינען ניט אַריינגע־קומען, און גאָדל איז נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען. גייט ער גאַרניט עסן?

דער גרויסער עס־זאַל — ניט קיין רעסטאָראַן, נאָר אַ לויה־זאַל, וואו דער ארון מיטן מת שטייט, נאָר די מלווים זיינען נאָך ניטאָ, שטיל, אַז אָט אָט וועט זיך דערהערן דער מת האָט אַן אָטעם געטון . . . די קיך — אַ זייטיקער צימער פאַר די נאָענטע קרובים פון מת, און אויך דאָרטן איז שאַ שטיל. דער קאָכער האָט געכאַפּט אַ דרימל, די געפעס וואַשער האָבן געשפּילט דאַמקעס, דער אויפראַמער איז געליגן מיטן בויך אויפן דיל, געלייענט אַ דעטעקטיוו מעשה און געווען אַזוי פאַרטיפט אַז ער האָט אַפילו ניט געהערט די שטילקייט. דער הויפּט סאַרווער איז מאַנטיק סיי ווי ניט געקומען, די אַנדערע דריי, מיד פון שטיין די גאַנצע מיטיק צייט און אַרויסקוקן אויף אַ קונה, האָבן, מיט בערלס דערלויבעניש, זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ פאָר שעה, זיי וועלן זיין צוריק אַרום האַלב נאָך פיר. בערל איז גערן געווען פטור ווערן פון זיי, שטייען ווי די טאָקן, מאָנען ביי אים קונים, „טיפּס", ווער ווייסט, אפשר לאַכן זיי גאָר פון אים, פון זיין אָנגעדראָלענעם קין. גאָדל . . . ? ניטאָ! בערל האָט זיך ווי אויפגע־כאַפּט פון שלאָף. ער איז צו צו דער טיר, אַ קוק אַהער, אַהין, ער האָט אויפגעעפנט די טיר, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, אַרויסגעגאַנגען — ניטאָ גאָדל! מיד געוואָרן? אָדער? ווי שפּעט איז? שוין נאָך פיר. בערל

איז אַריינגעגאַנגען אין קיך זיך דורכשמועסן מיטן קאַכער וועגן דער וועטשערע. האַלב נאָך פיר האָבן זיך אַריינגעשטעלט די סאַרווער, אַ פערטל צו פינף האָט זיך באַוויזן גאָדל.

זיבן און צוואַנציק מענטשן האָט ער אָנגעציילט ביי דער וועטשע־רע, און . . . הלואי וואָלטן זיי אויך ניט געקומען. ניט מענטשן האָבן געגעסן, נאָר אבלים האָבן אָפּגעריכט אַ סעודה, געגעסן האָט מען שווייג־דיק, און ביי דער קאַסע, דער באַצאָלט שטום, און בערל זעט — דער וועט שוין מער ניט אַריינקומען; דער גיט אָן עצה; אַ דריטער וויל וויסן צי דאָס וואָס זאָגט זיך אויף די שילדן ביים פאַרשווין אין דרויסן איז טאַקע אמת; אַ פערטע וויל גאָר אַ דערקלערונג: וואָס איז אַזוינס אַ קאַפּאָ? גיי דערצייל איר . . . שלעכט. וואָס טוט מען? קיין ענטפער האָט בערל ניט געוווסט, האָט ער באַשלאָסן . . . זען מאָרגן.

מאָרגן איז ניט געווען בעסער. גאָדל איז אַלץ אַרומגעגאַנגען, דורכ־געלאָזט מענטשן ווי דורך אַ געדיכטער זיפּ, נאָך אַ פּאָר טעג אַזעלכע . . . טאָמער איז נאָך קאַרג, האָט ער זיך צעווערטלט מיטן קאַכער, דאָס ערשטע מאָל זינט ער אַרבעט. דער קאַכער האָט געוואָלט אַלץ וואָס איז פאַרבליבן פון נעכטן אַרויסוואַרפן, ער האָט ניט געלאָזט. ער האָט גע־וווסט אַז דער קאַכער איז גערעכט, און אַז קריגן זיך מיט אַ קאַכער איז פאַר אַ רעסטאָראַטאָר אַן אומגליק, אָבער דער לייַדיקער רעסטאָראַן איז ניט קיין אומגליק? און אַרויסוואַרפן אַזוי פיל עסן! ער האָט זיך אויך שיר נישט צעקריגט מיט גיטלען. זי האָט דערקענט אויף זיין פּנים, און אפשר האָט זיך שוין דערטראָגן צו איר, ווי ס'ניט איז, זי איז צוגע־שטאַנען צו אים ער זאָל דערציילן, און ווען ער האָט איר דערציילט, האָט זי דאָס ערשטע אַ פרעג געטון: איז עס אמת? אַ ווייב, און פרעגט אַ פראַגע ווי אַ צופעליקער קונה. איז מילא דער קונה, וואָס ווייסט ער וועגן אַ לאַגער, וועגן הונגער, קרעמאַטאָריע . . . אָבער זי! אמת, אין די עטלעכע יאָר, זינט זיי האָבן חתונה געהאַט, האָבן זיי, עפּעס ווי דורך אַ שטילער פאַרשטענדעניש, ניט דערציילט איינער דעם צווייטן וועגן זייער לעבן אין די לאַגערן, יענע יאָרן — אויסגעשניטן, נו, ניט אויסגעשניטן, איז פאַרשטעקט, באַהאַלטן אין אַ פינצטערער קאַמער, ניט אַריינצוקוקן אַהין. און ניט נאָר ער, זי, יעדער איינער וואָס איז געווען דאָרטן . . . האָט אַזאַ קאַמער, איצטער האָט זי זיך אַריינגעבראָכן אין יענער קאַמער — „איז עס אמת?"

— און אַז יאָ? האָסטו אפשר חרטה אויפן שידוך?

ניכאַי בי וואָלט ער זיך אָפּגעביסן דעם צונג איידער ער האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער, אָבער פאַרפאַלן, מער וועט ער שוין ניט זאָגן, זי זאָל נאָר ניט פרעגן. גיטל האָט אַ זאָג געטון: מ׳טאָר שוין ניט פרעגן?

— וואָס ווינציקער דו׳סט פרעגן אַלץ געזונטער.

מער האָט מען ניט גערעדט, ער האָט אָבער געזען שפּעטער אַז גיטל האָט שטיל געוויינט, די בעט אונטער איר האָט אַ גאַנצע נאַכט געסקריפּעט, און יעדער קער אירער, יעדעס מאָל וואָס זי האָט זיך איבערגעדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער איז געווען אַ שטאָך אים אין זייט. עפּעס מוז געטון ווערן.

ער האָט פיינט געהאַט פּאָליציי, מורא געהאַט פאַר אַ מונדיר, פונדעסטוועגן האָט ער גערופן אַ פּאָליצמאַן. דער מונדיר, דער רעוואָלווער, די בולעווע — אַ גרוס פון די ש.ש. (שוץ־שטאַפּעל). מורא, האַס איז איבערגעגאַנגען אין חניפה, אין באַרעדעוודיקייט. געזאָגט דעם פּאָליצמאַן וואָס ער וויל, האָט ער אים פאַרגעשלאָגן אַ מאָלצייט, אַן אמתן יידישן מאָלצייט. אין דעם „אמתן יידישן מאָלצייט״ איז געליגן אַזוי פיל חניפה און שפלות, אַז ער האָט זיך אַליין פאַרשעמט, פונדעסטוועגן, און אפשר טאַקע דערפאַר, האָט ער אַליין אַרומגעטאַנצט אַרום דעם טישל, אים פאַרזיכערט אַז עס איז ניטאָ קיין בעסערער אַפּעטיט ברייגער ווי אַ שטיקל הערינג מיט אַ ציבעלקעלע, אים דערקלערט וואָס קישקע איז און, דערקלערנדיק, אַזש זיך אַליין פּאַסמאַקעוועט דערמיט.

דער פּאָליצמאַן, אַ זאַטער, אַ צופרידענער, האָט זיך אויפגעהייבן, אַ הייב געטון דעם לעדערנעם פּאַסיק איבערן בויך, און מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטון: איצט וועלן מיר זען וואָס מיר קענען טון. בערל האָט אים נאָכגעשמייכלט: טו, ברודערקע, טו . . .

דער פּאָליצמאַן האָט גאָרניט אויפגעטון. ער האָט געפּרוווט אָנשרעקן גאָדלען, אָבער גאָדל האָט חוצפּהדיק געענטפערט: איך קען זיך שפּאַצירן ווו איך וויל און איר קענט מיר נישט פאַרווערן, דער טראָטואַר באַלאַנגט ניט צו א י י ך, באַלאַנגט ער?

— ניטאָ קיין סטרייק אין דעם רעסטאָראַן.

— דאָס איז מיינער אַן אייגענער סטרייק.

— אויב ס׳איז ניטאָ קיין סטרייק, האָט איר קיין רעכט פּאַראַדירן אין פראָנט פון אַ געשעפט און אָנטון אַ מענטשן שאָדן.

— איר זייט ניט קיין ריכטער, זייט איר?

דעם פּאָליצמאַן האָבן שוין געביסן די הענט, ווייזן דעם פאַרשוין

ווער עלטער איז, אָבער גיי טו אים עפּעס, אַז דאָס געזעץ איז אויף זיין זייט, ער האָט פּאָרט אַ רעכט אַרומצוגיין, קוקט אויס אַ האַרטער פּאַרשוין, זיך אָנהויבן מיט אים, קען מען נאָך אַ מאָל אַריינפּאַלן . . . איז ער אַריינגעגאַנגען צוריק אין רעסטאָראַן אַ ביסל געפּאַלן ביי זיך וואָס זיין „מאַכטיקער אָרעם פון געזעץ" קען ניט בייקומען עפּעס אַ „פרעמדן שלאַק", דאָך ניט אָן זיין רעכטלעכער חשיבות . . . — דער פּאַרשוין — אַ האַרטער פּאַרשוין, ניטאָ וואָס צו זאָגן, און, פאַרדאַמט זאָל ער ווערן, דאָס געזעץ איז אויף זיין זייט — ער האָט אַ רעכט אַרומשפּאַצירן. — דערזען בערלס שמייכל, וואָס האָט געזאָגט: אַמעריקע מיט איר פּאָליציי! אַ שיינער פּאָליצמאַן, קען זיך ניט ספּראַווען מיט גאָדלען! האָט דער פּאָליצמאַן גענומען פּאַרריכטן זיין מערכה. — זעט איר, ווען ער שטייט אויף איין פּלאַץ קעגן אייער טיר, אָדער ווען ער זאָל פּרווון עפּעס טון . . .

— ער האָט שוין געטון, — האָט בערל מעלאַנכאָליש אַ זאָג געטון.

— וואָס אַזוינס האָט ער געטון?

— ער האָט זיך אַריינגעריסן אין רעסטאָראַן, זיך געוואָרפן שלאָגן.

— ווען האָט ער עס געטון?

— זונטיק.

— טאָ פאַרוואָס האָט מיר מיך דעמאָלט ניט גערופן? געווען קונים אין רעסטאָראַן, עדות? איך וואָלט אים אַרעסטירט גלייך אויפן פּלאַץ פאַר אָנגריף מיט שלעגעריי. פּאַקטיש קען איך עס נאָך טון אַפילו איצט, אַלץ וואָס מ'דאַרף איז אויסשווערן אַן אַרעסט באַפעל.

— איך וויל אים ניט אַרעסטירן, וואָס איך וויל איז פאַרטרייבן אים פון דאַנען. — בערלס טאָן — פאַרשטייסטו שוין? שלימיאל!

— דאָס קען איך טון. איצטער, אַז איר האָט מיר דערציילט וועגן זונטיק, קען איך עס טון. קוקט זיך צו, וועט איר זען.

דער פּאָליצמאַן איז אַרויסגעגאַנגען, בערל איז געבליבן שטיין ביי דער פאַרמאַכטער גלעזערנער טיר. ער האָט געזען גאָדל איז פּאַמעלעך געגאַנגען מיט רוקן צום פּאָליצמאַן.

— העי, דו!

גאָדל האָט אַ קער געטון דעם קאָפּ.

— קום אַהער!

גאָדל האָט זיך פאַרקירעוועט צום פּאָליצמאַן, אָבער געגאַנגען אַזוי פּאַמעלעך, האָט ממש געציילט די טריט. בערל האָט געקענט אָט דאָס געננגעלע נאָך פון דאָרטן . . .

— האָב איך דיר נישט געזאָגט זאָלסט אַוועקגיין פון דאַנען?

— האָב איך אייך נישט געזאָגט אַז דער טראָטואַר איז מיינער אַזוי גוט ווי אייערער און אַז איך האָב אַ רעכט צו גיין וווּ איך וויל?

— דאָס האָסטו טאַקע, אָבער זאָג מיר, האָסטו אַ רעכט אַריינגיין אין אַ רעסטאָראַן און מאַכן אַן אָנפאַל אויף אַ מענטשן? ווייסטו אַז איך קען דיך אַרעסטירן ד ע ר פ אַ ר?

— אַה, האָט ער עס אייך איצט דערציילט? — האָט גאָדל אַ וויז געטון צו דער טיר. — און וויפל האָט ער . . . ? — גאָדל האָט אַ רייב געטון מיט די פינגער אַזוי אַז דער פּאָליצמאַן האָט דייטלעך געקענט זען די פראַגע: וויפל האָט ער דיר אַריינגעשטעקט אין דער יד . . . ?

— דאָס קריגסטו פאַר באַליידיקן אַ פּאָליציי באַאַמטן!

בערל ביי דער טיר האָט אַ פאַרמאַך געטון די אויגן, האָט זיך אַ טרייסל געטון. גאָדל איז איינגעשטאַנען, זיין רעכטע האַנט האָט זיך אַ יאָג געטון צום לינקן אַקסל, זיינע ברייטע פּלייצעס האָבן זיך אויסגעבויגן אין אַ האַלבן צילינדער, די אויגן האָבן זיך פאַרזשמורעט, ער האָט פאַר־ביסן די ליפּן.

— און איצט פאַרנעם זיך פון דאַנען! דו הערסט? שטעל פּיס! די מינוט, אַניט רוף איך גלייך דעם פּאַטרול וואָגן . . .

גאָדל האָט זיך געלאָזט גיין. דער פּאָליצמאַן האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט צו דער טיר, בערל האָט זי עטוואָס געעפנט: נו, זאָג שוין וואָס דו ווילסט, נאָר קום ניט אַריין.

— נו, ער א י ז אַוועקגעגאַנגען, און איך דיינק אַז ער'ט שוין מער ניט קומען, — האָט דער פּאָליצמאַן אַ זאָג געטון מיט אַ זיגערישן שמייכל.

— באַם אָבער ער קומט יאָ, לאָזט מיר בלויז וויסן וועל איך אים שוין צו־רעכט מאַכן . . .

— איך דיינק ער'ט מער נישט קומען.

— איך דיינק אויך אַזוי. — דעם פּאָליצמאַנס מויל האָט זיך צע־צויגן אין אַ פריילעכן שמייכל, אַנטפּלעקנדיק ברייטע געזונטע ציין, וואָס האָבן געשיינט מיט רשעות, געגרינזט מיט אכזריות. — נו, אַ גוטן.

בערל האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. ווען דער פּאָליצמאַן איז שוין געווען ביים ראָג, איז בערל אָפּגעטראָטן פון דער טיר, האָט פאַ־מעלעך אַ וויש געטון דעם פּנים, פון מויל איז אַרויסגעפאַלן: נו, ער'ט שוין מער ניט קומען.

אַ טאָג, צוויי, און גאָדל האָט זיך ניט געוויזן. דער מיטיק, די ווע־

טשערע האָט זיך אַ ביסל פֿאַרבעסערט. אמת, די שטענדיקע קונים האָבן זיך ניט געוויזן, אָבער צופֿעליקע זײַנען יאָ אַרײַנגעפֿאַלן, בערל האָט זיך געמאַכט האַרץ: נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, די שטענדיקע קונים וועלן אויך קומען, אַז גאָדל איז ניטאָ . . .

אויפֿן דריטן טאָג, ביים עפֿענען דעם רעסטאָראַן, האָט ער אין דער טיר געפֿונען אַ צירקוליאַר. ער האָט אים שוין געוואָלט אָוועקוואַרפֿן: אַ נאָווינע געפֿינען אַ צירקוליאַר? ווען זײַן אויג האָט דערבליקט דאָס וואָרט — קאַפֿאַ. אַזוי? גאָדלס אַרבעט . . . ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין רעס־טאָראַן, דאָרטן ערשט איבערגעלייענט און, דערזעענדיק צום סוף „קאַ־צעטלער פֿאַרבאַנד", האָט זײַן האַנט אַרומגענומען דעם קין — הייסט עס, ער איז ניט אַליין, דאָ נאָך . . . ווי אַ באַשטעטיקונג אַז דאָס איז טאַקע אַזוי האָט ער שפּעטער אַ ביסל, אין דער יידישער צייטונג וואָס אַ בחורל האָט אים צוגעשטעלט יעדן טאָג, דערזען אַ קעפּל „קאַצעטלער דערקענט געוועזענעם קאַפּאָ". אין דעם שטיקל נײַס איז ניט געווען דערמאָנט זײַן נאָמען, אויך ניט דער נאָמען און אַדרעס פֿון רעסטאָראַן, עס איז אָבער געווען קלאָר אַז דאָס האָט מען געשריבן וועגן אים. אַרום פֿינף פֿאַרנאַכט, צו וועטשערע, האָט אויפֿן טראָטואַר זיך באַוויזן אַ „סענדוויטש מאַן" — ניט גאָדל, עפּעס אַ פֿרעמדער, ניט באַקאַנטער פֿאַרשוין. ניין, אים האָט ער דאָרטן . . . ניט געזען.

קיין פּאָליצמאַן וועט ער מער ניט רופֿן. גאָדל, מילא, אָבער ד ע ר, אפֿשר נאָך אַנדערע, זיי האָבן אים ניט געטשעפּעט, דערווייל . . . און ווי האָט ער געזאָגט: דאָס געזעץ איז אויף זײַן זייט, ער מעג שפּאַצירן . . . אָבער וואָס טוט מען? אַזוי אָנגיין קען ער ניט. ער האָט שוין אָפּגעזאָגט דעם געהילפֿס קאָכער, די צוויי געפֿעס וואַשער, דער אויפֿראַמער קען וואַשן דאָס ביסל געפֿעס, מישטיינס געזאָגט, וואָס עס איז שוין דאָ צו וואַשן, אויך דריי סאַרווער האָט ער אָפּגעזאָגט, צייטווייליק, ביז געשעפֿט וועט ווערן אַ ביסל בעסער . . . געבליבן בלויז דער הויפּט סאַרווער, אָבער אַפֿילו מיט די געשניטענע הוצאות, פֿון די עטלעכע מענטשן וואָס פֿאַלן צופֿעליק אַרײַן בלייבט בלויז האַרץ ווייטיק, אַז ווי ווינציק ער זאָל ניט צוגרייטן דאַרף מען נאָך אַלץ אַרויסוואַרפֿן. וואַרפֿט מען ניט אַרויס — דער קאָכער האָט שוין נאָכגעגעבן צוביסלעך — איז נאָך ערגער: ווער וויל עס עסן „איבערגעניצעוועטע" מאכלים? דער קאָכער ווייזט אַפֿילו אַרויס זײַן גאַנצע קענטעניש — אַ בריה אַ קאָכער — אָבער עפּעס זאָגט אים דאָס האַרץ, אַז אויב עס וועט אַזוי אָנהאַלטן נאָך עטלעכע טעג, וועט

דער קאַכער אַ שפּיי טון און אַוועקגיין. קען מען אויף אים פאַראיבל האָבן? ער וויל קאָכן אין אַ רעסטאָראַן, ניט אויף אַ . . . בית עולם. איז, דער קאָכער וועט אַוועקגיין, וועט ער געפינען אַן אַנדער רעסטאָראַן, אָבער ע ר, וואָס זאָל ע ר טון?

— ווילסט מיך פאָלגן? שנייד אָפּ! — האָט געזאָגט דער פעטער, מיט וועמען ער האָט זיך געהאַלטן אַן עצה.

— דאָס מיינט אָפּשניידן דעם קאָפּ. — בערלס קוק דערביי — און ניט נאָר מיינעם . . . ווער ווער, דו ווייסט דאָך וויפל געלט איך קום דיר נאָך.

דער פעטער, ניט נאָר האָט ער ניט געגעבן קיין אָנצוהערעניש וועגן זיין חוב, ער האָט אַפילו ניט געפרעגט צי איז עס אמת, ווי גיטל האָט עס געטון, פון מוסר זאָגן איז אָפּגערעדט, ניט געווען קיין פריילעכקייט און קיין פריינדלעכקייט אין זיין קול, אָבער אויך קיין שנאה אָדער בייז־קייט. — פאַרפאַלן, קענסט דאָ מער ניט שטיין. וויפל דו׳סט קריגן וועסטו קריגן און, ווען איך בין דו, וואָלט איך געביטן דעם קלימאַט . . . פשוט עוקר זיין פון דאַנען, וואָס ווייטער פון ניו יאָרק אַלץ בעסער . . . איך קען דיר צושיקן אַן אַגענט, אַ יונגער בחור אָבער אַ פייקער קען שנעל דורכפירן אַ מסחר און, ווי אַגענטן גייען, אַן ערלעכער מענטש.

בערל האָט געשוויגן, און ביי דעם איז עס געבליבן.

(5)

אַ מאָנטיק נאָכמיטיק. צוויי וואָכן נאָך יענעם זונטיק. בערל איז געזעסן ביי איינעם פון די לעצטע טישלעך לעבן קיך, וווּ דער קאָכער האָט זיך געפּאָרעט. זיינע באַוועגונגען דאָרט — אַ מייזל גיט אַ גיי, אַ קלאַפּ און בלייבט ניט. די שטילקייט אין רעסטאָראַן — קליאַפּעס אויף די אויערן, זיי דריקן און פרעסן, דער מיש־מאַש אין קאָפּ — אַ מאָטאָר וואָס אַרבעט אויף פּוסט, קלאַפּט, קלאַפּט, און די מאַשין רירט זיך ניט. ער מוז באַשליסן. דער אַגענט איז נאָר וואָס געווען, געבראַכט אַ טשעק אויף הונדערט דאָלאַר, אַן אַדערויף, אין פיר און צוואַנציק שעה דאַרף ער געבן אַן ענטפער צי נעמט ער אַן דעם אָנבאָט — פופצן הונדערט דאָלאַר. פופצן הונדערט דאָלאַר! פאַר „שליסל, טישל און שיסל”, מעבל, קיך, געשיר, אַלץ — פאַר פופצן הונדערט דאָלאַר. געקאָסט האָט עס צוויי און זיבעציק הונדערט. נו יאָ, וואָס ער קומט נאָך אויף דער קיך נעמט

איבער דער קונה, אָבער ד ע ר חוב איז דער קלענסטער, דער פעטער, די אַנדערע חובות, עפּעס וועט ער דאָך זיי מוזן געבן, טאָ וואָס וועט שוין אים בלייבן? און וואָס וועט ער טון? בייטן דעם קלימאַט . . . אָט איצטער אָ, ווען ער האָט געדיינקט אַז — געלאַנדעט! און ער האָט געלאַנדעט! מיט דעם רעסטאָראַן האָט ער געטראָפן, נאָך איין יאָר צייט און ער וואָלט געווען אויפן פערד. יאָ, ער וואָלט געווען, ווען ניט . . . גאָדל. אוי, דער גאָדל!

גאָדל, אָט ווי ער וואָלט געוווסט אַז בערל טראַכט וועגן אים, האָט זיך באַוויזן אין רעסטאָראַן. ווען, ווי אַזוי איז ער אַריינגעקומען? בערל האָט גאָרניט געהערט די טיר זיך עפענען, אָבער גאָדל איז געווען אין רעסטאָראַן, געשטאַנען ביי דער טיר, געוואָרפן מיט די אויגן און, דערזען בערלען ביים עקסטן טישל, האָט ער זיך געלאָזט אַהין מיט זיין פּאַמעלעכן גיינגעלע.

— אַזוי שטיל דאָ. געמיינט קיינער איז ניטאָ. — אַ פיר מיט די אויגן איבערן רעסטאָראַן, אַ רוק געטון אַ ביינקל, און ער האָט זיך אַני־דערגעזעצט פּנים אל פּנים מיט בערלען. בערל האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט אַ פינסטערן קוק. — נאָך וואָס ביסטו געקומען?

— געקומען אַ קוק טון צי האָסטו שוין אַריינגעקלאַפּט אַ האַקן, זיך אויפהייבגען אויף אים. — רויק, געשעפטסמעסיק, קיין שמץ פון איראָניע, אויפן געשטופּלטן פּנים קיין סימן פון אַ שמייכל.

— און אַז יאָ, וואָלט דיר גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן?

— דאָס . . . ווייס איך נישט. — ער האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, אַרויסגעצויגן איינעם, דערלאַנגט דאָס פּעקל בערלען. בערלס אויגן האָבן זיך פאַרטשעפּעט אָן גאָדלס, די פינגער האָבן בלינד, פּאַמעלעך געצויגן אַ פּאַפּיראָס פון פּעקל. גאָדל האָט אונטערגעטראָגן אַן אָנגעצונדן שוועבעלע, און דאָס קליינע פלעמל — אַ נעבעכדיקער אָפּשיין פון די שנאה פלאַמען אין די אויגן.

— איך בין געקומען דיר עפּעס פרעגן. — דער רויך פוןביידע מיי־לער, נאָזלעכער האָט זיך געקרייזלט, געוויגט, פאַרטונקלט די פּנימער. — בלויז איין פראַגע. — גאָדל האָט אַ הייב געטון דעם קאָפּ, אַרויפגעשיקט אַ קנויל רויך מיט אַ שטויס, בערל האָט, דורך אַ שמאָלינקער עפענונג אין די ליפּן אונטערן סאַמע נאָז, אַרויסגעשיקט אַ דין שטראָמעלע רויך, וואָס איז זיך צעוואַקסן גייענדיק, דערגרייכט גאָדלס פּנים, זאָגנדיק אים — איך הער. — פאַרוואָס ביסטו געוואָרן אַ קאַפּאָ?

בערלס אויגן האָבן אַ פינקל געטון, די פאַרמאַכטע ליפּן האָבן זיך אַ קרים געטון, שווערלעך, דאָך זיך אָפּגעקלעפּט איינע פון דער צווייטער און זיי האָבן אַרויסגעלאָזט: צוליב דעם ביסטו עס געקומען? גאָדלס גרויסע, גרויע אויגן האָבן שווער אַ קוק געטון: מיט מיר שפּאַסט מען ניט, דיך געפרעגט — ענטפער!

בערל האָט געשפּאַסט. — מיינסט אָוודאי דו ביסט דער ערשטער, דער איינציקער וואָס פרעגט עס. מאַכסטו אַ טעות. שוין געהערט די פראַגע. אַפילו אַ פּאָר יידישע צייטונגס לייט האָבן זיך מטריח געווען אַרונטערקומען אַהער מיר שטעלן די פראַגע. איינער האָט עס געוואָלט וויסן סתם אַזוי, צוליב אינפאָרמאַציע, אַ צווייטער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין אַז ווען מ׳ע שרייבט אָן אַ גוטע דערקלערונג און מ׳גיט עס אַריין אין זיין צייטונג, אויפן ריכטיקן פּלאַץ, וואָלט עס מיר זייער געהאָלפן. איך ווייס ניט ווי איך, ער וואָלט זיכער געהאָלפן געוואָרן. בסך הכל האָט ער געבעטן דערפאַר צוויי הונדערט דאָלאַר, פאַרן אָנשרייבן און פאַרן פּלאַץ אינאיינעם. אַ מציאה, ניין? איז מילא, מיט די ניו יאָרקער צדיקים איז ניטאָ וואָס צו ריידן, זיי האָב איך געשיקט צו אַל די שוואַרצע יאָר, דו ביסט דאָך אָבער ניִשט קיין ניו יאָרקער, דו ביסט דאָך געווען ד אָ ר ט ן . . .

— טאַקע דערפאַר פרעג איך. נאָך דאָרטן געוואָלט פרעגן. שיקט זיך עס אַז צוליב אַן עקסטראַ שטיקל ברויט וואָס דו האָסט, אגב, צוגענומען פון יענעמס מויל, אָדער אַ ביסל יושקע, צוליב אָט דעם אַ . . .

— זאָג מיר, גאָדל, דו האָסט גאָרניט געטון צוליב אַ שטיקל ברויט?

— איך?!

בערלס מויל האָט זיך אַ קרים געטון. — געדיינקסטו אפשר איין טאָג, ביים „שטראַסנבאַו״, לעבן דיר האָט געאַרבעט איינער . . . פאַרגעסן זיין נאָמען, אַ לאַנגער אַזאַ, אַ דאַרער, פון טשענסטאָכאָוו איז ער געווען, געדיינקסט? נו יאָ, אודאי געדיינקסטו אים. ער איז געפאַלן ביי דער אַרבעט, געדיינקסטו?

— איך האָב אים אַליין אויפגעהויבן, אים אָוועקגעלייגט אָן אַ זייט.

— געדיינקסטו דאָך טאַקע. געדיינקסטו אפשר אויך, אַז ווען דו האָסט אים אָוועקגעלייגט האָט זיך זיין העמדל אַרויסגעצויגן פון די הויזן, אַ שטיקל ברויט איז שיר ניט אַרויסגעפאַלן, האָסטו געכאַפּט דאָס שטיקל ברויט און עס אַריינגערוקט צו זיך אין בוזים?

— ער איז געווען האַלב טויט. — גאָדלס שטימע פאַרדומפּן, טוכלע.

— האַלב טויט, זאָגסטו? איך האָב אים נאָך דערפירט אונטערן אָרעם ביז צום לאַגער און ער איז נאָך אויסגעשטאַנען דעם אפּעל אויך. שפּעטער, אין אָוונט, האָב איך געפּאַקט פאַר אים, ווי זאָגסטו, אַ ביסל יושקע. ער האָט עס אויסגעלעקט ביזן לעצטן טראָפּן, מיך אָנגעכאַפּט פאַרן האַנט: בערל! פאַרשטעק מיך ערגעץ!

— סיידן אין שפּיטאָל.

— ער האָט פאַרוואָרפן מיט הענט און מיט פיס — נאָר ניט אַהינצו. אַזוי ערגעץ.

— אים צוגעזאָגט. אָבער ווו האָט מען געקענט פאַרשטעקן? אינ־דערפרי האָב איך אים געהייסן ער זאָל בלייבן ליגן, אָפּגערעדט מיטן שטובענדינסט ער זאָל אים לאָזן צורו, צום אפּעל האָב איך שוין, ווי עס איז, געזען ער זאָל ניט פעלן. ער איז געבליבן ליגן, אָבער דער שטובענדינסט, דער פּאָליאַק, אַ נבֿפה זאָל אים כאַפּן ווו ער געפינט זיך ערגעץ, האָט שוין געטון דאָס זייניקע, און ווען איך בין געקומען פון דער אַרבעט איז ער שוין ניט געווען. — געווען אַ רעוויזיע, — האָט מיר דער שטובענדינסט געזאָגט. מאָלט׳יך קיין רעוויזיע איז ניט געווען, אָבער ניט וועגן דעם וויל איך דערציילן, וואָס איך האָב געוואָלט, איז פרעגן דיך: יענעם אָוונט, ביסטו אפשר צוגעגאַנגען צו זיין נאַרע, געווירע ווערן ווי סע האָלט מיט אים, אגבֿ, אים געבן אַ שטיקל ברויט, זיין שטיקל ברויט?

— גערעכט. איך בין ניט צוגעגאַנגען. און ווייסטו פאַרוואָס? טאַקע צוליב יענעם שטיקל ברויט. זיך פּשוט געשעמט.

— ווערסטו אפשר היינט זיך אויפהייגנען פאַר חרפּה?

— בערל, פאַררעד מיר ניט די ציין. גוט, איך האָב געגנבֿעט ברויט. ניט נאָר ביי אים, ביי אַנדערע אויך, ווער עס האָט נאָר געקענט האָט געגנבֿעט, איך האָב אָבער קיינמאָל ניט געהייבן קיין האַנט אויף קיינעם, אָפּגערעדט שוין פון אַ שטעקן.

— ניט געהייבן קיין האַנט. דיין זכרון, מוז איך דיר זאָגן, דינט דיר נישט אַזוי גוט. געדיינקסטו אפשר אַ טאָג אין דעצעמבער, דאָ רופט מען עס קריסטמוס. דעם בלאָק עלטסטן האָט זיך פאַרוואָלט אונז לערנען אַ ביסל קריסטלעכע ליבע, אויסגעשטעלט צי צוויי אין אַ ריי, און יעדער איינער האָט נאָכן ערשטן פּאַטש אין באַק באַדאַרפט אונטער־שטעלן די צווייטע. געדיינקסטו? וואַרט, וואַרט! דו האָסט מסתּם בלויז

אונטערגעשטעלט די באַקן, פּאַטשן האָסטו ניט געפּאַטשט, דו וועסט הייבן אַ האַנט?!

— ׳סאַ משל! אַלע האָבן דאָך געפּאַטשט! געמוזט פּאַטשן! און איך האָב נ י ט אונטערגעשטעלט מיינע באַקן? איך האָב נ י ט געקראָגן קיין פּעטש?

— אָבער געפּאַטשט אויך.

—און ווער האָט ניט געפּאַטשט? געמוזט פּאַטשן!

— געמוזט, זאָגסטו. און ווי אַז איכ׳ל דיר זאָגן אַז איך האָב ג ע מ ו ז ט ווערן אַ קאַפּאָ?

— דאָס, ברודערקע, וועסטו דערציילן עמיצן אַנדערש, ניט מיר.

— וואָס זשע, דיר האָט מען פאָרגעשלאָגן ווערן אַ קאַפּאָ און דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט?

— אָט אָט, געגנוי ווי דו זאָגסט.

— אַזוי, האָסט זיך אָפּגעזאָגט? און וואָס האָט פּאַסירט?

— גאָרניט, וואָס זאָל פּאַסירן? מ׳האָט מיך בלויז טראַנספּערירט צו דער טראַנספּאָרט אַרבעט.

— בלויז טראַנספּערירט אין טראַנספּאָרט. — בערל האָט גוט, גוט באַטראַכט גאָדלען, זיין ברוסט, זיינע פּלייצעס. — קען זיין. קען זיין. דו, מיט דיינע פּלייצעס, האָסט עס געקענט באַווייזן, איך האָב אויך גע־אַרבעט אין טראַנספּאָרט, ווייסטו אָבער אַז ווען איך זאָל געווען דאָרטן אַרבעטן נאָך פינף זעקס וואָכן וואָלט איך געווען אַרויסגעפלויגן דורכן קוימען? און איך האָב עס דאָן נישט געוואָלט. און וויל עס אויך איצט ניט. דו הערסט? האָסט מיר אָפּגעשניטן דעם קאָפּ. זעסט? אָט דאָ איז פּאָר צוויי וואָכן געווען אַ יאַריד אַ גאַנצער, איצטער איז עס אַ פּוסטע קרעטשמע. דאָס איז דיין אַרבעט. מ׳קען ניט זאָגן, אַ גוט שטיקל אַרבעט און לאָמיך דיר זאָגן, איך טראָג אויף דיר ניט קיין האַרץ דערפאַר. אָט ווי דו הערסט. קען זיין איך אויף דיין אָרט וואָלט אויך אַזוי געטון. איין זאַך וויל איך דיר אָבער זאָגן — איך בין טאַקע געווען דיין שוטר, איז קעגן מיין ווילן, אָבער געווען, דו האָסט זיך מיט מיר אָפּגערעכנט, מיר פאַרפאָרן אין די ציין, דאָס איז ווי עס דאַרף צו זיין, אויב דו דיינקסט אָבער אַז דו קענסט זיין מיין שופט, מאַכסטו אַ גרויסן טעות. דו הערסט? דו וועסט מיין שופט נ י ש ט זיין.

— וואָס איז נאָר איך? דאָ נאָך...

— זיי קענען מיך אַלע קלאָגן צום ונתנה תוקף.

— זיי גאָר ניט אַזאַ תקיף.

— גאָדל! האָסט ברייטע פּלייצעס, ביסט אפשר געזונטער פון מיר, איך בעט דיך אָבער, ווי גאָט איז דיר ליב, ווייז זיך מער ניט פאַר מיינע אויגן. גיי דיר געזונטערהייט!

בערל האָט שוין ניט גערעדט, ער האָט געשריען, און דאָס ביינקל, וואָס ער האָט אַ שאר געטוןביים אויפשטעלן זיך, האָט ממש אַ ריטשע געטון.

דער קאָכער אין קיך, ער האָט געהאַלטען אין שלייפן אַ מעסער, דערהערנדיק בערלס הויכע שטימע, האָט אָפגעשטעלט דאָס שלייפן. אויף וועמען שרייט ער עס? דאָך קיינער ניטאָ. מעסער אין איין האַנט, שלייפער אין דער צווייטער, איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר אין עס זאָל, געבליבען שטיין דאָרט.

שאַ, שאַ, שריי ניט אַזוי, מ׳שרעקט זיך ניט פאַר דיין שרייען.

— גיי! זאָגט מען דיר!

גאָדל האָט אַ הייב געטון דעם קאָפּ, דערזען בערלס פאַרלאָפן פנים, אויך דעם קאָכער. זיין מויל האָט זיך אַ קרים געטון. — אָלרייט, הער קאַפּאַ! מיר׳ן זיך נאָך זען. ער האָט אויסגעשטרעקט איין האַנט, זיך אַ דריי געטון און זיך געלאָזט צום טיר.

בערלס האַנט האָט פאַרקלעמט אַ ברעג טיש, דער מוסקול פון אָרעם האָט זיך אַ וואַרף געטון, אַז ער האָט שיר נישט אויסגעשריען פון ווייטיק. ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט, שיר נישט אַוועקגעפאַלן אויפן ביינקל.

— וואָס האָט ער געוואָלט?

בערל האָט זיך אַ צאַפּל געטון. — אַה, דאָס זייט איר! וואָס האָט איר געזאָגט?

— דער פאַרשוין, וואָס האָט ער געוואָלט?

— ער? גאָרניט. ער איז... בלויז אריינגעקומען זאָגן „העללאָ״ און, איך האָף, אַז עס איז אויך געווען „גוד באַי״.

— איך האָף אויך אַזוי. צייט אָנהויבן די וועטשערע, ניין?

— וועטשערע? יאָ, איך גלויב אַזוי.

דער קאָכער איז אריין צוריק אין קיך. בערל איז צוגעגאַנגען צו דער קאַסע. דער טעלעפאָן דערביי — אַ שטומער בעל חוב: האָסט דאָך צוגעזאָגט . . . בערל האָט פּאַמעלעך אויפגעהייבן דאָס טרייבל, איין פינגער האָט גענומען דרייען דאָס רעדל, איבערדרייען בערל׳ס לעבן...

אין דריי טעג אַרום איז איבער דער גאַנצער ברייט פונם גרויסן

רעסטאָראַן פענסטער געווען פאַרצויגען אַ שילד מיט רויטע אותיות — אונטער אַ נייער פאַרוואַלטונג. וועט זיין אָפן פאַר געשעפט נאָוועמבער דעם דריטן.

(6)

אין דריי צענדליק יאָר אַרום איז אין דער שטאָט שאַיען, אין דעם שטאָט וויאָמינג, געשטאָרבען אַ צוריקגעצויגענער געשעפטסמאַן בוירטאָן דזש. סטאָל. נאָך זיין טויט האָט מען געפונען אַ צוואה:

קערפּערלעך שוואַך, אָבער גייסטיק געזונט, פאַרצייכן איך דאָ מיין לעצטע צוואה.

נאָך מיין טויט זאָל מיין זון דאָקטאָר אסקאר סטאָל — געבוירן אשר סטאָלפּנער — און זיין ווייב מערי סטאָל — געבוירן מאריא סוויענטאָק־זשיסקא — וואָס וואוינען ערגעץ אין שיקאַגאָ (איך האָב קיין כוח אויפזוכן זייער אַדרעס אין אַ שיקאַגאָר טעלעפאָן אָדער שטאָט דירעקטאָרי) קריגן צו פינף דאָלאַר יעדער. אויך מיין טאָכטער אטיליא סאקסענהאַוזען — געבוירן עטל סטאָלפּנער — און איר מאַן אדאָלף סאקסענהאַוזען, יאָרקוויל, ניו יאָרק, זאָלן קריגן צו פינף דאָלאַר יעדער.

איך האָף, אַז מיינע קינדער וועלן הנאה האָבן פון זייער פאָטערס ירושה אַזוי ווי איך האָב הנאה געהאַט פון זייערע חתונות, און זיי וועלן מיך געדיינקען אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן לעבן.

מיין איבעריק פאַרמעגן, ווערט־פּאַפּירן, וואָס לויטן איצטיקן קורס האָבן זיי די ווערט פון צוויי הונדערט פינף און צוואַנציק ביז צוויי הונדערט און דרייסיק טויזנט דאָלאַר, האָב איך שוין פריער אַוועקגעלייגט ווי אַ „טראָסט פאָנד", די הכנסה פון וועלכן — אַן ערך צען טויזנט דאָלאַר אַ יאָר — זאָל גיין אויף צו העלפן די קרבנות פון מענטשלעכער גרויזאמקייט.

געגעבן ווער עס זאָל זיין באַרעכטיקט צו קריגן הילף און אין וועלכער פאָרם איז פאַרשריבן אין די סטאַטוטן פון דעם פאָנד, אויסגעאַרבעט ביי מיין אדוואָקאַט ראלף קאַרטער צוזאַמען מיט די אַפּטרופּסים פון דעם פאָנד, ראַבאַי סטיפען בערנבעל, רב פון דעם היגן בית ישראל טעמפּל; רעווערענד זכריה ב. דאוני, פון דער פוירסט פרעסביטיריאַן טשוירטש, און דר. לעסטער מ. ראָבינסאָן, פּראָפעסאָר פון סאָציאָלאָגיע אין היגן אוניווערזיטעט.

וואָס איך וויל צוגעבן איז בלויז דאָס: לכתחילה האָב איך געוואָלט אָפּשרייבן דאָס געלט אויף צו העלפן פ א ר מ י י ד ן גרויזאמקייט צו

מענטשן, אַט ווי די געזעלשאַפט צו פאַרמיידן גרויזאַמקייט צו חיות. פון מיין אייגענער דערפאַרונג בין איך אָבער געניגט צו גלויבן, אַז מענטשלעכע גרויזאַמקייט איז ניט צו פאַרמיידן, זיכער ניט אין די קומענדיקע עטלעכע צענדליק, און אפשר עטלעכע הונדערט יאָר; לכן, אויב מ׳קען ניט פאַרמיידן גרויזאַמקייט, זאָלן כאָטש די קרבנות דערפון געהאָלפען ווערן, אויף וויפל עס איז נאָר מעגלעך.

גאַנץ מעגלעך, אַז די הכנסה פון דעם פאָנד זאָל זיך אַרויסווייזן ניט גענוג צו העלפן אַלעמען וואָס וועלן זיין באַרעכטיקט צו דער הילף, דעריבער וויל איך דאָ געבן דאָס רעכט צו די איצטיקע אַפטרופּסים, אָדער די אַפּטרופּסים נאָך זיי, אויסצוגעבען געלט אפילו פון דעם קרן. דאָס וועט, נאַטירלעך, פאַרקירצן דעם לעבענסדויער פון דעם פאָנד, דאָס מאַכט אָבער ניט אויס, ווייל דער צוועק פון דעם פאָנד איז ניט צו פאַראייביקן מיין נאָמען, נאָר צו העלפן די געליטענע. די אַפּטרופּסים זאָלן, פונדעסטוועגן, אַכטונג געבן, אַז דער פאָנד זאָל ניט צעטרענצלט ווערן צו שנעל.

קיינער ווייסט ניט ווען און ווי עס איז, און איך ווייס ניט ווען מיין סוף וועט קומען, מעגלעך דאָס זאָל פאַסירן אין דריי טעג אַרום, דריי וואָכן, אָדער חדשים, סיי ווי, נאָך מיין טויט, נאָך דעם ווי אַלע מעגלעכע דאָקטאָר, שפּיטאָל, און זיכערע לויה הוצאות וועלן געמאַכט ווערן, וועט נאָך בלייבן אַ פופצן צוואַנציק טויזנט דאָלאַר אין מזומן, געלט דעפּאָנירט אין דער סעקיורִיטי באַנק.

אַט דאָס געלט גיב איך איבער דעם בית ישראל טעמפּל, דערביי בעט איך, און איך האָף אַז מיין בקשה וועט אויסגעפירט ווערן, הייני:

אין טאָג פון מיין יאָרצייט און מיין פרוי גיטלס יאָרצייט, געשטאָרבן דעם צוועלפטען אָקטאָבער ......19 (דער רב וועט שוין קענען אויסשטעלן דעם דאַטום לויטן יידישן לוח) זאָל דער רב, דער שמש, אָדער ווער עס איז פאַרבונדן מיט דער שול (ביי מיר איז אַ טעמפּל און אַ שול הייינו הך) זאָגן קדיש נאָך אונז, ווייל אונדזערע קינדער וועלן דאָס ניט טון...

באם עס וועט ניט מעגלעך זיין צו קריגן אַ מנין אין אונדזערע יאָרצייט טעג זאָל מען זאָגן די קדישים אין די שבתים גלייך נאָך די טעג. אין די יום טובים ווען מ׳איז מזכיר נשמות זאָל דער רב, דער חזן, שמש, אָדער ווער עס איז פאַרבונדן מיט דער שול, אויך זאָגן יזכור נאָך אונדז.

מיט יאָרן צוריק איז מיין נאָמען אָפּט דערמאָנט געוואָרן צום

שלעכטן, און איך האָב עס כשר (אָדער טריף) פאַרדינט. זינט דאָן בין איך שוין געווען אָפּגעקומען פאַר מיינע זינד און מיין נאָמען מעג דערמאָנט ווערן צום גוטן פאַרן רבונו של עולם. איך האָב געזינדיקט, שווער געזינדיקט, גאָט איז אָבער א בוחן לבבות און ער ווייסט אַז מיין האַרץ איז געווען ריין פון זינד. איך גיי אויף יענער וועלט אָן מורא, ווייל איך בין שוין געווען אָפּגעקומען אויף דער וועלט. מיינע קינדער...

מיין „לויער" (אַדוואָקאַט) האָט מיר געזאָגט אַז אין אַ צוואה טאָר מען גאָרניט אויסמעקן, און איך קען זיי ניט אויסמעקן, מיינע קינדער. זיי האָבען מיך באַשטראָפט מער ווי ווער עס איז. זיי ווילן מיך זיכער ניט דערמאָנען צום גוטן, און איך וויל דאָס גאָר ניט. חוץ זיי זיינען אָבער דאָ נאָך מענטשן וואָס דערמאָנען מיין נאָמען צום שלעכטן. בעטן ביי זיי אלעמען מחילה קען איך ניט: ווער ווייסט ווו זיי געפינען זיך, און, איך בין חושד, עס וואָלט ניט געהאָלפן; אַזוי זיינען שוין מענטשן... איך האָף אָבער אַז די מענטשן, ווען דער ביטערער גורל וועט ברענגען צו פאַרזוכן דעם טעם פון מענטשלעכער גרויזאַמקייט וועלן, נאָכן געניסן פון דעם פאָנד וואָס איך לאָז איבער, מיך דערמאָנען צום גוטן, און שקול זה כנגד זה.

מיט דעם איז מיין צוואה געענדיקט, און איך שרייב זי אונטער מיט מיין אייגענער האַנט, מיין אייגענעם נאָמען, אָדער נעמען, און אויך מיט מיין... נומער.

בוירטאָן דזש. סטאָל,
געבוירן דוב־בער ברב יואל סטאָלפּנער,
קאָנצענטראַציע לאַגער נומער, אויסגע־
קריצט אויף מיין אָרעם, 39,468

דאַטירט.................
עדות.................

(7)

פינף טעג נאָך דעם ווי די צוואה איז געחתמעט געוואָרן איז בערל סטאָלפּנער געשטאָרבן.

פינף יאָר נאָך זיין טויט איז פון זיין פאָנד ניט געבליבן קיין זכר. ניט ער, ניט די אפּטרופּסים האָבן געהאַט אַן אַנונג ווי וויט מענטשלעכע אכזריות קען גיין...

פופצן יאָר נאָך זיין טויט האָט מען נאָך געזאָגט קדיש און יזכור נאָך בערל און גיטל סטאָלפּנער. אויפן זעכצנטן יאָר האָט מען אויפגעהערט זאָגן. ניט ווייל עס האָט שוין ניט געקלעקט קיין געלט פאַרן קדיש און יזכור זאָגער, געלט האָט דער טעמפּל בית ישראל געהאַט גענוג, עס זיינען אָבער ניט געווען גענוג יידן וואָס זאָלן קומען אין טעמפּל אפילו נאָר ראש השנה און יום כפור. האָט דער טעמפּל זיך פאַרמאַכט, דאָס קדיש און יזכור זאָגן האָט אויפגעהערט. די עטלעכע יידן וואָס זיינען געווען אין שאַיען האָבן יוצא געווען פאַר זייערע עלטערן און קרובים מיט דערמאָנען זיי איין מאָל אין יאָר, דעם דרייסיקסטן מאַי, „מעמאָריאל טאָג", ווען מ'איז געגאַנגען אויפ'ן בית עולם און געלייגט בלומען אויף די קברים, כמנהג המדינה.

אויף בערל סטאָלפּנערס קבר וועט קיינער קיין בלומען ניט לייגן...

אַלטער נאַר

צווי וואָכן צייט האָט ער געפּאַכעט מיט דער נשמה. ער איז געליגן, איינגעאָטעמט ריינעם זויער־שטאָף, און אַפילו דער פּראָצעס פון אָטעמען איז געווען אַ שווערע אָנשטריינגונג פאַרן שוואַכן האַרץ; פון מאַכן די מינדסטע באַוועגונג איז געווען אָפּגערעדט, און רעדן — הס מלהזכיר.

יעדן טאָג, איידער זיין ווייב האָט זיך געקליבן גיין אין שפּיטאָל, האָט זי פריער אָנגעקלונגען, געפרעגט ווי עס האַלט מיט אים, פונדעסט־וועגן אַז זי איז געקומען אין שפּיטאָל האָט זי מורא געהאַט אריינגיין גלייך צו אים אין צימער: ווי אַז זי וועט אים שוין דאָרט ניט געפינען? זי האָט זיך אויך געקווייקלט פרעגן אין אָפיס אָדער דער וואָרטספרוי: זי קען נאָך דערהערן זייער פרומען „טוט אונז זייער לייד, ער איז נאָר וואָס אויסגעגאַנגען". דער סוף איז געווען אַז זי האָט עס געלאָזט אויף טראַף: האָט זי דערזען זיין וואָרטספרוי, האָט זי פריער געפרעגט, ניט, איז זי געגאַנגען גלייך צו זיין צימער און, אין ביידע פאַלן, גנבהש געעפנט די טיר, בלויז אויף אַזוי פיל זי זאָל קענען זיך אריינשאַרן, און אויף די שפּיץ פינגער זיך דערנעענטערט צום בעט. האָט ער אָן עפן געטון די אויגן, איז דאָס געווען די בשורה — איך לעב נאָך און אויך די באַגריסונג. אַזוי צוויי וואָכן.

נאָך די צוויי וואָכן האָט מען צוגענומען דעם קעסל מיט זויער־שטאָף, ער האָט שוין געאָטעמט נאַטירלעך, געעסן ווי עס דאַרף צו זיין, און אַפילו שוין אויסגערעדט אַ פּאָר ווערטער. ער איז אָבער געווען אַ חולה מסוכן — „קאָראָנאַרי טראָמבאָזיס" אין אַ שווערער פאָרמע — דער דאָקטאָר האָט דאָך געגעבען גוטע האָפענונג: דאָס ערגסטע איז פאַראיבער. איבערליגן נאָך פיר וואָכן, צו די זעקס וואָכן וועט מען זען. ער מוז אָבער ליגן און רוען, רוען, ווייל ער איז אַ קראַנקער מענטש, זייער אַ קראַנקער מענטש...

און ער איז געליגן, און ער האָט גערוט ווי דער דאָקטאָר האָט געבאטן, ניט צוליב דער מורא פאַרן טויט. ער האָט גאָר קיין אנונג ניט

געהאַט ווי נאָענט ער איז געווען צום טויט, ער האָט אַפילו ניט געדיינקט געגוי ווי ער האָט געקראָגן די האַרץ אַטאַקע. ווען זיין ווייב האָט אים געגו־מען דערציילן ווי ער האָט געריסן דעם קאָלנער פון דער העמד, געשריען: לופט! איך קאָן ניט אָטעמען! האָט ער קורץ אַ זאָג געטון: איך געדיינק ניט, און די ווייב, אָט ווי זי איז געווען להוט אים דערציילן אַ ל ץ, ניט נאָר וואָס ע ר האָט ג ע ט ו ן, נאָר וואָס ז י האָט א ו י פ ג ע ט ו ן, האָט פונדעסטוועגן באַגריפן אַז ער וויל גאָר ניט וויסן דערפון, אַז ס׳איז געזונטער פאַר אים ער זאָל ניט וויסן און זי האָט מער ניט גערעדט. ער האָט ניט געוואוסט, ניט געוואָלט וויסן פון דער אַטאַקע, ער האָט אָבער זייער געוואָלט לעבן, ניט נאָר ווייל עס ווילט זיך לעבן, נאָר ע ר האָט געוואָלט. ווען דער דאָקטאָר האָט, נאָך די זעקס וואָכן, ניט אָן שטאָלץ אַ זאָג געטון: מ י ר זיינען עס אַריבערגעקומען, איצט זייט איר אויסער געפאַר, האָט רובינשטיין געפילט אַז די שותפות אינם אריבערקומען איז ניט קיין גלייכע, ע ר האָט אין דעם אַ גרעסערן חלק. דער דאָקטאָר, טאַקע זייער אַ גוטער דאָקטאָר און אַ וואוילער מענטש דערצו, אריבערגעקומען אָבער איז ע ר, ניט יעדער איינער באַוויזט עס צו טון, און ער וועט נאָך טון אַ סך זאַכן, דער עיקר — ער׳ט געזונט ווערן.

איידער דער דאָקטאָר האָט אים אויסגעשריבן פון שפּיטאָל האָט ער אים געגעבן אַ לעקציע ווי זיך אויפצופירן אין דערהיים, די אָנזאָגן, מייסטנס לאו׳ן — ניט טון דאָס, ניט טון דאָס... רובינשטיין האָט אויסגעהערט דעם דאָקטאָר מיט אַ שמייכל: דו ביסט טאַקע אַ גוטער דאָקטאָר, אָבער מיין שולחן ערוך קען איך אַזוי גוט ווי דו, פונדעסטוועגן האָט ער ביי יעדן אָנזאָג פּאַטאָקעוועט: איך וועל, איך וועל, און ליגנדיק אין דערהיים, און אַפילו ווען ער איז שוין ארומגעגאַנגען צו ביסלעך האָט ער זיך אויפגעפירט לויט אַלע דינים, דערביי ניט געווען קיין נודניק. אין זיין שפּייז האָט ניט געטאָרט אריינקומען קיין זאַלץ, האָט די ווייב זיך געבראָכן דעם מוח וואָס און ווי צו קאָכן און, ווען דערלאַנגט צום טיש, האָט זי זיך געשראָקן ער׳ט ניט קענען, ניט וועלן עסן. ער האָט געגעסן, גאָרניט געזאָגט.

— נו, עס האָט עפּעס אַ טעם?

— אַ שטיקל הערינג איז אודאי געשמאַקער, אָבער מ׳קען לעבן אָן הערינג. ס׳איז ניט שלעכט. מ׳דאַרף זיך נאָר צוגעוואוינען.

ער האָט זיך צוגעוואוינט צו זיין קראַנקן רעזשים, ניט ארויפצוויינ־

גענדיק אים אויף דער ווייב. די ערשטע פּאָר וואָכן האָט ער מורא געהאַט צו בלייבן אַליין, זיין ווייב האָט געמוזט זיין אין הויז און צען אַזייגער אין אָוונט האָט מען „געמאַכט נאַכט", געגאַנגען שלאָפן, נאָכדעם האָט אים מער ניט געקימערט אויב זי איז ערגעץ געגאַנגען, געקומען שפּעט, און זיינען געווען באַזוכער, היימישע מענטשן, מ׳האָט גערעדט, באַלאַקעט, אָדער גאָר געשפּילט קאָרטן, האָט ער צען אַזייגער זיך אויפגעהויבן: איר׳ט מיר אַנטשולדיקן, דאָס עופהלע דאַרף גיין ליו־ליו, איר קענט זיצן. האָבן די פריינט פּראָטעסטירט אַז ס׳איז שוין צייט צו גיין, האָט ער שמייכלענדיק געזאָגט: ווען מען דערציילט איר מעשות? איר ווילט דאָך שפּילן נאָך אַ קאָן, טאָ שפּילט, פאַרברענגט, איר שטערט מיר ניט. גאַנץ אָפט האָט ער אויך געמאַכט אַ קערטל. איידער ער איז קראַנק געוואָרן האָט ער זעלטן ווען געשפּילט קאָרטן, זיין שפּיל איז געווען שאַך. די צייט וואָס ער איז געליגן אין בעט, אַפילו ווען ער איז שוין געווען אויסער געפאַר, האָט ער אַפילו ניט געטראַכט וועגן שאַך, עס איז אָבער געווען זייער לאַנגווייליק, ער האָט געלייענט צייטונגען, זשורנאַלן, אַפילו אַ בוך, דאָס אַלץ האָט אָפּגעשוירן שטיקלעך צייט, אָבער די צייט האָט, ווי אַ לאַנגער פראַכט־צוג פאַרן אויטאָמאָביל פאָרער, זיך ענדלאָז געצויגן, נאָך איר האָט זיך נאָכגעשלעפּט לאַנגווייליקייט, נערוועזיטעט. ווען פריינט, שאַך־פּאַרטנער, האָבן גענומען אריינקומען, האָט די ווייב בסוד זיי געוואָרנט ניט צו שפּילן קיין שאַך: צופיל אָנשטריינגונג. זי האָט געקענט איר מאַן. עס איז ניט אַזוי די אָנשטריינגונג, ער איז געווען אַ גוטער שפּילער, נאָר אַ שלעכטער פאַרשפּילער. אין קאָרטן, אַז ער האָט פאַר־שפּילט, איז שולדיק געווען דער שותף, אָדער, אַז ס׳איז ניט געווען קיין שותף, זיינען שולדיק געווען די קאָרטן: אַז יענעם גייט אַ קאָרט, איז דאָך נישט שייך. אין שאַך, ניט עס איז שייך אַ שותף ניט עס קען יענעם גיין גוט, דאָ דאַרף מען אַליין גיין, און אַז ער איז „געגאַנגען" און פאַרלאָרן, איז געווען רעכט ער זאָל ליגן אין בעט, איבערגיין אין זיך די שפּיל ביז ער איז געקומען צום פאַטאַלן גאַנג. צוליב אָט דעם גאַנג האָט ער פאַרלאָרן. די פּאַרטיע איז געווען זיינע, אַ געוואונענע, ער איז שוין געווען אַזוי זיכער מיט זיין פּאָזיציע אַז ווען יענער איז געזעסן און געטראַכט אפשר פינף מינוט אויף אַ גאַנג, האָט ער פּשוט פאַרלאָרן די געדולד און געמאַכט אָט דעם גאַנג. ווען יענער קווטשעט זיך ניט אַזוי לאַנג... יענעמס שולד. יאָ, אין שאַך דאַרף מען ניט נאָר אַ גוטן קאָפּ, נאָר אויך אַ גוטן הינטן, געדולד. אַ צווייטן מאָל וועט ער שוין זיין אַ ביסל

מער געדולדיק. האָט ער געוואונען, האָט ער כלומרשט אין שפּאַס געזאָגט: מ׳דאַרף קענען שפּילן! ווי אין יעדן שפּאַס איז אין דעם געווען אַ ביסל ערנסט, ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גוטן שפּילער, געווינען נאָכאַנאַנד האָט אים פונדעסטוועגן ניט צופרידנגעשטעלט, וואָס פאַר אַ טעם האָט עס צו שפּילן מיט... אַ קאַליקע? מהאי טעמא איז שאַך געווען אַ צו ריזיקאַלישע שפּיל, די נאַרישע קאָרטן שפּיל, „פעדערן פליקן", ווי ער האָט עס גערופן, איז חוץ אַ גוטן צייט פאַרטרייב אויך געווען אַ מין בליץ אָפּלייטער, ניט צו ריידן וועגן... רוסלאַנד, אָדער אַנדערע ענינים וואָס זיינען עלול צו פאַרשאַפן „בייז בלוט", זיך אויפרעגן, און אויפרעגונג איז סם המות. ניין, אויפרעגן זיך האָט ער ניט געוואָלט, ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט „נעמען זאַכן לייכט", גיין פּאַמעלעך...

איין טאָג, דאָס איז שוין געווען אַריבער אַ יאָר נאָך זיין קראַנק ווערן, ער איז שוין אַרומגעגאַנגען, האָט שוין אַפילו אַ פּאָר מאָל געטריבן זיין אויטאָמאָביל, איז אים אויסגעקומען צו גיין מיט זיין נאָענטן פריינד זלמן ראַבינאָוויטש אויף אַ גאַס וואָס האָט דורכגעשניטן אַ ראַשיקן בולוואַר. געקומען צום ראָג, דער סיגנאַל איז גראַדע געווען „גרין", האָט ראַבינאָוויטש זיך אַ לאָז געטון גיין, ערשט אינמיטן גאַס האָט ער זיך געכאַפּט רובינשטיין איז ניטאָ, ער שטייט גאָר אויפן ראָג.

— קום! — האָט ער אַ געשריי געטון, אַ רוף געטון מיט דער האַנט, געוואָלט זיך אומקערן נעמען רובינשטיינען אונטערן אָרעם, אים איבערפירן. רובינשטיין האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — גיי! גיי! איכ׳ל אָנקומען. — דערווייל האָט דער סיגנאַל זיך געביטן אויף „רויט" און ראַבינאָוויטש האָט שוין געמוזט אונטערלויפן צום צווייטן ראָג. ערשט ווען דער סיגנאַל האָט זיך געביטן אַ צווייטן מאָל אויף „געל" האָט רובינשטיין זיך געלאָזט גיין מיט זיין פּאַמעלעכן גאַנג. צוקומענדיק צו ראַבינאָוויטשן האָט ער זיך אַנטשולדיקט. — ד ע ם בולוואַר קריין איך ניט איבער ווען איך קום און טרעף די ליכט שוין גרין.

— דעמלט איז דאָך די צייט צו גיין!

— פאַר דיר, אָבער ניט פאַר אַזאַ אַלטן נאַר ווי איך. פאַר מיר איז: אלימלך — גיי פּאַמעלעך! דעם „אַלטן נאַר" האָט ער אַרויסגעבראַכט אויף אַזאַ אופן אַז ראַבינאָוויטש האָט ממש געזען די גענזנפּיסלעך איבער די ווערטער, פאַרשטאַנען אַז רובינשטיין „ציטירט" עמיצן און האָט פרעגעריש אַ קוק געטון אויף אים.

— דיר דערציילן. דאָ איז אַ באַנק, לאָמיר זיך צוזעצן.

(2)

— עס איז דאָ אין דעם א חדשים זעקס. און אפשר? ניין, מער ווי דאָס. דעם דריי און צוואַנציקסטן סעפּטעמבער איז דאָס געווען. דער דאַטום האָט זיך מיר גוט איינגעקריצט אין זכרון. טאַקע דאָ אויפֿן ראָג איז דאָס געווען. איך האָב זיך געדאַרפֿט טרעפֿן דאָ ניט ווייט, די דריטע טיר פֿון דאַנען, מכח מיין געשעפֿט. ווייסט'אָך, ווען איך בין קראַנק געוואָרן איז דאָס געשעפֿט מיינס געבליבן פֿאַרמאַכט. די ערשטע פּאָר חדשים איז דאָך אָפּגערעדט, ווער מען איז עס געליגן אינזינען? אָבער אפילו נאָכדעם, ווען איך האָב שוין גענומען ארויסגיין צו ביסלעך, איז דאָס געשעפֿט געשטאַנען פֿאַרמאַכט. דירה געלט? די קריינק האָט אָפּגעקאָסט אַזוי פיל ווער קאָסטן נאָך אַ טויזנט דאָלאַר. מענטשן האָבן גענומען ריידן: פֿאַרקויף! שאַ, דו געדיינקסט דאָך, איך האָב ניט געוואָלט פֿאַרקויפֿן. ערשטנס, וואָס וואָלט איך געקראָגן אין אַזאַ פֿאַל? צווייטנס, איך האָב ניט געוואָלט אויפֿגעבן. דאָס איז דער אמת. ווייסט, קראַנק זיין, מיט אַ לאַנגער פֿאַרצויגענער קריינק, איז אַ מאָדנע זאַך. אַלע זאָרגן זיך וועגן דער קריינק, וועגן דעם איינעם קראַנקן אבר — דאָס האַרץ — קיינעם פֿאַלט גאָר ניט איין אַז דער חולה האָט אויך אַ קאָפּ, בעת דער קאָפּ איז אפשר אַזוי וויכטיק ווי דאָס האַרץ. טעג, נעכט בין איך געליגן און געטראַכט: וואָס? אויס! שוין אַזוי אָפּליגן דאָס גאַנצע לעבן? ליגן און וואַרטן אויפֿן טויט? ניט קיין תכלית. ביז איך בין נאָך געליגן, געזעסן אין שטוב איז נאָך געווען ווי עס איז, גענומען ארויסגיין אין דרויסן, געזען מענטשן גייען, איילן זיך, האָב איך זיי פּשוט מקנא געווען — יעדער איינער גייט ערגעץ, טוט עפּעס, איז פֿאַרנומען, איך...

— אַ סך מענשען וואָלטן מוחל געווען דאָס לויפֿן, ווען זיי קענען דאָס באַווייזן. זיי האָבן אפשר דיר מקנא געווען, אָט אַ מענטש, לעבט זיך רויק...

— ווער ס'איז מ י ר מקנא זאָל אַ רוח אין ז י י ן מאַמע. לעבט זיך רויק. ניט איין מאָל געטראַכט וועגן אָט דער רויקייט. מיין דירה, ווייסט'אָך, האָט די מעלה וואָס זי איז כמעט אינמיטן שטאָט, צוויי בלאָק אַוועק רוישט זיך, קאָכט זיך, און אַז מ'זיצט ביי מיר אין הויף קען זיך דוכטן אַז מ'איז ערגעץ אויסערן שטאָט, אין אַ וואַלד, שאַ שטיל. בין איך ניט איין מאָל געזעסן און געטראַכט וועגן דער שטילקייט דאָ ביי מיר און דעם רעש דאָ ניט ווייט. ביי אונז איז אַ רעשיק לעבן, אַלץ

שרייט און טומלט, וואָס דאַרפסטו מער, מיר דוכט אַז אין קיין לאַנד אויף דער וועלט שרייען ניט אַזוי די קינדער ווען זיי רעדן ווי דאָ ביי אונז. אַלץ שרייט. פאַרגליכן דעם רעש דאָ אין אַמעריקע מיט דער שטילקייט פון... אינדיע, לאָמיר זאָגן, איז דאָס לעבן דאָרט עפּעס אַ מין מדבר, סטאַטיש, ביי אונז איז דאָס דינאַמיש, אַ רוישיקער ים, דאָרטן כאַטש נעם און טו זיך אויס פון דער וועלט גאָר אינגאַנצן, נירוואַנאַ, דאָ איז, ווי זאָגט דער אַמעריקאַנער, שווים אָדער זינק. און אַ סך זינקען טאַקע. מיר האָט זיך ניט געוואָלט זינקען, איך האָב אָבער ניט געוואָלט זיצן און „קוקן אויפן פופיק", מיר האָט זיך געוואָלט שווימען אין רוישיקן ים, נאָר דער קאָפּ זאָל זיין הויך איבערן וואַסער. דאָס געשעפט האָט עס מיך געזאָלט פאַרבינדן מיט דער וועלט, וויסן אַז איך האָב עפּעס, דאַרף עפּעס ט ו ן, חוץ ליגן און לייענען אַ ביכל, הערן די ראַדיאָ, אָדער גאָר שפּילן אַ „זשין ראַמי". אַ מענטש דאַרף עפּעס טון. אַליין אַכטונג געבן אויפן געשעפט וועגן דעם איז דאָך אָפּגערעדט, ערשטנס, איז דאָס געווען צופיל פאַר מיר, צווייטנס, האָב איך עס ניט געקענט טון צוליב מיין פּאָליסי. אויב איך האָב ווען עס איז אריינגעלייגט עטלעכע דאָלאַר אין אַ גוטן מסחר, איז עס געווען ווען איך האָב ארויסגענומען די פּאָליסי. היינט שרייבן זיי שוין מער ניט אַזעלכע פּאָליסיס און פון די וואָס זיי האָבן געשריבן זוכן זיי זיך אַרויסדרייען מיט כלערליי יורידישע דריידלעך. עפענען צוריק דאָס געשעפט, פאַר־שטייט זיך, אַז זיי וואָלטן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם. איז געבליבן איך זאָל פאַרקויפן דאָס געשעפט לפנים, ניט צו מיין ווייב, דאָס וואָלט געווען ניט אַזוי כשר, איך פאַרקויף עס צו אַ ווילד פרעמדן, ער איז כלומרשט דער גאַנצער באַלעבאָס, גיטל איז בלויז אַ שטילער שותף צו די פאַרדינסטן. דאָס, האָט מיר דער אדוואָקאַט געזאָגט, איז כשר לכל הדעות, די פראַגע איז — אַ שותף. האָט זיך אונטערגערוקט אַ שותף, אַ מענטש באהבנט אין די געשעפטן, אַן ערלעכער מענטש דערצו, מער ניט — קיין געלט האָט ער ניט, איך דאַרף עס אריינלייגן די סחורה, די ארענדע אויף דער קראָם — געווען נאָך אויף דריי יאָר — ער טראָגט צו זיין דערפאַרונג, אַרבעט. איך האָב אַפילו פאַרדעכטיקט אַז ער האָט יאָ אַ ביסל געלט, שפּעטער האָט זיך טאַקע ארויסגעוויזן אַז מיין חשד איז געווען באַרעכטיקט, פונדעסטוועגן בין איך איינגעגאַנגען, אַ ברירה האָב איך געהאַט? קען זיין איך וואָלט אויך אַזוי געהאַנדלט, אַז מ'קען ווערן אַ שותף אָן געלט, צו וואָס אריינלייגן דאָרטן דאָס לעצטע ביסל אָרעמקייט

זיינס? סיי ווי, איך בין איינגעגאַנגען, און יענעם טאָג, דעם דריי און צוואַנציקסטן סעפּטעמבער, האָב איך עס באַדאַרפט צוגיין, איך מיט גיטלען אין דעם אָפּיס דאָ ניט ווייט, טרעפן דעם שותף, אדוואָקאַט, אונטערשרייבן די פּאַפּירן, שליסן דעם מסחר.

— גערדאַרפט האָב איך דאָרטן זיין צוויי אַזייגער. אַזוי ווי ס׳איז ניט ווייט, האָב איך באַשלאָסן איכ׳ל צוגיין צופוס. גיטל ווייסט דאָך אַז איך גיי זייער פּאַמעלעך און זי, אַ שרעטעלע... האָט זי מיר געזאָגט: דו גיי, איכ׳ל שוין צוקומען. זי האָט נאָך געהאַט עפּעס צו טון אין שטוב.

בין איך מיר געגאַנגען פּאַמעלעך. געקומען צום ראָג אָט דאָ אָ, די ליכט איז גרין. האָב איך זיך געלאָזט גיין. איך בין שוין געהאַט אריבערגעגאַנגען גוטע דריי פערטל, ערשט די ליכט האָט זיך געביטן. איך בין געווען אפשר אַ צען פוס פון טראטואר, ניט מער ווי דאָס, אָבער אז די ליכט האָט זיך געביטן, דער טרייבער זעט דעם „גיי״, טרייבט עס אים. זיצט אַ פּאַרשוין ביים רעדל, און איך זע ער האַלט דאָס רעדל ווי אַ ווילד פערד ביים ציימל, אָט אָט רייסט זיך עס אָפּ. שטעל איך אַזוי אויס די האַנט: יאָג זיך ניט, ברודערקע! און גיי מיר פּאַמעלעך. איך האָב נאָך ניט ארויפגעשטעלט די פוס אויפן טראַטואַר, ערשט די מאַשין האָט אַ ריטשע געטון, דאָס האָט ער אַזוי געביטן די ציין, מיטן ברוסט אויפן רעדל, אָט ווי ער וואָלט אונטערגעשטופּט דעם אויטאָמאָביל, האָט ער פונדעסטוועגן נאָך אויסגעדרייט דעם פּנים צו מיר. האָסט באַדאַרפט זען אַ פּנים! צעקרומט פון כעס, און אַ מויל! און פון דעם מויל האָט אַ שפּריץ געטון אַ שטראָם זידלערייען, מיך האָט געטראָפן בלויז דער „שפּיץ״ — דו גאָט פאַרדאַמטער אַלטער נאַר! האָב איך אַ שמייכל געטון, אים נאָכגעשיקט אַ „ברעך דעם קאָפּ״, און בין ארויף אויפן טראַטואַר. איך שטיי אזוי און קוק אים נאָך, ערשט איך זע ער ציט צו צום טראַטואַר אויף יענער זייט. ער שטעלט זיך, הייסט עס, אָפּ, איז מיר איינגעפאַלן אַז ער וויל דאָס ארויסגיין, זיך אויסטענהן מיט מיר, שטיי איך אַזוי, מיט אַמאָל דערהער איך זיין האָרן פּייפט. רופט ער מיך, דער אידיאָט, איך זאָל צוגיין צו אים? רופט ער דעם פּאָליצמאַן? און דער האָרן פייפט אָן אַן אויפהער, אָט ווי אַמאָל מאַכט זיך עס ווערט דאָרט עפּעס קאַליע, פאַרלישעט די גאַס. אויטאָמאָביל פאַרער קוקן זיך אום, דער פּאָליצמאַן איז צוגעגאַנגען, אריינגעשטעקט דעם קאָפּ אינעווייניק, דער האָרן האָט אויפגעהערט פּייפן, דער פּאָליצמאַן האָט אַ לויף געטון צום טעלעפאָן אויפן סלופּ. וואָס טוט זיך דאָרט? עפּעס

האָט פּאַסירט. דער סיגנאַל האָט זיך געביטן אויף גרין, בין איך אריבער־געגאַנגען. דער פּאָליצמאַן האָט שוין אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל, גיי איך צו צו אים: וואָס האָט פּאַסירט?

— דער פּאַרשוין איז געפאַלן מיטן האַנט אויפן האַרן. האַרץ אַטאַקע.

— האַרץ אַטאַקע! זייט איר זיכער?

— איך בין שוין לאַנג געגוג אויף מיין פּאָסטן צו וויסן אַזעלכע זאַכן. פּאַסירט גאַנץ אָפט.

— איז...?

— איך האָב גערופן די פייערלייט און דעם שפּיטאָל. ווער עס וועט קומען פריער דער וועט אים האָבן.

— תוך כדי דיבור איז צוגעקומען דער פייער וואָגן. צוויי פייער לייט האָבן ארויסגעשלעפּט דעם מענשען פון אויטאָמאָביל אָט ווי זיי וואָלטן אַרויסגעצויגן אַ דערטרונקענעם, די אַנדערע צוויי האָבן זיך געפּאָרעט מיטן קעסל זויער־שטאָף, דער מאַסקע.

— לייג אים אַוועק! לייג אים אַוועק אויף דער ערד! וועט אים ניט שאַטן. קיין צוקאָפּנס? אָה, קענט אונטערלייגן זיין היטל. אָט אַזוי. איצטער...

דער פּאָליצמאַן האָט זיך גענומען אַוועקרוקן דאָס געזעמל מענטשן וואָס האָט שוין געהאַט זיך אָנגעקליבן, איך בין געשטאַנען, זיך ניט גערירט פון אָרט. איך האָב געוואָלט אַוועקגיין, מיינע אויגן האָבן זיך אָבער צוגעשפּיליעט, צוגעקלעפּט צו דעם מענטשן, דער סצענע. זיין פּנים האָב איך ניט געזען, אָבער זיין קערפּער, ווי ער איז געליגן אויסגעצויגן, אויפן טראָטואַר...

— איך מוז דיר זאָגן אַז פון מיין אַטאַקע האָב איך גאָרניט געדיינקט, אָבער טאַקע גאָרניט! גיטל האָט מיר נאָכדעם דערציילט, אָבער ביז היינט צו טאָג ווייס איך ניט גענוי וואָס איך האָב דאַן געטון, ווי איך האָב געפילט נאָכן ערשטן קראַמף ווייטיק, דאָ, אז איך האָב עס געזען און, דער עיקר, דאָס ליגן אין גאַס, אויפן טראָטואַר... די מענטשן אַרום... דער אַמבולאַנס איז צוגעקומען. דער עולם אַרום איז געוואָרן גרעסער, איך האָב נאָר געזען ווי איינער אין ווייסן, דער דאָקטאָר אַפּנים, האָט זיך אָנגעבויגן צו אים. מער האָב איך ניט געזען. דער פּאָליצמאַן האָט גענומען אָפּשטופּן דעם עולם. איך האָב זיך געלאָזט גיין, די פיס — לויזע טייג, די קני — דראַליעס, ציטערן, אָט אָט פאַל איך אום, כאָטש פאַרהאַלט דעם אַמבולאַנס ער זאָל מיך אויך פאַרנעמען. די ערשטע

זאָך — האָב איך איינגעשלונגען אַ פּילעכל. דאָס פּלעשעלע פּילן האָב איך תמיד מיט זיך. דאָס האָט מיר געעפֿענט די אויגן. דערזען דעם אַפּטייק אויפֿן ראָג, האָב איך ווי עס איז זיך פֿאַרשלעפּט אַהין און, נאָך איידער איך האָב זיך אַוועקגעזעצט, האָב איך אַרויסגעכריפּעט: קאַווע! שוואַרצע, הייסע קאַווע!

די קאַווע האָט מיך געראַטעוועט.

דער אַמבולאַנס איז אַוועקגעפֿאָרן, זיינען אַריינגעקומען נאָך אַ פּאָר מענטשן.

— וואָס האָט פּאַסירט?

— האַרץ אַטאַקע.

— טויט?

— ה..ם, ניין, ניט אויסגעזען אַזוי. אים צוגענומען אין שפּיטאָל...

— ניט טויט, — האָב איך ווי פֿאַרצייכנט אין קאָפּ, די פּיס האָבן מער ניט געציטערט. איך בין אַרויס פֿון אַפּטייק, צוגעגאַנגען צום אָפּיס דאָ, גיטל איז שוין געווען. זי האָט מיך דערזען, האָט זי אויסגעשריען: מלך! וואָס האָט פּאַסירט? וואו ביסטו געווען?

— אַריינגעגאַנגען נעמען אַ טעפּל קאַווע.

— קאַווע!? פֿילסט נישט גוט? — האָט זי שוין געפֿרעגט בסוד. פֿאַר די אויגן האָבן זיך מיר געדרייט רעדער, נאָך אַ ביסל פֿאַל איך אַנידער.

— איך בין אָלרייט. לאָמיר זיך אַנידערזעצן, אָפּטון די געשעפֿטן.

זי האָט מיר אונטערגערוקט אַ ביינקל, געוואָלט מיר העלפֿן זיך אַוועקזעצן, דער אַדוואָקאַט, דער שותף האָבן געקוקט אויף מיר, בין איך שוין געוואָרן אַ ביסל נערוועז און בייז אַ זאָג געטון: לאָמיר זיך נעמען צום עסק.

— דאָ האָט איר עס, — האָט דער אדוואָקאַט מיר אונטערגערוקט די פּאַפּירן. איך האָב גענומען לייענען, אַלע שורות, — איין שמיר. איך האָב אַ דריי געטון דעם פּאַפּיר, זיך אַליין אַ דריי געטון — לייען!

איך האָב גענומען לייענען, שפּרינגען פֿון איין פּאַראַגראַף צום צווייטן.

„אין פֿאַל איינער פֿון די צדדים שטאַרבט . . .״

— איך האָב אַוועקגעלייגט דעם פּאַפּיר. זשענטלמען! איר׳ט מיך אַנטשולדיקן. איך קען ניט.

די צוויי מענער האָבן מיך אָנגעקוקט פאַרחידושט. גיטל דערשראָקן. זי האָט זיך אָנגעבויגן צו מיר: פילסט ניט גוט?

— איך בין אָלרייט, אָבער . . . זשענטלמען! עס טוט מיר לייד, איך קען די פּאַפּירן ניט אונטערשרייבן. ניין איך וועל ניט חתמענען. דער מסחר איז אויס.

— פאַרוואָס? איר האָט עפּעס אויסזעצן?

— איך האָב גאָרניט אויסצוזעצן, אָבער דער מסחר איז קיין מסחר.

— געפּטרט אַזוי פיל צייט, — האָט דער אַדוואָקאַט שוין ברוגזלעך אַ זאָג געטון.

— פאַר דער צייט וועט איר מיר אַריינשיקן אַ רעכענונג, און איר וועט מיר אַנטשולדיקן, האָב איך געזאָגט צום שותף, אָבער איך קען דעם מסחר ניט דורכפירן. און איך האָב זיך אויפגעשטעלט. גיטל האָט מיך אונטערגעכאַפּט. לאָמיר גיין אַהיים. רוף אַ טעקסי.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט גיטל געוואָלט וויסן.

— גאָרניט. לאָז מיך צורו.

זי האָט מער ניט געפרעגט. געקומען אַהיים, זיך אַריינגעלייגט אין בעט, האָט גיטל אַ פרעג געטון: רופן דעם דאָקטאָר?

— איך דאַרף ניט קיין דאָקטאָר, שפּעטער אַ ביסל וועסטו אַרונטערגיין קויפן אַ צייטונג, די אָוונט צייטונג.

— אַ צייטונג! — זי האָט מיך אָנגעקוקט. מער ווי די מאָרגן צייטונג וואָס איך קריג צוגעשטעלט גלייך אינדערפרי לייען איך קיינמאָל מער קיין צייטונג, און דאָ פּלוצלונג — אָוונט צייטונג. זי איז אָבער אַרונטערגעגאַנגען און געבראַכט, אין אָוונט שוין האָב איך זי ווידער געשיקט קויפן די מאָרגן צייטונג, די „בולדאָג אויסגאַבע”. איך האָב געזוכט, גענישטערט, ווייסט׳אָך, די צייטונג חברה זיינען בריות אויף „קעפּ”

— „טויט פּאָרט אויף רעדלעך”, מענטש שטאַרבט ביים אויטאָמאָביל רעדל, ניט געווען. נו יאָ, עס האָט נאָך ניט געקענט זיין, איך האָב אָבער געזוכט און, ניט געפונען, בין איך געליגן און געטראַכט וועגן דעם פאַרשוין, דעם „אַלטן נאַר”... צוליב איניקע סעקונדן — וויפל האָט עס גענומען מיין אַריבערגיין? — זאָל אַ מענטש ווערן אַזוי אויפגערעגט אַז...

— אַן אַלטע געשיכטע, צייט איז געלט, און געלט איז... די וועלט.

וועגן דעם אויך געטראַכט. מיך האָט ניט גענומען קיין שלאָף און אַז מ׳שלאָפט ניט טראַכט זיך אָן אַ שיעור. עס איז ניט דאָס. צייט איז געלט. עס יאָגן זיך אָבער ניט נאָר די קבצנים אין זייערע פאַרדלעך,

שעוראַלעיקעס, די גבירים אין די קעדיללאַקס, פּעקאַרדס יאָגן זיך נאָך מער, און זיי פעלט געלט, אָדער צייט?

— דאָס רעדסטו שוין ווי אַ קינד. ווייסט'אַך אַז צו געלט איז ניטאָ קיין גענוג, אדרבה, וואָס מער עושר מער... סוויניאַקע.

— דאָס איז זיך אפשר אמת, אָבער דאָס יאָגן האָט ניט צו טון מיט קיין געלט. צייט איז געלט, וועסט אָבער לייענען די צייטונגען, די סטאַטיסטיק, וועסטו זען אַז די מערסטע אומגליק פאַלן, ווען מענטשן ווערן דערהרגעט, צעקאַליעטשעט, קומען פאָר ניט אין די געשעפטס גאַסן, אין די וואָכעדיקע טעג, ווען עס איז ניטאָ קיין צייט, מע יאָגט זיך נאָך געלט, נאָר דוקא אין די זונטיקס, יום טובים, אויף די ברייטע וועגן, ווען דער מענטש לאָזט זיך ארויס כאַפּן אַ ביסל פאַרגעניגן, און ער יאָגט זיך ניט ער זאָל קומען וואָס פריער אינם באַשטימטן פלאַץ וואו דער פאַרגעניגן וואַרט אויף אים, גאַנץ אָפט האָט ער גאָרניט אַזאַ פלאַץ, און אויב יאָ, קומט ער צופאָרן, גיט אַ קוק און אַנטלויפט. דער גאַנצער פאַרגעניגן באַשטייט אינם יאָגן.

— אידיאָטן.

— הם, אידיאָטן, אויך אַזוי געדיינקט. צוליב דעם טאַקע געזוכט אין די צייטונגען, גערעכנט איכ'ל צוגיין צו יענעם פאַרשוין, אויב ער איז נישט געשטאָרבן, און אים זאָגן: אידיאָט! צוליב אַ פּאָר סעקונדן ווערט מען עס אַזוי אויפגערעגט? איך האָב אָבער ניט צוגעמאַכט מיט אַן אויג, בין איך געליגן און געטראַכט: און דו ביסט עס אַזאַ חכם? איך רעד שוין ניט פון פריער, ווען איך בין געווען געזונט, איך האָב עס געטריבן צוואַנציק מייל אַ שעה? און אַפילו איצט, ווען איך גיי ווי אַ טשערעפּאַכע, ווייל איך ניט לויפן, יאָגן? וואָס מיינט יאָגן?

רובינשטיין האָט פאַמעלעך אָנגעפילט זיין ליולקע, פאַררויכערט. דער דאָקטאָר האָט אים געהאַט פאַרבאָטן רויכערן און ארום אַ יאָר צייט האָט ער ניט פאַרזוכט דעם טעם פון טאַבאַק, נאָכדעם האָט ער גענומען זיך דינגען מיטן דאָקטאָר, אפשר מעג מען פאָרט? ציגאַרן טאַקע ניט, אָבער אַ ליולקע! מ'פאַרציט דאָך ניט דעם רויך, און דער דאָקטאָר האָט מתיר געמאַכט — דריי ליולקעס אַ טאָג. געווייינלעך האָט ער פאַררויכערט נאָכן עסן, איצטער האָט ער פאַררויכערט ניט אַזוי צוליבן „מאָגן" ווי צוליבן „קאָפּ". דערציילט האָט ער וואָס ער האָט איבערגעטראַכט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, געפילט האָט ער אָבער ווי ער וואָלט געאַקערט

אַ געדאַנקען פעלד, און ער האָט געוואָלט אריינשניידן וואָס טיפער. אַ ליולקע טאַבאַק העלפט.

געזען אַמאָל גיין אַ ראָטע, אַ פּאָלק סאָלדאַטן? הונדערטער, טויזנטער סאָלדאַטן, צי אפילו ציווילע, קענען גיין ווי איין מענטש, מיט איין טראָט, צום טאַקט פון מוזיק, לויט אַ באַפעל, נעם אָבער צען מענטשן, הייס זיי לויפן, וועלן זיי באין אופן ניט לויפן אַלע גלייך, יעדער איינער וועט זיך רייסן פאָראויס, ע ר וועט זיין דער ערשטער. אָט דאָס איז עס. דער אויטאָמאָביל פאָרער יאָגט ניט ווייל ער האָט קיין צייט ניט, ער דאַרף מאַכן געלט... ער יאָגט זיך, ווייל ער׳ט ניט „עסן יענעמס שטויב״, ער קען ניט פאַרטראָגן קיין אויטאָמאָביל פאַר אים, ער מוז זיין פאָראויס, צי ער טרייבט אַ פּעקאַרד אָדער אַ פאָרד, ער מוז איבער־יאָגן, און אויב אַ מענטש, אַן אַלטער נאַר... שטייט אים אין וועג איז בדאי איבערפאָרן דעם מענטשן אַבי ניט בלייבן הינטערשטעליק. אָט דאָס איז עס — א י ך לויף, א י ך וועל זיין דער ע ר ש ט ע ר. דאָ האָב איך שוין זיך אַליין אַ פרעג געטון: און דו, אַלטער נאַר, וואָס לויפסטו? אודאי, גיין גייסטו טאַקע פּאַמעלעך, אָבער דיין געשעפט ווילסטו ניט פאַרקויפן, ווילסט ווייזן „דער וועלט״ דיין ווייב, זיך אליין אַז דו ביסט ניט טויט, טוסט עפּעס, ביסט עפּעס. און אַז ניט, וועסטו ניט לעבן? און אַז דיר וועט אויסקומען צו ליגן נאָך אַמאָל זעקס וואָכן, אָדער גאָר זעקס חדשים, ליגן פלאַך אויפן רוקן, זיך ניט אַ קער טון, אַ ריר טון, וועסטו נעמען און זיך אַראָפוואַרפן פון בעט מיטן קאָפּ ארונטער, באווייזן אַז דו ביסט באַלעבאָס? הויבט זיך ניט אָן. שוין אַלט געגוג צו וויסן אַז איך בין נ י ט דער באַלעבאָס, אַז בעל כרחך אתה חי און בעל כרחך אתה מת. אויב אזוי... טאַקע יענע נאַכט האָב איך ווידער באַשלאָסן איך פאַרקויף מיין געשעפט. אויס! איך לויף ניט.

אויפגעשטאַנען אינדערפרי, נאָך אַ נאַכט ניט שלאָפען, האָב איך געזען גיטל קוקט אויף מיר, ווייסט׳אָך, מיט יענעם ווייבערישן, אינקוויזיטאָרישן קוק: וואָס טוט זיך דאָ מיט אים? זי זאָל ניט וויסן! זי האָט אָבער גאָרניט געזאָגט. דעם אָנבייסן האָב איך בלויז אַ לעמזע געטון, יוצא זיין פאַר איר, קאַווע האָב איך געטרונקען צוויי טעפּלעך, טרינקענדיק געזוכט אין צייטונג, גענישטערט און אַ לייג געטון מיט אַ — ניטאָ! דאָ איז שוין גיטל ארויס מיט לשון: וואָס זוכסטו? וואָס קאָיעט דיך? האָב איך זיך שוין ניט געקענט העלפען, איר דערציילט די גאַנצע געשיכטע. נו, נו, האָט זי מיר אַוועקגעגעבן אַ גאָב!

— און דו ווילסט עס גיין זוכן יענעם פאַרשוין? איך מוז דיר זאָגן, מיין מאַן, אַז יענער פאַרשוין איז געווען גערעכט, דו ביסט אַ נאַר, אויב אַפילו ניט אַזאַ אַלטער. יענער ליגט מסתם און פּאַכעט מיט דער נשמה, וועט ער זיך אריינשטעלן צו אים — אַט באַלד לאָזט מען דיך צו! — און וועט אים באַווייזן אַז דער נאַר איז גאָר ער, ניט געדאַרפט געווען זיך יאָגן, זיך אויפרעגן, און אַז ער'ט זיך איבערצייגן אַז דאָס איז אַזוי וועט ער גלייך געזעגענען ווערן. אַ האַרץ אַטאַקע קריגט מען אין שטוב אויך, ניט דוקא אין אויטאָמאָביל צוליב עפּעס אַן אַלטן נאַר... פאַרגעס וועגן דעם!

פאַרשטייסטו דאָך אַז איך בין שוין ניט געגאַנגען זוכן יענעם פאַרשוין, פאַרגעסן האָב איך אָבער ניט. קודם האָב איך פאַרקויפט דאָס געשעפט. לויט די אומשטאַנדן ניט שלעכט אָפּגעשניטן, טאַקע ווינציק מזומן, אָבער ער צאָלט פּינקטלעך און עס בלייבט מיר נאָך אַ הונדערט דאָלאַר אַ חודש פון׳ם „ליעס" אויף קנאַפּע דריי יאָר. דאָס בין איך עס געגאַנגען דעפּאָנירן זיין טשעק. געוויינלעך האָב איך קיין חשק צו גיין אַהער, אָבער גיין אַ ביסל דאַרף מען דאָך, און אַז ס'איז דאָ אַ צוליב וואָס גייט זיך אַ ביסל גרינגער, דערפאַר אָבער ווען איך קום צו דעם ראָג זאָג איך צו זיך אַליין: אַלטער נאַר! האָסט גענוג צייט. אַז דער סיגנאַל איז שוין גרין וואַרט איך איבער דעם „גיי" און דעם „שטיי", ערשט ווען עס ווייזט זיך געל, דאַן לאָז איך זיך גיין און איך בין זיכער אַז קיין אידיאָט וועט ניט איבערפאָרן דעם אַלטן נאַר...

דאָ האָסטו דיר די גאַנצע מעשה. איצטער גיי איך אריין אין באַנק. וואוהין גייסטו? ווערסט אפשר צוקומען אין אָוונט? גיטל גייט היינט אַוועק צו אַ זיצונג פון אירער אַ „סאָסייעטי" קענען מיר אַריינכאַפּן אַ שאַך. ווי זאָגט דער פּסוק: אַזוי ווי ז י ווייסט ניט וועט מ י ר נישט שאַטן. וואָס זאָגסטו?

— וואָס טוט מען ניט צוליב אָפּנאַרן אַ ווייב? מעג עס זיין יענעמס. צוקומען.

(3)

זיי האָבן געשפּילט צוויי פּאַרטיעס שאַך, געוווּנען און פאַרלוירן גלייך אויף גלייך און רובינשטיין איז געווען צופרידן אי פונם שפּילן, אי פונם „אָפּנאַרן" די ווייב. ער האָט ניט פאַרבראַכט מיט קיין לינקער געליבטער,

אָבער ער האָט געשפּילט און הנאה געהאַט. אַריינלייגנדיק די פיגורן אין קעסטעלע, האָט ער געזעדט:

אַנומלטן געלייענט אַ מעשה. אַ פּערסישער שאַך איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזט דריי זין. פון די דריי איז דער יינגסטער געווען אַ פּלאַטשיק מענטשל, גערופן האָט מען אים „דאָס מוזיניקל״, און ער האָט ניט געהאַט קיינע פּרעטענזיעס אויפן טראָן, צווישן די צוויי עלטערע האָט זיך אָבער אָנגעהייבן אַ קריגערײַ, יעדער איינער האָט געהאַט זיינע אָנהייגער און ס'האָט שוין שיר ניט געהאַלטן ביי אַ ברידער־קריג. זיינען אָבער ביידע געווען פאַרקאָכטע שאַך שפּילער, האָט דער גרויס־וויזיר, אַ בעסערער שפּילער פון זיי ביידן, זיי פאָרגעלייגט — פון קריגעריי וועט קיין גוטס ניט אַרויסקומען, אמער באַשטימט אַז אייער שלאַכטפעלד איז דאָס שאַך ברעטל. איר'ט שפּילן דריי פּאַרטיעס שאַך, ווער עס געווינט צוויי פון די דריי דער קריגט די קרוין.

די ברידער האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דער עצה און מ'האָט זיך געזעצט שפּילן. איין טאָג האָט געוואונען איינער, דעם צווייטן טאָג האָט געוואונען דער צווייטער, געקומען דער דריטער טאָג האָבן זיך ביידע אָוועקגעזעצט — היום הרת עולם. דער טאָג איז אריבער און די ברידער זיינען נאָך אַלץ געזעסן ביים שאַך ברעטל. דער גרויס־וויזיר, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן, אַ מין בורר אָדער שומר, אַלץ זאָל צוגיין כדבעי, האָט זיי דערמאָנט: עסן! ווייסי'ך וואָס! קיינער פון זיי האָט ניט געוואָלט זיך רירן פון אָרט. וואָס טויג דיר מעשות, מ'איז געזעסן די גאַנצע נאַכט און דער סוף איז געווען — אַ רעמי.

וואָס טוט מען איצט?

רופט זיך אָן דער גרויס־וויזיר: געלויבט איז דער אויבערשטער! ער, אין זיין גרויסער חכמה, האָט אונדז געוויזן דעם וועג. אויפן טראָן וועלן מיר אַרויפזעצן „דעם מוזיניקל״, רעגירן אַ לאַנד קען אַ ליאָדע טפּש, אַלץ וואָס ער דאַרף איז אַ קלוגן וויזיר, טאָ זאָל ער זיך שפּילן אין זיין אַ שאַך און איר וועט שפּילן שאַך! און אַזוי איז געבליבן.

— וועל דיר אָוועקגעבן אַלע „גרויסע געשעפטן״ פאַר איין גוטן שאַך.

— פאַר אַ שפּיל איז עס אַביסל צו ערנסט.

— ווי זאָל איך דיר זאָגן? זיך שפּילן ווי עס דאַרף צו זיין קענען בלויז קינדער. זיי קענען לויפן, שפּרינגען, טאַנצן, זינגען, קריכן, קלעטערן, זיך שטעלן אויפן קאָפּ און אמת הנאה האָבן דערפון. וואָס עלטער מ'ווערט אַלץ שווערער ווערט זיך שפּילן. די, אַזוי גערופענע, אָלימפּישע שפּילן

זיינען מער אַ פּאַרמעסט אין כּוחות ווי אַ שפּיל פּאַר זיך, און זיי זיינען גריכישע, גוישע שפּילן, שאַך איז אַ יידישע שפּיל, מ׳דאַרף ניט קיין כּוח דערצו, אַ ביסל שׂכל איז גענוג.

— וואָס איז מיטן ביסל כּוח? כ׳מיין ווי האַלט עס מיטן שטיקל געזונט?

— הלואי ווייטער. צייטנווייז פאַרגעס איך גאָר אַז איך בין אַ חולה. די איינציקע וואָס דערמאָנט מיך אָן דעם איז גיטל. — ער האָט אַ קוק געטון אויפן האַנט זייגערל.

— הו וואַ! שוין נאָך צען. די „מאַמע" וועט שוין באַלד קומען. זי׳ט דערזען איר קינד איז נאָך אויף, וועט זי מאַכן אַ גוואַלד. איז אין בעט אריין. האָב מיר אַ גוטע נאַכט. ביז׳ן צווייטן שאַך.

פאַרטאָג האָט גיטל, דורכן טעלעפאָן, ארויסגעריסן ראַבינאָוויטשן פון בעט. זיין ברוגזער „העללאָ" איז אָפּגעשטויסן געוואָרן פון אַ אַנגסטיקן: ראבינאָוויטש? קומט גלייך אריבער!

— וואָס האָט פּאַסירט?

— קומט גלייך אריבער!

— אָבער וואָס...

— מלך איז טויט.

ראבינאָוויטש האָט דערהערט די טויבקייט פון טעלעפאָן. זיין האַנט, שיער ניט פארגליווערט אַרום טרייבל, האָט עס דאָך אוועקגעלייגט אויפן פאסטאַמענט און פון מויל איז אַרויסגעפאַלן: אַלטער נאַר! דערהערט די פּאָר ווערטער, האָט ער מבולבל אַ קוק געטון. ער און רובינשטיין זיצן און שפּילן. „מילא איך גיי פאַמעלעך, איז נו, אָן אַלטער נאַר... אָבער דו, וואָס נעמט דיר אַזוי לאַנג צו מאַכן אַ גאַנג?" וואָס, וואָס, קיין נאַר איז ער ניט געווען, געהאַט אַ גוטן קאָפּ אויף זיך. און ביים טישל אַזוי אויפגעלייגט ... „צייטנווייז פאַרגעס איך גאָר אַז איך בין אַ חולה"... האָט מען אים דערמאָנט... יאָ, ווען עס קומט צום טויט איז כּולנו חכמים... עד...

ראבינאָוויטש האָט זיך אָנגעטון בחפזון און אַוועקגעאיילט צו רובינשטיינס הויז.

חי געלעבט

אין משך פון דרייסיק יאָר וואָס גבריאל פּאָרטער איז אָפּגעשטאַנען אין זיין שפּייז קראָם אין מייפּלטאון אייאָווא האָט ער אָפּגעשפּאָרט זעכציק טויזנט דאָלאַר און אַ האַרץ קראַנקהייט. די זעכציק טויזענט דאָלאַר האָט ער אָפּגעשפּאָרט בהדרגה, יאָר נאָך יאָר, איין יאָר מער, איין יאָר ווייניקער, די אָפּשפּאָרונגען זיינען געוואַקסן ווי אַ בוים און געבראַכט פּרוכט — פּראָצענט, הכנסה, די קראַנקהייט איז געקומען פּלוצלונג ווי אַן ערד ציטערניש, אַ טרייסל געטון און אים אָוועקגעלייגט.

אַ שבת איז דאָס געווען. די טיר האָט זיך ניט פאַרמאַכט, קונים אַריין און אַרויס, ער, קעטהערין האָבן ממש ניט געהאַט גענוג הענט, די צוויי יינגלעך ארויסהעלפער ניט גענוג פיס, דערלאַנגען די קונים, נעמען דאָס געלט, צעטראָגן די סחורות, ער, גבריאל, האָט ניט געדיינקט אפילו ער זאָל האָבן געגעסן מיטיק, אַ טעפּל קאַווע האָט ער אויסגעזופּט, און דאָ איז שוין באַלד ניין דער זייגער, ער האָט דערפילט אים האָט אַ ציי געטון דאָס האַרץ. הונגעריק. נו, שוין צייט פאַרמאַכן. איז ער צוגעגאַנגען צו דער קאַסע, אָפּגעקלאַפּט דעם סך הכל פון טאָג, געהאַלטן אין ארויסנעמען דאָס פּאַפּיר געלט, ווען אים איז געוואָרן פינסטער אין די אויגן, די ערד אונטער אים האָט זיך אַ וואַקל געטון און... מער האָט ער גאָרניט געדיינקט. ערשט אין אַ דריי טעג אַרום, ווען ער האָט אַן עפן געטון די אויגן, דערזען קעטהערין לעבן בעט, האָט ער, אין ספק צי דאָס איז זי, אַ פרעג געטון:

— קייט?

— יאָ, טייערער.

קייט, דאָס איז זיכער, אָבער... ווו בין איך?

— אין שפּיטאָל.

— שפּיטאָל? שפּי־טאָל? — דאָס וואָרט אַ שווערער שטיין. איין מאָל, צוויי מאָל זיך פאַרמאָסטן, און ער האָט אונטערגעהויבן דעם שטיין, דערזען וואָס ער האָט פאַרשטעלט.

— וואָס איז מכח׳ן „רעזשיסטער״ ?

— רעזשיסטער ? — האָט שוין קייטי געקייקלט דעם שטיין.

— האָב איך ארויסגעשלעפּט דאָס געלט ? איז עס ארונטערגעפאַלן אויף דער ערד ?

— איך האָב עס אויפגעהייבן, — האָט זי אָפּגעהאַקט, — און ליג שטיל, רעד ניט.

— וואָס איז מיט דער קראָם ?

— די קראָם גייט גאַנץ גוט, און דו ליג שטיל און רעד ניט. דאָס איז דער באַפעל פון דר. האטשינס.

— דר. האַטשינס ! איך האָב אים אין...

— גב־רי־אל פּאָרטער ! אויב דו רעדסט אויס נאָך איין וואָרט הייב איך זיך אויף און גיי אַוועק.

ער האָט געקענט זיין קייטין. זי אַז זי גיט אַ זאָג : גב־רי־אל פּאָרטער... אים אָרט ניט אַז זי׳ט אַוועקגיין, דאָך...

— נו גוט, איך וועל ניט רעדן, דו קאָנסט דאָך אָבער רעדן. רייד, דערציילט. וואָס איז דער מער מיט מיר און ווי גייט עס אין קראָם ?

— איך וועל דיר אַלץ דערציילן ווען מיר׳ן קומען דערצו. דר. האטשינס זאָגט וועסט אינגיכן קענען גיין אַהיים, דאַן וועלן מיר ריידן וועגן אַלץ, און איצטער, זע איך, ביסט מיד, טאָ פאַרמאַך די אויגן און ליג שטיל, איך גיי אהיים. איכ׳ל אָנקלינגען דר. האטשינס, אים דערציילן, ער׳ט זיין גוואלדיק צופרידן צו הערן אַז דו ביסט שוין אויף, ער׳ט קומען דיך זען, אפשר נאָך היינט. איז אַ גוטן. — זי האָט אים אַ קוש געטון, און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט אַ הייב טון די האַנט איז קעטהערין שוין ניט געווען.

אַ קאָנספּיראַציע קעגן אים. קייט, זי האָט אַלע מאָל געוואָלט באַלעבאַטעווען, איצט האָט זי געקראָגן די געלעגנהייט. דער דר. האטשינס, אינאיינעם אין שול געגאַנגען, איצטער גדולדיק ביי זיך, לאָזט אים ניט עפענען דאָס מויל, און אליין רעדט ער מער צו דער וואָרטספרוי ווי צו אים. די וואָרטספרוי, ניט קיין מיאוסע און אַ גאַנץ ווילע, טוט פאַר אים אַלץ, פּרוּווט ער אָבער רעדן צו איר, איז — דער דאָקטאָר האָט געהייסן שווייגן. מ׳האָט אים אין באָד, דעם דאָקטאָר. ווי לאַנג אַז ער איז דאָ אין שפּיטאָל ? שוין דריי וואָכן ! מוז אָפּקאָסטן אַ פאַרמעגן ! וויפל קומט שוין פון אים ? דאָס ווייסט זי ניט. געלט ענינים באלאנגען אין אָפיס, איר אַרבעט איז אויספאָלגן די אינסטרוקציעס פון דאָקטאָר,

זען דער פּאַציענט זאָל זיך פילן באַקוועם. ער פילט הײנט אַ סך בעסער, ניט אַזוי? ער פילט זײער גוט און ער וויל וויסן וויפל עס קומט פון אים, זי קען עס אויסגעפינען אין אָפיס, אים ברײנגען אַ חשבון.

זי האָט קײן חשבון ניט געבראַכט. אין אָפיס האָט מען געזאָגט: זײן ווײב גיט אַכטונג אויף די זאַכן.

אַט האָסטו דיר. ווידער קײט... זאָל ער נאָר קומען אַהײם! ער׳ט שוין...

ווען קעטהערין האָט אים געבראַכט אַהײם פון שפּיטאָל, געעפנט פאַר אים די טיר פון אויטאָמאָביל, געוואָלט אים העלפן ארויסקריכן, האָט ער רוגזהדיק אָפּגעשטויסן איר האַנט, ווען ער האָט אָבער געשטעלט אַ טראָט, איז ער געוואָרן צופרידן וואָס קײט האָט אים אונטערגעכאַפּט, אים געפירט צום שטוב. ער האָט ניט געוווּסט, ניט פאַרדעכטיקט אַז ער איז אַזוי קראַנק. איז ער טאַקע אויף אַן אמת׳ן קראַנק? אפשר האָט ער פשוט זיך אָפּגעוווינט פון גײן, אַז מ׳ליגט אַזוי לאַנג... וואָס אַזוינס האָט פּאַסירט? קײנמאָל אין לעבן ניט געקרײנקט. ער׳ט רעדן מיט דר. האַטשינס.

— הער, האַטשינס, זאָג מיר דעם אמת, האַלט איך בײם גײן אַ גאַנג?

— אויב דו ווילסט עס זײער שטאַרק...

— זײ ניט קײן טפש. ווער וויל עס שטאַרבן?

— געזעצט, איך האָב שוין געזען אַ סך מענטשן שטאַרבן, איך האָב נאָך ניט געזען קײן אײנעם וואָס זאָל עס וועלן, טאָ רעד נישט קײן נאַרישקײטן און הער זיך צו וואָס איך זאָג דיר. פּאָרטער! מיט דיר איז גאָרניט דער מער, ביסט אַ געזונטער מענטש, דײן גאַנצער קערפּער איז אַזוי געזונט ווי דער קערפּער פון דײן אויטאָמאָביל, איך זע דו האָסט אַ נײעם פּלימוטה, אָבער די באַטערײע איז אויסגעאַרבעט. יאָ, די באַטערײע איז אויסגעטראָגן, איך זאָג דיר דעם אמת, ווײל דו דאַרפסט עס וויסן, אָנלאָדן די באַטערײע איז כמעט ווי אוממעגלעך, אָבער דו קענסט אויסלעבן דײן לעבן מיט ד ע ר באַטערײע, אויב דו וועסט נאָר זײן אַ ביסל אויסגערעכנט, נוצן די באַטערײע אַזוי פיל און ניט מער. דער עיקר ניט „לאָזן אין גאַנג און אָפּשטעלן" מיט אַמאָל, דאָס הרגעט זי אינגאַנצן אָװעק. ווילסט לעבן, דאַרפסטו אינזינען האָבן דרײ זאַכן — ניט אַרבעטן, ניט יאָגן און ניט זאָרגן. און דאָס מײנט, קודם כל, קײנע געשעפטן.

—מײנסט צו זאָגן איך זאָל מער ניט גײן אין קראָם? מענטש אײנער! איך האָב באַשטעלט אויף טהײנקסגיווינג פינף טוצן אינדיקעס!

— אויף די פינף טוצן אינדיקעס איז טאַקע אַ רחמנות, זיי קענען נאָך, חלילה, בלייבן לעבן. נו, לאָמיר האָפן אַז עמיצער אַנדערש וועט זיך אויף זיי מרחם זיין, דו מוזסט די קראַם אויפגעבן, אפילו ווען מרס. פּאַרטער זאָל זי קענען אליין פירן וועט אויך ניט טויגן. דו נעמסט די קראַם אַ ביסל צו ערנסט, אַ טאָג, אַז מ׳וועט לייזן אַ ביסל ווינציקער, וועסטו זיך ערגערן און דאָס איז דער ערגסטער סם.

— אויפגעבן די קראַם? און וואָס וועל איך טון?

— וועסט מיר אַנטשולדיקן, אויף וויפל איך קען זיך משער זיין, האָסטו אין די, וויפל יאָר איז עס? לאָמיך זאָגן פינף און צוואַנציק...

— דרייסיק.

— אין די דרייסיק יאָר האָסטו געמוזט עפּעס אָפּשפּאָרן, גענוג אויף...

— איך רעד ניט וועגן געלט. וואָס איז שייך געלט צום לעבן האָב איך גענוג, יעס סער, וועגן דעם דאַרף איך זיך ניט זאָרגן, אָבער וואָס וועל איך ט ו ן?

— לעבן. פּשוט לעבן.

נישקשה פון אַ לעבן, ניט טון קיין געשעפט, גאָרניט טון. האַטשינס! דו קענסט מיך. געדיינקסט, קינדווייז, ווען מיר זיינען נאָך ביידע געגאַנגען אין שול, האָב איך שוין געאַרבעט, געווען אַ שיק יינגל ביי פּיצימאַנסן, נאָכדעם אליין געעפנט אַ קראַם, דרייסיק יאָר געשטאַנען, געמאַכט גאַנץ גוטע געשעפטן, און מיט אַמאָל נאַדיר — טו גאָרניט, לעב! דאָס הייסט ביי דיר לעבן?

— נו, פּאָרטער, איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי דיך גאַנץ גוט, — האָט דר. האַטשינס געזאָגט ניט אָן רחמנות אין זיין טאָן. דער פּאָרטער ניט דער איינציקער, ער האָט גענוג אַזעלכע „לעבנס עם־הארצים". האָט שוין געטראַכט אפשר וואָלט גאָר געווען אַ פּלאַן אויפגעבן זיין פּראַקטיק דאָ אין מייפּלטאַון און עפענען אַ שול, לערנען מענטשן ווי צו לעבן אָן... אַ גראָסערי. — שווער נאָך אַזוי פיל יאָרן זיך אָפּגעוווינען, אָבער מ׳קען פּרווון, ווייסט׳אָך, דאָ פאַרשיידענע וועגן ווי צו לעבן אויף דער וועלט. לייענסטו אַמאָל אַ בוך?

— הם... ניין, סיידן אַמאָל אין אַ זונטיק כאַפּ איך אַ קוק אין דער ביבל, ווייטער אַזוי, אַ צייטונג איז גענוג. אַנטקעגן וואָס פרעגסטו עס?

— סתם אַזוי געפרעגט. געמיינט... הער, איך דיינק איך האָב פאַר דיר אַ גלייכע זאַך. איצט האָבן מיר שוין נאָוועמבער, עס שטעלט זיך שוין דער ווינטער, און אונזערע ווינטערס דאָ אין איאָווא זיינען גאַנץ שווערע,

די לופט וועט זיין צו שאַרף פאַר דיר, איז ווי וואָלט געווען זאָלסט גאָר אריבערפאָרן קיין קאַליפאָרניע ? דאָרטן איז שיין און וואַרעם, האַלב אייאָוואַ איז שוין דאָרט דאָ, וועסט זיך באַגעגענען מיט לאַנדסלייט, באַקאַנטע, גיין אין מוּוויס, אָדער גאָר זען פערזענלעך די אַלע מוּווי שטערן, וועסט הנאה האָבן, איז וואָס דיינקסטו מכח דעם ?

— דעם אמת געזאָגט, דיינק איך וועגן דעם ניט זייער פיל. וועסט מיר אַנטשולדיקן פאַרן אויסדרוק, איך דיינק אַז דאָס איז אַלץ קוואַטש. יעס סער. עס איז איינס פון די ביידע, אָדער איך בין געזונט און איך קען אָנגיין מיט מיין לעבן ווי ביז אַהער, אָדער איך בין קראַנק און איך צי אויס די קאַפּיטעס און פּטור. יעס סער, דאָס וואָס איך דיינק.

— נו, פאַרטער, אויב דאָס איז וואָס דו דיינקסט איז ניטאָ וואָס צו ריידן און אַ שאַד פּטרן צייט אומזיסט. איך האָב דיר געזאָגט און זאָג עס דיר נאָכאַמאָל — דו ביסט נישט קראַנק, האָב עס גוט אינזינען, דער פאַקט איז איך פאַרשרייב דיר ניט קיינע רעצעפּטן, דו דאַרפסט זיי ניט, אַלץ וואָס איך גיב דיר איז אַ גוטע עצה. וועסט מיך פאָלגן קענסטו אויסלעבן דיינע יאָר. די עצה קענסטו אָננעמען אָדער צוריקווייזן, דאָס איז שוין דיין עסק, איך האָב געטון מיינס און איך בין פאַרטיק מיט מיין אַרבעט.

דר. האַטשינס האָט זיך אויפגעהייבן גרייט צו גיין. ניט אַ דאָקטאָר וואָס האָט באַזוכט אַ חולה, געגעבן אַ רפואה, געהאָלפן געזונט ווערן, נאָר אַ באַקאַנטער, אַ פריינד, וואָס איז געקומען זיך דורכריידן און פאַרגעקומען איז אַן איבעררייד. ער וויל אָבער ניט פאַרלאָזן דאָס הויז מיט אַ זויערן נאָכטעם, גיט ער צו — נו, אַ גוטן. זיי געזונט. גיב אַכטונג אויף זיך, און צו יעדער צייט, אַז דו׳סט באַשליסן פאָרן, קום ארויף צו מיר אין אָפיס, דיך נאָכאַמאָל גוט אונטערזוכן און גיבן דיר אַ בריוו צו אַ דאָקטאָר, אַ מין געשיכטע, באַם וועסט אריינגיין צו אַ דאָקטאָר, און דו דאַרפסט זען אַ דאָקטאָר, לאָמיר זאָגן, יעדע זעקס חדשים, וועט ער וויסן מיט וועמען ער האָט צו טון. איך גלויב דאָס איז כמעט אַלץ.

— אַ דאַנק. אַ דאַנק פאַר אַלץ. עס איז זייער אָנגעלייגט, און איכ׳ל עס איבערטראַכטען, זיך איבערלייגן מיט קייטין. וועל דיר לאָזן וויסן.

קייטי, וואָס האָט שוין געהאַט גערעדט מיטן דאָקטאָר פריער, וואָס האָט אליין פאָרגעשלאָגן דעם ענין קאַליפאָרניע, ווייל זי האָט שוין לאַנג געוואָלט פּטור ווערן פון דער קראָם, פון מייפּלטאַון, האָט זיך שוין אפילו געהאַט דורכגעשריבן מיט אירס אַ פּלימעניצע אין לאָס אַנזשעלעס, איז

באשטאַנען ער זאָל פאָלגן דעם דאָקטאָר, און גבריאל פּאָרטער האָט נאָכגעגעבן, ער האָט פאַרקויפט די קראָם, דאָס הויז, ווען קייטי האָט אָבער געגומען רעדן וועגן פאַרקויפן זייער גרויסע געביידע אויך, האָט גבריאל פּאָרטער זיך שוין צעשריען: קייטי! ביסט משוגע! אין מייפלטאון בין איך געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן, אָפּגעוועזן דאָ אַ לעבן לאַנג, איך קען מיין באַנקיר, מר. דאַדלי, קען מיין אַדוואָקאַט מר. מ׳קניעל, און איך ווייס אַז זיי וועלן מיר נישט אונטערשטעלן קיין פיסל, איכ׳ל קריגן מיינע פיר הונדערט דאָלאַר אַ חודש, נעט, און דאָס איז איצט אונזער ברויט מיט פּוטער, ווילסטו איך זאָל פאַרקויפן די געביידע, אַוועקפירן דאָס געלט קיין לאָס אַנזשעלעס, וואו איך קען קיינעם, ווייס קיינעם, און עס אריינלייגן אין דער שוואַרץ יאָר ווייסט וואָס? „נאָ, מ־אַם!” קיינמאָל אין לעבן וועל איך עס ניט טון!

— אפשר ביסטו גערעכט.

— אפשר! אפשר, זאָגט זי. געהערט אַ מעשה?

— גוט נו, דו ביסט גערעכט. זאָל זיין ווי דו זאָגסט, — האָט קייטי פּאַטאַקעוועט. ווען עס איז געקומען צום פאָרן האָט זיך ווידער אָנגעהייבן אַ דינגעניש. גבריאל פּאָרטער האָט געוואָלט פאָרן מיטן אויטאָמאָביל.

— מיר האָבן אַ נייעם פּלימוטה, מיר קענען פאַרפאָרן קיין קאַליפאָרניע פונקט אַזוי גיך ווי מיט דער באַן, טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר רייך מאַכן די באַן קאָמפּאַניע?

דער לאָגישער אַרגומענט — אַ קאָמופלאַזש, גבריאל פּאָרטער, געבוירן און אויסגעוואַקסן אין מייפלטאון, אייאָווא, איז אויף זיין לעבן ניט געפאָרן מיט דער באַן. פשוט ניט אויסגעקומען. איין מאָל איז ער יאָ צוגעפאָרן קיין סיו סיטי, בייזווינען אַ באָל שפּיל, אָט די איינציקע רייזע האָט ער געמאַכט אין אויטאָמאָביל, ווייטער פון סיו סיטי איז ער ניט ארויסגעפאָרן און, ער האָט ניט מורא געהאַט צו פאָרן מיט דער באַן, וואָס איז דאָ מורא צו האָבן? אָבער ער האָלט ניט פון באַנען, אין אויטאָמאָביל איז ע ר באַלעבאָס.

— וועסט איינשפּאָרן זייער וויניק פאָרנדיק מיטן אויטאָמאָביל. גאַז, אויל און, אַז גאָט העלפט, עפּעס צעברעכט זיך...

— די מאַשין איז שפּאָגל ניי, אינגאַנצן צוואַנציק טויזנט מייל „געמאַכט”, קען פאַרפאָרן קיין קאַליפאָרניע ניט אַ קראַץ טוענדיק אַן אויער...

— דאָס איז זיך אפשר אמת, אָבער ס׳איז ווינטער, קאַלט, דאָקטאָר האַטשינס האָט געראַטן ניט צו פאָרן מיט דער קאַר...

— דער גאָט פאַרדאַמטער דאָקטאָר האַטשינס!...

— גב־רי־אל! פון ווען אָן רעדסטו עס אַזוי...?

— איך האָס דעם פאַרשוין און וויל ניט הערן וואָס ער זאָגט. געהערט אַ מעשה, קאַלט. האָב איך ניט קיין אויבערמאַנטל? טראָג איך ניט קיין וואַרעמע אונטערוועש?

— יאָ, דאָס איז זיך אַלץ אמת, אָבער מיטן מאַשין מוז עס נעמען לכל הפחות פינף זעקס טעג און, אַז עס וועט שנייען און דרייען, נאָך בלייבן ערגעץ שטעקן, דאָ זעצן מיר זיך אַרייַן, און אין צוויי מעת לעת זייַנען מיר דאָרטן, וואַרעם, באַקוועם. און נאָך אַ זאַך, ווען מיר האָבן חתונה געהאַט — אַ היפשע פאָר יאָר אין דעם — האָבן מיר געזאָלט מאַכן אַ האָניק חודש רייזע, אָבער מיר האָבן עס ניט געטון, ניט געקענט לאָזן דאָס געשעפט, איצט, קיין געשעפט איז ניטאָ, וועט דאָס זיין אונזער האָניק חודש רייזע.

— דאָס איז זייער זיס פון דיין זייט, — האָט ער אַרויסגעזייט דורך די ציין, און דער „זיס" איז ארויסגעקומען עסיק זויער, — אָבער וואָס וועלן מיר טון מיט דער מאַשין?

— פאַרקויפן! וואָס מיינסטו אין לאָס אַנזשעלעס קריגט מען ניט קיין אויטאָמאָביל? מיר פאָרן מיט דער באַן!

זי האָט אויסגעפירט, זיי זיינען געפאָרן מיט דער באַן, אָבער אויסגעפירט ניט אינגאַנצן, זי האָט געוואָלט נעמען אַ קאָמפּאַרטמענט, באשר בכן, נאָכן עסן דאַרף ער זיך צושפּאָרן, אַזוי האָט דר. האַטשינס געזאָגט... דאָ האָט שוין גבריאל פאַרטער זיך צעשריען: דעם דאָקטאָר האַטשינס האָט ער טיף טייער אין דער אדמה. וואָס איז ער וואָס, אַן אינוואַליד? ער קען פאָרן פולמאַן ווי אַלע מענטשן, ניט ארויסוואַרפן געלט אומזיסט, רייך מאַכן די פולמאַן קאָמפּאַניע, שוין אַזוי אויך פאַרלאָרן גענוג געלט ביים פאַרקויפן דעם אויטאָמאָביל, אַ נ י י ע ם אויטאָמאָביל אַוועקגעגעבן פאַר אַ... שיבוש, איצט אַ נייע מעשה — קאָמפּאַרטמענט! ניט גבריאל! ער קען פאָרן ווי אַלע מענטשן. און מ׳איז געפאָרן „ווי אַלע מענטשן" — פולמאַן.

גבריאל פאָרטער האָט זיך געפילט גאַנץ גוט אויפן באַן. ער האָט געכאַפּט אַ שמועס מיט דעם און מיט יענעם, אין קלוב וואַגאָן האָט ער אַפילו געשטעלט ביר פאַר איינעם, יענער האָט, פאַרשטייט זיך, אויך

געשטעלט ביר, ניט חלילה געשיכורט, געשמועסט, פארבראַכט, געשפּילט אַ דאַמקע, איין מאָל אַפילו געשפּילט אַ ברידזש, ער, קייטי, נאָך אַ פּאָרל, פאָרן אויפן באַן נישט שלעכט, מער נישט, דאָס עסן אַן אָפּקומעניש. ס'הייסט, דאָס עסן איז ניט שלעכט, נאָר דאָס גיין עסן דריי מאָל אַ טאָג, זיך אויספּוצן, היינט ביים טיש — האַלטן שטאַט... און פאַר וועמען? פאָרן שוואַרצן סאַרווער! אָנקוקן קען ער אים ניט. רק ער שמייכלט. פאַרשטייט זיך, טרינק געלט... מער ווי צען פּראָצענט גיט ער אים ניט. דאָס אויך צופיל. דריי מאָל אַ טאָג. יענער שמייכלט אָבער אַלץ. נו, האָט ער... איבערגעקערט אַ גלאָז וואַסער. ער האָט עס פאַרשטייט זיך ניט געטון אומישנע. פּאַסירט. בעת מעשה האָט ער זיך אַ ביסל פאַרשעמט, די מענטשן ביים צווייטן טישל האָבן געשמייכלט, אָבער ווען ער האָט געזען ווי דער סאַרוועער איז צעפּוזשעט געוואָרן, גענומען אויף גיך ארונטערכאַפּן אַלץ, אויסשפּרייטן אַ נייעם טישטעך, האָט עס אים בדיעבד שוין הנאה געטאָן. ער האָט זיי אַלעמען פאַרפּאַקט. פונזיינעטוועגן וואָלט ער געקענט קומען צום טיש מיט די הוילע אָרבל פאַרקאַטשעט און עסן וואָס ע ר וויל, ניט קלייבן פון דער „מעניו״, דאָס איז גאָר אַן אָנשיקעניש. די נעמען פון די מאכלים. סיי ווי, באַלד שוין זיין דאָרטן...

— אפשר וואָלסטו איבערגעביטן די הויזן?

— איבערבייטן די הויזן?

— פאַרגאָסן, ניין?

— אַ טראָפּן וואַסער. שוין אויסגעטריקנט.

— ווען דו פאָלגסט אָבער מיך און מיר נעמען אַ קאָמפּאַרטמענט, וואָלטן מיר געקענט געווען מיטנעמען עסן אויפן גאַנצן וועג, קאָווע בלויז וואָלט דער סאַרוועער אריינגעבראַכט, אי מיר וואָלטן איינגעשפּאָרט געלט, אי מיר וואָלטן געווען פאַר זיך...

גוטע יאָרן, קייטי רעדט וועגן איינשפּאָרן געלט. גבריאל פּאָרטער האָט אַ שמייכל געטון.

— איך האָף אַז נעללי וועט זיין אויפן סטאַנציע אונז באַגעגענען.

— צי נעללי וועט קומען צי ניט, מיר פאַרפאָרן אין אַ האָ ט ע ל.

— ווייסט'אָך נאָך ניט צי נעללי האָט גאָר פּלאַץ פאַר אונז.

— דאָס וואָס איך זאָג ד י ר: יאָ נעללי, ניט נעללי, מיר גייען אין אַ האָטעל!

— אָ קעי, מיסטער גבריאל פּאָרטער. דו ביסט באַלעבאָס. — איר שמייכל: אוי, פאַרשטיי איך דיך...

(2)

גבריאל פּאָרטער האָט איבערגעקרייצט די גאַס פון בילטמאָר האָטעל צו פּוירשינג סקווער, זיך אַנידערגעשטעלט ניט ווייט פון אַ פּאַרק באַנק, פּאַרריסן דעם קאָפּ אויף ארויף, נאָכדעם אַ קוק געטון אויפן מענטשן וואָס איז געזעסן אויף דער באַנק. יענער האָט אַ שמייכל געטון, האָט גבריאל פּאָרטער געענטפערט מיט אַ שמייכל, זיך דערנעענטערט צו דער באַנק. — דאָס זוך איך די זון פון דער זוניקער קאַליפאָרניע. — דער מענטש אויף דער באַנק האָט אַ הייב געטון דעם קאָפּ, כלומרשט באַטראַכט דעם הימל מעשה מבין אויף הימלען, זונען און, כאָטש זיין אויג האָט פאַרנומען אַ הימל דער קאָליר פון קויטיקער קלאָטשע, האָט ער אַרויס־געגעבן דעם פּסק: זי׳ט ארויסקומען די זון, נאָך אַ שעה, אַן ערך, וועט זי ארויסקומען. די פרימאָרגנס זיינען דאָ אַלע מאָל נעפּלדיק. אַ ניי־געקומענער?

— יאָ, ערשט נעכטן אַריינגעקומען. פון אייאָוואַ.

— אייאָוואַ! וואו סאַמע?

— מייפּלטאַון. ווייסט ווו דאָס ליגט? לעבן סיו סיטי.

— הער אַ מעשה! איך קום פון מאַרשאַלטאַון, לעבן סידער רעפּידס. מיין נאָמען איז הילל. פּרענק הילל.

— צופרידן צו באַגעגענען. מיין נאָמען איז פּאָרטער. גבריאל פּאָרטער.

— אייאָוואַ האַלט אין איין קומען.

— זוניקע קאַליפאָרניע!

— נו, אויף דער זון איז ניטאָ וואָס זיך צו באַקלאָגן, געוווינט זונשיין, איבערגעגעוואוינט. שוין געמוטשעט זיין קאַלט ווען איר האָט פאַרלאָזט.

— קילבלעך. רעגן, שניי.

— רעגן וועט איר דאָ אויך האָבן, אָבער שניי, איר׳ט ווען ווילן אַ ביסל שניי וועט איר מוזן פאָרן אין די בערג, אין שטאָט איז גאַנץ וואַרעם, מענטשן באָדן זיך דאָ אַ גאַנץ יאָר נאָכאַנאַנד. דער ים ניט ווייט פון דאַנען, אַכצן מייל. לאָנג ביטש. האַלב אייאָוואַ איז דאָרטן דאָ.

— ביים ים?

— איך ווין דאָרטן צוליב מיין היי־פיבער. זומער שטאַרק געליטן דערפון. געקומען אויגוסט, סעפּטעמבער האָב איך געמוזט אַנטלויפן פון מאַרשאַלטאַון, פאָרן אזש אין די ווייסע בערג, אזוי יאָר איין יאָר אויס.

נמאס געוואָרן דער עסק. זיך דורכגערעדט מיט מיין דאָקטאָר, דאָקטאָר לעין, אַ פיינער מענטש, זאָגט ער מיר: אפשר גאָר פּרובירן קאַליפאָרניע? ניט פאָרן און קומען, נאָר זיך באַזעצן דאָרט. אַ סך מענטשן האָט עס געהאָלפן. האָב איך ליקווידירט די געשעפטן — געווען אין די צעמענט געשעפטן — און אריבערגעקומען אַהער. דאָ, דאָס הייסט אין לאָנג ביעטש, אַ היגער דאָקטאָר האָט מיר געראָטן זיך באַזעצן ביים ים, ניטאָ קיין פלאַנצן, בלומען, איז וואָס שייך היי־פיבער, אין אַ גוטער שעה ריידן און אין אַ שלעכטער שעה שווייגן, האָב איך ניט געליטן קיין איין טאָג. אַוועקגעגאַנגען, אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. יאָ, וואָס איז שייך קלימאַט — קאַליפאָרניע פאַר מיר, זעט איר, ווען עס קומט צו געשעפט...

— איך בין געווען אין די שפּייז געשעפטן, — האָט גבריאל פּאָרטער געפילט זיך פאַרפליכטעט צו ענטפערן אויף מר. הילל'ס קוק, וואָס האָט ווי געפרעגט: מעג איך רעדן צו דיר וועגן געשעפט?

— אַ גוט געשעפט, — האָט מר. הילל געפּסקנט. — דאָ איז עס פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן שטאָט, און אויף אַזאַ פאַרנעם, איר האָט נאָך קיינמאָל אַזוינס נישט געזען, די שפּייז מאַרקעטס, מיין איך. איר'ט עס זען. האָט די ווערט אָנצוקוקן. מיינע געשעפטן, צעמענט, אויך ניט שלעכט, אָבער דאָ ליגט עס אין גרויסע הענט, אַ פאָר מענטשן קאָנטראָלירן די גאַנצע געשעפטן, דער קליינער געשעפטסמאַן האָט אַ קנאַפּן שאַנס. חוץ דעם האָב איך מורא געהאַט פאָרן שטויב, ניט גוט פאָרן היי־פיבער אפילו דאָ, אַ ביסל געלט האָב איך געהאַט, האָב איך זיך מישב געווען קויפן אַ געביידע, האָבן אַ שטענדיקע הכנסה.

— ניט קיין שלעכטע אידייע.

— יאָ, די אידייע איז אַ גוטע, בתנאי אַז איר ווייסט מיט וועמען איר האַנדלט. אין מאַרשאַלטאַון האָב איך געקענט יעדע געביידע, געוווּסט ווי אַלט זי איז, אפילו ווער עס האָט זי געבויט, ממילא געוווּסט וויפל זי האָט די ווערט. דאָ אַן אַנגעלאָפענע שטאָט, דו ווייסט נישט ווער איז ווער, לאָס אַנזשעלעס הייסט זי, די מלאכים, ווען מ'פרעגט מיך וואָלט איך איר אַ נאָמען געגעבן לאָס שווינדעלעראָס. איין שווינדלער גרעסער פונם צווייטן, זיי'לן אייך פאַרקויפן אַ „לאָט" אויפן ים, דעם „סיטי האָל" וועלן זיי אייך פאַרקויפן, אויב איר'ט זיך לאָזן. נו, איך בין ניט געבוירן געוואָרן נעכטן, אין מיין לעבן געטון גענוג געשעפט, בין איך, ווי זאָגט מען עס, געגאַנגען פּאַמעלעך, געזוכט, געטאַפּט ביז איך האָב געפונען עפּעס ביים דרך. אַן אַפּאַרטמענט הויז. טאַקע דאָ ניט ווייט. אַ גוטע

געגנט. די געביידע, ניט קיין נייע, אָבער אין אַ גוטן צושטאַנד, אַזוי האָט עס לכל הפחות אויסגעזען, און דער פּרייז צוגענגלעך. אויסגערעכנט, אויב עס זאָל אַלץ גיין כשורה, איז אַרונטערגערעכנט דיק טעקסעס, פֿאַרריכטן, שטיין ליידיק — דאָס מוז מען אַלץ אַריינרעכענען אין חשבון, — קען מיר נאָך בלייבן זיכערע צען פּראָצענט נעט.

— ניט שלעכט. איך האָב אַ געביידע אין מייפּלטאַון ברייננגט זי מיר אויך אַריין אַן ערך צען פּראָצענט און איך האַלט אַז עס איז אַ גוטער לעגיטימער ריווח אויף מיין קאַפּיטאַל.

— עס איז. אין אייאָוואַ, ניט דאָ. דאָ...

מר. הילל האָט זיך פֿאַרהאַקט. מר. פּאָרטער האָט עטוואָס פֿאַרשעמט אָפּגעווענדט זיין פֿרעגנדיקן קוק, ווי איינער זאָגט: עפּעס קווטשעט דיר, אָבער איכ׳ל דיך ניט צוקוועטשן צום וואַנט, ווילסט, דערציייל, ניט? איז...

— ווייסט איר וואָס אַזוינס איז טערמיטן?

— טערמינען? איך... איך...

—איר ווייסט נישט. איך האָב אויך ניט געוווּסט, ניט ביז איך בין געקומען אַהער, אַריינגעקראָכן אין דער געביידע. דאָס איז אַ מין מוראשקע, זיי געדייען זייער גוט אין אַ סוב טראָפּישן קלימאַט און דאָ איז ניטאָ אַ געביידע וואָס איז ניט פֿאַרפּעסטעט מיט זיי. זיי קענען אויפֿעסן אַ גאַנצע געביידע, אָט ווי איר הערט, אַ גאַנצע געביידע קענען זיי אויפֿעסן. תושבים ווייסן שוין דערפֿון, אַ תושב אַז ער קויפֿט אַ הויז, איז די ערשטע זאַך — טערמיטן אינספּעקציע. איך האָב ניט געוווּסט, און דער אַגענט, ווי אַלע אַגענטן, אַ שווינדלער, אַלץ וואָס אים גייט אָן איז זיין מעקלעריי, דאָס צאָלט דער פֿאַרקויפֿער איז ער אויף זיין צד. ער האָט געזען די געביידע געפֿעלט מיר, האָט ער גענומען יאָגן, דורכפֿירן דעם מסחר וואָס שנעלער, און אַזוי שנעל ווי דער מסחר איז דורכגעגאַנגען איז רוף אים קנאַקניסל. ווען איך האָב זיך געכאַפּט איז שוין געווען צו שפּעט, אין קאָנטראַקט איז ניט דערמאָנט געוואָרן וועגן טערמיטן, כאָטש די געביידע האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט זיי. ווו איך האָב זיך נאָר אַ קער געטון, אין די באָד צימערן, פֿאָדערשטע צימערן — גרייפּעלעך אַזעלכע, אָט ווי מאַנעלעך, נאַר ברויך, גענומען זוכן, פֿרעגן, האָט מען מיר מגלה סוד געווען — טערמיטן! וואָס טוט מען? די בעסטע זאַך איז, פֿאַרשטייט זיך, פּטור ווערן פֿון אַזאַ געביידע, פֿאַרקויפֿן, זאָל יענער האָבן דעם קאָפּווייטיק, דאָס זאָגט זיך אָבער נאָר אַזוי גרינג, ווען עס

קומט צום טון איז עס אַ ביסל שווערלעך. נו יאָ, אַ פּריץ ווערט געבוירן יעדע מינוט, אָבער ניט יעדן טאָג באַגעגנסטו אים. דעם פּרייז וואָס איך האָב באַצאָלט האָט מען מיר געוואָלט געבן, נאָר די ערשטע פראַגע איז געווען: וואָס איז מכח אַ טערמיטן סערטיפיקאַט? בין איך שוין געגאַנגען צו די חברה לייט וואָס גיבן זיך אָפּ מיט אויסראָטן די פּעסט, דאָ זיינען זיי דאָ אין די הונדערטער, און איינער איז אַ גרעסערער שווינדלער פונם צווייטן. שטעלט זיך פּאַר, פּאַר דערזעלבער אַרבעט בעט איינער צוויי טויזנט דאָלאַר, אַ צווייטער דריי טויזנט און אַ דריטער זיבן און צוואַנציק פופציק און גיי ווייס מיט וועמען דו האַנדלסט. נו יאָ, זיי גאַראַנטירן אויף אַ יאָר צייט, און ווי אַז איכ׳ל דורכן יאָר ניט קענען פאַרקויפן? און ווידער, מ׳הויבט אָן שפּריצן, זיי נוצן אַזעלכע שאַרפע שטאָפן, ברעכן, קלאַפּן, פּאַררירכטן, דאַרף מען שוין פאַרבן, אינעווייניק און אין דרויסן און דאָס קען אַריינטרייבן אין שווערע טויזנטער. וואָס קלערט איר, די אמתע חתונקע. פונדעסטוועגן ווען איך קען זיך פאַרלאָזן אויף זיי. זיץ איך עס דאָ און וואַרט, מיינער אַ באַקאַנטער האָט מיר געזאָגט ער ווייסט פון אַן אויסראָטונג קאָמפּאַניע, אַ קליינע אָבער אַ ראַיעלע, דאָ איז זייער קאַרטל. איר זעט? „מיר לעבן כדי צו טויטן טערמיטן״. ניט שלעכט, האַ? עמיצער ווייסט לכל הפּחות צוליב וואָס ער לעבט אויף דער וועלט. דער באַקאַנטער דאַרף עס מיך צוזאַמענפירן מיטן הויפּט מאַכער פון דער קאָמפּאַניע. ער האָט שוין באַדאַרפט זיין, געזאָגט צען דרייסיק איצט איז שוין צוואַנציק צו עלף. איר זעט, די זון קומט ארויס. וועט זיין אַ שיינער טאָג. אָטאָ קומט ער. — מר. הילל האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. — נו, אַ גוטן, מר. פּאַרטער. געווען אַ פאַרגעניגן אייך צו באַגעגענען.

— דאָסזעלבע פון מיר. איך האָב עפּעס געלערנט.

— איך האָף אַזוי. הלוואי וואָלט עס מיר עמעצער דערציילט ווען איך בין געקומען. נו, זייט פאַרזיכטיק. שטייט דאָ אין די בילטמאָר? אַ ביסעלע צו טייער, ניין? אַ טאָג, צוויי מאַכט ניט אויס. וועט געפינען אַ דירה. דאָ האָט איר מיין קאַרטל, אייך וועט אויסקומען זיין אין לאָנג ביטש, קלינגט אָן, זיין צופרידן אייך זען. אַ גוטן.

— אַ גוטן.

(3)

— ווו ביסטו עס פאַרפאַלן געוואָרן? געמיינט האָסט שוין פאַרגעסן דעם אַדרעס.

— געווען דאָ קעגענאיבער דעם האָטעל. אַ פּאַרקל אַזאַ, פּוירשינג סקווער.

— ביסטו דאָס די גאַנצע צייט געזעסן אין פּאַרק?

— וואָלסט געמעגט אַ קוק טון. צען אינדערפרי, און הונדערטער מענטשן זיצן שוין דאָרט, שטייען, רעדן, באַלאַקען. אפילו געטראָפן אַ לאַנדסמאַן, איינער אַ מר. הילל פון מארשאַלטאָון, לעבן סידער ראפּידס.

— וואָס טוט ער דאָ?

— ער? פּאַרנומען מיט... טערמיטן.

— טער־מיטן!

— ווייסט וואָס דאָס איז?

— אַ מוראשקע אַזאַ, עפּעס אַזוינס.

— געזען אַמאָל?

— ניין, ניט געזען, אָבער איך קען זיך פאָרשטעלן...

—דאַרפסט זיך ניט פאָרשטעלן. דיין לאָס אַנזשעלעס איז פאַרפּלייצט מיט טערמיטן.

קעטהערין האָט אַ קוק געטון אויף אים אָט ווי זי וואָלט דערוואַרט צו זען טערמיטן ארומקריכן ביי אים אויפן רעקל, אויפן פּנים און, ניט דערזען, האָט זי שוין ניט אָן נייגעריקייט געזאָגט — נו, דערצייל שוין וואָס דו האָסט געזען, געהערט.

גבריאל האָט איבערדערציילט זייער פאַמעלעך וואָס מר. הילל האָט אים דערציילט. דערביי האָט ער ניט אויפגעהערט צו קוקן אויף איר ווי זי האָט זיך אויסגעפּוצט.

— און? — האָט ער מיט אַמאָל דערהערט.

— און וואָס? — האָט ער עטוואָס מבולבל איבערגעפרעגט.

— וואָס איז געוואָרן מיט זיין געביידע?

— ער איז אויף צרות.

— נו, גאָט צו דאַנקען, אין אייאָוואַ ווייסט מען ניט פון די צרות, אונזער געביידע...

—אונזער געביידע, ווער איז געווען דער וואָס האָט ניט געלאָזט פאַרקויפן?

— דו פאַרשטייט זיך.

— מעגסט עס זאָגן נאָכאַמאָל. ווייטער זאָלסטו וויסן — אַ מאַן דאַרף מען פאָלגן.

— אודאי, — און אַ מאַן דאַרף אויך פּאָלגן אַ ווייב. נעם טו זיך איבער. גערעדט צו נעללין. זי׳ט דאָ באַלד זיין.

— פאַר נעללין דאַרף איך זיך עס אויספּוצן?

ווען נעללי האָט זיי באַגעגנט ביים באַן האָט ער זיך אפילו גוט ניט אומגעקוקט אויף איר. — אַ וויזעלע, — אַזוי האָט ער זי גליך באַצייכנט.

— זי וויל אונז ארויסנעמען, אונז ווייזן די שטאָט.

— וואָס מיר שטאָט. מיר ווילן זען אַ דירה. ניט זיצן דאָ און צאָלן זיבן דאָלאַר אַ טאָג.

— נו יאָ, אַז מ׳גייט אָנקוקן אַ דירה דאַרף מען דאָך אויסקוקן ווי אַ מענטש, ניט ווי עפּעס אַ שלעפּער, אָדער גאָר אַן אייאָוואַ פּאַרמער...

— אה, געפעלט דיר שוין ניט דער אייאָוואַ פּאַרמער?

— ער געפעלט מיר שוין גאָר... אין אייאָוואַ. דאָ איז אַ גרויסע שטאָט, און אין אַ גרויסער שטאָט דאַרף מען גיין אָנגעטון גרויסשטאָטיש. טו אָן דעם בלויען גאַרניטור, נעללי קען אריינקומען אַ ליאדע מינוט.

— זאָל זי קומען, זאָל זי קומען, — האָט גבריאל שיר ניט אויס־געזונגען און גענומען זיך איבערטון.

ווען נעללי איז אריינגעקומען איז ער שוין געווען אָנגעטון גרויס־שטאָטיש... און בעת זי האָט גערעדט צו קייטין האָט ער זי גוט באַטראַכט. טאַקע אַ וויזעלע. און אַ מויל האָט עס! זי רעדט דאָך אַ מייל אַ מינוט! און רעדן רעדט זי וועגן קאַליפאָרניע. לאָס אַנזשעלעס, דער עיקר, האָליווּד, די מוווי שטערן, הימל און האָליווּד און שטערן.

גלייך נאָכן איבערבייס האָט זי פאַרגעלייגט פארן זען די פּאַלאַצן ווו די מוווי שטערן וואוינען. גבריאל האָט זיך איבערגעקוקט מיט קייטין און קייטי האָט אויף אַ העפלעכן אָבער אַנטשלאָסענעם אופן געלאָזט וויסן אַז איידער מ׳גייט אָנקוקן יענע פּאַלאַצן דאַרף זי פריער זען אַ דירה פאַר זיך, ווייל דאָ צאָלט מען זיבן דאָלאַר אַ טאָג! נעללי איז ניט גערן איינגעאַנגען דאַרויף, מער ניט, פאַרנדיק זוכן אַ דירה וועט זי זיי עפּעס ווייזן, עפּעס וואָס זיי האָבן נאָך אין לעבן ניט געזען.

— איר זעט? דאָס איז דזשאהן באררימאָר׳ס האנט... און דאָס איז מערי פּיקפאָרד׳ס פיסעלע...

— זי לעבט נאָך?

— אודאי! איכ׳ל אייך ווייזן איר פּאַלאַצל ווען מיר׳ן אַרויספאָרן. און דאָס איז דאָגלאַס פעירבענקס פוס, און דאָ איז ליליאן גיש׳ס הענטעלע, און דאָס איז מארילין דיטריכ׳ס פוס, און...

פּיס, הענט, איינגעקריצט אין צעמענט ביים אַריינגאַנג אין אַ טעאַטער, איינגעקריצט לדורות, און נעללי — אַן אַרכעאָלאָג, וואָס ווייזט, דערקלערט, מיט פּירושים, הנחות.

— און ווו איז . . . ?

— ווו איז וואָס?

גבריאל פּאָרטער האָט שיר ניט געפרעגט ווו איז מערי דרעסלער'ס... הינטן? אין דער לעצטער מוווי וואָס ער האָט געזען אין מייפּלטאַון האָט מערי דרעסלער געשפּילט די הויפּט ראָלע. ער האָט עס ניט געפרעגט. אַ שולדיקער במחשבה, האָט ער ארויסגעשטאמלט: איך זע עס דאָ, וויל ראָדזשערס...

— איר האָט געדאַרפט זען זיין פּאָסעסיע! איכ'ל עס אייך ווייזן ווען מיר'ן פּאָרן. ער איז דער מעיאָר פון בעווערלי הילס.

נעללי'ס טאָן — בעווערלי הילס איז איר פּאָסעסיע און וויל ראָדזשערס איז איר עקאָנאָם וואָס גיט אכטונג דאַרויף, די גאַנצע האָליוודער שטערן קאָנסטעלאַציע אירע אַ קאָלעקציע און זי איז ווייליק עס ווייזן דעם פּובליקום. דאָס פּובליקום, קייט און גבריאל פּאָרטער, האָט אַ פּאָר מאָל זיס־העפלעך אַרויסגעזאָגט: דאָס איז פיין! דאָס איז זייער חנודיק, און פאַרענדיקט מיט: איצטער, לאָמיר פאָרן זען אַ הויז.

הייזער האָבן זיי געזען טעלעכע, נאָר איין הויז האָט אויסגעזען „משוגענער" פון דער צווייטער, און די פּרייזן — ווילדע! צוויי הונדערט דאָלאַר אַ חודש! דאָס איז דאָך...

פאַרגעסט ניט, דאָס איז האָליוווד!

ווער, צון אַלדי שוואַרצע יאָר, דאַרף עס האָבן האָליוווד — האָט שוין גבריאל אויסגעפּלאַצט. — מיין מאַן איז ניט אַזוי שטאַרק נתפּעל פון האָליווד. — נעמענדיק נעללין אונטערן אָרעם, האָט זי עטוואָס צוגעבויגן איר קאָפּ צו נעללים און בסוד פאַרטרויט — דאָס האָט ניט צו טון מיט האָליווד. די געגנט טויג ניט פאַר אים, בארג ארויף, בארג אַראָפּ, און ער טאָר אויף בערג ניט גיין, קיין טרעפּ אויך ניט, די בעסטע זאַך פאַר אים איז אַ הויז אויף דער פלאַך, לעבן אַ פּאַרק, קענען ארויסגיין, זיצן...

נעללי אַ טייערע נשמה. זי האָט זיך ניט באַליידיקט. זי פאַרשטייט. קריגן, קריגן אַן אַפּאַרטמענט, דאָ גענוג לעבן וועסטלעיק פּאַרק, אָבער מאָרגן. היינט, ווי שפּעט איז עס? מ'מוז שוין גיין אַהיים. אודאי צו איר! ווי דען? גענוג אז זיי זיינען פאַרפאָרן ערגעץ אַנדערש. אָפּגערעדט

מיט דזשימ׳ן ער זאָל קומען פריער, געוויינלעך שטייט ער שפּעט, היינט וועט ער לאָזן זיין שותּף, וועט זיין אין דערהיים זעקס אַזייגער, איז געפאָרן!

נעליס הויז אַזוי משוגע ווי גאַנץ האָליוווד. ווו איז דאָס געזען געוואָרן אַז איין וואַנט זאָל זיין געפאַרבט בלוי, אַ צווייטע רויט, אַ דריטע געל און אַ פּערטע... שוואַרץ? משוגע! אָבער דאָס איז האָליוווּדער סטיל. דער מאַן אירער אויך האָליוודער סטיל. אַ רעקל פון דריי קאָלירן, אַ שניפּסל, עפּעס אַ פּאַר וואָנצעס ביים קאָלנער, און נאָך אַ פּאָר וואָנצעס ניט איבער דער גאַנצער ליפּ, נאָר אונטערן נאָז בלויז, אָט ווי ביי טשאַרלי טשאַפּלין, דער וווּקס — ניט העכער פון נעללין, און דער פּנים — אַ פּאָוקער פּנים, מ׳קען ניט זען וואָס דער מענטש איז, וואָס ער טראַכט, די אויגן זעען אויס ווי פאַרשלאָפן, ניין, ניט פאַרשלאָפן, נאָר עפּעס ווי ביי די ווינקלען וואָלט מען זיי ניט גענוג אויפגעשניטן, שיר ניט אַ יאַפּאַנעזער. יאַפּאַנעזער דאָ אָן אַ שיעור. ניין, ער געפעלט אים ניט, דער דזשים. איין מעלה — ער שווייגט, שווייגט שוין פאַר נעללין אויך. אַ מענטשן זאָל זיך ניט פאַרמאַכן דאָס מויל! איר עסן שמעקט גוט, דאָס מוז ער צוגעבן. אַ טיש זי האָט עס אָנגעשטעלט! אָט דאָס אַ, ווי רופט זי עס, אוואָקאַדאָ? ניין, דעם „מיקאַדאָ" עסט ער ניט. ער ווייסט, ער ווייסט, ער׳ט זיך ניט סמ׳ען, אָבער ער׳ט עס לאָזן אויף אַ צווייטן מאָל. אַ טרונק? דאָס קען מען. ניט צופיל. דזשימס פאַרזשמורעטע אויגן האָבן אָפּגעמאָסטן גבריאלן און קייטין, נאָכדעם זיי אָפּגעמאָסטן צו ביסלעך בראָנפן, זיך און נעללין אָנגעגאָסן פולע גלעזלעך, און נאָך איידער גבריאל האָט צייט געהאַט צוטראָגן זיין גלעזל צום מויל האָט שוין דזשים געהאַט אריינגעגאָסן זיינס און זיך אפילו ניט אַ קרים געטון.

— מוז קענען מאַכן אַ כּוסה, — האָט באַשלאָסן גבריאל, — און ער איז...

נעללי האָט ניט געלאָזט טראַכטן. זי האָט גערעדט, און ווידער וועגן די „שטערן", ווער מיט וועמען האָט זיך געגט, ווער מיט וועמען וועט חתונה האָבן, און אַז זי איז ניט געווען אַזוי זיכער מכּח אַ גאַר לעצטן האָליווודער שידוך, האָט זי אַ פרעג געטון דזשימ׳ען, און דזשים האָט אַזוי קורץ און אַזוי זיכער געענטפערט, אַז ס׳איז געבליבן הלכה כּדזשים.

— ער קען זיי אַלעמען, — האָט נעללי ניט אָן שטאָלץ ארויסגעזאָגט.

— ער האָט זיין געשעפט אויף „סאַנסעט סטריפּ", און אַלע „שטערן"

קומען צו אים קויפן. זיי, דאַרפט איר וויסן, קויפן ניט אַ קוואַרט אָדער אַ פינפטל, זיי קויפן אויפן קעסטל...

מאַן און ווייב זיינען געווען געקניפּט און געבונדן מיט די שטערן, האָבן זיי געזען טאָג איין טאָג אויס, פונדעסטוועגן איז מען גלייך נאָכן עסן געגאַנגען אין אַ... קינאָ, זען די שטערן אויפן לייוונט. צוריק אין האָטעל, האָט גבריאל גלייך ביים אריינקומען, זיך ארונטערגעלאָזט אויף אַ שטול.

— מיד?

— אַ צו לאַנגער טאָג.

— יאָ, אַ ביסעלע צו לאַנג.

— און צופיל שטערן...

— זי געפעלט דיר ניט?

— זי רעדט אַ ביסל צופיל.

— קען זיין, אָבער מ׳דאַרף עס איר ניט פאַרדיינקען. זי איז איינע אליין גאַנצע טעג און די מייסטע נעכט...

— וואָס, ער טרינקט?

— טרינקען ניט אַזוי, אָבער ער... ער איז משוגע אויף פערדלעך... ער וואָלט שוין איצט געווען אַ רייכער מענטש, טוט גוטע געשעפטן, ווען ניט די פערדלעך...

— איך האָב אָבער געדיינקט אַזוי.

גבריאל איז איצט געווען זיכער אַז ער האָט לכתחילה געזען אַז דזשים איז אַ געמבלער.

— נו, דאָס איז ניט אונזער עסק. נעללי איז אַ פיינע פרוי און אַ טייערע נשמה. מאָרגן וועט זי גיין מיט אונז, געפינען אַ הויז. מיר׳ן זיך אויסרוען, איינאָרדענען. און איצטער — שלאָפן.

(5)

ער, גבריאל פאָרטער, אין אַ געדונגענער דירה, אַ שכן ביי יענעם, עפּעס פריקרע. דאָ הייזער צום קויפן, גאַנץ לאָס אַנזשעלעס איז צום פאַרקויפן, אָבער ער׳ט ניט קויפן קיין... טערמיטן, גבריאל פאָרטער איז ניט קיין פריץ, ער, אַז ער׳ט באשליסן אַז ער בלייבט דאָ — דערווייל איז ער ניט אַזוי זיכער — וועט ער בויען אַ הויז, און ניט ווי מ׳בויט דאָ. ער האָט שוין געזען ווי מ׳בויט דאָ. עס איז דאָך פשוט אַ פאַרברעכן! צוזאַמענגעקלאַפּט אַ פּאָר שפענדלעך, פאַרדראָטעוועט מיט שפּינוועב, פאַרקלעפּט מיט שפּייעכץ, אָפּגעפאַרבט, אויסגעפּוצט — אַ הויז. זעט

אויס גאַנץ שיין, אָבער ס׳איז ניט קיין הויז, די אַלע הייזער — אַן אָנשטעל, אַט ווי די אויסגעפּוצטע ליאַלקעס וואָס דרייען זיך אַרום דאָ אין די גאַסן, קוקן אויס גאַנץ שיין, דאָס מוז ער צוגעבן, אָבער אַ פרוי, אַ ווייב? פאַרגלייכן אַזאַ יפהפיה וואָס דרייט זיך אויפן קאַרעק מיט קייטין? די הייזער אויך אַזוי. אַט די „קאַליפאָרניער באַנגאַלאָו״, ווען אַ גוטער ווינט זאָל אַ בלאָז טון... נו יאָ, דאָ איז ניט אייאָוואַ, דאָ, זאָגט מען, בלאָזן נישט קיין ווינטן, פונדעסטוועגן . . . ער, אַז ער׳ט בויען אַ הויז, וועט עס זיין אַ ה ו י ז, סאָליד, ווי מ׳בויט דאָרטן, אין דערהיים, דערווייל אָבער בויט ער ניט, ער איז נאָך גאָרניט אַזוי זיכער אז ער בלייבט דאָ, ווייט ניט זיכער, און פאַר אַ צייטווייליקער דירה איז דער אַפּאַרטמענט גאָרניט אַזוי שלעכט. מ׳וועט זיך ארומקוקן, ארומזען...

— איר׳ט זיין איבערראַשט, דאָ מענטשן וואָס זיינען שוין צוואַנציק יאָר אין לאָס אַנזשעלעס און זיינען נאָך ניט געווען אויפן קאַטאַלינאַ אינזל, אָדער אפילו אין מאַליבו ביעטש.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ „חיה״?

— מאַליבו ביעטש? דאָס איז די זומערדיקע מוואַי קאָלאָניע, אַלע „מוווי סטאַרס״ האָבן דאָרט זייערע זומער היימען, און איר דאַרפט זיי זען, די היימען! דאָס איז...

נעללי מיט אירע „סטאַרס״. פאַרפאַלן, שוין מוזן פאָרן מיט איר, זען די פּאַלאַצן, „די קאָלאָניע״, און פּטור ווערן פון איר.

דער וועג האָט זיך רחבותדיק געוויגט באַרג ארויף, באַרג אַראָפּ, דער שוואַרץ־גרויער אַספּאַלט האָט ווי אַ יאַשטשערקע זיך געוואַרעמט אַנטקעגן דער זון, דער אויטאָמאָביל האָט זיך שוין געטראָגן ניט איבער האַרטן שוואַרץ־גרויען אַספּאַלט, נאָר געשווומען איבער פּורפּור־גאָלדענע ליכט־טייכלעך, דער אויטאָמאָביל גופא — אַ זוניק טייכל. די זון אין געווען אין פּנים, דאָס וויזעלע, נעללי, מיט אירע גרויסע זון־ברילן, די ריזיקע ראַמען געל געשפּרינקלט מיט שוואַרץ, די לעצטע מאָדע אין דער „קאָלאָניע״, האָט ווי ניט באַמערקט, ניט געפילט די זון, איין האַנט אויפן רעדל, האָט זי מיט דער צווייטער האַנט אַנגעוויזן יעדן מאָל אויף אַ נייער מערקווירדיקייט, דער פּאַלאַץ פון דעם „סטאַר״, און דער פּאַלאַץ... אונטער הונדערט טויזנט דאָלאַר איז עס ניט געגאַנגען, און דאָס גאַנצע עשירות איז איר׳ס, נעללי׳ס, אַזוי האָט עס געקלונגען. גבריאל פאַרטערן איז עס שוין דערעסן געוואָרן, ער האָט זיך שוין אפילו ניט צוגעהערט, ער האָט נאָר געקוקט — אַלץ הייסט געקוקט! —

ווי זי טרייבט מיט איין האַנט, אַט נעמט זי ארונטער די צווייטע האַנט! אויב זי וועט אַזוי אָנהאַלטן וועט ער... זי איז אַ פאַרדאַמט גוטער טרייבער, דאָס מוז ער צוגעבן. אין אַט דער שטאַט ווו מ׳טרייבט משוגענער־ווייז, מ׳יאָגט ווי די באַזעסענע, מ׳גייט זיגזאַג, מ׳יאָגט אַריבער פון רעכטס און פון לינקס, אויב זי קען טרייבן אַזוי רויק, אַזוי גלאַט, ניט פאַרמאַכנדיק די גאַנצע וועג דאָס מויל, איז זי . . . זי האָט דאָך אויס־געדרייט דעם פנים צו אים!

— האַלט בעסער אַן אויג אויפן וועג, — האָט ער כלומרשט שפּאַסיק געוואָרנט.

— איך קען שוין דעם וועג אויסנווייניק, — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכל.

דעם שמייכל האָט ער שוין געזען אין שפּיגל, און אים האָט שוין ניט געאַרט וואָס זי שמייכלט, אַבי זי קוקט אויפן וועג, ניט אויף אים. אויפן וועג זיינען געשטאַנען מענער, פרויען, האָבן פאַרקויפט „אַנווייזונגען צו די הייזער פון די מוווי סטאַרס״, נעללי האָט די אָנווייזונגען ניט געדאַרפט, די „סטעזשקעס צו די שטערן״ זיינען פאַר איר געווען אויסגעטראָטענע וועגן. גאָרניט געוווסט אַז אויפן הימל (פון האָליוווד) זיינען דאָ אַזוי פיל שטערן. וועט דער וועג זיך גאָרניט ענדיקן?

— אַט איז דער ים!

— ווו?

— איר האָט אים ניט געזען? איצט קען מען אים שוין ניט זען, באַלד וועלן מיר זיך פאַרנעמען אויפן קומענדיקן בערגל. האַלט די אויגן אָפן. אַט! אַט! זעט?

גבריאל האָט ניט געזען.

— אין אַ פּאָר מינוט וועלן מיר זיין דאָרטן.

אַ גאָלדענער רעגן האָט געגאָסן, אַזעלכע גרויסע גאָלדענע טראָפּנס אַז זיי האָבן זיך געבלעזלט אויף דער אויבערפלאַך פון ים און עס איז שווער געווען צו זען צי די זון באָדט זיך אין ים, אָדער דער ים באָדט זיך אין זון.

— נו, ווי געפעלט אייך דער פּאַסיפיק? — דער פּאַסיפישער ים — נעלליס אַ מציאה, איינגעהאַנדלט אויף אַן אויספאַרקויף ערגעץ דעם לעצטן טאָג אין חודש, און זי וויל זען צי די מציאה נעמט אויס.

— אַ סך וואַסער, — האָט גבריאל פאַרטער אַ זאָג געטון, און

נעללין איז ניט געווען קלאָר צי גיט ער דאָס איר אַ קאָמפּלימענט, אָדער ער מאַכט עס חוזק פון איר, די מציאה געפעלט אים נישט.

— געזען אַמאָל דעם ים?

— דעם ים? קיינמאָל. אָבער אויפן וועג אַהער זיינען מיר פאַרביי־געפאָרן סאָלט לייק. זיי האָבן דאָרט אַ סך זאַלץ. אַ וווּנדער צי דאָ ציט מען אויך ארויס זאַלץ?

— זאַלץ נישט, אָבער מ׳צאַפּט אויל.

— אויל! מ׳צאַפּט אויל פון ים?

— וואָס זשע, איר גלויבט ניט?

— דערציילט עס עמיצן אַנדערש. איך ווייס אז אין לאָס אַנזשעלעס פאַרקויפט מען „לאָטס" אויפן ים, אָבער קיין אויל פון ים קענט איר מיר ניט פאַרקויפן. הם... הם... ניט מיר.

— איכ׳ל עס אייך ווייזן! — האָט שוין נעללי, די גרויסשטאָטישע נעללי, די האָליוווּדער נעללי, וואָס איז אַזוי באהבנט אין די שטערן פון האָליוווּדער הימל, טראַציק געענטפערט. — דאָ, אין מאַליבו ביטש, צאַפּט מען טאָקע ניט קיין אויל, קיין אײן „סטאָר" וואָלט דאָ ניט געווינט ווען מ׳טוט עס, אָבער צו דרום צו, אויפן וועג אין לאָנג ביטש, מיר׳ן פאָרן, וועל איך ווייזן, אויל רעשטאַוואַניעס אויפן ים.

— אַז מיר׳ן זען וועלן מיר גלויבן, — איז גבריאל סקעפּטיש באַשטאַנען. אים פאַרקויפט מען ניט קיין לאָט אויפן ים. און דער ים גופא? אַ סך וואַסער. ער איז ניט נתפעל געוואָרן. און דער ים איז אויך ניט נתפעל געוואָרן. די זון איז געוואָרן שאַרפער, געשליידערט פייערדיקע שפּיזן, געשטופּלט דעם פּנים פון ים, און דער פּנים, יעדער שטופּל אויף דעם פּנים האָט געשמייכלט מיט אַ גאָלדענעם שמייכל: הערסט דאָך, איך געפעל אים ניט! איך געפעל אים ניט! — האָט ער אָנגעוויזן אויף גבריאל פאָרטער ביים ברעג, און זיך אַזוי צעלאַכט, אַז דער געלעכטער האָט זיך צעשאָטן אין מילי־מיליאָסן פינקלדיקע שפּריצלעך, איין שפּריצל האָט אַזש שטיפעריש אַ פּיק געטון גבריאל פאָרטערן אין נאָז.

— אייער פּאַסיפיק איז גאָר ניט אַזוי פּאַסיפיש, — האָט גבריאל פאַרגעוואָרפן נעללין.

— אין אַ הויכן שוואל גרייכט אַמאָל דאָס וואַסער ביז אַהער אַ, — האָט נעללי אָנגעוויזן געגוי וווהין דער פּאַסיפיק דערגרייכט, און ווי געוואָרנט גבריאלן: דו הייב זיך בעסער ניט אָן מיט אים, ער אַז ער צעכעסט זיך...

גבריאל האָט אפילו ניט געהאַט בדעה זיך אָנהויבן מיטן ים, ער איז שוין געווען פאַרטיק מיט אים. וואָס איז דאָ צו זען? אַ סך וואַסער. ער איז עס געקומען קיין קאַליפאָרניע זען אָט דאָס אָ? ער איז געקומען...

(6)

— אַ טאָן פוטער!

גבריאל האָט ווי פאַרלאָרן דעם „טאָן פוטער", און קייטי האָט אַ פאַרחידושטע אַ קוק געטון אויף אים, מיט די אויגן געפרעגט: וועגן וואָס רעדסטו עס?

דער „טאָן פוטער" — אַ צייטיקער עפּל, ארונטערגעפאַלן פון בוים נאָך אַ פּאָר חדשים וואַקסן. גבריאל האָט ניט געהאַט וואָס צו טון. גלייך נאָכן אָנבייסן האָט ער גענומען זיין מאָרגן שפּאַציר, געקויפט און געלייענט די מאָרגן צייטונג, שטודירט די אַנאָנסן, זיך דורכגערעדט מיט דער ווייב וועגן די מציאות דאָרטן, אָט ווי ער וואָלט טאַקע געהאַט בדעה צו קויפן עפּעס, געהערט די ראַדיאָ, נאָכאַמאָל געלייענט די אַנאָנסן, דער עיקר די פּרייזן אויף דער בירזשע, און אַזוי קוים דערצויגן ביז מיטיק. נאָך מיטיק האָט ער זיך צוגעשפּאַרט אַ ביסל, געכאַפּט אַ „שיינקייט דרימל", ווי זיין ווייב האָט אים געקיבעצט, נאָכדעם, נאָכדעם האָט ער ניט געהאַט וואָס צו טון. די ווייב איז געגאַנגען אין שטאָט, געקוקט אין די שויפענסטער, געניסשטערט אין די קראָמען, אַמאָל אפילו עפּעס געקויפט, אַ פּאָר מאָל אין וואָך איז זי געגאַנגען צו אַ „ברידזש פּאַרטי". זי האָט גערופן אים אויך, אָבער וואָס וועט ער גיין? איין האָן צווישן אַזוי פיל הינער, ניט פאַר אים. ער איז יאָ געגאַנגען מיט איר און מיט נעללין, פאַרשטייט זיך, צו איימי מעקפּוירסאָן אין טעמפּל. נו, די גלחטע איז אים געפעלן געוואָרן. יאָ, ער וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון איר... נישקשה פון אַ גלחטע! און זי קען די מלאכה, זי קען צאַפּן געלט פון דער וואַנט. נו, זיין דאָלאַר האָט זי ניט געקראָגן און וועט אים ניט קריגן, און איר רעליגיע דאַרף ער ניט, צו איר אין טעמפּל וועט ער מער ניט גיין, ער וועט בעסער גיין באַקוקן קאַליפאָרניע. איין טאָג האָט ער באַקוקט, באַטראַכט איין... מאַרקעט, אויף מאָרגן אַ צווייטן, אַ דריטן, אַ פערטן. די מאַרקעטס האָבן פאַרכאַפּט זיין אויג. הער אַ מעשה! אַ שפּייז מאַרק זעכציק פוס פראָנט! און אַלץ אָפן! און ווי אַלץ איז אויסגעלייגט, אויסגעשטעלט, דאָך אַ פאַרגעניגן צו קוקן. היינט די אויסשטאַטונג, די

איינריכטונג, די פרירערס, די באַלייכטונג! זינט ער לעבט האָט ער נאָך אַזוינס ניט געזען. די לעצטע צייט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף איין מאַרקעט, טאַקע ניט ווייט פון זיין וווינונג. עטלעכע טעג איז ער ארומגע־האַנגען, ארומגעגאַנגען אין דרויסן, געשטאַנען, געקוקט, נאָכדעם האָט ער זיך אטוואזשעט, אַריינגעגאַנגען אינעווייניק, ער וויל הייסט עס, עפּעס קויפן. געקויפט האָט ער אַ פּעקעלע צוקערקעס, פאַרבראַכט האָט ער אין קראָם אפשר אַ שעה. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים קצב, ביים בעקער, ביי די מילכיקס, אפילו ביי דער משקה, דער עיקר אָבער איז ביי אים געווען די „גראָסערי״, וויפל סחורה! די פּאָליצעס ברעכן זיך ממש. און קיינער ניטאָ, נעם וואָס און וויפל דו ווילסט. און ווי אַז ער׳ט עפּעס אָפּציען? נו יאָ, מ׳קען ניט ארויסגיין אזוי פריי ווי מ׳קומט אריין, מ׳מוז דורכגיין אַ דריידל ביי דער קאַסע, דאָרטן באַצאָלן, אָבער ער קען דאָך אריינלייגן עפּעס אין קעשענע. ניט קיין זאַק צוקער צי אַ גאַלאָן פּיורעקס, ער קען דאָך אָבער אַריינלייגן אַ פּלאַך קעסטל סאַרדינען. אויף טשיקאַוועס וואָלט ער עס געוואָלט טון. ניט, פאַרשטייט זיך, צוליבן קעסטעלע סאַרדינען, וואָס איז ער, אַ קעשענע גנב? נעמען טאַקע אָט דאָס אַ פּעקעלע צוקערקעס און ביי דער קאַסע עס ארויסנעמען פון קעשענע, ווייזן דעם באַלעבאָס אז ער פירט די געשעפטן ניט ווי עס דאַרף צו זיין. געווען איז עס אין די „טויטע שטונדן״ — צווישן צוויי און פיר נאָכמיטיק — צופיל קונים זיינען ניט געווען, איז גבריאל צוגעגאַנגען, אַרויסגענומען דאָס פּעקעלע צוקערקעס פון ק ע ש ע נ ע, אַ ווייז געטון דעם באַלעבאָס. יענער האָט אַ קוועטש געטון אַ קנעפּל אויף דער קאַסע און, נאָך איידער גבריאל האָט צייט געהאַט עפּעס זאָגן, האָט דער באַלעבאָס אים שוין דערלאַנגט די פינף און נייַנציק סענט רעשט, מיט אַ שמייכל פאַר אַ צולאָג און אַ „טהיינק יו״ פאַר אַ צוגאָב. גבריאל איז געבליבן געפּלעפּט. ער האָט דאָך געזען אַז דאָס פּעקעלע צוקערקעס איז געווען ביי אים אין ק ע ש ע נ ע! און ער זאָגט גאָרניט, שמייכלט. און דער שמייכל אַ פריינטלעכער. ער׳ט אים זאָגן, ער׳ט... — ווי איז געשעפט?

— פיין!

— איר האָט אַ פיינע קראָם. אַ סך סחורה.

— אַז מ׳וויל לייזן געלט מוז מען האָבן סחורה, אָבער צופיל האָבן מיר ניט. די סחורה וואָס איר זעט איז אַלץ אַריין און אַרויס, קיין „טויטע האָלץ״ האָבן מיר ניט.

— לעצטן שבת האָט איר געמוזט פאַרקויפן אַ סך פּוטער.

— לעצטן שבת? פּוטער?

— איר האָט געהאַט אַ שילד — ניין און פערציק סענט אַ פונט.

— אַה! דאָס האָבן מיר יעדע וואָך, אַן אַריינציער, אַ לאָקעטקע פאַרן קונה, דאָס פּישעלע האָט ליב אַ ווערימל...

— און דאָס פּישעלע האָט געביסן?

— מיר האָבן פאַרקויפט אַ טאָן פּוטער.

— איר מיינט צו זאָגן אַז אין איין טאָג האָט איר פאַרקויפט צוויי טויזנט פונט פּוטער?

— גענוי צוויי טויזנט פונט, און דערלייגט צוויי טויזנט סענט, דאָס האָט אָבער ניט געבראָכן די באַנק, צוזאַמען מיטן ווערימל בייסט דאָס פּישעלע אויך דעם האָטשעק, צוליב דעם פּוטער פאַרקויפט אַנדערע זאַכן אויך.

— וואָס איז מכוח די מציאה כאַפּער, גייען קויפן דעם „ספּעשל״ דאָ, אַ צווייטן דאָרט?

— דאָ אַזעלכע אויך, אָבער די מערסטע פּרויען אַז זיי קומען אַריין ווילן זיי קויפן אַלץ אין איין פּלאַץ. אַגב, זייט איר אַמאָל געווען אין די געשעפטן?

— וואָס איז דען?

— לויט אייערע רייד...

— ניט דאָ. געהאַט אַ גראָסערי אין איאָוואַ.

— אַה... געקומען זיך באַזעצן?

— איך ווייס ניט. אפשר. דערווייל קוק איך אַרום.

עטלעכע קונים זיינען דורכגעגאַנגען. דער קרעמער האָט שנעל אָפּגעקלאַפּט אויף דער קאַסע וואָס עס קומט פון זיי, אָפּגעקלונגען דאָס געלט און פריינטלעך אַ קוק געטון צו גבריאלן, וואָס האָט זיך געהאַט אָפּגערוקט אַ ביסל אָן אַ זייט. — זוכט אַ געשעפט?

— נו, עס זאָל זיך מאַכן עפּעס פּאַסיקס...

— איך פאַרקויפן דעם.

— איר ווילט פאַרקויפן?

— איך וויל. איך דאַרף! דער דאָקטאָר זאָגט איך דאַרף זיך אָפּרוען אַ זעקס חדשים. מיד. אַ גוט געשעפט, אָבער שווער. זיבן טעג אַ וואָך, פערצן שעה אַ טאָג, אַ ביסל צופיל פאַר איין מענטשן.

— איר האָט ארויסהעלפער.

— יעדער איינער העלפט זיך...

— איר מיינט מע גנבעט?

— ווי איך זע פאַרשטייט איר אַן עסק.

— געטראַכט אַז מ׳קען ארײַנלייגן עפּעס אין קעשענע, זיך גע־חידושט...

— איר מיינט ביי די פּאַליצעס? דאָס איז אַ קלייניקייט. בכלל זייַנען מענטשן, די וואָס קומען אַהער קויפן, גאַנץ אַנשטענדיק, וועלן ניט גנבענען אַ קעסטעלע סאַרדינען צי כ׳ווייס וואָס, זעט איר, ווען עס קומט צו דער קאַסע, דאָ איז שוין דער נסיון צו גרויס, דער יצר הרע צו שטאַרק.

— איר שפּילט די פּיאַנאָ זייער געשיקט...

— נו, — האָט דער באַלעבאָס געשמייכלט, — שוין צייט אַז איך זאָל קענען שפּילן די פּיאַנאָ, ווי איר זאָגט. פופצן יאָר. מאַך געלט, אָבער וואָס קומט ארויס? דער דאָקטאָר...

ווידער אַ פּאָר קונים. גבריאל איז ניט אַוועקגעגאַנגען.

— וויפל אַן ערך באַטרעפט דאָס געשעפט?

— אויב איר זייטווירקלעך פאַראינטערעסירט וועל איך אייך געבן אַ גוטן פאָרשלאָג, מר...?

— פּאָרטער. גבריאל פּאָרטער.

— מיין נאָמען איז בראַון, דזשעק בראַון.

מ׳האָט זיך דערלאַנגט די הענט. אַרויסציענדיק די האַנט, האָט מר. בראַון אַ פּיר געטון מיט איר. — דאָס אַלעס, אויסשטאַטונג, איינריכטונג און די ארענדע, נאָך פינף יאָר, מיט אַ פּריווילעגיע צו באַנייען אויף נאָך צען יאָר, דאָס אַלעס, הכל בכל, איז פינף און צוואַנציק טויזנט דאָלאַר. און די סחורה, איז דאָך ניט שייך, דאָלאַר פער דאָלאַר, היינט איז דאָ מער סחורה, מאָרגן ווייניקער, ווי עס איז היינט צו טאָג בין איך זיך משער עס באַטרעפט אַ פינף און צוואַנציק טויזנט. איז, אויב איר זייט פאַר־אינטערעסירט...

— זיך מיישב זיין.

— זייט זיך מיישב, — האָט מר. בראַון שוין קאַלטלעך אַ זאָג געטון. ניט קיין קונה.

גבריאל פּאָרטער איז ניט געווען גרייט צו קויפן אַ געשעפט פאַר פופציק טויזנט דאָלאַר איינס און צוויי. אינעווייניק אין מאַרקעט איז ער שוין מער ניט אריינגעגאַנגען, ער האָט זיך עפּעס געשעמט, ער איז

אָבער ארומגעגאַנגען אַרום מאַרקעט און „דער טאָן פּוטער“ איז אים נאָכגעגאַנגען, אויפן קאָפּ איז ער אים געליגן, אָט דער טאָן פּוטער, און איצטער, ווען ער האָט עס ארויסגעזאָגט קייטין, איז פון אים ארונטער־געפאַלן אַ שווערע משא, און ער האָט זיך געריבן די פּלייצע, איר דערציילט באריכות די גאַנצע מעשה.

— האָסטו אים געגעבן אַן אדערויף?

— דיינקסט ביסט אַ חכמה, האַ? — קלאָר. זי שפּעט פון אים.

— אזוי קלוג ווי דו, אָבער דו אַליין, האָסטו זיך נישט געשטעלט די פראַגע: אויב עס איז אַזאַ גוט געשעפט, פאַרוואָס וויל ער פאַרקויפן?

— ווער זאָגט דיר אַז ער וויל? דער דאָקטאָר ה י י ס ט אים פאַרקויפן!

— נו, מיין טייערער מאַן, דו וואָלסט אויך געמעגט צוגיין צום דאָקטאָר...

— איך דאַרף ניט קיינע דאָקטוירים. איך פיל פיין. און איך קען טון געשעפט אויך. אויב איך וועל קראַנק ווערן וועט עס זיין פון ארומגיין ליידיק. מיר שוין ניט גוט פון דעם.

— דו גיי בעסער זע אַ דאָקטאָר, נאָכדעם וועסטו רעדן וועגן געשעפט.

— איך האָב דיר שוין געזאָגט, איך דאַרף ניט קיינע דאָקטוירים. דער האַטשינס ווייסט ניט פון זיין חיות צו זאָגן, איך בין גאָר קיינמאָל ניט געווען קראַנק.

— אַ רעד טון מיט נעללין, זי מוז וויסן פון אַ ג ו ט ן דאָקטאָר.

— וואָס ווייסט זי וועגן דאָקטוירים? איר ספּעציאַליטעט איז דאָך „שטערן“!

— נו, „שטערן“ קריינקען אויך פון צייט צו צייט, און זיי אַז זיי דאַרפן אַ דאָקטאָר, מעגסטו זיין זיכער אַז זיי קריגן דעם בעסטן. אפשר וועט ער טאַקע זאָגן אַז דו קענסט גיין אין געשעפט.

— אַ סך וויסן זיי, די דאָקטוירים. זיי מאַכן מיך קראַנק.

קעטהערין האָט שוין געוווּסט אַז איר גבריאל וועט אַריינגיין צון אַ דאָקטאָר. אַ רעד טון מיט נעללין. זי מוז וויסן.

(7)

— נו, וואָס האָט ער געזאָגט?

— פופציק דאָלאַר.

קעטהערין האָט אַ קוק געטון אויף איר מאַן. זי האָט אים געפרעגט, ניט ווייל זי האָט זיך געוואָלט דערוויסן וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט. מיט אַ טאָג פריער איז זי געוועזן ביים דאָקטאָר, אים געפרעגט ווי האַלט עס מיט איר מאַן, אים דערציילט ווי איר מאַן נעמט אויף זיין קראַנק זיין, כדי דער דאָקטאָר זאָל וויסן וואָס און ווי אים צו זאָגן, איצט האָט זי געוואָלט הערן ווי איר מאַן רעאַגירט דאַרויף. פון זיינע „פופציק דאָלאַר" האָט זי פאַרשטאַנען אַז ער איז ניט צופרידן, איז ברוגז אויפן דאָקטאָר, אויף איר, אויף דער גאַנצער וועלט.

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר?

— איך האָב דיך געפרעגט אַ פראַגע.

— האָב איך דיר געענטפערט.

—לעכערלעך.

— אודאי לעכערלעך. מ׳דאַרף זיין אַ פאַרדאַמטער נאַר, גיין באַצאָלן פופציק דאָלאַר פאַר גאָרניט, פאַר גאָר־ניט!

— ער האָט דיך עקזאַמענירט!

— אַלץ הייסט עקזאַמענירן. די מאַשין, יענע מאַשין, „עקס רעי, וואַי רעי, זי רעי" און די אַלע מאַכערייקעס נאָר כדי ער זאָל קענען רעכענען פופציק דאָלאַר. שווינדלער. האַטשינס האָט פאַר פינף דאָלאַר מיר געזאָגט מער ווי דער בלוט זויגער.

— איז וואָס ה אָ ט ער געזאָגט?

— גאָרניט! אַבסאָליוט גאָרניט. „טעיק איט איזי", דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב געהערט פון אים. טו ניט דאָס, טו ניט דאָס, טו גאָרניט. אפילו ניט כאַפּן פיש. דאָס הייסט, כאַפּן פיש יאָ, נאָר ניט זיצן אויפן זון. אָט האָסטו דיר, זוניקע קאַליפאָרניע, נאָר דו זיץ אין שאָטן. נו, איכ׳ל דאָ ניט זיצן. איך פאָר קיין מייפּלטאָון. צום טייוול מיט דער זוניקער קאַליפאָרניע, לאָס אַנזשעלעס, האָליוווד, מיט אירע „שטערן". נעללי דיינע! „ער איז אַ גוטער דאָקטאָר, אַלע שטערן זיינען זיינע פּאַציענטן". שטערן! פריצן! יעדער איינער קען זיי אָפּפריצעווען. ניט מיך! איך בין קוויט מיט לאָס אַנזשעלעס. מיר פּאַקן איין און מיר פאָרן.

— פאָרסט ניט היינט?

— דו קענסט דיר בלייבן אַז דו ווילסט, איך פאָר אהיים.

— אַהיים, מייפלטאָון.

— געפעלט דיר שוין נישט מייפלטאָון? אויב איך מאַך קיין טעות ביסטו דאָרט געבוירן געוואָרן, ניין?

— יאָ, געהאַט דעם אומגליק דאָרט געבוירן ווערן און אָפּפינצטערן אַ לעבן לאַנג אין יענער לאַנד.

— אַה! גאָר אַזוי? מייפּלטאַון אַ לאַנד. און וואָס איז מכּח דיין מייפּלטאַונער מאַן? ער געפעלט דיר שוין אויך ניט, וואָס?

— גב־רי־אל! ביסט אַ טפּש!

מאַן און ווייב האָבן מער ניט גערעדט וועגן פאַרן, אויך וועגן אַנדערע זאַכן גערעדט זייער ווינציק, מיט נעללין האָט קעטהערין יאָ איבערגערעדט דעם ענין.

— אָרימער גייבי! נעבעך אַ רחמנות אויף אים. לאַנגווייליקט זיך. מ׳וואָלט געדאַרפט אים אַ ביסל אויפמונטערן. פאַרוואָס נעמט זי אים נישט מיט אַמאָל צון אַ ברידזש פאַרטי?

— מיטנעמען. דאַרף ער דאָך וועלן גיין. וויל ניט זיין „איין האָן צווישן אַזוי פיל הינער״.

— גייט ער אַמאָל צון אַ „סטעג פאַרטי״?

— גבריאל אַ סטעג פאַרטי. ער נעמט איין איבעריק גלעזעלע פאַרוואַרפט ער דעם קאָפּ ווי אַ קראַנק הינדל.

— וואָס טוט ער יאָ?

די פאַרשייטקייט אין טאָן האָט געגעבן אַנצוהערעניש. קעטהערין האָט געשמייכלט — נאַרישע נעללי... וואָס אים גייט אָן איז געשעפט. ער בייַנקט נאָך זיין גראָסערי. ער דאַרף זיין פאַרנומען, מיט וואָס ס׳ניט איז, אַבי ניט זיצן, אַרומגיין ליידיק.

— ווי אַלט איז ער?

— דעם זיבעצנטן ווערט אים פינף און פוציק יאָר, און אגב, דעם זעלבן טאָג ווערט פינף און דרייסיק יאָר אַז מיר זיינען פאַרהייראַט.

— אויסגעצייכנט! — האָט נעללי אַזש אַ פּאַטש געטון מיט די הענט פון התפּעלות. — וואונדערבאַר!

— וואָס אַזוינס? — קאַלט, סקעפּטיש.

— מיר איינגעפאַלן אַ גוטער געדאַנק. מיר׳ן עס פייערן! פייערן אויף אַ פריילעכן אופן. מיר׳ן גיין אין אַ... נאַכט קלוב.

— אַ נאַכט קלוב! — קעטהערינס טאָן: ביסט משוגע צי חסר דעה?

— אַמאָל געווען אין אַ נאַכט קלוב?

— נו, אין מייפּלטאַון איז „אַזאַ חיה״ ניט געווען, און איך דיינק ניט אַז איך, גבריאל וועלן ווען עס איז גיין אין אַ... נאַכט קלוב. ניט פאַר אונז...

— מומע קייט! איר זייט נאָך אַלץ אַ פרוי פון... מייפלטאון. לאָמיך אייך זאָגן אז עס זיינען דאָ נאַכט קלובן וווהין אייער מייפלטאונער גלח וואָלט געקענט אריינקומען און ארויסגיין פון דאָרט אָן אַ פלעק אויף זיין גלחישער... רעפּוטאַציע.

— דער נאָמען אליין...

— וואָס איז אַ נאָמען? פאַרשטייט זיך, עס זיינען דאָ פאַרשייטע פלעצער אויך, אָבער דעם וואָס איך האָב אינזינען איז, וואָס איך וואָלט אָנגערופן, אַ פאַמיליען קלוב. ניט איין געבוירנטאָג ווערט דאָרט געפּראַוועט. זיי שטעלן שוין צו דעם טאָרט, די ליכטלעך, מ׳עסט, מע פאַרברייננגט און עס קאָסט ניט אַזוי גוואַלדיק טייער. פאַרשטייט זיך, גיין אין אַ נאַכט קלוב אויפן „סטריפ״, ווו די „סטאַרס״ קומען, דאָרטן איז בראַנד טייער, אָבער אין „ווענעציאַנער גאָרטנס״, ווו זי האָט בדעה צו גיין, וועלן פינף דאָלאַר אַ מענטש דעקן די גאַנצע הוצאה, און עס האָט די ווערט. און מיר דאַרפן ניט איינלאַדן די גאַנצע שטאָט. מיר פיר׳ן און, איך דיינק, די קענדריקס. וואָס זאָגט איר?

— זעקסטן איז גענוג, ביי מיר איז די פראַגע וועגן גבריאלן.

— אים דאַרף מען אפילו ניט דערציילן. אַ סורפּריז! פאַרלאָזט זיך אויף מיר, איך וועל שוין אַלץ איינאָרדענען.

אי די בעללי! אַלץ ווייסט זי, יעדן איינעם קען זי, און אַ שטיק קוועקזילבער. זי אַז זי נעמט זיך צון עפּעס... אָן איינפאַל, אַ נאַכט קלוב! דרייסיק דאָלאַר אפילו אַ מטבע, אָבער איין מאָל, פאַרזוכן... גבריאל אין אַ נאַכט קלוב! און ווי אַז אין דער לעצטער מינוט וועט ער זיך איינשפּאַרן, ניט וועלן גיין?

אָנגעהייבן האָט זי דיפּלאָמאַטיש... קודם האָט זי אים דערלאַנגט אַ שניפּס, וואָס זי האָט געקויפט לכּבוד זיין געבוירנטאָג, און גבריאל האָט זי איבערראַשט, איר דערלאַנגט אַ לאַוואליר, לכבוד דער פינף און דרייסיק יאָריקער חתונה. דער שניפּס איז געווען זייער אַ שיינער שניפּס, אַזוי האָט באַשטעטיקט גבריאל, און דער לאַוואליר איז געווען דאָס שענסטע שטיקל צירונג.

— דאָס איז ווירקלעך שיין. און עס איז זייער פיין פון דיר...

— עס איז פינף און דרייסיק יאָר...

— יאָ, פינף און דרייסיק יאָר, און דיין געבוירנטאָג דערצו. אַ דאָפּלטער יום טוב. מיר וואָלטן אים געדאַרפט פייערן.

— איך האָב גאָרניט קעגן דעם.

— גייען מיר היינט אָוונט פֿאַרברייינגען.

— וווהין גייען מיר?

— אָה, וועסט שוין זען...

זיין ווייבס פֿאַרשווערערישער קוק איז אים ניט געפֿעלן געוואָרן.

— ניט צו נעללין!

— נעללי? וואָס דיר קען איינפֿאַלן. מיר גייען ע ר ג ע ץ... אַ געהייבענער פּלאַץ...

— דעם אמת געזאָגט, בין איך ניט פֿאַרליבט אין די געהייבענע פּלעצער... זאָג מיר, קייט, וואָס אַזוינס האָסטו דאָרטן פֿאַרטראַכט, וווהין גייען מיר?

זאָגן? ניט זאָגן? זי׳ט אים בעסער זאָגן. ער קען זיך נאָך אַמאָל איינשפּאַרן, זיך צעבריקען, ווייזן — ער איז באַלעבאָס... מיר גייען אין אַ... נאַכט קלוב. — דער „נאַכט קלוב״ — סודותדיק, שיר ניט מיסטעריעז.

— אַ נאַכט קלוב!

אַ קנייטש מיט די אויגן, אַ שאָקל מיטן קאָפּ איז געווען דער ענטפֿער.

— אַ נאַכט קלוב! דו און איך אין אַ נאַכט קלוב? קייט!...

— אַמאָל געווען אין אַ נאַכט קלוב?

— קיינמאָל ניט געווען און וועל קיינמאָל ניט זיין. אַ בעלנות, איך אין אַ נאַכט קלוב.

— וואָס איז דער מער?

— קיין זאַך דער מער. אַנשטענדיקע מענטשן גייען נישט אין אַזעלכע פּלעצער.

— גאָר אַזוי? לאָמיך דיר זאָגן, אַז אין ד ע ם נאַכט קלוב וואָלט מר. בעננעט, רעווערענד בעננעט, אונזער גלח פֿון מייפּלטאַון, געקענט גיין און עס וואָלט אים גאָרניט געשאַדט. עס איז אַזוי אַנשטענדיק ווי אַנשטענדיק קען נאָר זיין.

— פֿון וואַנען ווייסטו? געווען דאָרטן אַמאָל?

— ניין, איך בין ניט געווען, אָבער נעללי...

—אַה, נעל־לי! פֿאַרשטאַנען אַזוי. איך שטעל מיר פֿאָר אַלע האָליוודער שטערן קומען אַריין אַהין, וואָס?

— דאָ, גבריאל, מאַכסטו אַ טעות. קיינע שטערן דאָרטן, פּשוטע מענטשן, מ׳עסט, אַן אָרקעסטער שפּילט, מ׳טאַנצט, מע פֿאַרברייינגט...

— מ׳שפּילט, מ׳טאַנצט, מע פֿאַרברייננגט, און אַ טעפּל קאַווע קאָסט פופציק סענט, וואָס?

— ווענן קאָסטן דאַרפסטו זיך גאָרניט קימערן. נעללי פונדעוועט.

— נעללי!

— דאָס איז געווען איר איינפאַל, און זי איז באַשטאַנען דאַרויף אַז זי פונדעוועט, — האָט קעטהערין אַרויסגעזאָגט דעם ליגן און, תוך כדי דיבור, אַ רעכן געטון צי האָט זי גענוג געלט דעקן די הוצאות, ניט אַנקומענדיק צו איר מאַן.

— אוי, די נעללי, — האָט גבריאל שיר ניט אַרויסגעקרעכצט.

— זי איז אַ ווילע מיידל און האָסט גאָרניט קעגן איר.

— ניין, איך האָב גאָרניט קעגן איר, — האָט גבריאל צוגעגעבן מיט רעזיגנאַציע, הגם ער איז ניט געווען אַזוי זיכער צי זי איז טאַקע אַ „ווילע מיידל״. די פּרוי איז אים ניט צום האַרצן פונם ערשטן טאָג אָן, איצטער איז ער ניט אַזוי באַגייסטערט צו גיין פאַרברייננגען מיט איר, אין אַ נאַכט קלוב דערצו, אָבער זי איז קייטיס אַ קרובה, זיי האָבן עס שוין אַראַנזשירט, ער׳ט ניט גיין קאַליע מאַכן אין דער לעצטער מינוט, איז, ווי זאָגט מען, א י י ן מאָל קען מען פאַרזוכן פון יעדער משקה. — גבריאל און קעטהערין פאַרטער אין אַ נאַכט קלוב, — האָט ער צו זיך אַליין אַ שמייכל געטון. אַ נאַכט קלוב איז אַ נאַכט קלוב.

(8)

— נישקשה פון אַ גאָרטן, — האָט גבריאל געשפּאָט, דער גאַנצער גאָרטן איז באַשטאַנען פון צוויי פאַרטשאַכנעטע פּאַלמעס, די הויכע, דינע שטאַמען הויל נאַקעט, בלויז אויפן סאַמע שפּיץ אַ טשוביקל גרינס. עס איז אויך געווען אַ שמאָל פּאַסיקל גראָז, נאָך דעם גראָז פּאַסיקל האָט זיך געצויגן אַ שמאָל פּאַסיקל וואַסער, פון וועלכן עס האָט געטראָגן אַ פאַרדומפּענער ריח, און איבער דעם פּאַסיקל וואַסער איז געווען אַ בריקל מיט צוויי פאַרענטשעס אָן וועלכע די אַריינגייער האָבן זיך אָנגעהאַלטן. גבריאל האָט זיך אויך אָנגעהאַלטן און הויך אויפן קול אַרויסגעזאָגט: ווע־נע־ציע!

— וואַרט, איר׳ט זען אינעווייניק, — האָט נעללי אַרויסגעזאָגט מיט אַ טאָן פון: ווען דו ווייסט וועלכע אוצרות דאַרטן געפינען זיך!

פון דעם אינעווייניק איז גבריאל אויך ניט נתפּעל געוואָרן. אַ רעסטאָ־

ראַן. אַ ג ר ו י ס ע ר רעסטאָראַן. טישן, טישלעך, אַ פּלאַץ, אַ גרויסער פּלאַץ צום טאַנצן און אַ בינע פֿאַר די קלעזמער, אפשר אַ פֿאָרשטעלונג. גבריאלן גייט עס ווינציק וואָס אָן, וואָס ער וויל איצט איז... עסן. צוליב אָט דעם... נאַכט קלוב ניט געגעסן קיין וועטשערע ווי עס דאַרף צו זיין, איצט איז ער הונגעריק, און די קעלנער דאָ איילן זיך ניט, דער עולם, קענטיק, אויך ניט, פֿון איין געריכט ביזן צווייטן נעמט אפשר אַ שעה, דערפֿאַר אָבער טרינקט מען גאַנץ היפּש. דער מר. סימס, נעלליס מאַן, האָט שוין ארייַנגעגאָסן אַ פּיר גלעזלעך, און דער מר. קענדריק קען אויך אַרייַנגיסן. ער מוז ניט נאָכהאַלטן. אַ גלעזעלע, צוויי, גענוג. ער איז עס געקומען זיך אָנשכורן? ער איז געקומען פֿייערן... פֿאַרברייַנגען.

נו יאָ, עס ווערט אַ ביסל פֿריילעכער. אָט דער צערעמאָניע מייסטער, אַ הויך דאָס איז! מוז זיין אַ זעקס־פֿיר. אַ פּאָר לאַנגע אָרעמס דאָס האָט, און אַז ער טוט זיי אַ צענעם, נאָכדעם אַ קלאַפּ מיט די הענט, זעען און הערן אַלע. עפּעס גייט מען פֿאָרשטעלן.

אויף דער בינע האָט זיך באַוויזן אַ הויכער פֿאַרשוין, כמעט אַזוי הויך ווי דער צערעמאָניע מייסטער, נאָך אים אַ קאַרליקל אַ פּיר פֿוס די הויך, זיי האָבן זיך גענומען ראַנגלען. און דאָס קאַרליקל — מ׳האָט געקענט פֿון אים אויסגיין! אויסגיין פֿון געלעכטער. וואָס ער האָט ניט אָפּגעטון? יאָ, דאָס איז קאָמיש. דער אָרקעסטער האָט גענומען שפּילן, דער עולם האָט זיך געלאָזט טאַנצן. טאַנצן. מ׳האָט זיך געריבן איינער אָן צווייטן. גבריאל וואָלט זיי געוויזן ווי מ׳טאַנצט אַ גוטן, היימישן שייער טאַנץ. אים האָט אָנגענומען אַ חשק אַ צי טון קייטין: קום אַלטיטשקע, לאָמיר זיי ווייזן וואָס מיינט טאַנצן. ער האָט עס ניט געטון! צו זיין טיש האָט צוגעטענצלט אַ ציגאַרעטן פֿאַרקויפֿערן. דוכט זיך אַ קליינס, אַ... וויזעלע, און אַזעלכע לאַנגע שיינקלען, און אָט די שיינקלען, זיינען זיי טאַקע נאַקעט, אָדער דאָס טראָגט זי אַזעלכע לייב קאָליר זאָקן?

— ציגאַרעטן, צוקערקעס?

— ניין, אַ דאַנק, איך רויכער ניט.

— זי האָט צוגעטענצלט צו נעלליס מאַן, און יענער האָט יאָ גענומען אַ פּעקל ציגאַרעטן, פֿונם אויסגאַב האָט ער ארייַנגעלייגט אַ מטבע איר אין האַנט אריין און מיט זיין האַנט־פּלאַך פֿאַרמאַכט איר הענטל.

— אַ גוטער וועג צו געבן... לאַפּקע געלט, — האָט גבריאל פֿאַרצייכנט אין קאָפּ. ער קען די מלאכה. נו ער האָט זי אין... ניין, ער האָט גאָרניט צו טון מיט אָט די אַ... אָט גייט שוין אַ צווייטע, אַ

זינגערן, שטעלט זיך אָפּ לעבן יעדן טישל, זינגען יעדנס „באַליבט לידל", אַ בחור מיט אַ גיטאַר באַגלייט. צו זיין טישל אויך צוגעקומען, ער האָט קיין לידל ניט באַשטעלט, מר. קענדריק האָט עס יאָ געטון, און ער האָט אויך אַריינגעשטופּט איר אין האַנט אַ גאַנצן דאָלאַר. ער האָט נאָך אַפּילו אַ גלעט געטון איר אָרעם. אַזוי אַזוי, איז דאָס, הייסט עס, יאָ אַ נאַכט קלוב. נו, מ'עט זען...

גבריאל האָט געזען ווי דער צערעמאָניע מייסטער האָט אַ הויב געטון די הענט, געהערט ווי ער האָט אויסגערופן אַז היינט געפינען זיך דאָ אַ מר. און מרס... דעם נאָמען האָט ער ניט געכאַפּט, וואָס פייערן זייער זילבערנע חתונה, רופט ער זיי אויס זיי זאָלן זיך פאָרשטעלן פאַרן עולם, און זאָלן... טון וואָס זיי ווילן, זינגען זייער באַליבט לידל, טאַנצן זייער טאַנץ...

אַזוי גאָר? הייסט עס, אַז מ'וועט אים אויך רופן? פון וואַנען ווייסן זיי עס? ער האָט זיך געוואָלט דערפרעגן ביי קייטין, אָבער דאָ האָט דאָס „זילבערנע פּאָרל" זיך אויפגעשטעלט, די ווייב, אַ פּאַררויטלטע, האָט גענומען שטאַמלען און פאַרענדיקט אַז זי וועט שוין בעסער זינגען ווי רעדן, דער עולם זאָל אָבער אַרויסהעלפן. מיט אַן אַנגעשפּאָלטענער שטימע האָט זי גענומען זינגען „ראָזי אָ'גריידי", דער עולם האָט אונטער־געכאַפּט, און ווען זי האָט געענדיקט איז געוואָרן אַ פּאַטשעריי. גבריאל האָט אויך געפּאַטשט, הילכיק, שווער, זיין קלאַפּ, אַן אָפּגעריסענער האָט זיך געהערט דער לעצטער, ווען אַלע האָבן שוין אויפגעהערט. ער האָט פאַרשעמט אַ קוק געטון צו זיינע מיטזיצער און אַרויסגעזאָגט: אַ גוט, אַלט לידל, אַ גוט, אַלט לידל.

מר. סימס האָט אַ צי געטון די פאַרשלאָפענע, ניט אויפגעשניטענע אויגן אויף אַרויף, דאָס האָט ער געשמייכלט אויפן חשבון פון זיין ווייבס קרוב, דעם „פאַרמער" מיט זיין „גוט אַלט לידל", ער האָט אָבער גאָרניט געזאָגט. קיינער האָט גאָרניט געזאָגט, אַלע האָבן געקוקט אויפן צערעמאָניע מייסטער: וואָס ווייטער? גבריאל פאָרטער האָט אַזש צוגעשטעלט איין האַנט שיסעלע צום אויער, כאַפּן צי רופט מען עס אים. מ'האָט קיינעם ניט גערופן. די מיידל וואָס איז פריער אַרומגעגאַנגען, געזונגען, קאָנצעפּציאָן טשאַוועז, וועט אין דער באַגלייטונג פון ראָמאַן פערנאַנדעז טאַנצן די רומבאַ.

אַזוי גאָר? אַ שפּאַנישע? שפּאַניש. מסתם אַ מעקסיקאַנער. און זי אַרבעט אויף אַלע סטרוזשן, זינגען, טאַנצן... און די רומבאַ? דאָס איז

ביי זיי אַ נייער טאַנץ? אַזאַ דריי מיטן הינטן, אַזאַ דריי, זי איז גאַנץ בויגיק, די בחורטע... אָבער וואָס גייט זי אים אָן? פונזיינעטוועגן...

— און, מיר האָבן היינט מיט אונז אַ פּאָרל, אַ גליקלעך פּאָרל, ער איז פינף און פופציק, היינט זיין געבוירנטאָג, איר געבוירנטאָג ווייסן מיר, נאַטירליך, ניט.

נאָך איידער גבריאל פּאַרטער האָט דערהערט זיין נאָמען האָט ער דערפילט אַ ציטער אין גאַנצן קערפּער און, דערזעענדיק אַ מיידל, טאַקע די זעלבע קאָנצעפּציאָן, אַנגעטון עטוואָס אַנדערש ווי ביים טאַנצן, האָט זיך דערנעענטערט מיט אַ טאָרט איןביידע הענט, דער טאָרט באַזעצט מיט ליכטלעך, איז דער ציטער פאַרגליווערט געוואָרן, אים איז געוועזן הייס און עס האָט אים געפרוירן.

— „העפּי בוירטהדעי טו יו"!

דאָס האָט זי, די קאָנצעפּציאָן, אויסגעזונגען, אים אריינגעזונגען אין אויער, איר פּאַרפום האָט אריינגעדרונגען אין זיין נאָז, אין די אויגן, ער האָט זי געזען דורך אַ גאַז, אַ שטרעק טון די האַנט, זי אַרומכאַפּן...

— „העפּי בוירטהדעי טו יו"! — אַלע ביי זיין טישל, דער גאַנצער זאַל זינגט דאָס פאַר אים. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, ניט געוווסט וואָס צו טון. קאָנצעפּציאָן האָט פלינק און געשיקט אָנגעצונדן אַלע ליכטלעך און מיט אַ וווּנק אים געוויזן — וויז אַז דו ביסט אַ מאַן! פּאַרלעש!

ער'ט איר וויזן! אַלעמען וויזן!

ביז איינער האָט ער אויסגעלאָשן און זיגעריש געקוקט פאַר זיך, אַלע האָבן געקלאַפּט, געזען האָט ער קאָנצעפּציאָנס הענט, אירע אָרעמס, ער האָט ארויסגעצויגן פון קעשענע אַ פּאַפּירל, אַ בליק געטון צי איז דאָס חלילה ניט קיין פינפערל און עס איר געשטופּט אין האַנט אַריין. עפּעס איז דאָס ניט אַרויסגעקומען אַזוי גלאַטיק ווי ביי די אַנדערע, האָט ער אַ פּעטשל געטון איר האַנט — נעם עס! נעם עס! און נאָך איידער ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט איר, האָט ער שוין געהערט: דאָס איז ניט די איינציקע שמחה. פינף און פופציק יאָר אַלט און פינף און דרייסיק יאָר פאַרהייראַט. דאָס גליקלעכע פּאָרל!

— דאָס גליקלעכע פּאָרל! — האָט שוין דער זאַל געשריען, און קעטהערין האָט זיך אויפגעשטעלט.

— קוש די כלה! קוש די כלה! — געשרייען, פּאַטשערייען.

גבריאל און קעטהערין האָבן זיך איבערגעקוקט, ביידע שעמעוודיק, אָבער וויליק. האָט גבריאל אַרומגעכאַפּט קעטהערינען, זיין קייטין,

און האָט זי געקושט גאָר אויף אַן אַלטמאָדישן שטייגער, ניט ווי אַן אַקטיאָר אויף דער בינע, און דער עולם האָט אָנגעקוואָלן.

— זיי קענען זיך זיכער קושן אין אייאָוואַ, — האָט דער צערעמאָניע מייסטער גערעדט־געזונגען מיט אַ שמייכל, — און, איך האָף, זיי קענען זינגען אויך.

— אַ ליד! אַ ליד!

ביי גבריאלן האָט אַ פּאָר געטון דער גאָרגל, ער האָט אַ צי געטון דעם קאָלנער, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און פון מויל, פון האַלז האָט אַ שפּאַר געטון: אײַי־אָ־ווײַ! דאָס לאַנד ווו דער הויכער קאָרן וואַקסט. אײַי־אָ־ווײַ!

דער צערעמאָניע מייסטער האָט אויסגערופן נאָך גליקלעכע פּאָרלעך, פון נעבראַסקאַ, פון אָקלאַהאָמאַ, מ׳האָט געזונגען, גבריאל האָט מיט־געזונגען, מיט־געפּאַטשט, אין קאָפּ האָט אָבער געקלונגען אײַי־אָ־ווײַ! אים איז געווען גוט. נאָך אַ גלעזעלע בראָנפן האָט ער גענומען, אָנגעקלאַפּט דאָס גלעזל אַן נעללים. — נעלי! ביסט אַ ווילע מיידל! ביסט אַ וואונדערבאַר מיידל! אַט דאָס הייסט געלעבט! — און נעללי האָט געשמייכלט, קייטי האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל — געלונגען! שיכורלעך? אפשר אַ ביסעלע. וועט אים ניט שאַטן. באַלד גיין אַהיים.

גייענדיק צום אויטאָמאָביל האָט גבריאל זיך געוויגט אין גאַנג, זיין טראָט האָט זיך געצויגן נאָך אײַי־אָ־ווײַ! ווען קייטי האָט אים געהייסן אַריינגיין פון דער רעכטער זייט, זי וועט טרייבן, האָט ער זיך אַ שטעל געטון. — דיינקסט איך בין שיכור? איך זאָג דיר איך בין ניט שיכור, זאָג איך דיר...

— כ׳ווייס אַז דו ביסט ניט שיכור, אָבער שרייען וועגן דעם דאַרפסטו ניט און זעץ זיך אַריין. אַט אַזוי.

— גוט, טרייב מיין ווייב. מיך אַרט עס ניט. איך בין צופרידן. איך בין גליקלעך! געטרונקען? אודאי! און געזונגען אויך. אײַי־אָ־ווײַ!

— גב־רי־אל!

— וואָס איז דער מער? מ׳טאָר שוין ניט זינגען?

— זינג, גייבי, זינג, נאָר אַן הענט. די האַנט האַלט אַט דאָ, — האָט זי אַוועקגעלייגט זיין האַנט אויף דער קני און צוגעדריקט. ווען מירן קומען אַהיים...

— קיי־טי! טייערע אַלטע קיי־טי! — האָט ער פאַרצויגן אַן אַלט לידל, און קייטי האָט געטריבן דעם אויטאָמאָביל און אונטערגעשמייכלט:

גייבי, טייערער אַלטער גייבי... ער׳ט שוין... ער׳ט שוין ניט וועלן פֿאָרן קיין מייפּלטאָון, מייפּל־טאָון. איר קערפּער האָט אַ ציטער געטון. זי האָט פֿאַרשטייפֿט די הענט אַרום רעדל, אַ בליק געטון צו איר מאַן. דער קאָפּ עטוואָס אָן אַ זייט, איז ער געשמאַק געשלאָפֿן.

(9)

— וואָס איז דער מער, נאַכווייעניש?

— נאַכ־ווייעניש? — דער קאָפּ איז אים טאַקע געוועזן שווער, אין מויל זויער, אָבער וואָס האָט עס צו טון מיט איר?

— איך דיינק האָסט נעכטן גענומען אַ ביסעלע צופּיל.

— איך בין ניט געווען שיכור, בין איך?

— ניין, שיכור ניט, בלויז אַ ביסעלע בגילופֿין.

— בגילופֿין, פֿריילעך, נאָך וואָס גייט מען אין אַ נאַכט קלוב אויב ניט זיך אַמוזירן?

— דיר געפֿעלן?

— אָה, איין מאָל אין אַ יובל מאַכט נישט אויס.

— דאָ מענטשן וואָס פֿאַרברייינגען נאַכט איין נאַכט אויס.

— איך שטעל מיר פֿאָר עס זיינען דאָ אַזעלכע, ניט איך. פֿונ־מיינעטוועגן איז איין מאָל געווען. יאָ, איין מאָל איז געווען, — האָט גבריאל פֿאַרטער באַטאָנט אין דער הויך. פֿאַרשרייענדיק דעם שטילן דערווייל נאָך צעשוווּמענעם פֿאַרלאַנג צו גיין אַהין נאָכאַמאָל. נאַכווייעניש? דאָס איז גאָר ניט. נאָך ליגנדיק אין בעט האָט ער איבערגעטראַכט זיין נעכטיקע אַוואַנט־יורע און ער האָט ניט חרטה געהאַט. ער האָט זיך אַמוזירט און ער האָט זיך אויפֿגעפֿירט ניט ערגער פֿון אַלע אַנדערע. ער האָט זיך דאָרט געפֿילט זייער גוט. טאַקע אַט דאָס אַ גייט אים נישט אַרויס פֿון זינען. וואָס אַזוינס איז דאָרט געווען? זיכער ניט די פּאָר גלעזעלעך בראָנפֿן. בכלל איז בראָנפֿן פֿאַר אים ניט קיין „פֿריילעך מאַכער״, אדרבה, בראָנפֿן מאַכט אים... שווערלעך, טאָ וואָס דען? אַט דאָס אַ האָט ער געוואָלט דערגיין.

עס איז געווען פֿיין. דער טאָרט מיט די ליכטלעך, דאָס זינגען. ווייסטו? דו האָסט געזונגען גאַנץ פֿיין.

— פֿאַרוואָס ניט? אַלע מאָל געווען אַ גוטער זינגער. אין מייפּלטאַונער שול כאָר בין איך געווען אַ סאָליסט.

— ווּעסט קיינמאָל ניט זינגען אין אַ מייפּלטאַונער נאַכט קלוב!

— קענסט דיר האָבן אַלע נאַכט קלובן פון דער גאָרער וועלט. מייפּלטאַון איז גוט גענוג פאַר מיר.

— טייערע, אַלטע מייפּלטאַון...

— גב־רי־אל! דו גיי בעסער אַרויס אין דרויסן, לופטער זיך דורך אַ ביסל, די פרישע לופט וועט אַ ביסל דורכלופטערן, קלאָרער מאַכן דיין קאָפּ. יעס סיר, מר. פּאָרטער!

גבריאל האָט ניט געהאַט ווי צו גיין. אין פּאַרק? אים שוין נמאס. ער קען שוין אַלע טעגלעכע באַזוכער דאָרט. ער׳ט בעסער גיין אַ קוק טון אויף... זיין מאַרקעט.

— „אונטער אַ נייער פאַרוואַלטונג" האָט ער דערזען אַ גרויסע שילד, און אויף אַ מאָמענט, האָט עס אים דערפרייט. הייסט עס, דער מענטש האָט טאַקע געזאָגט אַן אמת. טאַקע פאַרקויפט, האָט גבריאל, שוין גאָרניט פריילעך, אַ טראַכט געטון. דער דאָקטאָר. אַי, די דאָקטוירים... אריינגיין זען דעם נייעם באַלעבאָס? וואָס גייט ער אים אָן? ניין, ער וועט דאָ קיין מאַרקעט ניט עפענען. אין מייפּלטאַון, אַזאַ מאַרקעט דאָרטן... צי וועט ער עס טון איז ער ניט אַזוי זיכער, פאַרן אַהין וועט ער באַשטימט. און איידער ער׳ט פאָרן אַהין וועט ער נאָך איין מאָל צוגיין אין דעם נאַכט קלוב. יאָ, ער וועט צוגיין, אַליין!

אין משך פון צוויי וואָכן צייט האָט גבריאל אויסגעאַרבעט פאַרשידענע קאָנספּיראַטאָרישע פּלענער ווי אַזוי זיך אַרויסגנבענען פון קיטין, איין תירוץ נאָכן צווייטן אָנגענומען און אָפּגעוואָרפן: אָט די ווייבער, אַן עקסטרא חוש האָבן זיי צו דערשמעקן אַזעלכע זאַכן... פון זיין ווייב האָט ער קיינמאָל ניט געפּרוווט זיך אַרויסגנבענען, אפילו ווען ער איז אַמאָל געגאַנגען שפּילן אַן איין צוואַנציק האָט זי געוווסט וווהין ער איז געגאַנגען, מיט וועמען ער האָט געשפּילט, מיט אַנדערע ווייבער האָט ער קיינמאָל קיין עסקים ניט געהאַט, ער האָט אָבער געקענט די ווייבער... מיט זיי דאַרף מען זיין פּאָרזיכטיק. אַ טערקישע באָד! ער איז פאַרקילט, אים ברעכן דיביינער, אויסשוויצן, אַ טערקישע באָד איז דער בעסטער מיטל. אין אַ טערקישער באָד גייען דאָך ניט מאַן און ווייב...

גבריאל פּאָרטער האָט שוין געהאַלטן ביים ארויסגיין ווען זיין ווייב האָט אים אַרויסגעהאָלפן. געוויינלעך האָט זי געהאַט אירע ברידזש פּאַרטיס בייטאָג, דאָס מאָל איז עס געווען אַ ביינאַכטיקע פּאַרטי, אַזש אין לאָנג ביטש, מענער אויך איינגעלאַדן, האָט זי אים אויך גערופן, ער

האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט — ער גייט ניט. וואָס וועט ער טון איינער אַליין? זאָל זי זיך גאָרניט זאָרגן. ער קען גיין שפּאַצירן, אַריינגיין אין אַ קינאָ, ער וועט בדאַי גיין שלאָפן תחילת אָוונט, אָבער צו דער פּאַרטי גייט ער ניט. זי קען נעמען דעם אויטאָמאָביל.

—אָבער ווי וועט זי פאָרן איינע אַליין ביינאַכט?

— זי׳ט שוין געפינען עמיצן וואָס זאָל מיטפאָרן מיט איר, נעללי צי ווער, ער פאָרט ניט. דאָס איז ענדגילטיק.

קעטהערין איז אַוועקגעפאָרן צו איר ברידזש פּאַרטי, גבריאל האָט זיך געלאָזט אין דעם נאַכט קלוב.

(10)

דער קעלנער האָט אַ לייג געטון די שפּייז קאַרטע, די גרויס ווי אַ לאַנד קאַרטע, און גבריאל פאַרטער האָט ניט אָן כעס זי אַ שאַר געטון — איך דאַרף עס ניט. ער האָט טאַקע באַצאָלט צוויי און אַ האַלב דאָלאַר פאַר „גרייטן צום טיש״, און דאָס איז פּשוט אַ גזלאָוואַניע, אָבער עסן! ווער וויל עס עסן ביי זיי? אַ טרונק? נו, מילא. די משקה קאַרטע איז געווען כמעט אַזוי גרויס ווי די שפּייז קאַרטע, און נאָכן ערשטן קוק האָט גבריאל אויפגעגעבן דעם געדאַנק פון דורכשטודירן אַלע משקאות, דער קעלנער מעג אים זאָגן. — וואָס האָט איר צום טרינקען?

— געמישט אָדער גראַד?

— גראַד! — האָט גבריאל אַ זאָג געטון, ווי איינער רעדט: איר זשוליקעס קענט דאָרטן מאַכן אַלערליי מאַניפּאָרגעס, איך בין אָבער אַן אָרנטלעכער מענטש, איך גיי מיטן דרך הישר, אויב בראָנפן איז בראָנפן!

— אָלד טיילאָר, אָלד גרענד דעד, אָלד פאָרעסטער, קאַנאַדיאַן קלוב, אָדער, אויב איך געפעלט סקאָטש, העיג און העיג, טיטשערס הייליאַנד...

— האָט דער קעלנער געשאָטן בעמען ווי ניסלעך פון אַ זאַק.

— אָלד טיילאָר! — האָט גבריאל אים אָפּגעשטעלט. ניט ווייל ער האָט ליב געהאַט דווקא דעם בראָנפן, נאָר וויפל איז דער שיער? און, דער עיקר, „אָלד״ טיילאָר, גבריאל האָט געהאַט אַ שוואַכקייט פאַרן וואָרט „אָלד״.

— צום פאַרטרינקען?

וואָס וויל דער פאַרשוין פון זיינע יאָר?

— ביר, זשינזשער איל, קאַנאַדאַ דראַי?

— זשינזשער! — דער „זשינזשער" אַ שאַרפער מעסער, וואָס דאַרף אָפּשניידן, מאַכן אַ סוף. אַניט איז ער געקומען אַהער עסן, טרינקען? ער איז געקומען...

נאָך וואָס איז ער געגאַנגען? גיין האָט ער ג ע מ ו ז ט, וועגן דעם איז אָפּגערעדט, איצט, אַז ער איז שוין דאָ, וואָס אַזוינס וויל ער דערגיין?

זיי לאָזן זיך דאָ גוט באַצאָלן. אַ גלעזעלע בראָנפן די גרויס ווי אַ פינגערהוט זעכציק סענט און נאָך טרינק־געלט דעם קעלנער. רויבער. אמתע רויבער. ער איז אין אַ רויבער נעסט, אָבער פאַרפאַלן... דאָס ביסל בראָנפן האָט אַ ברען געטון אין גאָרגל, האָט ער אָראָפּגעשווינקט דעם ברען מיט אַ ביסל וואַסער, דאָס גלעזל פון בראָנפן, ליידיק, האָט אַנטפּלעקט דעם פאַלשן דיקן דעק. שווינדלער! אַ וועלט פון שווינדל. און די אַלע מענטשן דאָ — פּריצן, מ'נעמט ביי זיי אַרויס דאָס געלט פון די קעשענעס און זיי האָבן נאָך הנאה דערפון. אַלע זעען אויס צופרידן. ווער זיינען זיי? ניט אַלע זיינען צוריקגעצויגענע געשעפטסלייט, זייער ווייניק עלטערע מענטשן, מערסטנס מיטליעריקע, יונגע, אַ דאָנערשטיק אוונט, זיי מוזן דאָך מאָרגן גיין אין געשעפט, צו דער אַרבעט, היינט ווי קענען זיי באַווייזן פאַרברייינגען ביז שפּעט אין דער נאַכט, אויסגעבן אַזוי פיל געלט? ער האָט זיין גאַנצן לעבן זיך געזאָרגט וועגן ק ל י י ב ן געלט. אין אַ זונטיק האָט ער געוואָרפן פאַדקאָוועס, אַמאָל געמאַכט אַ קערטל, זייער זעלטן, מייסטנס געגאַנגען זען אַ מווי, אָבער אינמיטן וואָך, ווער האָט עס געדיינקט פון אַרויסגיין, אויסגעבן געלט? און דאָ, זיי, אַנדערש... נאַכט קלוב... „וועסט ניט זינגען אין קיין נאַכט קלוב אין מייפּלטאון", אַזוי האָט זי אים געזאָגט, קייטי. זי מוז איצט זיצן, שפּילן איר ברידזש, ער דאַרף עס זיין אין אַ קינאָ... ער האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט ווי אַ יינגל וואָס האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון דערהיים, נו, ער וועט קומען אַהיים פריער פון איר, ער'ט דאָ ניט זיצן אַ גאַנצע נאַכט, אַ שעה, צוויי, העכסטנס, דריי. דערווייל האָט ער נאָך ניט געזען קיין איין פייערונג, געבוירנטאָג, חתונה, קענטיק נאָך צו פרי, וועט עמיצער זיין פון אייאָוואַ? ער פאָרט קיין מייפּלטאון. ער איז ניט אַזוי זיכער צי וועט ער עפּעס אַ קרעמל דאָרט, ער איז אַפילו ניט זיכער צי וועט ער דאָרט בלייבן, אָבער פאָרן וועט ער, דאָס איז באַשטימט. און קייטי... דערזען די זינגערין, די טענצעריך, די וואָס האָט דאַן צוגעטראָגן דעם טאָרט מיט די ליכטלעך, געזונגען „העפּי בוירטהדעי". וואָס איז איר נאָמען? מיט אַ „ק" קאָ... קאָנצעפּציאָן! נישקשה פון אַ נאָמען! ז י וואָלט ער יאָ

געוואָלט זען, זי שטעלט זיך ניט אָפּ ביי קיין טישל זינגען, גייט בלויז, שיינקט שמייכלען צו די טיש זיצער, וועט זי צוקומען צו זיין טישל? זי וועט צוקומען, וועט אים דערקענען, וועט... זיינע אויגן — צוויי האטשעקעס פאַרוואָרפן, פאַרטשעפען קאָנצעפּציאָנס באַקן (געצילט האָט ער אין די אויגן) און גבריאל ציט די ווענטקע, ציט מיט אַלע כוחות: קום! נעענטער! זי גייט! די הענט האָבן נאָכגעלאָזט די ווענטקע, זיין שמייכל איז איר געלאָפן אַנטקעגן — העללאָו!

— אָה, העללאָו!

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים.

— דערקענט מיך?

— אודאי, דערקען איך. איר זייט געווען דאָ... וואַרט, לאָמיר זיך דערמאָנען, איר זייט דאָ געווען אַ... צוויי, דריי וואָכן צוריק.

— דריי וואָכן. צום טאָג. געווען מיין געבוירנטאָג.

— איצט געדיינק איך, איך האָב געבראַכט דעם טאָרט מיט די ליכטלעך. וויפל זיינען דאָרט געווען?

— פינף און פופציק. פינף און פופ־ציק, — האָט ער איבערגעחזרט, ספק באַדויערן, ספק שטאָלץ מיט זיינע פינף און פופציק יאָר.

— און ווו איז אייער ווייב?

— מיין ווייב? הער אַ מעשה, וואָס אַ מויד קען איינפאַלן פרעגן. ער האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון קייטין, און זי... מיין ווייב האָב איך געלאָזט אין דער היים, — האָט ער ווויליונגעריש אונטערגעווונקען, — היינט בין איך געקומען זען אייך...

גבריאל פאַרטערן איז מיט אַמאָל קלאָר געוואָרן נאָכוואָס ער איז געקומען אַהער, ער איז גאָר ניט געווען זיכער צי באַגרייפט זי וואָס עס מיינט זיין „געקומען זען אייך".

— זייער פיין פון אייער זייט. צופרידן אייך צו זען.

— ווילט איר זיך צוזעצן אַ ווייַלע? נעמען אַ טרונק!

—נו, מען קאָן דאָס טון, בלויז אויף אַ מינוט.

אין דער „מינוט" האָט זי באַוויזן צורופן דעם קעלנער, אויפן ווונק באַשטעלט איר געטראַנק — אַ ביסל סאָדאַ וואַסער, וואָס איז געגאַנגען אונטערן נאָמען „באַרמאַנס ספעשל" צו טרינקען מיט יעדן באַזוכער, אָנקלאַפן איר גלעזל אָן גבריאלס און, מיט אַ יצר הרע שמייכל אין די אויגן, איבערקערן דאָס גלעזל אין האַלז אַריין.

— נאָך איינס?

— ניין, טייערינקער, איך דאַרף באַלד טאַנצן.

— „טייערינקער", האָט זי אים געקופן. — וועט איר טאַנצן מיט מיר?

— שפּעטער אַ ביסל. — זי האָט זיך אַ הויב געטון.

— זיך זען שפּעטער! — האָט זי ווי אויסגעזונגען. אַ שמייכל, אַ נויג מיטן קעפּל, און זי האָט אַוועקגעטענצלט. גבריאלס אויגן האָבן נאָכגעטאַנצט, נאָכגעשפּרונגען ביז...

— מעג איך זיך אַנידערזעצן?

— האַ? עפּעס אַ גרויער פּאַרשוין, דער קעלנער הינטער אים. געוואָלט האָט גבריאל אויסשרייען: ניין! קענסט זיך ניט זעצן! איך האָב באַצאָלט פּאַר גרייטן צום טיש, ער איז מיינער, און איך וויל זיצן און קוקן אויף... קאָנצעפּציאָן, אַרויסגעשטאַמלט האָט ער — איר מעגט. אודאי, מעגט איר. — דער פּאַרשוין איז שוין סיי ווי געזעסן און האָט שוין באַשטעלט זיין טרונק.

— ....און טוט אריין אַ טראָפּן לימענע, טאַקע נאָר אַ טראָפּעלע, בלויז צוליבן ריח. און וואָס וועט דער זשענטלמאַן האָבן?

דער זשענטלמאַן, גבריאל פּאָרטער, האָט אַ קוק געטון אויפן מיטזיצער, אויפן קעלנער.

— אָלד טיילאָר? — האָט דער קעלנער אַ פרעג געטון, און גבריאל האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך האָף איך האָב אייך ניט געשטערט.

— הם... ניין, איך בין געזעסן איינער אַליין.

— איך האָב עס באַמערקט, געטראַכט ניט קיין היגער, אַ פרעמדער...

— איך בין פון אייאָווא, גבריאל פּאָרטער.

— דזשאהן דילס, פון טולסאַ, אָקלאַהאָמאַ, דאָס הייסט, קאָלינסוויל, לעבן טולסאַ.

מע האָט זיך דערלאַנגט די הענט. די גלעזלעך בראָנפן, וואָס דער קעלנער האָט שוין געהאַט צוגעבראַכט, האָבן באַנעצט די באַקאַנטשאַפט.

— דאָ אַ סך אייאָווער דאָ.

— אַ היפּש ביסל, דער עיקר אין לאָנג ביטש.

— פעלן דאָ אויך ניט קיין אָקלאַהאָמער. „אָאָקיס" רופט מען זיי דאָ, אויב איר ווייסט וואָס דאָס מיינט. נו, איך בין אויך אַן „אָאָקי", נאָר פון אַן אַנדער מין. — ער האָט פאַרטרונקען מיט אַ ביסל ביר. — איך בין אַן אויל מאַן.

גבריאל האָט אַ קוק געטון אויף אים, אַט ווי ער וואָלט געוואָלט זען ווו רינט עס אויל פון דעם מענטשן. געזען האָט ער אַ ברייטן פּנים דער קאָליר פון דעמבענער קאָרע, אַפילו די קנייטשן ליינג אויס דעם פּנים, עפּעס מינים שפּאַלטן אין דער קאָרע, דער אויגן שניט, אויך צוויי שפּעלטעלעך, נאָר אין דער ברייט, פון דאָרטן קוקן אַרויס אַ פּאָר קיילעכיקע הינערישע אויגלעך, זשאַוועך קאָליר רעמלעך אַרום דעם אפּל, אויגלעך וואַכע, לעבעדיקע, און פון דעם דינעם ליפּן שפּאַלט טוען זיך אַ וויז צוויי שורות קליינע, זייער קליינע, שיר ניט קינדערישע ציינדלעך, קינדערישע און גרויזאַמע. אַט דער אַ אַן אויל מאַן?

— איך קוק אפשר ניט אויס אַזוי, — האָבן די קליינע ציינדלעך געשמייכלט, — זע גיכער אויס ווי אַ פּאַרמער, און טאָקע געווען אַ פּאַרמער, מיין גאַנצן לעבן, געבוירן און אויסגעוואַקסן אויפן פּאַרם, אָבער איך בין אַן אויל מאַן. — איצט האָבן שוין די הינערישע אויגלעך געשמייכלט, שיר ניט געלאַכט. — נאָך אַ טרונק?

גבריאל פּאָרטער האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם. ד ע ם טרונק האָט ער שוין געדאַרפט פונדעווען, און ער האָט גאָר קיין חשק צו טרינקען מער. — נעמט נאָך אַ טרונק! — איז מר. דילס באַשטאַנען, מיט אַ טאָן פון: מאַכט זיך אַ וועזן פון אַ טרונק!

מר. דילס האָט איבערגעקערט זיין גלעזל און גלייך באַשטעלט נאָך איינס, מר. פּאָרטער האָט געזופּט זיין גלעזעלע פּאַמעלעך, זיך צוגעהערט צו מר. דילס.

— צוויי און פופציק יאָר געווען אויפן פּאַרם. געווען אַ פיינע פּאַרם. פערציק אַקער. קיין גביר ניט געווען, אָבער געצויגן חיונה, ביז... דער אויל יאַריד האָט זיך אָנגעהייבן. די פּאַרמערס זיינען משוגע געוואָרן. פשוט משוגע געוואָרן, אויל משוגעת, יעדער איינער איז געלאָפן: קויף! איך בין געזעסן רויק: זיי'ן דאַרפן וועלן זיי קומען צו מיר. און זיי זיינען געקומען. — וויפל ווילסטו? דיר געבן אַ גוטן פּרייז. איך פאַרקויף ניט פאַר קיין פּרייז. ד י פּאַרם איז ניט צום פאַרקויפן. — און מיין פּאַרם האָבן זיי געמוזט האָבן, ז' איז זיי געליגן אין וועג. — וואָס איז מכוח פּאַרדינגען? אַט איצט רעדט איר ווערטער. איך וועל פאַרדינגען, אויף פופצן פּראָצענט. טויזנט פּעסלעך אויל אַ טאָג, קריג איך אַ הונדערט און פופציק. איך וואָלט אפשר געווען געקענט קריגן צוואַנציק פּראָצענט, אָבער פוצן איז אויך נישט שלעכט, מע צאַפּט נאָך אַלץ אויל און איך קריג מיינע טשעקס, פעטע טשעקס אויך.

— און וואָס טוט איר מיטן געלט?

— גיב עס אויס! געקראָגן די ערשטע צען טויזנט דאָלאַר, האָב איך צו זיך אַ זאָג געטון: דזשאהן! פאָרסט זען די וועלט. אַזוי פיל יאָרן געהיניעט אויפן פאַרם, די איינציקע שטאָט וואָס דו האָסט געזען איז טולסאַ, איצט, קיין פאַרם האָסטו ניט, די ווייב אַוועקגעשטאָרבן, די קינדער זיינען זיך צעפאָרן, געלט האָסטו, פאָר און זע גאָטס גרויסע וועלט. און איך האָב זי געזען. געווען אומעטום. ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, איטאַליע, די שווייץ, געווען איבעראַל, און, לאָמיך אייך זאָגן, די גאַנצע פאַרדאַמטע אייראָפּע שטינקט, איר'ט אַנטשולדיקן מיין אויסדרוק, אָבער דאָס איז דער אמת, זי שטינקט. שטעלט זיך פאָר, אין דער גאַנצער אייראָפּע קען מען ניט קריגן קיין לייטישן טרונק בראָנפן, און אין ענגלאַנד, ווו מ'קריגט שוין יאָ אַ נישקשהדיקן טרונק בראָנפן, זיינען זייערע פרויען לאַנג און דאַר, עפּעס אָפּגעטעסעטע ברעטער, ניט קיין פרויען. יעס סיר, וואָס מער איך האָב געזען די וועלט אַלץ מער האָב איך זיך איבערצייגט אַז די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען גאָטס לאַנד, און אין דעם לאַנד איז קאַליפאָרניע דער גן עדן.

— און מיר זיינען צווישן „די מלאכים".

— עס קלינגט אַזוי ווי אייך וואָלט ניט געפעלן די שטאָט.

— איך קען ניט זאָגן אַז עס געפעלט מיר ניט, עס איז גאַנץ שיין און אַזוי ווייטער... אָבער...

— עס איז דער בעסטער ווינקל, וואָס איך האָב געזען. און איך האָב געזען גענוג. ניט נאָר אין אייראָפּע, דאָ אויך, אויסגעפאָרן ווו איר ווילט נאָר אַליין. פלאָרידאַ איז שיין און פיין, אָבער נאָר אום ווינטער, זומער איז ניט אויסצוהאַלטן. דאָ, זומער, ווינטער, יעדע צייט פון יאָר קענט איר הנאה האָבן פון לעבן, אַלץ וואָס איר דאַרפט איז ממתקים. אַז איר האָט דאָס... געווען אין סאַנטאַ אַניטאַ? נאָך ניט געווען!? באַדאַרפט צופאָרן אַהין, זיי האָבן די בעסטע פערד, און עס איז אַ פיינער פלאַץ, פיינער פון „טשוירטשהיל דאונס" אין קענטאַקי, מיר געפעלט עס זייער שטאַרק, ווען די סעסיע גייט אָן פאַרפעל איך ניט אַ טאָג. קאָסט מיר עטלעכע הונדערט דאָלאַר, איז וואָס? אויף וועלכע גוטע יאָר דאַרף מען האָבן געלט, אויב ניט אויף אויסגעבן? זעט איר, דעלמאר געפעלט מיר ניט, די פערד זיינען ניט קיין פערד, דער פלאַץ ניט קיין פלאַץ, אַהין פאָר איך ניט. דאָ גענוג פלעצער ווו מ'קען אויסגעבן אַ

פאַר דאָלאַר. די אַלע נאַכט קלובן דאָ, היינט האָלליוווד, אַקטיאָרן, אַקטריסעס, פערשקעס! איינס און איינס! יאָ, די וועלט איז אַ ווילע וועלט, מ׳קען לעבן, די צרה איז נאָר וואָס איך בין אַ פּיצל קינד... די אויגעלעך, דער גאַנצער פּנים, די ציין האָבן געשמייכלט. — פאַרשטייט איר מיך, מ׳זאָגט דאָס לעבן הייבט זיך אָן צו זעכציק, און מיר איז נאָר וואָס געוואָרן איין און זעכציק, ציט עס מיך צום פלעשל, קען זיך ניט אַנטווינען, — האָט ער זיך צעשאָטן מיט אַ דריבנעם געלעכטערל. — וואָס איז מכוח נאָך אַ טרונק? איר פונדעוועט, איך פונדעווע, וואָס איז דער חילוק? אגב, דאַרף מען נעמען עפּעס עסן אויך. ווילט ניט? איך בין הונגעריק.

מר. דילס האָט געקייט דאָס עסן, געשלונגען, געכאַפּט ווערטער, גבריאל פאַרטער האָט אים געהערט ווי פון איבער אַ וואַנט, געזען האָט ער אים ווי דורך אַ נעץ. וואָס גייט ער אים אָן, אָט דער... „אָאַקי״? אים גייט אָן... קאָנצעפּציאָן. פריער האָט ער זי געזען טראָגן אַ טאַרט צון אַ טישל דאָרטן ביים ברעג. דער מר. דילס האָט אים אַזוי פאַרקלאָפּט דעם קאָפּ, ער האָט אַפילו ניט געהערט וואָס דאָרט האָט זיך געטון. נו מילא, אַ טאָרט האָט ער שוין געזען... די קאָנצעפּציאָן... וואָרט אַ ווײַלע, דאָס איז זי דאָך! זי איז פאַרשווונדן הינטער די דיקע פאָרטיערן. דאָרטן איז דאָך די באַר!

— איר׳ט מיר אַנטשולדיקן, — האָט ער אַ וואָרף געטון צו דעם מר. דילס, אַ שאַר געטון דעם שטול און זיך געלאָזט גיין צו דער באַר. וואָס? די פיס... נאַרישקייטן. ער איז נישט שיכור. וויפל גלעזלעך האָט ער עס געטרונקען? ער׳ט זיי ניט גיין ציילן איצטער, סיי ווי, ער איז נישט שיכור, בלויז אַ ביסל צו וואַרים. דאָס איז עס. אָפּגעווישט דעם פּנים מיטן גרויסן נאָז טיכל, איז אים געוואָרן קילער, ליכטיקער אין די אויגן, די פאָרטיערן צו דער באַר מיטן האַנט צו דערלאַנגען.

ער איז שיר ניט אַרויפגעפאַלן אויף איר. פון די פאַלדן פון די פאָרטיערן האָט זי אויפגעטויכט ווי אַ הירש פון הינטער אַ בוים.

— העללאָ, קאָ־ני!

ווי אַזוי קאָנ־צעפּ־צי־אָן איז דורכגעגאַנגען אַ גילגול מחילות אין זיין מאַרך און אַרויסגעקומען פון דאָרטן „קאָ־ני!״ האָט ער ניט באַגריפן, דערהערט אָבער דעם אַמעריקאַנישן פאַרצויגענעם „קאָ־ני״, האָט ער אליין אָנגעקוואָלן דערפון, אי קורץ, אי היימיש, אינטים...

— נעמען אַ טרונק?

— הם... הם...

— גערעכט, אַ קליין מיידעלע ווי דו דאַרף ניט טרינקען. וואָס מכּח צוקערקעס? אויף מיין וואָרט, געטראָפן. נאָ, וועסט זיך קויפן אַ קעסטל שאָקאָלאַד. — ער האָט ארויסגעצויגן פון קעשענע עטלעכע צעקנייטשטע פּאַפּירלעך און גענומען זיי אַריינשטופּן, באַהאַלטן זיי... זי האָט אַ ריס געטון זיין האַנט, אַ פּאַטש געטון איבער די ליידיקע פינגער. — ביסט אַ שלעכטער בחור...

— איך בין אַ גוטער בחור, און דו ביסט אַ גוט מיידעלע. און דאָס גוטע מיידעלע האָט צוגעזאָגט טאַנצן מיט מיר, וואָס איז מכּח גיין טאַנצן?

— אַז דו קענסט זינגען ווייס איך...

— אודאי קען איך זינגען! געדיינקסט? איי־אַ־וויי! דאָס לאַנד ווו דער הויכער קאָרן וואַקסט...

דער „פּאַרמער" איז איר געפעלן געוואָרן. שיכּורלעך, אַ ביסל קאָמיש, זעט אָבער אויס צו זיין ניט קיין „פוילער נוס" די עטלעכע פּאַפּירלעך... מוז זיין אָנגעשטאָפּט, ווי די אַלע פּאַרמערס...

— זינגען ווייס איך אַז דו קענסט, קענסטו טאַנצן... די רומבאַ?

— רומ־באַ?

— אָדער אַ טאַנגאָ?

— רומבאַ, טאַנגאָ, עס איז דער זעלבער אַלטער הוטשי־קוטשי טאַנץ, און דאָס קען איך. נאָך ווי! קום, איכ׳ל דיר ווייזן.

אויף דעם פּאָלירטן, געוואַקסטן דיל האָבן זיך געדרייט אַרום אַ צוואַנציק פּאָרלעך. דער אופן ווי זיי האָבן זיך געדרייט, געריבן איינס אָן אַנדערן, די באַוועגונגען פון זייערע קליבעס, היטנדיג צום טאַקט פון דער מוזיק. פון דעם אופן ווי גבריאל פּאַרטער האָט אַ נעם געטון קאָנצעפּציאָן טשאַוועז, זי צוגעדריקט צו זיך, זי האָט אַ לייג געטון ביידע הענט פלאַכן אויף זיין ברוסט, אים אָפּגעשטופּט, זיך אָפּגעצויגן פון אים און אים אַריינגעשיפּעט אין פּנים: הער דו... אָדער דו פירסט זיך אויף אַנשטענדיק, אָדער מע וועט דיך אַרונטערשלעפּן פון דיל גאָר אינגאַנצן. פאַרשטאַנען?

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי. אַנטשולדיק. איך האָב ניט געמיינט. איך... נו גוט, מיידעלע, איך שווער דיר הייליק איכ׳ל זיין אַ גוט קינד. גוט?

— גוט איכ׳ל פירן, דו גיי מיר נאָך.

זי האָט אים געפירט און ער האָט ניט געוווסט אויף וועלכער וועלט ער איז. הער אַ מעשה, אַזאַ קליינס, אַ וויזעלע... און זי האָט אים ממש אויפגעהויבן אין דער לופטן. ער שוועבט, ניט ער גייט, ניט נאָר ער, די סטעליע שוועבט אויך, די סטעליע — אַ האַלבער צילינדער — טוט זיך אַ בויג, אָט, אָט רירט זי אָן דעם דיל, אָבער דער דיל גילטשט זיך אַרויס, ער פילט אים גאָרניט אונטער די פיס, אונטער איין פוס פילט ער יאָ עפּעס, ניט דעם דיל, נאָר עפּעס פּלאָנטערט זיך דאָרט. — אַנטשולדיק. בלויז איין מינוט. — ער האָט זיך אָפּגעטיילט פון איר, געפילט ווי ער שטאָפּלט אויף צוריק, אָט אָט פאַלט ער נאָזנדיק, ער האָט אָבער געוווּנען די גלייכגעוויכט, זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטון. ער האָט אָבער געפילט אַז... אַ זאָקן בענדל.

גבריאל פּאָרטער האָט ניט געטרויט דעם קאַליפאָרניער קלימאַט. בייטאָג וואַרים, שיין, קומט אין אָוונט כאַפּט מען אַ ציטער. ניט גבריאל. ער קען זיך פאַרגינען טראָגן זיינע אייאָוועער אונטערוועש, די לאַנגע קאַלאָשנעס אַריינגעטון אין די זאָקן, צוגעפעסטיקט מיט זאָקן בענדלעך.

— געדיינקט אַזוי, — האָט ער צו זיך אַליין געשמייכלט. ער האָט זיך אָנגעבויגן, געכאַפּט דאָס זאָקנבענדל, צושפּיליען עס האָט ער ניט געקענט. דאַרפן אַרויפציען דעם הויז, האָט ער טיפּזיניק באַטראַכט, אָפּגעלאָזט דאָס זאָקנבענדל און אַרויפגעצויגן דעם הויז ביז איבערן קני. — אָט אַזוי. איצ־טער! פּאַקן דעם ממזר, דאָס זאָקנבענדל! — ער האָט זיך אַ בויג געטון. זיין גאַנצער אינגעווייד האָט זיך אַ שפּאַר געטון, אים איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן, ער האָט אַ פאַל געטון...

— העי, דו, שטיי אויף! שטיי אויף! — האָט קאָנצעפּציאָן אים אַ שטורכע געטון מיט אַ שפּיץ שוך. ווען ער האָט זיך ניט גערירט, האָט זי זיך אָנגעבויגן, אַ שטרעק געטון די האַנט און מיט שרעק זי צוריקגעצויגן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און אַנגסטיק גענומען וואַרפן אויגן איבערן זאַל. דערבליקט דעם צערעמאָניע מייסטער, האָבן אירע אָרעמס, הענט — צוויי פאָנען, סיגנאַלן — גענומען פּלאַטערן, רופן: קום! קום גיכער! אָן... אומגליק!

דערזען דעם ליגנדיקן, האָט ער אַ פרעג געטון: שכור?

— איך ווייס ניט, איך...

דער צערעמאָניע מייסטער האָט זיך אָנגעבויגן, מאָמענטאַל זיך

אויפגעשטעלט, כאַפּנדיק מיטן אויג אַ קעלנער, האָט ער אים אַ ווונק געטון אַוועקשטעלן די טאַץ, גלייך צוקומען. אין צווייען האָבן זיי אַ נעם געטון גבריאלן און אים אַרויסגעטאַסקעט אַט ווי זיי וואָלטן אים אַרויס־געראַטעוועט פון אַ ברענענדיקער געביידע. דער טאַנצנדיקער עולם האָט עס קוים באַמערקט, בלויז קאָנצעפּציאָן איז נאָכגעגאַנגען. זיי האָבן אים אַריינגעטראָגן אין אַ זייטיקן צימער, פאַרהאַקט די טיר פאַר איר נאָז.

— וואָס טוען זיי דאָרט אַזוי לאַנג? ראַטעווען זיי אים? אים אויס־געטון? — זי האָט ניט געוואָגט אַן עפן טון די טיר, אַריינקוקן, צי גאָר אַריינגיין.

דער ערשטער איז אַרויסגעגאַנגען, אַרויסגעלאָפן, דער קעלנער, זי האָט אים אַ כאַפּ געטון ביים רעקל. — וואָ־ס...?

דער קעלנער האָט זיך אַ ריס געטון, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— איז ער... לעבעדיק?

— ער איז... פּוט... — האָט דער קעלנער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, אַוועקגעשאַרט איר פראַגע, גבריאלן, און פאַרשוווּנדן. קאָנצעפּציאָן איז געבליבן שטיין ביי דער טיר. אַריינגיין? אַוועקגיין? זי האָט ניט געקענט זיך אַ ריר טון.

— דו דאָ! — דער צערעמאָניע מייסטער האָט זי אָנגענומען ביי דעם האַנט געלענק, זי אַ צי געטון אַז זי האָט ממש דערפילט ווי איר האַנט ציט זיך אַרויס פון שלאָס.

— וואָס איז מיט אים? — האָט זי אַרויסגעקרעכצט.

— ניט דיין עסק.

— איז ער... לעבעדיק?

— אויף וויפל איך ווייס, און דו דאַרפסט וויסן, לעבט ער. אַן אַמבולאַנס איז אויפן וועג. און אַז מיר האַלטן שוין דערביי, טאָ הער: אויב עמיצער זאָל עפּעס פרעגן, געדיינקסטו נישט דו זאָלסט האָבן געטאַנצט מיט אים. געהערט? טאָ געדיינק. און איצט קום, גייסט טאַנצן די רומבאַ.

— אָה, מר. סוועץ! ניט איצטער! איך בעט אייך...

— בעט גאָרניט! — ער האָט זי אַ צי געטון אַז זי האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אים.

— דער אַמבולאַנס וועט דאָ זיין אַ ליאַדע מינוט. טאַנצסטו דאַן די רומבאַ. און ווען איך זאָג טאַנצן, מיין איך ט אַ נ צ ן!

די לאַנגע אָרעמס אויפגעהייבן, האָבן די הענט אָ קלאַפּ געטון, מיט אַ שמייכל פון אויער צו אויער, מיט אַ שטימע ווי פון אַ מעגאַפאָן האָט דער צערעמאָניע מייסטער אַנאָנסירט: און איצטער וועט די א ו מ פ אַ ר ג ל י י כ ל ע כ ע קאָנצעפּציאָן טשאַוועז און איר קאָמפּאַניאָן ראָמאַן פערנאַנדעז טאַנצן די רומבאַ. רומ־באַ! — האָט ער אַ שאַר געטון מיט דער האַנט פון אונטן אַרויף, אויפרייסן די קלעזמער צום שפּילן, די טענצער צום טאַנצן.

דער אָרקעסטער האָט אַ קלאַפּ געטון די רומבאַ, דערטרינקענדיק די סירענע פון דעם אָנגעקומענעם אַמבולאַנס ...

אָן טעם

גאָדפרי בוירק — אַ גלגול פון גדליה בערקאָוויץ — האָט ליב געהאַט אַ לעפל געקעכץ. ניט נאָר איז זיין גומען געווען זייער סענסיטיוו צו דערפילן אַ גוטן מאכל, אויך זיין נאָז איז געווען פאַרשאַרפט צו דערשמעקן אַ פלאַץ, וווּ מ׳האָט דעם מאכל געקענט קריגן.

— וואָס איז מכוח מיטיק? — האָט ער אַ זאָג געטון צון אַ פראָספּעקטיוון קונה. — צייט צו נעמען עפעס אין מויל אַריין. און האָב איך אויסגעפונען אַ פלאַץ צום עסן! — פינף פינגער־ליפּן האָבן אָנגערירט די צוויי אויסגעצויגענע מויל־ליפּן און זיך אָפּגעטיילט פון זיי, ווי ער וואָלט געוואָרפן אַ לופט קוש דעם נייעם פלאַץ.

— ווי הייסט דער פלאַץ?

מר. בוירק האָט אויך געהאַט אַ שאַרפן אויער. ער האָט אויפגעכאַפּט די סקעפּטישע נאטקע אין דער קורצער פראַגע, ער האָט זיך אָבער ניט באַליידיקט, אדרבא, מיט אַ טאָן פון אַ בן תורה לגבי אַן עם הארץ, האָט ער געענטפערט: די מעלה פון דעם פלאַץ איז, וואָס ער האָט גאָר ניט קיין נאָמען. איך צווייפל אַפילו צי וועט איר אים געפינען אין טעלעפאָן בוך. איך האָב אים פשוט אַנטדעקט. לאָמיר גיין! — און קאָלאָמבוס האָט זיך אַרויסגעלאָזט צום צווייטן מאָל אויף זיין רייזע, מיטנעמענדיק מר. ווהאַיטן, יענער זאָל באַוווּנדערן זיין אַנטדעקונג, אָפּעסן אַ גוטן מאָלצייט און, ווער ווייסט, כטוב לב הקונה ביין, וועט ער אפשר אונטערשרייבן „אויף דער אָנגעצייכנטער שורה״.

— דער איינציקער חסרון פון דעם פלאַץ איז, וואָס מע סערווירט דאָרט ניט קיין משקה, — האָט ער, זיצנדיק שוין ביים רעדל פון אויטאָמאָביל, נאָך אַלץ גערעדט וועגן די מעלות פונם רעסטאָראַן, — אָבער דאָס האָב איך שוין באַזאָרגט, — האָט ער מיט אַ שמייכל אָנגעוויזן אויף אַ שופלאָדל רעכטס פון רעדל. — פאַרשטייט איר מיך, עס איז אַ פּריוואַטע הויז, אַ פרוי קאָכט בלויז אַ קליינע צאָל מאָלצייטן פאַר אירע

שטענדיקע קליענטן. נו, איך בין ניט אירער אַ באַשטענדיקער עסער, דורך דער וואָך עס איך אפשר אין פערצן רעסטאָראַנען, ניט רעכענענדיק קיין אַנבייסנס און שפעט אין אָוונט, אָבער פאַר מיר וועט זי שוין געפינען וואָס צו עסן.

— גייט איר אַמאָל אַריין אין „די פּאווע״?

מר. בוירק האָט אַ קער געטון דעם קאָפּ. זיין קוק — ווער עס וויל מיר דערציילן וועגן אַ רעסטאָראַן! בקול האָט ער אַ וואָרף געטון — די פּאווע? — ווי איינער וואָלט געזאָגט: ניטאָ וועגן וואָס צו ריידן.

— אַ גוטער רעסטאָראַן, — האָט מר. ווהאַיט אַ זאָג געטון מיט שטילער, אָבער זיכערער מבינות.

— די איינציקע גוטע זאַך וואָס מ׳קען אַמאָל קריגן אין „די פּאווע״ איז אַ כל־בו (קאָקטייל). דאָס הייסט, אויב איר טרעפט דאָרטן אָן דעם שר המשקים פרעד. זיין לעצטן נאָמען ווייס איך ניט. ער, אַז ער מישט צענויף אַ כל־בו איז אַ פאַרגעניגן צו טרינקען. אים שוין אַמאָל פאַרגעלייגט, ער׳ט אים באַצאָלן, זאָל ער אים געבן דעם רעצעפּט ווי צו מישן, האָט ניט געוואָלט! פּראָפעסיאָנעלער שטאָלץ. און ער האָט מיט וואָס צו שטאָלצירן, זיין כל־בו איז טעם גן עדן, אָבער די מאכלים דאָרט... — אַ מאַך מיט דער האַנט האָט מבטל געמאַכט „די פּאווע״.

— וואָס איז מכוח דעם „פעטי פּאַריזיען״? אַמאָל געגעסן דאָרט?

— אין דעם „פּי־פּי״ בין איך געוועזן אָן אָפטער אַריינגייער, אָבער דאָס איז געוועזן איידער איך האָב אויסגעפונען מישעלס פּלאַץ.

— מי־שעל? ווער איז ער?

— דער בעסטער פראַנצויזישער רעסטאָראַן אין שטאָט. איר ווייסט אפשר ניט פון דעם, בכלל ווייסן מענטשן זייער ווייניק וואָס עסן איז, ווו מ׳קריגט אַ געשמאַקן מאָלצייט, מענטשן גייען עסן וווהין אַ ל ע גייען, דאָס מיינט אין די גרויסע פּלעצער, ווו מ׳גיט מוזיק, פאָרשטעלונגען גאַנצע. נו, זייער מוזיק, די פאָרשטעלונגען קענען זיך זיין גאַנץ גוטע, ווען איך וויל אָבער אַ גוטן, געשמאַקן מאָלצייט, צוגעריכט אויפן פראַנצויזישן שטייגער, גיי איך צו מישעלן.

— וואָס איז מכוח דעם איטאַליענישן רעסטאָראַן, באַמביניס? טויזנטער מענטשן גייען אַהין.

— אָט אָט, איר האָט שוין אַליין אַרויסגעזאָגט אייער אורטייל איבער דעם באַרימטן רעסטאָראַן. אויב טויזנטער מענטשן עסן דאָרט, מיינט עס אַז דאָס עסן איז... געפּעס וואַסער, איבערגעזיגענע לאָקשן

יויך. מענטשן לויפן אַהין עסן לאָקשן, ספּאַגעטי, און ער גיט זיי אַ גרויסן טעלער ספּאַגעטי: נאַ, עס! ווער צעזעצט עסנדיק, גיט בוירק! איך, אַז איך וויל ספּאַגעטי, גיי איך אַריין צום קליינעם טאָני. ער, אַז ער דערלאַנגט אַ טעלער ספּאַגעטי, מיט זיין צעמאָלענעם קעז, מיט זיין צווירץ, און מיט זיין רויטן ווין דערצו, איז עס אַזוי געשמאַק, בנאמנות, אָט איצטער אָ גייט מיר שיר דאָס וואַסער איבערן מויל. ניין, אין די גרויסע פּלעצער גיי איך נישט, סיידן עמיצער פאַרשלעפּט מיך אַמאָל אַהין, איך געפין אויס די קליינע פּלעצלעך, ווי אָט דאָס אָ. דאָ איז עס! — האָט ער אָפּגעשטעלט זיין רעסטאָראַן דיסערטאַציע און אויך דעם אויטאָמאָביל.

מר. ווהאַיט איז פאַמעלעך אַרויסגעקראָכן פון אויטאָמאָביל, האָט זיך אַ צי געטון ווי אויסצוגלייכן די ביינער, איז מיט אַמאָל געוואָרן לייגער — אַ גאַנער מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלז — און, אַריבערקוקנדיק איבערן אויטאָמאָביל, האָט ער מיט די גרויע, קאַלטע אויגן געזוכט אַ רעסטאָראַן געביידע, אַ שילד. מר. בוירק, קורצגעוויקסיק, שיר נישט קיילעכיק, האָט זיך ווי אַרויסגעקייקלט פון אויטאָמאָביל, אימפּעטיק צוגעקלאַפּט דאָס טירל און, מיט אַ שקאַרמיץ אין האַנט, מיט דראָבנע, שנעלע טריטעלעך, זיך געלאָזט גיין. — דאָ איז עס, — האָט ער אָנגעוויזן דוקא מיט דער האַנט אין וועלכער ער האָט געהאַלטן דעם שקאַרמיץ און זיין קוק אַ ממזרישער: דו, טפּש, זעסט טאַקע גאָרניט אויף דעם קליינעם שטיבל, אָבער לאָמיר נאָר אַריינגיין אינעווייניק... ער האָט אַ דריק געטון דאָס עלעקטרישע קנעפּל, אָבער דאָס האָט ער געטון נאָר אויף צו פלייסן, ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער אַן עפן געטון די טיר.

קרויט. דער גערוך פון געקאָכטער קרויט האָטביידן אַ שלאָג געטון אין די נאָזלעכער. ביי מר. בוירקן האָבן די נאָזלעכער, גרויסע, מיט שוואַרצע האָר אינעווייניק, זיך צעצויגן, און ער האָט ממש געשלונגען דעם גערוך. מר. ווהאיטס דינער, גענזענער נאָז, די נאָז פליגל צוגעזאטן צום ווענטל, איז נאָך שאַרפער געוואָרן, אַ נאָז — אַ שפּיז, ווען ער קען, וואָלט ער מיטן נאָז דערשטאָכן... די קרויט, דעם מר. בוירק, ווהין, צון אַלדי שוואַרצע יאָר, האָט ער אים פאַרפירט?

— העללאָ, מומע צירל! — האָט מר. בוירק זיך אַרומגעכאַפּט מיט דער באַלעבאָסטע פון רעסטאָראַן, געמעגט שווערן ער האָט „די מומע" שוין ניט געזען יאָרן, געביינקט נאָך איר, אים איז אויסגעגאַנגען דאָס חיות, און איצט איז ער ממש גליקלעך וואָס ער זעט זי ווידער.

— העללאָ, מר. בוירק! וואָס מאַכט איר?

איר יונגע שטימע — אַ ווידערשפּרוך צו דער פּאַסמע היי אין אירע שטרוי־קאָליר האָר, צו דעם קליינעם קיילעכיקן פּנימל, דער קאָליר פון אַ וועלשענעם נוס און אַזוי געקאָרבט ווי אַ נוס, די קנייטשן לויפנדיק אין דער ליינג פון די באַקן, דערפאַר אָבער אין האַרמאָניע מיט די יוגנטלעכע בלויע אויגן. די וואָרעמקייט, די גוטסקייט פון די אויגן האָט אַרויס־געשיינט, זיך געריזלט אין די קנייטשן, זיך געלאָזט הערן אין איר שטימע — טאַקע אַ מומע, וואָס האָט דערזען אירן אַ פּלימעניק, אַ פּאַרשייט בחורל, האָט ליב אַ נאַש טון... דאָס איז אָבער ניט אַזאַ חטא, וואָס זי זאָל אים ניט קענען מוחל זיין, אדרבא, אויב זי קען נאָר, וועט זי אים אונטערדרוקן אַ לאַקעטקע... און זאָל אים זיין צו געזונט.

— לעבעדיק און רירעוודיק, — האָט מר. בוירק זיך רעקאָמענדירט און, ווי צו באַווייזן זיין רירעוודיקייט, האָט ער זיך אַ דריי געטון. — מר. וואַיט. מיינער אַ פריינט.

מר. וואַיטס האַנט האָט זיך אַ צי געטון צו דער היטל, זיין קאָפּ האָט זיך עטוואָס אַ נויג געטון. די מומע צירל האָט קוים באַוויזן אַ קער טון איר פּריצייטיק אַלט געוואָרן פּנימל צון אים, מר. בוירק האָט שוין ווידער גערעדט. — געבראַכט אים ער זאָל פאַרזוכן אייערן אַ גוטן מאָלצייט.

— דערזען אַ שמייכל אויף איר פּנים, האָט מר. בוירק זיך אויך צעשמייכלט: קאָמפּלימענטירן אַ קעכן איז ווי אריינלייגן געלט אין באַנק, עס ברענגט פּראָצענט, נאָך בעסער, עס איז מאַכן אַ מסחר מיד ליד מיט אַ גוטן ריווח גלייך. — מיר זיינען ניט צו שפּעט?

די פראַגע האָט מר. בוירק שוין געפרעגט אויפן שוועל פון עס צימער. די עטלעכע ניט באַזעצטע טישלעך, די ווייסע טישטעכער — איין ווייסער בלאַנק, וואָס קוקט תמעוואַטע, פרעגט שטומערהייט: וואָס, שוין ווידער?

— איר ווייסט דאָך, איך האָב קיינמאָל ניט קיין צו גרויסן מיטיק, — האָט די מומע צירל ווי זיך פאַרענטפערט, — די עטלעכע געשעפטסלייט פון דער עוועניו כאַפּן זיך אַריין, עסן אָפּ, שמועסן זיך איבער און גייען צוריק אין געשעפט. די הויפּט מחיה איז פאַרנאַכט, די וועטשערע. איך גרייט שוין טאַקע צו. קענט זיך אויסקלייבן וועלכן טיש איר ווילט.

מר. בוירק האָט אַ שטעל געטון דעם שקאַרמיץ אויף אַ טיש לעבן פענסטער, דערמיט פאַרכאַפּט די חזקה אויף אים, זיך ראַשיק אַוועק־געזעצט אויף אַ ביינקל, אַ דריי געטון דעם קאָפּ צו דער מומע צירל און

פאַרשייט אַ שמייכל געטון — אַ ביסעלע משקה... איר האָט גאָרניט קעגן דעם?

— געזונטערהייט, געזונטערהייט. איך קען ניט סערווירן, אָבער איר... דערלאַנגען אַ פּאָר גלעזעלעך.

—גלעזעלעך אוודאי, אָבער איידער איר דערלאַנגט זיי, וואָס אַזוינס האָט איר פאַר מיר, פאַר אונז? איך שמעק קרויט... קאָכט אַ קרויט זופּ? געטראָפן!

— כמעט ווי געטראָפן. עס איז ניט קיין זופּ, אַ באָרשטש מיט אַ ביסעלע קרויט אין דעם. זייער געשמאַק.

— דאָס דאַרפט איר מיר שוין נישט זאָגן. איז גייט עס — באָרשטש! אָבער פאַרן באָרשטש אַ פאָרשפּייז, אַ שטיקעלע הערינג? מאַטשעס. — מר. בוירק האָט מיט צוויי פינגער אַ וויז געטון די גרויס פונם שטיקעלע הערינג און דער מומע צירלס שמייכל איז זיך צעלאָפן אין אַלע קנייטשעלעך פון איר פּנים: אָפּהאַקן דעם קאָפּ און עק פון אַ הערינג וועט עס פונקט זיין דאָס שטיקעלע. — מיט אַ ציבעלקעלע, — האָט מר. בוירק אַ רייב געטון מיט די פינגער, — און אַ ביסעלע עסיק, אַ טראָפּעלע, — האָט ער אַ טרייסל געטון די צוויי צוזאַמענגעלייגטע פינגער, — בלויז צוליבן טעם. איר ווייסט שוין...

דער שמייכל אויף דער מומע צירלס פּנים — אוי, ווייס איך!

— און יאָ, מיטן הערינג אַ שטיקעלע שוואַרץ ברויט, פּאָמפּערניקל. דאָס האָט איר דאָך. גוט. און באָרשטש, פאַרשטייט זיך. צו דעם באָרשטש אַ שטיקעלע מצה, יאָ? אפילו ניט פּסח, אָבער אַ שטיקעלע מצה געפינט זיך. איר ווייסט דאָך, אַריינבראָקן. — מר. בוירקס פינגער האָבן אַ בראָק געטון די לופט. — איצט קומען מיר צום סאַמע וויכטיקסטן — פליייש. איר האָט עפּעס גוטס פאַר מיר?

— איך קען אייך געבן פּראַקעס.

— פּראַ־קעס?

— איר ווייסט ניט וואָס פּראַקעס איז? אַנדערע רופן עס האָלובציעס.

— קיינמאָל געהערט. ווי זעט עס אויס?

— ס׳איז פליייש, געהאַקטע פליייש, געוויקלט אין קרויט, מיט פלוימען, מערן...

— אָה! איצטער ווייס איך שוין, מיין מאַמע פלעגט עס מאַכן. הם! האָב איך עס ליב געהאַט! געקענט אויפעסן אַ טוצן. איז גייט עס — פּראַקעס! נעמט עס אויך! — האָט ער זיך ווי דערמאָנט אָן זיין גאַסט.

דער גאַסט, מר. ווהאיט, וואָס האָט אין דער צייט פון דעם געשפּרעך שטודירט די „שפּייזקאַרטע", האָט מיט אַמאָל אַ לייג געטון דאָס שטיקל פּאַפּיר, אַ זאָג געטון: הון, און צוגעוואָרפן — געקאָכטע הון. ברוסט. — די פאַרשלאָסענע דינע ליפּן האָבן געלאָזט וויסן — און מער גאָרניט.

— פאַרשפּייז?

מר. ווהאיט׳ס קאָפּ, אויפן דינעם לאַנגן האַלז, האָט זיך אַ שאָקל געטון אויף ניין.

— נעמט אַ פאַרשפּייז, — האָט מר. בוירק זיך שוין אריינגעמישט.

— אַ שטיקעלע הערינג. ס׳איז גוט. — ניט קריגנדיק קיין ענטפער, האָט ער שוין מעשה סאַרווער געפּרוווט אוגאָדען זיין איבערקלייבערישן קליענט.

— וואָס איז מכוח געהאַקטע הערינג? דאָס איז זייער געשמאַק. אָדער געהאַקטע לעבער? מיט אַ ציבעלקעלע, מיט הינערשע שמאַלץ. ס׳איז גוט.

מר. ווהאיט איז נישט נתפעל געוואָרן.

— אפשר הינערשע פּריקאַזי? — האָט שוין די רעסטאָראַטערן געפרעגט.

— וואָס איז דאָס?

— דאָס איז אַ מין... הינערשע „טשאַפּסוי", — האָט מר. בוירק אים געלערנט און, ווי צו פאַרענטפערן זיין גאַסט׳ס אומוויסנקייט, אַליין אַרויסגעזאָגט זיין בקיאות אין דעם. — אַ הינעריש גערגעלע, פּופּיקל, לעבערל, אַן אייעלע — אַ קליין געלעכל...

דער פיש האָט נישט געביסן. מר. בוירק און די מומע צירל האָבן זיך איבערגעקוקט: וואָס איז דאָס פאַר אַ בריאה? קיין זאַך וויל עס ניט...

— באָרשטש, אָדער אַ זופּ?

— קיינע זופּ. אַ שטיקל הון. געקאָכט. און נו, סאַלאַד. לעטוס, טאָמאַטאָ, — האָט ער ווי צוגעוואָרפן, — אָבער קיין מאַיאָנעיז, פּשוטע לעטוס און טאָמאַטאָ.

— גוט, — האָט די מומע צירל מסכים געווען, ווי איינער רעדט: ווילסט אַזוי? זאָל זיין אַזוי. זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אַוועקצוגיין פון טיש. מר. בוירק האָט ממש אַ כאַפּ געטון איר האַנט. — איר האָט הון, זאָגט איר? האָט איר דאָך מסתם אַ העלזל, אַ געפּילט העלזל? פיין! גוט! — האָט ער אַזש געריבן די הענט. — פאַרשטאַנען אַזוי. טאָ לייגט צו צו די פּראַקעס אַ העלזל, און צו דעם העלזל גיט מיר אַ זויער אוגערקעלע, ניט די מאַרינירטע אין עסיק, איך וויל אַ „קאָ־שע־רע"

זויערע אוגערקע, אַ גרויסע, אָבער אַ שטייפינקע. — אַ טרייסל מיט די פינגער האָט אַנגעדייט ווי שטייף די אוגערקע דאַרף זיין. — און אַ געזייערטע טאָמאַטאָ? איר האָט? גוט! אפשר אַ טערקיש פעפערל אויך? פיין! און יאָ, צום פלייש — ווייסע חלה, די געפלאָכטענע, איר ווייסט דאָך. גוט. איצט קענט איר אונז געבן גלעזעלעך.

— ניט פאַר מיר, — האָט מר. ווהאַיט אַ לייג געטון די האַנט אויפן גלעזל וואָס מר. בוירק האָט צוגערוקט צו אים. מר. בוירק האָט אַנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר אויגן. וואָס איז דאָס פאַר אַ שטיק? און מיט דעם קוק אַרויסגעריסן פון מר. ווהאַיטן די ווערטער — קיין בראָנפן.

— וואָס איז מכוח אַ ביסל ווין?

— קיין אַלקאָהאָל. באַפעל פון דאָקטאָר.

— אַזוי די מעשה? מר. בוירקן האָט זיך זייער געוואָלט פרעגן אויף וואָס פאַר אַ קרענק דער מר. ווהאַיט ליידט עס, אָבער דער אַמעריקאַנישער „האָב אין זינען דיינע איי גענע געשעפטן" האָט ניט דערלאָזט, און דאָס אַנגעגאָסענע גלעזל פאַר זיך האָט געזאָגט: וואָס גייט עס דיר אָן? דו, טרינק! האָט ער אַ נעם געטון זיין גלעזל. שיר שיר האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט אַ „לחיים", ער איז אָבער נאָך אַלץ ניט געווען זיכער צי דער מר. ווהאַיט איז אַ ייד, איז ער אַפּגעקומען מיט אַ הייב טון דאָס גלעזל. מר. ווהאַיט האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — זאָל דיר וואויל באַקומען, און מר. בוירקן איז עס באַקומען גאַנץ וואויל, דאָס גלעזל בראָנפן איז אַרונטער גלאַטיק, דער ברען אין האַלז — אַ רייצעניש זיך נעמען צום הערינג.

— הם . . . דער הערינג איז גוט! — האָט מר. בוירק זיך פאַס־מאַקעוועט. ער האָט געביסן שטיקלעך פונם הערינג רוקן, געריסן שטיקער פונם שוואַרצן ברויט, פאַרביסן מיט ציבעלע, און מיט אַ פולן מויל געקייט ניט נאָר די שפייז נאָר אויך ווערטער. — הערינג. אַ געוויינלעכער מאכל, אַ ביליקער אַרטיקל, אָבער ניט אין יעדן רעסטאָראַן קריגט מען עס. מ׳קריגט, נאָר ניט דאָס ריכטיקע. אַ גוט שטיקל הערינג קריגט מען נאָר ביי די יידן און די שוועדן.

— ווי איך זע זייט איר זייער איבערקלייבעריש אין עסן. — מר. ווהאַיטס קליינע גרין־גרויע אויגן זיינען נאָך פאַרשמעלערט געוואָרן ביים אַרויסזאָגן די ווערטער, און ס׳איז געווען שווער צו כאַפּן צי איז ער נתפעל פון מר. בוירקס מבינות אויף שפייז, אָדער ער שמייכלט גאָר פון דעם ווי מר. בוירק האָט געזויגן, געסמאַקעט דאָס הערינג ביינדל.

מר. בוירק האָט אַ וויש געטון די פינגער אין דעם סערוועטל, אָפּגעווישט דאָס מויל, אויף גיך אַרונטערגעשלינגען נאָך אַ גלעזל בראָנפן, אַ דריי געטון מיטן מויל, אַריינגעכאַפּט אַ שטיקל ברויט, און קייענדיק גערעדט: פאַרשטייט איר מיך, ווען עס קומט צום עסן בין איך אַ... אינטערנאַציאָנאַליסט. איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן דאָ אין אַמעריקע... (דאָס בילדל פונם צען יאָריקן גדליה מיט זיין טאַטע מאַמע ירחמיאל און שבע בערקאָוויטש אויף מאָרגן נאָך זייער אָנקומען קיין ניו יאָרק פון אנאַניעוו איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן, ניט נאָר פון דער וועלט, נאָר שיר ניט אויך פון זיין זכרון. צייטנווייז האָט ער שוין אַליין אָנגעהייבן גלויבן אַז ער, טאַקע גאָדפרי בוירק, ניט גדליה בערקאָוויטש, איז געבוירן געוואָרן אין ניו יאָרק, זיין ענגליש איז אַ ניו יאָרקער, אַ ברוקלינער ענגליש, זיכער ניט קיין יידישער).

— ...אין „סקול" איינטייל געגומען אין אַלע ספּאָרטס, זיך אפילו אויסגעצייכנט אין פוטבאָל...

(די אויסצייכענונג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט, שפּילנדיק, צעבראָכן אַ פוס, איז ארומגעשפּרונגען עטלעכע וואָכן אויף אַ קוליע און פון דעמלט אָן מער ניט געשפּילט).

— פוטבאָל און לויפן. דריי מאָל געוווּנען דעם מייל פאַרמעסט. פאַרשטייט זיך, איך בין ניט געווען אַזוי געפּאַקט... ווי איצט. יאָ, איך בין געווען און בין נאָך היינט אַ ספּאָרט, און מיר אַמעריקאַנער זיינען גוטע ספּאָרט לייט, מיר קענען מנצח זיין די אייראָפּעער אין אַלע ספּאָרטס, און ניט נאָר אין ספּאָרטס, אין מאַכן זאַכן, פון אַ נאָדל ביז אַ... קריג שיף. ווען עס קומט אָבער צום עסן, אָפּקאָכן, צוגרייטן אַ מאָלצייט, האָבן די אייראָפּעער די אויבערהאַנט. די פראַנצויזן, זיי קענען קאָכן! און ניט נאָר די פראַנצויזן, אַפילו די רוסן! געגעסן אַמאָל אין דער „באַלאַלאַיקע"? מאַכן זיי אַ באָרשטש!

די מומע צירל האָט דערלאַנגט מר. בוירקן זיין שיסעלע באָרשטש, פאַר מר. וואַיטן אַ פערטל הון און אַ טעלער סאַלאַט.

מר. בוירקס גלאַנציקע אויגן האָבן זיך פאַרנעפּלט פון דער באָרשטש פּאַרע. ער האָט אַ כאַפּ געטון די לעפל, אַ זופּ געטון. — מחיה! — די מומע צירל האָט געשמייכלט.

— בעסער ווי אין דער „באַלאַלאַיקע".

— באַ־לאַ־לאַי־קע?

— אַ רוסישער רעסטאָראַן. זיי סערווירן אויך באָרשטש, אָבער ווי

קומט עס צו דעם? די ראַזשינקעלעך... אַזוי געשמאַק... געגוי ווי מיין מאַמעס!

— געבן נאָך אַ שיסעלע?

— הם, הם. לאָזן פּלאַץ פאַר די פּראַקעס. דערלאַנגען! אוודאי!

מר. בוירק האָט זיך אַזוי פאַרטיפט אין זיין שיסעלע באָרשטש אַז ער האָט ווי פאַרגעסן אָן זיין דיסערטאַציע וועגן דער אייראָפּעאישער קיך, ערשט ווען ער האָט אויסגעשעפּט די לעצטע לעפל, האָט ער ווי אויפגעכאַפּט דעם פאָדים און אים גלייך פאַרקניפּט. — איך גלויב אַז מיין מאַמע האָט מיך איבערגעפירט. זי האָט געקאָכט אויפן... אייראָפּעאישן שטייגער, און האָט זי געקאָכט! איך קען נאָך איצט פילן דעם טעם פון אירע מאכלים.

די מומע צירל האָט דערלאַנגט די פּראַקעס, דאָס געפילטע העלזל, און אויך אין דעם האָט ער דערפילט דעם טעם פון דער מאַמעס מאכלים. מיטן העלזל האָט ער זיך גאָר געקוויקט. — טעם גן עדן! איר האָט אויך געדאַרפט געווען באַשטעלן...

— וואָס פאַר אַ טעם דאָס האָט ווייס איך ניט, אויפן אויסזען איז עס אַ ביסעלע צו... פעט פאַר מיר.

— פעט! די זויערע אוגערקע, דער פּאָמידאָר, דאָס גלעזל ווין — אַ טרוקענער ווין — שווינקט אַרונטער די פעטקייט, אָבער איר טרינקט דאָך ניט, אַ שאָד, אַ גוט גלעזל וויןביים עסן קען קיינעם ניט שאַטן, אדרבא, עס העלפט פאַרדייען, און עס איז גוט, געשמאַק!

— ווי איך זע האָט איר גאַנץ גוט הנאה פון עסן...

אַזוי די מעשה? אים געפעלט ניט ווי ער עסט? די שוואַרצע אַליוון אויגן, פייכט, גלאַנציק האָבן שפּאָטיש אַ פּיק געטון דעם אויסגעדאַרטן מר. וואַיט. — אוודאי האָב איך הנאה פון עסן! וואָס דען? ווי אַנדערע, ביי וועמען עסן איז אַן אָפּקומעניש, אָט ווי... ווי... אַריינגיסן גאַזאָלין אין קעסל? לאָמיך אייך זאָגן, אַפילו אויף גאַזאָלין בין איך איבערקלייבעריש, אַ פאַר סענט מער אויפן גאַלאָן, אָבער בעסער פאַרן מאָטאָר. און ד ע ר מאָטאָר דאָ, — האָט ער אַ פּעטשל געטון זיין בייכל, — איז זייער איבערקלייבעריש. איך, אַז איך עס, וויל איך פונם בעסטן, איך זאָל הנאה האָבן.

ער האָט אָנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל ווין.

— דאָ מענטשן וואָס לעבן בלויז צוליב דעם זיי זאָלן עסן...

די ליפּן וואָס האָבן געהאַלטן אין ציען פּאַמעלעך דעם ווין פון

גלעזל האָבן זיך אָן עפּן געטון, די פינגער אַרום דעם גלעזערנעם שטאם האָבן זיך אַ ישוב געטון: אַוועקשטעלן דאָס גלעזל, אָדער... גאָדפרי בוירק האָט אַ קער געטון דאָס גלעזל. אַרונטערגעשלונגען, האָט ער אַ קנייטש געטון מיטן מויל. — איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, ווען עמיצער זאָל מיך אַ פרעג טון צוליב וואָס איך לעב אויף דער וועלט, ווייס איך ניט צי איך וואָלט געקענט געבן אַ קלאָרן ענטפער, ביי מיר האָט איר געפועלט אַז קיינער קען אַזאַ ענטפער ניט געבן, אָבער איך בין ניט קיין פילאָזאָף, אַלץ וואָס איך ווייס אויף זיכער איז, אַזוי לאַנג ווי איך לעב וויל איך הנאה האָבן פון לעבן, און עסן איז דער גרעסטער פאַרגעניגן.

—מאַלט׳עך, דאָ אַנדערע פאַרגעניגנס, וויכטיקערע פון עסן...

— איר מיינט פרויען? — מר. בוירק האָט ניט געוואַרט אויפן ענטפער. — דאָס איז אפשר ריכטיק, אָבער פאַרגעסט נישט, ניט יעדע נאַכט גייט איר אין בעט מיט אַ פרוי, עסן עסט מען אָבער דריי און אַמאָל פיר מאָל אַ טאָג.

— איך עס נאָר צוויי מאָל אַ טאָג.

— איך דיינק איר וואָלט געקענט פאַרטראָגן אַ דריטן מאָלצייט. (אַזאַ דאַרער שפּאָן, און דאָס רעדט וועגן עסן!)

— דער דאָקטאָר האָט מיר אָנגעזאָגט אַכטונג געבן אויף מיין וואָג, און ער איז אַ גוטער דאָקטאָר, איך האָב ארונטערגענומען צוועלף פונט און איך פיל אַ סך בעסער.

— איך גיי ניט צו דאָקטוירים.

— נו, איך גלויב אַז יעדער איינער דאַרף צוויי מאָל, לכל הפחות איין מאָל, אַ יאָר אריינגיין צון אַ דאָקטאָר, טאַקע נאָר אונטערזוכן, זען ווו מ׳האַלט אין דער וועלט. איך בין כמעט ווי זיכער אַז אַ דאָקטאָר וואָלט אייך אויך געראַטן פאַרלירן אַ פּאָר פונט, און דאָס וואָלט אייך אסור געשאַדט...

— וואָס זשע, איר דיינקט איך בין צו פעט?

— איך האָב ניט געזאָגט אַז איר זייט פעט, אָבער איך דיינק אַז איר וואָלט זיך געקענט דערלויבן פאַרלירן אַ פּאָר פונט.

— איך זע אפשר אויס אַ ביסל... געפּאַקט, דאָס איז אָבער אַלץ סאָליד, מוסקול, ניט קיין פעטס, און ווען איך דערפיל אַז איך האָב אַ פּאָר פונט איבעריקן באַגאַזש, גיי איך אויך ניט צו דאָקטוירים, מיט זייערע דיעטעס, איך גיי אַוועק אויף וואַקאַציע.

— מענטשן פאָרן אויף וואַקאַציע געווינען וואָג.

— ניט איך. איך פֿאָר צום ים, גיי אַוועק אין די בערג, און דאָ צי דאָרט, זיץ איך ניט און פֿאַשע זיך. איך פֿאָר ארויס כאַפּן פּיש...

— ביים כאַפּן פּיש אַרבעט מען זיך ניט איבער.

— ניין, מע אַרבעט זיך ניט איבער, ווען מ׳זיצט אויפֿן ברעג און מע פֿאַרוואָרפֿט אַ הודקע. אַ גאַנץ אַנדער מעשה ווען מע פֿאָרט אַרויס אויפֿן ים, וווּ ס׳איז גאַנץ טיף, דאָרטן אַז מ׳דאַרף אַריינציען אַ דרייסיק־פֿערציק פֿונטיקן פּיש, באַוועגט מען זיך שוין גאָר...

איין און איינציק מאָל איז גאָדפֿרי בוירק אַרויסגעפֿאָרן כאַפּן פּיש „אין די טיפֿע וואַסערן”. אַ מייל דריי פֿון ברעג האָט ער געגומען ברעכן מיט דער גרינער גאַל. ווען די וואַסער טעקסי האָט אים צוריקגעבראַכט צום ברעג האָט ער קוים זיך געקענט שטעלן אויף די פֿיס. מיט דעם האָט זיך געענדיקט זיין פּישער קאַריערע. ביים אַרויסזאָגן „באַוועגט מען זיך שוין גאָר” האָט ער מיט אַמאָל דערפֿילט יענע „באַוועגונג”... אַ געדאַנק איז דורכגעלאָפֿן: אפשר צופֿיל געטרונקען? צו באַווייזן זיך אַליין אַז ניט, האָט ער אָנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל. — היינט ווי איז שווימען? אָט ווי איר קוקט מיך אָן, געפּאַקט, האַ? און איך בין אַ גוטער שווימער, קען אַרויסשווימען אַ מייל. — אַרויסגעזאָגט, האָט ער זיך דערזען ליגנדיק אויפֿן ברעג, זיין ברוסט — אַ בלאַז־זאַק, די זייטן אָט ווערן זיי צעשפּאַרט, און געשווומען איז ער בסך הכל אַ טויזנט פֿוס הין און צוריק, צום ברעג איז ער שוין ניט דערשווומען, אַ כוואַליע האָט אים אַרויפֿגעטראָגן. ער האָט אַ זופּ געטון אַ ביסל וויין. — איך האָב ליב דעם ים, אָבער אַמבעסטן פֿאַרברענג איך אין די בערג. דאָרטן, אַז מ׳לאָזט זיך אַרויס אויף אַ שפּאַציר... געוווען אַמאָל אין די בערג? קענט איר דעם אַלטן וועג אויפֿן באַרג ווילסאָן? ווייסט איר ווי לאַנג עס האָט מיר גענומען גרייכן דעם שפּיץ באַרג? אַנו טרעפֿט!

— אַן ערך פֿיר שעה.

—צוויי שעה מיט עפּעס. גענויער, צוויי שעה מיט אַ פֿערטל.

— געמאַכט עס זייער שנעל, — האָט מר. וואַיט טרוקן אַ זאָג געטון, בלויז אין זיינע אַלטע גרין־גרויע אויגן האָט אויפֿגעפֿליקערט אַ שמייכל. איצט האָט ער שוין געוווּסט אויף זיכער אַז דער פֿאַרשוין בלאָפֿט. נו יאָ, אַ ריעל עסטייט אַגענט מוז בלאָפֿן, אַ טייל פֿון זיין פּראָפֿעסיע. פּטרט צייט אומזיסט. דורך דעם בלאָפֿער וועט ער שוין די געביידע ניט קויפֿן. און אפשר איז ער בלויז אַן אויסשטעלער?

גאָדפֿרי בוירק האָט ניט געבלאָפֿט. ניט אינגאַנצן. מיט אַ יאָר צוועלף

צוריק האָט אים טאַקע גענומען צוויי שעה מיט אַ פערטל ביז ער איז אַרויפגעקומען צו דער קרעטשמע וואָס האָט זיך געפונען האַלב וועג באַרג אַרויף און ווייטער האָט ער שוין ניט געקענט גיין, געמיינט דאָס „האַרץ פאַלט אים אַרויס", געמוזט זיך אומקערן צוריק. אָבער ער האָט געקלעטערט אויפן באַרג ווילסאָן! צוויי שעה מיט אַ פערטל...

— יאָ, איך בין אַ גוטער באַרג קלעטערער, און דאָס נעמט אַרונטער וואָג. אַלץ הייסט ארונטערנעמען. איצטער אָ, אַזוי שנעל ווי איך פיר דורך דעם מסחר, פאַרקויף די „איוואנהאָע", נעם איך וואַקאַציע.

— איר דיינקט אַז איר קענט עס פאַרקויפן אויף דער פרייז?

—עס האָט די ווערט די פרייז, און איר ווייסט עס אַזוי גוט ווי איך.

— נו, וואָס וועט איר טרינקען?

די מומע צירל. גאָדפרי בוירק האָט נערוועז אַ דריי געטון דעם קאָפּ. אָט איצטער אָ, ווען ער האָט אים אַרויפגעשלעפּט אויף דעם אמתן געשפּרעך, דאַרף זי אַריינפאַלן. זי האָט אויף אים געקוקט מיט אירע מומעשע אויגן: זיך אָנגעגעסן? פונדעסטוועגן וועסטו נאָך וועלן פאַרבייסן.

— קאַווע, — האָט מר. וויהאיט אַ וואָרף געטון, — שוואַרצע קאַווע, קיינע שמאַנט. צו דער קאַווע? ניין. גאָרניט.

— און איר?

— איך... איך... ניין, קיין קאַווע וויל איך ניט. (איר קאַווע טויג אין דער ערד, ווי אין אַלע יידישע רעסטאָראַנען. יידישע קאַווע זאָלן גויים טרינקען, גויישע סטעיקס זאָלן יידן עסן). גיט מיר אַ גלאָז טיי, אָבער טאַקע טיי! און צו דער טיי? לעקאַך, וויינער, קאָרענער? הם... הם... געפילטע קנישעקלעך? דאָס איז שוין אַן ענין. אַליין געבאַקן? איז גוט, טיי מיט קנישעקלעך.

— איר געבעקס מעג מען עסן. יאָ, זי קאָכט און באַקט זייער גוט. און יאָ, וואָס האָט איר געזאָגט? די פרייז. איר ווייסט גאַנץ גוט אַז פאַר אַכציק טויזנט קענט איר די געביידע ניט קריגן.

— אַן ערך אַ יאָר צוריק האָב איך זי געקענט קויפן פאַר פינף און זיבעציק.

— פאַרגעסט ניט — מיט אַ יאָר צוריק! מיט אַ יאָר צוריק האָט איר געקענט אַריינגיין אין אַ רעסטאָראַן, אָפּעסן אַ גוטן מאָלצייט פאַר צוויי דאָלאַר. וואָס צוויי? אַ דאָלאַר און אַ האַלב, איצטער איז אונטער דריי דאָלאַר קענט איר זיך ניט צורירן.

אַזוי גאָר? ער רעדט שוין וועגן מאָלצייטן? נו, ער האָט אים ניט

גערופן. דאָס האָט ער, דער אַגענט, געמיינט אים כאַפּן אויף דער ווענטקע. זאָל ער צאָלן, כאָטש קיין מעקלעריי וועט ער שוין, ווייזט אויס, ניט קריגן. — יאָ, פּרייזן זיינען געשטיגן, דאָס איז אמת, האָב איך דאָך אויך געהערט, בין וויליק צו געבן אַכציק טויזנט.

— איר רופט דאָס געהערט?

די מומע צירל האָט דערלאַנגט קאַווע, טיי און אַ טעלערל מיט קנישעקלעך. גאָדפרי בוירקס אויגן האָבן אַ פּיק געטון די קנישעקלעך, די פינגער האָבן אַ כאַפּ געטון איינס. — הם! די קנישעקלעך זענען אַ מחיה! נעמט איינס. זיי זענען ווירקלעך געשמאַק!

מר. ווהאיט האָט גענומען אַ קנישעקל מיט אַ מינע פון: אָט טו איך דיר צוליב. ער האָט אַ ביס געטון — אַ וועווערקע האָט אָנגעביסן אַ ניסל — און אַוועקגעלייגט.

— געשמאַק, האַ? זי איז אַ וווּנדערבאַרע קעכן! איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן, מר. ווהאַיט? דער אייגנטימער האָט געפאָדערט הונדערט טויזנט, איך האָב אים אַרונטערגעבראַכט צו ניינציק, מאַכט איר מיר אַן אָנבאָט אויף פינף און אַכציק. גיט מיר אייערן אַ טשעק אַן אַדערויף. איך בין ניט אַזוי זיכער אַז ער וועט עס אָננעמען, אָבער איכ'ל פּרווון.

— ווי איך זע זייט איר אַ געניטער פּאַרקויפער, איר ווילט „פּאַר־קלעמען" אַ מסחר איינס און צוויי...

גאָדפרי בוירק האָט אַ לייג געטון דאָס דריטע קנישעקל. — הערט, מר. ווהאיט, איך בין ניט, ווי איר קענט זיך דיינקען, קיין גוואַלד־פּאַרקויפער, פּונקט ווי איר זייט ניט קיין אייאָוואַ פּאַרמער, וואָס וויל קויפן אַ געביידע און זיצן אויף איר... איר האָט ניט באַר געקויפט, איר האָט אויך פּאַרקויפט געביידעס, און טאַקע דורך אַגענטן, און איר ווייסט גאַנץ גוט אַז ווען אַן אַגענט קומט און רעדט סתם אין דער וועלט אַריין, הערט איר אים מיט איין אויער. גאַנץ אַנדערש, ווען ער ברענגט אייך אַ טשעק, אַן אַדערויף, דעמלט ווייסט איר אַז ער מיינט געשעפט, און איך מיין געשעפט.

— איך אויך. און וואָס איר זאָגט איז ריכטיק, אָבער איך טו נישט קיין געשעפט אין אײַלעניש. איך וויל נאָך אַ מאָל אַ קוק טון אויף דער געביידע פון אינעווייניק.

— דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. איר ווילט, קענען מיר אַריבערפאָרן אַהין גלייך איצט.

— אַ דאַנק. איך וועל אַליין צופאָרן אַהין. די אויפזעערן דאָרט, מרס.

ווילסאָן, איז מײנע אַן אַלטע באַקאַנטע, זי האָט פֿאַר מיר אַכטונג געגעבן אויף דער „וועללינגטאָן".

— די וועללינגטאָן? דאָס איז אויף זיבעטער גאַס. ניט געוווּסט אַז איר זײט דער אײגנטימער.

— בין געווען, אַ קורץ שטיקל צײט. עס פֿאַרקויפֿט. די געגנט איז אויסגעשפּילט. ווען איך האָב עס געקויפֿט בײ בראַון און בראַון...

— בראַון און בראַון?

— ניט געהערט פֿון זײ? זײ זײנען געווען רײכע „יאַהודים". מיט אַ יאָר פֿופֿצן־צוואַנציק צוריק האָבן זײ געהאַט היפּשע עטלעכע געבײדעס: די וועללינגטאָן, די שעלבי, די געילארד, די מאַטאַפּאַן...

סוף כּל סוף געכאַפּט. ער איז אַ ייד, דער מר. וּוהאיט. דער „יאַהודים" האָט אים אַרויסגעגעבן. ער האָט אָבער באַלד געוווּסט. און פֿון זײנע רייד איז צו זען אַז ער ווייסט די געשיכטע פֿון אַלע אַפּאַרטמענט הײזער אין שטאָט. ניטאָ וואָס צו רײדן, אַ האַרטער נוס. ניין, ער'ט שוין ניט קויפֿן. אַ שאָד בלויז דער מיטיק. וואָלט ער כאָטש אָפּגעשאַצט זײן מבינות אויף רעסטאָראַנען, איז דאָס אויך ניט. דאַרויף האָט ער באַדאַרפֿט רופֿן דזשעקן. יענער צאָלט קײנמאָל ניט, אָבער לכל הפּחות איז ער אַ מבין, דער...

— ניין, מער גאָרניט, מומע צירל, חוץ... אַ חשבון. וויפֿל קום איך אײך?

— איך צאָל פֿאַר מ ײ ן מאָלצײט.

גאָדפֿרי בוירק האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ממש אַוועקגעשאַרט מר. וּוהאיטן.

— איך האָב גערופֿן!

— דאָס איז זיך אמת, אָבער איך האָב ניט געשלאָסן קײן מסחר, פֿאַרוואָס זאָלט איר...

— עס איז געווען מײן פֿאַרגעניגן צו עסן מיט אײך, און וואָס איז נוגע געשעפֿט, איז אַלץ וואָס איך וויל, אויב איר וועט באַשליסן צו קויפֿן די אײוואַנהאָע בין איך דער אַגענט, און איר מעגט זײן זיכער אַז איכ'ל פֿאַר אײך שליסן דעם מסחר אַזוי גוט ווי ווער עס איז, און אפשר נאָך בעסער. גײען מיר.

גאָדפֿרי בוירק האָט זיך געזעגנט מיט דער מומע צירל טאַקע ווי אַ פֿלימעניק און איר פֿאַרזיכערט אַז אינגיכן וועט ער זי ווידער זען, מר. וּוהאיט האָט אַ הײב געטון אַ פֿאַר פֿינגער צו דער היטל, ניט אַרויסגעזאָגט אַ וואָרט אַפֿילו. אין אויטאָמאָביל איז מען געפֿאָרן שווײגנדיק, ניט מר.

וואיט האָט גערעדט וועגן אַפּאַרטמענט הייזער, ניט מר. בוירק האָט גערעדט וועגן רעסטאָראַנען.

— איר׳ט מיך אַרונטערלאָזן אויף זיבעטער גאַס.

— איך קען אייך נעמען אַהיים.

— אַ שיינעם דאַנק, אָבער איך האָב מיין קאַר.

— ניטאָ פאַר וואָס, — האָט גאָדפרי בוירק צוגעוואָרפן. דער ריכטיקער קונה. כאַפּט אים אַ קלאָג. געפינען אַן אַנדערן, די אייוואַנהאָע וועט ער פאַרקויפן. און ער האָט געהאַט אַ גוטן מיטיק, אויב עס האָט אפילו געקאָסט אַ ביסל צופיל. אַזוי גייט עס שוין.

(2)

אָנגעהייבן האָט זיך עס מיט דורשט. אים האָט שרעקלעך געדאָרשט. בייטאָג, ביינאַכט. האָט ער געטרונקען. וואָס האָט ער ניט געטרונקען? אַ גלעזל בראָנפן, אַ גלאָז וויין, אַ קופל ביר, כאָטש ביר האָט ער פיינט געהאַט, אפילו וואַסער, פשוטע וואַסער, און עס האָט ניט געהאָלפן. דער דורשט האָט אים ממש געפּייניקט. ער האָט גענומען זיך אויסהיטן פון עסן געזאַלצענע זאַכן, דער עיקר פאַרן שלאָף, דורך דער נאַכט האָט ער סיי ווי געמוזט אַרונטערגיין אַ פּאָר מאָל, אַן אָנשיקעניש. טאָמער איז דאָס נאָך וויניק, איז אים באַפאַלן אַ בייסעניש. און וווּ? דווקא דאָרט וווּ ער האָט ניט געקענט זען אפילו מיט אַ שפּיגל, מיט די פינגער האָט ער גאָרניט אָנגעטאַפּט. באַשמירן מיט אַ זאלב. וואָס פאַר אַ זאלב? אַ פרעג טון אין אַפּטייק? גאָר אַריינגיין צון אַ דאָקטאָר? „יעדער איינער דאַרף צוויי מאָל, לכל הפּחות איין מאָל, אין יאָר אַריינגיין צון אַ דאָקטאָר, מאַכן אַן אַלגעמיינע אונטערזוכונג״. ער האָט דערהערט די ווערטער, דערזען מר. וואיט, דעם אויסגעדאַרטן שפּאָן. נו, ער איז ניט אַזאַ „דאַרער שפּאָן״ ווי ער האָט געדיינקט. ער האָט געקויפט די אייוואַנהאָע. פאַרדינט אָן אים זייער ווינציק, איינגאַנצן אַ צוויי טויזנט דאָלאַר, אַ דורכגעטריבענער סוחר, און וועט ניט קיין נאַר. אפשר גאָר אָנפרעגן ביי אים, ווער זיין דאָקטאָר איז? ניין, ער׳ט אויסגעפינען, און אַ גוטן, אַ ג ר ו י ס ן דאָקטאָר.

דער „גרויסער״ דאָקטאָר, אַ קליינוווקסיקער, מיטליאָריקער ייד, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר דורכגעהעפט מיט שטאָל-פּעדים, האָט אָנגעשטעלט אויף גאָדפרי בוירק זיינע מאַנדל ברוינע אויגן, אים אַ מעסט

געטון, מיט די פינגער אַ קנייטש געטון דעם רעפּאָרט וואָס די מיידל אין אָפּיס האָט אויסגעפילט און אָפּגעריסן אַ פרעג געטון: וואָס אַזוינס האָט איך געבראַכט אַהער?

גאָדפרי בוירק איז מבולבל געוואָרן. אָט דאָס אַ יידעלע אַ גרויסער דאָקטאָר? און אַ פראַגע שטעלט עס ווי אַ... פּראָקוראָר. — איך... איך... וויל בלויז אַן אונטערזוכונג, אַן אַלגעמיינע אונטערזוכונג. יעדער איינער דאַרף לכל הפחות איין מאָל אין יאָר זיך לאָזן אונטערזוכן, ניט אַזוי?

אין די מאַנדל ברוינע אויגן האָט אויפגעפליקערט אַ רויט פייערל.
— יאָ, דאָס דאַרף מען, אַזוי זאָגט מען. איז וויפל מאָל האָט איר זיך אונטערזוכט אין די לעצטע... פינף יאָר?

— דעם אמת געזאָגט, קיין איין מאָל ניט.

— אָהָ, אָט אַזוי זשע רעדט. טאָ וואָס האָט אייך געבראַכט אַהער? טוט אייך עפּעס ווי? באַדערט אייך עפּעס? רעדט אָפן!

דער מענטש רעדט דאָך טאַקע ווי אַ פּראָקוראָר. און אַ קוקעלע דאָס האָט. נו, שוין געזען גרעסערע, שטרייכגערע פון דיר. און דער ריעל עסטייט פאַרקויפער גאָדפרי בוירק האָט אַרויסגערופן זיין פאַרקויפערישן שמייכל, און מיט אַ קול ווייך און זיס ווי האָניק אַ זאָג געטון: מיר געפעלט אייער אָפנקייט. איך בין אויך אַן אָפענער מענטש. וואָס איז דאָ צו באַהאַלטן? ווי טון, טוט מיר גאָרניט וויי, לעצטנס אָבער לייד איך פון דורשט. וויפל איך זאָל ניט טרינקען העלפט ניט.

— ווי לאַנג איז שוין אַז איר פילט אַזוי דורשטיק?
— ווי לאַנג? אָה, אַ פּאָר חדשים.
— און חוצן דורשט?
— האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט אַ בייסעניש... — אַרויסגעזאָגט, האָט מר. בוירק גלייך חרטה געקראָגן: ער׳ט נאָך פרעגן ווו סאָמע?
— ווו בייסט אייך?

נו, ווי דען! געוווסט. פאַרפאַלן. די האַנט האָט אָנגעוויזן ווו אים בייסט און דער שמייכל האָט געזאָגט: אָט ווי דו זעסט, טאַקע דאָרטן. דער דאָקטאָר האָט ניט געשמייכלט. ער האָט עפּעס אַ דראַקע געטון אויף אַ שטיקל פּאַפּיר און, מיט די אויגן צום טיש, אַ פרעג געטון: קאָפּ שווינדל?

— קאָפּ שווינדל?

— שווינדלט אייך אַמאָל פאַר די אויגן? — האָט שוין דער דאָקטאָר אַ קוק געטון אויף אים.

— ניי־ן.

גאָדפרי בוירק האָט ניט געזאָגט קיין ליגן, מער ניט, ענטפערנדיק „ניי־ן״, האָט ער טאַקע תוך כדי דיבור זיך געכאַפּט אַז אַ פּאָר מאָל האָט ער יאָ געפילט ווי „די ערד דרייט זיך״, אָבער ווען דאָס האָט פּאַסירט האָט ער געטראַכט אַז דאָס האָט צו טון מיט אַ ביסל בראָנפן, איבערגעכאַפּט די מאָס...

— אַנדערע צרות? האַרץ קלאַפּעניש? פאַרשלאָגט דער אָטעם? כ׳מיין ווען איר גייט.

— ווער גייט עס היינטיקע צייטן? — האָט מר. בוירק געשמייכלט.

— אויטאָמאָביל!

— יאָ, אויטאָמאָביל. נו, מיר׳ן זען. לאָמיר אריינגיין אין צווייטן צימער. איר׳ט אַרונטערנעמען די קליידער.

אָט דאָס אָ, זיך אויסטון נאַקעט, דאָס האָט ער פיינט. אוי, די דאָקטוירים! ער האָט ערשט געהאַלטן ביים שניפּס, ווען דער דאָקטאָר האָט אים דערלאַנגט אַ פלעשל. — איידער וואָס ווען, פילט דאָ אָן.

די דאָקטוירים זיינען אומדערטרעגלעך! צו וועלכע שוואַרצע יאָר איז ער געגאַנגען? דאָס מאָל אַריינגעפאַלן, אָבער ווייטער...

השתנה אַנאַליז, פלואָראָסקאָפּ, רענטגען בילד, קאַרדיאָגראַם, בלוט דרוק. וואָס זוכט ער? אַלגעמיינע אונטערזוכונג... קען שווערן דאָס וועט קאָסטן אַ פּופּציקער. נו, דאָס איז דאָס ערשטע און לעצטע מאָל.

— טוט וויי?

גאָדפרי בוירק האָט אַ קוק געטון וווּ דאַרף עס אים וויי טון, דערזען דעם דאָקטאָרס פינגער ביי די קנעכל. — ניין, וואָס איז דען?

— גאָרניט. איך פרעג בלויז צי טוט עס וויי ווען איך ריר אָן, דריק מיטן פינגער?

— ניין, עס טוט ניט וויי, — ענטפערט בוירק שוין מיט שטירדעס. אַפילו ס׳זאָל יאָ וויי טון וואָלט ער אויך געזאָגט ניין. דער דאָקטאָר האָט נאָך געטאַפּט דעם בויך, געפּאַטשט מיט דער האַנט, זיך איינגעהערט מיט איין אויער. וואָס טאַפּט ער דאָרט? ער האָסט דעם פאַרשוין. מער קומט ער ניט צו אים. דער דאָקטאָר האָט באַשלאָסן פונקט דעם היפּוך.

— נו, מיר זיינען כמעט ווי פאַרטיק מיט דער אַרבעט. איר קענט זיך אָנטון און אַריינקומען אין צווייטן צימער. — ווען ער איז אַריינגעקומען,

האָט דער דאָקטאָר אַ זאָג געטון: זיצט! און גאָדפרי בוירק האָט זיך אָוועקגעזעצט ניט אויף אַ ביינקל קעגנאיבער דעם דאָקטאָר, נאָר אויפן עדות שטול פאַר אַ ריכטער. — די אַלגעמיינע אונטערזוכונג איז אַזוי גוט ווי דורכגעפירט, אַלץ וואָס איך דאַרף נאָך איז אַ בלוט פּראָבע.

— אַ בלוט פּראָבע?!

— יאָ, אַ בלוט פּראָבע. ס'אַ קלייניקייט, — האָט דער דאָקטאָר אַ שמייכל געטון. ניט דאָס ערשטע מאָל אַז די „גרויסע, די געזונטע", דערהערנדיק „בלוט", ווערן זיי פאַרציטערט. — דאָ האָט איר אַן אַדרעס פון אַ לאַבאַראַטאָריע, איר'ט אַריינגיין אַהין מאָרגן, איבערמאָרגן, זיי'לן שוין צושיקן דעם רעפּאָרט צו מיר, וועל איך וויסן וואָס איך דאַרף. דערווייל קען איך אייך בלויז זאָגן אויף זיכער אַז איר האָט אַ ביסל צוקער. יאָ, אַ ביסל צוקער. וועל איך אייך דערווייל אָוועקשטעלן אויף אַ דיעטע, לאָמיך זאָגן, אויף אַ וואָך צייט. אין משך פון דער וואָך טאָרט איר ניט פאַרזוכן קיין צוקער.

— ווער עסט עס צוקער? צו דער קאַווע בלויז, ווייטער אַזוי...

גאָדפרי בוירק האָט געזען ווי דעם דאָקטאָרס אויגן האָבן געשמייכלט, ניין, ניט געשמייכלט, זיי האָבן אים געמאָסטן פון אויבן ביז אַרונטער. ער האָסט אים!

— נו, קיין סך צוקער עסט איר אפשר טאַקע ניט, אָבער וואָס איז מכוח טרינקען צוקער?

— ט ר י נ ק ע ן צוקער!

— ניט געַנוי צוקער. לאָמיר זאָגן אַ ביסל בראָנפן?

— דאָס נעם איך יאָ. ניט חלילה שיכורן, ביים עסן נעמט מען אַ גלעזעלע צי צוויי.

— אָט אָט, טאַקע אָט דאָס גלעזעלע וועט איר מוזן אויפגעבן. קיין אַלקאָהאָל.

— וואָס איז מכוח ווין? ווין, זויערער ווין האַלט נאָר אַ קליינעם פּראָצענט אַלקאָהאָל.

— קיין משקה. און קיינע קראָכמאַל: ברויט, קאַרטאָפל... איבעריקנס, די מיידל אין אָפיס וועט אייך געבן אַ גענויע דיעטע און איך וויל אַז די וואָך צייט זאָלט איר זי' אָפּהיטן, נו... ביינציק פּראָצענט.

שמייכלט. אַ רוח אין זיין טאַטנס זון אַריין. ער ווייסט פאַרדאָמט גוט אַז איך וועל ניט אָפּהיטן. איך פייף אויף אים מיט זיין דיעטע.

אַרויסגעוואָרפן געלט. ער׳ט אים באַצאָלן, גלייך באַצאָלן, און אַ גוטן תמיד.

— דורך דער וואָך וועט איר אפשר פאַרלירן אַ פּאָר פונט, אָבער אסור אויב דאָס וועט אייך שאַטן. איר׳ט קומען אין אַ וואָך אַרום וועלן מיר זען. — אַ שאַר מיט איין האַנט איבערן שרייב טיש האָט געלאָזט וויסן — געענדיקט! קענסט גיין.

— „אַ קעי״! — האָט גאָדפרי בוירק וווילינגעריש אַ זאָג געטון און זיך אויפגעהייבן. — וויפל באַטרעפט דער שאָדן? — די רעכטע האַנט האָט זיך געצויגן צו דער קעשענע.

דער דאָקטאָר, וואָס האָט געהאַט געמאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפ־הייבן, האָט אַ צי געטון די פּלייצע צום ביינקל וועגטל, זיינע אויגן האָבן זיך אַ הייב געטון, צוויי שפּיזן אָנגעשטעלט אויף מר. בוירק: ניט גערירט זיך פון אָרט! — די מיידל אין אָפיס וועט אייך צושטעלן אַ חשבון, דאָס הייסט אויב איר זייט אַזוי נייגעריק צו באַצאָלן היינט. איך וויל אָבער איר זאָלט וויסן אַז די אונטערזוכונג איז ניט פאַרענדיקט. איר מוזט נעמען די בלוט פּראָבע און איר׳ט מוזן ליידן און קומען מיך זען נאָך איין מאָל פון היינט אַ וואָך. נאָכדעם וועט איר זיין פריי צו טון וואָס איר ווילט אַליין. איר׳ט ניט קומען, איז אייער געלט אַרויסגעוואָרפן, און איר ווילט דאָך ניט אַרויסוואַרפן קיין געלט, ווילט איר?

— ניין, דאָס וויל איך ניט. — דער פאַרשוין איז ניט קיין נאַר. גענוי געטראָפן וואָס איך דינק, און פאַרשטייט אפשר אויך אַ קריינק, אָבער עס טויג סיי ווי ניט, נו, פאַרפאַלן, מוזן דורכמאַכן.

— איז צום ווידערזען. אַ וואָך פון היינט. די מיידל אין אָפיס וועט אייך זאָגן גענוי ווען איר זאָלט קומען. אַ גוטן. — דער דאָקטאָר האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

(3)

גאָדפרי בוירק איז אַרויסגעגאַנגען פון דר. ראַפּאַפּאָרטס קאַבינעט מיט אַ „מ׳האָט אים אין דער ערד!״. ער איז אים ניט געפעלן געוואָרן. אַ קוקעלע דאָס האָט! ער קוקט ניט אויף דיר, נאָר דורך דיר, און זיין טאָן אין ריידן, גדולדיק ביי זיך. ער׳ט גאָר גיין צון אַן אַנדער דאָקטאָר. ניין, צו קיינע דאָקטוירים. מ׳האָט זיי אַלעמען אין ד׳רערד. אַ געפערלעכע מעשה, אַ ביסל צוקער. דאָס ניט עס, דאָס ניט טרינק... ער האָט

אַרויסגעצויגן פון בוזעם קעשענע דאָס פּאַפּירל וואָס די מיידל האָט אים געגעבן „אייערע עשרת הדברות״, האָט זי געזאָגט, וואָס ער מעג און, דער עיקר, וואָס ער טאָר ניט עסן, אַ בליק געטון דאַרויף און אַריינגע־שפּאַרט צוריק אין קעשענע. זען שפּעטער, מאָרגן. איצטער אָ איז ער הונגעריק, צוליבן גיין צום דאָקטאָר האָט ער בלויז געכאַפּט אַ לייכטן ביים, ער וויל ע ס ן, און ער גייט צו טאָנין.

טאָני האָט זיך מיט אים דערפרייט. — העללאָ, מר. באָרק! אייך שוין ניט געזען...

— איז ווי זע איך אויס? גוט? איר אויך! איר מוזט עסן אַ סך ספּאַגעטי, וואָס?

— איך ספּאַגעטי! איך עס מאַקאַראָני, ריגאַטאָני, ווערמיסעלי, ראַוויאָלי, טופּאַלי, פּאַרפּאַלי, אָבער ניט קיין ספּאַגעטי. ספּאַגעטי דאָס איז פאַר די יענקיס... — זיין קיילעכיקער פּנים איינגעראַמט אין אַ שמייכל־רעמל.

— נו, דאָ האָט איר אַ יענקי, און ער וויל אַ היפּשן טעלער ספּאַגעטי, מיט גוטן קעז, פיין צוגעווירצט, מיט אַ גוט ביסל רויטן וויין, דעם אמתן...

— אמתער „דייגא רעד״, — האָט טאָני גוטמוטיק זיך געווערטלט אויף זיין איטאַליענישקייט. — און פ אַ ר דער ספּאַגעטי? אַנטיפּאַסטאַ, פאַרשטייט זיך, און דערצו...

— אַ מאַרטיני. אַ גוטן טרוקענעם מאַרטיני. און נאָך דעם, נאָך דעם, וואָס?

— דער „שעפּס ספּעשל״ איז היינט אויסגעצייכנט. ווירקלעך גוט.

— גייט עס!

גאָדפרי בוירק האָט געטרונקען, געגעסן מיט חשק, מיט הנאה. צוקער? נו יאָ, ער׳ט זיך דאַרפן היטן מיטן עסן. מאָרגן. פון מאָרגן אָן הייבט ער אָן זיין גוט און פרום.

אויף מאָרגן, ווען ער איז געקומען אין רעסטאָראַן עסן אָנבייסן, פרעגנסיס, „זיין״ סאַרווערקע, האָט אים אַנטקעגנגעטראָגן דעם גוט מאָרגן מיט אַ שמייכל און אַ פרעג געטון: מאַראַנצן זאַפט? האָט ער אַ קנייטש געטון דעם שטערן — אין די „עשרת הדברות״ איז דערמאָנט מאַראַנצן זאַפט? ער האָט אַ טאַפּ געטון אין קעשענע. ניטאָ. אין יענעם רעקל. מאַראַנצן זאַפט איז זיס, האָט זיכער צוקער. — ניט היינט, — האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכל. — היינט איז עס גרעיפּ פרוכט.

— גרעיפּ פרוכט, — האָט פרענסיס געעכאָט און צוגעגעבן — בייקאָן מיט אייער?

— געטראָפן! — האָט גאָדפרי בוירק געשמייכלט. צוויי אַקטיאָרן רעדן מחוץ דער בינע זייערע איינגעשטודירטע ראָלן.

— פראַנצויזיש געפּרעגלטע קאַרטאָפל.

— ניט געטראָפן! — האָט גאָדפרי בוירק טריאומפירט: זיין מיטשפּילער האָט געמאַכט אַ בולבע. — קיינע קאַרטאָפל!

— וואָס איז דער מער? זיך גענומען רעדוצירן?

— אָט, אָט. איצטער אין מאָדע, ניין?

— יאָ, אַלע שרייען רעדוצירן. לאָמיך אייך זאָגן, ווען די אַלע פרויען וואָס פּלאַפּלען וועגן רעדוצירן זאָלן ווערן סאַרווערקעס אין אַ רעסטאָראַן, אויסשפּאַנען צען מייל אַ טאָג ווי איך, וואָלטן זיי פאַרשפּאָרט רעדן וועגן דעם, זיי וואָלטן רעדוצירט איינס און צוויי.

— גערעכט. אויף מיינע נאמנות גערעכט.

—„טאָוסט?”

— אין פענעצל, — האָט מר. בוירק אויסגעשטעלט דעם אָנווייז פינגער.

ווען די סאַרווערקע האָט דערלאַנגט די אייער מיטן „בייקאָן”, דאָס פענעצל ברויט, האָט גאָדפרי בוירק דאָס אַ מעסט געטון מיט די אויגן, דערפילט ווי דאָס פענעצל ווערט צעריבן איינס און צוויי. בעטן נאָך ברויט? ברויט טאָר ער זיכער ניט עסן. — וואָס איז מכוח לאַטקעס? הרעטשענע לאַטקעס?

— אין דריי מינוט קריגט איר זיי. קליאָן אָדער יאַגעדע סירופּ? קאַווע, פאַרשטייט זיך.

הרעטשענע לאַטקעס, האָט גאָדפרי בוירק געפּסקנט, איז ניט קיין ברויט, האָט ניט קיין קראָכמאַל, צוקער. דער יאַגעדע סירופּ? אַ קליין ביסל שאַדט ניט, ווער שמועסט נאָך אַז ער קומט אָפּ מיט דעם, טרינקט שוין די קאַווע אָן צוקער. ניין, ער האָט ניט געזינדיקט ביים אָנבייסן. ביים מיטיק אויך ניט, מ׳שטיינס געזאָגט דאָס עסן אין אַ קאַפעטעריע, מיט וואָס מ׳קען שוין דאָרט זינדיקן. ריין פון זינד איז ער אַוועקגעגאַנגען אין דער לאַבאָראַטאָריע נעמען אַ בלוט פּראָבע. געמיינט האָט ער מ׳וועט נעמען אַ טראָפּן, צוויי, ערשט אַ געזונטע שיקסע, געמעגט שווערן פרענסיסעס אַ שוועסטער, האָט שטייף אַרומגעגאַרטלט זיין אָרעם און...

ער האָט דערשפּירט אַ שאַרפן אַמאָניע גערוך און דערהערט: שעמען מעגט איר זיך! אַזאַ געזונטער מאַן און...

ער האָט דערזען „פּרענסיסן”, דאָס ליינגלעכע גלעזל בלוט, ז י י ן בלוט, און גענומען שטאַמלען: איך... איך... דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן...

— איך פאַרשטיי. מענטשן וואָס זיינען ניט געוווינט דערשרעקן זיך. ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן. טוט קיין שלעכטס. בלויז אַ ביסל בלוט. איצט פילט איר גוט? נו, מיר דאַ זיינען פאַרטיק, איר'ט זען די מיידל אין אָפיס.

די מיידל אין אָפיס האָט אים דערלאַנגט אַ חשבון — פופצן דאָלאַר.

— פופצן דאָלאַר אַ בלוט פּראָבע!

— עס איז ניט איין פּראָבע, נאָר דריי. דער דאָקטאָר האָט אַזוי געהייסן און מיר מוזן פאָלגן דעם דאָקטאָרס אינסטרוקציעס.

— דריי פּראָבעס? וואָס פאַר אַ דריי פּראָבעס?

— מיר שטעלן צו דעם באַריכט צום דאָקטאָר. ער'ט אייך שוין דערקלערן. ער איז אַ גוטער דאָקטאָר, אויב ער זוכט עפּעס, מסתם דאַרף ער עס אויסגעפינען. מיר דאַרפן זוכן וואָס ער הייסט אונז. דאָ איז אייער קבלה.

פופצן דאָלאַר בלויז פאַר אַ בלוט פּראָבע. און דער סוף איז גוט, בלוט צאַפּט מען ביי אים, אָבער דעם באַריכט וועלן זיי צושטעלן דעם דאָקטאָר. וויפל וועט ער זיך שוין אָנמעסטן פאַר זיינע פּראָבעס! בלוט צאַפּער! אַלע — בלוט צאַפּער, וואָס האָט ער גאָר זיך אָנגעהייבן מיט זיי? נו, ה אָ ט ע ר אַ ביסל צוקער. איז מה בכן? ער האָט דאָך אפילו ניט פאַרשריבן קיין רעצעפּט! דאָס טרינק ניט, דאָס עס ניט. ער'ט אַזוי אָנגיין, איז כאָטש נעם צי אויס די קאָפּיטעס. ער האָט שוין פאַרלוירן אפשר אַ... פינף פונט. ער האָט עס אין דר'ערד! דריי טעג האָט ער פונדעסטוועגן זיך איינגעהאַלטן, געגעסן אין קאַפעטעריעס, וווהין ער האָט פריער אַפילו ניט געוואָלט אַריינשטעלן אַ פוס, אָפּגעקומען מיט שהי פּהי, דערפאַר אָבער אַז ס'איז געקומען שבת, האָט ער ניט קלערנדיק אַפילו זיך אַוועקגעלאָזט אין דעם יידישן „היים” רעסטאָראַן. דאָרטן האָט ער קודם גענומען אַ גרויסע פאַרציע געפילטע פיש, מיט אַ שנעפּסל פאַר און נאָך די פיש, נאָכדעם האָט ער געגעסן טשאָלנט מיט פאַרברוינטע קאַרטאָפליעס, פלייש מיט אַ גרויסער שטיק געפילטע קישקע, אַרונטער־געשווייגקט מיט אַ גלאָז זויערן וויין, פאַרביסן מיט קאָמפּאָט, דערפאַר

אָבער צו דער טיי האָט ער ניט גענומען קיין צוקער, בלויז צווי גרויסע שטיקלעך שטרודל. אָפּגעגעסן, האָט ער דערפילט אַז... ס'איז גוט צו לעבן אויף דער וועלט. צוקער? דאָקטאָר? מ'האָט אים אין דר'ערד. פונדעסטוועגן, איז ער זונטיק און מאָנטיק געווען „פּרום": דינסטיק האָט ער געדאַרפט גיין צום דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט אים אויפגענומען גאַנץ פריינטלעך. — נו, ווי איז אייך געגאַנגען די וואָך?

— ניט צו גוט, דאָקטאָר! חלילה ניט געפילט שלעכט, אָבער דאָס ניט עסן... מיר דוכט אַז כ'האָב פאַרלאָרן אפשר צען פונט.

— הלואי וואָלט עס אמת געווען, — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט ניט אָן אַ שמייכל.

— אסור אויב עס וואָלט אייך געשאַדט, אָבער איך זע דאָס ניט. סיי ווי, דאָס איז ניט אַזוי וויכטיק. — ער האָט אויפגעעפנט אַ טאָוול פון אַ דאסיער און, ווי לייענענדיק פון דאָרטן, גענומען רעדן. — די מעשה מיטן צוקער איז אַזאַ: די דיעטע וועלן מיר סקאַסירן. איר'ט נעמען אינסולין. מיט איין איינשפּריצונג אַ טאָג וועט איר קענען עסן אַלץ, דאָס הייסט כמעט אַלץ.

גאָדפּרי בוירק איז געווען צופרידן צו הערן דעם „עסן אַלץ", אָבער די איישפּריצונג... — אַנטשולדיקט מיר, דאָקטאָר, איר האָט געזאָגט איינשפּריצונג, איר מיינט צו זאָגן איך זאָל יעדן טאָג קומען צו אייך?

— איך האָב עס ניט געזאָגט און האָב עס ניט געמיינט. — זיין טאָן: אוי, די פּאַציענטן! זייער חשד, זייער אומוויסנהייט. — די איינשפּריצונג קענט איר אַליין מאַכן.

— איך? קיינמאָל אין לעבן ניט געטון, איך וועל מורא האָבן אָנרירן די נאָדל.

— ניטאָ וואָס מורא צו האָבן. אַ ווייב האָט איר? ניין? נו, די מיידל אין אָפּיס, אָן אַנדער „נוירס" וועט אייך ווייזן איין מאָל, צווי מאָל, וועט איר שוין קענען אַליין אָנגיין. דאָס איז אַ קלייניקייט. וואָס איך וויל איר זאָלט געדיינקען איז אָט וואָס. צוקער קראַנקהייט איז אַמאָל געווען אָן ערנסטע קרייַנק, איז נאָך איצטער אויך, אָבער מיט אינסולין קענט איר אויסלעבן אייערע יאָר, בתנאי איר זאָלט עס אָפּהיטן ווי עס דאַרף צו זיין — נעמען יעדן טאָג, ניט איבערהיפּערן, און עסן אין צייט, ניט לאָזן איבערהלשן דאָס האַרץ. אַ קלייניקייט, אָבער דאָס איז זייער וויכטיק. און יאָ, קיין אַלקאָהאָל.

דאָס איז כמעט אַלץ וועגן דעם צוקער. איר האָט אָבער אויך אַ שטיקל צרה מיטן האַרץ.

— האַרץ!

— נאָר ניט געשראָקן זיך. עס איז ניט אַזוי ערנסט. דער מוסקול פון האַרץ איז אָנגעגריפן. האָט איר געזען אייערע קנעכל? דאָ אָ, טוט אַ טאַפּ. אָנגעשוואָלן.

— קיינמאָל ניט באַמערקט. טוט ניט ווײ.

— אודאי האָט איר ניט באַמערקט, און עס דאַרף ניט ווײ טון, ווייל דאָס איז נאָר אַ סימן, אַן אָנדייטונג אַז עפּעס איז אַ צרה מיט אַן אַנדער טייל פון קערפּער, און דאָס האָט צו טון מיטן האַרץ מוסקול. וועל איך אייך פאַרשרייבן אַ פּיל אַזאַ, נעמען יעדן טאָג. דאָס איז רפואה נומער איינס. נומער צוויי — קיין זאַלץ. מיטן אינסולין פאַרן צוקער קענט איר עסן אַלץ, אָבער איר טאָרט ניט עסן קיין זאַך מיט זאַלץ.

— איר מיינט הערינג?

— ניט נאָר הערינג, — האָט דער דאָקטאָר געשמייכלט, — נאָר אַפילו ברויט.

— ניט עסן קיין ברויט!

— ברויט קענט איר עסן, בתנאי ער זאָל זיין געבאַקן אָן זאַלץ. דאָ אַזאַ ברויט, אָדער מצה. איר קענט עסן אַלע גרינוואַרג, אַלע פרוכטן, פלייש און פיש, אָבער אויך בתנאי עס זאָל זיין געקאָכט אָן זאַלץ.

— אָבער ווי קען מען עסן פלייש אָן זאַלץ, צי...?

— ערשטנס איז פלייש ניט אָן זאַלץ. פלייש האָט אין זיך גענוג נאַטירלעכע זאַלץ, דאָס זעלבע מכוח אַ סך אַנדערע שפייזן, חוץ דעם ווערט עס געקאָכט אין וואַסער, און די וואַסער דאָ אין שטאָט האָט אין זיך אַ היפּש ביסל זאַלץ. קיין ווייב האָט איר ניט? הלואי קריגט איר אַ פּלאַץ צום עסן, וואו מ׳זאָל פאַר אייך קאָכן אַלץ מיט דיסטילירטער וואַסער.

— אַנטשולדיקט מיר, דאָקטאָר, אָבער ווי קען אַ מענטש לעבן מיט... דיסטילירטער שפּייז?

— איך האָב געזאָגט דיסטילירטע וואַסער. די שפּייז וואָס איר דאַרפט עסן איז ניט קיין דיסטילירטע, נאָר די נאַטירלעכע.

— אָבער אָן זאַלץ האָט דאָך עס קיין טעם! שטעלט זיך פאָר — קאַרטאָפליעס אָן זאַלץ, צי פיש, מ׳קען דאָך עס אין מויל ניט נעמען. איך האָב ליב אַ שטיקל פלייש צוגעריכט מיט זאַלץ, אַ ביסעלע פעפער,

אַ שטיקעלע קנאָבל, מיט אַ זויערער אוגערקע, אָדער אַ פּאָמידאָר, מיט אַ טערקיש פּעפּערל. אָדער פיש. ווער קען עס עסן געפילטע פיש אָן זאַלץ און פּעפער, אָדער כריין?

— אָדער אָן אַ ביסל בראָנפן?

— און וואָס מיינט איר, אַ ביסל בראָנפן גיט צו אַפּעטיט, אַ ביסל ווײַן גיט צו געשמאַק, טעם.

— מיר דאַכט אַז וואָס, וואָס, אַפּעטיט פעלט אײַך ניט. איר האָט ליב אָפּצועסן, וואָס?

— איך פאַרשטיי שוין. איר זייט מסתּם פון די מענטשן ביי וועמען עסן איז אַן אָפּקומעניש. געזען אַזעלכע. געזונטערהייט, זאָלן זיי אָפּקומען, איך וויל ה נ א ה האָבן פון מײַן לעבן.

— נו, הנאה קען מען האָבן פון אַ סך זאַכן.

— שוין געהערט די מעשה, עסן עס איך דריי מאָל אַ טאָג, יעדן טאָג פון יאָר, און אויב ניט הנאה האָבן פון עסן, ווער, צון אַל די גוטע יאָר, דאַרף עס גאָר אײַנגאַנצן?

— מײַן ליבער מענטש, לאָמיר ניט אַרגומענטירן. אַרגומענטן וועלן דאָ ניט העלפן. די זאַך איז פּשוט — קיין זאַלץ טאָרט איר נ י ט עסן. אָן זאַלץ האָט דאָס עסן קיין טעם? מאַכט איר אַ טעות, עס האָט יאָ אַ טעם, נאָר אַן אַנדערן. איר זייט ניט געוווינט דערצו, וועט עס אײַך אפשר אָנקומען אַ ביסל שווערלעך, אָבער איר׳ט זיך צוגעוווינען.

— קיינמאָל!

— אָה יאָ! איר׳ט זיך צוגעוווינען, אַלץ וואָס איך פאַרלאַנג פון אײַך איז, איר זאָלט זיך ניט שטעלן קעגן, איר זאָלט זיך באַמיען צו עסן ווי איך זאָג אײַך. איר דאַרפט עס טון, מוזט עס טון! איר ווילט לעבן, ניין? איך וויל איר זאָלט פאַרשטיין אַז מ י ט ן צוקער, מ י ט ן האַרץ קענט איר אַריינלעבן אין טיפן עלטער, מ י ט די ביידע קריינק זייט איר ניט קיין קראַנקער מענטש. איר קענט אָנגיין מיט אייער אַרבעט, אייערע געשעפטן, פאַרשטייט זיך, ניט יאָגן זיך, די געשעפטן וועלן ניט אַנטלויפן, נעמט די זאַכן אַ ביסל רויקער, איר׳ט טון ווי איך הייס אײַך, דאַרפט איר ניט גיין צו קיינע דאָקטוירים.

— איר מיינט איך דאַרף מער ניט קומען?

— איך האָב מײַן אַרבעט פאַרענדיקט, פון היינט אָן זייט איר אייער אייגענער דאָקטאָר. איז אַ גוטן טאָג, דאָקטאָר בוירק! — דעם דאָקטאָרס קוק — פּטור ווערן פון אָט דעם אַ...

— אַ גוטן טאָג, דר. ראַפּאַפּאָרט, און אַ דאַנק.
— ניטאָ פאַר וואָס.
— פאַרן טיטול דאָקטאָר, וואָס איר האָט מיר געגעבן.
— איך האָף אַז איר וועט אים פאַרדינען.
— איך אויך. אַ גוטן.

(4)

פערצן וואָכן קדחת. צוויי־דריי טעג איז גאָדפרי בוירק געווען פרום, געגעסן מערסטנס אין אַ קאַפעטעריע, געקליבן די מאכלים לויטן דאָקטאָרס שולחן ערוך און גענומען בלויז דאָס וואָס איז געווען „כשר״. די אינסולין איינשפּריצונג האָט ער גענומען יעדן פרימאָרגן. אַריינגעג־שטאָכן די נאָדל, איז ווי אַריינגעשטאָכן זיך אַ מעסער: איך דאַרף עס נ י ט טון, אָבער איך טו עס, ווייל דער דאָקטאָר, דער פּאַסקודניק... האָט אַזוי געהייסן. אויפן פערטן טאָג האָט ער געשאָלטן דעם דאָקטאָר מיט טויטע קללות: מ׳האָט אים אין דר׳ערד, מיט זיין אינסולין, מיט זיין זאַלץ... אינדערפרי האָט ער „פאַרגעסן״ דעם אינסולין און פאַרנאַכט איז ער געגאַנגען אין אַ פראַנצויזישן, איטאַליענישן, שוועדישן אָדער יידישן רעסטאָראַן, געמאַכט אַ פּאָר שנעפּסלעך, געגעסן הערינג, אַנטשאָוויס, זויערע אוגערקעס, געטרונקען וויין, געגעסן ביז צום אָפּשפּיליען דעם פּאַסעק, און געטון האָט ער עס מיט אַ בייזער הנאה פון אַ מומר להכעיס, אדרבה, זאָל אים גאָט שטראָפן גלייך אויפן פּלאַץ, קריגן אַן אַפּאָפּלעקסיע, אַוועקפאַלן טאַקע דאָ אין רעסטאָראַן, דעמלט וועט ער וויסן...

קיין אַפּאָפּלעקציע האָט ער ניט געקראָגן. אָנגעפּילט ביזן האַלז מיט עסן, טרינקען, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט זוכן אַנדערע פאַרגעניגנס... מיט פּאָולינען, אַן אַנדערער, איין מאָל לעבט מען! האָט ער געלעבט אַ טאָג, אַ נאַכט, און אויף מאָרגן האָט ער געטאַפּט די פּיס־קנעכל: נאָך אַלץ געשוואָלן? גייט גאָר ניט אָפּ. און ער נעמט דאָך די פּילן, היט זיך מיטן עסן...

היטסט זיך מיטן עסן. און וואָס איז געווען נעכטן? געזינדיקט. פאַרפאַלן. דערפאַר היינט וועט ער זיין גוט און פרום.

און ער האָט געזינדיקט און תשובה געטון, און ווידער געזינדיקט ביז...

אַ פרייטיק איז דאָס געווען. ער האָט נאָר וואָס געהאַט פאַרענדיקט אַ מסחר וואָס וועט אים ברענגען צוויי טויזנט דאָלאַר. עלף אינדערפרי

האָט ער זיך געטראָפן אין באַנק מיטן קונה, וואָס האָט אַריינגעלייגט דאָס גאַנצע געלט אין „עסקראו", און דאָס האָט געמיינט אַז דער מסחר איז דורכגעגאַנגען אויף אַן אמתן, אין דרייסיק טעג אַרום קריגט ער זיין מעקלעריי, איז דאָך ניט מער ווי רעכט ער זאָל ארויסנעמען דעם קונה אויף מיטיק און, ווען דער קונה, אַ פֿאַרשווין וואָס האָט ליב אַ שנאַפּס — ניט איין שנאַפּס האָט ער געמאַכט מיט אים ביז ער האָט אים איינגערעדט צו שליסן דעם מסחר — און קען אויך גוט אַריינעסן, האָט פֿאַרגעלייגט פאָרן אין „דער קרעטשמע ביים וועג" — אַן אמת גוטער פּלאַץ אָפּצועסן — איז ער ארויסגעפאָרן מיט אים די צען מייל אויסערן שטאָט. ער איז ניט פון די אַגענטן, וואָס נאָכן שליסן אַ מסחר האָט ער דעם קונה אין דר׳ערד. אַ קונה איז אַ קונה, און אַ גוטער מאַלצייט איז אַ גוטע אינ־וועסטיציע, ער׳ט וועלן נאָך עפּעס קויפן אָדער פֿאַרקויפן וועט בוירק זיין דער ערשטער וועמען ער וועט רופן.

די קרעטשמע איז געווען אַ גוטער פּלאַץ. דאָס עסן גוט, געשמאַק און פיין סערווירט, די משקה אויך. דער מר. מ׳קניעל האָט זיך געלאָזט ווילגיין. נו, פֿאַרוואָס ניט? אויף יענעמס חשבון! גאָדפרי בוירק האָט עס ניט געאַרט, וועט קאָסטן נאָך אַ פּאָר דאָלאַר, מער ניט, ער האָט געדאַרפט מיטהאַלטן מיט דעם מר. מ׳קניעל, אַ גלעזל אויף אַ גלעזל. נו, אַ ביסל האָט ער אונטערגעבלאָזט. אַלץ וואָס ער האָט געטרונקען איז איין „כל־בוניק" און צוויי גלעזלעך סקאָטש מיט סאָדאַ; פונם פלעשל ווייַן — אַ גוטער שעררי — האָט מר. מ׳קניעל אויסגעטרונקען מער ווי העלפט, בוירק האָט פון שעררי ניט געהאַלטן אַזוי שטאַרק, און צו דער קאַווע אַ גוטן בענעדיקטין. פון דעם קען מען ניט שיכור ווערן. און ער איז ניט געווען שיכור. דער פאַקט איז ער האָט געטריבן צוריק אין שטאָט, אָפּגעפירט מר. מ׳קניעל צו זיין אויטאָמאָביל, מער ניט, ער האָט געפילט עפּעס שלעפעריק. נאָך אַזאַ מאַלצייט! האָט ער זיך מיישב געווען — היינט געטון גענוג געשעפט, ער׳ט גיין אַהיים, זיך צולייגן, כאַפּן אַ דרעמל. ער האָט גענומען ארויפגיין די טרעפּ, ערשט עס גייט זיך ניט, פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם. אָבער וואָס הייסט פֿאַרכאַפּט! אַ פיש אויף דער יבשה. וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר? קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ פאַל. דאָס האַרץ? קען ניט זיין! איין טרעפּ, צוויי, דריי, אָט איז די טיר! אַן עפן געטון די טיר, האָט אים אַ שלאָג געטון אין פּנים אַ פֿאַרדעמפטע לופט, אים האָט ווידער פֿאַרשלאָגן דער אָטעם, עס האָט אים גענומען שווינדלען אין די אויגן, אָט אָט פאַלט ער אַוועק. ער... שטאַרבט! רופן דעם דאָקטאָר!

מיט ציטערנדיקע פינגער האָט ער גענומען דרייען דאָס טעלעפאָן רעדל, און אַז ער האָט דערהערט אַ זינגעוודיקן: דר. ראַפּאַפּאָרטס אָפיס, האָט ער אַריינגעכריפּעט: דר. ראַפּאַפּאָרט! געווען איז דאָס אַזאַ קול ענות, אַז די מיידל האָט אַפילו ניט געפּרוווט אַרויסווייזן איר אויטאָריטעט, פרעגן און איבערפרעגן, אים גלייך פאַרבונדן מיטן דאָקטאָר און, אַז יענער האָט אַ זאָג געטון: דר. ראַפּאַפּאָרט, האָט גאָדפרי בוירק אריינגע־שריען: דאָס איז מר. בוירק! גאָדפרי בוירק! איך... איך... שטאַרב אַוועק! קומט גלייך אַריבער! און אַרויפגעקלאַפּט דאָס טרייבל אויפן פּאַסטאַמענט. די פיס האָבן זיך געפּלאָנטערט, דער צימער האָט זיך געוויגט. שאַרנדיק מיט איין האַנט די וואַנט, האָט ער אָנגעשאַרט די טיר. — אָפּשליסן! — האָט אַ בליץ געטון. ער האָט אַן עפן געטון די טיר, אַ פיק געטון דאָס שלאָס קנעפּל, צוגעקלאַפּט די טיר, און די באַוועגונגען האָבן צוגענומען גאָר די כוחות זיינע, ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט...

⁂

אויפגעכאַפּט זיך, דערזען אַ געשטאַלט, אַ מענטשן, האָט גאָדפרי בוירק פאַרחידושט געקוקט אויף אים: ווער איז דער מענטש? דאָס איז דאָך דער דאָקטאָר! דאָקטאָר...? דאָקטאָר...? דער גראָב אייזן האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ שטיין. — דאָק־טאָר?

— יאָ, דאָס בין איך.

די שטימע. זיכער! דאָס איז דאָקטאָר... ראַפּאַפּאָרט! ווי קומט ער אַהער? די אויגן האָבן גענומען בלאָנזען איבערן צימער. — וווּ בין איך?

— אין שפּיטאָל. איר זייט אין שפּיטאָל! ווי פילט איר?

— אין שפּיטאָל? ווי קום איך אין שפּיטאָל? וואָס האָט פּאַסירט? — גאָדפרי בוירק איז געווען גרייט זיך אויפהייבן, מאָנען ביים דאָקטאָר אַ דין וחשבון.

— איר ליגט בעסער רויק. — דעם דאָקטאָרס הענט האָבן קוים אָנגערירט מר. בוירקס אַקסל, מר. בוירק האָט אָבער געפילט ווי עמיצער וואָלט אים אַוועקגעלייגט מיט גוואַלד, אים צוגענאָגלט און ער קען זיך ניט אַ ריר טון, קען אַפילו די אויגן ניט האַלטן אָפן. — אָט אַזוי! — האָט ער דערהערט, די אויגן האָבן זיך אַן עפן געטון.

— ווי פילט איר?

— איך בין אַזוי שוואַך, אַזוי ש־וואַ־ך, אַז... — אָט אָט און די איבערפולטע אויגן וועלן איבערלויפן.

— אודאי זייט איר שוואַך, אָבער ניט געזאָרגט. דאָס ערגסטע איז אַריבער. נאָך אַ טאָג, צוויי. איר ליגט נאָר רויק. וועל איך זען מאָרגן.

אויף מאָרגן, ווען דער דאָקטאָר איז געקומען, האָט גאָדפרי בוירק זיך שוין אויפגעזעצט אין בעט און, ווען ער האָט ווידער געפרעגט ווי קומט ער אין שפּיטאָל, וואָס האָט פּאַסירט, האָט דער דאָקטאָר ניט אָן שפּאָט געענטפערט: אָה, אַ קלייניקייט, איר האָב בלויז געטרונקען און געגעסן אַ ביסעלע צופיל...

— ניין, איך מיין עס ערנסט.

— עס איז געווען פאַרדאַמט ערנסט, — האָט דער דאָקטאָר געריצט געענטפערט. — מיטן גאַנצן צוקער אין אייער קערפּער, מיטן וואַסער ביים האַרצן... האָב אייך געפונען אין אַ קאָמאַ. מיר האָבן געדאַרפט אַרבעטן גאַנץ שווער אייך אַרויסרייסן, אָבער איצט זייט איר אַרויס דערפון. געגעסן? ווי פילט איר?

— די וואַרטספּרוי האָט מיר געגעבן עסן, אָבער איך האָב קוים געקענט אַרונטערשלינגען, איך בין אַזוי שוואַך. איך דיינק איך האָב פאַרלוירן אַ וועלט מיט וואָג.

— וואָג האָט איר זיכער פאַרלאָרן, און איך האָף אַז איר וועט עס מער ניט געפינען... אייך וועט זיין אַ סך בעסער אָן דעם איבעריקן באַגאַזש. די שוואַכקייט מיינט גאָרניט, וועט איבערגיין. איצט זייט איר אַ געזונטער מענטש, איר דאַרפט מער ניט זיין אין שפּיטאָל, אַ ביסל אַ צו טייערער „האָטעל", יעדער טאָג איז מינימום אַ פינף און צוואַנציקער, ניט רעכענענדיק דעם דאָקטאָר, אַ ביסעלע צו טייער, ניט אַזוי?

— יאָ, אָבער ווי וועל איך אויסקומען אַליין?

— געטראַכט וועגן דעם. — דער דאָקטאָר האָט אַ שאַר געטון דאָס ביינקל נאָענטער צום בעט. — קיין ווייב האָט איר ניט? איז אַזוי, איר קענט אַריינגעמען אַ וואַרטספּרוי אויף עטלעכע טעג, אַכטונג געבן אויף אייך ביז איר׳ט זיך שטעלן אויף די פיס, אָבער דאָס איז ניט דער עיקר, איר׳ט אַרויסגיין אין גאַס, ווידער נעמען עסן און טרינקען, וועט איר זיך ווידער אָנרייסן אַ צרה, און איך מוז עס אייך זאָגן גלייך איצט, אויב דאָס זאָל פּאַסירן נאָך אַ מאָל, איר זאָלט ווידער „אַנטשלאָפן ווערן", וועל איך ניט קאַווירן אַז מ׳וועט אייך קענען אויפוועקן.

— אויך קיין אומגליק ניט.

— רעדט ניט קיין נאַרישקייטן. איר ווילט ניט שטאַרבן, ווילט איר?

— נו, איך קען ניט זאָגן אַז איך בין זייער בייגעריק צו שטאַרבן,

דאָס ניט, איך בין אָבער אויך ניט באַגייסטערט פון לעבן און ציטערן: דאָס ניט עס, דאָס ניט טרינק. דאָס איז אַן אַנשיקעניש. אַז לעבן, זאָל זיין געלעבט! הנאה האָבן פון לעבן, ניט...

— איר ווייסט אָן וואָס איר דערמאָנט מיר? איך האָב געהאַט אַ פּאַציענט, אַ פרוי וואָס האָט ניט געטאָרט עסן קיין שפּינאַט, איז געווען אַלערגיש צו דעם טייערן מאכל. ביז איך האָב עס אויסגעפונען! און אַז איך האָב איר געזאָגט: עסט ניט קיין שפּינאַט, האָט זי זיך שיר ניט צעוויינט: ווי וועט זי לעבן אָן שפּינאַט? נו, מ׳קען לעבן אָן שפּינאַט, אָן זאַלץ און אָן אַ ביסל בראָנפן אויך. מ׳דאַרף נאָר וועלן. איר ווילט יאָ און איר ווילט ניט. ס׳איז אפשר ניט אינגאַנצן אייער שולד. איר האָט ליב אָפּצועסן, דאָס ווייס איך. נו, פון אַ גוטן ביסן וויל יעדער איינער געניסן, עס ווענדט זיך אָבער וואָס דער ביסן איז. איר גייט אַרויס אין אַ רעסטאָראַן זייט איר שוין ביי יענעם אין די הענט. האָב איך פאַר אייך אַ פּלאַן. איך קען אַ פרוי, איינע אַ מרס. קאַפּלאַן. זי איז אַן עלטערע פרוי, אַ יאָר זעכציק, אָבער אַ געזונטע פרוי, זי איז אַ „פּראַקטישע נוירס״, זי קען אייך געבן אייער אינסולין, אויב נויטיק, אויך אַן איינשפּריצונג פאַר דער וואַסער, דער עיקר אָבער, זי איז אַ גוטע קעכן, זי ק ע ן קאָכן! ווען זי זאָל אַריינקומען צו אייך אויף עטלעכע שעה אין טאָג, צוגרייטן פאַר אייך די מאָלצייטן, איר זאָלט ניט דאַרפן אַרויסגיין עסן, וואָלט איר גאַנץ גוט געקענט אויסקומען. פאַרשטייט זיך, איך וואָלט איר געגעבן מיינע אינסטרוקציעס. דאָס, גלויב איך, איז דער בעסטער פּלאַן פאַר אייך, אויב איר קענט עס דערוויזן. אָה, איך גלויב, אַז פאַר פופציק דאָלאַר אַ וואָך וואָלט זי געגאַנגען. דאָס איז ניט קיין סך, רעכענענדיק וואָס עס קאָסט היינט דריי מאָלצייטן אַ טאָג אין אַ רעסטאָראַן. און זי איז אַ גוטע באַלעבאָסטע, זי וואָלט אפילו געקענט פאַרצירעווען אייערע שקאַרפּעטקעס. זי איז זייער אַ ווילע פרוי.

גאָדפרי בוירק האָט זיך צוגעהערט צו דר. ראַפּאַפּאָרטס רייד ניט אָן חשד. עפּעס לויבט ער זי צופיל. שיקט זיך עס אַז ער קריגט פּראָצענטן? ווער ווייסט? — ווי אַלט, זאָגט איר, איז זי?

— ווי אַלט זייט איר? איין און פופציק? וואָלט איר שוין געמעגט וויסן אַז אַ פרויס עלטער איז אַ סוד, וואָס זי זאָגט ניט אויס אפילו זיך אַליין. זי זאָגט אַכט און פופציק, מיינט עס אפשר צוויי און זעכציק. אַנטקעגן וואָס פרעגט איר?

— אַ יונגע פרוי וואָלט איך ניט אַריינגענומען. די, היות איר רעקאָמענדירט זי אַזוי גוט...

דער פּאַרשוין איז אַ שלעכטער מענטש. אפשר ניט אַזוי שלעכט, ווי פול מיט חשד. „היות איר רעקאָמענדירט זי אַזוי גוט". וואָס איז ער אים חושד? ער קריגט מעקלעריי? קען זיין. ער איז דאָך אַ מעקלער. גייט ער צון אַל די גוטע יאָר.

— איך וועל אייך זאָגן, מר. בוירק, אויב איר האָט אַ בעסערן פּלאַן, לאָמיר זאָגן, איר האָט קרובים, אָדער איר קענט זיך אָנדינגען אויף קעסט, מ'זאָל קאָכן פאַר אייך ווי איר דאַרפט, קענט איר עס טון. אַלץ וואָס איך קען אייך זאָגן — פון דאַנען, פון שפּיטאָל מוזט איר אַרויס, זיי דאַרפן די בעט. איר קענט דאָ נאָך זיין אַ טאָג, צוויי, נאָכדעם מוזט איר ווערן אַ מענטש פאַר זיך, און איר דאַרפט עס גלייך באַשטימען.

— באַשטימט. איר האָט מיר פאַרקויפט דעם געדאַנק. ווען קען זי קומען? שבת אַרבעט זי ניט? מיך אַרט עס ניט. איין טאָג אַ וואָך דאַרף זי דאָך קריגן. בלייבט עס אַזוי. זונטיק גיי איך אַהיים.

(5)

די מרס. קאַפּלאַן. גאָט אַליין האָט זי אים צוגעשיקט. אַ באַלעבאָסטע — אַ צוכט. זיין דירה — איין גרויסער צימער, אַ קליין קיכעלע און אַ באָד — וואָס האָט אַלע מאָל געשמעקט מיט אַלט-בחורישקייט, איז אין איינע צוויי־דריי טעג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ היים, וווּ עס איז געווען אָנגענעם צו זיין, אַפילו צו ליגן אַ האַלב חולה. און אַ קעכן! מישעל מעג ביי איר פּעטשערעס הייצן. זי האָט געקאָכט „אָן זאַלץ און אָן שמאַלץ", די וואַסער אַפילו דיסטילירטע, און עס האָט געהאַט טעם גן עדן. די מאַמע זיינע האָט בעסער ניט געקאָכט. ער האָט עס געזאָגט דער מרס. קאַפּלאַן, איר דערציילט וועגן זיין מאַמע, וועגן זיך, זיין שוועסטער. זי קומט ניט צו אים, ער גייט ניט צו איר, צוליב איר מאַן, אַ קאַרגער מענטש, אַ קמצן, קען אים ניט פאַרטראָגן, דערפאַר אָבער זיין פּלימעניטשקע, פלאָרענס, — זי איז דאָ געווען — זי האָט ער ליב ווי דאָס לעבן. זי ענדיקט הײ־סקול דאָס יאָר און ער'ט שוין זען זי זאָל גיין אין קאָללעדזש. דער טאַטע, דער קמצן, וויל זי זאָל גיין אַרבעטן, אָבער ער'ט עס ניט דערלאָזן. אין אוניווערסיטעט וועט זי גיין! בדאי אויף זיינע הוצאות.

גאָדפרי בוירק האָט פאַרטרויט דער מרס. קאַפּלאַן זיינע אָנגעלעגנ־

הייטן אָט ווי אַ מאַמען. ווען דער דאָקטאָר איז געקומען אים „אויסשרייבן" פון בעט האָט ער אים געדאַנקט פאַר דער מרס. קאַפּלאַן און אים טאַקע געזאָגט: זי איז מיר אַזוי געטריי ווי אַ מאַמע.

דער דאָקטאָר האָט געשמייכלט: אויב איר'ט זיין אַ גוט קינד, פאָלגן דער מאַמע, וועט איר ניט האָבן קיין צרות.

גאָדפרי בוירק האָט, ווי אַלע קינדער, געפאָלגט דער „מאַמע" ביז זי האָט ניט געזאָגט: ניטע! טו דאָס ניט! ווען זי האָט אָבער גענומען זאָגן: ניטע! איז געווען צרות.

ער איז אַרויסגעגאַנגען טון געשעפט. זיין מעטאָדע איז געווען: ווילסט עפּעס פאַרקויפן, גיב דעם קונה צום פרעסן און זויפן. עס האָט ניט געאַרבעט הונדערט פּראָצענט, אָבער אַ קליענט וועט זיך לאָזן בעסער רעדן און. דער עיקר אונטערשרייבן אויף דער אָנגעצייכנטער שורה, נאָך אַ גוטן מאָלצייט מיט אַ היפּש ביסל בראָנפן ווי אויפן ניכטערן האַרצן. פון דער מעטאָדע וועט ער זיך ניט אָפּזאָגן איצט באשר בכן ער טאָר דאָס ניט. ער טאָר טאַקע ניט, אָבער דער קליענט מעג דאָך יאָ. האָט ער אָנגעקלינגען און געזאָגט דער מרס. קאַפּלאַן זי זאָל ניט וואַרטן אויף אים מיט דער וועטשערע, וואָס ער האָט געמוזט עסן פונקט האַלב נאָך פינף, ווייל ער דאַרף גיין עסן מיט אַ קליענט, זאָל זי אָפּעסן אַליין און גיין אַהיים.

— און וואָס וועל איך טון מיטן עסן?

— פונמיינעטוועגן מעגט איר עס אַרויסוואַרפן.

— אַרויס־וואַרפן!

ער האָט געקענט זען דורכן טעלעפאָן אירע אויפגעריסענע אויגן: אַרויסוואַרפן עסנוואַרג, שפּייז וואָס זי האָט צוגעגרייט, אַ ווייטיק און אַ באַליידיקונג. — וואַרפט נ י ט אַרויס. מ'קען עס עסן מאָרגן אויך, וועט ניט קאַליע ווערן. זיך זען מאָרגן.

אויף מאָרגן האָט ער געקענט זען אויף איר פּנים אַז זי איז אָנגע־שטויסן. ער האָט געפּרווט פאַרגיטיקן, דערקלערן, עס האָט ניט געהאָלפן.

— איך פאַרשטיי אייך גאַנץ גוט, די צרה איז וואָס איר פאַרשטייט מיך ניט. אָט אַרבעט איך שוין עטלעכע וואָכן, איך טו אַלץ וואָס איך קען איר זאָלט עסן נאָר וואָס איר דאַרפט און, גלויבט מיר, עס איז גאָרניט אַזוי גרינג צוגרייטן יעדן טאָג עפּעס אַנדערש, עפּעס וואָס איז גוט פאַר אייך און זאָל האָבן אַ טעם, און דאָ נעמט איר מיט אַמאָל, גייט אַוועק,

עסט דאָרטן כ׳ווייס וואָס, מיט זאַלץ, אַנדערע זאַכן . . . און פירט אַלץ איבער.

— אַ לעק זאַלץ וועט מיך ניט אָוועקהרגענען.

— פון אַ לעק און אַ לעק ווערן גאַנצע פּעק.

— איר׳ט מיך פרעגן, וועל איך אייך זאָגן: די גאַנצע מעשה מיט דער זאַלץ איז אַ... שווינדל.

— אַ שווינדל!

די מרס. קאַפּלאַן איז געווען שאָקירט, אַ מענטש באַליידיקט די מעדיצינישע וויסנשאַפט. און פּאָר איר אין די אויגן — זי איז דאָך אַ „בוירס״, ניין? איר זאָל מען אַזוינס זאָגן.

— איז ניט געענוי אַ שווינדל, סתם אַ בלאָף, אַ מאָדע אַזאַ. מיט יאָרן צוריק איז געווען אַ מאָדע שפּינאַט, איצטער אַ מאָדע אָן זאַלץ. איך גלויב נישט אין די מעשות.

— שוין גאָרניט קיין מעשות. די דאָקטוירים...

— די דאָקטוירים ווייסן אַ קרייענק.

— זיי ווייסן שוין גאָר. דר. ראַפּאַפּאָרט איז אַ גוטער דאָקטאָר, ער׳ט ניט זאָגן עפּעס סתם אין דער וועלט אַריין.

גאָדפרי בוירק האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט: ניטאָ פון וואָס צו ריידן.

— ווי זיינען אייערע קנעכל? — אַ שטילע פראַגע, געשטעלט אין אַ פּאַרטרוילעכן טאָן, אָבער אַוועקגעלייגט ווי אַ קלאָץ קשיא — דאָס קענסטו מיט דער האַנט ניט אַוועקמאַכן.

מיט דער קלאָץ קשיא האָט גאָדפרי בוירק טאַקע ניט געקענט זיך ספּראַווען. — איך ווייס ניט, קוק קיינמאָל ניט. איך גלויב די זעלבע זאַך.

— לאָמיך זען.

— אַ בעלנות פון אַ פרוי! ער האָט אַ קוק געטון אויף איר: ווי וואגסטו? איר קוק — די מאַמע וויל זען ווי טיף איז דער האַלץ פּאַרשטאָכן אין פינגער. דער מאַמע מוז ער ווייזן. האָט ער אַ שאַר געטון איין קאַלאָשנע אויף אַרויף — נאַ, קוק!

— איך גלויב עס איז אַ ביסל אָפּגעגאַנגען.

די מאַמע האָט נאָר אַ קוק געטון און דער פּאַרשטאָכענער פינגער טוט שוין ניט וויי. אַ טייערע פרוי די מרס. קאַפּלאַן, טאַקע נאָר ווי אַ מאַמע, און ווי אַ מאַמען ווילט זיך אַמאָל אָפּטון אַ שפּיצל, גיין רייסן באַרלעך, זיך באָדן, האָט זיך אים געוואָלט אַרויסגיין עסן אין אַ רעסטאָראַן,

כאָטש ער האָט ניט געדאַרפט אַרויסנעמען אַ קונה, נאָר אַזוי זיך, ווייל וויל׳יך אַזוי! און טו מיר עפּעס...

אַלץ וואָס די מרס. קאַפּלאַן האָט געקענט טון איז זיך באַקלאָגן פאַרן דאָקטאָר. דער דאָקטאָר איז ניט נתפּעל געוואָרן. — איך פּראַקטיציר שוין מעדיצין אַ יאָר דרייסיק און האָב נאָך ניט געזען אַ פּאַציענט וואָס זאָל פאָלגן הונדערט פּראָצענט. ווי אָפט גייט ער אַרויס? איין מאָל, צוויי מאָל אַ וואָך? ער איז ווי יענע יידן וואָס אין דערהיים פירן זיי אַ כשרע קיך, נאָר אַ פּאָר מאָל אין וואָך כאַפּן זיי זיך אַרויס דערקוויקן דאָס האַרץ מיט אַ „העם סענדוויטש״. וואָס קען מען טון? אים אָנשרעקן? וועט ניט העלפן. לאָזט עס גיין. איר טוט זיך אייערס, אין הויז זאָל ער, לכל הפּחות, ניט זינדיקן. דאָס איז דאָס בעסטע וואָס איר קענט טון.

גאָדפרי בוירק, וואָס האָט זיך געהיט פאַר דער מאַמע, געזינדיקט נאָר אין דרויסן, איז איין פאַרנאַכט אַרויס פון די האלאבליעס, לא די וואָס ער האָט געמאַכט אַ פּאָר שנעפּסלעך אין אַ שיינק, האָט ער נאָך געבראַכט אַ פּלעשל בראָנפן אַהיים, פאַר דער מרס. קאַפּלאַן אין די אויגן גענומען אַ גלעזל און אָוועקגעשטעלט דאָס פּלעשל און גלעזל אַזוי אַז זי האָט געקענט זען ער גרייט זיך צו נעמען נאָך.

דאָס איז שוין געווען צופיל! אַ מענטש זאָל האָבן די העזה... פאַר איר אין די אויגן!

— למאי טוט איר דאָס?

— וואָס?

אַ חוצפּה! מאַכט זיך תמעוואַטע. וואָס! — איר ווייסט אַז דאָס איז סם, אמתער סם פאַר אייך.

— ווער זאָגט עס?

— דער דאָקטאָר...

— גייט ער צון אַל די שוואַרצע יאָר, דער דאָקטאָר. וואָס איז ער? מיין באַלעבאָס? איך וויל אַ שנאַפּס וועל איך אים נעמען און קיינער קען מיר ניט פאַרווערן. — מיט אַ כוואַטסקער באַוועגונג האָט ער אָנגעגאָסן אַ גלעזל, אַריינגעגאָסן, רעשיק אַ שטעל געטון דאָס גלעזל און אַפילו הילכיק אַ בלאָז געטון — זעסטו שוין? און טו מיר עפּעס!

וואָס טוט זיך דאָ? אָט אַזוי אַ, פאַר איר אין די אויגן? זי׳ט... זי האָט אַ נעם געטון דאָס פּלעשל, עס אַ שטעל געטון לעבן זיך. — דער דאָקטאָר איז אפשר ניט קיין באַלעבאָס איבער אייך, איבער מיר איז ער יאָ, און ווען ער...

— אָה! דער דאָקטאָר איז אייער באַלעבאָס! ניט געוווסט. איצטער, אַז איך ווייס, וועל איך אים צושטעלן אַ חשבון פאַר אייערע שכירות...

ווען זי קען אים אַ פּאַטש טון אין זיין טריפהנער צורה! — הערט, מר. בוירק, מיינע שכירות צאָלט איר טאָקע, אויב אָבער איר דיינקט איך בין אייערע אַ דינסט, דאַרף איך פאָלגן וואָס איר זאָלט ניט וועלן, מאַכט איר אַ גרויסן טעות. איך בין אַ „נוירס"! איר פאַרשטייט? אַ נוירס! איך האָב דעם דאָקטאָרס אינסטרוקציעס און אויף מיר ליגט דער אחריות. ווען איר נעמט און טוט אָט דאָס אַ (זי האָט אָנגעוויזן אויפן פלעשל) קען איך עס ניט פאַרטראָגן, איך... איך קען עס פשוט ניט פאַרטראָגן!

אָט אָט צעוויינט זי זיך. דאָס קען שוין גאָדפרי בוירק ניט פאַרטראָגן. זיך רייצן מיט איר אַ ביסל, דאָס יאָ, אָבער אַזוי ווי טון. ער האָט עס ניט געוואָלט. ער האָט געמוזט נעמען אַ ביסל בראָנפן, פשוט געמוזט. ווען זי ווייסט וואָס ער האָט דורכגעמאַכט די לעצטע פאַר טעג. ער איז שיר ניט אַרונטער פון זינען. צוויי חדשים אַז ער אַרבעט אויף אַ מסחר. אַ קאָמפּליצירטער עסק. דריי צדדים, אַלע דריי קויפן און פאַרקויפן, קיינער האָט ניט געדאַרפט אַריינלייגן אָדער קריגן אַ ניקל, מ'בייט אַ קאַץ אויף אַ הונט, דער איינציקער וואָס האָט געזאָלט קריגן איז געווען ער. ניט פון די קונים. זי פאַרשטייט? אויף אַלע דריי זאַכן זיינען דאָ „מאָרטגעזשעס", איז עס געווען אַ פראַגע פון מאַניפּולירן מיט פּאַפּירן, און דאָס קען ער, מיט זיינע פאַרבינדונגען אין דער „מאָרטגעזש גאַראַנטי" האָט ער עס געקענט דורכפירן, און ער האָט עס שוין אַזוי גוט ווי דורכ־געפירט, אים וואָלט געבליבן אַ צוויי און פערציק הונדערט דאָלאַר, און דאָס וואָלט ער זיכער געקראָגן, ווען ניט דער מר. ווהאיט, אַ רוח אין זיין טאַטנס זון אַריין. אין דער לעצטער מינוט האָט ער זיך איינגעשפּאַרט: ער וויל ניט בייטן אַ שוך אויף אַ לאַפּטשע, ער וויל אַ שוך פאַר אַ שוך און אַ פּאָר שנירלעך דערצו. פינף טויזנט דאָלאַר מזומן. ווען ער זאָגט עס גלייך פון אָנהייב, דער הונט. ער איז זיינער אַ קליענט, דאָ ניט לאַנג האָט ער אים פאַרקויפט אַ הויז און דעמלט האָט ער אויך שוין אַכטונג געגעבן אַז ער זאָל חלילה ניט קריגן צופיל, דער ריכטיקער פאַרשוין, אָבער האַנדלען אָט אַזוי אַ! מילא, ער האָט אים שוין געזאָגט וואָס ער דיינקט וועגן אים, אָבער וואָס קומט אַרויס? אַוועקגעפּטרט צוויי חדשים אומזיסט, נאָך אויסגעגעבן געלט, דער עיקר איז אָבער דער פאַרדראָס. ווילסט ניט? זאָג גלייך! ניט ציען, שלעפּן און ערשט צום סוף קריגן חרטה. די הענט האָבן אים פּשוט געציטערט, אָננעמען דעם מר. ווהאיט

פאַר זיין גאַנערישן גאַרגל און אים דערוואַרגן. ער האָט ניט געקענט קוקן אויף אים, ער האָט געדאַרפט עפּעס טון, ער האָט עס ניט געקענט פאַרטראָגן, אים איז ניט גוט געוואָרן...

גאָדפרי בוירק האָט דאָס ערשטע מאָל דערציילט דער מרס. קאַפּלאַן וועגן זיינע געשעפטן, ניט נאָר דערציילט, נאָר זיך ארונטערגערעדט פון האַרצן און, געענדיקט ריידן, האָט ער אַ קוק געטון אויף איר: איצט פאַרשטייסטו שוין פאַרוואָס איך האָב גענומען, געבראַכט אַ ביסל שנאַפּס?

מרס. קאַפּלאַן האָט לייכט אָפּגעזיפצט. — יאָ, מ׳שטייט זיך אויס גענוג צרות, אָבער איר דאַרפט זיך ניט נעמען צופיל צום האַרצן, דאָס איז די ערגסטע זאַך. און דאָס אָ — האָט זי אָנגעוויזן אויפן פלעשל — איז אַ קנאַפּע סגולה. אויף אַ וויל טוט עס אַ ברי, מונטערט אויף אַ ביסל, אָבער... זי האָט אַ רוק געטון דאָס פלעשל צו זיך, קלאָר געמאַכט: איצט איז עס אין מיין רשות. און אַ זאָג געטון — איר עסט בעסער. ווי איז דאָס פלייש, גוט? — איר שמייכל: נו, ווי דען? ניט גוט? — און נאָכן עסן לייגט זיך צו, רוט זיך אָפּ און פאַרגעסט וועגן געשעפט.

גאָדפרי בוירק האָט געגעסן אָן חשק, טאַקע נאָר צוליב דער מרס. קאַפּלאַן, זי ניט באַליידיקן. — איר האָט געמאַכט קאַווע? אַ גוטע, הייסע גלאָז קאַווע!

מרס. קאַפּלאַן האָט זיך אויפגעהויבן ברייגען די קאַווע און „אגב אורחא״ מיטגענומען דאָס פלעשל בראָנפן, ס׳הייסט, ניט חלילה זי געטרויט אים ניט, נאָר בעסער אַז דער יצר הרע שטייט נישט פאַר די אויגן. גאָדפרי בוירק האָט אַ שמייכל געטון, אים איז איינגעפאַלן אַ גוטער געדאַנק...

(6)

נאָך דעם זעלבן אָוונט איז ער ארונטערגעגאַנגען און געקויפט אַן אַנדער פלעשל שנאַפּס. געבראַכט עס אין שטוב, האָט ער אַ קוק געטון אין שאַפע, געזען דאָס פריערדיקע פלעשל שנאַפּס און אַ טראַכט געטון: ניט קיין נאָר די מרס. קאַפּלאַן, זי האָט עס ניט באַהאַלטן, ער קען אָבער שווערן אַז זי האָט געמאַכט אַ סימן אויפן פלעשל... וועט ער פון דעם פלעשל טאַקע ניט נעמען, אָבער פון צווייטן קען ער נעמען אַ טרונק און דאָס פלעשל ארייַנשטעלן אין דער „קאַמזויל קעשענע״ פייער קאַסע. דער אויקציאָנער האָט זיך געחכמהט: אַט אַ ווערט פאַרקויפט אַ פייער

קאַסע, אַ גוטע שטאָלענע פּייער קאַסע, מיט אַ גוטער קאָמבינאַציע, מיט אַלץ וואָס אַ פּייער קאַסע דאַרף האָבן, מיט דער מעלה נאָך, וואָס דער וואָס וועט אָנבאָטן דעם ריכטיקן פּרייז קען זי גלייך אַריינליייגן צו זיך אין קאַמזויל קעשענע און אַוועקגיין מיט איר. אין קאַמזויל קעשענע האָט ער זי ניט אַריינגעלייגט, צו די פופצן דאָלאַר וואָס ער האָט באַצאָלט פאַר איר האָט אים נאָך געקאָסט פינף דאָלאַר זי צו ברענגען, דער נאָמען איז אָבער געבליבן — קאַמזויל קעשענע. אַהין האָט ער אַריינגעשטעלט דאָס פלעשל בראָנפן און אַ טראַכט געטון אַז מ׳קען אַהין אַריינלייגן אַ שטיקל וואורשט אויך, וועט ניט קאַליע ווערן. וועט שמעקן? ניט ווען עס וועט זיין פאַרמאַכט! די מרס. קאַפּלאַן דאַרף גאָרניט וויסן. איר ניט געדאַרפט געוועזן דערציילן וועגן די געשעפטן אויך, געהאַט אַ ביסל צופיל בראָנפן... נאָך גוט וואָס ער האָט איר ניט דערציילט וועגן... פאַולינען. זי ניט געזען נאָך זינט ער איז אַרויס פון שפּיטאָל. געדאַרפט געוועזן צוגיין...

פאַולין. אַן אלמנה פון אַ יאָר צוויי דריי און פערציק. מיטן ערשטן מאַן האָט זי געלעבט אַ יאָר צוועלף. ווען ער איז געשטאָרבן איז איר געבליבן אַ ירושה פינף טויזנט דאָלאַר, פון זיינער אַ „פּאָליסי״. און וואָס איז פינף טויזנט דאָלאַר? ווי לאַנג קען מען לעבן דאַרויף? איז ניט אַוועקגעגאַנגען קיין יאָר און זי האָט חתונה געהאַט מיט איינעם אַ הימעלפאַרב. דער האָט געלעבט מיט איר ניט מער ווי פינף יאָר, אָבער ער איז איר דערגאַנגען די יאָר אפשר פאַר צען, געוועזן זייער אייפערזיכטיק, און פאַרן שטאַרבן געלאָזט אַזאַ צוואה: פאַולין קריגט צוואַנציק טויזנט דאָלאַר, אָבער ניט מיט אַמאָל. אין משך פון פינף יאָר קריגט זי פופציק דאָלאַר אַ וואָך, בתנאי אַז זי האָט ניט חתונה, שטעלט זי אַ חופה פאַרלירט זי די ירושה. נאָך די פינף יאָר קריגט זי מזומן זיבן טויזנט דאָלאַר און זי איז פריי צו טון וואָס זי וויל — חתונה האָבן, אַזאַ צוואה.

מיט אַ דריי יאָר צוריק, ווען דזשעק האָט אים באַקאַנט מיט דער פאַולין, איז די צוואה נאָך געוועזן אין קראַפט. געוועזן איז עס כלומרשט אַ סוד, אָבער אַלע אירע נאָכגייער — און געהאַט האָט זי עטלעכע — האָבן געוווּסט דערפון. זי אַליין האָט עס פאַרטרויט יעדן איינעם, צוגעבנדיק: איך קען האַלטן די צוואה און האָבן הנאה . . . און זי האָט געקענט הנאה האָבן! זי האָט ליב געהאַט אַ מאַן, ניט אויף צו גיין מיט אים חתונה האָבן, דאָס האָט זי נאָך צייט, דאָך דאָ אַ צוואה... דערוויל קען זי פאַרברענגען מיט דזשעקן, מיט גאָדפרין, מיט לואין, און אפילו

דעם מר. קאַבליק קען זי אויך האַלטן אויפן שטריקל. דער דזשעק, זאָגן זאָגט ער, ער איז אַ „בראָקער״ אַ מעקלער, הייסט עס, זי פאַרדעכטיקט אַז ער איז פשוט אַ געמבלער, שפּילט אויף פערדלעך און גאַנץ אָפט גייט ער „געבראָכן״, קומט צו איר לייען אַ פינפערל. זי גיט עס אים גערן, ווייל ווען דאָס מזל שפּילט אים צו רינט ביי אים געלט דורך די פינגער, אין בעסטן נאַכט קלוב נעמט ער זי, אַ טענצער איז ער — איינער אין דער וועלט, זי חלשט ממש אַוועק אין זיינע אָרעמס, און אַז זי גייט אַרויס מיט אים, ווייזט אים אָן אויף אַ קלייד אין אַ פענסטער, איז קיין פראַגע ניט וויפל עס קאָסט, אַכציק, אַ הונדערט דאָלאַר, קויפט ער עס פאַר איר. ער איז אַ ספּאָרט! דער גאַדפרי אויך. אַזאַ מאָלצייט ווי ער גיט, קען קיינער אין דער וועלט. דער בחור ווייסט וואָס עסן איז! און טרינקען! ניט קיין בראָנפן, בראָנפן האָט זי פיינט, שאַמפּאַניער, און דעם בעסטן! און אַז מ׳עסט גוט אָפּ, מ׳פאַרטרינקט מיט גוטן שאַמפּאַניער, מ׳גייט נאָכדעם אַהיים, קען מען הנאה האָבן... און ער איז אויך ניט קיין קמצן. אין די ערשטע טעלעכע וואָכן האָט ער איר געקויפט אַ קעמל־האָר מאַנטל. פאַרשטייט זיך, אַ קעמל־האָר מאַנטל איז ניט קיין מאַרדערנער מאַנטל, אָבער דאָס איז ניט פאַר זיין קעשענע, כאָטש דזשעק זאָגט ער איז גאַנץ פאַרמעגלעך, אָבער דזשעק זאָגט אַ סך זאַכן... דער מר. קאָבליק, ער האָט איר שוין געגעבן אַ פוטערנעם שאַל און וואָלט איר געגעבן אַ מאַרדערנעם מאַנטל אויך, אָבער לעבן מיט אים ווי מאַן און ווייב, ער דער איינציקער, ניט טאָרן אויסריידן אַ וואָרט מיט אַ צווייטן, אַפילו ניט אַ קוק טון אויף עמיצן, הם... הם... אַפילו איצט איז ער פאַרדאַמט אייפערזיכטיק, אָבער איצט קען זי אים זאָגן, און האָט אים טאַקע געזאָגט: הער זיך אַיין, דערווייל זיינען מיר נאָך ניט מאַן און ווייב, איך קען גיין מיט וועמען איך וויל, טון וואָס איך וויל, און דו קענסט טון דאָס זעלבע, טאָ לאָז דאָס נעגען אויף שפּעטער, ווען מיר וועלן חתונה האָבן.

— פאַרוואָס קענען מיר ניט חתונה האָבן איצט, שוין?

—ווייל איך בין נאָך ניט גרייט גיין צו דער חופה, פאַרשטייסטו שוין? ווען איכ׳ל זיין גרייט וועל איך דיר לאָזן וויסן.

צי וועט זי טאַקע חתונה האָבן מיט אים ווייסט זי ניט, ווערן אַ מיסעס קאָבליק... אָבער אויפן שטריקל האַלט זי אים, וואָס שפּעטער וועט זיין וועט זי זען, דערווייל האָט איר דזשעק דערציילט אַז גאָדפרי איז זייער קראַנק, געווען אין שפּיטאָל און אַז עס וואָלט געווען ניט מער ווי

רעכט זי זאָל אַרויפגיין צו אים, זען וואָס ער מאַכט, ער דאַרף אפשר האָבן אַ ווייב... זאָל זי אים אַנטשולדיקן, אַ פרוי, וואָס זאָל אַכטונג געבן אויף אים... דער דזשעק איז אַ געפּערלעכער יונג. אַן איינפאַל, ווערן גאָדפריס ווייב בלויז דערפאַר ווייל ער איז זייער קראַנק... צוריק געקעדט, צוויי מענער האָט זי דאָך שוין געירשנט, פאַרוואָס ניט אַ דריטן? ניט קיין שלעכטער שפּאַס... סיי ווי, אַרויפגיין צו אים וועט זי.

קודם האָט זיך אים געוואָרפן אין די אויגן דאָס סטריזשקעלע האָר אויף איר נידעריקן שטערן. פאַולין! אַלע מאָל עפּעס נייס. דאָס סטריזשקעלע מאַכט איר אויסזען אַ סך יונגער. וואָס, וואָס, אויף אירע ווייבערישע זאַכן טויג זי זיך אויס. נו יאָ, „ביוטי פאַרלאָר", פון קופּער רויט געוואָרן נוס ברוין, אָבער עס פּאַסט איר, זי זעט אויס...

זי האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט אים. — געהערט ביסט געווען קראַנק.

— קראַנק. איך ווייס, עפּעס אַ קלייניקייט.

— ביסט געווען אין שפּיטאָל!

— ווער האָט עס דיר געזאָגט?

— געטראָפן דזשעקן, האָט ער מיר דערציילט ביסט געווען אין שפּיטאָל און קיין מאָן גייט ניט אין שפּיטאָל דאָרט ליגן אין קימפּעט...

— דער... קימפּעט האָט געדויערט אַ פּאָר טעג בלויז. זיי האָבן געפונען אַ ביסל צוקער, האָבן זיי מיר געגעבן אינסולין, אָנגעזאָגט וואָס צו עסן און מיך געשיקט אַהיים.

— מיר האָסטו אַפילו ניט געלאָזט וויסן, דו שלעכטער יינגל...

דאָס „שלעכטע יינגל" איז ניט געווען קיין מאַמישער... אירע אויגן געל־גרינע, קעצישע, אַ קאַץ קוקט אויף סמעטענע...

— ניט געווען וואָס צו לאָזן וויסן. מאַלע וואָס אַ מענטש פילט אַמאָל ניט גוט.

— זעסט אויס ווי דו וואָלסט פאַרלוירן אַ היפּש ביסל וואָג.

— נו, איך האָב פאַרלוירן אַ פּאָר פונט. ווייסט'אָך, דיעטע, קיינע קראָכמאַל, דער דאָקטאָר וויל איך זאָל פאַרלירן נאָך, בעסער פאַר מיר. בין איך פאַרזיכטיק מיטן עסן, גיי זעלטן וועו אין אַ רעסטאָראַן.

— ווער גרייט פאַר דיר צו עסן?

— אַ פרוי. איינע אַ מרס. קאַפּלאַן.

— אָה...!

גאָדפרי בוירק האָט אַ שמייכל געטון. — די מרס. קאַפּלאַן איז צוויי און זעכציק יאָר אַלט, זי איז אַ גוטע פרוי און אַ וווּנדערבאַרע קעכן.

— דאָס איז פיין! און ווער גיט אויף דיר אַכטונג ביינאַכט?

— ביי־נאַכט! ווער דאַרף אויף מיר אַכטונג געבן ביינאַכט? איך קען אַליין אַכטונג געבן אויף זיך.

— איך בין ניט אַזוי זיכער אין דעם. ווייסט וואָס איך דיינק? דאַרפסט חתונה האָבן! יעס סיר, חתונה האָבן, האָבן אַ ווייב, ניט אַ מרס. קאַפּלאַן.

ער האָט עס דערזען אין אירע אויגן, אויף איר מויל, אָט דער פאַרדאַמטער מויל אירער, מיט איר צינגל, מיט... זי איז דאָס געקומען אים רעדן אַ שידוך... ער און זי — מאַן און ווייב, זי גיט אויף אים אַכטונג... הייבט זיך ניט אָן, זי איז געקומען נאָך ירושה... דזשעק האָט איר דערציילט ער איז זייער קראַנק... דאָס איז אפשר גאָר זיין שטיקל אַרבעט... אַזאַ... טכויר...

— נו, פּאָול, (דאָס איז געווען דער ליבלינג נאָמען) מיינע חתונה טעג זיינען פאַראיבער. צו שפּעט.

— חתונה האָבן און שטאַרבן איז קיינמאָל ניט צו שפּעט.

— וועגן שטאַרבן ביסטו אפשר גערעכט, חתונה האָבן? וועלכע משוגענע וועט עס חתונה האָבן מיט אַן אַלטן קראַנקן בחור, זיין ביי אים אַ... אַ וואָרטספּרוי?

— ווערסט זיין איבעררעשט. איך גופא וואָלט דיר געקענט רעקאָ־מענדירן איינע...

— קען זיין. איך האַלט אָבער אַז די מרס. קאַפּלאַן איז ווי אַנגעמאָסטן פאַר מיר. יאָ, איכ׳ל שוין שטאַרבן אַן אַלטער בחור.

— נו, דו קענסט זיך שטאַרבן אַן אַלטער בחור, איך האָב ניט בדעה צו שטאַרבן אַ יונגע אלמנה.

— אין דעם בין איך זיכער. דו, מיט דיין שטאַלט, דיין פּנים, דיין... סטריזשקעלע...

— געפעלט דיר? — זי האָט אַ לייג געטון אירע פינגער צום שטערן.

— צי עס געפעלט מיר! קוקסט אויס ווי אַ יונג מיידעלע.

— קיין מיידעלע, ווייסטו, בין איך ניט, אָבער יונג בין איך, איך פיל זיך יונג.

— דאָס וואָס איך זאָג, דו, מיט דיין אויסזען, קענסט נאָך פּאַקן אַ יונג בחורל...

— יונגע בחורימלעך זיינען ניט מיין געשמאַק. דאָס לאָז איך פאַר די אַלטע ווייבער, זאָלן זיי חתונה האָבן מיט יונגע צוציקעס און ציטערן

איבער זיי, איכ'ל נעמען אַ מאַן עלטער פון מיר כאָטש מיט אַ פינף יאָר און זאָל ע ר ציטערן איבער מ י ר. און, גלויב מיר, ער'ט ביי מיר ציטערן.

— וואָס, דו גייסט שוין? וואַרט אַ ווײַלע. וואָס איז מכוח גיין ערגעץ, כאַפּן אַ בייס צוזאַמען?

אין זיינע אויגן, אויף זיינע ציין, אַנטפּלעקט בעתן שמייכלען, האָט זי דערזען וואָס ער וויל „בייסן" און אירע קעציש אויגן האָבן געענטפערט: אַ מבין אויף אַ טשאַד... אַ מכה! — איך האָב אָפּגערעדט צו טרעפן זיך מיט עמיצן האַלב נאָך פינף. — זי האָט אַ דריי געטון די האַנט, אַ בליק געטון אויפן זייגערל. — איך דאַרף שוין גיין. געטראַכט, אויפן וועג, אַרויפגיין אַ קוק טון, זען וואָס מאַכט ער עפּעס דער אַלטער בחור.

— דער אַלטער בחור איז „אַ קעי"!

— איז ער? — איר קוק: געדיינק, ווּעסט חרטה האָבן...

— אויף ווי ווייט איך ווייס פעלט אים קיין זאַך.

— נו, איך גלויב דו ווייסט בעסער פון מיר. איז אַ גוטן.

דער שטח פון ביידנס אַרעמס — אַ נייטראַלע זאַנע, וואָס קיינער טאָר ניט איבערטרעטן, בלויז די אויגן האָבן אַ לויף געטון און אַ שמייכל, אַ קליין שדל, איז אַרומגעשפּרונגען: האָב איך עס אָפּגעטון אַ שטיקל אַרבעט...!

(7)

דאָס איז דזשעקס אַרבעט. ער האָט עס דערציילט פּאַולינען וועגן זיין קריינק, וועגן זיין עשירות... זי האָט זיך עס באַדאַרפט טרעפן מיט אים, אָפּגעבן דעם באַריכט. ער קען זיך וועטן זיי זיינען איצט אין מישעלס רעסטאָראַן. ער'ט גיין אַהין. וואָס וועט ער דאָרטן טון? ער'ט שוין זען.

אין מישעלס האָט ער זיי ניט געטראָפן. האָט ער אַליין געגעסן, געטרונקען, זיך געלאָזט ווילגיין און ווען ער האָט שוין געמישט די שוואַרצע קאַווע מיט אַ היפּש ביסל ברענדי, האָט ער אַריינגעשמייכלט אין טעפּל קאַווע: פּאַולין האָט זיך באַליידיקט, צוריקגעוויזן איר חתונה פאָרשלאָג. יעדע פרוי וואָלט זיך באַליידיקט. נו, פּאַולין איז ניט „יעדע פרוי", זי איז... אפשר ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע... אָבער זי איז אַ „ביילאגע". יאָ, דאָס איז זי, היינט ליגן מיט דעם, מאָרגן מיט אַ צווייטן.

איר קויפן אַ קלײדל, אַ שטיקל צירונג װעט זי זיך איבערבעטן... און דער דזשעק...? אים האָט ער אין דר׳ערד. אים װיל ער גאָר ניט זען.

דורך דער װאָך האָט ער זיך אַרײנגעכאַפּט פונדעסטװעגן צו טאָנין אין רעסטאָראַן, אפשר װעט ער דאָרטן כאַפּן דזשעקן און, װען ער האָט אים דאָרטן ניט געטראָפן, האָט ער אים װידער געהאַט אין דר׳ערד, נאָר שבת פאַרנאַכט, אַז דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען, ער האָט דערהערט דזשעק׳ס: העללאָ, בוירק! האָט אַ װינקל פון רעכטן אויג זיך צוגעמאַכט, ער האָט ממש געװונקען צום טעלעפאָן טרײבל: נו, װאָס האָב איך געזאָגט? לעצטן שבת זי, הײנט ער. דאָס איז עס. — אָה, העללאָ, דזשעק! װאָס איך טו הײנט? גאָרניט. װאָס איז מכוח אַריבערקומען? גײן ערגעץ? איך... װײס ניט. הערט, דזשעק! מיר איז אײנגעפאַלן אַ געדאַנק: װאָס איז מכוח אַ בחורישער װעטשערע? בײ מיר טאַקע. דאַרפט גאָרניט ברענגען. איך האָב אַלץ, עסן און טרינקען, און גוטע סחורה! װעל איך זען אין אַ שעה צװײ. איז גוט.

גאָדפרי בוירק האָט זיך געריבן די הענט. ער קומט. גוט. ער האָסט אים, קען ניט קוקן אויף זײן פרצוף. אַלע מאָל זעט ער אויס האַלב פאַרשלאָפן, דאָס איז אָבער ניט מער װי אַ מאַסקע, װען ער טוט אַ קוק מיט זײנע אַרויסגעסטאַרטשעטע באַנקע־אויגאַנעס, איז עס אַ קוק פון אַ קאַלטן מערדער. הײנט זײנע װענצעלעך... עקעלעך פון אַ שטשור. ער איז אַ שטשור. טאַקע דערפאַר װיל ער אים זען, אויג אויף אויג, רעדן מיט אים, זאָגן אים װאָס ער דײנקט װעגן אים. ער׳ט אים שוין זאָגן...

דער הויפּט סאַרװער פון אַ רײכן האָטעל באַטראַכט זײן סאַרװירטן באַנקעט, אַזוי האָט גאָדפרי בוירק באַטראַכט זײן טיש, און געװען צופרידן. דער קאַװיאַר, צוגעריכט מיט אַ ציבעלקעלע, זײער פײן צעשניטן, באַשפּריצט מיט לימענע, שטשיפּעט ממש זײן צונג. אַ קלײן ביסעלע אויף אַ פענעצל, טאַקע נאָר פאַרזוכן. ער האָט פאַרזוכט — פײן! די אַנטשאָװיס װעט ער ניט טשעפּען. דאָס געװירכערטע, געפעפערטע פלײש, דער צונג, װורשט — אַלץ איז גוט. די זויערע אוגערקעס, פעפערלעך, אַליװן זעען אויס גוט; ברויט, פון פּאַמפּערניקל ביז בײגל מיט ציבעלע — די לעצטע דערפינדונג — גענוג צום עסן. צום טרינקען אויך דאָ גענוג — צװײ אַכטלעך בראַנפן (װעט בלײבן, װעט ער אַרײנשטעלן אין „קאַמזויל קעשענע״, כאָטש דאָרטן שטײט אַלע מאָל אַ קנקן־תמיד), צװײ פלעשלעך װײן, אַ רויטער און אַ װײסער. הײנט די גריװון! דאָס איז גאָר פײן.

איין גריוו וועט ער נעמען. איין גריוו מיט אַ גלעזעלע בראָנפן. גוט! ער האָט אַזש פאַרמאַכט די אויגן. איצט קען ער קומען, דזשעק.

דזשעק האָט אויף זיך ניט געלאָזט וואַרטן. אַריינגעקומען, דערזען דעם טיש, האָט ער אויסגערופן: וואָס איז דאָס, אַ באַנקעט?

— בלויז אַ ביס, — האָט גאָדפרי בוירק געענטפערט מיט גאוהדיקער עניוות.

— נישקשה פון אַ ביס, איר האָט דאָ געגוג פאַר אַן אַרמיי.

— מיר זיינען אַן אַרמיי פון צוויי. קיין סך צו עסן איז ניטאָ, פון אַלץ צו ביסלעך. איך געזאָגט: אַ בחורישע וועטשערע.

— נו, הונגעריקע וועלן מיר שוין ניט אַוועקגיין. איז וואָס מאַכט איר?

— פיין!

— איר קוקט אויס גאַנץ גוט. אַ סך בעסער ווי ווען איך האָב אייך געזען לעצטן מאָל. דעמלט האָב איך געדיינקט איר זייט ווירקלעך קראַנק. מ׳האָט דיך אין דר׳ערד מיט דיינע „קאָמפּלימענטן”. ווירקלעך קראַנק. געמיינט איך שטאַרב שוין, דערפאַר אונטערגעשיקט פּאָלינען. — קראַנק. אַ ביסל צוקער, דאָס אַלעס.

— מעגט איר עסן דאָס אַלעס? כ׳מיין צוליב׳ן צוקער.

— מיט אינסולין מעג איך עסן אַ ל ץ. איז וואָס איז טאַקע מכוח עסן? אַלץ איז גרייט, חוץ קאַווע. איך שטעל טאַקע גלייך אַרויף וואַסער צום קאָכן און מיר גייען צום טיש.

צוויי זולל וסובאניקעס האָבן געגעסן, געטרונקען, זיך פּאַסמאַקעוועט מיט יעדן ביסן און שלוק און, ווען דזשעק האָט אַ פרעג געטון: וואָס איז דאָס? האָט גאָדפרי בוירק כלומרשט תמעוואַטע איבערגעפרעגט: דאָס אַ? גריוון! ווייסט ניט וואָס גריוון איז?

— קיינמאָל ניט געהערט.

— בייקאָן, ווייסט איר? נו, דאָס איז כשרער בייקאָן! — האָט גאָדפרי בוירק טריאומפירט. דזשעק קען זיך האַלטן פאַר אַ גאַסטראָנאָם, און ער ווייסט טאַקע וואָס עסן איז, אָבער צו אים קומט ער ניט. ער האָט דערקלערט וועגן גריוון מיט אַזאַ שטאָלץ ווי ער וואָלט זיי אַליין געפּרעגלט, אָדער גאָר געהאָדעוועט די גענז. דזשעק האָט אַרויסגעוויזן זיין בקיאות אין געטראַנקען, מ׳האָט גערעדט וועגן רעסטאָראַנען, מאכלים, משקאות און איין פלעשל בראָנפן איז שוין געווען אויסגעליידיקט, ווין האָט מען שוין געהאַלטן ביים צווייטן פלעשל.

— און ווי איז געשעפט?

— קען זיך ניט באַקלאָגן. אָט דער אַ באַנקעט, ווי איר זאָגט, איז אַ מין פֿייערונג לכבוד אַ מסחר וואָס איך האָב נאָר וואָס דורכגעפֿירט. אַ קאָמפּליצירטער מסחר. דריי צדדים. די שענסטע זאַך — קיינער פֿון די דריי צדדים האָט ניט אַריינגעלייגט אַ ניקל, געוועזן אַ פֿראַגע פֿון מאַניפּולירן פּאַפּירן, און ווען עס קומט צו די ענינים ווייס איך שוין ווו אַ טיר עפֿנט זיך, האָב גוטע פֿאַרבינדונגען מיט די מאָרטגעדזש קאָמפּאַניעס, אַזוי אַז מיר וועט בלייבן אַן ערך פֿינף טויזנט דאָלאַר, איך דיינק צוויי און פֿופֿציק מיט עפּעס. מאָנטיק גייט עס אין עסקראו.

— נישט שלעכט.

— געאַרבעט גאַנץ שווער דערויף. און ווי איז עס אין אייער... געשעפֿט? (געשעפֿט! אַ געמבלער!)

— אין אונזערע געשעפֿטן, ווייסט איר דאָך, קען היינט זיין „בום" און מאָרגן „באָם", אין דורכשניט איז ניט שלעכט.

„באָם", האָט ער געזאָגט. מסתם שוין פֿאַרלאָרן די הויזן, געקומען „אויסבאָמען" אַ פּאָר דאָלאַר. אַ מכה! אַ סענט וועט ער ביים אים ניט קריגן, אָט דער...

דער געשעפֿט געשפּרעך האָט זיך איבערגעריסן. גאָדפֿרי בוירק האָט שוין אַ טראַכט געטון וועגן „אָננעמען דעם אָקס פֿאַר די הערנער", אַ פֿרעג טון וועגן פּאַולינען, האָט עס אָבער עקשנותדיק אָפּגעשטופּט, זאָל ער עס אַרויסברייגען. מ'האָט שוין געהאַלטן ביי דער קאַווע, ווען דזשעק האָט אַ זאָג — אַ פֿרעג געטון: איר גייט ניט אַרויס לעצטנס צו אָפּט? — גאָדפֿרי בוירק האָט אַ הייב געטון דעם קאָפּ. — איך מיין, אין אַ רעסטאָראַן, קאַבאַרעט...

— פֿאַראַכטאָגן שבת געווען ביי מישעלן...

— הער אַ מעשה! איך האָב אויך געזאָלט גיין אַהין, האָט פּאַולין אָנגעקלינגען, זי וויל גיין ערגעץ, וואו מ'קען טאַנצן, פֿאַרברייגען... זיינען מיר אַוועק אין די פּעטי פּאַריזיען.

פּאַולין, פֿאַראַכטאָגן שבת. שטימט. וואָס דען, ער האָט ניט געוווסט?

— זי איז דאָ געווען, — האָט גאָדפֿרי בוירק „צופֿעליק" פֿאַרלאָרן די פּאָר ווערטער.

— איך ווייס, זי האָט מיר דערציילט.

— וואָס האָט זי דערציילט?

— ניט קיין סך. זי האָט מיר געזאָגט איר זעט אויס גאַנץ גוט.

— דאָס אַלעס?

— כמעט. וואָס איז דען? (וואָס שמייכלט ער, דער אידיאָט? ער וואָלט אים פאַרפאָרן אין דער צורה.)

— אָה, גאָרניט. — (אים זאָגן, אַריינשרייען אים אין פּנים אַריין: ביסט אַ טכויר! אַ פּנים דאָס האָט, די פּאַסמע האָר אויסגעלייגט אין דער ברייט צו פאַרדעקן דעם פּליך. אַ נעם טאָן פאַר די האָר, אַ צי טון...) — ווייסט איר וואָס זי האָט מיר געזאָגט?

— פון וואַנעט זאָל איך וויסן?

ער ווייסט, נעבעך, ניט. אַ כשר לעמעלע. אָט דער... — מיר פאַרגעלייגט זי וועט קומען אַכטונג געבן אויף מיר... — (זען וואָס וועט ער איצטער זאָגן.)

— ניט קיין שלעכטע אידייע. זי האָט סיי ווי ניט וואָס צו טון.

דאָס איז עס. דאָס איז זיין שטיקל אַרבעט. — איר דיינקט אַזוי?

— פאַולין איז אַ גוטע פרוי. זייער אַ גוטע פרוי.

— איר קענט ניט פאַולינען, קענט זי ניט אַזוי גוט ווי איך. איך קען זי נאָך ווען זי האָט געלעבט מיט איר מאַן, דעם מר. הימעלפאַרב. ווייסט איר, אַז איך האָב אַפילו ניט געקענט צוקומען נאָענט צו איר, אָפּגערעדט שוין פון אַ קוש טון? איר'ט ניט גלויבן, אָבער דאָס איז אַ פאַקט. ערשט ווען ער איז געשטאָרבן, איבערגעלאָזט די נאַרישע צוואה, האָט זי אָנגעהויבן טון זאַכן און, ווי איך פאַרשטיי, איז עס געווען אַ מין צו להכעיס, זי האָט געוואָלט זיך נוקם זיין אָן אים.

— איך מוז אייך זאָגן אַז זי האָט זיך נוקם געווען גאַנץ נישקשהדיק...

— נו יאָ, זי האָט עס געטון אפשר שוין אַ ביסעלע צופיל, אָבער דאָס מיינט גאָרניט. זאָל זי חתונה האָבן מיט עמיצן, מיט איינעם וואָס זאָל איר געפעלן, קען איך אייך פאַרזיכערן אַז זי וועט זיין אַ געטרייע ווייב, אַן אמת געטרייע ווייב.

הערסט, ער רעדט דאָך אים טאַקע אַ שידוך. אַ געלעכטער! דער געלעכטער שפּאַרט זיך דורך אין דעם אויסרוף: אָה, י־ע...! און דער אויסרוף, דאָס אויסגעקרימט מויל, דער שפּאָטישער שמייכל אין די שכורע אויגן לאַכט, שפּעט פון דזשעקן. אים געפעלט עס ניט? אודאי. גוט אַזוי. ער'ט אים נאָך דערלאַנגען. — ווען איך בין איר וואָלט איך חתונה געהאַט מיט איר... (דערלאַנגט, האַ?)

— איך... איך שטיי ניט אין שידוכים.

אָה, ער איז שוין אין כעס? גוט אַזוי. — נו, איך האַלט אויך ניט ביי גיין צו דער חופּה, דאָס וויל איך איר זאָלט וויסן — (דיר אַריינ־

געהאַקט!) — און, ווי צוויי גוטע אַלטע בחורים, לאָמיר טרינקען לחיים. — די האַנט האָט קוים איינגעהאַלטן די פלאַש וויין, דאָס העלזל האָט אונטער־געטאַנצט איבער די גלעזלעך, ער האָט דאָך זיי אָנגעפילט, זיך אונטער־געהייבן אַ ביסל, און האַלב שטייענדיק, פאַרגיסנדיק וויין, האָט ער אויסגערופן: לחיים! פאַר דער אישה צנועה מרת פּאַולין... פּאַ־או־לין... אָה, כאַפּט דער רוח איר נאָמען. לחיים! — אַ היפש ביסל וויין האָט ער פאַרגאָסן אויפן קין, אויף דער העמד, אַרונטערגעשלינגען דאָס איבעריקע, האָט ער זיך אַ זעץ געטון אויפן ביינקל. דערזען דזשעקס גלעזל פול, ניט גערירט, האָט ער כעסיק אַ פרעג געטון: פאַרוואָס טרינקט איר ניט?

— איך האָב געהאַט גענוג, און איך דיינק אַז איר האָט שוין געהאַט אַ ביסל צופיל.

— ווער? איך! איך קען זיך פאַרמעסטן טרינקען מיט יעדן איינעם! יעס, סיר!

— איך דיינק איר זייט שיכור.

— איך, שיכור!

— יאָ, איר זייט פּשוט שיכור. ווען איר פאָלגט מיך וואָלט איר זיך אַוועקגעלייגט.

— אַ דאַנק פאַר דער עצה. האַלט זי פאַר זיך. איך וויל אַ טרונק און איכ׳ל... האַלט אַייערע הענט אויך פאַר זיך! — האָט ער אָפּגעשאַרט דזשעקס האַנט, וואָס האָט אים געזאָלט אָפּשטעלן פון אָנגיסן נאָך אַ גלעזל וויין.

דזשעקס מויל האָט זיך אַ קרים געטון. ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, זיך אַ הייב געטון פון ביינקל. — איך גלויב איך האָב געהאַט גענוג. — זיינע אויגן האָבן אַ בלאָנזע געטון איבערן צימער, דערזען זיין היטל, האָט ער אַ שפּאַן געטון, זי גענומען אין האַנט אַריין, געבליבן שטיין. גאָדפרי בוירק האָט ווי נאָר וואָס אים דערזען.

— אָה, איר גייט אַוועק? וואָס איילט איר זיך? דאָ האָט איר אייער היטל און מאַנטל, — האָט ער שיכור־פריילעך געשפּאַסט.

— יאָ, איך גיי און גוד ביי, מיסטער בוירק! — אין דעם „גוד ביי" איז געווען אַן אָנזאָג, אַ דראָאונג: איכ׳ל דיך שוין מער ניט זען, אין דעם „מיסטער" איז געלעגן פאַראַכטונג: ביטאָ וועמען צו זען.

— גוד — ביי, — האָט גאָדפרי בוירק געענטפערט ווי פון ערגעץ ווייט און מיט אַ שיכורן צוזינג איבערגעחזרט: גוד ביי! ערשט ווען די

טיר האָט אַ קלאַפּ געטון האָט ער אים נאָכגעשיקט: קענסט גיין צון אַל די רוחות.

מ׳האָט אים אין דר׳ערד. דאַרף אים האָבן? געוואָלט אים זען, זאָגן אים וואָס ער דיינקט וועגן אים. און ער האָט אים געזאָגט! האָסט אים גאָרניט געזאָגט! האָסט אים געדאַרפט זאָגן: פּאָולין, זי איז אַ קורווע, און דו ביסט איר אַלפאָנס. דאָס האָסטו אים געדאַרפט זאָגן! געזאָגט האָסטו ליגן. פאַרדינט פינף טויזנט דאָלאַר. דו ליגנער דו. גאָדפרי בוירק! ביסט אַ ליגנער, אַ בלאָף, אַ שווינדל, ביסט גדליה בערקאָוויטש, ביסטו, און פאַרמאָגסט ניט קיין פינף טויזנט דאָלאַר מזומן. דיין באַלאַנס אין באַנק, לעצטן חודש האָסטו דאָך געצאָלט אַן אַכציק סענט פאַר טשעקס, אַ נס וואָס דו האָסט די דירה געלט פון דער אַלטער חורבה. זיך דערמאָנט, אין „קאַמזויל קעשענע״ ליגט אַ פאָר הונדערט דאָלאַר, דאַרפן מאָרגן דעפּאָנירן. וואָס איז מאָרגן? זונטיק. די מרס. קאַפּלאַן קומט. דאַרפן צוראַמען איידער זי קומט, זי׳ט דערזען, וועט זי מאַכן אַ גוואַלד. מ׳האָט זי אויך אין . . . ווער, צון אַל די שוואַרצע יאָר, איז זי? זיין באַלעבאָס? ער איז באַלעבאָס! ער וויל עסן, עסט ער, ער וויל טרינקען, טרינקט ער, און קיינער קען אים קיין דעה ניט זאָגן. קיינער! די האַנט האָט אַ שאַר געטון, איבערגעקערט אַ פלעשל, אַ פאָר גלעלעך אויפן טיש און זיך אַרונטערגעלאָזט צום דיל צו. דער אָרעם איז געהאַנגען לויז, אַן אָרעם פאַר זיך, עפּעס אַ דינער פאָדים דאָרט האַלט אים צוגעבונדן צום קערפּער, אָבער דער דינער פאָדים איז אַ שטאָלענער, שטאַרק און בויגיק, דער אָרעם אַ בלייענער, שווער און ציעוו־דיק, ער שלעפּט און ציט דעם קערפּער ציט אים, ציט אים . . . אים אַרונטערגעצויגן.

⁂

די מרס. קאַפּלאַן האָט קודם דערזען דעם טיש, די פלעשלעך, גלעזלעך, ערשט נאָכדעם האָט זי „באַמערקט״ מר. בוירקן אויף דער ערד. אירע הענט האָבן זיך אַ יאָג געטון צו די באַקן: גאָט, מיין גאָט! זי האָט זיך אָנגעבויגן. — מר. בוירק! מר. בוירק! — ניט געקראָגן קיין ענטפער, האָט זי צוגעלייגט דעם אויער צו זיין ברוסט. ער אָטעמט יאָ. אָבער...

זי האָט זיך אויסגעגלייכט. וואָס טוט מען? איז ער קראַנק, אָדער פשוט שיכור? אפשר אַ גאָס טון וואַסער, אים לאָזן אַ שמעק טון אַמאָניע? אים אויפהייבן? ניט פאַר אירע כוחות, און אפשר דאַרף זי דאָס גאָרניט טון, אפשר רופן עמיצן, פאָליציי, דעם דאָקטאָר. זי האָט ממש געשריען אין טעלעפאָן: עס איז דרינגענד, זייער דרינגענד, און געקראָגן דעם

ענטפער, אַז דער דאָקטאָר קומט, איז זי געבליבן שטיין, ניט וויסנדיק וואָס פריער צו טון. צונעמען פון טיש? אפשר דאַרף מען גאָרניט, ווי אַ זאַך מאַכט זיך... די באַלעבאָסטע אין איר האָט אָבער ניט דערלאָזט אַזאַ הפקרות, עס איז איר אויך עפּעס ניט אָנגעשטאַנען דער דאָקטאָר, ווער ס׳ניט איז, זאָל זען ווי איר מר. בוירק האָט זיך אויפגעפירט. מיט וועמען האָט ער עס אַזוי געהוליעט? ניט מיט קיין פרוי? סיי ווי, פון טיש דאַרף מען צונעמען.

דער דאָקטאָר האָט שטייענדיק אַרונטערגעקוקט אויף מר. בוירק. — ווי לאַנג אַז ער ליגט שוין אַזוי?

— ווי לאַנג? די מרס. קאַפּלאַן האָט זיך געחידושט. דאָס איז איר גאָר ניט איינגעפאַלן אַ קלער צו טון. — זי ווייסט ניט. וואָס ווייסט זי? זי איז געקומען האָט זי אים געפונען אָט אַזוי אַ... זי האָט אים נישט געטשעפּעט. זי האָט מורא געהאַט, זי האָט גאָר געוואָלט רופן די פּאָליציי...

— וואָס עפּעס פּאָליציי?

— פאַרשטייט איר מיך, דאָ איז געווען אַ „ווילדע פּאַרטי", איר האָט באַדאַרפט זען אַ טיש!...

— אַהאַ, איך פאַרשטיי. גוט האָט זי געטון וואָס זי האָט קיין פּאָליציי ניט גערופן. ער איז ניט טויט, עס זעט זיך ניט עמיצער זאָל אים האָבן עפּעס געטון, און קיינער האָט אים ניט פאַרסמט אויך, אויב ער האָט זיך פאַרסמט, האָט ער עס געטון איינער אַליין. לאָמיר אים אויפהייבן, אַוועקלייגן דאָ אויפן... קאַנאַפּע.

אַ פליכטיקער עקזאַמען און דער דאָקטאָר, ניט זאָגנדיק אַ וואָרט דער מרס. קאַפּלאַן, האָט אָנגעקלינגען אין שפּיטאָל, געהייסן אַרויסשיקן אַן אַמבולאַנס. פאַרטיק מיטן טעלעפאָן, האָט ער אַ זאָג געטון: זייל׳ן דאָ זיין אין אַ צען מינוט. אַ קאָמאַ פאַרשטייט זיך. דאָס איז שוין דאָס צווייטע מאָל. דעמלט אים אַרויסגעשלעפּט, איצטער... גאָט ווייסט.

— דיינקט איר ווירקלעך אַז ער... אַז ס׳איז ערנסט?

— פאַרדאַמט ערנסט.

— אַ רחמנות.

— איר׳ט מיך פרעגן, וועל איך אייך זאָגן: אַ מצווה.

— אָה, דאָקטאָר...!

— פאַרשטייט איר מיך? דער מענטש האָט זיך פשוט געריסן צום

טויט. ער האָט זיך געהאַט עפּעס אַן עם־הארצישע פילאָזאָפיע, אַז לעבן מיינט הנאה האָבן, און הנאה דוקא פון עסן. עסן! עסן!

— ביי אונז איז דאָ אַ ווערטל: אַ רוח אין דעמ׳ס טאַטן ווער עס וויל נישט שיין גיין (אָנגעטון) און גוט עסן.

— דאָס קען זיך זיין ריכטיק, ווען זשע, ווען מ׳עסט כדי צו לעבן, אָבער לעבן צוליבן עסן? ל ע ב ן אָ ן ט ע ם דאָס איז גאָרניט, דער עיקר דאָס ע ס ן זאָל האָבן אַ ט ע ם, ער מוז דוקא עסן אַ זויערע אוגערקע און טרינקען אַ ביסל בראָנפן. און, זאָגט אײַך וואָס איר ווילט, שטאַרבן צוליב אַ זויערער אוגערקע איז פּשוט לעכערלעך. אָבער פאַרפאַלן, אַזוי זיינען שוין מענטשן. — ער האָט אַ בליק געטון אויפן האַנט זייגערל. — וועלן דאָ זיין אַ ליאַדע מינוט. ביז איך בין נאָך דאָ, זאָגט מיר, קומט ער אייך געלט?

— ניין, בלויז פאַר דער וואָך. געוויינלעך האָט ער מיר געצאָלט יעדן זונטיק.

— נו, אויף דעם, גלויב איך, וועט שוין עמיצער אַכטונג געבן. ווייסט איר צי ער האָט קרובים, אייגענע?

— איך ווייס אַז ער האָט אַ שוועסטער.

— לאָזט איר בעסער וויסן.

— וואָס זאָל איך איר זאָגן?

— זאָגט איר... אָט איז שוין דער אַמבולאַנס. שנעל געמאַכט. זאָגט איר... גאָרניט, רופט זי ניט ביז איכ׳ל אײַך קלינגען פון שפּיטאָל, אָה, אין אַ שעה אַרום. אגב, וואָס איז דער טעלעפאָן נומער?

דער דאָקטאָר האָט אויף גיך פאַרצייכנט דעם נומער און צו די צוויי מענער וואָס האָבן זיך אַריינגעשטעלט מיטן טראָג בעטל, אַ זאָג געטון: דאָ אָ!

מ׳האָט אַרויסגעטראָגן מר. בוירק איז ווי מ׳וואָלט אַרויסגעטראָגן אירן אַן אייגענעם, טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן; דער אַמבולאַנס איז אָפּגעפאָרן, האָט זי דערפילט די דירה איז אויס־געליידיקט געוואָרן, זי אַ פרעמדע, ניט נאָר אַ פרעמדע, נאָר ממש אַ... גנבטע. וואָס טוט זי דאָ? זי האָט זיך אַזש אַ טרייסל געטון. וואָס הייסט, וואָס זי טוט דאָ? מ׳דאַרף דאָך אויפראַמען! ער האָט דאָך איבערגעלאָזט אַ... הקדש!

פריער האָט זי זיך גענומען צו דער קיך, נאָכדעם, ווען זי האָט גענומען דעם עלעקטרישן קערער, גרייט אויסצוקערן דעם גרויסן צימער,

האָט זיך איר אַ וואָרף געטון אין די אויגן די קליינע פּייער קאַסע. זי האָט זיך אַלע מאָל געחידושט: אַ בעלנות פון אַ מענטשן, האָבן אַ פּייער קאַסע ביי זיך אין שטוב, און ווו האָט ער עס דערטאַפּט אַזאַ פּיצעלע? זי האָט גאָר ניט געוווסט אַז מ׳מאַכט אַזעלכע קליינינקע. און וואָס האַלט ער דאָרט? די קאַסע איז אָבער אַלע מאָל געווען פאַרשלאָסן, איצטער האָט זי געזען דאָס טירל איז ניט שטילנע צוגעמאַכט. זי׳ט אַ קוק טון. טאַקע בלויז אויף טשיקאַוועס. אַרומקוקנדיק זיך צי קיינער זעט ניט, הערט ניט ווי זי פאָרעט זיך, האָט זי אַן עפן געטון דאָס טירל און דערזען דאָרט אַ... פלעשל בראָנפן. — טפוי זאָל עס ווערן! — האָט זי אויסגערופן, אַ שטופּ געטון דאָס פלעשל. וואַרט, דאָ איז דאָ אַ שופלאָדל, וואָס האַלט ער דאָרט?

דאָרטן האָט זי געפונען פּאַפּירן, האַרטע, צענויפגעלייגטע. איין פּאַפּיר, אַ געדרוקטן, האָט זי דערקענט — אַ „אינשורנס פּאַליסי״. זי האָט אויך אַזאַ. די אַנדערע? די פּאַפּירן האָבן זיך גענומען גליטשן, פון צווישן זיי האָבן גענומען אַרויספאַלן געלט פּאַפּירלעך. זי האָט איבערגעציילט — עלף צוואַנציק דאָלאַרדיקע. זי האָט זיי גענומען שטורכען צוריק צווישן די פּאַפּירן, זיי אַריינלייגן אין שופלאָדל, און זיך פאַרהאַלטן. קיינער ווייסט ניט וועגן דעם... און אַז ער׳ט קומען צוריק? מאָלט׳יך, ער׳ט שוין צוריק נישט קומען, ניט לויטן דאָקטאָרס רייד, אָבער אַפילו אַזוי, וועט זי דאָס ניט נעמען. ניין, זי וועט עס ניט אָנרירן. די איינציקע זאַך — אירע שכירות פאַר דער וואָך. „עמיצער וועט שוין אַכטונג געבן״. עס רעדט זיך אַזוי, זיך פאַרלאָזן אויף זיין שוועסטער׳ס יושר... דיר קומט פאַר אַ וואָך? נעם! וואָס נאָכדעם וועט זיין... זי האָט אַ נעם געטון די פּאַפּירלעך, לויטער צוואַנציק דאָלאַרדיקע, און איר קומט פופציק דאָלאַר פאַר דער וואָך. — און אַ וואָך וואַקאַציע! — האָט זי ווי דערהערט. ווי לאַנג אַז זי אַרבעט שוין? אַ זעקס חדשים. זי איז באַרעכטיקט. זי האָט אָפּגעציילט פינף פּאַפּירלעך, זיי אַריינגעלייגט אין פאַרטוך קעשענע, די איבעריקע אַריינגעלייגט אין שופלאָדל, נאָכדעם אַ פאַרמאַך געטון די טיר און אויף גיך אַ דריי געטון דעם קנאָפּ פון דער פּייער קאַסע. זי האָט אַ פּרווו געטון — פאַרשלאָסן! — זאָלן זיי זיך פאַרדרייען זייער קאָפּ! — האָט זי אַרויסגעזאָגט. זיי, דאָס האָט זי געמיינט די שוועסטער, די יורשים, זאָלן זיי זוכן די קאָמבינאַציע. — אוי, — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטון, — דאָס פלעשל בראָנפן! געדאַרפט געווען אַרויסנעמען. ניט שיין... זי האָט אַ פּרווו געטון די טיר. — פאַרפאַלן, — האָט זי אַ זיפץ

געטון, אָפּגעגאַנגען פון דער פּייער קאַסע און זיך גענומען קערן דעם צימער. קערנדיק, האָט זי געטראַכט אַז דער דאָקטאָר האָט שוין געדאַרפט קלינגען. וואָס טוען זיי דאָרט מיט אים? פּאָמפּען אים דעם מאָגן? ווער ווייסט? קענטיק ניט גוט...

צום טעלעפאָן איז זי צוגעלאָפן. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ — יאָ און געדרייט דעם קאָפּ — אַ־זוי! אָבער ער לעבט! אַ שוואַכע האָפענונג? פאַרשטייט זיך, איך וועל גלייך לאָזן וויסן דער שוועסטער. זי'ט אים ז י כ ע ר וועלן זען. ער איז אין אַ קאָמאַ? זי'ט איר סיי ווי זאָגן. יאָ, אַ דאַנק, דאָקטאָר ראַפּאַפּאָרט. אַ שיינעם דאַנק. גיין צו אַן אַנדער פּאַציענט? ווי זאָל איך אייך זאָגן? איך דיינק איך וועל נעמען אַ ביסל וואַקאַציע. לכל הפּחות אַ וואָך. איך בין באַרעכטיקט דערצו. אייך לאָזן וויסן. אַ דאַנק, אַ שיינעם דאַנק.

געענדיקט. דאַרף נאָר אָנקלינגען דער שוועסטער און... אין שפּיטאָל האָט טאַקע קיין זין ניט צו גיין, אַז ער איז אין אַ קאָמאַ... אָבער צו דער שוועסטער וויל זי ניט גיין און זי וויל אויך ניט די שוועסטער זאָל קומען אַהער... ניין, דאָס וויל זי ניט, באַין אופן. די שוועסטער וועט דאָך סיי ווי אים וועלן זען, וועט זי אין שפּיטאָל איר איבערגעבן דעם שליסל און פּטור.

אָפּגערעדט מיט דער שוועסטער צו טרעפן זיך אין שפּיטאָל צוויי אַזייגער, האָט מרס. קאַפּלאַן נאָכאַמאָל באַטראַכט די דירה. שטייענדיק שוין ביים טיר האָט זי ווידער אַ קוק געטון און אַרויסגעזאָגט: גוד ביי, מר. בוירק. צוגעצויגן די טיר, האָט זי אַ פּרווו געטון: פאַרשלאָסן? זי האָט אַריינגעלייגט דעם שליסל אין געלט בייטל בשכנות מיט די פינף געלט פּאַפּירלעך און אויף שנעל אים פאַרמאַכט. זי האָט אַ קוק געטון ווו צו שטעלן אַ טראָט, אַ קנייטש געטון מיט די אַקסלען: אַזוי גייט עס. מיט אַ זיפץ האָט זי צוגעגעבן: „פור מר. בוירק". מר. בוירק, נעבעך...

אַ באַגעגעניש

דער אַריינגאַנג אין שפּיטאָל אַ רחבותדיקער. די עטלעכע און צוואַנציק טרעפּ טעררעאַסן, געשגיטן זייער נידעריק, מ׳דאַרף ניט קלעטערן, קריכן אויף זיי, מ׳קען גיין פּאַמעלעך איבער זיי, טראָט ביי טראָט, ציילן זיי, און ברייט זיינען זיי, אַז צוואַנציק מענטשן קענען גיין זייט ביי זייט און איינער זאָל ניט אָנרירן דעם צווייטן. שיינדל ראָזענצווייג איז געגאַנגען פּאַמעלעך אויף די טרעפּ. זי האָט זיי נישט געציילט. איר גייט עס אָן וויל טרעפּ עס איז דאָ? איר איז אויך ניט אָנגעקומען שווער דאָס אַרויפגיין, איר אָטעם — הלואי אויף איר מאַן געזאָגט געוואָרן. ער, מיט זיין קורצן אָטעם, דער אַסטמאַ, איז עס געליגן דאָ אין שפּיטאָל, זי איז דאָס געגאַנגען אים זען שוין דאָס צענטע מאָל. צוויי מאָל אַ וואָך לאָזט מען צו באַזוכער און שוין פינף וואָכן אַז ער ליגט דאָ, ניט אַזוי צוליב דער אַסטמאַ, נאָר צוליבן האַרץ, וואָס איז אָנגעגריפן געוואָרן טאַקע אַ דאַנק דער אַסטמאַ, און ווער ווייסט ווי לאַנג ער׳ט נאָך דאַרפן ליגן. אָט טאַקע וועגן דעם האָט זי געטראַכט, שווערע מחשבות, און אירע טריט אויף די טרעפּ אַ שטילער אַקאָמפּאַנימענט צו דער אומעטיקער מוזיק...
אָט די אומעטיקע מוזיק האָט איר אָפּגעטיילט פון די אַנדערע מענטשן וואָס זיינען געגאַנגען אויף די טרעפּ, יעדער איינער מיט זיין... טאַקט, לויט זיין פּעקל אויף די פּלייצעס... ווען זי האָט אָבער דערפילט אַז עמיצער הינטער, לעבן איר ש ל י נ ג ט די טרעפּ, האָט זי אַ קער געטון דעם קאָפּ פונקט דעמלט ווען יענער האָט אַ שטעל געטון אַ פוס פון איין טרעפּ אויף דער דריטער. דער טרעפּ־שלינגער האָט, קענטיק, דערפילט אַז עמיצער קוקט אים נאָך, האָט ער אויך אַ קער געטון דעם קאָפּ אויף צוריק, אַ שמייכל געטון. דער שמייכל: חידושסט זיך וואָס איך לויף? זעסט׳אָך! שיינדל ראָזענצווייג האָט געזען אַ פּאָר בלומען אין איין האַנט, האָט זי צוריקגעשמייכלט: איך זע, איך זע. די שמייכל שפּראַך אַ שטומע. וואָס ער האָט איר אַזוינס געזאָגט מיט זיין שמייכל איז אים אַליין געווען

ניט קלאָר, ער האָט אפשר גאָרניט געהאַט בדעה עפּעס זאָגן, איר אָדער וועמען ס׳ניט איז, ער האָט אָבער זיכער אויפגעכאַפּט איר שמייכל, דאָס האָט זי געקענט זען פון דעם וואָס ער האָט מער קיין טרעפּ ניט געשלונגען, ער איז געגאַנגען גיכער פון איר, אָבער טרעפּ ביי טרעפּ. האָט זי אים נאָכגעקוקט, נאָכגעטראַכט: אַ ווייב אַפּנים. קענטיק ניט לאַנג אין שפּיטאָל. בלומען. איר נח שוין פינף וואָכן... האָט זי אים געבראַכט בלומען ביים ערשטן וויזיט? עפּעס געדיינקט זי ניט... זי האָט געזען די טיר האָט איינגעשלונגען דעם מאַן מיט די בלומען און זי האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, די באַוועגונג — אַ סוף פּסוק: נאַרישקייטן. זי האָט פאַר־שנעלערט אירע טריט.

די וויזיט שעה איז געווען פון זיבן ביז אַכט. דער זייגער איז אַפילו גערוקט געוואָרן אויף אַ שעה פאָראויס, נאָך ניט געווען פינסטער, אָבער שוין געווען גאַנץ טונקל, פונדעסטוועגן האָט זי אים דערקענט, בעסער געזאָגט, זיי האָבן זיך ביידע דערקענט. זי איז שוין געהאַט אַרונטער פון די טרעפּ, געשטאַנען און געטראַכט וועגן דעם „באָס" וואָס זי דאַרף נעמען, ווי לאַנג זי וועט זיך דאַרפן שלעפּן ביז זי וועט קומען אַהיים, ווען ער איז אַרונטערגעקומען פון די טרעפּ, זיך אָפּגעשטעלט, אַ קער געטון דעם קאָפּ אין איין זייט, דאַן אין איר זייט, אָט ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָריענטירן ווו איז ער עס אין דער וועלט, זיי האָבן זיך דערזען און זי האָט דערהערט: אָה! אין דעם אויסרוף האָט זי דערהערט אַ שמייכל: הייסט עס, זיך ווידער געטראָפן.

— וואָס מאַכט אייער ווייב? — זי האָט זיך אַליין ניט געריכט אויף איר פראַגע, עפּעס ווי זי וואָלט געווען זיינע אַן אַלטע באַקאַנטע.

— מיין ווייב? — האָט ער צעטראָגן איבערגעפרעגט, — זי איז בעסער. — ער האָט ווידער אַ דריי געטון דעם קאָפּ אין איין זייט, אין דער צווייטער, און אַ זאָג געטון מער צו זיך ווי צו איר — איך זוך מיין „קאַר". איך געדיינק ניט ווו איך האָב זי אַוועקגעשטעלט.

— אָן אַ קומט מ י י ן קאַר.

— דער באַס, מיינט איר? ווי ווייט פאָרט איר?

— מיט דעם באָס פאָר איך בלויז... פון פאָרנט, איך בייט צוויי באָסעס ביז איך קום אויף ווילשייר, לעבן לאַ ברעא.

— הער אַ מעשה! איך פאָר דאָך אויך אין יענעם געגנט. איך קען אייך נעמען, פאַרשפּאָרן זיך שלעפּן מיט די באָסעס.

— זייט איר זיכער אַז איר לייגט ניט אָן קיין וועג צוליב מיר?

— מענטש אײנער, איך פֿאַר דאָך אַהין סײ װי, װוּ דאָרטן, און אַז איכ'ל אָנלײגן אַ בלאָק אָדער צװײ, איז געפֿערלעך? איר פֿאָרט מיט מיר. אָבער װוּ איז מײן קאַר? אַה, איצט געדײנק איך שױן. אָן דאָרטן אָ, איר זעט יענעם ראָג? זיך פֿאַרדרײט אין יענער גאַס. איר װילט צוגײן, אָדער זאָל איך צופֿאָרן?

— צופֿאָרן?!

— טאָ לאָמיר גײן.

זי האָט זיך געלאָזט גײן מיט אים קוים אָנהאַלטנדיק זײן שנעלן גאַנג. שיר שיר האָט זי אים ניט געזאָגט: װאָס לױפֿט איר אַזױ? געזאָגט האָט זי גאָרניט, געטראַכט האָט זי אַז ער איז אַ צעטראָגענע בריאה, געדײנקט אפֿילו ניט װוּ ער האָט אָװעקגעשטעלט זײן אױטאָמאָביל, זי איז גאָרניט אַזױ זיכער אַז ער'ט אים טאַקע טרעפֿן דאָרטן װוּ, ער דײנקט, ער האָט אים אָװעקגעשטעלט.

דער אױטאָמאָביל איז דאָרטן יאָ געשטאַנען. ער האָט געעפֿנט פֿאַר איר די טיר, זי איז אַרײַנגעגאַנגען, האָט ער פֿאַרמאַכט די טיר, אַריבער־געגאַנגען אױף דער צװײטער זײט און זיך אַרײַנגעזעצט.

— אַ קאַװאַליער, — האָט זי אַ טראַכט געטון. מער װי אײן מאָל האָט זי זיך צוגעקוקט װי מענער „באַזעצן" זײערע פֿרױען אין אױטאָמאָביל. אַ יונג פּאָרפֿאָלק, גלײך נאָך דער חתונה, עפֿנט דער יונגערמאַנטשיק די טיר, װאַרט ביז די װײַב זעצט זיך אַװעק, פֿאַרמאַכט די טיר און גײט צו דער צװײטער זײט, אָט װי דער האָט עס געטון; עלטער אַ ביסל, לײנגער נאָך דער חתונה, עפֿנט ער די טיר בלױז, גײט אַװעק, פֿאַרמאַכן זאָל זי אַלײן: נאָך עלטער, לײנגער נאָך דער חתונה, גײט ער אַרײַן גלײך צום רעדל, זי גײט פֿון דער רעכטער זײט און װי נאָר זי פֿאַרמאַכט די טיר, זיך נאָך ניט אײַנגעזעצט װי עס דאַרף צו זײן, טוט ער אַ לאָז דעם אױטאָמאָ־ביל. איר נח טוט עס אַזױ. דער? װער איז ער? לױט זײן צעטראָגנקײט מוז ער זײן ניט אַזאַ גוטער אױטאָמאָביל טרײַבער.

זי האָט אַכטונג געגעבן װי ער האָט געדרײט דאָס רעדל אױף לינקס און רעכטס עטלעכע מאָל, צאָלװײז קוים אַרױסגעקראָכן פֿון צװישן צװײ אױטאָמאָבילן, און איר מײנונג װעגן זײן טרײַבן האָט זיך געביטן. — אַרױסגעקראָכן! — האָט זי אױסגערופֿן, און אין דעם טאָן איז געװען איר אָטעסטאַט אױף זײן פֿאָרן מיט אַ קאָמפּלימענט דערצו.

— געװען ריכטיק „אַרײַנגעסענדװיטשט"! — האָט ער ניט אָן שטאָלץ געענטפֿערט. — מענטשן שטעלן זיך אַװעק אָן קײן אײנזעעניש פֿאַרן

צווייטן, ווי יענער וועט קענען אַרויספֿאָרן, אָבער וואָס מאַכט עס אויס? אַרויסגעקראָכן? איצט קענען מיר פֿאָרן. אין אַ האַלבער שעה וועט איר זיין אין דערהיים. ווי לאַנג נעמט עס אייך מיט די באָסעס? אַריבער אַ שעה? און אַז מ׳דאַרף וואַרטן איז נאָך לענגער. ס׳איז פֿאַלג מיך אַ גאַנג. איר גייט ניט יעדן טאָג. יאָ, איך גיי יעדן טאָג. מיך לאָזט מען אריין. ס׳איז ערשט דריי טעג נאָך דער אָפּעראַציע.

און ער האָט איר דערציילט די גאַנצע געשיכטע ווי אַזוי די דאָקטוירים האָבן געבלאָנזעט, געמיינט ס׳איז גאַלשטיינער, ערשט ס׳האָט זיך אַרויס־געוויזן אַז די צרה איז אין די נירן, געמוזט אָפּערירן, אויסגעשניטן איין ניר. די אָפּעראַציע איז געלונגען, אַזוי זאָגט דער דאָקטאָר, און זי, די ווייב, פֿילט ניט שלעכט, אָבער מ׳דאַרף אַכטונג געבן, קאָמפּליקאַציעס. זי ווייסט דאָך, מיט די דאָקטוירים, אַז מ׳הייבט זיך נאָר אָן...

— יאָ, זי ווייסט שוין גאָר... — האָט זי אָפּגעזיפֿצט, און אים דערציילט וועגן איר מאַן, אויך באַריכות, אַזוי אַז נאָך איידער זי האָט געהאַט פֿאַרענדיקט האָט זי אים אַ זאָג געטון: אָט דאָ אָ, פֿאַרקירעוועט זיך רעכטס, און אַ ווײַלע אַרום אים אָנגעוויזן: אָט דאָ איז עס.

— אַ דאַנק. אַ שיינעם דאַנק אייך, מר...

— גאָלדשטיין, — האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט מיט אַ דריבנעם געלעכטער.

— מיין נאָמען איז ראָזענצווייג. — אויך אין איר שטימע האָט זיך געהערט געלעכטער. קאָמיש, הייסט עס, ווי מע באַקענט זיך ערשט איצט.
— איר האָט מיר איינגעשפּאָרט אַ וועלט מיט צרות. דאָס שלעפּן זיך מיט די באָסעס...

— ווען גייט איר נאָכאַמאָל?

— זונטיק נאָכמיטיק. צוויי אַזייגער. ס׳הייסט צוויי דאַרף מען שוין זיין דאָרט. איך פֿאָר געוויינלעך אַרויס האַלב נאָך צוועלף, שפּעטסטנס אַ פֿערטל צו איינס.

— פֿאָרט ניט אַרויס. איך וועל דאָך אויך גיין זונטיק, טאָ וואַרט אויף מיר, איכ׳ל אייך נעמען.

— ניין, דאָס איז שוין צופֿיל.

— פֿאַרוואָס צופֿיל? איך פֿאָר דאָך סיי ווי. איכ׳ל דאָ זיין האַלב נאָך איינס. אַ בלאָז טון דעם האָרן. אָט אַזוי אָ, — האָט ער פֿאַר איר דעמאָנ־סטרירט זיין פּייפֿער, זי זאָל אים דערקענען.

— איר׳ט ניט דאַרפן פייפן. — דער געלעכטער אין די רייד האָט געזאָגט: ביסט׳אָך גאָר ווי אַ ייִנגל. — איך׳ל שוין וואַרטן אויף אייך.

— בלייבט עס אַזוי. ניט דאָס הענטל. אָט יענע, — האָט ער איר אָנגעוויזן, — טוט אַ קוועטש אַרונטער. — דאָס הענטל האָט ניט געפאָלגט, האָט ער אַ צי געטון זיין אָרעם איבער איר שיינקל, אַ דריק געטון דאָס הענטל, די טיר האָט זיך געעפנט. זי איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַ פריילעכער „אַ גוטע נאַכט״, אָט ווי ער וואָלט זי צוריקגעבראַכט פון אַ שפּאַציר.

(2)

זונטיק, אין דער שעה צווישן צוועלף און איינס, האָט שיינדל ראָזענצווייג עטלעכע מאָל אַ קוק געטון אויפן האַנט זייגערל: אַניט איז זי זיכער אַז ער׳ט טאַקע קומען נאָך איר? מאַכט דעם איינדרוק פון אַ צעטראָגענעם מענטשן, קען זיין אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן. ווען זי ווייסט אַז ער קומט ניט וואָלט זי שוין אַרויסגעגאַנגען נעמען דעם באָס, אָבער ווי אַז ער׳ט יאָ קומען? ער האָט געזאָגט האַלב נאָך איינס. נו יאָ, מיטן אויטאָמאָביל נעמט ניט מער ווי אַ האַלבע שעה, אָבער ווי אַז ער׳ט ניט קומען, וועט זי שוין אפילו מיטן באָס ניט קענען פאָרן, ביז זי׳ט קומען אַהין וועט שוין זיין באַלד אויס באַזוך שעה. ניט געדאַרפט געווען אָפּרעדן, בייטאָג קען זי פאָרן מיטן באָס, אָבער פאַרפאַלן. אַ פערטל נאָך איינס האָט זי שוין ניט געקענט מער איינזיצן אין שטוב, איז זי אַרונטערגעגאַנגען, אַ פּאָר מינוט געשטאַנען, געכאַפּט מיטן אויג יעדן פאַרבייפאָרנדיקן אויטאָמאָביל און ערשט דעמלט זיך געכאַפּט אַז זי געדיינקט אַפילו ניט דעם קאָליר אָדער פאַסאָן פון זיין אויטאָמאָביל. עפּעס אַ גרין־בלוי, און זי וואָלט געקענט שווערן ס׳איז אַ פּאָנטיאַק, זיכער ניט קיין שעווי. דאָס וואָלט זי שוין דערקענט. שטייט אין גאַראַזש. אפשר געדאַרפט פאַרקויפן, אַז זי טרייבט ניט און ער... זי האָט ווידער געכאַפּט אַ קוק אויפן זייגערל. שוין צוואַנציק נאָך. זי האָט זיך געלאָזט גיין צום ראָג. ער מוז דאָך קומען פון דאָרטן, איז ער דאָך מיטוואָך געקומען מיט ווילשייר. א ראיה אַ גוטע, מיטוואָך האָט ער זי אָפּגעפירט, איצט דאַרף ער דאָך קומען פון דערהיים און ווו ער וווינט ווייסט זי דאָך נישט, אפשר וועט ער גאָר קומען פון יענער זייט. זי האָט גענומען גיין אויף צוריק. יעדער פאַרבייפאָרנדיקער אויטאָמאָביל אַנטקעגן אָדער אפילו הינטער איר אַ מצה רעדל אויף אַ בלעך און דער בלעך איז אין איר קאָפּ, איר רוקן.

אַ פייף פון אַן אויטאָמאָביל האָרן, און זי האָט זיך אַ צאַפּל געטון. דאָס איז ז י י ן פייף! די אויגן האָבן געכאַפּט קודם זיין האַנט וואָס האָט זיך אַ וויג געטון, זיין פּנים, אַראָפּשטעלנדיק אַ פּוס פונם טראָטואַר האָט זי דערזען דער קאָליר פון אויטאָמאָביל — אקוואמארין, און אַ פּאָנטיאַק? דאָס ווייס זי ניט, אָבער...

ער האָט אַן עפן געטון די טיר פון אינעווייניק. — שפּרינגט אַריין!

— זי האָט זיך אַריינגעכאַפּט, פאַרמאַכט די טיר, געהאַט בדעה צו זאָגן: אַ גוט מאָרגן, העללאָ, ער האָט אַ ווייז געטון מיט דער האַנט. — ניט גוט פאַרמאַכט. עפנט די טיר. אָט אַזוי. איצטער ציט צו, גיט אַ גוטן קלאַפּ. אָט אַזוי. איצטער קענען מיר פאָרן. — ער האָט אַ קוק געטון אויפן זייגערל. — מיר האָבן גענוג צייט.

— ווי שפּעט איז אויף אייערן?

— פּונקט האַלב נאָך איינס.

— און איך האָב שוין איבערגעטראַכט אַז איר'ט ניט קומען.

— וואָס הייסט ניט קומען? איך אַז איך זאָג עפּעס צו האַלט איך וואָרט.

— איר'ט מיר אַנטשולדיקן, ניט דאָס האָב איך געמיינט. אַז מ'וואָרט אויף עמיצן, אויף עפּעס, ציט זיך די צייט אַזוי... אַז ס'קומט מיר אויס צו וואַרטן אַמאָל צען אָדער גאָר פופצן מינוט אויף אַ באָס דוכט זיך מיר אַז ער'ט שוין קיינמאָל ניט קומען. איר טרייבט אַן אויטאָמאָביל קענט איר עס אפשר ניט באַגרייפן.

— איך באַגרייף שוין גאָר. צו דער אַרבעט פאָר איך כמעט יעדן טאָג מיטן באָס.

איר קוק — אַ גרויסער פרעגצייכן: צו דער אַ ר ב ע ט, באָס? ער האָט דערזען די פראַגע.

— מיין געשעפט איז אין שטאָט, ווו אַוועקצושטעלן דעם אויטאָ־מאָביל איז ניטאָ, היינט דאָס טרייבן ווען אַלע איילן זיך צו דער אַרבעט איז אַן אָפּקומעניש, פאַר איך שוין בעסער מיטן באָס און די קאַר לאָז איך פאַר מיין ווייב, זי האָט מער נוצן פון איר ווי איך.

אין דער קנאַפּער האַלבער שעה ביזן שפּיטאָל האָט שיינדל זיך דערוווּסט וועגן זיין ווייב, אַז זי איז טעטיק אין פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, „סיסטערהודס, אוקזיליערים", פון איין אָרגאַניזאַציע אַפילו אַ פּרעזידענט, און ניטאָ דער טאָג וואָס זי זאָל ניט האָבן עפּעס אַן „אונטערנעמונג": אַן איבערבייס, אַ קאָרטן פּאַרטי, סתם אַ צענויפקום, אָפּגערעדט שוין פון

מיטינגען, זי איז אַלע מאָל „אין גאַנג", מוז זי האָבן דעם אויטאָמאָביל, „און לאָמיך אייך זאָגן, זי איז אַ גוטער טרייבער, לויט אַנדערע פרויען טרייבער . . . איר טרייבט ניט ?"

— מיר האָבן אַן אויטאָמאָביל אָבער איך האָב קיינמאָל אַפילו ניט געפּרוּווט טרייבן. מיין מאַן קיבעצט מיך — איך בין אַלטמאָדיש.

— דאָס האָט גאָרניט צו טון מיט אַלטמאָדישקייט. איר קענט זען אַ רוס, פון די מאלאקאנער, איר האָט זיי מסתם געזען, אַ גוי מיט אַ ברייטער באָרד, אַ הויכער היטל מיט אַ דאַשעק, אָט ווי מ'האָט געטראָגן אין רוסלאַנד כ'וויס ווען, און ער זיצט און טרייבט זיין אויטאָמאָביל אַז עס גייט אַזש אַ רויך. ניין, דאָס האָט גאָרניט צו טון מיט אַלטמאָדישקייט. פּשוט, איינער איז צוגעפּאַסט צו דער מאַשין, זעצט זיך אַנידער און טרייבט, אַ צווייטער קען טרייבן צוואַנציק יאָר און זיין אַ קאַליקע. אָט ווי איר קוקט מיך אָן בין איך אַ גוטער טרייבער, אויב אַפילו איך אַליין זאָג דאָס. איך טרייב שוין אַ מאַשין אודאי אַ יאָר צוואַנציק, מער! דריי און צוואַנציק יאָר, און חוץ דאָרטן אַ פּאָר לייכטע צופאַלן, אַ רייב געטון אַן אויער . . . האָב איך קיינמאָל ניט געהאַט קיין ערנסטן צופאַל, הלואי ווייטער.

זי האָט אים טאַקע אָנגעקוקט און געזען ניט אַזוי זיין גוט טרייבן ווי זיין גוטמוטיקייט. מוז זיין אַ גוטער מענטש, אויב אַפילו ניט איבער־געשפּיצט . . . אַ ביסל צו באַריידעוודיק. זי האָט באַטראַכט זיין פּנים. ניין, ניט באַטראַכט, זי האָט אַרונטערגעכאַפּט בילדלעך פון אים. מיט אַ ווינקל פון אויג האָט זי אַרונטערגעכאַפּט זיין פּראָפיל און עס איז געווען אַ שאַרפער פּנים, האָט ער אַ דריי געטון דעם קאָפּ צו איר איז דער פּנים שוין געווען גאָר אַ קיילעכיקער; מיט אַ זייטיקן קוק האָט זי דערבליקט זיינע דיקלעכע, סענסועלע ליפּן און מיט אַ בליק אַרויף צו אַ פּיק געטון זיין קיילעכיק פּליכל, עפּעס אַ העל יאַרמעלקעלע איינגעגראָבן אין זיינע שוואַרצע האָר, אָט ווי ער וואָלט געבוירן געוואָרן מיט אַ קוטשמע האָר און דאָס פּליכל איז אויסגעוואַקסן. קאָמיש אַ ביסל. איר נח מיט זיין קוטשמע האָר . . .

— אָט זיינען מיר שוין דאָ, — האָט זי דערהערט. — איר גייט אַרונטער גלייך דאָ, איכ'ל שוין געפינען אַ פּלאַץ ווו זיך אַוועקצושטעלן.

— איר זאָלט נאָר געדיינקען ווו איר האָט זיך אַוועקגעשטעלט . . .

— זי האָט גלייך חרטה געקראָגן למאי זי האָט זיך דערלויבט אים אַ קיבעץ טון, ער האָט עס אָבער אויפגענומען גוטמוטיק, מיט אַ שמייכל,

דער שמייכל אַ קרוב צו יענעם שמייכל פֿון לעצטן מיטוואָך בעת ער האָט געשלונגען די טרעפּ. — וועגן דעם זאָלט איר זיך גאָרניט זאָרגן. איר וואַרט אויף מיר ביים אַרויסגאַנג.

ביים אַרויסגאַנג האָט איינער געפּרעגט ביים צווייטן וועגן זיין חולה, ביידנס חולאים האָבן „געפילט פיין"... ערשט פאַרנדיק האָט ער געגומען דערציילן וועגן זיין באַזוך. — אַניט האָב איך געקענט מיט איר אויסרעדן אַ פּאָר ווערטער ווי עס דאַרף צו זיין? באַזוכער. אַלץ הייסט באַזוכער! אַ מאַסנפאַרזאַמלונג. אַ מאַב. פֿון ד ע ר „סאָסייעטי", פֿון יענער, די שוועסטער, יענע שוועסטער, און בלו־מען!

שיינדל האָט זיך ניט געקענט פֿונאַנדערקלייבן: באַדויערט ער עס וואָס ער האָט ניט געקענט רעדן מיט זיין ווייב ווי עס דאַרף צו זיין, אָדער האָט ער גאָר הנאה פֿון דער... מאַסנפאַרזאַמלונג? אפשר ביידע זאַכן, כאָטש זי איז געווען גענויגט צו גלויבן אַז אים איז געפעלן דער עסק. האַלט, קענטיק פֿון זיין ווייב אַן עולם ומלואו און, ווייזט אויס, זי גייט ביי אים אין די הויזן. אַ שוואַך מענטשל. זי ווייזט אים איר שטאַרקייט...
— מיין מאַן האָט אויך געהאַט באַזוכער, געווען דריי אירע, פריינט זיינע, יעדער איינער האָט מיר אָנגעבאָטן מיך נעמען אַהיים, האָב איך זיי געענטפערט: מיט דעם וואָס איך בין געקומען, מיט דעם וועל איך גיין.

— גוט געטון. איך האָב ניט ליב קיין איבערלויפער.

דער „איך האָב ניט ליב" האָט איר געקלונגען אַ ביסל צו פאַמיליאַר, זי האָט עס אים אָבער מוחל געווען: קענטיק אַ גוטער מענטש, ווייסט ניט פֿון קיין חכמות, בטבע אַ גוטער. ווי צו באַשטעטיקן דאָס האָט ער, צוברייננגענדיק זי צום הויז, זיך אַנטשולדיקט פאַר איר וואָס מיטוואָך קען ער ניט קומען זי נעמען אין שפּיטאָל, מיטוואָך פאָרט ער אין געשעפט מיטן אויטאָמאָביל, עסט אָפּ אין שטאָט און פֿון דאָרטן פאָרט ער שוין אין שפּיטאָל, אָבער ביים אַרויסגיין זאָל זי וואַרטן.

און זי האָט אַזוי געטון. דריי וואָכן צייט איז זי געפאָרן מיט אים. אין די דריי וואָכן האָט זי שוין געוווסט אַ ביסל וועגן זיינע געשעפטן — אַ קראָם פֿון קינדערישע זאַכן — וועגן אים, זיין ווייב; זי האָט אים אויך דערציילט וועגן איר מאַנס „געשעפטן" — אַן אַנאָנסן קלייבער און אַנאָנסירער פֿון א יידישער ראַדיאָ שעה — און מיט צופרידנקייט זיך דערוווסט אַז יאָ, ער הערט זיך אַמאָל צו צו דער יידישער ראַדיאָ. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ווער עס גיט אַכטונג אויף דער ראַדיאָ שעה ווען

איר מאַן איז אין שפּיטאָל און צי איז דער אויטאָמאָביל ניט קאַליע געוואָרן שטייענדיק אַזוי לאַנג, אפשר גאָר פאַרקויפן?

— פאַרקויפן! מיין מאַן וועט אַרויס פון שפּיטאָל וועט ער אים דאַרפן.

האָט ער זיך אַנטשולדיקט. זי האָט אים שלעכט פאַרשטאַנען. אַן אויטאָמאָביל, אַז ער שטייט, רוט ער זיך ניט אויס, ער ווערט קאַליע. די באַטערייע גייט אויס, סיידן מע שליסט זי אָפּ, די רעדער זעצן זיך, סיידן מע הייבט דעם אויטאָמאָביל אויף קלעצלעך. זי קען דאָך עס ניט טון, לוינט זיך אַמאָל בעסער פאַרקויפן און נאָכדעם קויפן אַן אַנדערן.

ער איז גאָר ניט אַזאַ נאַרעלע ווי זי האָט געדיינקט. האָט אַ פּראַקטישן שכל און איז אַ גוטער מענטש. — אפשר זייט איר גערעכט. אַ רעד טון מיט מיין מאַן. מיטוואָך. מיר׳ן זיך דאָך זען? — דאָס איז געווען ניט אַזוי אַ פראַגע ווי אַ באַשטימונג, און ער האָט צוגעשטימט מיט אַן האפערדיקן — אודאי!

מיטוואָך האָט זי, ווי דער שטייגער, געוואַרט ביים אַרויסגאַנג און ער האָט זיך ניט געוויזן. פינף, צען מינוט. וואָס זאָל עס מיינען? זי קען נעמען דעם באַס, אָבער עפּעס האָט געמוזט פּאַסירן. מיט איר? אפשר גאָר מיט אים? גאָר אַריינגיין צוריק אין שפּיטאָל, אַ פרעג טון? צו שפּעט, מ׳וועט זי גאָר ניט אַריינלאָזן. פאַרפאַלן, היינט וועט זי פאָרן מיטן באַס, זונטיק...

זונטיק האָט זי זיך שטאַרק געיִשובט: וואַרטן אויף אים, פאָרן מיטן באַס? אפשר אים גאָר אָנקלינגען, פרעגן? גיי קלינג, אַז זי ווייסט אפילו ניט זיין נומער, ניט נאָר דאָס, זי ווייסט ניט דעם נאָמען. גאָלדשטיין! קאַרג גאָלדשטיינס דאָ? וואָלט זי כאָטש געוווסט די גאַס. און ווידער, וואָס הייסט זי׳ט קלינגען? ער איז דאָס מי שמחויב זי קומען נעמען? זי האָט זיך שוין צוגעוווינט. מאַלע וואָס זי האָט זיך צוגעוווינט. זי׳ט פאָרן מיטן באַס. און אַזוי האָט זי געטון, מער ניט, פאַרנדיק, האָט זי געטראַכט אַז אפשר האָט זי פאָרט געדאַרפט וואַרטן. אַי מיטוואָך איז ער ניט געווען? אפשר האָבן זיי זיך פאַרזען. כאָטש עס לייגט זיך ניט אויפן שכל. עפּעס האָט געמוזט פאַסירן. זי׳ט אַ פרעג טון אין שפּיטאָל. ווען ער האָט אַ ביסל מער שכל וואָלט ער איר געדאַרפט לאָזן וויסן, ע ר ווייסט דאָך יאָ ווו זי וווינט. סיי ווי, זי׳ט אַ פרעג טון.

פאַרן אַרויסגיין האָט זי אַ פרעג געטון ביים אינפאָרמאַציע טיש און די פרוי האָט די ערשטע זאַך צוריקגעפרעגט: גאָלדשטיין ווער? איז

עס אַ מאַן, אַ פרוי? וואָס איז דער ערשטער נאָמען? וואָס איז דער אַדרעס? דער אויסדרוק אויף דער פרויס פנים: תם איינער! האָט קיין שכל פאַר קיין קאַץ. זוכט אַ גאָלדשטיין. איין גאָלדשטיין דאָ אויף דער וועלט? נאָר כדי אירס זאָל איבערגיין טוט זי נאָך אַ פרעג: וואָס פאַר אַ קראַנקהייט?

— וואָס פאַר אַ קראַנקהייט? — האָט שיינדל, ווי אָן אָנגעקלאָגטע אויף אַ קרייץ פאַרהער, איבערגעפרעגט. — איך דיינק — נירן.

— איר דיינקט אַזוי, איר זייט ניט זיכער? — האָט די פרוי שוין מעשה פּראָקוראָר געפרעגט.

— ס׳איז נירן. איך בין זיכער.

— טאָ פאַרוואָס האָט איר עס גלייך ניט געזאָגט? נירן קראַנקע זיינען מיט איין שטאָק העכער.

— קען איך אַרויפגיין?

— ארויפגיין קענט איר, אָבער איך דיינק ניט אַז מ׳וועט אייך צולאָזן. ס׳איז צו שפּעט. שוין דריי מינוט נאָך דריי.

— איך וויל ניט זען קיינעם. איך וויל אויסגעפינען צי דער פאַציענט איז דאָ.

— צוליב דעם דאַרפט איר ניט אַרויפגיין, איר קענט עס אויסגעפינען אונטן, אין הויפּט אינפאָרמאַציע, דאָס הייסט, אויב זייל׳ן ווישן וועמען איר זוכט, — האָט זי נאָך צוגעוואָרפן גרויסהאַלטעריש.

שיינדל האָט זיך דערפילט אַזוי קליין למאי זי ווייסט נישט אַזאַ קלייניקייט ווי „גאָלדשטיין ווער?” אַז זי האָט שוין פאַרלאָרן דעם חשק צו באַגעגענען נאָך אַזאַ אלווייסערישע פרוי, איז זי ארויסגעגאַנגען פון שפּיטאָל בלא יודעים, געטראַכט אַז מיטוואָך, עס וועלן ניט זיין אַזוי פיל באַזוכער, וועט זי אַרויסגיין אַ ביסל פריער, אויסגעפינען. אַז עפּעס האָט פּאַסירט איז זי געווען זיכער, זי האָט פונדעסטוועגן אַ פיר געטון מיט די אויגן אין איין זייט, דער צווייטער — ניטאָ אים. עפּעס האָט פּאַסירט. אפשר וועט זי זיך דערוויסן, אפשר וועט ער אָנקלינגען.

ע ר האָט נ י ט אָנגעקלינגען, זי האָט יאָ געקראָגן אַ טעלעפאָן, טאָקע מיטוואָך, זי זאָל גלייך אַריבערקומען אין שפּיטאָל, איר מאַן האָט געקראָגן אַ האַרץ אַטאַקע. מ׳האָט זי צוגעלאָזט אויסער דער באַזוך שעה. נו וואָס, ער איז געליגן, געשלונגען זויער שטאָף, זי האָט אַפילו ניט געקענט אויסרעדן אַ וואָרט מיט אים. און דער דאָקטאָר? — אַלץ וואָס מיר קענען אייך זאָגן: ער איז זייער קראַנק. מער קענען מיר אייך איצט גאָרניט

זאָגן, וואָס מאָרגן וועט זיין ווייסן מיר ניט. מיר טוען אַלץ וואָס מיר קענען.

זי איז געזעסן אַ צוויי שעה, אַוועקגעגאַנגען, און איר איז שוין אפילו ניט געליגן אינזינען אויסצוגעפינען וועגן דער מרס. גאָלדשטיין. פרייטיק, זי האָט אַ נעם געטון די ענגליש־יידישע וואָכנבלאַט, האָט זי דערזען אַ בילד פון אַ פרוי, איבער דעם אַ קעפל: גוט באַקאַנטע געזעל־שאַפטלעכע טוערן געשטאָרבן. זי האָט דערפילט דאָס איז זי — די מרס. גאָלדשטיין. זי האָט גענומען לייענען און געזען אַז דער מר. גאָלדשטיין האָט ניט איבערטריבן, לויט דער צייטונג איז זיין ווייב געווען אַ טוערן אין זעקס אָרגאַניזאַציעס. געשטאָרבן איז זי דאָנערשטיק, די לויה, אַ גרויסע לויה, געווען זונטיק. און זי האָט זי געזוכט זונטיק אין שפּיטאָל. קיין חידוש ניט וואָס זי האָט אים מיטוואָך ניט געטראָפן. פונדעסטוועגן, ווען ער קלינגט אָן. אים ניט געליגן אינזינען. און ווידער, ווער איז זי דאָס? זיינע, אירער אַ פריינט? ער האָט זי געזען אַ מאָל.. זעקס, זי גענומען אין שפּיטאָל... אוי, דער שפּיטאָל!

שבת אינדערפרי האָט מען איר אָנגעקלונגען פון שפּיטאָל: ס׳טוט זיי זייער לייד צו לאָזן איר ווייסן אַז מר. ראָזענצווייג איז נאָר וואָס אויסגעגאַנגען. שיינדל האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס טעלעפאָן טרייבל און אויך דעם קאָפּ. נעכטן האָט זי געטראַכט וועגן דעם גאָלדשטיין, געוואָרן אַן אלמן, איצט איז זי אַן אלמנה . . . לויה. זי הייבט ניט אָן צו ווייסן וואָס צו טון. סיי ווי, ס׳איז שבת, אומעטום פאַרמאַכט. לאָזן ווייסן די פריינט. זיי׳ן שוין אַראַנזשירן, רופן מענטשן. זי גופא האָט ניט וועמען צו רופן, אַלץ זיינע...

(3)

מענדל גאָלדשטיין איז געבליבן אַן אלמן און דאָס איז געווען פאַר אים אַ טראַגעדיע. נו יאָ, אברהם אבינו איז אויך געבליבן אַן אלמן, איז ער אַוועקגעגאַנגען צו עפרונען, אים באַצאָלט פיר הונדערט זילבערנע שקלים, מקבר געווען שרהן און, קיין יינגעלע איז ער שוין ניט געווען, פונדעסטוועגן האָט ער נאָך גענומען קטורהן פאַר אַ ווייב. אַזוי גייט שוין די וועלט אַ היפשע פאַר יאָר, און מענדל גאָלדשטיין איז אויך געגאַנגען צו אַ באַגרעבער, אים אויך באַצאָלט אַ פיר הונדערט שקלים, הגם ניט אין זילבער, אויסגעשריבן אַ טשעק פארן שטיקל קרקע, ארון און רב און חזן

אריינגערעכנט, ווען עס איז אָבער געקומען צום „מאַכן" די לויה, האָבן די ווייבער — גוירטי׳ס ווייבער, דער „גוירטי", פאַרצויגן פון גערטרוד, אַ גלגול פון גיטל — איבערגענומען די ממשלה, ווייל גוירטי איז פאַר זיי ניט געווען מענדלס ווייב, ווען דער מאַן דאַרף מקבר זיין, גוירטי איז געווען זייערע, מענדל איז בלויז געווען איר מאַן קען ער אויך קומען צו דער לויה...

ווען גיטל איז געליגן אין שפּיטאָל האָבן זיי ממש צעריסן זיין טעלעפאָן. בייטאָג אין געשעפט האָט ער ניט איין מאָל באַדאַרפט אָפּהאַקן דעם געשפּרעך מיט אַ: איר׳ט מיר אַנטשולדיקן, קונים וואַרטן; אין אָוונט איז דער טעלעפאָן געקלונגג געווען ממש אַ רעגן וואָס הערט ניט אויף. אַזוי גיך ווי זיי האָבן זיך דערוווסט אַז גיטל איז אויסגעגאַנגען זיינען זיי אָנגעלאָפן ווי אַ ראָי בינען און אַלע האָבן געזשומעט: זי איז געווען אַזאַ גוטינקע, זי איז געווען אַזאַ זיסינקע... אַז אים האָט אַזש גענומען איבלען פון דער זיסקייט. גיטל א י ז געווען אַ גוטע, אַ טייערע ווייב, אָבער ווען זיי האָבן עס געזאָגט האָט זיך אים געדוכט אַז ער הערט עס פון אַ בינע אין טעאַטער, די לויה איז פאַר זיי אַ... אונטערנעמונג. — א י ר דאַרפט ג אָ ר נ י ט טון. איר האָט שוין געהאַט גענוג. באַשטעלט די לויה? גענוג פאַר אייך, דאָס איבעריקע וועלן מיר שוין באַזאָרגן.

וואָס איז געווען צו באַזאָרגן? רופן מענטשן? זאָלן זיי. ס׳איז עפּעס אַזוי אָנגענעם זיך אַנידערזעצן ביים טעלעפאָן, אָנקלינגען און זאָגן יענעם: קומט צו מיין ווייב׳ס לויה? און ווען האָט ער עס צו רופן? זיי ווילן דאָס טון, זאָלן זיי.

אפשר צוויי הונדערט מענטשן, דאָס רוב פרויען, זיינען געווען ביי דער לויה, דער ארון איז געווען איינגעטונקען אין בלומען, חוץ רב האָבן נאָך גערעדט צוויי פרויען, איינע ביים ארון און אַ צווייטע אויפן בית עולם, פרויען זיינען געווען די נושאי המיטה, ער, דער מאַן, איז אָפּגעקומען מיט זאָגן קדיש ביים קבר, און גלייך פון דער קבורה זיינען אַ פאַר מנינים ווייבער פאַרפאָרן צו אים אין הויז, וווּ אַ פאַר פרויען האָבן שוין געהאַט צוגעגרייט, אַפילו אָן זיין וויסן, אַ צובייס. אויף דעם האָט ער זיך שוין גאָרניט גערעכנט. ער האָט געוווּסט נאָך אַ לויה נעמט חברה קדישא אַ ביסל בראָנפן, ווינטשן די נשמה זאָל האָבן אַן עליה, אָבער דאָס אַ? מ׳האָט געגעסן סענדוויטשעס, פאַרטרונקען מיט קאַווע און... גערעדט, גערעדט, גערעדט, ווער ס׳איז געווען צו דער לויה און ווער ניט, וואָס פאַר אַ קלייד

די האָט געטראָגן און וואָס פאַר אַ מאַנטל יענע. אים האָט זיך געוואָלט אויפשטעלןביידע הענט, אַ שטופ טון צוויי ווייבער, די צוויי — אַ לאָפּעטע אַרויסצושטופּן זיי אַלעמען פון שטוב, פאַרשליסן די טיר און אויפעפענען אַלע פענסטער, קיין דוך זאָל פון זיי ניט בלייבן. ער האָט עס, פאַרשטייט זיך, ניט געטון. איינער האָט ער געפרעגט צי האָט זי שוין געהאַט איר טעפל קאַווע, אַ צווייטער צי זי האָט שוין עפּעס פאַרזוכט, און אַ דריטע האָט אים געפרעגט ווי איז אים געפעלן די לויה. „איז עס ניט געווען וווּנדערפול?" האָט ער געענטפערט אַז ס'איז געווען זייער פיין און איר געדאַנקט וואָס זי איז געקומען, און זי האָט געענטפערט אַז פאַר גוירטין וואָלט זי געטון אַ ל ץ, זי איז געווען אַזאַ טייערינקע... שיר שיר האָט ער איר ניט אַ פרעג געטון צי זי וואָלט געשטאָרבן אַנשטאָט גוירטין... פאַרשטייט זיך, ער האָט עס ניט געפרעגט, ער האָט גאָר אַ קוק געטון אויף די ברעקלעך וואָס זיינען געווען פאַרשאָטן אויפן טעפיך, ער'ט דאַרפן אויסקערן, ער האָט אַ טראַכט געטון וועגן דעם באַרג געפעס, וואָס אים וועט בלייבן צו וואַשן און דערזען גיטל'ס אַ קאָרטן פאַרטי, ווען צוועלף אָדער איינס ביינאַכט האָט ער מיט איר זיך געשטעלט צוואַשן די כלים.

די כלים האָבן צוואַשן די פרויען. דורכן געקלאַנג פון טעלער האָט זיך דורכגעריסן פריילעכער פרויען געלעכטער. — די ווייבער לאָזן זיך ווילגיין — האָט ער ביטער אַ טראַכט געטון, און דאָך געווען צופרידן וואָס זיי פאַרשפּאָרן אים די אַרבעט. צעשטעלן די כלים האָט ער זיי ניט געלאָזט. — דאָס וועל איך שוין אַליין טון. איך ווייס ווו וואָס באַלאַנגט. — דאָס איז געווען אמת, דער אמתער אמת איז אָבער געווען — ער האָט שוין געוואָלט פטור ווערן פון זיי אַלעמען, און וואָס גיכער, ער האָט יעדער איינער דערלאַנגט די האַנט, געדאַנקט וואָס זי איז געקומען און כמעט יעדע איינע האָט אים געראָטן ער זאָל גוט אַכטונג געבן אויף זיך, אַ פּאָר האָבן אים אָנגעזאָגט ער „זאָל זיין גוט", און ער האָט . . . געשמייכלט. ערשט ווען די לעצטע פרוי איז אַרויסגעגאַנגען האָט ער מיט אַמאָל דערפילט אַזאַ פוסטקייט, אַז דאָס הויז איז אים אויסגעקומען עפּעס אַ גרויסע ליידיקע פאַס, ער שטעקט אינמיטן. — נו, וואָס שטייסטו? — דאָס האָט די טיר געפרעגט. — אפשר וואָלסטו אויך אַרויסגעגאַנגען? — ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. ער איז אַריינגעגאַנגען אין קיך, דערזען דעם שטויס כלים, אַ טראַכט געטון וועגן בעמען צעשטעלן און ווידער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון קיך, זיך דערשלעפּט אין שלאָפצימער און, אין די זאַכן, זיך אַ לייג געטון אין בעט.

דאָס הויז אַ פּוסטקע. קיינער איז ניט אַריינגעקומען, דער טעלעפאָן — טויב, אַפילו ניט אַ פאַרבלאָנזשעטער „ניט ריכטיקער נומער״. איינער איז יאָ געקומען, פינקלשטיין, מענדלס אַ לאַנדסמאַן, וועמען גיטל האָט פיינט געקראָגן, מענדל האָט אים קיינמאָל ניט געטאָרט בעטן צו זיך, אַפילו ניט אויף אַ קאָרטן פּאַרטיי לשם מצוה... אַריינגעקומען, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אָט ווי ער וואָלט געוואָלט אויסגעפינען צי גיטל איז טאַקע ניטאָ און ערשט נאָכדעם אַרויסגעקומען מיט דער טענה למאַי מענדל האָט אים אַפילו ניט געלאָזט וויסן וועגן דער לויה. מענדל האָט זיך פאַרענטפערט אַז ער האָט ק י י נ ע ם ניט גערופן, דאָס האָבן די ווייבער געטון, א י ר ע ווייבער, און מיטן אַקצענט אויף דעם „אירע״ האָט ער אי אַרונטערגענומען די שולד פון זיך, אי איבערגעבעטן זיין לאַנדסמאַן, ווי ער וואָלט אים געזאָגט: ז י, ווייסטו דאָך... נו, איז א י ר ע ווייבער... פינקלשטיין איז גאָרניט געווען אַזוי להוט נאָך לויות, אים האָט נאָר פאַרדראָסן אויף מענדלען, אַזוי ווייט, אַפילו צו דער לויה ניט רופן! איצטער, אחרי ככלות הכל, האָט ער שוין אַפילו אויף מענדלען ניט געהאַט קיין פאַראיבל, ער האָט פּשוט רחמנות געהאַט אויף אים, געבליבן אַליין, כאָטש אַזאַ ארורה...

— איז וואָס דיינקסטו טון?

— וואָס ז אָ ל איך טון? גאָרניט. ס׳איז ביטער.

— כ׳מיין, אַליין אין אַזאַ גרויס הויז...

— מ׳עט מיך ניט צוגנבענען.

— וואָס איז מיט עסן, דער באַלעבאַטישקייט? מ׳דאַרף דאָך אַכטונג געבן.

—פעלן רעסטאָראַנען? און די באַלעבאַטישקייט? אַריינגעמען אַ שיקסע איין מאָל אין וואָך וועט זי אויפראַמען. דאָס איז די קלענסטע דאגה.

— אפשר פאַרקויפן?

— פאַרקויפן! זיך אַריינקלייבן צו אַ „מיסעס״?

— ווער זאָגט עס אַ „מיסעס״? אַ מעבלירטן אַפּאַרטמענט, ניט זיצן איינער אַליין אין אַזאַ גרויס הויז. קומט כאָטש עמיצער?

— אָט ביסטו דאָך געקומען.

— איך, נו... כ׳מיין פון די אַנדערע, די פריינט דיינע...

דער שטאָך האָט געטראָפן. — מ י י נ ע פריינט? איך האָב ניט קיין פריינט. און איך דאַרף זיי ניט אויך. — דער טאָן אַזאַ גערייצטער

אַז פינקלשטיין האָט אַזש אַ קוק געטון אויף אים: אַזוי, ברודערקע? און זיך אויפגעהייבן. — גייסט שוין? וואָס איז די איילעניש?

— אַריינגעגאַנגען אַ קוק טון וואָס דו מאַכסט. איצט דאַרף איך גיין אַהיים, די ווייב וואַרט אויף מיר.

— וואָס מאַכט זי? די קינדער? אַלע געזונט? איז גוט. גיב איר איבער אַ גרוס פון מיר. קומט אַריין אַמאָל, איר ביידע, מיין איך.

— אַריבערקומען.

פון דעם פאַרעווען טאָן האָט מענדל באַשלאָסן ער׳ט אַזוי קומען ווי זיי, די ווייבער. זאָלסט עס זאָגן עמיצער זאָל אַריינשמעקן, אָנקליגגען כאָטש... מע!

איינע איז יאָ געקומען, די „טשיפמאַנק”. אַזוי האָט גיטל זי גערופן, און דער נאָמען איז געווען ווי אָנגעמאָסטן. קליין, זשוואווע, מיט אַ פאַרשפּיצטער מאָרדעטשקע, האָט זי טאַקע דערמאַנט אָן אַ ווערווערקע. אַריינגעקומען, האָט זי אַ וואָרף געטון מיט אירע ביר קאָליר אויגעלעך אָט ווי זי וואָלט מיט איין קוק געוואָלט אַריינגעמען דאָס גאַנצע הויז און פונם שפּיציקן מיילעכל האָבן זיך גענומען שיטן רייד ווי אַ ווערווערקע וואָלט געקנאַקט ניסלעך. גוירטי אַהער און גוירטי אַהין, וואָס פאַר אַ פריינט זיי זיינען געווען, זי האָט אַזוי לאַנג גערעדט ביז מענדל האָט שוין געפּילט אַ בייסעניש אין די אויערן. ער האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ, זייטיק אַ קוק געטון אויף איר, זיין מויל האָט זיך אויסגעקרימט. איר שטראָם רייד האָט מיט אַמאָל זיך אָפּגעשטעלט, אָט ווי עמיצער וואָלט פאַרדרייט אַ קראַן. האָט זי אין זיינע אויגן, אין זיין מויל דערזען די פראַגע, וואָס ער האָט איר שיר ניט געפרעגט אין דער הויך: ביסטו, ווערווערקע, געקומען פאַרנעמען ד י י ן גוירטיס פּלאַץ? זי איז געווען אַ גרושה, געגט שוין מיטן צווייטן מאַן. סיי ווי, זי האָט זיך אויפגעהייבן, זיך פאַרענטפערט וואָס זי דאַרף שוין גיין, זי האָט נאָך אַן „אונטערהאַל־טונג”, אים אָנגעזאָגט ער „זאָל זיין גוט” און פאַרלאָזט דאָס הויז. מענדל האָט אַ שמייכל געטון צו דער טיר: זי וועט שוין מער ניט קומען.

מיט אַ צווייטער, אַ מרס. גלוקאָוו, האָט ער זיך אָנגעטראָפן אין גאַס, אָט די מרס. גלוקאָוו איז געווען ביי אים אין הויז אַ מאָל צען, אויב ניט מער, ער ביי איר אין הויז אויך אַ מאָל דריי — צו די קאָרטן פּאַרטיס, אויב זיי זיינען געווען אין אָוונט, האָבן די ווייבער מיטגעבראַכט די מענער — זיך אָנגעטראָפן פּנים אל פּנים, האָט ער מיט געלעכטער אין קול אויסגערופן: העללאָ, מרס. גלוקאָוו! נאָך אַ ביסל וואָלט געווען אַ

צוזאַמענשטויס... איר קוק פון: ווער ביסטו דאָס? האָט זיך געביטן, אַט ווי זי וואָלט זיך אַ גריבל געטון אין אַ ספר הזכרונות און זיך דערגראַבן.

— אַה! איר זייט דאָך... גוירטיס מאַן! אודאי! אַה, איך בין אַזוי צופרידן וואָס איך האָב אייך באַגעגנט! וואָס מאַכט איר? ווי גייט עס אייך? גוט, דאָס איז זייער גוט. צופרידן צו הערן. און איצט, וועט איר מיר אַנטשולדיקן, איך בין אין איילעניש. קיין חידוש ניט וואָס מיר האָבן זיך שיר ניט צוזאַמענגעשטויסן. מיר׳ן זיך נאָך זען. אַ גוטן.

מענדל האָט איר נאָכגעקוקט ווי זי האָט אַוועקגעטענצלט אויף אירע הויכע קנעפּעלעך. „איך בין אַזוי צופרידן וואָס איך האָב אייך באַגעגנט״. גוואַלדיק צופרידן... „מיר׳ן זיך נאָך זען״. זאָלסט אַזוי זיין מיט דער נאָז ווי מיר׳ן זיך שוין זען. איך וויל דיך ניט זען. „אַה! איר זייט דאָך... גוירטיס מאַן״. נו, גוירטי איז טויט, יעס, מאַדאַם, זי איז טויט, און דו, איר אַלע זייט אויך טויט, אפילו אַז איר לעבט. איך דאַרף אייך אַלעמען אויף כפּרות, יאָ, כפּרות, כאַפּט אייך אַלעמען דער גוטער יאַר.

ער האָט געהאַט נאָך אַ באַגעגעניש. אַ זונטיק, מיטיק צייט. ער איז צוגעגאַנגען אין דער קאַפעטעריע דאָרטן עסן. ביים טיר האָט ער אָנגע־טראָפן דעם אויקציאָנער צוקער. מיט אַט דעם מר. צוקער האָט ער עטלעכע מאָל געשפּילט פּאָקער ביי זיך אין הויז צו גיטל׳ס קאָרטן פּאַרטיס און אַ פּאָר מאָל ביי אים אין הויז צו זיין ווייבס קאָרטן פּאַרטיס. מענדל האָט פיינט געהאַט פּאָקער, דאָס איז אַ שפּיל פאַר גראַבעזשניקעס, אָבער אַז מ׳שפּילט לשם מצוה... איז דאָך נישט שייך. ער האָט אויך פיינט געהאַט דעם מר. צוקער. די עטלעכע מאָל וואָס ער האָט געשפּילט מיט אים האָט ער אים חושד געווען, ניין, איז געווען זיכער אַז מר. צוקער מאַכט אַ פּעקל... פּונדעסטוועגן, אַז ער האָט אים דערזען, האָט ער אַ זאָג געטון אַ פריינטלעכן: העללאָ, מר. צוקער! דער מר. צוקער האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ. — העללאָ, מר... — די צוויי פינגער, וואָס האָבן זיך אַ הייב געטון ביים „העללאָ״, האָבן אַ טיקע געטון די לופט. — אַה, געכאַפּט! איר זייט מרס. גאָלדשטיינס מאַן. ריכטיק? — ער האָט זיך אַזש צעשמייכלט פון זיין גוטן זכרון. — וואָס מאַכט איר? אייך שוין ניט געזען... גייט עפּעס נעמען אין מויל? איך אויך. — ער האָט אַ שפּאַן געטון צו דער טיר פון קאַפעטעריע. מענדל איז נאָכגעגאַנגען, נאָכגעטראַכט: אידיאָט! מ׳דאַרף זיין אַ פאַלנער אידיאָט צו זאָגן מרס. גאָלדשטיינס מאַן. און דאָס איז אַ געשעפטס מאַן. נו יאָ, די אמתע געשעפטן,

אַן אויקציאָנער, אָבער מ׳זאָגט אַז ער האָט געלט. קען זיין. אַז אַ מענטש קען מאַכן אַ פּעקל ווען ער שפּילט אין קאָרטן לשם מצוה, קען ער שוין מאַכן געלט אין ליציטירן אודאי. ער קען אים ניט אָנקוקן. אפילו זיין פּלייצע קען ער ניט אָנקוקן.

די שערענגע מענטשן ביים עסנוואַרג האָט זיך פּאַמעלעך גערוקט, מענדל הינטער צוקערן, און די פּלייצע האָט אים דענערווירט, ער האָט גענומען זאַכן וואָס ער האָט גאָר ניט געהאַט בדעה צו נעמען, ווען ער האָט שוין ענדלעך זיך דערלאַנגט צו דער קאַווע, האָט ער געזען ווי דער מר. צוקער האָט אַ גיי געטון, זיך ניט אומקוקנדיק אַפילו צו אים, וואָס אַ באַקאַנטער טוט געווייִנלעך ווי אַן איינלאַדונג זיך זעצן ביי איין טיש. מענדל האָט אים געשיינקט אַ שטילן „ברעך אַ פוס״, און אַזוי גיך ווי דער מר. צוקער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין איין זייט פון דער קאַפעטעריע, האָט ער זיך פאַרנומען אין אַ צווייטער זייט, קעגנאיבער דער קאַסירערשעס געשטעל ביים אַרויסגאַנג.

דאָס עסן האָט ניט געהאַט קיין טעם. ער האָט געקייט דעם ווייכן, קוואַטשיקן ברויט און אויך די האַרטע געדאַנקען: קאָרטן פּאַרטיס... וואַשן כלים שפּעט ביינאַכט... אירע אַנדערע „אונטערנעמונגען״, איבער־בייסנס... האָט זי געהאַט אַזאַ איבערבייסן, האָט זי שוין ניט געקאָכט קיין וועטשערע, געגאַנגען אין רעסטאָראַן, קאַפעטעריע... די מאכלים דאָ... זאָל זי אים מוחל זיין, זי איז אויך געווען אַ קנאַפּע קעכן, אַז דער עיקר איז דאָך געווען — די „סאָסייעטיס״... דער מאַן — אַ פירמע, מרס. גאָלדשטיין, ער — מרס. גאָלדשטיינס מאַן... גייען זיי אַלע צו אַלדי רוחות. זע, ער גייט דאָך שוין, דער מר. צוקער. דאָס געמאַכט איינס און צוויי. זאָל ער גיין צו אַלדי שוואַרצע יאָר, דער... פּעקל מאַכער. דאַרף אים נויטיק האָבן... די קאַווע קאַלט. אפשר גאָר צוגיין נעמען אַ פרישע טעפּל קאַווע. ער האָט אַ הייב געטון דעם קאָפּ און דערזען לעבן דער קאַסע אַ באַקאַנט פּנים. וואַרט נאָר, דאָס איז דאָך... טאַקע זי, די פרוי וואָס ער האָט גענומען אין שפּיטאָל. זיכער זי. זי זעט אויס יונגער, שענער. שמייכלט זי דאָס צו אים? צוגיין צו איר! איר זאָגן... ער האָט געזען זי האָט צוגענומען דאָס רעשט געלט, אַרויסגעגאַנגען. זיך אויפהייבן. איר נאָכגיין! דער שלוק קאַלטע קאַווע האָט אים אַ ביסל אָפּגעקילט. איר נאָכגיין. און וואָס וועסטו איר זאָגן? אַז... האָסט׳אָך אַפילו ניט אַ טראַכט געטון וועגן איר די גאַנצע צייט. שוין גאָר געטראַכט, אַפילו זיך געפילט שולדיק קעגן איר, איר ניט געלאָזט וויסן דעמלט, זי איז מסתם

געשטאַנען און געוואַרט. און פאַרוואָס טאָקע ניט געלאָזט וויסן? געווען אַזוי פּריטשמעליעט אַז... און איצט... ער ווייסט דאָך אַפילו ניט, געדיינקט ניט איר נאָמען. וואַרט אַ ווײַלע, ער געדיינקט יאָ: ראָזענ... ראָזענבערג... ראָזענפעלד... ראָזענטאַל... עפּעס אַ ראָזענ... ער׳ט צוגיין צום הויז וועט ער שוין זען. דעם נומער פון הויז ווייסט ער ניט, ער געדיינקט אָבער די גאַס, דאָ דערבײַ, און דאָס הויז וועט ער דערקענען. אויב זי וווינט נאָך דאָרט... זי איז געגאַנגען עסן אַליין, מיינט עס אַז דער מאַן איז ניטאָ. זאָל ער נאָך אַלץ זיין אין שפּיטאָל? עפּעס גלויבט זיך עס ניט, באַלד די באַזוך שעה... מיינט עס אַז... די קאַווע אינגאַנצן קאַלט. מענדל האָט אָפּגערוקט דאָס טעפּל מיטן ביסל ניט דערטרונקענער קאַווע, אַ לייג געטון דאָס סערוועטל, זיך אויפגעהייבן, ער גייט!

(4)

— אָה!

איר „אָה!" — עפּעס אַן עכאָ פון זיין „אָה!", וואָס ער האָט אַ זאָג געטון מיט קנאַפּע פיר חדשים צוריק ביים אַרויסגיין פון שפּיטאָל, דאָס הייסט: טרעפן מיר זיך ווידער! דער טאָן איז אָבער געווען ניט אינגאַנצן דער זעלבער, ער האָט געהערט, געזען אַז זי איז איבערראַשט, זי האָט זיך אַפילו אַ רויטל געטון.

— קומט אַריין!

אין דעם „קומט אַריין" האָט ער דערהערט: ווי קומסטו אַהער? אָנשטאָט ענטפערן האָט ער אַ צי געטון מיטן נאָז. — איך שמעק קאַווע. האַלט איר אינמיטן... עסן? — דאָ האָט ער שוין דערפילט אַז ער רויטלט זיך: ער האָט זי דאָך געזען אין קאַפעטעריע, און זי איז דאָך ניט געגאַנגען אַהין... בענטשן.

— נייך, געגעסן האָט זי אין קאַפעטעריע דאָ דערבײַ, אָבער זייער קאַווע איז אין מויל ניט צו נעמען, און ווען עס קומט צו קאַווע איז זי זייער איבערקלייבעריש, האָט זי דאָס געמאַכט קאַווע. וואָלט ער אויך געוואָלט אַ טעפּל?

— ער קומט דאָך אויך אָט איצטער פון קאַפעטעריע.

— אָה, ער איז דאָרטן געווען! זי האָט אים ניט געזען. סיי ווי, ער׳ט

טרינקען קאַווע. אַן אמת טעפּל קאַווע. עס וועט נעמען אַ דריי מינוט אנציען. זאָל ער זיך צוזעצן אַ ווײַלע.

ער האָט זיך צוגעזעצט, אַ פּיר געטון מיט די אויגן איבערן צימער. זויבער. דאָס איינע וואָרט עפּעס אַ מין סך הכל. מוז זיין אַ ציכט אַ באַלעבאָסטע. ער האָט דערהערט פון קיך עפּעס אַ רייבעניש, ביין, אַ מאַלעניש. דאָס מאָלט זי די קאַווע? אַ בעלנות פון אַ מענטשן, אליין מאָלן קאַווע! „ווען עס קומט צו קאַווע בין איך זייער איבערקלייבעריש". דאָס מעבל, די פאָרהאַנגען אַלץ גוט צוגעקליבן. האָט אַ גוטן געשמאַק. געקענט שווערן אַז איר מאַן איז געווען אַ... מיאוסער. פון דעם פּלוצלונגען שקאַצישן שפּרונג איז אים עפּעס פריילעך געוואָרן און צו דער זעלבער צייט האָט ער זיך עפּעס דערשראָקן: געווען אַ מיאוסער? פונוואַנען ווייסטו אַז געווען? אָה, ער איז טויט. זיכער טויט. און אויב אפילו אַזוי, איז וואָס? איז וואָס...

— זאָל איך ברענגען די קאַווע אַהער, אָדער איר האָט גאָרניט קעגן טרינקען אין קיך?

— אודאי אין קיך! — תוך כדי דיבור האָט ער זיך אַ הייב געטון. אַריינגעקומען אין קיך, האָט ער ווידער אַ צי געטון מיטן נאָז. — אויב דער טעם פון דער קאַווע איז אַזוי גוט ווי דער גערוך מיינט עס אַז איכ'ל קריגן אַ גוט טעפּל קאַווע.

— איר'ט פאַרזוכן מיין קאַווע וועט איר שוין אין קאַפעטעריע קיין קאַווע מער ניט טרינקען.

— די קאַווע דאָרטן איז היינט געווען אין מויל ניט צו נעמען. קאַלט און ביטער.

— נו, האָט איר דערפאַר איצט אַ טעפּל קאַווע הייס און פריש.

— עס איז גוט, — האָט ער אַ זאָג געטון נאָכן ערשטן שלוק, און ניט נאָר דאָס מויל אויך די אויגן האָבן געזאָגט: גוט, און די אויגן האָבן גוטגעהייסן ניט נאָר די קאַווע, נאָר אויך די באַלעבאָסטע. — זאָגט זשע מיר, איך בעט אייך, ווי מאַכט איר דאָס?

— ווען איר זאָלט זיין אַ פרוי וואָלט איך שוין געמיינט אַז איר ווילט ביי מיר אַרויסקריגן מיין רעצעפּט, היות איר זייט אָבער אַ רעסטאָראַן עסער מעג איך אייך זאָגן: קודם — גוטע קאַווע. איר זעט דאָס זעקל דאָ? דאָס איז איינע פון די בעסטע קאַוועס אויפן מאַרק. דאָס איז אָבער ניט אַלץ. אויב איר ווילט אַ גוט טעפּל קאַווע מוז עס זיין פריש. די קאַווע וואָס מ'קויפט אין די פושקעס, אַז מע עפנט די

פּושקע צום ערשטן מאָל שמעקט די קאַווע זייער גוט, אויפן צווייטן, דריטן מאָל וועפּט זיך אויס דער גערוך און אויך דער טעם. קויף איך קאַווע בעבלעך און פאַר יעדער גלאָז קאַווע צעמאָל איך אַ מעסטל. און יאָ, דער עיקר, קאַווע דאַרף ניט קאָכן, זי דאַרף אָנציען אַט אַזוי ווי טיי. איצט, אַז איר ווייסט שוין דעם רעצעפּט, זאָגט זשע מיר ווי האָט איר עס דערשמעקט די קאַווע? — זעענדיק זיין פרעגנדיקן קוק, האָט זי עטוואָס שטילער אַרויסגעזאָגט — איך מיין, ווי אַזוי זייט איר עס גראַדע היינט געקומען?

איר זאָגן אַז ער האָט זי געזען אין קאַפעטעריע? דאָס ניט. האָט ער דאָך זי געפרעגט צי זי האַלט אינמיטן עסן. און וואָס איז דער חילוק, היינט, פאַראַכטאָגן אָדער איבעראַכטאָג? איז זי ניט צופרידן וואָס ער איז געקומען? — וואָס זשע? — האָט ער אַ פרעג געטון.

— איר זייט אַן אָנגעלייגטער גאַסט, איר פאַרזיכער אייך... — איר אויפריכטיקער, וואַרעמער טאָן האָט שוין צעטריבן דעם שמץ פאַרדראָס פאַר איר פראַגע. — נאָר, ווי זאָל איך אייך זאָגן, איך האָב זיך ניט געריכט, ניט דערוואַרט...

— נו, דעם אמת געזאָגט, איז עס פאַר מיר אויך אומגעריכט. ס'הייסט, קומען האָב איך געוואָלט נאָך מיט אַ... פיר חדשים צוריק. איך קום דאָך אייך אַן אַנטשולדיקונג. יענעם מיטוואָך... מיטוואָך איז דאָס געווען? יאָ, מיטוואָך, ווען איך האָב געוווּסט אַז איך וועל אייך ניט קענען טרעפן ביים אַרויסגאַנג פון שפּיטאָל, האָב איך אייך געדאַרפט לאָזן וויסן, ניט איר זאָלט שטיין און וואַרטן אומזיסט אָבער איך בין געווען אַזוי צעטראָגן אַז... זי איז געשטאָרבן דאָנערשטיק אינדערפרי... פון זונטיק איז דאָך אָפּגערעדט, געווען די לוויה. נאָכדעם האָב איך געטראַכט אַז איר האָט זיך שוין מסתם אַליין אָנגעשטויסן...

— יאָ, איך האָב גלייך פאַרשטאַנען אַז עפּעס האָט פּאַסירט, נאָכדעם, וועגן דער לוויה, האָב איך געזען אין דער צייטונג.

— אָה, איר האָט געזען?

— יאָ, כ'האָב געזען. אַ גאַנצע באַשרייבונג. — דערוואַרט האָט זי, ער זאָל עפּעס זאָגן מיטן טאָן פון „אַ גאַנצע מאַסנפאַרזאַמלונג", ווי דעמלט ווען ער האָט איר דערציילט וועגן די פּרויען באַזוכער אין שפּיטאָל, אָנשטאָט דעם האָט זי געזען עפּעס אַ מין שאָטן פון אומצופרידנקייט, האָט זי זיך געחידושט, זי האָט אָבער ניט געוואָלט פאַרלייגערן דאָס שווייגן, האָט זי ווייטער געצויגן דעם געשפּרעך פאָדעם. — איך האָב געהאַט

בדעה אײך אָנקלינגען האָב איך זיך אָבער געכאַפּט אַז איך װײס ניט אײער טעלעפאָן, אַפילו דעם אַדרעס. נאָכדעם, די נײַס װעגן איר לװיה געלײענט פרײטיק און שבת איז מײַן מאַן געשטאָרבן, אַזױ אַז...

— דאָס האָב איך ניט געװוּסט.

— געװען אױף דער ראַדיאָ, אױף דער יידישער שעה, איר װײסט'אָך...

— ניט געהערט. װאָס? האַרץ?

— יאָ, האַרץ. צװײטע אַטאַקע. מ'נע... איר װילט אפשר נאָך אַ טעפּל קאַװע? ניין? טאָ לאָמיר אַרײַנגײן אין פאָדערשטן צימער. דאָ איז אַ ביסל צו... זי האָט ניט געענדיקט צו... װאָס, און ער האָט פאַרשטאַנען אַז זי װיל ניט נאָר בײַטן דעם צימער נאָר אױך דעם געשפּרעך. אפשר גאָר ניט רעדן מער, אַװעקגײן? ניט שײן.

מיט אַ לײַכטער האַנט באַװעגונג האָט זי אים אָנגעװיזן אױף אײן געבעטן שטול, זי האָט זיך אַװעקגעזעצט אױפן צװײטן, זי האָט גאָרניט געזאָגט, האָט ער דערפילט אַז ע ר מוז ע פּ ע ס זאָגן. — איר האָט אַ גאַנץ פײַנע דירה. װיפל צימערן האָט איר עס?

— פינף.

דער אָפּגעהאַקטער „פינף", די צװײ פײַען האָבן שאַרף אַ פײף געטון.

— אַ ביסעלע צופיל פאַר אײך אײנער אַלײן.

— יאָ, אַ ב י ס ל צופיל. — דאָס אַקצענטירטע „ביסל" האָט געזאָגט: אַ סך צופיל.

— איר װאָלט געקענט אַרױסדינגען אײן צימער.

— יאָ, אַ טראַכט געטון װעגן דעם. דאָס װאָלט אַ ביסל אַרױסגעהאָלפן מיטן דירה געלט — איך צאָל זיבעציק דאָלאַר! — און ניט אַזױ די פאָר דאָלאַר, װי עס װאָלט געװען נאָך אַ מענטש אין שטוב, אַזױ אָ, אײנע אַלײן...

— יאָ, האָט ער אַרױסגערעדט — אַרױסגעזיפצט, — אײנער אַלײן אין אַ גרױס הױז איז ניט אַזױ פרײלעך, אָבער, איך שטעל מיר פאָר, איר האָט פרײַנט װאָס קומען...

— מ'יאָ, פרײַנט...

איר „יאָ" מיטן „מ" פון פאָרנט, און דער „פ" פון די „פרײַנט" אַזאַ שאַרפער, האָט אַ הײב געטון זײַן קאָפּ, זײַנע אױגן האָבן געפרעגט, געמאָנט: װאָס װילסטו זאָגן? זאָג! זאָג! מיר איז דאָס שטאַרק נוגע...

— א י ך האָב ניט קײן פרײַנט. װען ער האָט געלעבט האָבן מיר זײ געהאַט אױפן טוצן, טאָג און נאַכט, זיך ניט געקענט אָפּטרײַבן פון זײ, ער איז אַװעקגעגאַנגען, איז ניט געבליבן קײנער, אָבער טאַקע קײנער,

זאָלט עס זאָגן עמיצער זאָל אַריינשטעלן אַ פּוס. שוין באַלד פיר חדשים, און איך ווייס נישט אויב פיר מענטשן זיינען געקומען אַ קוק טון צי לעב איך, אפשר בין איך אויך געשטאָרבן. קען זיין אַז איך בין טאַקע גע־שטאָרבן. ניט קען זיין, פּאַר ז י י בין איך זיכער געשטאָרבן. אָה, ניטאָ וואָס צו רעדן, — האָט זי אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, — זאָגט בעסער איר, עפּעס פריילעכערס.

— איך, פריילעכערס! מיין ליבע פרוי, דאָס נעמלעכע פון מיר צו הערן, אפשר נאָך מיט אַ סמיטשיק. איר האָט געלייענט וועגן דער לוויה, נו, איר וואָלט עס געדאַרפט געווען זען...

און ער האָט איר דערציילט באריכות וועגן דער לוויה, דער „סעודה״ נאָכדעם, וועגן די טעג און וואָכן, וואָס דער טעלעפאָן האָט אפילו ניט אַ קלונג געטון; וועגן די באַגעגענישן מיט דער מרס. גלוקאָוו און דעם מר. צוקער, ער האָט אָבער ניט דערציילט אַז די לעצטע באַגעגעניש איז פאָרגעקומען נאָר וואָס, ביי דער קאָפּעטעריע, און פאַרענדיקט האָט ער: — נו, איר טויט איז געווען פאַר מיר אַ קלאַפּ, אַ שווערער קלאַפּ, אָבער פיר חדשים זיינען שוין אַוועקגעגאַנגען, איך האָב געהאַט גענוג צייט טראַכטן, איבערטראַכטן, און איך דיינק אַז איך האָב עפּעס געלערנט. יאָ, איך האָב געלערנט אַ לעקציע. — די צוויי „למדן״ האָבן צוגעקלאַפּט: גע־ל־ערנט אַ ל־עקציע! עפּעס וויכטיקס, אַ שווערע סוגיא.

איצט האָבן שוין אירע אויגן געפרעגט, געמאָנט: וואָס אַזוינס האָסטו געלערנט? זאָג! איך וויל הערן, וויסן, אפשר וועל איך אויך עפּעס לערנען.

— איכ׳ל חתונה האָבן! — האָט ער שיר ניט אויסגעשאָסן און, ווי דערשראָקן פאַר זיין פלוצלונגען אויסברוך, האָט ער שנעל צוגעגעבן — יאָ, איך וועל חתונה האָבן. איך ווייס ניט ווי איר׳ט עס אויפנעמען. איר קענט אפשר דיינקען ס׳ניט שיין צו רעדן אַזוי, ניט אַזוי גיך, אָבער פאַר מיר איז דאָס געווען אַ לאַנגע, לאַנגע צייט, זייער לאַנג און איך האָב אַ היפּש ביסל געטראַכט וועגן דעם. איכ׳ל עס ניט טון מאָרגן, אָבער טון וועל איך עס. איך האָב ליב געהאַט מיין ווייב. אין די צוויי און צוואַנציק יאָר וואָס מיר זיינען געווען מאַן און ווייב געדיינק איך ניט מיר זאָלן האָבן פאַרביטן אַ וואָרט אויף אַ וואָרט, אָבער מ׳שטאַרבט ניט נאָך, און אַזוי דאַרף זיין. דער לעבעדיקער דאַרף לעבן, האָט קיין זין ניט פּטרן דאָס לעבן אָט אַזוי אַ, מיר ניט דיר ניט. יאָ, איך וועל חתונה האָבן, אָבער

דאָס מאָל וועל איך שוין זיין אַ ביסעלע פאָרזיכטיקער, איך וועל מיר אויסזוכן אַ פרוי וואָס זאָל זיין מיין ווייב, ניט איך, דער מאַן, זאָל זיין אירער אַ... „מענ׳ס אוקזיליערי״... — ער האָט געכאַפּט אַ שאָטן פון אַ שמייכל אַרום איר מויל. ער האָט אַ וויש געטון דעם שטערן מיט דער האַנט פלאַך. — איר׳ט מיר אַנטשולדיקן. איך האָב זיך אפשר אויסגעדריקט ניט ווי עס דאַרף צו זיין. אפשר גאָר גערעדט צופיל. קען זיין. איז לאָמיך אייך זאָגן: איר זייט די ערשטע פרוי, דער איינציקער מענטש פאַר וועמען איך האָב זיך אַזוי אויסגערעדט. פאַרוואָס האָב איך עס געטון? איך ווייס ניט. און אפשר ווייס איך יאָ. ווען איר האָט אַ זאָג געטון: איך האָב ניט קיין פריינט, האָב איך גלייך דערפילט אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן פון טיפן האַרצן און, ווי זאָגט מען עס, אַ האַרץ פילט אַ האַרץ. און איצט, אַז איך האָב זיך שוין אַראָפגערעדט פון האַרצן, וועל איך בעסער גיין. — ער האָט זיך אַ הייב געטון און זיין באַוועגונג האָט אקצענטירט: איך גיי! — האָט קיין פאַראיבל אויף מיר פאַר רעדן אַזוי פיל... נאַרישקייטן און אַ שיינעם דאַנק אייך פאַר אייער טעפל קאַווע, עס איז ווירקלעך געווען אַ גוט טעפל קאַווע, אפשר דאָס בעסטע וואָס איך האָב ווען עס איז פאַרזוכט.

— איך בין צופרידן עס צו הערן און, צו יעדער צייט, ווען איר׳ט נאָר פילן אַז איר ווילט אַ גוט טעפל קאַווע, איז מיין טיר אָפן.

אין איר פנים האָט ער געזען אַז דאָס איז ניט סתם אַן איינלאַדונג, צוליב העפלעכקייט, און איר פנים איז ניט נאָר געווען שענער ווי דעמלט ווען ער האָט זי באַגעגנט אין שפיטאָל, נאָר אויך מילדער, ליבער, ער וואָלט געקומען צו איר ניט נאָר צוליבן טעפל קאַווע... ער האָט שוין אָבער גערעדט צופיל, ניט גענדאַרפט געווען אַזוי רעדן, האָט ער גענומען זיך צוריקציען. — אַ שיינעם דאַנק אייך, און איכ׳ל עס זיכער האָבן אינזינען, כאָטש ווען איך קען דאָס טון ווייס איך ניט. דורך דער וואָך עס איך אין שטאָט, פאַרשליס די קראָם, גיי איך אַריין אין אַ רעסטאָראַן, עס אָפּ, פון דאָרט גיי איך אַמאָל אַריין אין אַ קינאָ, זונטיק איז דער איינציקער טאָג ווען איך כאַפּ זיך אַריין אין דער קאַפעטעריע... — דאָס לעצטע איז שוין געווען אַ סטראַטעגישער צוג צוריקצוקומען.

— איך עס געוויינטלעך אין דערהיים, — האָט זי אַקעגנגעשפילט, — אָבער אַמאָל פויל איך זיך אונטער... — איר שולדיקער שמייכל: וואָלסטו זיך געגלויבט אַזאַ זאַך אויף מיר? — און אפשר ניט אַזוי דאָס

פוילן זיך, נאָר עס ווערט עפּעס דערעסן קאָכן פאַר איין מענטשן, זיך אַליין, כאַפּ איך זיך אַריין אין דער קאַפעטעריע, אָט ווי היינט.

דער האַנטדרוק איז געווען אַ וואַרעמער און די אויגן האָבן געזאָגט: קומענדיקן זונטיק, הייסט עס, טרעפן מיר זיך ווידער.

(5)

זונטיק האָט מען זיך „צופעליק" געטראָפן אין קאַפעטעריע. ער איז געקומען פריער, האָט ער פאַרנומען אַ ביינקל ביי אַ טישל פון וואַנען ער האָט געזען די אַריינקומענדיקע און אנעקסירט נאָך אַ ביינקל. דערזען זי אַריינקומען האָט ער זיך אַ הייב געטון, געכאַפּט איר זוכנדיקן קוק, האָט ער סיגנאַליזירט מיט דער האַנט: דאָ אָ, רעזערווירט אַ ביינקל, און איר שמייכל האָט געענטפערט: כ׳וועל שוין צוקומען, זאָרג זיך ניט.

מ׳האָט אָפּגעגעסן, האָט זי אַ זאָג געטון — און איצט וועלן מיר פאַרטרינקען מיט אַ גוט ביסל קאַווע. — איר קוק: ווייסט׳אַך שוין. זיינע אויגן האָבן געענטפערט: אודאי ווייס איך... און ניט נאָר וועגן קאַווע...

ביים ארויסגיין האָט ער אַ זאָג געטון — איר וואַרט דאָ צו אַ מינוט, כ׳וועל ברייגנען די מאַשין.

— מאַשין!

— זיך געפוילט גיין, — האָט ער כלומרשט שולדיק געענטפערט. זי האָט געזען דער תירוץ איז אַ פוילער... און זי האָט מיט אַ שמייכל געענטפערט אַז זי האָט זיך אויך געפוילט מאַכן עסן פאַר זיך. — אַרויספאָרן אַ ביסל. ס׳איז זייער אַ שיינער טאָג. — שיינדל האָט גערן צוגעשטימט אַז דער טאָג איז אַ שיינער, פאַרנדיק שוין האָט זי אפילו צוגעשטימט אַז אין דער קאַפעטעריע איז דאָס עסן ניט שלעכט, געמיינט האָט עס: קומענדיקן זונטיק...

פרייטיק אָוונט האָט ער איר אָנגעקלונגען זי זאָל זונטיק נ י ט גיין אין קאַפעטעריע: ער האָט אויסגעפונען אַ רעסטאָראַן ווו מע קריגט ניט נאָר אַ גוטן מאָלצייט, נאָר אויך אַ גוט טעפּל קאַווע. זי האָט אים געזאָגט אַז זי צווייפלט אפילו צי איז דאָס טאַקע אַזוי, נאָר זי איז וויליק אים געבן „דעם בענעפיט פון צווייפל".

דער רעסטאָראַן, וואָס מענדל האָט „אויסגעפונען" האָט זיך ארויס־געוויזן צו זיין איינער פון די פאַרנעמסטע אין שטאָט. דאָס עסן, די קאַווע, די באַדינונג, אַלץ איז געווען גוט. ווען מ׳איז אַרויסגעגאַנגען און

ער האָט אַ פרעג געטון: נו, געפעלן? די קאַווע אויך? האָט זי מיט אַ שמייכל געענטפערט: יאָ, אַפילו די קאַווע. איר איז געפעלן געוואָרן ניט אַזוי די קאַווע ווי דאָס וואָס ער האָט זי „אַרויסגענומען" אין אַזאַ גרויס־אַרטיקן רעסטאָראַן. זי האָט אַ טראַכט געטון וועגן „באַזאָלן" אים, איינלאַדן אים צו זיך אויף מיטיק, און אַ זאָג געטון, — כאָטש איך מוז אייך זאָגן... — זי האָט דערזען זיין קוק: וואָס, מ׳קען דיך גאָר ניט צופרידנשטעלן? און זי האָט אַ ביסל פאַרשעמט צוגעגעבן — אייך שוין אַמאָל געזאָגט: איך בין אַן אַלט מאַדישע, פאַר מיר איז דער בעסטער רעסטאָראַן אויף... אַלטא וויסטא.

— יענער רעסטאָראַן איז ניט אָפּן פאַרן עולם, איז ער?

— עס ווענדט זיך ווי גרויס אַן עולם.

— אָה, ניט צו גרויס. אינגאַנצן פינף־פינף.

— פינף פינף?

— פינף פוס מיט פינף צאָל, — האָט ער מיטן פינגער אַ טיקע געטון צו די פיס און אַ הייב געטון צום שפּיץ קאָפּ. ווען ער האָט איר אַ וויַיז געטון דעם שפּיץ פינגער: זעסטו שוין? האָט זי דערזען דער פינגער האָט געשמייכלט.

— אָה, אַזאַ עולם קען זי סערווירן, — האָט זי צוריקגעשמייכלט, — אָבער ער מוז פונדעסטוועגן רעזערווירן.

— וואָס זשע, עמיצער קען נאָך פאַרכאַפּן?

— עס גייט ניט אין כאַפּערלעך...

אפשר ניט געדאַרפט געוועןן זאָגן. זי פילט זיך געטראָפן. — איר האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען.

— איך פאַרשטיי וואָס איר מיינט, — האָט זי שוין גוטמוטיק געשמייכלט, — אָבער, פאַרשטייט איר מיך, אַ גוטער שעף דאַרף וויסן פאַראויס וואָס צוצוגרייטן. עפּעס ספּעציעלעס?

— דאָס פאַרלאָז איך זיך שוין אויפן שעף. בלייבט עס אַזוי — דעם „שעפס ספּעשל". דאַטום — זונטיק דעם... צוועלפטן, צייט?

— איינס אויף דער מינוט.

— קען איך עפּעס ברענגען?

— יאָ. אַ גוטן אַפּעטיט.

— וועגן דעם דאַרפט איר זיך ניט זאָרגן.

ערנסט און שפּאָס האָבן זיך אַזוי אויסגעמישט אַז די ווערטער זיינען געווען וואַיניק פאַרן גומען, זיי זיינען געגאַנגען אין קאָפּ...

ביידע האָבן געוואַרט אויפן זונטיק, זיך געגרייט. די פּאָר מאָל וואָס זיי האָבן געגעסן צוזאַמען האָט זי אַכטונג געגעבן וואָס און ווי ער עסט, איצטער האָט זי געטראַכט וואָס זאָל זי צוגרייטן, וואָסער מאכל קען אים שמעקן צום בעסטן, וועלכע שאר ירקות. זי האָט באַמערקט — קיין גוואַלדיקער גרינס עסער איז ער ניט, אָבער אַ מענטש דאַרף עסן גרינס. זי'ט שוין... די פראַגע איז: ווו? אין עס צימער — מער יומטובדיק, אָדער אין קיך — היימישער...

מענדל האָט זיך אויך געישובט: וואָס ברייננגט מען? פון בראָנפן איז אָפּגערעדט. אין רעסטאָראַן האָט ער גענומען אַ גלעזעלע, איר אויך פאַרגעלייגט האָט זי אָפּגעדאַנקט, סיידן אַ פלעשל וויין, זיסן וויין. ער האָט אפילו ניט ליב קיין זיסן וויין, אָבער ווייבער... טויג אויך ניט. ווען זי וואָלט געטרונקען וויין וואָלט זי עס געזאָגט אין רעסטאָראַן. אַ קעסטל צוקערקעס? עט... וואָס איז זי, אַ מיידעלע? אפשר גאָר בלומען? דאָס איז שוין אפשר ביים דרך, אָבער... עפּעס האָט ער זיך געשעמט אַריינקומען מיט אַ בינטל בלומען אין האַנט, און ניט נאָר דאָס. ער האָט זיך דערמאָנט אַז דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט זי געזען, זי אים, אויף די טרעפּ פון שפּיטאָל, האָט ער געטראָגן אַ בינטל בלומען... ניין, ער'ט קיין בלומען ניט ברייננגען.

ער האָט גאָרניט געבראַכט חוץ... דעם גוטן אַפּעטיט, און ער איז אים גוט צונוץ געקומען. וואָס זי האָט עס אָנגעקאָכט! און געשמאַק! פונם פאָרשפּייז ביז די קיכעלעך צו דער קאַווע. — דאָס איז שוין צופיל, — האָט ער אַ וויוז געטון אויף די קיכעלעך. זיך אָנגעגעסן ביז אַהער, — די האַנט פלאַך האָט זיך אויסגעגלייכט מיטן מויל.

— נעמט איינס. פאַרזוכט.

מיטן ביסן אין מויל האָט ער אַ קוק געטון אויף איר. — האָט איר עס געבאַקן?

— וואָס דיינקט איר, געגאַנגען קויפן?

ער האָט אַרונטערגעשלינגען דעם ביסן, פון מויל איז אַרויסגעקומען

— שיינדל! איר זייט אַ בריה!

דאָס ערשטע מאָל אַז ער האָט זי גערופן ביים ערשטן נאָמען. ער האָט עס ניט געטון בכיוון, דאָס האָט... דאָס קיכעלע ארויסגערופן דאָס וואָרט, אָבער אַז דאָס איז שוין ארויסגעזאָגט געוואָרן איז ער געווען

גוואַלדיק צופרידן — אויס מרס. ראָ־זענ־צווייג, דערפאַר אָבער האָט ער זיך אויך אַ ביסל דערשראָקן. דערזען איר צופרידענעם שמייכל, איז די שרעק פאַרשוווּנדן. זי האָט געהערט, אודאי האָט זי געהערט, און זי האָט גאָרניט קעגן. דריי קיכעלעך האָט ער אויפגעגעסן מיט דער קאַווע. אַ רייכער מאַלצייט, און פאַר דעם מאָלצייט איז ער גרייט צו... — מיר צעוואַשן די כלים און גייען אין די „פאַראַמאַונט”, דאָרטן ווייזט מען אַ גוט בילד.

— איר גייט אין פאָדערשטן צימער, רוט זיך אָפּ אַ ביסל.

— איך גיי אין ערגעץ ניט. טאַקע שווער געהאָרעוועט — איין קליינינקייט, אַריינשטעלן אַזאַ וואַרמעס, אַ באַנקעט אַ גאַנצער — אָבער אַ ביסל באַוועגונג וועט מיר ניט שאַטן. לאָמיר זיך נעמען צו דער אַרבעט.

— איר'ט ניט וואַשן קיין כלים! איך בין באַלעבאָס!

— ווער זאָגט עס? איך האָב געגעסן פונקט אַזוי גוט ווי איר, נאָך אַ ביסל בעסער, טאָ ווו איז יושר?

— מר. יושר זיצט דאָרטן אין פאָדערשטן צימער, גייט, ער וואַרט אויף אייך, וויל מיט אייך כאַפּן אַ שמועס.

— איך קען שמועסן מיט דער מיסעס יושר, טאַקע דאָ ביים וואַשן די כלים.

— איר'ט ניט וואַשן קיין כלים!

— נו גוט, ניט וואַשן. איר וואַשט, איך וויש. אָפּגעמאַכט. פיין! לאָמיר זיך נעמען צו דער אַרבעט.

אויב שיינדל האָט זיך געישובט צי זאָל זי גרייטן צום טיש אין קיך, ווייל אין קיך איז היימישער... האָט זי איצט, ביים וואַשן דאָס געפעס, ביי זיין ווישן, דערפילט אַזאַ היימישקייט, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט: איר נח, זאָל זיך אים דאָרט גרינג ליגן, האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין איבעריקן חשק צו די כלים, אָפּגעגעסן, איז ער אַנטלאָפן פון קיך, וואַשן צי אפילו ווישן, איז געווען אַ פּחיתות הכבוד... דער ווישט ווי אַ דערפאַרענער... קענטיק אַז ביי איר... ביי יענער... האָט ער... וואָס פאַר אַ פרוי איז זי דאָס געווען? אָה, וואָס גייט עס איר אָן? — איר גיט נאָר גוט אַכטונג, איר'ט צעברעכן אַ טעלער, וועט איר דאַרפן באַצאָלן.

— אַזוי גאָר?

— דאָס איז דער איינפיר אין דעם רעסטאָראַן. דער געשיר ווישער איז ערוב פאַר די כלים.

— דאַרפן אַ רעד טון אין דער יוניאָן וועגן דעם. רעכט אַז זי זאָל דערקלערן אַ סטרייק.

— איר׳ט פּיקעטן?

— פּיקעטן! דאָס אַלץ וואָס אַייך קען איינפאַלן? מיין ליבע פרוי, איר ווייסט ניט מיט וועמען איר האָט צו טון. איך וועל . . . איך וועל דערקלערן אַ זיץ סטרייק! און וואָס וועט איר דאַן טון?

—איכ׳ל . . . איכ׳ל אייך לאָזן סטרייקן ווי לאַנג איר׳ט נאָר וועלן.

— און געבן עסן אויך?

— דאָס... דאָס ווייס איך ניט. מיר׳ן שוין דאַן זען. און איצט...

— איצט, די כלים צעוואַשן, צעווישט, גייען מיר. דער טאָג שטייט ניט.

— דאַרף זיך איבערטון. וועט מיר נעמען אַ פּאָר מינוט.

מענדל האָט אַ קוק געטון אויפן האַנט זייגערל. — דאַרפט זיך ניט יאָגן. מיר׳ן זיין אין צייט.

דאָס איז אפילו געווען אין ווידערשפּרוך מיט דעם וואָס ער האָט נאָר וואָס געזאָגט, אָבער מענדל האָט עס אפילו ניט באַמערקט, ער האָט נאָר געפילט אַז אים איז זייער גוט, אַזוי גוט אַז... אים איז נאָך קיינמאָל אַזוי גוט ניט געווען. דער מאָלצייט, שיינדל...

שיינדל האָט זיך באַוויזן אַן איבערגעטועטע און ער האָט אַן עפן געטון די אויגן: הזאת שיינדל? די זעלבע שיינדל מיט וועמען ער האָט נאָר וואָס געגעסן? אָט די אַ דאַמע? און מיט דער אַ דאַמע גייט ער עס אין קינאָ. ווי גיך זי האָט עס געמאַכט. גיטל, אַז זי האָט זיך גענומען אָנטון... ער גייט מיט ש י י נ ד ל ע ן!

גיטל איז פאַרשוואונדן. פון יענעם מיטיק אָן איז אויך פאַרשוואונדן די מרס. ראָזענצווייג, געווען איז שיינדל. אינמיטן אַ מיטוואָך האָט ער זיך שוין געקענט פאַרגינען אָנקלינגען שיינדלען, אַז אויב זי וויל, אויב זי פוילט זיך קאָכן, זאָל זי אַרונטערקומען צו אים אין קראָם, פון דאָרטן וועלן זיי שוין גיין עסן, ערגעץ אַריינגיין. צי שיינדל האָט זיך געפוילט קאָכן איז ניט אַזוי זיכער, זי האָט זיך אָבער ניט געפוילט, פאָרן צו אים אין קראָם, עסן צוזאַמען, ערגעץ גיין און אין איין וועג טאַקע אַ קוק טון אויף זיין קראָם. מענדל איז געווען צופרידן צו זען זי ביי זיך אין געשעפט. אדרבה, זאָל זי טאַקע זען, כאָטש זי זעט ניט אויס צו זיין אַ געשעפטס פרוי. זי זאָל נאָר ניט נעמען אים גלייך געבן עצות ווי אויסצובעסערן דאָס געשעפט... ער האָט פיינט עצה געבער.

שיינדל האָט קיין עצות ניט געגעבן, זי האָט אָבער יאָ ארויסגעוויזן אַ אינטערעס צו זיין געשעפט, געפרעגט צי טראָגט עס אַריין גענוג, ווי אַזוי ספּראַוועט ער זיך איינער אַליין, און ער האָט גערן געענטפערט. ער האָט זיך ניט באַרימט, אדרבה, דער ריווח וואָס ער האָט אָנגעגעבן איז ניט געווען פונם בעסטן יאָר און, דערציילנדיק איר אַז ער איז אליין דער קויפער, פאַרקויפער און פאַרוואַלטער, האָט ער איר אויך דערציילט אַז ער איז אַליין דער אויסקערער אויך, אַרויסגעקומען איז פונדעסטוועגן אַז דאָס געשעפט איז אַ גוט געשעפט, און עס איז גוט ווייל ער אליין פירט עס, כאָטש עס איז זייער שווער פאַר איין מענטשן.

ווען זי האָט אים אַ זאָג געטון אַז ער וואָלט דאָך געקענט אריינגעמען עמיצן, האָט ער ווייסעריש אַ זאָג געטון: מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער שאַרן. אַ גוטן מענטשן דאַרף מען גוט באַצאָלן. וואָלט זיך עס אפשר געלוינט, אָבער ווו קריגט מען אים? נעמען ווידער אבי וועמען, דאַרף מען אים אַלע מאָל זאָגן: טו דאָס, טו דאָס, אַליין ווייסט ער גאָרניט, און זיך שאַפן מיט יענעם איז ניט אין זיין נאַטור, ער האָט פיינט אַז עמיצער זאָל באַלעבאַטעווען איבער אים און קען אויך ניט באַלעבאַטעווען איבער יענעם. דערצו נאָך דאַרף מען יענעם קוקן אויף די פינגער. נו יאָ, גנבענען. דערביי האָט ער איר דערקלערט אַז ס'איז אַ חילוק פון גנבענען ביז גנבענען. אַז אַ קונה, על פּי רוב פרויען, גנבעט עפּעס אַוועק, אַרט עס אים ניט אַזוי שטאַרק. אַפילו אין די גרויסע קראָמען, ווו ספּעציעלע מענטשן גיבן אַכטונג, גנבעט מען אויך. אַמאָל איז עס טאַקע קבצנות, די פרוי האָט ניט די פאָר דאָלאַר און דער יצר הרע איז צו שטאַרק, אַמאָל איז דאָס גאָר אַ קריינק אַזאַ, אָבער אַן אָנגעשטעלטער זאָל אַרויסגנבענען געלט פון קאַסע, מעג עס זיין איין דאָלאַר, דאָס קען ער ניט פאַרטראָגן, דאָס איז שוין פאַרדאָרבנקייט.

געלט. קאַסע. שיינדלען איז עס ניט אַזוי געפעלן געוואָרן. צופיל געלט מענטש. זאָל זי זאָגן אַז ער איז אַ קאַרגער? ביז אַהער האָט זי געדיינקט אַז ניט, אדרבה, ווען ער גייט ארויס מיט איר גיט ער אויס געלט זייער פריי, אָבער ווי לאַנג איז עס אַז ער גייט אַרויס מיט איר? מ'קען ניט אַ מענטשן ביז מ'עסט ניט אויף מיט אים אַ פונט זאַלץ. זי'ט נאָך דאַרפן עסן מיט אים אַ היפּש ביסל...

ביי אַ צווייטן עסן איז געקומען צו רייד וועגן געבן געלט, צדקה, לייען געלט, און זי האָט געהערט: — איך בין ניט פון די צוואָרפענע געלט געבער, פונדעסטוועגן גיב איך אַוועק דורכן יאָר צווישן פיר און

פינף הונדערט דאָלאַר. אַ „יונייטעד דזשואיש אַפּיל״, אַנדערע יידישע זאַכן, היינט ווו איז די „קאָמיוניטי טשעסט״, רויטער קרייץ, נאָך אַזעלכע זאַכן. דאָ דאַרף מען געבן, דאָ מוז מען געבן, חוץ דעם, מ׳שטייט אין אַ געשעפט, אַן אָפענע טיר, קומען אַריין אַלערליי שלעק, וואָס דאַרפט איר מער, אפילו „באַמס״, פּשוטע „באַמס״ אָבער אַז אַ מענטש שטרעקט אויס אַ האַנט מוז מען אים עפּעס געבן, לאָז איך קיינעם ניט אַרויס מיט ליידיקן, זעט איר אַ גמילת חסדל געבן, דאָס ניט! ניט ביי מיר!

— וואָס, אַ פּרינציפּ אַזאַ?

פון זיין קוק האָט זי געדרונגען אַז ער האָט געכאַפּט די איראָניע אין איר פראַגע, געענטפערט האָט ער אָבער אָן אַ שמץ פון פאַרדראָס. — ניין, קיינע פּרינציפּן, פּשוטע דערפאַרונג. — און ער האָט איר דערציילט באריכות פון דריי פאַלן וואָס ער האָט געהאַט, געגעבן גמילת חסדים צו פריינט, באַקאַנטע, אַלע דריי האָבן באַטראָפן אַ קנאַפּן הונדערטער, ער איז ניט בדלות געוואָרן, ער האָט אָבער געלערנט אַ לעקציע: די גמילת חסדימניקעס זיינען ערגער ווי גנבים. אַ גנב ריזיקירט כאַטש, מ׳עט אים כאַפּן וועט מען אים איינזעצן אין חד גדיא, די חברה ריזיקירן מיט גאָרניט, זיי נעמען געלט און נעמען נאָך יענעם אויף זיכער, לאַכן פון אים. נו, פון אים וועט מער קיינער ניט לאַכן. ער האָט גאָרניט צו טון מיט אָט דער כאַפּ־לאַפּ חברה. ער האָט אַ קוק געטון אויף שיינדלען: וואָס זאָגסטו? בין איך ניט גערעכט?

שיינדל איז ניט געווען גרייט צו ענטפערן. ווען ער האָט אָנגעהייבן רעדן וועגן גמילת חסדימלעך האָט זי דערזען איר נחן... ער האָט איר קיינמאָל ניט דערציילט וועגן זיינע כאַפּערלעך... זי האָט זיך אָבער אָנגעשטויסן. איז ער געוואָרן אויס חבר מיט איינעם און אַ זאָג געטון וועגן אים: אָט דער אָ? אַ ייד אַ חזיר! האָט זי שוין געוווסט אַז אָדער יענער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון לייען אַ פינפערל, אָדער נח האָט שוין אים איין מאָל געפּאַקט און קען שוין צו אים מער ניט גיין. נאָך נחס טויט, ווען זי האָט באַגעגנט איינעם פון זיינע צענדליקער „פריינט״, און יענער האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ, האָט זי חושד געווען אַז דאָס איז צוליב נחס אַ גמילת חסד... איצטער קומט מענדל... ניין, מ׳דאַרף ניט פאַרגלייכן. פאַרגלייכט מען, פאַרלירט מען. פאַרשידענע מענטשן, פאַרשידענע מאָסן. זי האָט עס געפּרווט אַרויסזאָגן. — ניט אַלע זיינען, ווי איר זאָגט, כאַפּ־לאַפּניקעס. אַמאָל מאַכט זיך יענער קען טאַקע ניט באַצאָלן, איז צוליב פינף אָדער צען דאָלאַר פאַראורטיילן אַ מענטשן...

— עס גייט ניט אין דעם צי איז עס אַ פינפּערל אָדער אַ פופציקער. דער וואָס גנבעט אַ דאָלאַר און דער וואָס גנבעט אַ הונדערטער זיינען, על פּי דין, ביידע גנבים, נאָר וואָס דען, איר׳ט זאָגן, על פּי יושר? אפשר האָט טאַקע יענער ניט. האָב איך אויך אַזוי געדיינקט, אָבער אַז ער האָט ניט, פאַרוואָס קומט ער ניט זאָגן: מענדל, איך האָב ניט? דאָס טוט ער ניט. איר ווייסט ווען ער׳ט יאָ קומען? ווען ער׳ט וועלן אַריינכאַפּן נאָך אַ גמילת חסדל, דעמלט וועט ער קומען און ווידער דערציילן אַ האַרצרייסנדיקע געשיכטע. קען שוין די חברה. זאָגט אייך וואָס איר ווילט, אַ מענטש וואָס איז ניט אָרנטלעך אין געלט ענינים, אַ כאַפּ-לאַפּניק, מיט אַזאַ מענטשן האָב איך גאָרניט וואָס צו טון.

— מיר אַ חידוש איר זאָלט עס זאָגן. איר זייט דאָך אַ געשעפטסמאַן און, איר׳ט מיר אַנטשולדיקן, איך מיין ניט אייך פּערזענלעך, אָבער וואָס איז די גאַנצע געשעפטס וועלט אויב ניט כאַפּ-לאַפּ?

— איר מאַכט אַ טעות. דאָ כאַפּ-לאַפּניקעס אין געשעפט אויך, אָבער זיי קענען לאַנג ניט אָנהאַלטן. איינעם, צוויי געלינגט עס, שאַרט אָפּ אַ ביסל געלט, ווערט אפילו רייך, די מערסטע ווערן אָבער אָפּגעווישט. סוף גנב לתליה. זאָגן אַז אַלע געשעפטסלייט זיינען כאַפּ-לאַפּניקעס איז ניט ריכטיק. איך פיר מיינע געשעפטן אויף אַן ערלעכן אופן, און אַזוינע ווי איך זיינען דאָ אין די טויזנטער.

שיינדל האָט איינגעשטימט ניט נאָר אַז ער איז אַן ערלעכער געשעפטס מענטש, נאָר אויך אַז ער איז ווי טויזנטער אַנדערע... קיין שטערן פון הימל קען ער ניט כאַפּן, אָבער אויף דער ערד גייט ער גאַנץ זיכער, האָט אַ פּראַקטישן שכל, שוין אַ ביסל צו פּראַקטיש, האָט גוואַלדיקן דרך ארץ פאַר געלט, ערלעכקייט אין געלט ענינים אַ פּראָבע פאַרן מענטשן. אַ שטיקל אמת איז דאָ אין דעם... נח... אָבער מאָדנע, אַזוי האָט ער, דוכט זיך, אַ חוש פאַר הומאָר, נאָר אַז עס קומט צו געלט ענינים ווערט ער טויט ערנסט. און ער איז דאָך ניט קיין קאַרגער. פון וואַנען ווייסט זי דאָס? פון איר אַרויסגיין מיט אים? האָט זי דאָך ביים ערשטן מאָל, ווען ער האָט ניט געדיינקט וואו ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל, געטראַכט וועגן אים אַז ער איז אַ צעטראָגענע בריאה, און דאָס איז ער גראָדע ניט, דאָס ווייסט זי שוין. זי ווייסט אָבער אויך, ניין זי האָט בלויז אַן אַנונג, אַז מיט זיין גאַנצער תקיפות אין געלט ענינים, האָט ער עפּעס אַליץ מורא אַז עמיצער נעמט אים אויף זיכער, דאָס מיינט ער איז ביי זיך גאָרניט אַזוי זיכער, האָט ער דאָך אַליין געזאָגט, ער האָט פיינט אַז מע

באַלעבאַטעוועט איבער אים, קען ניט באַלעבאַטעווען איבער יענעם. דאָס קומט אפשר פון איר, זיין געוועזענער ווייב...

שיינדלס צוקוקן, צוהערן זיך צו אים, מאָמענטאַנע פאָטאָגראַפיעס פון אים און איין בילדל האָט ניט האַרמאָנירט מיטן צווייטן, און איין בילדל האָבן גאַנץ אָפט די שטריכן ניט האַרמאָנירט. זי׳ט אים נאָך דאַרפן זען, ריידן מיט אים...

זיי האָבן זיך באַגעגנט, גערעדט, עס האָט ניט גענומען לאַנג און זיי זיינען געקומען צום הויפט געשפּרעך.

(6)

געווען איז עס אַ זונטיק. אין אַ „נאָווינע״ האָבןביידע געגעסן אין דער קאַפעטעריע. נאָכן עסן, ווען מ׳האָט, ווי דער שטייגער, געזאָלט גיין צו שיינדלען טרינקען קאַווע, האָט מענדל „פּלוצלונג״ אַ זאָג געטון: היינט טרינקט מען קאַווע ביי מיר!

— איר׳ט מאַכן קאַווע! — זי האָט זיך שיר נישט צעלאַכט.

— א י ך וועל מ אַ כ ן ק אַ ו ו ע. — די ווערטער — צעשפּרייט, טראַציק. — און איך וועל מאַכן פונקט אַזאַ גוטע קאַווע ווי איר. י ע ס מ־ם!

— געדיינקט! ווען עס קומט צו קאַווע בין איך אַ שטריינגער ריכטער.

— אַ ריכטער דאַרף ארויסטראָגן אַן אורטייל, ער טאָר אָבער ניט מיטטראָגן קיין פאַראורטייל.

— גערעכט. איר זייט אומשולדיק ביז איר׳ט געפונען ווערן שולדיק.

הינטער דעם אומשולדיקן שפּאַס האָט געלויערט שווערער ערנסט. שיינדלען איז איינגעפאַלן אַז מענדל פאַרבעט זי ניט נאָר טרינקען קאַווע, ווייזן זיין קאַווע קענטעניש, ער וויל זי זאָל גיין צו אים אין הויז. און טאַקע, ער ביי איר איז שוין געווען עטלעכע מאָל, זי ביי אים נאָך ניט. אָבער איר באַזוך ביי אים מיינט עפּעס מער ווי סתם אַ וויזיט, צי אפילו טרינקען קאַווע... זי׳ט שוין זען...

דאָס גראָז פאַרן הויז איז געווען זאַפטיק גרין און אָפּגעשאָרן ווי אונטער אַ קעמל, די עטלעכע רויזן בוימלעך אָפּגעשניטן צו דער מאָס און פון דעם אויסגעשניטענעם עיגול אַרום יעדן בוימל האָבן געוווּנקען מיט זייערע אויגלעך די שטיפמוטערלעך און די פּעטוניאָס.

— ווער גיט אַכטונג אויפן גראָז, איר?

— איך! ווען האָב איך צייט? אַ גערטנער קומט צוויי מאָל אַ וואָך.

— ער גיט גוט אַכטונג.

— ער קריגט צוואַנציק דאָלאַר אַ חודש.

ער, מיט זיין געלט... דער גרין פונם גראָז האָט פאַרלאָרן די פרישקייט, די רויזן בוימלעך האָבן באוויזן זייערע שטעכלקעס.

מענדל האָט אָפּגעשלאָסן די ברייטע מאַסיווע טיר, זי אַריינגעלאָזט. איר האָט אַ שלאָג געטון אין נאָז אַ פאַרדומפּענער ריח. ער האָט זי אריינגעפירט אין פאָדערשטן, פאַראַדנעם צימער. אַ צימער — אַ פעלד, אָבער מיט אַלע פענסטער פאַרשלאָסן און פאַרהאַנגען, איז איר געוואָרן ענג אין האַלז. — פאַרוואָס האַלט אירע אַלע פענסטער פאַרהאַנגען, פאַרמאַכט?

— די זון. דאָס הויז שטייט צו דרום־מזרח, דעם גאַנצן טאָג די זון. איר זעט? — ער האָט אַ צי געטון איין שנירל, אַ צווייטס, פאַרשאַרט די פאָרהאַנגען, ליכט האָט פאַרפלייצט דאָס צימער, זי האָט אַזש פאַר־זשמורעט די אויגן.

— אָט אַזוי. — זי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

— ווי געפעלט אייך דער צימער?

— אַ גרויסער צימער.

— פיר און צוואַנציק ביי צוויי און דרייסיק. — די קאַלטע געאָמעטריע איז געווען אונטערגעבעט מיט וואַרעמען שטאָלץ. — קומט, איר׳ט באַקוקן דאָס הויז, דעם הויף, אַ גרויסער הויף, און איכ׳ל דערווייל מאַכן קאַווע. גוטע קאַווע...

זי האָט באַקוקט, באַטראַכט דאָס גאַנצע הויז, די מעבל, האָט אפילו אַריינגענומען די איינע ברייטע בעט אין שלאָף צימער און ארויסגעגאַנגען אין הויף. אויך דאָרטן איז דאָס גראָז געווען אָפּגעשאָרן ווי מיט אַ שערעלע, דער הויכער פאַרקאַן פאַרמירט פון געדיכט געזעצטע בוימלעך און צוגעשאָרן ווי מיט אַ מאַשינקע, קיין איין צווייגעלע האָט ניט אַרויס־געשטעקט ווילד, האָט זי אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט. זי האָט דערפילט אַזאַ שטילקייט, אליינקייט, אַז זי האָט זיך אַזש אומגעקוקט: ווו איז זי דאָס אין דער וועלט? זי האָט דערזען אַ גאָרטן שטול, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט, אַ הייב געטון דעם קאָפּ, האָט זיך איר געדוכט אַז דער הימל איבערן הויף איז אויך אַ פיר קאַנטיקער, אַזוי פיל און אַזוי פיל קוואַדראַט פוס הימל...

— קאַ־ווע ווערט סער־ווירט! — די שטימע, דער ניגון פון אַ סאַרווער אין עס וואַגאָן פון אַ באַן. אַ שמייכל און זיין אייגענע שטימע — נו, ווי געפעלט אייך?

— אַ פּיינער הויף.

פון הויף צו דער קיך טיר — עטלעכע שפּאַן. גלייך אין טיר האָט איר אַ שלאָג געטון דער ריח פון קאַווע. — ה...ם! — זי האָט טיף אַריינגעאָטעמט און אַרויסגעלאָזט: — שמעקט פיין! — אין דער זעלבער צייט האָבן די אויגן געכאַפּט דאָס זעקל קאַווע בעבלעך — געגנוי איר קאַווע — און דאָס מילעכל — שפּאָגל ניי, געמעגט שווערן היינט געגנוצט צום ערשטן מאָל, און אין די אויגן האָט געגומען ארומשפּרינגען אַ שמייכל. מענדל האָט אָנטקעגנגעשמייכלט. — אייניקע מענטשן עסן אַ געשמאַקן מאכל קודם מיט די אויגן, איר טרינקט קאַווע מיטן... נאָז. קומט, לאָמיר זי נעמען צו די ליפּן.

ביידע האָבן צוגעטראָגן די טעפּלעך צום מויל, אַ זופּ געטון, זיינע אויגן האָבן זיך אַ הייב געטון; דער ווייַן מומחה דאַרף זאָגן פון וועלכן יאָר דער ווייַן איז, פון וועלכן פעלד דער ווייַנטרויב איז געקומען און דער עיקר — דער ווייַן איז גוט.

— די קאַווע איז גוט, אָבער עפּעס פעלט.

— פעלט עפּעס! וואָס קען פעלן אין קאַווע?

— אַ ביסל זאַלץ.

— זאַל־ץ! אין קאַווע?

— דאָס וואָס איך טו אַריין. אַ קליין ביסעלע, אַ טראָפּעלע, — האָט זי אָנגעוויזן אויפן שפּיץ פינגער, — גיט צו אַ געווויסן טעם.

— איר האָט עס מיר ניט געזאָגט פריער. שיינדל! זיך ניט גערעכט אויף אייך. איר זאָלט האַלטן סודות פון מיר.

דער איר און דער מיר, כלומרשט אַ פּאַרוואָרף, האָט קלאָר געזאָגט: מיר זיינען דאָך אַזוי נאָענט... מענדל האָט זיך שוין געפילט אַזוי נאָענט אַז ער האָט גאָר געוואָלט זאָגן: דו האַלטסט סודות פון מיר? ער האָט אָבער עפּעס ניט געוואגט אַרויסצוברייינגען דעם „דו״ גלייך ביי איר ערשטן וויזיט. האָט ער זיך אַן עצה געגעבן, ער האָט גערעדט ענגליש, ווו דער „דו״ איז כמעט אינגאַנצן סקאַסירט געוואָרן, ווו דער טאַטע זאָגט: קומט אַהער, מיין קינד, און ווען איינער וויל זאָגן דעם צווייטן אין טאַטנס טאַטן וואָלט עס אַרויסגעקומען: אַ רוח אין אייער טאַטן. אינם ענגלישן זאַץ מיטן אירצ׳ן האָט דער יידישער נאָמען שיינדל אַרויסגעשיינט ווי אַ דימענטן שטיינדל אויף אַ גאָלדן פינגערל. נו יאָ, ער וואָלט געקענט רעדן העברעאיש, ווו זאָגן אַ פרוי את מיינט נאָך ניט אַז עס האַלט שוין ביי הרי את... אָבער וועד רעדט עס העברעאיש?

איר צי דו, שיינדל האָט געכאַפּט דעם טאָן, און איר האָט עס געשמייכלט, דערפֿאַר טאַקע האָט זי מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטון — דאָ אַ ווערטל: מ׳קען ניט אַ מענטשן ביז מ׳עסט ניט אויף מיט אים אַ פֿונט זאַלץ... איר קוק אויף אים — מיר׳ן נאָך עסן...

ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג ווי זיך אויפהייבן. — איך קען אַריינטון אַ ביסל זאַלץ איצט.

מיט אַ שמייכל האָט זי אים געוויזן — זיץ ווו דו זיצסט, און אַ זאָג געטון: סע׳ט ניט טויגן.

— פֿאַרוואָס? וואָס איז דער חילוק?

— דער חי־לוק? איכ׳ל אייך זאָגן. — זי האָט אַ זופּ געטון די קאַווע, ניט אַזוי צו געפֿינען דאָרט דעם חילוק ווי זיך מישב זיין: זאָל זי עס אים זאָגן? קענטיק, די קאַווע האָט געזאָגט: יאָ. — דאָס ביסעלע זאַלץ אין קאַווע דאַרף איבערגעקאָכט ווערן, ווערן איינס מיט דער קאַווע, מ׳זאָל עס קוים דערפֿילן. טוט מען עס אַריין נאָכדעם, איז עס ווי... ווי אַן אָנגעפֿאַרבט פּנים אָן אייגענער נאַטירלעכער פֿאַרב, מע דערקענט גלייך — אָנגעשמירט.

זי האָט זיך עטוואָס פֿאַררויטלט און, ווי צו באַהאַלטן דאָס, האָט זי זיך פֿאַרטיפֿט אינעם טעפּל קאַווע. מענדל האָט אויך געטרונקען, זיינע אויגן האָבן אָבער געקוקט אויף איר. ער האָט געזען — צום ווייפֿלטן מאָל — איר פּנים, געזען אַז ער איז אַ ביסל צוגעפֿאַרבט, אָבער דאָס האָט אים ניט געאַרט, אַדרבה, דאָס קליין ביסעלע רויט ברייננגט אַרויס בעסער איר נאַטירלעכע ראָזעווע פֿאַרב, זעט נאָך אויס שענער, אים געפֿעלט דער קיילעכיקער פּנים, אירע געזונטע באַקן, דער פֿיין פֿאַרמירטער מויל, אַפֿילו די דיקלעכע ליפּן, ער האָט פֿיינט דינע, בלויע ליפּעלעך... די פֿאַמאַדע אויף די ליפּן, דאָס געפֿעלט אים ניט: גיי קוש פֿאַמאַדע! נו, דאָס קען מען שוין באַוואָרענען, אויף ביינאַכט... אָפּוואַשן. היינט איר האַלז, אַזאַ גלאַטער האַלז, די הויט ווייך, צאַרט, דעם האַלז וואָלט ער אַ קוש געטון אַפֿילו גלייך איצט... זי געפֿעלט אים, געפֿעלט אים אינגאַנצן! אַרויסגעבראַכט האָט ער עס מיט אַ פֿרעג טון: נו, ווי געפֿעלט אייך מיין הויז? די האַנט האָט אַ שטעל געטון דאָס ליידיקע טעפּל, די אויגן האָבן ניט אַזוי געפֿרעגט צי געפֿעלט איר דאָס הויז ווי געבעטן: זאָג, אַז איך געפֿעל דיר!

האָט זי אויפגעכאַפּט זיין קוק? — אַ פֿיין הויז. זייער אַ פֿיין הויז, גראַם און... איך וואָלט געזאָגט, רחבותדיק... — זי האָט געזען ווי זיין

פּנים האָט אויפֿגעשײַנט, אָבער איר אָנשטרײַנגונג צו גײן אַלץ באַרג אַרויף איז שוין געװען צופֿיל פֿאַר איר. זי האָט געמוזט זיך אַרונטער־לאָזן. — יאָ, אַ רחבותדיק הויז, אָבער, װי זאָל איך אײך זאָגן, שוין ביסעלע צו רחבותדיק.

זײַן פּנים האָט זיך געביטן. — אַ חסרון די כּלה איז צו שײן. — זײַן שמײכל האָט אָנגענומען אַ סאַרקאַסטישן אָפּשײַן.

— איר מענער װאָלט געמעגט װיסן אַז אַ צו שײנע כּלה א י ז אַ חסרון.

— דאָ־ס זײַט איר אפֿשר גערעכט, אָבער לאָמיר זיך האַלטן בײַם הויז, װאָס פֿעלט דעם?

— עס פֿעלט... הײמישקײט. עס איז אַ הויז, אָבער נישט קײן הײם.

—און װאָס מײנט ד אָ ס?

— װאָס עס מײנט? לאָמיר נעמען דעם פֿאָדערשטן צימער. גײט איר אַמאָל אַרײַן אַהין, זעצט זיך אַנידער דאָרטן?

— „װע־ל״, — האָט ער געצויגן דאָס װאָרט װי צו דערמאָנען זיך װען ער איז געזעסן אין יענעם צימער, — נײן. — װי צו פֿאַרריכטן דעם ענטפֿער, װאָס האָט שוין אַרויסגערופֿן אירן אַ שמײכל, האָט ער זיך פֿאַרכאַפּט — זײער זעלטן. אָבער איר פֿאַרשטײט דאָך אַלײן אַז אַזאַ צימער װערט לכתחילה געבויט ניט פֿאַר אײן מענטשן, צי אפֿילו פֿאַר צװײען צו זיצן דאָרט, אַזאַ צימער איז קודם כּל פֿאַר געסט.

— איר האָט געמעגט געװען צוגעבן — ר ק פֿאַר געסט, און פֿאַר אַ ס ך געסט, װײַל צװײ, צי פֿיר, צי אפֿילו זעקס מענטשן אין אַזאַ צימער װאָלטן פֿאַרלאָרן געגאַנגען װי... װי דרײַ, פֿיר לאָקשן אין אַ גרויסער שיסל יויך. גוט צו פֿאַרברײנגען מיט פֿרײַנט אין אַ שײנעם צימער, אַ זאַל, אָבער װען דער זאַל איז אַ „האָל״ אַ גאַנצער, איז עס גוט פֿאַר אַ... מאַסמיטינג...

דער „מאַסמיטינג״ — אַן אָפּקלאַנג פֿון יענעם זונטיק אין שפּיטאָל, װען ער האָט איר דערצײלט װעגן זײַן װײַבס באַזוכער און אַן אָפּבילדונג פֿון זײַן װײַבס קאָרטן פּאַרטיס, כאָטש זי האָט זײ קײנמאָל ניט געזען, און אויער און אויג האָבן געצאַמט דאָס מויל, ניט געלאָזט מער רעדן. ער האָט אונטערגעטריבן. — נו, גײט װײַטער! — זי האָט אַ קוק געטון אויף אים: װאָס װילסטו? און געזען אויף זײַן פּנים פֿאַרדראָס, נײן, ממש כּעס, אָבער עפּעס אַ װײטיקדיקער כּעס. װי טון אים האָט זי ניט געװאָלט. זי׳ט מער ניט רעדן. ער האָט אָבער געטריבן װײַטער. — װאָס איז מכּוח די אַנדערע צימערן? איר האָט זײ אַלע געזען.

— יאָ, — האָט זי שטיל, ווי אונטער צוואַנג, צוגעגעבן, — איך האָב אפילו געזען דעם שלאָף צימער מיט דער גרויסער דאָבל־בעט... — מער האָט זי שוין ניט געקענט. אויב ער׳ט אַזוי אָנהאַלטן די... אינק־וויזיציע, וועט זי... זיך צעוויינען. זי האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן, זיך אַריינגעצויגן אין זיך, זי זעט אים ניט, הערט אים ניט...

זי האָט אים דערפילט. זיין האַנט האָט זיך אַ לייג געטון אויף אירע. זי האָט אַ הייב געטון דעם קאָפּ, דערהערט: שיינדל! שלאָגסט זיך מיט שאָטנס...

די האַנט, דער יידישער „שיינדל!" בלשון דו, די דריי „שינען" האָבן שאַרף אַ שניט געטון, איר האַנט אונטער זיינער האָט זיך אַ רודער געטון, זי האָט זי אָבער ניט אַרויסגעצויגן, אדרבה, זי האָט דערפילט זיין האַנט נאָך נאָענטער ווי פריער. דער ציטער איז אריבער, זי האָט שוין געקענט קוקן אויף אים, אַ טראַכט טון: ווי קומט עס צו אים? פון וואַנען האָט ער עס גענומען וואָס זי האָט גערעדט אין א מ ת ן? אָט אַזוי איז ער שוין, מיט זיין ניט איבערגעשפּיצטן קאָפּ קומט ער אָבער אַלע מאָל צום תוך. צו דער זעלבער צייט האָט זי זיך געמאָסטן מיט אים: איך בין אַזוי שטאַרק ווי דו. זי האָט זיך עטוואָס אָנגעבויגן און שטיל אַ זאָג געטון: שאָטנס? אַ שאָטן, אויב מע שפּירט אים, איז מיט אים שווערער זיך צו שלאָגן ווי מיט אַ לעבעדיקן. פאַרגעס ניט, מיר האָבן זיך באַגעגנט אין שפּיטאָל... אויף די טרעפּ... איר האַנט אונטער זיינער איז ווי דינער געוואָרן, אָט אָט גנבעט זי זיך אַרויס. ער האָט פאַרהאַלטן די האַנט.

— דאָס ווייס איך אַזוי גוט ווי דו, אָבער וואָס ווייזט עס? איינער וואָלט געזאָגט: מסתמא שוין אַזוי באַשערט, דער וואָס גלויבט ניט אין די זאַכן קען זאָגן אַז שידוכים ווערן געשלאָסן ניט דוקא אין הימל, נאָר אויך אויף די טרעפּ פון אַ שפּיטאָל, און ד ע ר שידוך איז אפשר געראָטענער ווי דער הימלישער.

פאַרשטייט ער אויך, הייסט עס, אַז יענע באַגעגעניש איז... אָבער ער נעמט עס שוין אַ ביסעלע צו לייכט. — איך האָב גאָרניט קעגן דעם שידוך פון שפּיטאָל, איך וועל אָבער נ י ט שטעלן קיין חופּה אויפן בית עולם. — איר האַנט האָט זיך אַ רודער געטון, אָט אָט רייסט זי זיך אַרויס. ער האָט פאַרשטייפט זיין האַנט.

— איז וואָס שלאָגסט־ו פאַר? — די ווערטער שטיל, אָבער אָנגעלאָדן.

— פאַרקויפן, — האָט זי שטיל אַ זאָג געטון.

תוך כדי דיבור האָט זיין האַנט זיך אָפּגעטיילט פון אירער. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט. זיין קוק: ביסט משוגע? איר קוק, איר שטימע — קלאָר און ניכטער. — קענסט פאַרקויפן דאָס הויז, נאָך פאַרדינען דערביי. קויפן אַ קלענער הויז און עס זאָל נאָך בלייבן אַ ביסל געלט.

זיין קוק האָט זיך געביטן. אַבי ער האָט געדיינקט אַז זי איז ניט קיין געשעפטס פרוי. קענטיק זי טיאַמעט יאָ, אָבער פאַרקויפן! — עס גייט ניט אין געלט. ניין יאָר אַז איך לעב דאָ אין דעם הויז. איך קען אַרונטער־גיין אין דער פינסטער, אינמיטן נאַכט און בלינדערהייט אָנטאַפּן וואָס איך וויל, וואָס איך דאַרף. זאָגסט דאָס הויז איז צו גרויס, אָבער איך פיל עס ניט. איך פיל זיך אין דעם ווי אין אַ... נאַכט העמד, לויז און באַקוועם. און איך שלאָף אין דער בעט, יאָ, אין דער גרויסער דאָבל־בעט, און קיינע שאָטנס קומען ניט מיך שטיקן . . . דו הערסט? קיינע שאָטנס! דאָס איז אַלץ נאַרישקייטן. שיינדל! מיר אַ חידוש אויף דיר, דו...

ער האָט גערעדט גאַנץ הויך, זי האָט אָבער געפילט אַז ער איז ניט אין כעס, ער קען פשוט ניט באַנעמען, ער פאַרשטייט יאָ, אָבער הפנים אַז ער קען ניט פילן וואָס זי פילט און, דער עיקר, ער קען זיך ניט שיידן מיט זיינס, ז י י ן הויז...

— מענדל! ביסט געווען ביי מיר אין הויז. עטלעכע מאָל. שוין דאָס זעקסטע יאָר אַז איך ווין דאָרטן, און די אַלע יאָרן האָב איך פיינט געהאַט דעם „פלעט" ווי דעם טויט, אָבער איך בין געזעסן דאָרטן, געמוזט זיצן. נאָכדעם... ווען איך האָב שוין ניט געמוזט זיין דאָרט, געקענט, געדאַרפט זיך אַרויסקלייבן, האָב איך עס אויך ניט געטון, און ווייסטו פאַרוואָס? אויך דערפאַר ווייל איך האָב שוין בלינדערהייט געקענט אָנטאַפּן וואָס איך האָב געדאַרפט אָדער געוואָלט. נו, מוז איך דיר זאָגן, מיר נמאס געוואָרן דאָס „אָנטאַפּן אין דער פינסטער", איך וויל קוקן מיט אָפענע אויגן, זען וואָס איך טו, און איך קען דיר זאָגן: איך וויל ניט קיין הויז צום וווינען דאָרט, מעג זי זיין פון גאָלד, אַ הויז פאַר לייטן... איך וויל אַ היים פאַר זיך, צום לעבן! פאַרשטייסט? אַ היים! — דאָס לעצטע וואָרט האָט זי שיר ניט אויסגעשריגן און זיך אַ דריי געטון אויפן ביינקל, אָט אָט הייבט זי זיך אויף.

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי. — דער דאָפּלטער „איך פאַרשטיי" ווי ער וואָלט איינגעטיילט, איינעם פאַר זיך, איינעם פאַר איר, אָבער אַרויסגעזאָגט האָט ער עס אַזוי שטיל ווי ניט פאַר עמיצנס אויער, ער האָט גאָרניט גערעדט צו איר, אפילו ניט געקוקט אויף איר, ער האָט

פאַרשטאַנען... אַ דורכפאַל. ווען ער האָט זי גערופן צו זיך האָט ער דערוואַרט עפּעס אַנדערש... אויסגעלאָזט האָט זיך... ניט זיין שולד. וואָס האָט ער איר דען אַזוינס געזאָגט? ניין, ער האָט גאַרניט געזאָגט, גאַרניט געטון, סיידן... די בעט. דאָס איז עס! ער האָט אַ הייב געטון דעם קאָפּ אַט ווי אַ פרעג טון איר: די בעט? דערזען זי אַ שטייענדיקע, האָט ער צעטומלט אַ פרעג געטון — וואָס איז דער מער? גייסט אַוועק?

— איכ׳ל בעסער גיין אַהיים.

אינם טאָן, אין איר אומעטיקן שמייכל האָט ער דערהערט, דערזען: דאָס איז עס. זי האָט דערזען די בעט... ער קען עס פאַרשטיין. ער אויך, וואָלט אפשר געפילט... אפשר איז זי גערעכט — פאַרקויפן. אַלץ. הויז, מעבל, די בעט... אַלץ ניי. אָנהייבן פון ס׳ניי.

— וואַרט, איכ׳ל דיך נעמען אַהיים. — זיין קוק — ביסט נאָך ניט פאַרטיק מיט מיר.

— איך דיינק איכ׳ל בעסער צושפּאַצירן, זיך דורכלופטערן אַ ביסל...

— איך האָב דיר געזאָגט, איכ׳ל דיך נעמען אַהיים. — זיין טאָן — האָסט׳אָך געהערט! און איך אַז איך זאָג... קענסט זיך אַוועקגיין איצט פון ד אַ נ ע ן, אָבער ניט פון מיר. ער האָט אָנגענומען איר אָרעם. — קום! לאָמיר גיין!

(7)

אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, אַ פּאָר טריט פונם טויערל וואָס האָט געפירט צום גראָז פון פאַרנט, האָט ער אַ זאָג געטון: וואַרט אַ מינוט! און זיך אַ לאָז געטון אָן אַ זייט. נאָך איידער זי האָט צייט געהאַט צו באַנעמען וואָס ער איז אויסן, האָט זי אים דערזען מיט אַ בלום אין האַנט. די בלום האָט זי שוין געהאַט געזען עטלעכע מאָל, זי האָט זי אָבער קיינמאָל ניט געהאַלטן אין האַנט, ניט געוווסט דעם נאָמען אפילו.

— שיין! — האָט זי אויסגערופן, איבערנעמענדיק דעם לאַנגן שטאַם פון זיין האַנט. זי האָט צוגעטראָגן די בלום צו דער נאָז.

— מ׳קען קוים פילן אַ ריח. — האָט ער מעשה בלומען ידען איר געלערנט. — דאָס איז בלויז פאַר שיינקייט. און זיי ז י י נ ע ן שיין, ניין?

— פּראַכטפול! די קאָלירן. און די פאָרמע. אָט דאָס טשוביקל, ממש אַ פויגל.

— אַזוי הייסט עס טאַקע — „דער גן עדן פויגל״.
— מע זעט זיי זייער זעלטן.
— אָה, עס נעמט פיר, און אַמאָל פינף, יאָר ביז עס הייבן אָן אַרויס־קומען בלומען. די אַ האָב איך אַליין פאַרפלאַנצט אין ערד פיר יאָר צוריק, דערפאַר אָבער אַז זיי צעוואַקסן זיך קומען זיי אַרויס סיי זומער, סיי ווינטער, און זיי זיינען זייער שיין.
— אַלץ הייסט שיין! מענדל! אַ שיינעם דאַנק.
דער גן עדן פויגל, נאָר וואָס אָפּגעשניטן, אַ קרבן שלמים, איר „מענדל״, דער דאַנק — אַן אויסרוף: מיר זיינען דאָך שלום.
— דאַרפסט מיר ניט דאַנקען. דאָס באַצאָל איך דיר אַ חוב.
— מיר אַ חוב? איך האָב דיר קיינמאָל קיין בלומען ניט געגעבן.
— ניין, דו האָסט מיר קיין בלומען ניט געגעבן, דאָס איז אמת, אָבער איך האָב געדאַרפט, געוואָלט ברענגען בלומען נאָך ווייסט ווען? ווען דו האָסט מיך דאָס ערשטע מאָל גערופן צו זיך אויף וואַרמעס...
— זיין קוק: געדיינקסט?
צי זי האָט געדיינקט! זי האָט זיך נאָר אַ חידוש געטון: הייסט עס, אַז ניט נאָר ביי איר איז יענער זונטיק געווען אַ ווענדפּונקט, נאָר ביי אים אויך. האָט זי שטיפעריש אַ פרעג געטון — טאָ פאַרוואָס האָסטו טאַקע ניט געבראַכט?
— פאַרוואָס איך האָב ניט געבראַכט? ווייל... ווייל דאָס האַרץ האָט מיר שוין דעמלט געזאָגט אַז דו שרעקסט זיך פאַר שאָטנס...
איין אויג ווינקל אירער האָט אַ פּיק געטון זיין פּנים. — מענדל! איך האָב אַ גוטן זכרון און איך געדיינק וואָס דו האָסט מיר געזאָגט יענעם זונטיק: אַ האַרץ פילט אַ האַרץ. געדיינקסטו?
— איך געדיינק שוין גאָר.
— איז ווייזט אויס, אַז טיף אין האַרצן האָסטו זיך אויך געשראָקן פאַר די שאָטנס, ניט אַזוי?
— אפשר. קען זיין. סיי ווי, — האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט צום הויז צו, — איכ׳ל עס פאַרקויפן. — דאָס איז געזאָגט געוואָרן כלאחר יד, עפּעס אַזוי ווי צעטראָגן. זי האָט אים דערזען ווי ער שטייט לעבן שפּיטאָל, זוכט זיין אויטאָמאָביל... — קום! — דאָס קורצע וואָרט שאַרף, שיר נישט באַפעלעריש, און זיין האַנט וואָס האָט אַ נעם געטון איר אָרעם האָט נאָך צוגעגעבן: ווּעסט ביי מיר גיין!
דער צעטראָגענער מאַן ביים שפּיטאָל איז פאַרשוווּנדן. ד ע ר מאַן דאָ,

ער ווייסט שוין גאָר ווו זיין אויטאָמאָביל שטייט, ער ווייסט אויך וווּהין ער וויל פאָרן... איר רעכטע האַנט האָט זיך פאַרשטייפט אַרום דעם האַרטן, לאַנגן שטאָם פון גן עדן פויגל, איר לינקער אָרעם האָט אַ דריק געטון זיין האַנט צו איר זייט, אים געלאָזט וויסן: איך גיי... איך גיי מיט דיר...

אין אויטאָמאָביל האָבןביידע געשוויגן. זי האָט געקוקט אויף דער בלום, זי שטודירט. „גן עדן פויגל". דאָס טשוביקל, די בלויע בליעכץ, ווי ביי אַ „בליו דזשעי", אָבער בלויז דאָס טשוביקל, די „פליגל" — די זייטיקע בלעטלעך — קאַרעלן־קאָליר, אָראַנזש, דאָס פיסקל... זי האָט פאַרזיכטיק צוגעשטעלט דעם שפּיץ פון אָנווייזנדיקן פינגער.

— עס שטעכט זיך ניט. עס איז אַ ה אַ ר ב ע בלום, צו דער זעלבער צייט אַ דעליקאַטע. אַ מ ע נ ע ר י ש ע בלום, וואָלט איך געזאָגט.

די ווערטער זיינען געקומען אַזוי אומגעריכט אַז זי האָט צוגעכאַפּט דעם פינגער פון פיסקל, די האַנט האָט זיך פאַרשטייפט אַרום שטאָם. „אַ מענערישע בלום... האַרב און דעליקאַט". זי האָט אַ זייטיקן קוק געטון אויף אים: ביסטו אויך אַזוי, האַרב און דעליקאַט? זיינע אויגן זיינען שוין געווען פאַרנומען מיט מעסטן דעם שטח ביים טראָטואַר לעבן איר הויז צי וועט ער קענען אַריינשטעלן דעם אויטאָמאָביל. דאָס אויג האָט געזאָגט: ניט גרויס גענוג, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן גאַס. שיינדל האָט אַ קוק געטון אויף אים: ווילסט'אַך אַריינגיין! אָדער האָב איך אַ טעות געהאַט? בלויז פון דער מחשבה אַז זי האָט געקענט מאַכן אַ טעות האָט זי דערפילט אַ פאַרדראָס אויף אים.

— דו גיי אַרונטער. איכ'ל געפינען אַ פּלאַץ ווו זיך אָפּשטעלן.

איר פאַרדראָס איז מאָמענטאַל פאַרשוווּנדן, איר שמייכל — אָט אַזוי האָב איך דיך ליב. ווען זי האָט צוגעקלאַפּט די טיר נאָכן אַרויסגיין האָט זי נאָך אַריינגעקוקט צו אים: וועסטו קומען? דער שמייכל אַרום איר מויל האָט געזאָגט: ער'ט קומען.

צוויי בלאָק האָט ער געמוזט אַרומפאָרן ביז ער האָט געקראָגן אַ פּלאַץ פאַרן אויטאָמאָביל. ווען ער איז אַריינגעקומען ניט געקלאַפּטערהייט — זי האָט געלאָזט די טיר ניט פאַרשלאָסן — האָט ער דערזען איר פּלייצע בלויז. זי איז געשטאַנען, זיך געשפּיגלט אינעם גן עדן פויגל, וואָס זי האָט שוין געהאַט אַריינגעשטעלט אין אַ וואַזעלע אויפן קאַמין. זי האָט אַ דריק געטון דעם לאַנגן שטאָם ער זאָל שטיין גלייך, זיך גוט איינגעקוקט אין קאָליר פון שטאָם און באַשלאָסן — עפּל־גרין און דער „פּלעק"

אויפן העלדז איז... ניין, ניט רויט, באָרדאָ. יאָ, באָרדאָ. און דאָס העלדז איז אַזוי האַרט, און אַזוי גלאַט... „אַ מענערישע בלום. האַרב און דעליקאַט" . . . איבערן קאַמין איז געהאַנגען אַ שפּיגל און מענדל האָט דערזען צווייי בלומען, ער האָט אויך געכאַפּט אַ בליק אויף איר פּנים אין שפּיגל. טאַקע בלויז אַ בליק, ווייל זי האָט שאַרף אַ קער געטון דעם קאָפּ, ראַש זיך אַ דריי געטון צו אים, אַט ווי ער וואָלט זי געכאַפּט טון עפּעס וואָס איז פאַרבאָטן. איר קוק — אַ זינדיקער, אַ פאַרשעמטער, אָבער טאַקע די פאַרשעמטקייט האָט גערייצט, גערופן. אַזאַ האָט ער זי נאָך קיינמאָל ניט געזען.

— ניט געהערט דיך אַריינקומען.

— נו, איך בין דאָ. ביסטו דאָ?

— וואָס מיינסטו? — אין איר פראַגע —שרעק.

— קוקסט מיר אויס ווי דו וואָלסט געווען... — די פינגער פון איין האַנט האָבן זיך אַ וויג געטון אויף אַרויף, די אויגן האָבן אַ שפּרונג געטון פון איבער איר קאָפּ ביז אַרונטער. — עפּעס קוקסטו מיר אויס ווי דו וואָלסט... קלענער געוואָרן!

— אָה! — זי האָט זיך צעלאַכט. — מיינע שיך! אָנגעטון נייע שיך, האָבן זיי מיר אַזוי אָנגעברענט די פיס, אַז די מינוט וואָס איך בין אַריין אין שטוב האָב איך זיי אַרונטערגעוואָרפן. — זי האָט אַ מאַך געטון מיט איין פוס ווי מ'וואַרפט אַרונטער אַ שוך אָן די הענט, און ער האָט דערזען אַז זי איז געווען אין די זאָקן בלויז. די זאָקן, די שטיפערישע באַוועגונג פון איר פוס, איר שמייכל, דאָס אַלץ — עפּעס... עפּעס מיידלשעס. — זע איך טאַקע אויס אַ סך קלענער?

— קלע־נער! עס איז ניט די זעלבע שיינדל. שיינ־דע־לע!

דער אויער האָט פאַרנומען דעם קלאַנג, אָבער נאָך איידער דער מוח האָט באַנומען דעם טאָן פונם „שיינ־דע־לע", נאָך איידער זי האָט געכאַפּט זיין באַוועגונג, האָט זי דערפילט זיין איין אָרעם אונטער אירע קני, דעם צווייטן אָרעם איבער איר פּלייצע. אַ וויג, אַ הייב, און די גאַנצע שטוב האָט זיך אַ וויג געטון. איר האָט אַ שווינדל געטון אין די אויגן. אירע אָרעמס האָבן אַרומגעכאַפּט זיין האַלז. די שאָטנס פון איר הויז — אויך אין איר הויז זיינען זיי געווען — האָבן זיך אַ יאָג געטון און פאַרשוווּנדן. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן: טראָג מיך... טראָג מיך ווו דו ווילסט אַליין...

דער גן עדן פויגל האָט זיך איבערגעקוקט מיט זיין געשטאַלט אין שפיגל: וואָס זאָגסטו ניט אויף זיי? דוכט זיךביידן ארויסגעטריבן פון גן עדן, און, זעסט'אָך, והאדם ידע את חוה... ביידע קריכן זיי צום עץ החיים... ניט אויסצוהאַלטן פון זיי. נו, פרעג איך דיך, ביסט עפּעס אַ מבין?

— אַ מבין, — האָט דאָס געשטאַלט פון גן עדן פויגל אין שפּיגל געענטפערט. — זעסט'אָך... אַזוי גייט עס שוין.

— מ'יאָ, ביסט גערעכט. אַזוי גייט עס שוין...

די לעצטע פאַרצייכענונג

דאָקטאָר ישראל פרידמאַן האָט גענומען זיין טעגלעכן שפּאַציר. ער איז געגאַנגען זייער פּאַמעלעך, אַפילו פאַר אַ שפּאַציר פּאַמעלעך. ער איז געווען אַלט, קראַנק און פילאָזאָפיש געשטימט. וואָס איז די איילע־ניש? פאַרשפּעטיקן דעם טויט? געווען צייטן ווען דר. פרידמאַן איז געגאַנגען בחפזון. אַ דאָקטאָר מיט אַ גרויסער, אָרימער פּראַקטיק, האָט אים יעדן טאָג אויסגעפּעלט אַ פּאָר שעה און ער האָט שפּאַסיק געזאָגט: איך אַנטליי היינט אַ פּאָר שעה ביים מאָרגן, קומט מאָרגן ווייזט זיך אַרויס איך קען ניט באַצאָלן, כאָטש שטעל זיך אַוועק — זעץ אַן, און איך מוז גיין. איז ער אַזוי לאַנג געגאַנגען ביז ער האָט סוף כל סוף טאַקע אָנגעזעצט, אַוועקגעפאַלן, געקראָגן אַ האַרץ אַטאַקע. דאָקטוירים האָבן אים אָפּגעזאָגט דאָס לעבן, ער איז אָבער אַרויסגעקראָכן, געבליבן לעבן, ווי ער האָט געזאָגט צו קיבעצן די חברים דאָקטוירים מיטן „ווער, ווער, מיר ווייסן דאָך אַז קיין פּולס איז ניטאָ" און אויף צו להכעיס דער פאַרזיכערונג געזעלשאַפט, וואָס האָט אים געמוזט צאָלן פּופּציק דאָלאַר אַ וואָך אַזוי לאַנג ווי ער וועט לעבן. און ער האָט זיך געריכט צו לעבן און לעבן.

די פּראַקטיק האָט ער אויפגעגעבן. ניט געגנוי צוליב די וועכנט־לעכע צאָלונגען פון דער אַסעקוראַציע געזעלשאַפט, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אויפן סמך אַז ער איז ניט פייאיק מער צו פּראַקטיצירן, אויך ניט צוליבן געזונט. אַרויס פון בעט, האָט ער געפילט אַז ווען ער וואָלט געדאַרפט, דער עיקר ווען ער וואָלט געוואָלט, וואָלט ער געקענט אָנגיין מיט דער פּראַקטיק, באַגרענעצט, פאַרשטייט זיך, ער האָט אָבער ניט געוואָלט.

— גענוג מענטשן אַוועקגעשיקט אויף יענער וועלט, — האָט ער זיך געוויצלט אויף זיין אייגענעם חשבון. ער האָט עס ניט געמיינט בוכשטעבלעך. אין זיין לאַנגער דאָקטאָרישער קאַריערע — פינף און

דרייסיק יאָר — האָט ער, ווי יעדער דאָקטאָר, מסתּם געמאַכט אַ פּאָר „טעותן", געשטעלט ניט קיין ריכטיקן דיאַגנאָז, ער האָט אָבער ניט געדיינקט קיין איין פאַטאַלן טעות. אין דעם הינזיכט איז זיין געוויסן געווען ריין. זינט ער איז אַליין קראַנק געוואָרן, איז באַהאַנדלט געוואָרן פון אַנדערע דאָקטוירים, האָט אויף זיך געפּרוווט אָנווענדן זיין דאָקטאָרישע דערפאַרונג, איז ער געוואָרן זייער סקעפּטיש מכח מעדיצין. יאָ, מ'געפינט אויס זאַכן, רפואות, סערום, אינסטרומענטן, אָבער דעם מענטשן! דעם מענטשן האָט מען נאָך אַלץ ניט אויסגעפונען, און וועט מען אים אויסגעפינען?

ניין, ער איז ניט געוואָרן קיין מיסטיקער. אָטעמען, אַפילו איינבויגן אַ פינגער איז אַ וווּנדער, אָבער גאָט, איבערנאַטירלעכע כּוחות האָבן דערמיט גאָרניט צו טאָן. ביאָלאָגיע, פיזיאָלאָגיע, כעמיע — וויכטיקע וויסנשאַפטן, זייער וויכטיקע, זיי האָבן פאַרטריבן דעם מכשף, דעם זנאַכער, דעם גוטן אידן, און מ'האָט זיי געדאַרפט פאַרטרייבן. אַרויסטרייבן דעם דיבוק, און דיפטעריע סערום; אָפּשפּרעכן אַ גוט אויג, און אַ רענטגען בילד; דערלאַנגען אַ קוויטל צום רבונו של עולם, צו זיין פאַרטרעטער אויף דער ערד, דעם גוטן אידן, און אַ קאַרדיאָגראַף. דערזעלבער קאַרדיאָגראַף האָט אָבער געזאָגט: קאָראָנאַרי טראָמבאָזיס, און ער, ער לעבט! וויפל מענטשן האָט ער, טאָקע אויפן סמך פון אָט דעם קאַרדיאָגראַף, אָנגעשראָקן צום טויט — לייגט זיך אַוועק, טוט גאָרניט, אָבער גאָרניט. — מיט דער צייט האָט ער זיך אויסגעלערנט ניט צו געבן אָט די עצה. ער האָט אויסגעפונען אַז אַ סך מענטשן איז גרינגער צו שטאַרבן גייענדיק איידער לעבן ליגנדיק. ליגן, רוען קענען זיי באַין אופן ניט פאַרבינדן מיט לעבן, קאַמף קעגן טויט. קאַמף מיינט — זיין אַקטיוו, פון פאַסיוון ווידערשטאַנד האַלטן זיי ניט. ליגן מיינט ביי זיי טראַכטן וועגן טויט, שטאַרבן, און דאָס וויל קיינער ניט. מענטשן ד אַ ר פ ן שטאַרבן? יענער, ניט איך, פאַר זיך וויל ער אַן אויסנאַם. ער דאַרף לעבן, גיין, גיין! ער האָט שוין געוווסט אַז גראָדע דעם פּאַציענט וואָס פאָדערט ד ו ק א דעם אמת, נאָר דעם אמת, ערשט יענעם האָט ער אַפילו ניט געטאָרט זאָגן ווי הויך זיין בלוט דרוק איז. איז דאָך שוין גוט, האַ? קומט צוגיין אַ ייד, קלאָגט זיך — דאָס האַרץ. עקזאַמינירט אים, דאָס האַרץ איז געזונט, זאָגט עס אים, גלויבט ער ניט, לויפט צו איין דאָקטאָר, אַ צווייטן, צו אַ „פּראָפעסאָר", יענער געפינט אַ „מורמלעניש", און דער ייד מאַכט ערשט אַ גוואַלד — ראַטעוועט אים,

ער שטאַרבט! און גיי ווייס וואָס אַ מענטש איז, גיי הייל אים, אַז ער האָט גאָר הנאה פון זיין קראַנק. און דער מענטש איז ניט נאָר אַ מר. פיינשטיין אָדער ווייַנשטיין, נאָר טאַקע אויך דער דאָקטאָר פרידמאַן. האָט מען אים ניט געזאָגט: ליג! ליג! האָט מען אים ניט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן? און ער?

ער האָט איינגעשטעלט אַ רעזשים:

אינדערפרי, זוניק אָדער נעבלדיק, האָט ער, פאַרן אָנבייסן, גע־נומען אַ קליינעם שפּאַציר. דאָס האָט ער אָנגערופן — זאָגן גוט מאָרגן דעם ים. האָט דער ים זיך געלאָזט אויסקושן די אויגן פון דער זון, איז דר. פרידמאַנס גוט מאָרגן געוועזן אַ האפּערדיקער; איז דער ים געלעגן צוגעדעקט מיט אַ געדיכטן נעבל, האָט דר. פרידמאַן אומע־טיקלעך געזאָגט: שלאָפט דער בחורעץ; האָט דער ים געשטורעמט, האָט דר. פרידמאַן אים אויסגעשייגעצט: וואָס וואָרפסטו זיך אַזוי? בריקעווע זיך! אין כעס. פרעג, פאַר וואָס, פאַר ווען? און האָט פאַר־קירצט זיין שפּאַציר אויך אַ פּאָר מינוט. נאָכן קורצן שפּאַציר אַ לייכטער אָנבייסן, פאַרביסן מיט אַ... ציגאַרעט. יאָ, ער האָט געריוכערט. דריי ציגאַרעטן אַ טאָג. מ'טאָר ניט? דאָס זאָגן די האַרץ דאָקטוירים. דער מענטש דאָקטאָר, ער גופא האָט געזאָגט: בעסער פאַרשטאָפּן דאָס מויל דעם יצר הרע מיט דריי ציגאַרעטן אַ טאָג און ער זאָל ניט מאָנען די איבעריקע זיבעצן, איידער אים גאָרניט געבן און ער זאָל רייסן די הויט — גיב אים רויך, גיב אים אַלע צוואַנציק. נו יאָ, דעם יצר הרע האָט ער אויך אָפּגענאַרט: די דריי ציגאַרעטן זיינען געווען ניקאָטין־לאָז און ער האָט ניט פאַרצויגן דעם רויך, דערפאַר אָבער האָט ער די דריי לאַנגע, דינע ציגאַרעטן געשפּאָלטן אויפן צווייען, אַזוי אַז פ אַ ר ר ו י כ ע ר ט האָט ער זעקס מאָל אַ טאָג און... הלואי ווייטער, עס שאַדט אים ניט. אָט האָסטו דיר דאָקטאָריע און אויך מענטש...

רויכערנדיק נאָך, האָט ער זיך גענומען איבערקוקן וואָס ער האָט אָנגעשריבן לעצטן אָוונט. זינט ער האָט אויפגעגעבן די פּראַקטיק האָט ער זיך גענומען... שרייבן.

אַמאָל, נאָך אין די סטודענטישע יאָרן, האָט ער געשריבן לידער, אַפילו געדיינקט ער איז אַ... פּושקין. פּושקין איז טאַקע געבליבן זיין דיכטער, קוקט נאָך איצט אַריין אין זיינע לידער, געדיינקט נאָך עטלעכע זאַכן אויף אויסנווייניק, געוואָרן איז ער אָבער אַ דאָקטאָר מעדיצין און וועגן זיינע לידער . . . אונטערגעשמייכלט: אַ קנאַפּער

דיכטער. ווען ער איז געוואָרן אויס דאָקטאָר האָט ער גענומען שרייבן, אָבער ניט דוקא לידער, און ניט אין רוסיש, אַ געמיש פון שפּראַכן, יידיש, רוסיש, ענגליש און אויך אַ געמיש פון פאָרמען. געדאַנקען, באַטראַכטונגען, שטימונגען, אין פּראָזע, אין גראַמען. „זאַפּיסקי" (פאַר־צייכענונגען). דאָס איינע רוסישע וואָרט, אויסגעכתיבהט, איז, ווי אַ הונט ביי דער טיר, געלעגן אויסגעצויגן אויפן שער בלאַט פון זיין העפט, קיין פרעמדער האָט ניט געהאַט קיין צוטריט צו דעם, אויפן באַלעבאָס האָט דער „הונט" אַ בליק געטון מיט אַ ווינקל פון אַן אויג: ביסט געקומען? גוט, עפן אויף, גיי אַריין.

האָט דר. פרידמאַן געעפנט זיין פאַרצייכענונג בוך, ווי דער שטייגער אַ גלעט געטון די ערשטע זייט, אַ בלעטער געטון, אַמאָל זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ זייטל, אַ לייען געטון און אַמאָל גלייך אויפגעמישט דאָס נעכטיקע בלעטל, דאַן גענומען ברייגגען אין אָרדנונג די צעטלעך, פּאַפּירעלעך, וואָס ער האָט נעכטן פאַרצייכנט. אַרויסגייענדיק אויף זיין נאָכמיטיק שפּאַציר האָט ער אַלע מאָל מיטגענומען פּאַפּיר מיט אַ בלייפעדער, אַ געדאַנק לויפט דורך, אַ בילדל דערזען — פאַרצייכענען, מיט די יאָרן ווערט שוואַכער דער זכרון. אין אָוונט האָט ער איבערגעקוקט די פאַרצייכענונגען, צוגעשריבן, אויסגעמעקט און אַוועקגעלייגט אויבנאויף — אַרבעט אויף מאָרגן. אינדערפרי האָט ער איבערגעלייענט, פאַרריכט און מיט אַ קלאָרער האַנטשריפט אַריינגעשריבן אין בוך.

צוליב וואָס? וואָס וועט ער טון דערמיט? ער וועט עס ניט אָפּדרוקן. וועגן דעם איז אָפּגערעדט. טאָ וואָס דען? אַן איינזאַמער מענטש טראַכט במעשה, רעדט צו זיך אַליין, קיינער זאָל ניט הערן. און אַז עמעצער וועט דערזען? ביים לעבן וועט עס קיינער ניט זען און אויב ער'ט פּלוצלונג מאַכן אַ שטאַרב, האָט ער עס שוין באַוואָרנט, אויפן שער בלעטל צוגעקלעפּט אַ צעטעלע: פאַרברענען אינאיינעם מיט מיין קערפּער. דערווייל האָט ער הנאה פון די פאַרצייכענונגען, פון דער אַרבעט.

פאַרטיק מיט דער אַרבעט, אַ שעה אָדער מער, ווי אַמאָל, האָט ער אויסגעטרונקען אַ ביסל מילך, זיך צוגעלייגט. אַמאָל האָט ער געפילט אַ געדאַנקען פאָדים איז געבליבן הייגגען, האָט ער פאַרצייכנט, טאָקע ווידער אויף אַ שטיקל פּאַפּיר — אויף זייט הונדערט זיבן און צוואַנציק אויסמעקן... אָדער צושרייבן... מייסטנס האָט ער זיך געפילט אויס־געמאַטערט, נאָך דער אַרבעט און געלעגן אין בעט, אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער אויפן ים, און דער ים, רואיק אָדער שטורמדיק, האָט אים

באַרויקט, זיין קערפּער האָט נאָכגעלאָזט און נאָך אַ שעה, אָנדערהאַלבן, האָט ער שוין געקענט אַרונטערגיין, נעמען זיין צייטונג, איבערקוקן די נייעס, איבערלייענען זיין שרייבער, דאַן ווידער רו, נאָכדעם אַ לייכטער איבער־בייס, אונטן אין האָטעל רעסטאָראַן, דאַן אַ לאַנגער רו פּעריאָד, טאַקע אין בעט, אַמאָל געדרימלט, אַמאָל געלייענט, אַרום פיר אַזייגער האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אויף זיין טעגלעכן לאַנגן שפּאַציר ביי די פּאַליסאַדן. אַ פּאַמעלעכער שפּאַציר, זיך צוזעצן אויף איין באַנק, אַ צווייטער, אַמאָל פאַרפירן אַ שמועס מיט באַקאַנטע און אַמאָל אַפילו מיט פרעמדע איבער־בייטן אַ וואָרט.

— העללאָ, דאָק! — האָבן אים געגריסט באַקאַנטע, דערוואַקסענע.

— העללאָ, דעדי! — האָט אים באַגריסט דער דריייאָריקער דזשאַהני.

— האָט צוקערלעך?

דר. פרידמאַן האָט זעלטן ווען זיך אַרויסגעלאָזט אויף זיין שפּאַציר מיט ליידיקע קעשענעס. „ווילסט זיך איינקויפן ביי אַ קינד אין לאַסקע, גיב אים אַ צוקערקע". ער האָט שוין געקענט זיינע „פּאַציענטן", די קינדער, געוווּסט אַ צוקערל איז די בעסטע „רפואה", זיי צוציען צו זיך, און ער האָט ליב געהאַט פאַרברייננגען מיט קליינוואַרג.

— אַ צוקערל? וואַרט לאָמיך זען.

דזשאַהני האָט, געוואַרט, זיינע אויגלעך האָבן נאָכגעפאָלגט דר. פרידמאַנס הענט, פינגער, ווי זיי האָבן „געזוכט" אין די קעשענעס.

— אָט, געפונען איין צוקערל. בלויז איינס. וועל עס דיר געבן, מוזסט אָבער צוזאָגן צו זיין אַ ווויל יינגל. וועסטו?

דזשאַהני האָט געשאָקלט מיטן בלאָנדן קעפּל אויף יאָ און גיריק צוגעכאַפּט דאָס צוקערל, עס אַריינגעוואָרפן אין מויל.

— פאַרוואָס זאָגסטו ניט אַ דאַנק? — האָט די מוטער געפּרווּט לערנען דרך ארץ איר קינד.

— אַ דאַנק, — האָט דזשאַהני אַרויסגעבראַכט, דאָס וואָרט צעקייט — אָפּגעקומען.

— אַ גוטע צוקערקע?

— המ... המ... — האָט דזשאַהני אונטערגעברומט און געקוקט אויף דאָקטאָר פרידמאַן — האָט טאַקע ניט מער?

דר. פרידמאַן האָט שוין גוט געקענט זיינע „פּאַציענטן", פאַרשטאַנען דזשאַהניס קוק און געשמייכלט צו דער מוטער דערביי. דער שמייכל —

נאַשערס די קינדער. שרעקט זיך ניט, אים מער ניט געבן. דזשאַהנין פרעגט ער: ווילסט זיך צוזעצן דאָ לעבן מיר?

דער דרייאַריקער דזשאַהני טוט אַ וואָרף מיט די אויגלעך אויף דער באַנק, אויף דר. פרידמאַן: ווער ווייסט? אפשר איז די איינלאַדונג זיך צוזעצן אַן אָנצוהערעניש אויף נאָך אַ צוקערל? די גרויסע זיינען דאָך אַזעלכע... ער האָט קיין וואָרט דערפאַר, נו, מ׳ווייסט קיינמאָל ניט וואָס זיי׳לן טון, צי זיי וועלן עפּעס געבן. דאָס וואָס די מאַמע זיצט דאָ דערביי איז גוט און ניט גוט. מ׳קען אָננעמען איר קליידל, זיך האַלטן לעבן איר, זי׳ט אָבער ניט לאָזן נעמען נאָך אַ צוקערל. און וועט ער געבן? ער? ווער איז ער, דער אַלטער? יאָ, ער האָט אים שוין געזען אַזוי פיל מאָל, אַ סך, אַ סך מאָל, היינט זעט ער זייער שטאַרק זיין גרויע באָרד. ער קוקט, קוקט אויף דער באָרד און טוט אַ פרעג: פאַרוואָס טראָגט איר אַ באָרד?

דר. פרידמאַן קוקט זיך איבער מיט דזשאַהניס מאַמע, באַרויקט זי — קליינוואַרג מעג. — ווייל איך בין אַלט. אַלטע מענטשן האָבן בערד. ווען דו׳סט אַלט זיין וועסטו אויך האָבן אַ באָרד.

— וועל איך, מאַמע?

— יאָ, ווען דו׳סט זיין אַלט.

דזשאַהנין לייגט זיך עס יאָ אויפן שכל און ניט. ער מיט אַ באָרד. ער וואָלט געוואָלט אַ טאַפּ טון די באָרד, זי אַ צי טון, זי אַרונטערנעמען פון דעם אַלטנס פּנים, זי אָנטון אויף זיינעם.

— און ווו טוט איר אַהין די באָרד ווען איר גייט שלאָפן?

— דזשאַהני! פרעגסט נאַרישע פראַגן. — מילדער רוגז אין דער מוטערס טאָן און אַ שמייכל צו דר. פרידמאַנען: קינדער. דר. פרידמאַן שמייכלט אויך.

— ווען איך גיי שלאָפן גייט די באָרד אויך שלאָפן.

— שלאָפט די באָרד מיט אייך אין בעט, אָדער אויפן טישל?

— דזשאַהני!

— אַוודאי מיט מיר אין בעט, — ענטפערט דר. פרידמאַן ערנסט.

— וואָס מיינסטו? איך וועל לייגן די באָרד שלאָפן ערגעץ אַנדערש? זי שלאָפט אָט דאָ אָ, אויף מיין פּנים.

— און מיין טאַטע נעמט אַרויס די ציין פון מויל, לייגט זיי אַריין אין אַ טאַס, און שטעלט עס אַוועק אויפן טישל.

— דזשאַהני! — טוט שוין די מוטער אַ געשריי, — רעדסט

נאַרישקייטן. קום! — טוט זי אים אַ צי פֿאַרן הענטל, שטעלט זיך אויף, שלעפּט אים אַזש אַרונטער פֿון באַנק.

— לאָמיר גיין! גוד באַי, דאַק!

— גוד באַי, דעדי!

— גוד באַי, דזשאַהני.

— וועט איר ברענגען צוקערלעך מאָרגן?

— איך וועל זיכער ברענגען.

— זאָלט ניט פֿאַרגעסן.

— ניט פֿאַרגעסן. ניין, איך וועל ניט פֿאַרגעסן, — חזרט איבער דר. פֿרידמאַן, באַגלייטנדיק דזשאַהנין און זיין מוטער מיט אַ שמייכל און, ווען דאָס קינד דרייט זיך שוין מער ניט אום, פֿאַרצייכנט דר. פֿרידמאַן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר — באָרד, ציין, הייבט אויף דעם קאָפּ און זיינע אויגן קוקן פֿאַרטראַכט צום ים צו. וויפֿל „סודות" ער האָט שוין אויסגעהערט אין זיין לאַנגער פּראַקטיק. יענע סודות, ווידוי׳ס פֿון דערוואַקסענע, ווידוי׳ס וואָס זיי האָבן באַדאַרפֿט פֿון זיך אַרויסרייסן, די קינדער וואַרפֿן זיי אַרויס — דער טאַטע נעמט אַרויס די ציין... וואָס נאָך טוט דיין טאַטע, דיין מאַמע, קליינער דזשאַהני?

דר. פֿרידמאַן האָט אַ צופֿרידענער זיך אויפֿגעהייבן פֿון באַנק. ער האָט שוין געקראָגן זיין שכר הליכה, שוין האָבן וואָס צו פֿאַרצייכענען. גייענדיק פּאַמעלעך, האָבן די פֿאַרצייכענונגען זיך שוין געצייכנט אין קאָפּ, קורץ, אָפּגעריסן, כאַאָטיש.

דר. פֿרידמאַן האָט זיך געפּלאָנטערט אין זיין באָרד. דזשאַהני האָט געוואָלט וויסן ווו ער לייגט די באָרד שלאָפֿן, יידן האָבן שוין אַ פּאָר מאָל אָנגענומען זיין באָרד פֿאַר אַ צייכן פֿון פֿרומקייט, תשובה, אים שוין אפֿילו איינגעלאַדן אַ מאָל צו אַ מנין און ער... איז געגאַנגען. פֿאַרוואָס טאַקע האָט ער זיך פֿאַרלאָזט אַ באָרד?

ווען ער איז קראַנק געוואָרן, שוין געלעגן ביי זיך אין צימער, ניט אין שפּיטאָל, איז געווען פּשוט צופֿיל אָנשטריינגונג זיך גאָלן, ניט געגאָלט זיך אַ דריי־פֿיר טעג, האָט ער באַשלאָסן — זיך גאָר ניט גאָלן. דאָס איז, אויף ווי וויַיט ער געדענקט, די ד י ר ע ק ט ע אורזאַך, עס מוז אָבער זיין עפּעס אַנדערש, וויכטיקערס...

ער דערמאָנט זיך, טאַקע צו יענער צייט האָט ער גענומען איבערקוקן זיין בילדער אַלבום. דאָס קוקן אויף די בילדער — אַ רייזע אין דער פֿאַרגאַנגענהייט. אייניקע בילדער, אָפּגעבליאַקעוועט, פֿאַרגעלט, שאָטנס

פון מענטשן וואָס ער האָט קוים גערדיינקט. ווער זיינען זיי און נאָך וואָס האָט ער זיי געהאַלטן די גאַנצע צייט? צערייסן! די פינגער האָבן זיך שוין געשטרעקט דאָס צו טון, אָבער זיך דערשראָקן, אַלטע אַטאַוויס־טישע אבערגלויבנס — דאָס בילד איז דער מענטש. ער האָט גענומען אין האַנט אַריין דעם טאַטנס בילד. ער האָט לאַנג געקוקט אויף דעם און ניט נאָר האָט ער אים געזען, ער האָט אים אויך געהערט:

— ישראל! האָסט אַ גוטן קאָפּ אויף זיך. האָסט געלערנט ש״ס, פּוסקים, אויך די חכמות חיצוניות, און דאָס האָט דיר אַ ביסל פאַרדרייט דעם קאָפּ, ביסטו געוואָרן ביי זיך גדולדיק, ביי דיר קומט אויס אַז זיין אַ רב מיינט רק פּסקענען אַ שאלה וועגן אַ פליישיקער לעפל אין אַ מילכיק טעפּל. מ׳נא, מיין כסא הרבנות וועט שוין בלייבן ליידיק, וועסט מיין פלאַץ ניט פאַרנעמען, דאָס זע איך שוין. פאַרפאַלן. מסתמא שוין אַזוי באַשערט. איך וויל דיר אָבער זאָגן — גאוה איז אַ שלעכטע מידה. וועסט עלטער ווערן, קומען צום שכל, וועסטו איינזען אַז ניט אַלץ ווייסטו און אַז וויסן איז נישט אַלץ. געדיינק מיינע רייד.

דאָס זיינען געווען זיינע לעצטע רייד. ער האָט זיי געדיינקט זיין גאַנצן לעבן און, קוקנדיק אויפן בילד, האָט ער ניט נאָר זיך דערמאָנט, ער האָט זיי געהערט, ער האָט אַפילו געזען דעם טאַטנס קוק דערביי. דער טרויער פון זיינע אויגן האָט זיך געשפּרייט איבערן הויכן, לומדישן שטערן, האָט זיך אַרונטערגעלאָזט צו דער ברייטער, גרויער באָרד. די פינגער האָבן געקעמט די באָרד, זיך מישב געווען מיט איר: וואָס זאָגסטו? און די באָרד — אַ געדיכטע שווייגעניש, דער טאַטע האָט אויך געשוויגן, אַזוי שטיל, אַזוי קלוג און אַזוי שיין. אַ הדרת פּנים. ער איז שוין געווען אַ זיבעציקער, אפשר נאָך עלטער. וועט ער זיך אויסגלייכן מיטן טאַטן? און דעמאָלט האָט ער באַשלאָסן — ער פאַרלאָזט זיך אַ באָרד. דאָס איז עס. און אפשר?

אַ קינד, אַ פרוי מיט אַ באָרד וואָלט געווען אַ פאַרזעעניש, יונגע מענטשן זיינען שיין אָן אַ באָרד, אַלטע לייט זיינען שענער מיט אַ באָרד. די באָרד פּאַסט אים. גייענדיק, איז ער צו דער זעלבער צייט געשטאַנען פאַרן שפּיגל, באַטראַכט די באָרד, זיין פּנים. יאָ, די באָרד פּאַסט אים. שענער. וואָס מיינט עס? וויל ער געפעלן ווערן? וועמען? פרויען? ער האָט אַ גלעט געטון די באָרד, צעריבן דאָרט אַ שמייכל איבער זיך גופא, דערזען אַ באַנק, אַ פרויען פיגור און ער האָט זיך דערפילט... מיד,

אין אים האָט זיך דערוועקט אַ באַדערפעניש זיך שוין אַנידערזעצן, מעג עס זיין טאַקע לעבן דער פרוי.

זי האָט זיך אַ צאַפּל געטון, אַ קער געטון דעם קאָפּ, געמאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפהייבן.

— אַנטשולדיקט, מיסס... איך האָף אַז איך שטער אייך ניט. איך בין פּשוט מיד. יאָ, מיד און... אַלט.

זיין צעגערן פאַרן וואָרט „אַלט", זיין שטימע, זיין „פּאַטערלעכער" קוק האָט אַפּנים געווירקט אויף איר, זי איז ניט אויפגעשטאַנען, איין פינגער האָט אָנגערירט אַ ווינקל פון אויג, אויסגעווישט אַ טרער. — עס מאַכט ניט, — האָט זי פריינדלעך אַ זאָג געטון.

— אַ דאַנק. און איר, אַזאַ יונגע, שיינע מיידל און וויינט גאָר. ניט גוט. ניט גוט, — האָט דר. פרידמאַן פּאַטערלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ. — איר זייט שיין אַפילו וויינענדיק...

די מיידל האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ צו אים.

— איך בין צו אַלט צו מאַכן קאָמפּלימענטן, זיך חנדלען צו מיידלעך. איך בין אַ דאָקטאָר. מיין נאָמען איז דר. פרידמאַן. איך האָב שוין אויף מיין לעבן געזען אַ סך פרויען וויינען, זעלטן ווען אַ פרוי איז שיין וויינענדיק, מייסטנס ווערן זיי מיאוסער, פּאַסירט אָבער אַמאָל — זייער זעלטן — אַז אַ פרוי פּאַסט דאָס וויינען. אַ פרוי מיט אַ קינדעריש פּנימל. געזען אַמאָל? נו, איר זייט שיין אַפילו וויינענדיק, אָבער איר דאַרפט עס ניט טון. איר דאַרפט שמייכלען, לאַכן. דר. פרידמאַן האָט שוין אַליין געשמייכלט. ווי איינער רעדט — אָט אַזוי!

— שמייכל! שמייכל! אַלע זאָגן זיי — שמייכל! ער האָט עס אויך געזאָגט... איך וואָלט אים געקענט דערהערגענען פאַר זיין: „סמאַיל, בייבי".

— הרגענען וועמען?

— דעם מאַטראָז. דעם... כלאָפּ. גייט פּאַמעלעך, וויגט זיך, קוקט, קוקט, שטעלט זיך אָפּ, שמייכלט... אַזאַ... כלאָפּ גייט אַרום ווען האַראָלד, מיין האַראָלד, ליגט דאָרט אין זיין וואַסער קבר. — איר האַנט האָט אַ ווייז געטון אויפן ים.

דר. פרידמאַנס אויגן האָבן זיך אַ הויב געטון. אַ גאָלדענע סטעזשקע האָט זיך געצויגן באַלכסון איבערן ים. די סטעזשקע האָט זיך לייכט געוויגט, געגלאַנצט, זיך געמיניעט, גאָלדיק, פיאָלעט, האָט געלאַקט —

קום, איך פיר ווייט אַוועק. ווייט, ווייט... די סטעזשקע — ברייט, שמאָל, שמאָלער, פאַרשווינדט.

— איך וואָלט ניט געוועז אַזוי... שטרייגג צו אים. ער איז אַ מאַטראָז, יונג, געזונט און ביינקט, ביינקט נאָך אַ שמייכל, אַ מיידל, אַ פריינט... מיר אַלע ביינקען נאָך עמיצן, נאָך עפּעס, ניט אַזוי?

— יאָ, מיר אַלע ביינקען, — האָט די מיידל אַ זאָג געטון מיט אַ זיפץ.

דער מיידלס זיפץ — אַ בריקל איבערגעלייגט צו דער גאָלדענער סטעזשקע אויפן ים. איבער דעם בריקל איז דר. פרידמאַן איבערגע־גאַנגען צו דער גאָלדענער סטעזשקע. אַ מיידל, איר חתן, מאַן (?) דער־טרונקען, אומגעקומען, ניט געבליבן, זי — אַליין. ער. פרויען. געוועזן פרויען. פרויען שמעטערלינגען — איינגאַכטיקע „ליבעס", געוועזן ערנסטע־רע אויך, אָבער... היגיענע, ניט מער, איצט קען ער עס זען, געוועזן אָבער אויך אסתר... זעקס יאָר זיך דורכגעשריבן. זעקס יאָר יעדע וואָך אַ בריוו. פּאָסט אָפּיס קעסטל נומער 476. דער נומער חלומט זיך אים. ער קען זען ווי זי גייט יעדע וואָך אָפּנעמען דעם בריוו, לייענט אים איבער, צערייסט אים, דער מאַן זאָל ניט זען, זיך ניט דערוויסן, אַזוי זעקס יאָר, ביז איין וואָך קיין בריוו ניט געקומען. ער האָט דאָך געשריבן. איין וואָך, אַ צווייטע, אַ דריטע ביז די בריוו זיינען צוריקגעקומען. איבערגעריסן. ווי אַ סטרונגע אינמיטן שפּילן. נאָך איצט קען ער הערן דעם נאָכקלאַנג, די וויבראַציע. מיט איר וואָלט ער איצט געוואָלט זיין, זי זאָל זיצן דאָ מיט אים. עס וואָלט געוועזן בעסער, עס וואָלט געוועזן גוט.

ער האָט אַ קוק געטון צו דער מיידל. זי האָט שוין געהאַט זיך אויפגעשטעלט, אַ שאַר געטון דאָס קליידל. — גוד באַי און... אַ דאַנק — האָט זי עטוואָס פאַרלעגן אַ זאָג געטון, אַוועקגעגאַנגען און זיך ניט אומגעקוקט אויף צוריק.

דר. פרידמאַן האָט איר נאָכגעקוקט, דאַן אומגעדרייט דעם פּנים צו דער שפּילעוודיקער ווייך קאָלירטער סטעזשקע אויפן ים. זיינע אויגן האָבן זיך פאַרזשמורעט, אַ שמייכל האָט זיך אויסגעשניטן אַרום מויל. — זי וועט זיך טרייסטן...

די מחשבה „זי וועט זיך טרייסטן" — אַ טערפּקע באַרל, געשמאַק, דאָך ביטערלעך. ער האָט פונדעסטוועגן פאַרצייכנט דאָס איינע וואָרט „טרייסטן", האָט אַ דריק געטון דאָס הענטל פון שטעקן, צוגעדריקט צום אַספאַלט און זיך שווער אויפגעהייבן — גיין אַהיים. מיד. און צוויי

„געשעעבישן״ — דזשאַהני מיט דער באָרד, די מיידל — געגוג צו פאַרצייכענען אין אָוונט, באַטראַכטן...

באַשערט געווען דר. פרידמאַנען צו האָבן אַ דריטע געשעעניש. ער איז ניט אָפּגעגאַנגען קיין צוואַנציק טריט ווען אַ ייִנגעלע איז ווייִנענדיק, בלינד אַרויפגעלאָפן אויף אים. ניט אַרונטערגעקלאַפּט צו ווערן פון די פיס, האָט ער אַנגעכאַפּט, זיך אַנגעכאַפּט אָן דעם ייִנגעלע.

— וואָס איז דער מער? וואָס האָט פּאַסירט?

דאָס ייִנגעלע האָט געוואָלט זיך אַרויסדרייען, וויטער לויפן, דר. פרידמאַן האָט אים ניט געלאָזט. — זאָג מיר! זאָג וואָס האָט פּאַסירט? עמיצער האָט דיך געשלאָגן?

— מיין הוליע־פּיסל! — האָט דאָס ייִנגל אַרויסגעשריען מיט אַ געוויין וואָס האָט אַזש צעקרימט זיין פּנים.

די גרימאַסע, דאָס וואָרט „הוליע־פּיסל״ האָט אַרויסגערופן אַ שמייכל ביי דר. פרידמאַן.

— דיין וואָס?

— מיין הוליע־פּיסל! — האָט דאָס ייִנגעלע זאַכלעך אויסגערופן און, ווי כאַפּנדיק זיך, אַז זיי, די גרויסע זייִנען טפּשים, ווייסן ניט וואָס מ׳רעדט צו זיי, האָט ער דערקלערט: — מיין וועגעלע. אַ שטופּ וועגעלע, מיט איין פוס שטופּט מען אַ ביסל און מיט איין פוס פאָרט מען, דאַן קען מען שוין האַלטן די צווייטע פוס אין דער לופטן — הוליע־פּיסל! (סקוטער).

— אַהאַ, איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי, — האָט דר. פרידמאַן געשאָקלט מיטן קאָפּ. — איז וואָס איז מכח דעם הוליע־פּיסל?

— עס אָוועקגעגנבעט.

— אָוועקגעגנבעט? ווער?

— אַ ייִנגל.

— וואָסער ייִנגל? וואָס איז זיין נאָמען?

— אַ ייִנגל! אַ ייִנגל מיט וועמען איך האָב זיך געשפּילט, האָט שוין דאָס ייִנגעלע אומגעדולדיק געענטפערט, געוואָרפן מיט די אויגלעך אין די זייטן, זיין הענטל האָט זיך אַ צי געטון פון דר. פרידמאַנס האַנט. דר. פרידמאַן האָט פאַרשטייפט זיין גריף. אים האָט שוין אינטערעסירט דאָס קינד. איצט, ווען עס האָט שוין ניט געוויינט, בלויז טרערן רינוועס האָבן זיך געזען אויפן פּנים, האָט ער, אַ פאַרמורזעטער, אויסגעזען אַזוי חנודיק, כאָטש קוש אויס דאָס פאַרמורזעטע פּנימל.

— פאַרשטיי ניט, — האָט דר. פרידמאַן מעשה בר דעת געטענהט, — האָסט זיך געשפּילט מיט אים און ער האָט צוגענומען דיין וועגעלע? ווי...

— איך בין אַריינגעגאַנגען אַהין אָ, — האָט דאָס ייִנגעלע אָ זאָג געטון עטוואָס שטילער, אָנווייזנדיק אויף אַ עפּנטלעכן פּלאַץ פּאַר מענער, — האָב אָוועקגעשטעלט דאָס הוליע־פּיסל אינדרויסן, גלייך ביים בוים, און ווען איך בין אַרויסגעקומען האָב איך עס ניט געטראָפן. ער האָט עס צוגענומען.

— דאָס איז געמיין, זייער געמיין, — האָט דר. פרידמאַן געפּסקנט.

— יאָ, — האָט דאָס ייִנגעלע צוגעשטימט, — און איצט וועט מיין מאַמע מיך שלאָגן, — האָט ער זיך ווידער צעווײנט מיט אַ כליפּ.

— זאָרג זיך ניט, זי׳ט דיך ניט טשעפּען, די מאַמע. וועסט איר דערציילן...

— זי וועט מיך יאָ שלאָגן! זי האָט געזאָגט זי וועט. איך האָב פאַרלוירן אַ טרייסיקל אויך...

דר. פרידמאַן האָט געזען אַז ער האָט צו טון מיט אַ דערפאַרענעם מענטשן און ער האָט ניט אָן אַ שמייכל אַ פרעג געטון: ווי אַלט ביסטו, זוניו?

— גיי אויפן זיבעטן, אייערנעכטן איז מיר געוואָרן זעקס, און די מאַמע האָט עס מיר געקויפט אַ געבורטסטאָג מתנה.

— אַזוי?

אַן ערנסטער עניין. און אַן ערנסט ייִנגעלע. מאַמע, מאַמע. קיין טאַטן דערמאָנט ער ניט.

— האָסט אַ גוטע מאַמע. וואָס טוט זי?

— זי אַרבעט. אין אַן עראָפּלאַן פאַבריק. ווען זי׳ט קומען אַהיים...

— ניט געזאָרגט, זוניו. ווייסטו וווּ די מאַמע האָט געקויפט דאָס הוליע־פּיסל?

— אַוודאי ווייס איך. דאָ דערביי, ביי מר. ענדריוס, גלייך דאָ אָ, די צווייטע קראָם פון ראָג.

— גוט, זוניו. מיר׳ן צוגיין צו מר. ענדריוס און קריגן ביי אים אַן אַנדער הוליע־פּיסל, גוט? געענוי אַזאַ ווי דו האָסט געהאַט, וואָס זאָגסטו?

— אַ רויטס! עס איז געווען אַ רויטס, — האָט שוין דאָס ייִנגעלע

אַזש אונטערגעשפּרונגען. — איר זעט די געבײַדע? אַט די גרויסע געבײַדע? גלײַך דערבײַ איז מר. ענדריוס. איר זעט עס? איר זעט?

דאָס ייִנגעלע האָט געצויגן, געשלעפּט דעם דר. פרידמאַן, ער האָט עס קוים אײַנגעהאַלטן.

— מ׳דאַרף זײַן פּאַרזיכטיק ווי מ׳קרייצט איבער אַ גאַס, — האָט ער געלערנט דאָס ייִנגעלע, געוואָרפן מיט די אויגן אויף בײדע זײַטן, געשטעלט פּאַרזיכטיק אַ פוס און דאַך אונטערגעשפּרונגען, אַט אַט פּאָרט אויף אים אַרויף אַן אויטאָמאָביל. דאָס האָט אים אַזוי דענערווירט, אַז ער האָט אַזש אַ הייב געטון דעם שטעקן צו אַן אויטאָמאָביל פאָרער — וואָרט, לאָז איבערגיין. איבערגעקרייצט די גאַס, האָט ער דערפילט אים איז הייס, דער גאַנצער קערפּער האָט געציטערט. דאָס ייִנגעלע האָט געדרייט דאָס קעפּל. — זעט די שילד? אַט די גרויסע שילד? דאָס איז מר. ענדריוס פּלאַץ.

— יאָ, יאָ, — האָט דר. פרידמאַן פּאַטאַקעוועט. אַט דאָס ייִנגעלע... אים פּאַרדריסט ניט וואָס ער האָט זיך אָנגעהויבן מיטן ייִנגעלע, אָבער ער איז מיד, זייער מיד. נאַדיר אַ הוליע־פּיסל! ער האָט אַ קוק געטון אויפן ייִנגעלע. אַ וויִל קינד. מוז זײַן אַ יתום.

— וואָס איז דײַן נאָמען?

— ווילי.

— ווילי וואָס?

— ווילי בראַון.

— און דײַן פאָטערס נאָמען?

— איך האָב קיין פאָטער.

— אָה... דו און די מאַמע, הייסט עס.

— איך האָב אַ שוועסטער אויך.

— און וואָס טוט די שוועסטער?

— זי אַרבעט אין וואָלוואָירט׳ס.

— ווי אַלט איז זי?

— זעכצן.

— אַהאַ...

— דאָ איז עס, דאָס איז ענדריוס.

— האָט איר אַ... הוליע־פּיסל פאַר אַט דעם יונגן זשענטלמאַן?

מר. ענדריוס איז ניט נתפּעל געוואָרן פונם וואָרט הוליע־פּיסל, ווי דר. פרידמאַן האָט דערוואַרט.

— איך גלויב נאָך געבליבן איינס. אַ קוק טון.

— אַ רויטס, — האָט דאָס יינגעלע סופלירט דעם דר. פרידמאַן און ער האָט געטריי איבערגעחזרט — אַ רויטס. איך דאַרף אַ רויטס.

— מיר׳ן זען, — האָט מר. ענדריוס אַ זאָג געטון, גלייכגילטיק צום קאַליר אויך, זיך דערוויטערט.

דעם יינגעלעס אויגן זיינען זיך צעלאָפן איבער די פאַרשידענע זאַכן, שפּילצייג, פאַר דר. פרידמאַנס אויגן האָבן די אַלע זאַכן זיך געדרייט, ער האָט געחלשט זיך אַוועקזעצן, זיך... אַוועקלייגן.

— ער האָט עס! ער האָט עס!

דר. פרידמאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט, דערזען דעם מר. ענדריוס טראָגן אַ רויט וועגעלע. דאָס יינגעלע — אַ הינטל, וואָס דערזעט אַ שטיקל פלייש, ער איז שיר ניט אונטערגעשפּרונגען אַרויסכאַפּן דאָס הוליע־פּיסל. דר. פרידמאַן האָט באַצאָלט.

— איינוויקלען?

— ניין, ניין! — האָט דאָס יינגעלע שוין אויסגערופן, אָנגעכאַפּט דאָס הענטל, דאָך ניט אַרויפגעשטעלט קיין פוס אויפן וועגעלע, נאָר פאַרזיכטיק גענומען עס אַרויספירן פון קראָם. דר. פרידמאַן איז נאָכגעגאַנגען.

— איצט לאָמיר זען ווי דו פאָרסט.

דאָס יינגעלע האָט אַ שטעל געטון איין פיסל אויפן וועגעלע, מיטן צווייטן פיסל אַ שטופּ דעם טראָטואַר, דאַן אַ הייב געטון, אַ שטופּ און אַ הייב, איין פיסל אין דער לופטן, איין פיסל אויפן וועגעלע און עס פאָרט — הוליע פיסל!

— הוליע פיסל! — האָט דר. פרידמאַן אַ מורמל געטון. פאַר זיינע אויגן האָט אַ שוועב געטון אַ „פיסל” פון אַן אָרגאַניסט וועמען ער האָט אַמאָל געזען שפּילן און יענעמס פיסל האָט אויסגעזען אַזוי קאָמיש אַז ער האָט מער זיך צוגעקוקט צום פיסל וואָס האָט זיך געוויגט ווי זיך צוגעהערט צום שפּילן. אים האָט עס דאַן אויסגעזען זייער קאָמיש. איצטער...

דאָס יינגעלע האָט אומגעדרייט דאָס קעפל צו אים, געפאָכעט מיטן הענטל — ביי...

דר. פרידמאַן האָט אַ הויב געטון די האַנט, געפאָכעט מיטן שטעקן — פאַר, פאַר!

דאָס יינגעלע איז שנעל, שנעל אַוועקגעפאָרן. דר. פרידמאַן האָט אים נאָכגעקוקט מיט אַ שמייכל — פאַר געזונטערהייט.

איצט האָט אים הנאה געטון די גאַנצע געשיכטע, מער ניט, ער׳ט דאַרפן גיין... אפשר זעקס בלאָק. יאָ, זעקס בלאָק, אויב ניט זיבן, און ער איז... מיד...

ער האָט אַ הייב געטון דעם שטעקן צו דער אָנקומענדיקער טאַקסי און, קרעכצנדיק אַריינגעקראָכן.

מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער געזען דעם גאַנצן נאָכמיטיק. די מידקייט איז, ווי שפּאַרעס, אָפּגעגאַנגען, אַ וואַרימע צופרידנקייט האָט זיך גענומען ריזלען. אַ צופרידענער האָט ער באַצאָלט דעם טאַקסי טרייבער, געגעבן אים אַ פּערטעלע טרינק געלט און, קלאַפּנדיק האפערדיק מיטן שטעקן, זיך געלאָזט צו זיך אין אַפּאַרטמענט.

אין אָוונט, ביי דער שיין פון לאָמפּ אויפן שרייב טיש, האָט ער איבערגעזען דעם טאָג. דער „פּערל קלייבער" האָט סאָרטירט די פּערל. דזשאַהנין מיט דער באָרד האָט ער אַוועקגעלייגט אָן אַ זייט — שפּעטער: אַ קליין פּערעלע. די מיידל... זי... ער האָט זי געזען, געהערט איר „איך וואָלט אים געקענט דערהרגענען..." און ער האָט פאַרצייכנט:

וויפל האַס! האַס פון ליבע.

ניט האַסן, ניט ליבן — פאַרשטיין.

דאָס האָט געזאָגט אַ קאַבינעט מענטש, אַ פילאָזאָף, וואָס האָט ניט געזען קיין מענטשן.

פילאָזאָפיע — גייסטיקע וואַזאָנעס. אַ מענטש לעבט ניט מיט פילאָ־זאָפיע. מענטשן ליבן און האַסן, סיידן אפשר אויף דער עלטער, ווען עס איז שוין נישטאָ קיין כח צו האַסן, אָפּגערעדט פון ליבן. „אמאר דעאי"... נו, פון פלאַטאָנישער ליבע הערט מען נאָך, אויב אַפילו אין אַ פאַרדרייטן זין פון דעם וואָרט, אָבער ווער רעדט פון שפינאָזישער ליבע? „אמאר דעאי אינ־טע־לעקטו־אַליס"... אין דעם שטח צווישן די זילבן האָט ער אַריינגעלייגט אַ היפש ביסל איראָניע. צו באַקרעפטיקן עס, האָט ער נאָך צוגעגעבן — נאַרישקייטן!

דר. פרידמאַן האָט אַ לייג געטון די פען, די פינגער האָבן גענומען קעמען די באָרד און דער געדאַנק, פריי פון ציימל, האָט זיך גענומען יאָגן, דרייען. אָפּגעריסענע מחשבות, בילדער, פנימער. דר. פרידמאַנס אויגן האָבן זיך פאַרטשעפּעט אָן איין פנים. ער האָט אויפגעהייבן די פען.

און דאָך געווען איינער, וואָס האָט געלעבט, ניין, איז געשטאָרבן,

בעסער געזאָגט איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד מיטן... קאָפּ. ער געדיינקט אים זייער גוט. חפץ האָט ער געהייסן, קען נאָך איצט זען זיין פּנים, זיינע אויגן. יענע אויגן! אים געמוסרט למאי ער עסט ניט, האָט אין די קבר פינסטערע אויגן אַ שוועב געטון אַ ליכט.

— איר ווילט דוקא איך זאָל מקיים זיין די מצוות... עשה... — איצט האָבן שוין די אויגן געשמייכלט גע... שפּאָט.

— פאַר אייך איז עסן טאַקע אַ מצווה. איר דאַרפט עסן, מוזט עסן אַ סך. ניטאָ קיין אַפּעטיט? נעמט מען אַ ביסל בראָנפן, אָדער איכ׳ל אייך גאָר פאַרשרייבן אַ טאָניק, דאָס וועט אייך געבן אַפּעטיט.

—פאַרשרייבן אַ רעצעפּט פאַר אַן אַפּעטיט צום עסן איז אַ גרינגער עסק. קענט איר פאַרשרייבן עפּעס פאַר אַן אַפּעטיט צום לעבן?

— דערצו דאַרף מען קיינע רעצעפּטן. דאָס לעבן אַליין גיט שוין אַכטונג.

ער איז ניט נתפּעל געוואָרן, זיין שמייכל איז געוואָרן קעלטער, שניידיקער. געפּרוווט פאַררייד̇ן אָט דעם שמייכל.

— פאַרשטייט זיך, איר דאַרפט קאָאָפּערירן.

— קאָאָפּערירן צוליב וואָס?

— צוליב לעבן!

— לעבן סתם איז ניט גענוג. אַ מענטש דאַרף האָבן אַ צוליב וואָס. אַ זין...

— זין... זין! אַ מענטש לעבט ניט מיטן זין, מיטן שכל, אַ מענטש לעבט מיט די חושים.

— דאָס טוט אויך די בהמה.

— און די בהמה איז קלוגער פונם מענטשן. זעלטן ווען אַ בהמה, אַ חיה באַגייט זעלבסטמאָרד. בלויז די נאַרישע באַשעפעניש מענטש זוכט אַ זין, זיך איינגערעדט עס דאַרף זיין אַ זין.

— זיך איינגערעדט?

— אַוודאי זיך איינגערעדט. האָט זיך איינגערעדט אויף אַזוי ווייט אַז ניט נאָר אין זיין לעבן, אין אַלץ זוכט ער אַ זין, און ניט נאָר אַ זין, נאָר אַ נוצלעכקייט אַפילו. די זון — אַ בליץ לאָמפּ וואָס הייגגט איבער זיין טיש, ער זאָל קענען ציילן זיינע פּערל; די ערד — זיין טיש צי זיין פוס בייגקעלע; די גאַנצע וועלט, אַלץ צוליב אים. נו, איצטער ווייסט ער שוין אַז די זון שיינט ניט דווקא צוליב אים, ער ווייסט פאַרוואָס זי שיינט, אָבער ניט צוליב וואָס, ווייל עס איז ניטאָ

קיין צוליב וואָס. אָט דער „צוליב וואָס" איז אַ מענטשלעכע איינריידעניש, אַ חולאת אַזאַ.

— אַזוי גאָר, אַ חולאת? איצט ווייס איך שוין וואָס מיר פעלט

— אַ גוטע קרינק, טאַקע אָט די חולאת.

און ווידער געשמייכלט.

— יאָ, יאָ, אַ חולאת. טוט אַ קוק. טוט אַ קוק אין פענסטער. איר זעט? אַ פייגנבוים און אַ פעפער בוים. דער פייגנבוים, ווען ער זאָל טראַכטן, קען זיך איינריידן אַז ער לעבט כדי צו געבן פייגן. דער פעפער בוים, ער קען אָט די איינריידעניש ניט האָבן. בסך הכל ברענגט ער אַפילו קיין פעפער ניט אַרויס, יעדן יאָר איז ער מפּיל, די פעפערלעך ווערן ניט צייטיק, ניט וואַרים געבוג. און ער לעבט פונדעסטוועגן. אַלץ הייסט לעבן! גרינט אַ גאַנצן יאָר. און דאָס קומט אים אָן גאָרניט אַזוי גרינג. דער פייגנבוים, דער וואַסער־גנב, נעמט ביי אים צו ווו אַ טראָפּן וואַסער. דערפאַר נעמט ער ביי יענעם צו די זון. און ער לעבט, מיט דער זון, אָבער אָן אַ זין. די גאַנצע מעשה מיטן זין איז אַ מענטשלעכע פיקציע, אין דער נאַטור איז אַזאַ „זאַך" ניטאָ. דאָס האָט דער מענטש „אַריינגערעדט" אין דער נאַטור, ווייל ער האָט זיך איינגערעדט אַז זיין לעבן האָט אַ זין, און ווי ער אַזוי די וועלט. נאַרישקייטן. איינרעדענישן. איינער רעדט זיך איין ער מוז לעבן כדי אויפציען, פאַרזאָרגן זיינע קינדער; אַ צווייטער, ער מוז אָנשרייבן נאָך אַ בוך; אַ דריטער — ער מוז... מאַכן אַ רעוואָלוציע, ער זאָל זיין דער פירער... די קינדער וואָלטן אויסגעוואָקסן אָן דעם טאַטן, דער וועלט וואָלט ניט אויסגעפעלט דאָס בוך און די רעוואָלוציע וואָלט מסתם געמאַכט אַן אַנדערער, ניט קיין קלענערער פירער... די וועלט וואָלט אָנגעגאַנגען אָן זיי, אָבער זיי ריידן זיך איין אַז זיי לעבן צוליב דעם. גוט. געזונטערהייט. אויב אָבער אַן איינריידעניש, וואָס איז דער חילוק צי איינער רעדט זיך איין ער מוז לעבן כדי אָנצושרייבן אַ בוך, אָדער כדי צו קריגן די לעצטע מאַרקע פון דער לעצטער רעוואָלוציע אין גוואַטעמאַלאַ? איך פרעג אייך, וואָס איז דער חילוק, אויב איינער זעט אין דעם אַ זין, ער קען ניט רויק שטאַרבן ביז ער'ט קריגן יענע מאַרקע! דאָ האָט איר אייך אייער ז י ן.

— דאָס איז אויך עפּעס. אָבער איך בין ניט קלוג גענוג זיך איינרעדן אַזעלכע נאַרישקייטן. די גוואַטעמאַלאַ מאַרקע אינטערעסירט מיך ניט, קיין ביכער שרייב איך ניט, קיין קינדער האָב איך ניט. איך האָב גאָרניט,

האָב קיינעם ניט חוץ . . . מיין שוועסטער. איר וואָלט געוואָרן אַ סך גרינגער ווען איך באַפריי זי. וואָלט עס שוין לאַנג געטון, אָבער איך ווייס דאָס וואָלט פאַר איר געווען אַ צו שווערער קלאַפּ, ניט נאָר וואָלט עס איר ווײי געטון, זי וואָלט זיך פּשוט געשעמט. איך קען זען ווי זי לאָזט אַרונטער די אויגן און זאָגט: מיין ברודער איז... געשטאָרבן. מיר שטאַמען פון אַ יחוסדיקער משפּחה. און איך האָב נאָך אויך אַ ביסל שטאָלץ, מיר שטייט ניט אָן גיין אים אַנטקעגן, איך קען באַשטיין ער זאָל קומען צו מיר. דאָ האָט איר אייך מיין איינריידעניש. אָבער ער׳ט קומען, ער׳ט קומען אינגיכן.

— נו, דאָס װעלן מיר נאָך זען. מיר קענען אָפּלייגן דעם וויזיט.

— קענט איר?

אַזאַ אַרויסרופישער שמייכל.

— מיר׳ן פּרוּוון.

— פּרוּווט, אויב איר קענט.

און ער האָט געוווּסט אַז איך קען ניט. ניט געקענט. געוואָלט אים ראַטעווען, פּשוט ניט געוווּסט וואָס צו טון, ווי אויפצוּוועקן אין דעם מענטשן דעם חשק צו לעבן. גערעדט מיט דער שוועסטער. „ער איז אַלע מאָל געווען מעלאַנכאָליש״. און זי האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ אומעט. אַ װוּנדער צי זי לעבט נאָך? יאָ, געוואָלט אים ראַטעווען, געטראַכט אפשר אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער, אָבער גיי געפין אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער, וואָס איז אַ דאָקטאָר, וואָס ווייס וואָס אַ הארץ איז, וואָס לונגען זיינען, און אַן ערלעכער מענטש דערצו. סיידן אויפוועקן פרוידן און ער האָט זיך דאָך אויך דערטראַכט צום צעשטערערישן, טויט אינסטינקט ביים מענטשן. און טאַקע, מ׳לעבט ניט מיטן קאָפּ און מ׳שטאַרבט ניט על פּי שכל. געטראַכט אפילו וועגן זאָגן דער שוועסטער זי זאָל פאָרן מיט אים צו אַ... גוטן יידן. יאָ, אַ גוטער ייד, אַ היפּנאָטיקער, אַ מכשף בדאַי, אַבי אים ראַטעווען. ער האָט נאָך געקענט לעבן, זיין הארץ, זיינע לונגען זיינען נאָך געווען צו דערליידן. ווען ער זאָל נאָר געווען קענען אויפוועקן אין אים דעם חשק צום לעבן, אים געבן אַ... זין אין לעבן. ניט געקענט. קיינער קען ניט געבן דאָס וואָס ער פאַרמאָגט אַליין ניט.

אַ זין אין לעבן...

דר. פרידמאַן האָט אַ לייג געטון די פּען . . . געווענדעט דעם פּנים צום פענסטער, צום ים, אָבער ער האָט אים ניט געזען און אַפילו ניט געהערט. זיין צימער — עפּעס אַ פאַרשלאָסענער באַלון, וואָס טראָגט

זיך אין דער סטראַטאָספער, אין אַט דעם באַלון אַן אינערטער קערפּער, וואָס פילט גאָרניט, אפילו קיין לופט דרוק, צו דעם קערפּער איז צו־געטשעפּעט אַ מין שיפל — אַ קאָפּ, אין דעם קאָפּ, אָבער, מישט זיך און בויטעט זיך ווי אין אַ ווייעלקע: נעכטן, ווייטער נעכטן, גאָר ווייטער נעכטן, היינט, און אַפילו מאָרגן וואַרפן זיך, שטויסן זיך, אַרויף, אַרונטער, איינצלנע קערנדלעך שפּאַרן זיך דורך, פאַלן אַרויס, פאַלן אַריין אין אַ באַזונדער כלי, אין דער באָרד אַריין.

די האַנט האָט געקעמט די באָרד, אויפגעקליבן די קערנדלעך, מיט דער פּען זיי אויסגעלייגט אויפן פּאַפּיר:

עס איז געקומען און האָט מיר דערמאָנט:
נעכטן יענער, היינט דער, מאָרגן דו.
אָט אַזוי, נאָכאַנאַנד
גייען מיר צו אונזער אייביקער רו.

נאָענט בין איך, נאָר ניט צו דיר...
איך האָב פאַרלאָרן דעם שליסל צו דיין טיר.
נאָך אין מיינע יונגע, יונגע יאָרן
האָב איך דעם שליסל אָנגעוואָרן.

דאָס יינגעלע מיט זיין הוליע־פּיסל
האָט מיר דערמאָנט אָן מיין פאַרלאָרענעם שליסל.
דאָס יינגעלע האָט געוויינט, געקלאָגט,
געקויפט אים אַן אַנדערס, האָט ער זיך פריידיק צעיאָגט.

אויך די מיידל, וואָס האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן
וועט קיין נאָנע ניט ווערן.
אַ חודש, צוויי, העכסטנס דריי,
און זי וועט לאַכן אויף ס׳ניי.

און איך? אָפּגעלעבט אַ לעבן איינער אַליין...
געזוכט, אָבער גאָרניט געפונען.
איצטער, ווען די שעה וועט קומען,
וועל איך אַן איינזאַמער פאַרגיין.

פון יסוד צום סוף...
אינמיטן בלויז אַ חיי שעה.
אייביקער שלאָף...
און אַ רגע בלויז דאָ.

איז כל זמן דאָס אויג איז אָפן,
כל זמן די האַנ...

די פען האָט אַ דראָפּע געטון דעם פּאַפּיר. די האַנט האָט זיך אַ יאָג געטון, די פינגער האָבן זיך איינגעגראָבן אין די ריפּן. ארויסרייסן דעם ווייטיק! אים אַרויסשרייען! דער געשריי איז געבליבן שטעקן אין גאָרגל. דאָס מויל האָט זיך פאַרקלעמט, די פינגער האָבן נאָכגעלאָזט, דער קערפּער האָט זיך אַ וואַקל געטון...

דאָס הויז אויפן באַרג
(וואַריאַציעס אויף אַ טעמע)

אין יענעם הויז, הויך אויפן באַרג, דאָרט וווינט... דאָס גליק. דער באַרג — אַ קרוין אויפן קאָפּ פון דער ערד, די באַלויכטענע פענסטער — דימענטן אין דער קרוין. דאָרט וווינט... אַ יונג פּאָר פּאָלק.

בייטאָג, אין דער העלער זון ליכט, קוקן זיי אַרונטער אויף דער שטאָט צופּוסנס, טייטן אָן מיט די פינגער: אָן דאָרטן האָבן מיר געשפּילט אין פּילקע, דאָרטן אָ שטייט נאָך די אַלטע שול ווו מיר האָבן געלערנט. קלאָר איז דער הימל אויבן, די שטאָט צופּוסנס — די ליכטיקע קינדהייט. אין אָוונט, ווען טויזנטער אירדישע פייערלעך פון דער שטאָט צופּוסנס שימערירן פאר זייערע אויגן, הערט זיך אַ שטיל שעפּטשען: מיר ווען... מיר וועלן...

שוויגט דער בלויער הימל. — וואָס זאָגסטו ניט צו זיי? — גיט די בלעך־בלאַסע לבנה אַ שמייכל, און די געלע, ווייסע און בלויע שטערן ווינקען זיך איבער: געהערט? און ווען פרייד גיסט זיך אַריבער די ברעגן, פּאַרטשעפּעט מען הענט, פינגער און מ׳לויפט באַרג אַרונטער, מ׳שפּילט אין כאַפּערלעך, אָדער מ׳נעמט אַרויס דעם אויטאָמאָביל און מ׳יאָגט פּופציק, זעכציק מייל אַ שעה: היט זיך, יוגנט פּאַרט! מ׳פּאַרט, מ׳פליט ביז מ׳קומט צו אַ וועלדל, אַ טאָל. דאָס וועלדל האָט געסודעט, דער טאָל לאָדט אײַן: דאָ... מיטנעמענדיק דעם „סוד״ פאַרלאָזט מען דעם טאָל, דאָס וועלדל, מ׳פּאַרט, פּאַמעלעכער אַ ביסל. צוריק אַהיים, הויך איבער אַלעמען: ווו קיינער קען אין פענסטער ניט אַריינקוקן. גליק מיידט אויס אַ פרעמדן בליק, צוויי מענטשן אַליין און ניט אַליין, פרייד שוועבט אַרום אין דעם גרויסן, שיינעם הויז הויך אויפן באַרג.

פאַרוואָס הערט זיך אָבער קיין פריידיק געלעכטער, קיין געזאַנג פון דעם גרויסן, שיינעם הויז דאָרטן אויפן באַרג?

דאָרטן וווינט אַן אַלט פּאָר פּאָלק.

יעדן פאַרנאַכט ווען די זון נעמט זיך זעצן, זיצן מאַן און ווייב, קוקן

ווי דער הימל פֿאַרבט זיך. יעדער וואָלקנדל, בייטאָג אַ פּלעק אויפֿן קלאָרן הימל, פֿאַרבט זיך איצט, ביים זונענאונטערגאַנג, מיט אַזעלכע רייצנדיקע פֿאַרבן. פֿאַרגאַנגענע צרות זעען אויך אויס שיין אין רעטראָספּעקט. און ווען די זון איז שוין לאַנג אַרונטערגעגאַנגען, אַ דינער לבנה נאָגל קאַרבט שוין איין דעם הימל, אַן איינצעלנער שטערן שטעכט אים דורך, נעמט דער מאַן אַריין דער ווייבס האַנט אין זיינער, זי ציטערט, זיין האַנט, און דער ציטער לויפֿט דורך פֿון האַנט צו האַנט: סאַראַ שיינער טאָג געווען! סאַראַ הערלעכער זונענאונטערגאַנג...!

און עס שוויגט דער הימל, די יונגע לבנה קוקט אַזוי קינדיש, די אַלטע, געלע שטערן קוקן סטאַטעטשנע, און די יונגע, בלויע שטערנדלעך, די שקצים, באַהאַלטן זייער שטיפֿערישן שמייכל. דרך ארץ! לפני שבה תקום.

פֿאַרוואָס ברענט אָבער ליכט דורך די נעכט אין דעם גרויסן, שיינעם הויז, הויך אויפֿן באַרג?

דאָרטן וווינט... אַן אַלכעמיקער.

נאַכט איין נאַכט אויס שטייט ער איבער זיין קעסל, קאָכט בליי און קוקט — דוכט זיך שוין גאָלד. ניין? אַהאַ! פֿאַרפֿעלט עפּעס. ווידער פֿאַרפֿעלט. איז וואָרט זשע... ברענט ליכט אין הויז, גיט אַכטונג אויף דעם אַלכעמיקער ווי ער זוכט דעם שטיין, דעם שפּרוך. און עס שמייכלט די לבנה, עס ווינקען זיך איבער די שטערן: אָבער זינט מיר געדיינקען איז עס אַזוי, רק זיי זוכן, אייביק, אייביק וועלן זיי שוין אַזוי האַלטן אין איין זוכן. אַי, מענטשן, מענטשן...

אָבער ווי קומט עס וואָס דאָס גראָז איז אַזוי גרין און אַזוי פֿיין אָפּ־געשניטן — אַ סאַמעטענער גרין, און די בוימעלעך אַזוי פֿיין צוגעפּוצט ביי דעם גרויסן, שיינעם הויז דאָרט אויפֿן באַרג? ניט קיין אַרבעט פֿאַר אַן אַלכעמיקער.

דאָרטן וווינט... אַן אַלטע פּריצטע מיט איר קאַץ.

די קאַץ ווערט יעדן טאָג געוואַשן און געבאָדן, דאָס גראָז ווערט יעדן טאָג געשפּריצט און גערייניקט, די בוימעלעך ווערן יעדן טאָג אַרומגעשוירן, די חדרים ווערן יעדן טאָג געלופֿטיקט און געראַמט. און ווען עס קומט דער אָוונט זעצט זיך די פּריצטע אַוועק ביים קאָרטן טישל, לייגט אויס די קאָרטן, שפּילט אַ פּאַסיאַנס, ביז דאָס בורררן פֿון דער קאַץ ברענגט אַ דרימל אויף די אויגן פֿון דער אַלטער פּריצטע. דאַן פֿאַרריגלט זי טיר און פֿענסטער און לייגט זיך אויכעט שלאָפֿן.

פאַרוואָס קוקט אָבער דאָס גרויסע הויז דאָרטן אויפן באַרג מיט אַזעלכע פייערדיקע אויגן אין דער נאַכט אַריין?

דער באַרג אַ האָרב אויף גאָטס ערד, דאָס הויז — אַ פּאַק אויף דעם האָרב. אין דעם הויז וווינט...

דאָרטן וווינט משה קראָליק.

קנאַפּע פּופּציק יאָר האָט ער אָפּגעוווינט אין טאָל... יאָרן לאַנג אַרומגעפּויזעט, מיט אַ פּאַק אויף די פּלייצעס אויסגעקראָכן ווי אַ זומפּ, ווי אַ בלאָטע, שוער דער פּאַק, לייכט דער אָטעם, אויך לייכט די קעשענע, פּרוטה צו פּרוטה, די קעשענע געוואָרן שווערער, אָבער אויך דער אָטעם איז געוואָרן שווערער, ער האָט שוין אַרונטערגעוואָרפן דעם פּאַק, גרינג געוואָרן אויף די פּלייצעס, אין קעשענע גראַם, דערפאַר דער אָטעם... אים האָט פאַרשלאָגן דער אָטעם. האָט ער דאַן אויפגעהויבן זיינע אויגן צו די בערג: פון וואַנען וועט קומען מיין הילף? — פון אָט דעם באַרג, — אַזוי האָט געזאָגט דער דאָקטאָר.

האָט משה קראָליק געלאָזט אַ הויז פאַר זיך בויען, אַ גרויס, שיין הויז. אַ גערטנער האָט גראָז און בלומען פאַרפלאַנצט, די יונגע ווייב האָט אַכטונג געגעבן אויפן הויז, געכאַליעט די בלומען, געפּלעגט איר מאַן, און דער מאַן איז מייסטנס געליגן אין בעט און... אַכטונג געגעבן אויף זיין פרוי זי זאָל צו ווייט און אויף צו לאַנג ניט אַוועקגיין פון הויז... האָט ער דערשפּירט אַז זי קלייבט זיך אַוועקצוגיין ערגעץ, האָט ער געקראָגן אַ ספּאַזמע, זיך פאַרגאַנגען אין אַ הוסט, זיך געקאָרטשעט אין דרייען. ווען די פרוי האָט געפרעגט: רופן אַ דאָקטאָר? האָט ער געמאַכט מיט דער האַנט אויף ניין, הוסטנדיק אַרויסגעבראַכט די ווערטער: וועט באַלד איבערגיין. דער דאָקטאָר געפעלט אים ניט. דער אופן ווי ער רעדט זיך איבער, קוקט זיך איבער מיט איר... די ספּאַזמע איז באַלד איבערגעגאַנגען, פאַרשוווּנדן איז אויך דער חשק ביי זיין ווייב ערגעץ ווו אַרויסצוגיין. און אַז זי וועט אַרויסגיין? זי'ט'אָך דאַרפן צוריקקומען... זי איז ביי זיין בעט מער נישט געשטאַנען, אין זיין צימער אריינגעגאַנגען בלויז דעמלט ווען ער האָט גערופן. ער האָט אָבער גערופן גאַנץ אָפט און ווען ער איז געליגן שטיל זיינען זיינע פאַרשפּיצטע אויערן געווען וואַך צו אירע טריט, אירע באַוועגונגען. ער האָט געוווּסט ווי ער האַלט מיט איר אין דער וועלט... קיין אויטאָמאָביל האָט ער ניט געלאָזט קויפן. אין שטוב זאָל זי זיצן. נישקשה, מיט אַ טעלעפאָן און געלט דאַרף זי אין ערגעץ ניט גיין, מ'עט אַלץ ברענגען.

האָט אָבער פּאַסירט און ער האָט געקראָגן אַ הוסט אָנפאַל ערגער ווי געוויינלעך. זיין קריינקלעך רויט פּנים האָט אָנגענומען דעם קאָליר פון אַן אויפגעשניטענעם, צוגעלעגערטן בוריק, די הוסט ספּאַזמע האָט אים גע־טרייסלט און געקאַרטשעט, מיט אַ צעעפנט מויל איז ער געזעסן אין בעט, געשנאַפּט די לופט, זיך אַזש געקלאַפּט אין ברוסט: אַ ט ע מ ע ן! דאַן האָט די פרוי שוין ניט געפרעגט צי זאָל זי רופן אַ דאָקטאָר, אַ דריי דאָס טעלעפאָן רעדל, און אין צוואַנציק מינוט אַרום איז דאָקטאָר הובערמאַן, אַ מאַן אין איינע יאָרן מיט רבקה קראַליק, געווען אויפן באַרג. דער דאָקטאָר האָט איינגעשפּריצט אַ ביסל אדרענאַלין, דאָס האַרץ האָט גענומען קלאַפּן שטאַרקער, דער הוסט איז געוואָרן שוואַכער, דער חולה האָט גענומען דרימלען, קומען צו זיך.

ניט צו אָפט איז דער דאָקטאָר ארויפגעקומען, ניט צו לאַנג האָט געדויערט זיינער אַ וויזיט. באַהאַנדלט דעם פּאַציענט, איבערגעביטן אַ פּאָר ווערטער מיט דער ווייב וועגן דעם פּאַציענטס לאַגע, האָט דער דאָקטאָר אונטערגעשמייכלט: ניט אַזוי ערנסט. ער האָט געזען די פרוי האָט זיך געזרויטלט — ווייסט עס אויך הפּנים, און רחמנות געקראָגן אויף איר, נאָך אַ יונגע פרוי, גאָר ניט קיין מיאוסע... ער האָט גענומען דאָס געלט פאַרן וויזיט, באַדאַנקט, אויגן האָבן זיך באַגעגנט, אירע אויגן — ווי לאַנג נאָך...? און דעם דאָקטאָרס אויגן, ווי נייטראַל זיי האָבן ניט געוואָלט קוקן, האָבן דאָך פאַרראַטן: נאַרישע פרוי! איין מאָל לעבט מען...

נאָך איינעם אַזאַ וויזיט האָט זיך אין דאָקטאָרס אויטאָמאָביל אריינגע־זעצט די יונגע פרוי. געהייסן האָט עס זי פאָרט אַרונטער נאָך אַ רעצעפּט.

אַ שטונדע, צוויי, רבקה קראַליק איז ניט צוריקגעקומען, דעם רעצעפּט ניט געבראַכט. משה קראַליק האָט שוין ניט געוואַרט אויפן ר ע צ ע פּ ט. אַרויפגעצויגן דעם כאַלאַט איז ער געשטאַנען לעבן איין הויכן פענסטער, אַרויסגעקוקט, אפשר גייט זי, קומט זי שוין, צוגעגאַנגען צו אַ צווייטן פענסטער. אָן דאָרטן זעט זיך אַ פרוי קלעטערן אויפן באַרג. זי? ניט זי. טאָ ווער דען? און ווו איז זי?

אַ פרוי איז אַרויפגעקומען. פון אונטער דעם לייכטן, געעפנטן מאַנטל האָט אפּירגעקוקט אַ ווייס, געפּרעסט פאַרטוך־קלייד, דער אוניפאָרם פון אַ וואַרטס־פרוי. זי האָט דערלאַנגט אַן אַפּטייק פּלעשל איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר און אַ... קאָנווערט.

משה קראַליק האָט געהאַלטן דאָס פּלעשל, דעם קאָנווערט, געקוקט אויף דער פרוי.

— איך בין מרס. ווילסאָן. אייער ווייב האָט געזאָגט...

— ווו איז זי?

— זי האָט געזאָגט איך זאָל אייך געבן אָט דאָס אָ, — האָט זי אָנגעוויזן אויפן קאָנווערט.

דער קאָנווערט אין קראַליקס האַנט — אַ גליטשיקער, לעבעדיקער פיש, אָט אָט גליטשט ער זיך, שפּרינגט אַרויס פון צווישן די ציטערנדיקע פינגער. אַ קוק אויף דער מרס. ווילסאָן, די פינגער האָבן זיך פאַרשטייפט, אַ ריס געטון דעם קאָנווערט.

„...אָט אָ די פרוי וועט אויף דיר אַכטונג געבן בעסער פון מיר. רבקה".

דאָס בויגעלע פּאַפּיר — אַ בלעטל, זיך אָפּגעטיילט פון צווייג, דער קאָנווערט נאָך דעם — אַן עפּל זיך אָפּגעריסן פון בוים, קראַליק — אַ בוים וואָס האָט זיך אַ וויג געטון.

די מרס. ווילסאָן האָט זיך אַ לאָז געטון, אים אונטערגעכאַפּט. משה קראַליק האָט אויף איר אַ קוק געטון מיט ברייט געעפנטע אויגן: ווער ביסטו? און זיך אַ ריס געטון פון איר. — אַרויס! אַרויס פון דאַנען! אַרויס פון דאַנען, דו...!

די מרס. ווילסאָן האָט אַ טראָט געטון הינטערווײלעכס. — מיסטער...

— אַרויס! דו...! אַר־ר־ויס! — ער האָט אַ כאַפּ געטון דאָס רעצעפּט פּלעשל, אַ וואָרף געטון. די מרס. ווילסאָן האָט אַ שפּרונג געטון אָן אַ זייט. דאָס צעבראָכענע פלעשל האָט אַ געשריי געטון: הער אויף שרייען! די ברוינע פליסיקייט וואָס האָט זיך צעפלאָסן האָט געזאָגט: פּע, ניט שיין. משה קראַליק האָט געקוקט אין דער ריכטונג פונם געוואָרפענעם פלעשל, זיין קוק אַ צעמישטער: וואָס האָט פּאַסירט?

— דער מענטש איז משוגע, — האָט מרס. ווילסאָן אַ זאָג געטון אין דער הויך, אַ קוק געטון וואָס נאָך האָט דער משוגענער צו דער האַנט צום וואַרפן און דערזען די האַנט הייבט אַ לויזע. אַ פרעמדע. האָט זיך די מרס. ווילסאָן אַ דריי געטון, אַ צי געטון דעם מאַנטל ביי די ברוסט לאָצן און מיטן פעסטן טראָט פון אַ געניטער וואַרט־פרוי אַרויסגעשפּאַנט פון צימער, פון הויז.

משה קראַליק האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די ציפּקעס, מיט די שפּיצן פון צוויי פינגער אָנגענומען איין שטיקל גלאָז, געהאַלטן עס, ניט וויסנדיק וווהין עס אַוועקצולייגן, אַהינטון און עס צוריק אַרונטערגעלאָזט אין דער פליסיקייט, איצט ניט מער ווי אַ דין הייטל, אַ פלעק אויף

דעם טעפיך. די קני האָבן גענומען ציטערן. זיך אויפהייבן. ער האָט צוגעפּרעסט די דלאַניעס צום באָדן. זיך אונטערהייבן! אַ שטראָם בלוט האָט אַ יאָג געטון צום קאָפּ, אין פּנים, אין קאָפּ אַ יאָגעניש, אַ טומל, די יאָגעניש פון קאָפּ יאָגט זיך אַריין אין די אויגן, הינטער די וויסלען, אָט אָט שפּאַרט עס זיי אַרויס פון קאָפּ. ער האָט זיך אַ וואַקל געטון, די דלאַניעס האָבן זיך אַ רוק געטון, ער איז געבליבן ליגן.

פינסטער. דאָס איז געווען דאָס ערשטע וואָס משה קראַליק האָט באַנומען ביים אויפכאַפּן זיך, דאַן זיין פּאָזיציע — ער ליגט. וווּ? אַ טונקעלע אָנונג אַז ער ליגט אויף דער ערד, אַ שאַרפע שרעק פאַר „ליגן אויף דר׳ערד”... פאַר דער פינסטערניש. ער איז אויפגעשפּרונגען. איין פענסטער געעפנט אויף אינעווייניק — אַן אומגעריכטער קאַמפּאַס, וואָס האָט אָנגעוויזן — דאָ אַ פענסטער, דאָרטן — וואַנט, עלעקטריש קנעפּל. משה האָט אַ דריק געטון דאָס קנעפּל, ליכט האָט זיך אַ יאָג געטון, דער גאַנצער צימער האָט זיך אַ וויג געטון, זיך איינגעשטעלט, דער חלל האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום משהן — שטייסט! ער האָט אַ טראָט געטון. אָט דער טראָט האָט צעריסן דעם שטייענדיקן חלל אַרום אים, גענומען צעשטויסן דעם הינערפּלעט אין וועלכן ער האָט זיך געפונען און וואָס לייגער ער האָט געשפּאַנט איבערן צימער, צימערן, אַלץ קלאָרער איז פאַר אים געוואָרן: זי איז אַוועקגעגאַנגען. זי איז אוועק. וועט מער ניט קומען. אים איבערגעלאָזט, איבערגעלאָזט אַליין. איבערגעלאָזט אַליין, אָט די...

רחמנות אויף זיך, כעס אויף איר.

דער רחמנות האָט צעוויקט, צענומען, דער כעס האָט געשטייפט, געשטאַרקט, אָבער אויך געשטיקט, און דער כעס האָט איינגענומען. אַ צעווייקטער איז ער אַוועקגעפאַלן אויפן בעט און דער הוסט האָט גענומען שטיקן, וואַרגן.

בלייבן אָן אָטעם איז פאַר משה קראַליק ניט געווען קיין נאָווינע, אָבער דאָס מאָל, דאָס מאָל... אַ פיש אויף דער יבשה. ער׳ט דערשטיקט ווערן, ער׳ט אויסגיין! און אין שטוב איז קיינער ניטאָ, קיינער... די האַנט האָט איינגעקלעמט דאָס טעלעפאָן טרייבל, עס אַרונטערגענומען פון געשטעל, אָבער די אויגן האָבן ניט געזען קיין איינצעלנע בוכשטאַבן אָדער ציפערן, דאָס רעדל האָט ראַביעט פאַר די אויגן, די ציטערנדיקע פינגער האָבן ניט געקענט דרייען, און דער הוסט... איין מאָל האָט ער אַ דריי געטון דאָס רעדל און אַריינגעכריפּעט אין טעלעפאָן: דאָק־טאָר!

דער רוף און דער כריפּ האָט זיך געטראָגן איבערן קופּערנעם דראָט, דערגרייכט דעם אויער פון דער טעלעפאָניסטקע. תחילת איז זי מבולבל געוואָרן: דאָקטאָר? פרעגט עמיצער אַ דאָקטאָרס אַדרעס? וועלכן דאָקטאָר? אַ געדאַנקען בליץ און זי האָט באַגריפן: עמיצער, עמיצער אויפן טויטן בעט רופט, חלשט נאָך אַ דאָקטאָר. דער עמיצער? דער טעלעפאָן איז געקומען פון... געשיקט האָבן גענומען אַרבעטן די פינגער און באַלד האָט זי, אַן אויפגערעגטע, גערעדט, געמאָנט: גיכער! גיכער! אַ דאָקטאָר! דער מענטש מוז האַלטן ביים שטאַרבן. דער אַדרעס איז...

איבערגעגעבן איר דרינגענדיקן רוף, איז זי געבליבן זיצן אַ צופרי־דענע, אַ גליקלעכע. זי האָט אפשר געראַטעוועט אַ מענטשן און, וווּנדער, אין איר גרויען טאָג, גרויע טעג, וואָכן, חדשים פון געבן טעלעפאָן נומערן האָט אַ בלישטשע געטון די זון. אויך אין איר וועלט איז עפּעס פאָרגעקומען, עפּעס אַזוינס, מיסטעריעזעס, פון דער אומבאַקאַנטער ווייט, און זי האָט איינטייל גענומען אין לויף פון וועלט געשעענישן.

דער אַלטער דאָקטאָר בערנהיים, ווען מ׳האָט גראָדע אַרויסגעשיקט אויף אָט דעם מיסטעריעזן רוף, אַ גוטער דאָקטאָר און — אַזאַ זעלטנהייט — אַ קלוגער מענטש דערצו, האָט אויסגעהערט דעם פּאַציענט, אויסגעהערט ניט נאָר זיין כריפּענדיקע ברוסט, נאָר אויך זיין געשיכטע:

— וואָס האָט איר געפעלט? פויגל מילך. נעמט זי און גייט אַוועק, לאָזט מיך איבער אַליין, אַ קראַנקן, אַ...

פּאַרטיק מיט דער איינשפּריצונג, האָט דר. בערנהיים באַרויקט זיין פּאַציענט: איכ׳ל אייך קריגן אַ פרוי. אַ גוטע פרוי. זי׳ט גוט אַכטונג געבן.

דאָקטאָר בערנהיימס אַנוויזנדיקער פינגער האָט געזוכט די ציפערן אויפן טעלעפאָן רעדל, מיט איין אויער זיך צוגעהערט צום פּאַציענט, מיטן צווייטן געוואַרט אויף דער שטימע וואָס דאַרף קומען. — העללאָ, סיס! (שוועסטערקע) — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון. — דאָס איז דר. בערנהיים. האָט איר דערקענט די שטימע. פיין. הערט, קענט איר אריבער־קומען? גלייך! וואָס איז דער אַדרעס? — האָט ער זיך ראַפּטאַם אַ דריי געטון צום פּאַציענט. — עלף הונדערט און פינף גרענדוויו. עלעף, נול, פינף, גרענדוויו. גרע־נד־וויו. ריכטיק. אָבער שוין. איר האָט אייער קאַר? גוט. וואַרט איך אויף אייך.

— זי׳ט דאָ זיין אין אַ פּופּצן מינוט. ווינט דאָ ניט ווייט. און איר האָט אַ פיינע הויז. דער אויסזיכט בייטאָג מוז זיין זייער שיין.

— יאָ, דאָ פיל איך נישקשה, — האָט משה קראַליק תחינהדיק צוגעגעבן, אָבער וואָס קומט אַרויס אַז מ׳מוז ליגן, זיצן דאָ, רירן זיך פון דאַנען קען איך נישט.

— ווי אַלט זייט איר?

— אַלט? נאָך קיין פופציק. געווען געזונט ווי אַן אָקס. טעג נאָכאַנאַנד געקענט גיין, מיט אַ פּאַק אויף די פּלייצעס, בערג, טאָלן, ווען האָט עס געקימערט, איצט אַ טראַט...

— נו איר דאַרפט שוין מער ניט גיין.

— דאַרפן דאַרף איך ניט, אָפּגעשפּאָרט געננג, אָבער וואָס קומט אַרויס?...

דאָקטאָר בערנהיים האָט געכאַפּט משה קראַליקס קוק אויף דער בעט קעגנאיבער און אין דאָקטאָרס אויגן האָט אויפגעשימערט אַ שמייכל: אַן אַלטע געשיכטע. די בעט. „די גרעסטע מענטשליכע טראַגעדיעס שפּילן זיך אָפּ אין שלאָף צימער, אין בעט". טאָלסטאָי האָט עס, דוכט זיך, געזאָגט. דער אַלטער האָט געוווסט... און דער אָ, ער קען ריידן. לויט אַלע מעדיצינישע כללים טאָר ער נישט ריידן, דער מענטש לעבט אָבער ניט לויט מעדיצינישע, קיינע, כללים, ער דאַרף זיך אויסריידן, זאָל ער, עלעהיי ער רעדט צו אַ גלח, אַ רב...

דער דאָקטאָר־גלח־רב האָט שוין ניט געהערט קלאָר וואָס זיין פּאַציענט האָט גערעדט, זיינע אַלטע אויגן האָבן געבלאָנזשעט איבערן צימער, געפּרווט אַרומנעמען דאָס גאַנצע הויז, דאָס גאַנצע לעבן פון אָט דעם מענטשן, אַזאַ מיזעראַבל מענטשעלע, מוז האָבן אָפּגעשפּאָרט אַ סך געלט, קישקע געלט, עד...

— אָה, העללאָ, סיס! האָט עס געמאַכט גאַנץ שנעל! פיין! זייט באַקאַנט — מרס. דאנאוואן, מיסטער... קראַליק.

די מרס. דאנאוואן האָט זיך אַ נייג געטון צו מר. קראַליק, מיט די אויגן אַ פרעג געטון דעם דאָקטאָר: וואָס האָב איך דאָ צו טון?

— די ערשטע זאַך וועלן מיר אַרויסנעמען אָט די בעט. עס קלייבט זיך אויף איר שטויב, — האָט ער דערקלערט קראַליקן, און אָנגענומען איין עק בעט, די מרס. דאנאוואן, נאָך אין מאַנטל און היטעלע, האָט אָנגענומען דעם צווייטן עק, גענומען אַרויסטראָגן די בעט פון צימער. אוועקגעשטעלט די בעט אין אַ צווייטן צימער, האָט דר. בערנהיים אַ הויב

געטון די אויגן צו דער מרס. דאַנאַוואַן: זי האָט אים פאַרלאָזט. פאַר־שטאַנען? און, איר זאָלט מיך פרעגן, דאַרף ער קיין ווייב, אפילו קיין שוועסטער, ער דאַרף אַ מ אַ מ ע! פאַרשטאַנען?

— איך פאַרשטיי שוין. אַז מ'עט דאַרפן וועל איך אים אפילו אָנשמייסן.

— ניט צו שטאַרק, סיס, ניט צו שטאַרק.

דר. בערנהיים האָט לייכט געפּעטשלט דער מרס. דאַנאַוואַנס האַנט. אירע קליינע, טיף אריינגעזעצטע אויגעלעך האָבן אויפגעבלישטשעט. דר. בערנהיימס אַלטע אויגן האָבן זיך פאַרזשמורעט. דאָקטאָר און וואַרטס־פרוי האָבן זיך פאַרשטאַנען.

— אָלרייט, איר'ט שוין אַכטונג געבן אויף אים.

דאָקטאָר בערנהיים איז אַוועקגעגאַנגען, די מרס. דאַנאַוואַן האָט גענומען אַכטונג געבן.

יעדן פרימאָרגן האָט זי, שיר ניט קעגן זיין ווילן, אַרונטערגעצויגן פון אים די העמד, אַרומגעוואַשן זיין לייב מיט אַלקאָהאָל, איבערגעצויגן פרישע בעטגעוואַנט, געקאָכט עסן, געראַמט דאָס הויז, באַשפּריצט דאָס גראָז, די בלומען, זי איז געווען די באַלעבאָסטע. דער באַלעבאָס? ליגט, שלעפט זיך אַרום' עפּעס אַ מענטש, הוסט, זיפצט, קרעכצט, אַ קאָמישער פאַרשוין. ווען מ'פרעגט זי וואָלט זי געזאָגט: ער איז נישט קראַנק, דאָס הייסט ניט קראַנק פיזיש, אויפן קאָפּ, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. יאָ, זי האָט שוין געזען אַזעלכע. וואָס גייט עס איר אָן? זי טוט זיך אירס. ער? זאָל ער...

ער, משה קראָליק, האָט די ערשטע עטלעכע טעג אויסגעפּאָלגט דער מרס. דאַנאַוואַנס רעזשים, געגעסן וואָס און ווען זי האָט דערלאַנגט, געטון וואָס זי האָט געהייסן, ניט ווידערשפּעניקט איר, ער האָט אפילו ניט געקוקט אויף איר. וואָס גייט זי אים אָן? איין פרימאָרגן, ווען זי האָט צוגענומען די אָנבייסן כלים פון זיין בעט, גענומען אַרויסגיין פון זיין צימער, האָט אַ וואָגשאָל זיך אַ וויג געטון פאַר זיינע אויגן, דער מרס. דאַנאַוואַנס קליבעס, אַ שאָל ארויף, אַ שאָל אַראָפּ, דאָס צינגל...

אַ מלאָסנעקייט האָט אים באַשלאָגן, פאַר די אויגן האָט זיך פאַרצויגן אַ וואַרימער גאַז. דאָס האָט געדויערט סעקונדן בלויז, די לופט איז אָפּגערייניקט געוואָרן, אין די אויגן האָט זיך אָבער אריינגעקליבן אַן אומרויקייט, זיי האָבן געזוכט, געוואַרט עפּעס, עמיצן צו דערזען, די אויערן אפילו האָבן געוואַרט צו דערהערן עפּעס וואָס קומט פאַר ניט דאָ, אין צווייטן צימער ערגעץ... ער האָט גענומען זיך דרייען אויפן געלעגער,

אונטערהוסטן, אַ מין הוסט אויף צופּלייסן. די מרס. דאנאוואן איז אַריינ־געקומען. — וואָס איז דער מער? פּילט נישט גוט? רופן דר. בערנהיים?

— דאָקטאָר בערנהיים? ניין! ניין! רופט קיינעם. דאַרף ניט. וועל דאַרפן, וועל איך אַליין רופן. איכ׳ל אַליין...

משה קראַליק האָט גאָרניט געדיינקט וועגן רופן אַ דאָקטאָר, נאָר אַז די מרס. דאנאוואן איז ארויסגעגאַנגען האָט ער גנביש אַ נעם געטון דאָס טעלעפאָן טרייבל, אַ הייב געטון דעם קאָפּ און, באַשטעטיקט אַז דאָס איז דער טעלעפאָן נומער, האָט ער גענומען דרייען דאָס רעדל.

דאָקטאָר הובערמאַן האָט זיך געקווייִנקלט — ע ר זאָל גיין צו א י ם! ער איז אַ דאָקטאָר, איז מחויב צו גיין? וועט ער אָנקליגען דר. סילווער, אים זאָגן ער זאָל גיין. מוז עס דוקא זיין ער? אָבער זי, רבקה, האָט געבעטן, געציטערט ממש: גיי! אפילו אַ סטראַשע געטון, אויב ער פאָרט ניט אַרויף, גייט זי. איז דר. הובערמאַן אַרויפגעפאָרן, געזען דער פּאַציענט איז ווייט פון זיין אַ חולה מסוכן, שוין געווען גרייט אָוועקצוגיין, האָט אים משה קראַליק געוויזן מיט דער האַנט — וואַרט! ער האָט דערלאַנגט דעם דאָקטאָר דאָס געלט פּאַפּירל און, האַנט אויסגעשטרעקט, האָט ער אויך אויסגעצויגן די אויגן צום דאָקטאָר און מיט טרוקענע ליפּן, זאַמדיקער שטימע אַ פרעג געטון: וואָס מאַכט זי?

— זי? ווער? איך וויס ניט, — דאָס האָט דר. הובערמאַן געוואָלט פרעגן, זאָגן, אַרויסגעבראַכט האָט ער: זי... זי איז אָלרייט.

— פון וואַנען ווייסט איר עס?

קראַליקס אויגן — קליעשטשעס צוויי, וואָס האָבן זיך איינגעקלאַ־מערט אין דר. הובערמאַנס פּנים.

— דאָ, ווען איז דאָס געווען, אייערנעכטן, האָט זי מיר אָנגעקלונגען, געפרעגט צו בין איך געווען ביי אייך.

— אַזוי, האָט זי גערופן. און איר ווייסט נישט ווו זי איז? אַהאַ, איר ווייסט נישט. און איר האָט ניִשט איר טעלעפאָן אויך? אַזוי, אַזוי, נו, אַז זי׳ט רופן נאָכאַמאָל, זאָגט איר... זאָגט איר אַז איך וואַרט אויף איר...

משה קראַליק האָט זיך אַ לייג געטון אויפן קישן, פאַרמאַכט די אויגן. דר. הובערמאַן האָט אַ טרייסל געטון זיין רענצעלע, שנעל אַרויס־געגאַנגען פון צימער. מער גייט ער ניט אַהער! אפילו ווען ער פגרט! אפילו ווען זי...

אין אָוונט, ווען די מרס. דאנאוואן האָט גענומען אויסלעשן די ליכטער, האָט משה קראַליק זי אָפּגעשטעלט: לאָזט די ליכט ברענען!

— איך גיי שלאָפֿן.

— גייט, אָבער די ליכט לאָזט ברענען. עס וועט ניט שטערן אייער שלאָף, אייער טיר איז פֿאַרמאַכט.

— משוגע, — האָט די מרס. דאנאוואן באַשלאָסן, און אַוועקגעגאַנגען שלאָפֿן אין רבקהס ווייכער בעט.

די מרס. דאנאוואן איז געשמאַק געשלאָפֿן אין דער פֿינסטער, משה קראַליק איז שטיל ארומגעגאַנגען איבערן גרויסן, באַלויכטענעם צימער, זיך אָפּגעשטעלט ביי איין פענסטער, אַ צווייטן, געשטאַנען, געקוקט אין דער נאַכט, אין טאָל, ווו פֿייערלעך האָבן זיך געטוקט. דאָרטן ליגט דער טאָל. זיין טאָל, אַ פֿינסטערער, אָן פֿייערלעך. אַזוי פֿיל יאָרן . . . גע־האָרעוועט געשלעפּט, און וואָס? אי, ווען ער קען איצט . . .

משה קראַליק האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער, אונטער זיינע פֿיס אַ טעפּיך פֿון צייט, יאָרן, אַן אויסגעטראָגענער, אויסגעריבענער טעפּיך. ער איז געבליבן שטיין אינמיטן צימער, די אויגן אַרונטערגעלאָזט. דער ווירקלעכער טעפּיך האָט אַ שפּרונג געטון אין די אויגן, משהס קאָפּ האָט זיך אַ טרייסל געטון. ער האָט אַ שפּאַן געטון, זיך אָפּגעשטעלט ביים פענסטער. פֿינסטער. אָן דאָרטן זעט זיך אַ פֿייערל . . . ווער ווייסט. אפשר . . . זאָל ברענען די ליכט. אַ גאַנצע נאַכט. גאַנצענע נעכט. זאָל זי זען, זאָל זי וויסן, זאָל זי . . .

זי? די ליכט פֿונם הויז אויפֿן באַרג האָבן נישט געשטאָכן אירע אויגן, זי איז שוין אפֿילו נישט באַשטאַנען אַז דר. הובערמאַן זאָל גיין ווען „ער" האָט ווידער אַמאָל גערופֿן, קאַרג דאָקטוירים דאָ? וואָס גייט „ער" „זיי" אָן?

געווען איז עס אַ קאַלטער האַרבסט טאָג, אַ רעגן מיט אַ ווינט האָט געשמיסן, משה קראַליק האָט געקראָגן אַ שווערע אַטאַקע. ניט פֿרעגנדיק אים, האָט די מרס. דאנאוואן גערופֿן דאָקטאָר בערנהיים. לאַנג נאָכן דאָקטאָרס אַוועקגיין איז זי געזעסן לעבן זיין בעט, זי האָט געזען אָט דרימלט ער שוין איין און אָט נעמט ער ווידער הוסטן מיט זיין „טעלעפֿאָן" הוסט, אַ לאַנגער, דריבנער הוסט. זי איז שוין געשטאַנען, געדוכנט איבער אים און וואָס מער זיין קערפּער האָט זיך געטרייסלט אַלץ שאַרפֿער האָבן געביסן אירע הענט, אים אָננעמען ביים גאָרגל, דערשטיקן, ארויפֿוואַרפֿן אַ קישן אויפֿן פּנים, זיך ארויפֿזעצן און טרייסלען זיך ביז ער'ט דערשטיקט ווערן, אָט דער אָ קאַרגער . . . אָט דער . . .

די וואַרטס־פֿרוי האָט אים שוין געזען אַ דערשטיקטן, אַ דערוואָר־

גענעם, זי רופט דר. בערנהיים, ניין, די פּאָליציי, ניין, זי . . . רוקט אים אַריין אין מיסט אויוון, פֿאַרברענט אים, קיין אַש זאָל אַפֿילו פֿון אים ניט בלייבן, פֿון אָט דעם... מוז האָבן אַ סך געלט. דאָס הויז אַליין... אַזאַ גרויס הויז, שטייט אַזוי שיין. ווען זי האָט אַזאַ הויז...

— פֿילט בעסער?

— איך בין אָלרייט. איר קענט גיין שלאָפֿן.

— אויסלעשן די ליכט?

— לאָזט די ליכט ברענען! איך געזאָגט דאָך...

אַ כעסע האָט די מרס. דאַנאַוואַן זיך געלייגט שלאָפֿן אין איר פֿינסטערן חדר. משה קראַליק איז געליגן, געקוקט אויף דעם פֿלאַץ ווו רבקהס בעט איז געשטאַנען. פֿון די סיעררא מאדרע בערג האָט אַ צי געטון אַ ווילדער ווינט. — ווו — ווו — ווו... איז מיין ווייב? — האָט דער ווילדער ווינט געוויעט. אַ אומרויקער האָט משה קראַליק זיך געהייבן אויף זיין געלעגער, זיך איינגעהערט. זי שלאָפֿט, די גויע, און דער ווינט...

פֿענסטער האָבן זיך געטרייסלט, טירן האָבן זיך אויפֿגעפּראַלט און פֿאַרהאַקט. — אַן אייזערנער שלאָף ביי איר. ער'ט אַליין אַרונטערגיין, פֿאַרמאַכן די פֿענסטער. ער קען עס נישט פֿאַרטראָגן.

ער איז אַרונטערגעגאַנגען, געהאַלטן איין פֿענסטער ראַם אין האַנט, אָט מאַכט ער אים צו, די האַנט האָט זיך אָבער ניט באַוועגט, די אויגן האָבן געקוקט אין דער פֿינסטערניש און דאָס ווויען פֿון ווינט האָט אַריינגעדרונגען אין זיינע אויערן, אין זיין גאַנצן קערפּער. — ווו — ו־ו־ווו איז מיין ווייב?

דאָס הויז אויפֿן באַרג האָט מיט פֿייערדיקע אויגן געקוקט אין דער נאַכט, געעגבערט די פֿינסטערניש, געזוכט, געגנישטערט, קיינע פֿייערלעך מער אין טאָל, בלויז אויף די האַליוווּדער בערגלעך, קעגנאיבער דעם באַרג מיטן גרויסן הויז, האָט אַן עלעקטרישע שילד אַלע ווילע אויפֿ־געפֿלאַקערט: וואַלהאַללאַה! דער בעסטער בית עולם. וואַלהאַללאַה! — אויפֿגעפֿלאַקערט און פֿאַרלאָשן. — וואַלהאַללאַה! דער בעסטער בית עולם.

עס האָט אַ קלאַפּ געטון. אַ הילכיקער קלאַפּ, די ראַם פֿון פֿענסטער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן ביישטידל, דאַן אַ שטילער, טעמפּער קלאַפּ, אָט ווי אַ זעקל מעל וואָלט זיך אַרונטערגעלאָזט, אַ פֿאַל געטון צו דער ערד, און שטיל. דאָס גרויסע הויז דאָרטן אויפֿן באַרג האָט געשוויגן, עס האָט נאָר געקוקט מיט די פֿייערדיקע אויגן אין דער נאַכט אַריין.

דאָס הויז אויפֿן באַרג.

גערַאַטעוועט אַ מענטשן

אין צוויי זאַכן איז לואי פיין געווען פאַרקאָכט — אין געלט און אין ספּאָרט, דער עיקר בעיס באָל און שווימען.

ביים פאַרלאָזן דעם אָפיס, גיין צו זיין מאַמעס לוויה, האָט ער אָנגעזאָגט זיין סעקרעטאַרשע: איך דערוואַרט אַ וויכטיקן טעלעפאָן. אַז מ׳וועט רופן, זאָגט ניט וווהין איך בין געגאַנגען. איך בין ניטאָ און איר ווייסט ניט ווען איכ׳ל זיין צוריק. זאָל ער איבערלאָזן אַ טעלעפאָן ווו אים צו קריגן שפּעטער. — און ער איז ארויסגעגאַנגען מיט דער דעה אַז גלייך פון דער לוויה קומט ער צוריק אין אָפיס.

לואי פיין איז געווען אָנגעשטויסן אויף זיין מאַמע און אויך אויפן טאַטן: דאַרף זי פּונקט אַוועקשטאַרבן דינסטיק, די לוויה דאָנערשטיק, און דער טאַטע האָט שוין ניט געקענט איינאָרדענען קיין בעסערע צייט ווי איינס נאָכמיטיק, אים צעשלאָגן אַ טאָג. אַ זונטיק איז עפּעס אַנדערש. אָבער אַז סע קומט צו די ענינים׳ קען מען זיך ניט העלפן.

לואי פיין איז געווען הילפלאָז. פולע צוויי שעה האָט זיך געצויגן די לוויה. דער חזן, דער רב, פאַרנומען שיר ניט אַ גאַנצע שעה, נאָכדעם דאָס פאָרן אויפן בית עולם, ערגעץ אין דר׳ערד אויפן דעק, ביז וואָס ווען, געוואָרן דריי אַזייגער. טאָמער איז דאָס נאָך קאַרג דאַרפן נאָך די „פריינט" פאַרפאָרן צום טאַטן, נעמען אַ טרונק בראָנפן, אַ צובייס, און מ׳קען זיך נישט העלפן — געזעלשאַפטלעכע התחיבותן... אים געפּטרט אַ טאָג.

זעלדע, דער מאַמעס שוועסטער, צוזאַמען מיט דער דינסט, האָבן זיך געפּאָרעט אין קיך, צוגעגרייט דעם כיבוד פאַר די געסט, לואי האָט זיך צוגעכאַפּט צום טעלעפאָן. אזוי ווי אויף צו להכעיס איז דער טעלעפאָן געווען אין אַ ווינקל פון עסצימער, ווו אַ טייל פון די געסט האָבן זיך געפונען, דער דראָט איז אָבער געווען אַ לאַנגער, האָט ער אים אַריינגעצויגן אין קיך. די מומע זעלדע? וועגן איר האָט ער זיך ניט געקימערט, פונ־דעסטוועגן האָט ער גערעדט בלחש: האָט עמיצער גערופן? האָט ער

געלאָזט אַ טעלעפאָן? נאָכאַמאָל: טעקסאַס, דריי־פיר זעקס, זעקס פינף. ריכטיק? גוט. זיך זען מאָרגן אינדערפרי.

ער האָט אַרויפגעלייגט דאָס טרייבל, אַ וואָרף געטון אַ בליק צו דער מומע: וואָס פאָרעט זי זיך דאָ אַזוי לאַנג? גענומען דאָס טרייבל צום אויער, געדרייט דאָס רעדל און, געקראָגן דעם נומער, האָט ער אַרייַנגערעדט אין פיסקל אַזוי שטיל, אַז ווי ער וואָלט גערעדט מיטן מויל צו יענעמס אויער. ער האָט גערעדט געציילטע ווערטער, פאַרענדיקט האָט ער מיט: וועלן מיר זיך זען שפּעטער. אָה, אין אַנדערהאַלבן שעה אַרום, העכסטנס צוויי. דאָס האָט ער שוין געזאָגט אַזוי הויך אַז זעלדע האָט ניט געדאַרפט זיך אָנשטרענגען צו הערן וואָס איר טייערער פלימעניק רעדט דאָרט, כאָטש מיט וועמען ער דאַרף זיך עס זען גראַדע היינט, נאָך דער מאַמעס טויט, האָט זי ניט געוווּסט.

אַ כעסע האָט זעלדע זיך געלאָזט מיט אַ טאַץ כּיבוד צו די געסט, לואי פּיין האָט זיך אויך געלאָזט אַהין. מיט איינעם האָט ער אויסגערעדט אַ פּאָר ווערטער, צו אַן אַנדערן אַ שמייכל געטון, מיט אַ דריטן גענומען אַ גלעזל בראָנפן, מיטן טאַטן ניט אויסגערעדט אַ וואָרט. ערשט ווען די געסט זיינען זיך צעגאַנגען, זעלדע האָט צוגענומען פון טיש, פאָטער און זון זיינען געבליבן אויג אויף אויג, האָט דער פאָטער, מיט די אויגן געמאָנט: נו, זאָג עפּעס!

— געווען אַ פיינע לוויה. — דער טאָן: אַ פיינער טאָג היינט.

— י־אָ. — דאָס קורצע וואָרט, איבערגעבראָכן אויף צווייען, צוויי פּענצעלעך פון אַ סענדוויטש, זיפץ און קרעכץ, אַנטפּלעקנדיק דעם צער אינמיטן. — אַזוי פיל בלומען. — די בלומען — אַ צווירץ צו דעם סענדוויטש, טאַקע ביטער, אָבער ניט אָן טעם . . .

— אַרויסגעוואָרפענע געלט . . .

דער צווירץ איז מיט אַמאָל אויסגעוועפּט געוואָרן. די גרויע אַלטע אויגן, וואָס האָבן זיך געטונקען אין די בלומען, האָבן זיך אַ קער געטון צום זונס פּנים, געזוכט, געפּאָרשט: ווי קומט עס צו מיר אַזאַ ווירדעק? ניט אַנדערש . . . אין איר געראָטן . . . זי אויך, פאַר אַ סענט וואָלט זי . . . אָפּגעלעבט, מיט איר פערציק יאָר . . . מילא זי, פאַרשטייט ער. קינדוויַיז געווען זשעדנע אַ שטיקל ברויט, ווען זיי האָבן חתונה געהאַט זיך אויך געַנוג אָנגעמוטשעט, נאָכדעם, ווען מ׳האָט שוין געקענט עסן צו זאַט, האָט זי אַלץ מורא געהאַט טאָמער וועט מאָרגן אויסקומען הונגערן.

אַזוי זייגען שוין מענטשן. אָבער ער! דאָך שוין געבוירן געוואָרן, מיט אַ... גאָלדן לעפעלע ביי די ליפּן...

— וואָס טויגן איר בלומען? — האָט דער זון געענטפערט אויפן פּאָטערס קוק. — די גאַנצע מעשה מיט לייגן בלומען אַ נאַרישע זאַך. פאַרשווענדט, געלט אומזיסט און אומנישט.

— המ... יאָ, געלט. קענסטו זיך אויסקויפן מיט געלט פונם טויט?

— אויסקויפן פון טויט ניט, אָבער איך קען עס גאַנץ גוט נוצן ביים לעבן. קומט זייער גוט צונוץ, ווייסט עס אַזוי גוט ווי איך.

— דאָס ווייס איך. איך ווייס נאָר ניט ווען האָבן מענטשן גענוג געלט, זיי זאָלן זאָגן: גענוג! מער ווילן מיר ניט.

— קיינ־מאָל!

— נו, מיין זון, דאָ האָסטו פאַר זיך איין מענטשן, וואָס דיינקט אַז ער האָט גענוג און, אויב ער'ט לעבן לאַנג גענוג, וועט אויפעסן זיין גאַרע געלט, און וועט ניט איבערלאָזן זיין זון קיין רייכע ירושה, וועט עס אים ווינציק וואָס אַרן.

— ווער דאַרף דיין געלט? דאַרף ניט דיין געלט. אגב, וואָס איז מכוח דער מאַמע? האָט זי עפּעס געלאָזט?

— זי, געלט! זי האָט ניט געהאַט קיין אייגענע געלט.

— איך בין געוועזן אונטערן איינדרוק אַז זי האָט געהאַט אַ קניפּל פאַר זיך. — דעם זונס שמייכל: איך קען מיין מאַמע בעסער ווי דו.

— זי האָט ניט געהאַט קיינע געלט.

— זיי ניט אַזוי זיכער. האָט זי געלאָזט אַ צוואה?

— צוואה! מיר אפילו ניט איינגעפאַלן אַ קוק טון.

— טאָ טו בעסער אַ זוך.

אָט דער אַ... ממזר, ער לאַכט דאָך גאָר פון אים. — ווען זי זאָל געוועזן וועלן מאַכן אַ צוואה וואָלט זי דאָך עס געטון דורך איר אייגענעם זון, דעם אדוואָקאַט, — האָט ער צוריקגעשטאָכן.

— ניין, דער אדוואָקאַט האָט פאַר איר קיין צוואה ניט געשריבן, דערפאַר טאַקע דיינק איך אַז זי האָט עס אויסגעמיטן, כדי דער זון זאָל גאָרניט קריגן.

— לו־אי! ביסט אַ שלעכטער... זון. — געוואָלט האָט ער זאָגן אַ סך ערגערס ווי דאָס, ער האָט זיך אָבער געצאמט. וואָס וועט עס העלפן? און זיך קריגן היינט...

— איך האָב ליב געהאַט די מאַמע. זי ליב געהאַט אַזוי גוט ווי דו, אפשר נאָך בעסער, אָבער איך ווייס אַז זי האָט ליב געהאַט געלט, געלט אפשר מער ווי איר זון.

— דאָס ווייס איך ניט. מיר דוכט אַז דער זון האָט ליב געלט מער ווי דעם טאַטן מיט דער מאַמע צוזאַמענגענומען.

— אָה, איך בין ניט גענייגט צו אַרגומענטירן מיט דיר. זיכער ניט היינט. ווען מיר עס לאָזן גיין. וואָס דיינקסטו צו טון?

— טון וואָס?

— כ׳מיין... דאָס הויז. לעבן דאָ איינער אליין?

— די פרוי וועט אַכטונג געבן.

— וואָס דאַרפסטו, איין מענטש, אַזאַ גרויסע דירה?

— נו, אפשר וואָלסטו זיך אַריינגעקליבן? — דער שפּאָט מיטן האַנט אָנצוטאַפּן.

— ניין, דעם פאַרגעניגן קען איך דיר ניט פאַרשאַפן, — האָט דער זון צוריקגעשפּאָט. — איך האָב מיר מיין אייגענע הויז, מיינע אייגענע פריינט.

— הם... יאָ. געזען אין צייטונג, דיין פ ר י י נ ד דעני איז שוין ווידער אויף צרות.

— דו זאָרג זיך נאָר ניט וועגן מיין פ ר י י נ ד דעני. איכ׳ל שוין אים אַרויסשלעפּן פון די צרות.

— פאַרטיידיקן אַ מערדער...

— אָה, כ׳פאַרשטיי שוין. קודם לאָמיך דיר זאָגן אַז דער ערגסטער פאַרברעכער דאַרף קריגן דעם בעסטן אַדוואָקאַט, פאַרשטייט זיך, אויב ער קען באַצאָלן... צווייטנס, האָסטו שלעכט געלייענט דיין צייטונג. אפילו דאָרטן האָט זיך ניט געזאָגט אַז ער האָט וועמען עס איז דערהרגעט, אַלץ וואָס די צייטונגען האָבן געשריבן איז, אַז מ׳האָט אים פאַרהאַלטן אויפן חשד אַז ער האָט עפּעס אַ שייכות מיט דער דערמאָרדונג פון דעם גענגסטער בילי דזשאָד. פאַרשטייסטו מיך, אַ חשד בלויז. און דער גאַנצער חשד איז געבויט אויף דער דעפּאָזיציע פון דעם גענגסטערס אַן אדיוטאַנט, אַז ער זאָל האָבן געהערט ווי דעני האָט יענעם געזאָגט: איכ׳ל זיך נאָך אָפּרעכענען מיט אייך. דאָס איז דער גאַנצער „באַווייז” קעגן אים. דער פאַקט איז, מ׳האָט אים ארויסגעלאָזט אויף קויצע, נאָר ביי דיר איז ער שוין אַ מערדער.

— צו וועלכע שוואַרצע יאָר דאַרפסטו אים האָבן, דעם... גענגסטער?

— ביי דעם „גענגסטער”, ווי דו זאָגסט, קריג איך אַ שיינע פּאָר

טויזנט דאָלאַר פאַרן פּראָצעס און, אויב עס זאָל אויסקומען אַפּעלירן, איז עס אַ נייער משפּט, מיט נייע געלט. איצט פאַרשטייסטו שוין?

— אוי, פאַרשטיי איך. אַ מענטש רואינירט זיין קאַריערע, באַגראָבט זיך אַליין. דוכט זיך אָנגעהייבן אַזוי גוט, וואָס קען נאָך זיין בעסער ווי זיין אַ סעקרעטאַר ביי ריכטער האַלליגנסוואָרטה? מיט דער צייט אַליין געקענט ווערן אַ ריכטער. האָט זיך עס אַריינגעלאָזט אין דער אונטערוועלט, דעני דער פוקס זיינער אַ קליענט...

— ריכטער האַלליגנסוואָרטה איז אַ פיינער מענטש און דאָס יאָר וואָס איך האָב געאַרבעט מיט אים קומט מיר זייער גוט צונוץ, איך מוז דיר אָבער זאָגן אַז פון דעם דעני פוקס, מיינע אַנדערע קליענטן מאַך איך מער געלט ווי ער, אָדער וועלכער ס'איז אַנדערער ריכטער. פאַרשטייט זיך, דו וואָלסט געוואָלט זען דיין זון אויף דעם ריכטער שטול, נו, טאַטע, פאַר מיר איז דער שטול אַ ביסעלע צו האַרט, איך האָב ליב אַ ווייכן געלעגער... — ער האָט אַ דריי געטון די האַנט, אַ קוק געטון אויפן זייגערל. — דאַרף שוין גיין.

— וווהין איילסטו זיך עס אַזוי?

— דאַרף זען מיין „פריינד" דעני.

— אָה... און דו מוזסט עס אים זען ה י י נ ט?

— אים צוגעזאָגט.

דער פאָטער האָט טרויעריק אַ קוק געטון אויף אים. — און אַז דו וואָלסט עס חלילה אָפּגעלייגט אויף מאָרגן?

— מאָרגן! מאָרגן שפּילט די יו. עס. סי. קעגן יו. סי. על. איי. און דעם פאַרמעסט וואָלט איך ניט פאַרפעלט פאַר קיין געלט אין דער וועלט. וועל איך בעסער גיין.

דער פאָטער האָט ניט געפּרוווט אים אָפּהאַלטן. אַ מאַך מיט דער האַנט, וואָס האָט געדאַרפט הייסן: אַ גוטן טאָג, און דער זון האָט פאַרלאָזט דעם פאָטערס הויז.

דער אגודל און אצבע האָבן געהאַלטן פאַרקלעמט דעם שליסל פון אויטאָמאָביל, אים ניט אַ דריי געטון. אפשר ניט געדאַרפט געווען אַוועקגיין. אים ניט גוט, דעם אַלטן. אים קיינמאָל ניט געזען אַזוי דערשלאָגן. עפּעס מיט אַמאָל פאַרעלטערט געוואָרן. ער איז נאָך ניט קיין זיבעציקער. און אפשר? די מאַמע איז געווען זעקס און זעכציק. עס א י ז פּאַסקודנע. ער פילט אויך... אָבער וואָס קען ער טון? זיך זעצן וויינען? זי איז טויט. טויט. און וואָס קען ער טון? זיצן און ריידן מיט אים?

דער אַלטער איז ניט קיין נאַר, אָבער אַז ער הייבט אָן מאַראַליזירן... געפעלט אים ניט דעני. ער איז דאָס פאַרליבט אין אים? געשעפט. און ער דאַרף אים זען. אין אַ קנאַפּער שעה. ער האָט אַ דריי געטון דעם שליסל. דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַ ריס געטון.

דעני דער פוקס — אַ „ליבלעכע" פאַרקירצונג פון דניאל פוקסמאַן — איז געווען אַ שם דבר ניט נאָר אין שטאָט, נאָר איבערן גאַנצן לאַנד. זיינע „געשעפטן" האָבן זיך געצויגן פון ניו יאָרק ביז סאַן פראַנציסקאָ, אריינגערעכנט לאַס וועגאַס, נעוואַדאַ, ווו ער האָט געהאַט אַ האַנט אין אַ פּאָר רייכע האָטעלן, געמבלינג פּלעצער. ער האָט אויך געהאַט אַ האַנט אין דערמאָרדן אַ פּאָר מענטשן. טיילוויז טאַקע דערפאַר האָט ער געקראָגן דעם צונאָמען דער פוקס — אַ קלוגער חברה מאַן, מיט זיינע כיטרע גיינג דרייט ער זיך אַלע מאָל אַרויס פון די ריכטער, געזעץ דורכפירער, ניט פאַרגעסנדיק אין דער הילף פון זיינע גוטע אַדוואָקאַטן.

ביי אַ משפט וועגן איינעם פון זיינע געשעפטן אין לאַס וועגאַס — אַ ריין פינאַנציעלער ענין — אַזוי האָט עס געהייסן, האָט לואי פיין פאַרטראָטן זיין צד. דאָס האָבן אַ פּאָר פון זיינע קליענטן — געמבלער, פאַרשטייט זיך — געראָטן דעניין ער זאָל אים אָנשטעלן. ווען דער ריכטער האָט אַרויסגעטראָגן זיין פּסק דין לטובת דעניין, האָט אים דעני אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע: לו! איר האָט אַ גוטן קאָפּ אויף די פּלייצעס. איר פאַרשטייט אַן עסק. איר זייט אַ מענטש פון מיין גוסט. פון היינט אָן, אַז איכ'ל דאַרפן אַן אדוואָקאַט, זייט איר מיין פאַרטיידיקער.

איצט האָט זיך אונטערגערוקט דער משפט. אַ גענגסטער, וואָס האָט אויך געהאַט געשעפטן אין לאַס וועגאַס, דעניס אַ קאָנקורענט, איז תחילת אָווגט דערשמאָכן געוואָרן ביים אַרויסגיין פון אַ רעסטאָראַן. ער האָט זיך נאָך דערשלעפּט צו זיין אויטאָמאָביל, טאַקע דאָרטן האָט מען אים געפונען אַ טויטן. דעני דער פוקס איז פאַרהאַלטן געוואָרן אויפן חשד אַז דאָס איז זיינס אַ שטיקל אַרבעט, אויב ניט ער אַליין האָט עס געטון, איז עס דורכגעפירט געוואָרן אויף זיין באַפעל, און לואי פיין איז עס געווען זיין אדוואָקאַט.

דעני דער פוקס איז ניט געווען זיין איינציקער קליענט פון דער אונטערוועלט. ער האָט געהאַט עטלעכע און צו קיינעם פון זיי ניט דערלייגט. די חברה צאָלן. אָבער דעני איז געווען דער וויכטיקסטער, ניט אַזוי צוליבן שכר ווי צוליבן נאָמען, פאַרטיידיקן דעני דעם פוקס שאַפט... פּרעסטיזש, אויב ניט ביי די ריכטער, איז ביי דער חברה גענגסטער און,

ניט אויסגערעדט זאָל זיין, אויך ביי דער חברה אדוואָקאַטן. עפנטלעך האָבן זיי טאַקע געקרימט מיט די נעזער, אָבער מ׳ווייסט שוין: זויערע וויינטרויבן... דאָס גיין צום פּוקס אַהיים, נאָך היינט דערצו, איז לואין געווען ניט אַזוי צום האַרצן: דער קליענט דאַרף קומען צו א י ם, אָבער, אַז ער האָט גערופן, מיינט עס אַז עס איז זייער וויכטיק און, אונטער די אומשטאַנדן, מ׳היט דאָך זיינע טריט... עס איז רעכט אַז אַרום דעניס הויז דרייען זיך אַרום שומרים... וואָרט נאָר, ער איז דאָך שוין באַלד דאָרטן.

לואי פיין האָט אַ קוק געטון אויפן זייגערל. זיין פּונקט אין צייט. ער האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ. דאָ אָ דאַרף ער זיך פּאַרדרייען. זיך פּאַרדרייט אין דעניס גאַס, האָט ער אַ דריי געטון דאָס שפּיגעלע אין דער הויך איבערן רעדל. געהייסן האָט עס אַז ער וויל זען צי שומרים פּאָרן אים ניט נאָך. קיין שומרים האָט ער ניט דערזען. ער האָט יאָ געזען דעם פּנים פון לואי פיין און באַשלאָסן מיט צופרידנקייט אַז יאָ שומרים, ניט שומרים, ער איז אַן אדוואָקאַט, און דער אדוואָקאַט האָט אַ רעכט פּאָרן זען זיינעם אַ קליענט, ווער שמועסט נאָך אַז דער אדוואָקאַט איז... לואי פיין...

(2)

לואי פיין איז געווען צופרידן פון . . . לואי פיין, ניט אַזוי זיין פּאָטער, ברוך פיין. ער איז שוין גאָרניט געווען צופרידן פון זיין זון. די ערשטע צוויי וואָכן נאָך דער ווייבס טויט האָט ער אפילו ניט געטראַכט וועגן זון. ס׳הייסט, געטראַכט האָט ער שוין גאָר. ניט נאָר האָט ער געטראַכט, ער האָט געוואָרט דער זון זאָל קומען, זאָל כאָטש אָנקלינגען. און ווען דער זון האָט זיך ניט געוויזן, ניט גערופן, האָט ער געפּרוווט אַוועקשטופּן, פּאַרטרייבן די מחשבות וועגן אים, און דער שליסל צו פּאַרשליסן די מחשבות איז געווען דער באַשלוס — ער׳ט נ י ט גיין צו אים, וועט אַפילו אים ניט אָנקלינגען. ער האָט ניט קיין זון! אויס!

דער שליסל האָט ניט געאַרבעט. טאָמער איז נאָך געווען קאַרג וואָס די מחשבות זיינען ווי אויף צו להכעיס געקראָכן אין קאָפּ, איז נאָך געקומען דער ווייבס שוועסטער, זעלדע, יעדן טאָג איז זי געקומען, און ניט אַוועקגעגאַנגען אַ טאָג זי זאָל אים ניט דערמאָנען וועגן זון. אַמאָל איז דאָס געווען בלויז אַ דינע שפּילקע: לואי קומט גאָרניט? און אַמאָל

גאַנץ אָפּענע, שיר ניט גראָבע דיבורים: אַניט האָט ער אינזינען אַ טאַטן? געלט! דאָס איז אַלץ וואָס ליגט אים אינזינען.

דאָ האָט שוין ברוך ניט אויסגעהאַלטן. — איך גלויב ער האָט אין ווערמען גערעכט ... שוין ... אויף זעלדעס פרעגנדיקן קוק האָט ער, ניט אָן אַ בייזן שמייכל, געענטפערט, — חנה, אַ ליכטיקן גן עדן זאָל זי האָבן, איז אויך ניט געווען קיין צעוואָרפּענע...

— ס'אַ משל! חנה, מיינע רייד זאָלן איר זיין ניט צו שווער, איז טאַקע, ווי איר זאָגט, געווען ניט קיין צעוואָרפּענע, אויב איר ווילט וויסן, אַ קאַרגע, ניט איין מאָל זיך געקריגט מיט איר צוליב דעם: האָסט נאָר מורא ווערסט ניט האָבן וואָס צו עסן, אָבער ביי איר איז דאָס טאַקע געווען אַ מורא, אַ קריינק אַזאַ, באַהיט גאָט, בעת ביי אים איז דאָך עס זיין אמונה, ער ג ל ו י ב ט דאָך נאָר אין געלט! אויף מיין לעבן נאָך ניט געזען אַזאַ מענטשן.

— איז וואָס ווילט איר זאָל איך טון וועגן דעם?

— טון? וואָס קען מען טון?

— איז אָט, אַז מ'קען גאָרניט טון, דאַרף מען אויך ניט רעדן וועגן דעם.

זעלדע האָט, קענטיק, זיך געפילט געטראָפן. זי האָט אָנגעהייבן קומען אַ טאָג איבער אַ טאָג, אַמאָל נאָך זעלטענער, און וועגן לואין מער ניט דערמאָנט אַ וואָרט. ברוכן איז דערפון ניט געוואָרן גרינגער, אדרבה, אים האָט עס גענומען שטאַרק רופן. ער האָט שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן. האָט ער גענומען און אָנגעקלונגען צו אים אין אָפיס. דער ענטפער איז געווען: ווער רעדט עס? מיט כעס האָט ער געענטפערט, אַז ס'מאַכט ניט אויס ווער עס רעדט, ער וויל רעדן צו לואי פיין, און געקראָגן דעם ענטפער אַז לואי פיין איז ניטאָ, ער קען עפּעס אָנזאָגן.

— קיין אָנזאָג! — האָט ער בייז געענטפערט און אַ קנאַק געטון דאָס טרייבל אויפן פּאָסטאַמענט. — פּאַסקודסטווע! ווייסט כלומרשט ניט ווער עס רעדט. זי קען גאַנץ גוט זיין שטימע. — ער האָט געפּרוווט רופן אין אָוונט צום זון אַהיים, קיינער האָט ניט געענטפערט. האָט ער אין אַ פּאָר טעג אַרום ווידער גערופן אין אָפיס. דערהערט די פראַגע: ווער רופט עס? האָט ער בייז אַ זאָג געטון: ברוך פיין. זיין פאָטער. געוואַרט אַ פּאָר סעקונדן און דערהערט: „מר. פיין איז אין קאָנפערענץ, ווילט עפּעס אָנזאָגן?" האָט ער, ניט זאָגנדיק אַ וואָרט, אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל. — די פּאַסקודנע „זיפ"! האָט נאָר מורא עמיצער וועט זיך דורכזיפן. — באַלד אָבער האָט אים גענומען קאָיען: וואָס איז זי שולדיק? דאָס האָט ער דאָך איר אַזוי

געהייסן. „אין קאָנפערענץ״... אָבער ער ווייסט דאָך שוין, זי האָט דאָך אים געזאָגט, קען ער דאָך אָנקלינגען.

דער זון האָט אָנגעקלונגען. — האָסט מיך גערופן? וואָס אַזוינס?

—גאָרניט. וואָס דאַרף זיין? געוואָלט וויסן צי לעבסטו נאָך אויף דער וועלט.

— איך לעב שוין גאָר! וואָס איז מכח דיר? וואָס מאַכסטו?

— אַז אַ זון וויל טאַקע וויסן וואָס דער טאַטע מאַכט קען ער אַריבערקומען אַ קוק טון.

— גערעכט. אַ הונדערט פּראָצענט גערעכט. אָבער איך בין לעצטנס אַזוי פאַרנומען, האָסט גאָר קיין אַנונג ניט. נאַ, אַט האָסטו דיר! איך רעד צו דיר און דער צווייטער טעלעפאָן דערגייט מיר די יאָר. וואַרט אַ ווײַלע. — העללאָ! יאָ, אָבער איר׳ט אַזוי גוט זיין צוּוואַרטן אַ ווײַלע. איין מינוט בלויז. — אַט אַזוי ווי דו זעסט. ווערן אַ ביסל פרייער וועל איך צוקומען. וועל עס זיכער טון. מסתם די טעג. דערווייל אַ גוטן.

אַ וואָך, צוויי, דער זון, ניט ער איז אַריינגעפאַלן, ניט עס איז אים איינגעפאַלן רופן דעם פאָטער, זיך אָנטשולדיקן, סתם זאָגן אַ פּאָר ווערטער, האָט דער פאָטער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — פאַרפאַלן! אַזוי גייט עס שוין... זיך בעטן ביי אים? ער׳ט אים ניט רופן!

און ער האָט מער ניט גערופן, ביז איין פרימאָרגן.

ווי יעדן פרימאָרגן, האָט ער ביים אָנבייסן דורכגעקוקט די צייטונג. ער האָט שוין געהאַלטן ביי דער קאָווע און אויף דער דריטער זייט פון צייטונג, ערשט אַ „קעפּל״ פון אַ שטיקל נייס האָט אים אַ שפּרונג געטון אין די אויגן. „אדוואָקאַט פאַר דעני דער פוקס קריגט מעדאַל פאַר ראַטעווען אַ מענטשן״. אינם שטיקל נייס האָט זיך דערציילט אַז זיין זון האָט די טעג געקראָגן אַ מעדאַל פאַר ראַטעווען אַ מענטשן בעת יענער האָט זיך געטרונקען אין ים. געשען איז דאָס מיט אַ קנאַפּן יאָר צוריק. צום סוף איז געווען אַ באַמערקונג אַז איצט דאַרף מען נאָך זען צי וועט ער ראַטעווען דעני דעם פוקס פון דער גאַז קאַמער ווען זיין משפט וועט פאָרקומען אין צען טעג אַרום.

איין מאָל, צוויי מאָל האָט ער איבערגעלייענט די נייס, די האַנט האָט זיך אַ שטרעק געטון צום טעלעפאָן, ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אַן דער „זיפ״ און באַשלאָסן: ער גייט!

אַריינגעקומען אין אָפיס, האָט ער צו דער מיידל אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. דאָס האָט געקענט הייסן: אי „גוט מאָרגן״, אי „זייַ ווו

דו זיצסט״! און גלייך זיך געלאָזט צום קודש הקדשים, צו דער טיר מיטן אויפשריפט „פריוואַט״. אריינגעקומען צום זון אין צימער, האָט ער דאָס ערשטע דערזען די מאָרגן צייטונג אויפן שרייב טיש, און אָנשטאָט אַ גוט מאָרגן האָט ער אַרויסגעפּלאַצט: אָה, האָסטו עס געזען! און אַ ווייז געטון זיין אייגענע צייטונג. דער זון האָט אַ שמייכל געטון: אַט דאָס, הייסט עס, האָט אים געבראַכט היינט, און אַזוי פרי... אַרויסגעבראַכט האָט ער: זיך! וואָס מאַכסטו?

— פאַרוואָס האָסטו מיר גאָרניט דערציילט? — די פראַגע האָט בטל געמאַכט דעם זונס פראַגע: וואָס מאַכסטו? דעם גאַנצן פאַרדראָס אויפן זון, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק געקימערט צו וויסן וואָס דער טאַטע זיינער מאַכט, דער עיקר איז אַט דאָס אַ, דאָס שטיקל בייס.

— ניט געווען וואָס צו דערציילן. — דער טאָן — אַ מענטש מאַכט עס אַ וועזן פון אַזאַ קלייניקייט, דער קוק אָבער אַ צופרידענער.

— דערצייל מיר איצטער. איך וויל עס וויסן.

דער זון האָט אַ בליק געטון אויפן האַנט זייגערל, אַזוי אַרום זאָגנדיק: ווער האָט עס צייט פאַר אַזעלכע נאַרישקייטן? ער האָט אָבער אַ קער געטון דעם פנים צום פאָטער, אַ שמייכל געטון, דער שמייכל אַ פאָטער־לעכער: דאָס קינד וויל דוקא הערן אַ מעשה? גוט, וועל איך דערציילן. און ער האָט דערציילט:

געווען איז דאָס אַ שבת נאָכמיטיק. איך האָב געכאַפּט פיש. געכאַפּט. עס רעדט זיך אַזוי. אַלץ וואָס איך האָב געכאַפּט איז געווען איין פליאַנדערקע פון אַן ערך פינף פונט און אַ פּאָר קליינע מאַקארעלס. מיט מיר זיינען געווען נאָך דריי פישערלייט, זיי האָבן אויך ווינציק געכאַפּט. דער ים געווען ניט שטורמיק, אָבער שוימיק, כוואַליעס מיט ווייסן שוים. אין ים איז כמעט קיינער ניט געווען, אָקטאָבער. די זון האָט געשיינט, אָבער געווען ניט צו וואַרעם, אַרום זיבעציק גראַד, דאָס וואַסער האָט געמוזט זיין אַרום זעכציק, בלויז איין מענטשן האָב איך געזען שווימען. איך האָב אים נאָכגעקוקט. ער האָט געלייגט קלאַפּטער, קענטיק ניט קיין שלעכטער שווימער, פונדעסטוועגן האָב איך אַ טראַכט געטון: ער שווימט שוין אַ ביסל צו ווייט. ער האָט געמוזט זיין, אָה, אַרום זעקס הונדערט פוס פון ברעג. ווען ער האָט שכל קערט ער זיך אום. און ער האָט זיך אומגעקערט. שווימענדיק צוריק איז אַ כוואַליע אַריבער זיין קאָפּ. ניט געווען וואָס נתפּעל צו ווערן דערפון, אַז מע שווימט, איז אָדער מ׳הייבט זיך אויף מיט דער כוואַליע, „מ׳פאָרט אויף איר רייטנדיק״, אָדער מע

באהאַלט זיך ביי איר אונטערן בויך, אָבער אַז דאָס האָט זיך איבערגע־חזרט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, איז עס שוין געוואָרן אויפפאַלנדיק. — דער מענטש טרינקט זיך, — האָט איינער פון די מיט־פּישער אַ זאָג געטון, און ווי נאָר ער האָט עס אַרויסגעזאָגט איז ווי עמיצער וואָלט מיך אַ שטופּ געטון — אַריין אין וואַסער! עס האָט ניט גענומען קיין מינוט האָב איך אַרונטערגעוואָרפן די קליידער, אויסגעטון די שיך און אין די איינע אונטערהויזן אַראָפּגעשפּרונגען פון לאַנדונג פּלאַץ. פון דער לאַנדונג ביז צו אים, אין אַ דיאַגאָנאַלער ליניע, האָט געמוזט זיין אַן ערך דריי הונדערט פוס. אַ קנאַפּער שטח פאַר אַ שווימער ווי איך, אָבער אַז מע שווימט אַן אַ זייט פון די כוואַליעס איז ניט אַזוי גרינג. פונדעסטוועגן בין איך אָנגעקומען פּונקט אין צייט, ווען ער האָט זיך אַ הייב געטון פון אונטערן וואַסער. אַלץ וואָס איך האָב געזען איז אַ שרעקלעך געעפנטן מויל און אַ טשופּרינגע האָר, אַ וואַלד אַ גאַנצער. האָב איך אים אָנגעכאַפּט פאַר די האָר טאַקע, אַ געשריי געטון צו אים: האַלט זיך! און אַריבערגעצויגן זיין אָרעם איבער מיין אַקסל, ער זאָל זיך קענען אויפהאַלטן. צי ער האָט מיך ניט געהערט, צי ער האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען, איך גלויב אַז ער האָט שוין ניט געוווּסט ווו ער איז אין דער וועלט, סיי ווי, זיין אָרעם וואָס איך האָב אַריבערגעצויגן איבער מיין אַקסל האָט זיך פאַרקלעמט אַרום מיין האַלז און נאַקן און איך האָב געפילט אַז אָט אָט וועט ער מיך דערוואָרגן אָדער גאָר אַרונטערשלעפּן מיך מיט אים אינאיינעם. שלעכט. ווייסטו וואָס איך האָב געטון? איך האָב אים דערלאַנגט אַ כמאַל. אָבער אַזוי, דעם ריכטיקן, און עס האָט מאָמענטאַל געווירקט, זיין אָרעם איז לויז געוואָרן. שיר שיר האָט ער זיך ניט אַרונטערגעלאָזט, איך האָב אים אָבער אָנגעכאַפּט פאַרן באָד אָנצוג, נאָכדעם אונטערן אָרעם, אים שוין געהאַלטן ווי עס דאַרף צו זיין, די צרה איז נאָר געווען — איך בין געבליבן מיט איין האַנט צום שווימען, און דער פאַרשוין — עפּעס ניט קיין מענטש, אַ גרויסער זאַק צעמענט, און גיי שווים מיט אַזאַ משא, מיט איין האַנט. איך האָב ניט געקענט שווימען צו דער לאַנדונג, כאָטש אַהין אין געווען אַ סך נעענטער ווי צום ברעג, ווייל די כוואַליעס וואָלטן מיר געווען אין דער זייט. האָב איך זיך געלאָזט צום ברעג, פּערפּענדיקולאַר צו די כוואַליעס, און ווו נאָר אַ פאַרטל אין שווימען האָב איך גענוצט, אָבער מיט די אַלע פאַרטלען בין איך ניט געשווומען נאָר געקראָכן. פון די פינף הונדערט פוס צום ברעג האָב איך קוים דורכגעמאַכט אפשר אַ העלפט און איך האָב געמיינט איך וועל שוין צום ברעג ניט קומען, איך

בין געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז אפילו ווען איך זאָל אים געווען אָפּלאָזן וואָלט איך אַליין אפשר אויך ניט דערשווומען. עס וועט אפשר קלינגען מאָדנע, אָבער דוקא די משא פון זיין קערפּער האָט מיך אויפגעהאַלטן. עס איז ווי איינער וואָלט געטראָגן אַ שווערע משא אויפן רוקן און, אַראָפּוואַרפנדיק דאָס פּעקל, פאַלט ער אַליין אום. אויף מיין מזל האָבן צוויי פון די פישערלייט ערגעץ דערטאַפּט אַ שיפל און זיך געלאָזט מיר אַנטקעגן. דאָס האָט מיר צוגעגעבן כוח. ווען זיי זיינען צוגעקומען בין איך אפשר געווען ניט מער ווי אַ צוויי הונדערט פוס פון ברעג, אָבער צוויי הונדערט פוס האָט דעמלט געמיינט זייער אַ סך. זיי האָבן אים אריינגעשלעפּט אין שיפל — אַ טויטער מענטש, דער איינציקער סימן פון לעבן — ער האָט געאָטעמט, דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט. איך בין נאָך ווי עס איז אַליין אַריינגעקראָכן אין שיפל, איך בין אָבער געווען שיר ניט אַזוי טויט ווי ער, איך האָב געפילט ווי זיך אויסציען אויפן דעק פון שיפל לעבן אים, פשוט ניט געקענט איינזיצן. דאָס וואַסער איז, דוכט זיך, געווען ניט צו קאַלט, איצט האָט מיר געוואָרפן אַ צאָן אָן אַ צאָן, איך בין געווען אויס מענטש. אַ גליק, איינער פון די פישערלייט האָט געהאַט מיט זיך אַ קליין פלעשל בראָנפן, האַלב פול. ער האָט עס מיר דערלאַנגט: נעמט עס! עס וועט אייך שטאַרקן. די הענט האָבן מיר אַזוי געציטערט אַז איך האָב עס קוים צוגעטראָגן צום מויל, דערפאַר אָבער אַז איך האָב שוין אַריינגענומען דאָס העלזל צווישן די ציין, האָב איך עס שוין ניט אַרויסגעלאָזט ביז איך האָב אויסגעליידיקט דאָס פלעשל. און עס האָט געהאָלפן! איך האָב זיך דערוואַרימט. איך האָב שוין געקענט זען וואָס עס טוט זיך. אַ קוק געטון אויפן פאַרשוין, האָב איך פשוט ניט געגלויבט מיינע אויגן — אָט דאָס אָ באַשעפענישל, אפשר ניט מער ווי פינף פוס צוויי צאָל, איז עס געווען אַזוי שווער?

דערוויל זיינען מיר צוגעקומען צום ברעג. דאָרטן האָט שוין געוואַרט אַ פּאָליצמאַן, באַלד איז אָנגעקומען אַן אמבולאַנס. זיי האָבן אים געגעבן די שנעלע הילף וואָס זיי האָבן געקענט און גלייך אים אַוועקגענומען אין שפּיטאָל. איך האָב אָפּגעגעבן מיין באריכט דעם פּאָליצמאַן. איינער פון די מיט־פישער האָט מיר געבראַכט מיינע קליידער, די וועסטקע און אַפילו די פּאָר פישלעך. מילא די פישלעך האָב איך אים אַוועקגעשייַנקט, איך האָב זיך אָנגעטון, זיך ווי עס איז דערשלעפּט צו מיין מאַשין. ווי אַזוי איך האָב געטריבן די גאַנצע וועג פון ים אין שטאָט ווייס איך עד היום ניט, איך ווייס נאָר, אַז די מינוט וואָס איך בין אַריין אין שטוב

האָב איך אַרונטערגעוואָרפן פון זיך די קליידער און באַלד ווי דער קאָפּ האָט אָנגערירט די קישן בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן. איך בין אַזוי אָפּ־געשלאָפן ביז אויף מאָרגן שפּעט נאָכמיטיק. זיך אויפגעכאַפּט, בין איך אַרויסגעגאַנגען עסן, געקויפט אַ צייטונג, אָבער נאָך איידער איך האָב איבערגעקוקט די קעפּלעך האָב איך דערפילט עס ציט מיך צום בעט. האָב איך זיך ווידער געלייגט שלאָפן. מאָנטיק אינדערפרי בין איך געווען צוריק אין אָפיס אָט ווי גאַרניט וואָלט פּאַסירט, כמעט ווי פאַרגעסן אָן דער גאַנצער געשיכטע. דאָס הייסט, מאָנטיק, דינסטיק, האָב איך נאָכ־געקוקט אין צייטונג, געוואָלט כאָטש וויסן ווער איז דאָס געווען דער פאַרשוין. ניט געווען אַ וואָרט. ניטאָ, איז ניטאָ. אים גיין זוכן? איך דאַרף אים האָבן? וואָס גייט ער מיר אָן?

ערשט אין אַ צוויי וואָכן אַרום שטעלט זיך אַריין אַ פאַרשוין. — זייט איר מר. פיין? מיין נאָמען איז טאָם, טהאָמאַס גילראַי. איך בין דער, וועמען איר האָט געראַטעוועט פון דערטרונקען ווערן. — קוק איך אויף אים. קען ניט זיין! יענער האָט דאָך געהאַט אַזאַ קוטשמע האָר. ער האָט, קענטיק, געכאַפּט מיין קוק. — אַה, מאַכט ער, — דער שפּיטאָל. — אין שפּיטאָל, הייסט עס, האָבן זיי אים אָפּגעשאָרן, אָפּגעגאָלן דעם קאָפּ, קיין חידוש וואָס איך האָב אים ניט דערקענט, אָבער ער איז עס דער יעניקער, און ער איז עס געקומען מיר זאָגן זיין דאַנק. היות ער איז אַ דיכטער, איך האָב אפשר ניט געהערט זיין נאָמען, אָבער אַ דיכטער איז ער, האָט ער אויסגעדריקט זיין דאַנק אין אָט דער פּאָעמע דאָ אָ. און ער האָט מיר דערלאַנגט צוויי בלעטלעך פּאַפּיר, מאַשין באַשריבן, „לעבן“, געווידמעט דעם מענטשן וואָס האָט מיך געראַטעוועט פון אַ נאַסן טויט, און מיט דער האַנט צוגעשריבן „לואיס פיין“. דאָס האָט ער שפּעטער אויסגעפונען מיין נאָמען, אין דער פּאָליציי סטאַנציע, אין וועניס, איז געווען דער רעקאָרד. דערפאַר איז עס אין די שטאָטישע צייטונגען ניט געווען.

ווי איך האַלט פון פּאָעזיע ווייסטו מסתם, אָבער אַז אַ מענטש דערלאַנגט דיר אַ פּאָעמע, אַ מתנה געשריבן פון מיינעטוועגן, קען מען דאָך ניט זיין קיין חזיר. האָב איך אַ לאָף געטון מיט די אויגן איבער דער פּאָעמע זיינער, אַ זאָג געטון: קלינגט זייער שיין, און אים געדאַנקט.

— דאַנקען דאַרף ער. און דאָס האָט ער געטון טאַקע אין דער פּאָעמע. ער וויל אָבער וויסן פּ אַ ר װ אָ ס איך האָב עס אים געראַטעוועט.

קוק איך אויף אים: וואָס איז ער אויסן? מיט אַמאָל פּאַלט מיר איין אים אַ פרעג טון: וואָס זשע, איר האָט געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד?

— איך, זעלבסטמאָרד! איך האָב ליב דאָס לעבן, ווי איר קענט עס זען פון מיין פּאָעמע. (ווידער זיין פּאָעמע) ניין, קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן זעלבסטמאָרד, ס'אַ פֿאַרגעניגן צו לעבן אויף דער וועלט, טאַקע דערפֿאַר האָב איך געטראַכט: וואָס באַוועגט אַ מענטשן צו ריזיקירן זיין לעבן כדי צו ראַטעווען אַ צווייטן?

— איך האָב ניט ריזיקירט מיין לעבן. איך בין אַ גוטער שווימער. איך האָב געחלומט, טראַכט נאָך אַפילו איצטער וועגן איבערשווימען פֿון ווילמינגטאָן ביזן קאַטאַלינאַ אינזל, פֿאַר מיר אַריינשפּרינגען אין וואַסער, שווימען אַ טויזנט פֿוס איז... אַ שפּילעכל. ווען איך זע אַ הונט זיך טרינקען וואָלט איך עס אויך געטון.

מיין „הונט" איז אים, ווייזט אויס, ניט אַזוי געפֿעלן געוואָרן, אַ סימן האָב איך, ער האָט עפּעס אַזוי זייטיק אַ קוק געטון אויף מיר, ער האָט אָבער גאָרניט געזאָגט וועגן דעם, ער איז אָבער באַשטאַנען אויף זיינס. — בעת איר זייט אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער האָט איר אפֿשר טאַקע ניט געדיינקט אַז איר ריזיקירט מיטן לעבן, אָבער ווען איך האָב אייך אַרומגעכאַפּט...

איך האָב זיך שיר נישט צעלאַכט. — אָה, געדיינקט איר, הייסט עס, אַז איר האָט מיך אַרומגעכאַפּט! און איך האָב געדיינקט...

— ניין, איך געדיינק ניט. פּאַקטיש געדיינק איך זייער וויניציק, איך האָב אפֿילו ניט געדיינקט ווי אַזוי איך האָב זיך עס גאָר אָנגעהייבן טרינקען, דאָס האָבן זיי מיר דערציילט אין שפּיטאָל. ווען איך בין געקומען צו זיך, שוין געקענט זען, רעדן, האָב איך דערפֿילט אַ שאַרפֿן ווייטיק אין אויער, אַ שומעניש אין קאָפּ. האָט מען מיר קודם אָפּגעגאָלן די האָר, גענומען זוכן, בילדער גענומען, געפֿונען האָט מען גאָרניט, ביז דעם דאָקטאָר איז איינגעפֿאַלן אַ קוק טון אויפֿן פּאָליציי רעקאָרד פֿון מיין זיך טרינקען. איבערגעקוקט דעם רעקאָרד, האָט ער מיט אַ שמייכל מיר געזאָגט: אָט דעם ווייטיק אין אויער, אין קאָפּ, האָב איך עס צו פֿאַרדאַנקען וואָס איך האָב נאָך אַ קאָפּ, קען נאָך פֿילן ווייטיק. און ער האָט מיר דערציילט אַז לויטן פּאָליציי באַריכט האָט איר מיר דערלאַנגט אַ זעץ דאָ אַ אין אויער, ווען איך האָב אייך אַרומגעכאַפּט. אַ קלוגער חברה מאַן און קענטיק אַ גוטער שווימער, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. — ווען ער טוט עס ניט וואָלט איר אפֿשרביידע דערטרונקען געוואָרן.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך גאָרניט געדיינקט איך זאָל עס האָבן דערציילט דעם פּאָליצמאַן, אָבער אַ רעקאָרד איז אַ רעקאָרד.

— טוט איך נאָך ווי?

— אַ ביסל.

— דאָס פאַרדריסט מיך זייער שטאַרק. איך בין ניט אויסן געווען אייך ווייצו טון, איך האָב עס פשוט געמוזט טון צו ראַטעווען זיך און אייך.

— אַט אַט, טאַקע וועגן דעם רעד איך דאַך. איר זייט געווען אין געפאַר פונקט ווי איך, דאָס מיינט איר האָט ריזיקירט מיט אייער לעבן, פרעגט זיך: פאַרוואָס האָט איר עס געטון?

— איך הייב ניט אָן צו וויסן. און וואָס גייט עס אייך אַזוי אָן? — ער איז מיר שוין אַ ביסל דערעסן געוואָרן, דער משוגענער פּאָעט, מיט זיינע משונהדיקע פראַגן.

— פאַרשטייט איר מיך, איך האָב ליב דאָס לעבן און, איך גלויב, איר האָט עס אויך ליב...

— ווער האָט עס ניט ליב?

— אָ, אָ, דאָ קומען מיר צום פונקט. איך האָב ליב דאָס לעבן, איר אויך, אָבער וואָסער לעבן? אויב אַ מענטש האָט נאָר ליב זיין לעבן וועט ער עס ניט אָוועקגעבן מיר ניט דיר ניט פאַר עמיצנס אַנדערש, ביי דער מינדסטער געפאַר וועט ער קודם זען ראַטעווען זיך און, איך וואָלט געזאָגט, דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. יאָ, עס וואָלט געווען גאַנץ נאַטירלעך ווען איר דערלאַנגט מיר דעם זעץ אין אויער און שווימט אַוועק. סוף כל סוף, זייט איר דאָך ניט קיין „לעבנס שומר״, וואָס דאַרף ראַטעווען זיך טרינקענדיקע, קריגט באַצאָלט דערפאַר. וואָס דאַרפט איר מער, אפילו אַ פייערמאַן קריכט ניט אין אַ ברענענדיקער געביידע צו ראַטעווען פון דאָרטן אַ קינד, אויב ער איז אין געפאַר אליין פאַרברענט ווערן. עס איז אָדער אַ מענטש רעאַליזירט ניט די געפאַר, אָדער ער האָט אַזוי ליב דאָס לעבן, מאַכט ניט אויס, זיינס אָדער יענעמס, אַז ער איז גרייט צו ריזיקירן. איר כאַפּט וואָס איך מיין?

— איך שטויס זיך אָן. איר ווילט וויסן מיין ענטפער? דעם אמת? נו, אויב אַזוי, וועל איך אייך זאָגן: דער אמתער אמת איז — איך ווייס ניט. אַלץ וואָס איך ווייס איז, אַז בעת מעשה האָב איך ניט געטראַכט, ניט געטראַכט גאָרניט, איך האָב געטון וואָס איך האָב געטון, און פאַרטיק. און כשאני לעצמי, ווייס איך גאָרניט צי עס איז אַזוי וויכטיק דער פאַר וואָס און פאַר ווען. איך האָב דעמלט ניט געטראַכט און האָב ניט בדעה צו ברעכן מיין קאָפּ איבער דעם איצטער אָדער ווען ס'ניט איז. געטון איז געטון.

— נו, איך וואָלט געזאָגט אַז עס איז יאָ וויכטיק. טוט אַ טראַכט. עס איז זייער וויכטיק.

— אפשר פאַר אייך.

— יאָ, פאַר מיר איז עס זייער וויכטיק. אָט ווי איר קוקט מיך אָן, איז מיין הויפּט אמביציע — חוץ שרייבן גוטע לידער, און אפשר טאַקע צוליב דעם — איז צו דערקענען זיך אַליין, וואָס מיינט אויך דערקענען מענטשן בכלל, דערקענען זיי אין תוך...

ער האָט געמוזט כאַפּן מיין קוק, ווייל ער האָט גלייך אַ זאָג געטון: — נו, ווי ס'ניט איז, איך קום אייך אַ גרויסן דאַנק, איז... — ער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט און אַ זאָג געטון — מיין פּאָעמע... האַלט זי!

— אודאי, אודאי, — האָב איך אים פאַרזיכערט, און ער איז אַוועקגעגאַנגען. אַ צעדרייטער פּאָעט. דאָ האָסטו דיר די גאַנצע געשיכטע.

— דער פּאָעט איז גאָרניט אַזאַ צעדרייטער ווי דו דיינקסט. וואָס האָסטו געטון מיט דער פּאָעמע, מיט זיינער?

— די פּאָעמע? זי ערגעץ אַוועקגעלייגט, באַהאַלטן אין הויז ביי זיך, וואָס איז דען?

— גאָרניט. גוט געטון. און ווו איז דער מעדאַל?

— ווילסט עס זען? נאַ, אָט איז עס. — ער האָט אַ לייג געטון דעם מעדאַל אויפן טיש אָט ווי ער וואָלט אַוועקגעלייגט אַ מטבע פאַרן סאַרווער אין אַ רעסטאָראַן. דער פּאָעטער האָט עס פאַרזיכטיק גענומען צווישן די פינגער, באַטראַכט פוןביידע זייטן ווי אַ צירונגס הענדלער באַטראַכט אַ גוטן דימענט און, ניט אַרויסלאָזנדיק עס פון די פינגער, אַ פרעג געטון: און וואָס דיינקסטו טון דערמיט?

— גאָרניט. וואָס זאָל איך טון דערמיט? קען עס ניט דעפּאָנירן אין באַנק.

— אפשר וואָלסטו עס מיר געגעבן?

— דיר עס געבן! ניין, איך וועל עס דיר נ י ט געבן, קיינעם ניט! דאָס האַלט איך.

— וועסט עס אפשר איינפאַסן אין אַ רעמל?

— און וואָס מיינסטו? איכ'ל עס אפשר טאַקע טון אויך.

— דאָס וואָס א י ך וואָלט געטון, — האָט דער פּאָעטער געזאָגט מיט אַזאַ טאָן אַז זיין זונס אויער האָט שוין ניט געקענט אויפכאַפּן קיין אַנצוהערעניש אויף שפּאָט.

— ראַטעוועז אַ מענטשן מיינט עפּעס. מיינט זייער אַ סך. אַז מיר רעדן שוין וועגן ראַטעווען, דיינקסטו וועסט אויך ראַטעווען דעם דעני?

— איך בין זיכער אַז יאָ.

— פאַר דעם וועסטו קיין מעדאַל נ י ט קריגן...

— דיר שוין געזאָגט, פאַר דעם קריג איך מער ווי אַ מעדאַל. און ס׳איז ניט נאָר דאָס געלט. איכ׳ל ווייזן דעם מיסטער ד. פּ. פּרעסטאָן, דעם פּראָקוראָר, אַז ער איז ניט אַזאַ גוואַלדיקער חכם, איך בין קלוגער פון אים, און אפילו אין הלכות געזעץ ווייס איך מער פון אים. אויף דעם אַרבעט איך עס איצט. דער משפט קומט פאַר אינגיכן. — דער זון האָט אַ שאַר געטון מיט דער האַנט איבערן שרייב טיש, ווי אַנווייזנדיק דעם פאָטער וויפל אַרבעט ער האָט נאָך אָפּצוטון. דער פאָטער האָט עס גאַנץ גוט פאַרשטאַנען. ער האָט זיך אויפגעהייבן.

— גיי דיר אָן מיט דיין אַרבעט. איכ׳ל דיר נישט שטערן. איך בין בלויז אַריינגעקומען דיר זאָגן ווי צופרידן איך בין וואָס דו האָסט געקראָגן דעם מעדאַל. איך בין אַזוי צופרידן אַז...

שיר שיר האָט דער פאָטער זיך ניט אַ לאָז געטון אַ קוש טון זיין זון... אים האָבן זיך אַזש געשטעלט טרערן אין די אויגן. ער האָט אַ נעם געטון דעם זונס האַנט אין זיינע ביידע הענט, זי שטאַרק אַ טרייסל געטון און, ווען ער האָט שוין אַרונטערגענומען איין האַנט, האָט ער מיט אַ לייכט פּעטשלען געגלעט דעם זונס האַנט.

— „גוד באַי״, זון!

— „גוד באַי״, פאָטער! — האָט דער זון געשמייכלט און מיט איין האַנט אָנגענומען דעם פאָטערס אָרעם, אַ מין ענטפער אויף זיין פאָטערס האַנט גלעט.

דער פאָטער האָט קודם אַ נעם געטון די צייטונג, זי אַריינגערוקט אונטערן אָרעם, נאָכדעם די היטל, נאָכאַמאָל אַ קוק געטון אויף זיין זון און ארויסגעגאַנגען. די מיידל אין אָפיס האָט ער ניט געזען. זי האָט אים אויסגעפעלט. אָט איצטער אָ וואָלט ער איר געוואָלט זאָגן אַ פריינדלעכן גוטן טאָג. און אפשר בעסער אַזוי. קען ער אי ר זאָגן וואָס ער פילט?

(3)

ברוך פיין האָט זיך אַריינגעשטעלט אין ליפט אויפן זעקסטן שטאָק מיט אַזאַ פייערלעכן, שמייכלענדיקן פּנים, אַז די פינף מענער וואָס זיינען

דאָרטן געשטאַנען האָבן אים אָנגעקוקט, זיך איבערגעקוקט מיט אַן אָנצווזעעניש אויף אַ שמייכל. זייער שאָטן פון אַ שמייכל: אַ פֿריילעכער אַלטער! רעכט אַז ער הייבט אָן גאַנץ פֿרי... שוין פֿאַרזוכט פון ביטערן טראָפּן. אמת, זייערע אויסגעצויגענע, ערגסטע נעזער האָבן קיין בראָנפֿן ניט געשפּירט, אָבער פון וואָס קען אַ מענטש זיין אַזוי פֿרי בגילופֿין אויב ניט פון אַ ביסל בראָנפֿן?

ברוך פּיינען וואָלט גאָר קיינמאָל ניט איינגעפֿאַלן אַז עמיצער קען אים חושד זיין אין אַזאַ זאַך. זיינע שמייכלענדיקע אויגן האָבן אַריינגענומען ניט נאָר זייערע פּנימער, נאָר אויך זייערע פֿאָרטפֿעלן. אדוואָקאַטן, קענטיק, האָט ער באַשלאָסן, און אים האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט זיי דערציילן אַז דאָס קומט ער פון זיין זון דעם אדוואָקאַט, ביין, ניט דעם אדוואָקאַט... דאָס קומט ער פון זיין זון, וואָס האָט געראַטעוועט אַ מענטשן... דער ליפּט האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן דריטן שטאָק. אַ פֿרוי איז אַריינגעקומען. מיט אַ צעוואָרפֿנקייט, וואָס איז קוים געווען דערלויבט אין אַזאַ ענגער שטייג, האָט ברוך פּיין אַ צי געטון די היטל פון קאָפּ, זיך אַזאַ בייג געטון און זיך אַזוי צעשמייכלט, אַז די פֿרוי האָט אים געענטפֿערט מיט אַ שמייכל, און ניט נאָר אים, דער שמייכל האָט דערגרייכט די פּנימער פון די אַנדערע פֿינף מענער און ער האָט געזאָגט: זעט איר שוין? אָט דאָס הייסט אַ זשענטלמאַן!

זי האָט זיך אַ שאַר געטון אָן אַ זייט, ניט צו שטיין מיטן רוקן צו דער ליפּט טיר, אָבער אויך ניט מיטן רוקן צו די אַנדערע פּאַסאַזשירן און זי האָט געזען ווי צוויי פון די מענער האָבן באַונס... געצויגן די הענט צו די היטלען, זיי אַרונטערגענומען, אויף די פּנימער פון די אַנדערע דריי האָט זי געזען אַ פּאַרריסענעם קוק: מיר זיינען ניט קיין... דרומדיקע זשענטללייט.

דער ליפּט האָט זיך אָפּגעשטעלט. די פֿרוי האָט נאָך באַוויזן אַ שמייכל טון צו ברוך פּיין און איז די ערשטע ארויס פון ליפּט. די מענער האָבן זיך ממש אַרויסגעכאַפּט פון דאָרט, אַ טרייסל געטון די פֿאָרטפֿעלן און אַוועקגעאיילט. ברוך פּיין איז ארויס דער לעצטער און ער האָט זיך ניט געאיילט אַוועקצוגיין. ער האָט געהאַט בדעה אַ רעד טון מיטן ליפּט פֿירער, אים דערציילן אַז זיין זון...

ליפּט פֿירער זיינען גערן אויסצוהערן געשיכטעס פון פּאַסאַזשירן. זיי ווייסן וועגן די שכנים אין אַ געביידע מער ווי וועלכער עס איז שונא אָדער פֿריינד, אָבער מענטשן האָבן זיך שוין גענומען אריינשטעלן אין

ליפּט, וועגן רעדן מיט ברוכן, צי אפילו נאָר אים אויסהערן האָט שוין ניט געקענט געמאָלט זיין, האָט ברוך בלויז פריינטלעך אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. בעת מעשה האָט ער זיך געכאַפּט אַז ער האַלט די היטל אין האַנט, האָט ער זי געטון אַ זעץ ארויף אויפן קאָפּ און זיך געלאָזט איבערן פּרוזדור צו דער גאַס צו.

די גאַס, עפּעס האָט ער זי ניט דערקענט. וואַרט נאָר! ווו...? אַה, דאָרטן אויפן ראָג איז דאָך דער צייטונג פאַרקויפער. ער האָט זיך געלאָזט צום ראָג.

— פּיי־פּאַ? — האָט דער צייטונג פאַרקויפער אַ זאָג־פרעג געטון און, נאָך איידער ברוך האָט צייט געהאַט ענטפערן, האָבן שוין די פינגער דערלאַנגט די צייטונג און דאָס האַנט שיפּעלע האָט שוין געוואַרט אויף דער מטבע. די האַנט איז געבליבן הייגען, די אויגן האָבן שפּאַטיש געקוקט אויפן אַלטן: דער ריכטיקער קונה! וויל פריער איבערלייענען.

דער קונה האָט זיך אַ קער געטון צו אים. — ניט די צייטונג. איך וויל ד י! — האָט ער אָנגעוויזן אויפן קעפּל פון דער נייס אין זיין צייטונג. — דאָס אַ! גערראַטעוועט אַ מענטשן...

— גערראַטעוועט וועמען?

— מיין זון!

— וואָס איז געווען די צרה מיט אים?

— מיט וועמען?

— אייער זון!

— מיין זון! ער איז ניט געווען אין קיין צרה! ער האָט גערראַטעוועט אַ מענטשן! דאָ אָ, לייענט!

דער צייטונג פאַרקויפער האָט אַ בליק געטון אויפן קעפּל פון דער נייס, גלייך אַ מיש געטון די ערשטע בלאַט. — אַה, איר ווילט די פ ר י ע ר ד י ק ע אויסגאַבע? טאָ זאָגט זשע אַזוי. אַ קוק טון, זען צי איך האָב נאָך איינע.

דער צייטונג פאַרקויפער האָט אַ רודער געטון דאָס פּעקל צייטונגען אויפן טראַטואַר, אַרויסגעשלעפּט פון אונטן איין צייטונג, דערלאַנגט.

— איר האָט נאָך איינע?

דער צייטונג פאַרקויפער האָט אַ קנייטש געטון מיט די אַקסל: אַזאַ אַנשיקעניש, אַ שפּאַן געטון, באַלד צוריקגעקומען מיט אַ צייטונג. — די לעצטע. מער האָב איך ניט.

ברוך פיין האָט צוגענומען די צייטונג, דערלאַנגט אַ פּערטעלע. דער

צייטונג פאַרקויפער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין פאַרטעך־קעשענע, זיך אַ גריבל געטון און קליינגעלט. ברוך האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — האַלט די רעשט! — און אַוועקגעגאַנגען.

— דאָ אַלערליי משוגעים אויף גאָטס משוגענער וועלט, — האָט דער צייטונג פאַרקויפער אַ פילאָזאָפיר געטון אויפן קול. צו זיין קאָלעקציע משוגעים וואָס ער זעט זיך אָן יעדן טאָג איז צוגעקומען נאָך איינער.

ברוך פיין איז ניט געווען משוגע, ער איז געווען גליקלעך. זיין זון האָט געראַטעוועט אַ מענטשן! דאָ האָט ער עס, שוואַרץ אויף ווייס. און געראַטעוועט האָט ער ניט נאָר יענעם צעדרייטן פאָעט, ווי ער זאָגט, נאָר אויך זיך און אים, דעם טאַטן זיינעם. — ער איז אַ גוטער זון! — האָט ער אַ זאָג געטון אויפן קול. דערזען אַ שמייכל אויפן פנים פונם מענטשן, וואָס איז אָנגעקומען אַנטקעגן, האָט ער צוריקגעשמייכלט. וואָס אַרט עס אים אויב יענער האָט געהערט? אדרבה, ער וויל אַז יעדער איינער, די גאַנצע וועלט זאָל עס וויסן. טויזנטער, צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן עס היינט געלייענט. גוט אַזוי. און די דריי צייטונגען? איינע, פאַרשטייט זיך, וועט ער האַלטן פאַר זיך, באַהאַלטן... די צווייטע וועט ער ווייזן בענזשאמינען. יאָ, זאָל ער זען, דער גדלן, אַז לואי קען טון נאָך עפּעס חוץ פאַרטיידיקן דעני דעם פוקס. און די דריטע? די דריטע וועט ער געבן... זעלדען.

זינט יענעם איבעררייד גלייך נאָך חנהס טויט, האָט זי מער ניט גערעדט וועגן לואין. אויב זי איז אַפילו געווען ברוגז, האָט זי זיך שוין איבערגעבעטן, ווידער אָנגעהייבן קומען יעדן טאָג, גיט אַכטונג אויף דער הויז, די פרוי זאָל טון אַלצדינג ווי עס דאַרף צו זיין, גיט אַכטונג אפילו אויף אים אויך . . . און דאָס איז ביי אים זייער אָנגעלייגט. אַ ווילדע פרוי, למאי לייקענען, ער האָט זי גאַנץ גערן, זי זאָל נאָר ניט טראָגן אַזאַ שנאה אויף לואין. זי דערמאָנט ניט מער זיין נאָמען, נאָר דאָ אַנומעלטן האָט זי ווידער געמענטן „פילאָזאָפירן" וועגן געלט, אַז זי פאַרשטייט אַ מענטש איז אויסגערעכנט, קאַרג: ער האָט אַ ביסל געלט וויל ער עס ניט אויסגעבן אויף דער רוח ווייסט וואָס, האָט מורא ס'וועט אים ניט בלייבן. דאָס פאַרשטייט זי. זי פאַרשטייט אָבער ניט די יעניקע, וואָס קאַרג זיינען זיי גראַדע ניט, אויסגעבן געלט, דער עיקר אויף זיך, דאָס יאָ, נאָר איין און דער זעלבער צייט זיינען זיי אַזוי גיריק, אַזוי זשעדנע נאָך געלט, אַז זיי וואָלטן געטון מי יודע וואָס, דעם טאַטן מיט דער מאַמע וואָלטן זיי פאַרקויפט אַבי צו קריגן דעם דאָלאַר. און וואָס

וואָס, קיין נאַר איז זי ניט. זי האָט גאַנץ גוט געוווּסט אַז ער האָט פאַר־שטאַנען וועמען זי האָט געמיינט. דאַרף אים ליגן אַ פינגער אין מויל? ער האָט איר גאָרניט געזאָגט. וואָס טויג דאָס ריידן? איצטער אָבער. איצט וועט ער איר דערלאַנגען די צייטונג: נאַט, זעלדע, לייענט! לייענט איבער! איבערגעלייענט? נו, זעט איר שוין? ער האָט דאָך געראַטעוועט אַ מענטשן! און ני ט פאַר געלט. ער האָט פּשוט געראַטעוועט אַ מענטשן. יאָ, מ־אם, גע־ראַ־טע־וועט אַ מענטשן! — דאָס וואָס ער׳ט איר זאָגן.

— און ווי געפעלט עס אייך?

דאָס וואָס ער׳ט איר פרעגן.

און וועגן דעם קענען קיין צוויי ענטפערס ני ט זיין. עס איז קלאָר: זיין לואי האָט גע־רא־טע־וועט אַ מענטשן.

און דאָס איז עס.

מער דאַרף מען ניט.

ביים טעלעפאָן

בז־ז־ז־ז־

בז־ז־ די עלעקטרישע בין האָט געזשומעט אין אויער דער סעקרע־טאַרין פון דער „וועסטערן טראָסט און אינוועסטמענט קאָ.", איר געלאָזט וויסן אַז דער פרעזידענט מר. דניאל פּ. דאַנערשטאַג איז דאָ צוריק פון מיטיק און רופט זי צו זיך אין קאַבינעט. האָט זי אויף גיך נאָך אַריינגעכאַפּט אַ לעצטן פּודער טון די נאָז, אין איילעניש אַ רוק געטון דאָס פּודער קישעלע אין געעפנטן רעטיקול, דערביי דאָך געכאַפּט אַ קוק אין שפּיגעלע דאָרט, און ערשט דאַן פאַרמאַכט דעם בייטל. פאַרטיק מיטן טואַלעט, גענוג פאַר דעם גאַנצן נאָכמיטיק, האָט זי אַ נעם געטון דעם סטענאָגראַף העפט און בלייפעדער און געשעפטסמעסיק זיך געלאָזט צום פרעזידענט אין קאַבינעט.

— האָט ער עפּעס אָנגעזאָגט? — האָט מר. דאַנערשטאַג אַ פרעג געטון, אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף דעם מעמאָראַנדום בלעטל ביים טעלעפאָן.

— ער האָט גאָרניט אָנגעזאָגט, בלויז געלאָזט דעם טעלעפאָן נומער.

— אַזוי. נו, קריגט מיר סאַן פראַנציסקאָ, מאַקס מייערס. איר ווייסט דאָך דעם נומער, ניין? פּערזאָן צו פּערזאָן. ביז די פאַרבינדונג וועט געמאַכט ווערן קריגט מיר אָט דעם ראַסטאַניא צום טעלעפאָן.

די סעקרעטאַרין האָט, גיכער אויס געוווינהייט ווי נויטווענדיקייט, פאַרצייכנט אין ראשי תיבות סאַן פראַנציסקאָ, מאַקס מייערס. ווען מר. דאַנערשטאַג איז אַנטשוויגן געוואָרן האָט זי אַ הייב געטון דעם קאָפּ, אַן ווערטער געפרעגט: מער גאָרניט? און קריגנדיק אַ שטומען ענטפער, האָט זי נאָך אַ קלאַפּ געטון מיטן בלייפעדער אויפן העפט און אַוועק צוריק אין פאָדערצימער צום טעלעפאָן, צו איר שרייב טיש.

מר. דאַנערשטאַג האָט אַ פּיפּקע געטון דעם ציגאַר, ברוגז אַ קוק געטון — פאַרלאָשן? אים אַ וואָרף געטון אין אַש טעצל, אַרויסגענומען אַ ציגאַרעט, פאַררויכערט. ציגאַרעטן, דער עיקר דאָס פּאַפּיר, איז טאַקע

זייער שעדלעך פאַר אים, פאַר זיין האַרץ, אָבער די ציגאַרן זיינען אַן אָנשיקעניש, אַ טאָן שוועבעלעך דאַרף מען צו זיי, און, אויסגעלאָשן, שטינקען זיי אַז...

— העללאָ! ראסטאניא? וואָס מאַכט איר? פיין! גוט וואָס איר האָט גערופן. איך דיינק איך האָב אַ קונה, אַ סאַן פראַנציסקאַר, ער דאַרף היינט זיין דאָ אין שטאָט. ער האָט געגוג געלט, אַ רייכער מאַן. וואָס דיינקט איר עפּעס מכח עסן אָוונט ברויט אין לוציאַנעס? גוטע ספּאַגעטי! און ווין אויך. אָה, אַרום זעקס, זעקס דרייסיק. פיין. איז אָפּגערעדט? יאָ, יאָ, יאָ, אַנטשולדיקט, דער צווייטער טעלעפאָן קלינגט. יאָ, זעקס דרייסיק... ביי...

— העללאָ! מייערס? דאַנערשטאַג. דניאל דאַנערשטאַג. הערט, מייערס, וועגן דעם מסחר וואָס מיר האָבן געהאַט גערעדט, ער קען געשלאָסן ווערן. אויף אייערע טערמינען. דער „וואָפּ" דאַרף די מזומנים. היינט, דיינק איך וועט ער „בייסן". יאָ, היינט. — אַ קוק אויפן האַנט־שלאָס זייגער — איצט איז איינס דרייסיק, איר נעמט דעם עראָפּלאַן צוויי פופצן זייט איר דאָ פינף דרייסיק, פונקט אין צייט, מיר קענען פון אַעראָדראָם פאָרן גלייך אין רעסטאָראַן, אָפּגערעדט צו טרעפן זיך דאָרט. עס וועט זיך באַצאָלן, איך בין זיכער עס לוינט זיך. ווען איר וועט לאַנדן, טעלעפאָנירט. וועל קומען אייך נעמען. איז באַשטימט? גוט, ביי...

די האַנט אויפן טעלעפאָן טרייבל האָט זיך פאַרטראַכט, אויפהייבן און ווידער רופן, רעדן, די אויגן האָבן געקוקט זוכנדיק, געוואָלט זיך דערמאָנען, די האַנט האָט ענדלעך זיך אָפּגעטיילט פון טעלעפאָן טרייבל, אַ פינגער האָט געדריקט אַ קנעפּל, די סעקרעטאַרין איז אריינגעקומען, דאָס מאָל אָן דעם סטענאָגראַף העפט, און אַזוי ווי אויף צו להכעיס האָט מר. דאַנערשטאַג אַ זאָג געטון: נעמט דיקטאַט.

אַ שולדיקע האָט די סעקרעטאַרין זיך אַרויסגעכאַפּט פון קאַבינעט, אין איילעניש זיך צוריקגעקערט מיט העפט און בלייפּען, אויפן וועג שוין גרייט צום שרייבן.

„אַן אָפּמאַך איז געשלאָסן געוואָרן צווישן דער „וועסטערן טראַסט און אינוועסטמענט קאָ.", פון איצט און ווייטער באַקאַנט אַלס דער ערשטער צד..."

פינגער פליען פלינק איבערן העפט, פלינקער ווי מר. דאַנערשטאַג קען דיקטירן. — פאַרטיק? — פרעגט ער נאָכדעם ווי די סעקרעטאַרין האָט שוין לאַנג געוואַרט ער זאָל דיקטירן ווייטער. דערזעענדיק אַז זי

וואָרט, כאַפּט ער זיך אַז ער האָט נאָך ניט די ווערטער. אַ פּיר מיט דער האַנט איבער די קורץ געשאָרענע האָר. — ווו האַלטן מיר? יאָ. „דער ערשטער צד איז זיך מתחיב...״ — ער ווייסט, דוכט זיך, וואָס ער וויל, ווייסט אויך די ווערטער וואָס דאַרפן געברויכט ווערן, אָבער קומט צום אַרויסברייגגען זיינען זיי ניטאָ. „דער ערשטער צד איז זיך מתחיב...״ ער פאַררויכערט אַ ציגאַרעט, הייבט אָן אַרומשפּאַנען. „דער ערשטער צד...״ איר האָט עס? גוט. לאָזט ליידיק פּלאַץ פאַר די אַדרעסן, סומען, איר ווייסט דאָך... פּיין. איצט. איצט? איז האַטשינסאָן דאָ? און פריינק? זאָגט זיי זיי זאָלן אריינקומען און רופט אויך אָפּ דאַדלין און בראַמבערגן. זאָלן גלייך קומען. אַ קאָנפערענץ. און אויב עמיצער קומט אָדער רופט בין איך ביי דער קאָנפערענץ. גוט.

— וואָס אַזוינס? — האָט יעדנס פּנים פון די גערופענע געפרעגט ביים אַריינקומען, אָבער אָנשטאָט אָן ענטפער האָט ער געקראָגן אָן איינלאַדונג צום זיצן, אַ ציגאַר אָדער ציגאַרעט צום רויכערן, ערשט ווען אַלע זיינען שוין געזעסן, גערויכערט, האָט מר. דאָנערשטאָג גאַנץ ערנסט אַרויסגערעדט: איך וויל מיט אייך פאַרהאַנדלען אַ וויכטיקע אָנגעלעגנהייט. אַרויסגעזאָגט די ווערטער, האָט ער אַ קוק געטון אויף אַלעמען, זען וואָס פאַר אַ איינדרוק די „וויכטיקע אָנגעלעגנהייט״ האָט געמאַכט, אַלץ וואָס ער האָט געזען איז אַ מינע פון: זאָג, וועלן מיר הערן.

— ווייסט איר די טענדענץ פונם מאַרק היינט צו טאָג?

דער לערער פרעגט אַזעלכע מאָדנע פראַגעס אַז די תלמידים ווייסן ווירקלעך ניט וואָס געגנוי פרעגט ער, וואָס פאַר אַ ענטפער וויל ער. די טענדענץ פון מאַרק? און די ערנסטע, שטרייגגע לערער מינע פּאַסט גאָרניט צו אָט דעם בארנע פּנים, דעם גאַנץ קיילעכדיקן קאָפּ, די אויס־געהוילטע באַקן און דעם שפּיציקן קין מיטן גריבעלע — דער שפּיץ פון אַ באַרנע, דאָס שטעקל אַרויסגעשלעפּט. מר. האַטשיסאָן, גוט אַ קוק טוענדיק אויף דעם פּרעזידענט האָט אַפילו באַמערקט אַז אינם גריבעלע זיינען פאַרבליבן ניט אויסגעגאָלטע האָר און אים האָט זיך גאַר געגלוסט אויסשטרעקן די פינגער און מיט צוויי נעגל אַ צופּ טון. ער איז קאָמיש, אָט דער דאָנערשטאָג, מיט זיין אָנגעצויגענעם ערנסט. זאָג וואָס דו ווילסט!

מר. דאָנערשטאָג לאָזט טאַקע אַרונטער אַ ביסל פון זיין ערנסט, רעדט שוין ניט מעשה לערער, אַפילו ניט פּרעזידענט מעסיק, נאָר ווי אַ געשעפטס שותף.

— איך גלויב איר האָט אַלע באַמערקט אַז דער מאַרק בעסערט זיך. עס האָבן זיך באַוויזן קונים. אמת, דער קונה וויל איצט קויפן אויף זיין פּרייז, אָבער ער איז דאָ. דאָס איז זייער וויכטיק, דאָס מיינט אַז מ׳קען מאַכן געשעפט. מיר קענען קויפן, קויפן גוט, און אויך פאַרקויפן, אָבער מיר מוזן האָבן געלט. איז אַזוי, מיר האָבן געלט. — דער קוק אויף אַלעמען זאָגט: איר ווייסט דאָך אַז מיר האָבן געלט. — אָבער מיר קענען עס ניט רירן, מיר זייענען ערוב פאַר דעם געלט, קענען דערמיט ניט האַנדלען ווי מיר וואָלטן געוואָלט. איז מיר איינגעפאַלן אַטוואָס. מיר אָרגאַניזירן אַ צווייטע פירמע, אומאָפּהיינגיק, אַ געשעפטס פירמע, קויפן, פאַרקויפן, לאָמיר זאָגן די „וועסטערן ריעלטי קאָ.״, ניין, די וועסטערן טויג ניט, דאָסזעלבע וואָרט, איז אַן אַנדער נאָמען, ניט וויכטיק, שוין געפינען אַ נאָמען. די פירמע לייט געלט ביי דער וועסטערן טראָסט, פאַרשטייט זיך אויף פּראָצענט, יעדע הלואה פאַרזיכערט, ווי עס דאַרף צו זיין, אַלעס געזעצלעך. איר פאַרשטייט? און מיט דעם געלט... וואָס דיינקט איר וועגן דעם?

— דאָס געזעץ איז איצט זייער שטריינג אין די געשעפטן, — האָט האַטשינסאָן אַ זאָג געטון מיט אַ טאָן ווי איינער רעדט: דאָס אַלעס וואָס דו האָסט אויסגעטראַכט?

— דאָס געזעץ איז שטריינג? נו, איך וואָלט בעסער געוואָלט אַ שטרייגן געזעץ און אַ מילדן ריכטער איידער אַ מילדן געזעץ און אַ שטרייגן ריכטער. וואָס דיינקט איר מכח אַריינבעמען אַ ריכטער אין דעם געשעפט? ניט אָפיציעל פאַרשטייט זיך.

— אַ ריכטער?!

— נו, ניט געענוי איינעם וואָס זיצט שוין אויפן ביינקל. וואָס איז מכח ניקאָלסאָנען? — דער נייער איינפאַל האָט אים אזש אויפגעהייבן פון ביינקל, ער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט, זיך אָפּגעשטעלט, געוואָרט. — ער קריכט אויפן ריכטער שטול און, אויב איך פאַרשטיי עפּעס אין פּאָליטיק, וועט ער ארויפקריכן. מיר קריגן אים אַריין...

פּרעזידענט דאַנערשטאָג האָט געוווּנען. גלייך נאָך דער קאָנפערענץ האָט ער דורך זיין פּריוואַטן טעלעפאָן געררופן דעם אדוואָקאַט ניקאָלסאָן, אים געקראָגן, און גאַנץ העפלעך אים איינגעלאַדן עסן מיט אים אָוונט ברויט אין לוציאַנעס. אַ קליינע גרופּע, ער און נאָך צוויי פריינד זיינע, ניט מער. ניקאָלסאָן האָט זיך ניט געלאָזט בעטן. אַ צופרידענער איז מר. דאָנערשטאָג דאַן אַרויסגעגאַנגען צו זיין סעקרעטאַרין, געפרעגט צי עמיצער

האָט גערופן, געגעבן איר אינסטרוקציעס וואָס צו טון, צום אַלעם ערשטן אָפּרופן לוציאַנעס רעסטאָראַן און רעזערווירן אַ צימער פֿאַר פיר אויף זעקס דרייסיק, אויב עמיצער וועט רופן זאָגן ער וועט באַלד זיין צוריק. ער גייט אַרויס אויף אַ פּאָר מינוט. וועט באַלד זיין צוריק. אין איילעניש האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט.

— אַרויף! — האָט ער אַ געשריי געטון, און דער ליפט פירער, מיט דער האַנט אויף דער קליאַמקע, האָט געוואַרט ביז מר. דאָנערשטאָג איז צוגעלאָפן, זיך אַריינגעכאַפּט אין ליפט. — אַ דאַנק, — האָט ער אַ זאָג געטון צום פירער, דערביי געוואָרפן אַ קוק אויף די מיטפאָרער אין ליפט. דער „עלעווייטאָר באָי”, אַ מאַן פון אַ יאָר פופציק, האָט אַ שמייכל געטון, מיט צוויי שטאָק העכער אַרויסגעלאָזט מר. דאָנערשטאָגן, ניט פרעגנדיק אפילו אויף וועלכן שטאָק ער דאַרף. ער האָט שוין געוווסט מר. דאָנערשטאָג שטאַט אָפּ זיין וויזיט צו דער „וועסטערן נייעס אַגענטור”.

די וועסטערן נייעס אַגענטור האָט געלאָזט וויסן נייעס בלויז צו די קליענטן וואָס זיינען אינעווייניק אין איר לאָקאַל, און אריינקומען אַהין האָט מען בלויז געקענט ווען מ׳האָט אָנגעקלאַפּט אויף אַ געווויסן אופן. דערזעענדיק מר. דאָנערשטאָגן האָט דער טיר היטער אים אויף גיך אַריינגעלאָזט, און קוים אויף יענער זייט טיר, האָט מר. דאָנערשטאָג שוין געהערט נייעס: אַכטער געיעג אין אקווא קאַליענטע הויבט זיך באַלד אָן. אין געיעג לויפן: גליקליכער שטערן, לע מיזעראַבל, קאַוואַלקאַדע, פּליגלפוס...

די נייעס האָט זיך געטראָגן פון אַ מענטשלעכער קעל דאָ דערביי, געדוכט האָט זיך אָבער אַז דאָס קול קומט פון ערגעץ ווייט דורך אַ מיקראָפאָן, און ווען מ׳האָט שוין אפילו געזען דעם יונגעמאַן ווי ער רופט עס אויס די נייעס האָט זיך געוואָלט אַ קוק טון דעם יונגעמאַן אין האַלז אריין, זען ווו זיצט דאָרט ביי אים דאָס קליינע מעגאָפאָנדל וואָס גיט אַרויס אַזאַ שטימע. — מ׳פירט זיי אַרויס! מ׳פירט זיי אַרויס!

די מענטשן מיט די צייטונגען אין די הענט שטודירן נאָך אַלץ, זוכן דעם גליקלעכן פערד, איינער גיט נאָך אַן עצה דעם צווייטן: פאָלג מיך, איך האָב געקראָגן אַ גוטע אָנצוהערעניש, קאַוואַלקאַדע וועט היינט אריינקומען, וועסט שוין זען. מר. דאָנערשטאָג שטודירט ניט די צייטונגען, פרעגט קיין עצות. — אריעל און אפעליא לויפן? גוט. אַ פינפערל אויף יעדן. צום געווינען. — מר. דאָנערשטאָג האָט עפּעס אַ פאָרגעפיל אַז היינט וועלן „זיינע” פערד אריינקומען. אַ מזלדיקער טאָג.

— זיי האָבן זיך אַ לאָז געטון! — רופט אויס דער בחור מיטן מעגאפאָנדל אין האלז, און אַלע צייטונגס לייענער, אַלע עצה געבער דרייען אויס די העלזער צום מענטשן מיטן טעלעפאָן אויפנעמער אויף די אויערן...

אריעל און אפעליא זיינען אויך היינט ניט אַריינגעקומען. וואַרפט מר. דאָנערשטאָג אַ צעקנייטשט צענערל אויפן טאמבאנק, גיט עס אַ שאַר צו — דאָ האָט איר עס! — און נאָך איידער דער קאַסיר האָט צייט אויסגלייכן דאָס פּאַפּירל איז ער שוין ביי דער טיר.

אריינקומענדיק צו זיך אין קאַבינעט, דערזעענדיק זיין וויב דאָרט, האָט ער אַ זאָג געטון: העללאָ, בעלל! ווי קומסטו אַהער?

— וואָסי, איך טאָר שוין ניט קומען דיך זען?

ניט אַזאַ מזלדיקער טאָג. שמעקט מיט קריג. — ווער זאָגט עס דו טאָרסט ניט?

— אַ קשיה אויף אַ מעשה, אפשר דאַרף מען פריער אָפּרופן די סעקרעטארין דיינע, באשטימען די מינוט.

אויף דער סעקרעטארין האָט די מרס. דאָנערשטאָג אַ האַרץ, זי האָט פיינט אַ קוק טון אויף איר. זעלטן ווען זי קומט אין אָפיס צום מאַן און ווען זי קומט איז אָדער זי לויפט פאַרביי דעם פאָדער צימער אָדער זי גייט פאַרביי דעם צימער מיט אַזאַ מינע צו דער סעקרעטארין וואָס לאָזט איר וויסן: איבער מיר ביסטו ניט קיין באַלעבאָס, איך קום ווען איך וויל. פאַרבייגעגאַנגען היינט אויף אַזאַ מין אופן דעם פאָדער צימער, אריינ־געקומען אין קאַבינעט און ניט געטראָפן דעם מאַן, האָט זי פשוט ניט געקענט איינזיצן. אַרויסגיין פרעגן האָט איר ניט געפּאַסט, האָט יעדע מינוט געשטאַכן. נאָך גוט וואָס זי האָט לאַנג ניט געוואַרט, איר געמיט אָבער איז שוין געווען אַ קריגערישער.

— ווען קומסטו היינט אַהיים?

— היינט וועל איך קומען שפּעט.

— ווער איז עס היינט?

— ווען איך בין דו וואָלט איך געדונגען אַ פּריוואַטן דעטעקטיוו.

אַרויסגעזאָגט, האָט מר. דאָנערשטאָג זיך געגעבן אַ זעץ אָוועק ביים שרייב טיש און מיט ציטערנדיקע פינגער גענומען בלעטערן פּאַפּירן.

—וואָס אַזוי נערוועז? זע ווי דיינע פינגער ציטערן!

מר. דאָנערשטאָג האָט אַ פּאַטש געטון מיט דער האַנט אויף די פּאַפּירן, — דו קענסט יעדן איינעם מאַכן נערוועז! ווער איז עס היינט!

— דאַרפסט ניט שרייען, — האָט פרוי דאַנערשטאָג שטיל אַרויס־געזאָגט, וואַרפנדיק אַ קוק צו דער טיר. — איך האָב פשוט געפרעגט ווער איז דאָס היינט. אַ איינפאַכע פראַגע.

— איינפאַך, זייער איינפאַך, איז וואָס ווילסטו?

— איך וויל וויסן וואָס טוסטו היינט אָוונט?

—היינט אָוונט האָב איך אַ געשעפט צו פאַרהאַנדלען. גוט?

— זייער גוט. האָסט פאַרגעסן אַז דו האָסט בילעטן פאַר דער פרעמיערע „די בתולה פון בית לחם" און די בראַונס גייען מיט אונז, וואָס?

— די בתולה פון בית לחם? טאַקע פאַרגעסן. אויף מיין וואָרט, ווי אין טויט פאַרגעסן, — האָט ער שוין אַ שולדיקער אָבער אויך אַ פריילעכער געקוקט אויף זיין פרוי. — אָבער איך קען זיך ניט העלפן. איך האָב אַרויסגערופן אַ מענטשן פון סאַן פראַנציסקאָ און ער וועט דאָ באַלד זיין. אַ גרויסער מסחר. איך קען ניט העלפן. עס טוט מיר לייד,ווירקליך, עס טוט מיר לייד.

— פאַרשטייט זיך.

— ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן? איר גייט אין טעאַטער און לאָז פאַר מיר אַ בילעט אין קאַסע. איך וועל זען קומען. וועל אפשר זיין שפעט, אָבער איך וועל צוקומען. וואָס זאָגסטו?

— וואָס איז דאָ צו זאָגן? וועסט קומען וועסטו זיין. קענסט אפשר עפענען אָט די טיר פאַר מיר?

—געוויס, געוויס! — העפלעך, שוין מיט דער העפלעכקייט פון אַ קעלנער האָט ער געעפנט פאַר איר די טיר פון זיין פריוואַטן אַריינגאַנג, אָבער זי האָט דעם סערווילן סאַרווער אַפילו קיין שמייכל ניט געשיינקט.

פאַרמאַכט די טיר, איז מר. דאָנערשטאָג געבליבן שטיין, דעם קין אַרונטערגעלאָזט, די אונטערשטע ליפ האָט זיך געשפאַרט אויף אַרויף. — אַזוי. מע. — האָט ער צעפירט די הענט, צוגעגאַנגען צום שרייב טיש, זיך אַוועקגעזעצט, אַ פינגער געטון די פאַפירן, אַ שאַר געטון. וואָס האָט ער געוואָלט טון? ער האָט אריינגענומען דעם קין אין אַ פינגער רייפל, געצופּט דעם קין ביז די אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קאַרטל אונטער דער גלעזערנער דעק פון שרייב טיש. אַ. דזש. מק'דאָנאַלד, אַרכיטעקט. ער האָט אַליין גענומען דרייען דאָס טעלעפאָן רעדל און, קריגנדיק דעם אַרכיטעקט, אים געבעטן גלייך אַריבערקומען.

— אַ פיינע צייכענונג, אַ גוטער פלאַן, — האָט ער גערעדט צום

אַרכיטעקט מיט די אויגן אויף דער צייכענונג, — אָבער, פֿאַרשטייט איך מיך, — האָט ער געווענדעט זיין קוק שוין צום אַרכיטעקט, — איך וויל אַ הויז פֿאַר זיך, פֿאַר זיך אַליין! כאַפּט איר וואָס איך מיין?

אויפֿן אַרכיטעקטאָרס פּנים איז ניט געווען צו זען אַז ער האָט געכאַפּט וואָס מר. דאַנערשטאַג מיינט. האָט מר. דאַנערשטאַג גענומען דערקלערן:

— איך קויף הייזער, פֿאַרקויף הייזער, ניט אַלע מאָל זע איך דאָס הויז וואָס איך קויף אָדער פֿאַרקויף, און ווען איך זע עס זע איך עס אויך ניט, דאַרף עס ניט זען, אַלץ אין וואָס איך בין פֿאַראינטערעסירט איז וויפֿל וועט עס אַריינברענגען. דאָ אָבער וויל איך אַ הויז פֿאַר ז י ך. איך האָב אַ הויז, איר קענט דאָס הויז, אָבער איך קען עס ניט פֿאַרטראָגן, עס דערמאָנט מיר צופֿיל אָן אָט דער פּירעקיקער שטייג. דאָס איז עס! דאָס הויז מוז קודם זיין אַנדערש. זאָל עס זיין קיילעכיק, שפּיציק, אַבי ניט ווי אָט דאָס אָ. איך וואָלט געוואָלט אַ גרויסן, הויכן צימער, אַ דאָם, אַ קופּאָל, אָבער עס זאָל זיך דאָך ניט פֿילן ווי אין אַ קלויסטער אָדער אַ מוזעאום, עס זאָל זיך פֿילן היימיש. דאָ האָט איר אַ פּראָנט צימער. ווען איך זע דאָס קריג איך אַ גענזענע הויט, עס ווערט מיר קאַלט. די אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן, די מעבל. וואָס איך וויל איז ניט קיין פּראָנט צימער, איך דאַרף ניט די גאַס. איך וויל אַ הינטערשטן צימער, ניט קיין צימער, אַ פּאַטיאָ, אַ באַלקאָן איך זאָל קענען ליגן, קוקן אויף די בערג, זען דעם ים, אַ פּלאַץ, וווּ איך זאָל קענען ליגן, ו ו ע ל ן ליגן, כאַפּט איר וואָס איך מיין?

איך פֿאַרשטיי, איך פֿאַרשטיי. אַ דאָם, אַ קופּאָל און היימיש, אַ הויז אָן אַ פּראָנט און מיט אַ פּראָנט, דער פּראָנט זאָל זיין פֿון הינטן. אַ מאָדנער סטיל.

— עס איז אפֿשר ניט קיין סטיל, איך ווייס אפֿשר ניט וואָס איז סטיל, אָבער איך ווייס וואָס איך וויל. איך קען עס אפֿשר ניט אַרויסברענגען, אָבער איך ווייס וואָס איך וויל און איך האָף אַז איר כאַפּט שוין אויך וואָס איך מיין. ווילט איר פּרוּוון מאַכן נאָך אַ צייכענונג? אַ נייע צייכענונג, אָן אַנדערע? עפּעס אַנדערש. איך וועל באַצאָלן.

דער אַרכיטעקטאָר האָט צוגעזאָגט, אָװעקגעגאַנגען און נאָך איידער ער האָט פֿאַרמאַכט די טיר האָט זיך באַוויזן מר. הענדערסאָן.

מר. הענדערסאָן איז אויף אַזוי ווייט אַרונטערגעקראָכן פֿון „לייטער" אַז ער האָט זיך געמוזט נעמען צום פֿאַרקויפֿן זשורנאַלן און ווען מעגלעך אויך ביכער. מר. דאַנערשטאַג האָט אים אָבער נאָך געקענט ווען ער האָט געשריבן אַ טשעק אויף זעקס ציפֿערן, געהאַט פֿאַר אים אַ ביסל דרך ארץ

און אויך אַ געוויסע הנאה פון געבן אים צו לייזן אַ פּאָר דאָלאַר, אַט דעם יורד.

— אַה, העללאָ, הענדערסאָן! נו, ווי גייט עס?

— נישקשה ניט שלעכט, פּאַקטיש אַ סך בעסער. און וואָס הערט זיך ביי אייך?

— מ׳קען זיך ניט באַקלאָגן. געשעפט איז אַ סך, אַ סך בעסער. איר ווייסט, מר. הענדערסאָן, — דאָ האָט שוין מר. דאַנערשטאַג אַ דריי געטון זיין גאַנץ געזיכט צו זיין מיטשפּרעכער, — איך גלויב ווירקלעך אַז איצטער אַ וואָלט איר באַדאַרפט זיך צוריק נעמען צו די געשעפטן. דאָ אַ געלעגנהייט צו מאַכן געלט. איך מיין עס ערנסט.

פּאָר קיין געלט אין דער וועלט, מר. דאַנערשטאַג. איר זייט איבערראַשט? נו, צוריק מיט פינף יאָר וואָלט איך אפשר אויך געווען איבערראַשט, איך וואָלט עס פּשוט ניט געגלויבט, אָבער פינף יאָר איז אַ לאַנגע צייט און איך דיינק איך האָב אַ סך געלערנט אין די פינף יאָר. יעס סיר, מר. דאַנערשטאַג, אַ סך געלערנט.

שווער געווען צו זאָגן צי מר. דאַנערשטאַג האָט געגלויבט וואָס מר. הענדערסאָן האָט גערעדט. לויט זיין קוק האָט ער ניט אַזוי ניט געגלויבט ווי ניט פאַרשטאַנען וואָס דער מענטש רעדט, אָבער טאַקע דערפאַר איז ער געווען פאַראינטערעסירט, נייגעריק, און מר. הענדערסאָן האָט, אַ צופרידענער דערפון וואָס ער פאַרשטייט עפּעס און אַט דער „גרויסער געשעפטסמאַן״ דאָ פאַרשטייט ניט, גענומען זיך טיילן מיט זיין וויסן.

— איר ווייסט, מר. דאַנערשטאַג, ווען דער קראַך איז געקומען בין איך געווען אַ צעבראָכענער מענטש. ניט נאָר געבראָכן מאַטעריעל, נאָר טאַקע פּשוט פיזיש צעבראָכן. איך געדיינק דעם טאָג ווען איך האָב פאַרקויפט מיין ביקס. געהאַט אַ גוטן ווינטשעסטער. בין אַוועקגעגאַנגען צום געלט לייער און זי כלומרשט פאַרזעצט פאַר צען דאָלאַר. צען דאָלאַר פאַר אַ גוטן ווינטשעסטער! ווען איך בין ארויסגעגאַנגען פון דעם קרעמל מיט די צען דאָלאַר אין קעשענע האָב איך געפילט, נו, איך האָב געפילט ווי אַריינגיין צוריק צו דעם פאַרשוין, אים דערהרגענען, צעברעכן אַלץ וואָס דאָרט האָט זיך געפונען, צעוואָרפן, צעשמעטערן, איך האָב געפילט ווי צו מאָרדן, פאַרניכטן, און בלויז דערפאַר ווייל איך האָב פ א ר ק ו י פ ט די ביקס, זי ניט גענוצט אויף זיך אַליין, זיך אַליין ניט אַוועקגעהרגעט און פּטור. אָבער דערביי איז געווען אַ רעסטאָראַן און איך

בין ממש אריינגעלאָפן אַהין, אַריינגעשטעלט אַ גרויסן מאַלצייט, דעם ערשטן גרויסן מאַלצייט אין פיר טעג. עסנדיק, האָב איך זיך ערשט געכאַפּט וואָס פאַר אַ שוויין איך בין געווען, ניט געלאָפן גלייך אַהיים מיטן געלט, אָבער איך בין געווען הונגעריק, און איך האָב געעסן. ווען איך בין אָבער געקומען אַהיים בין איך אַוועקגעפאַלן אַ צעבראָכענער מענטש. יענער טאָג איז געווען מיין ערגסטער טאָג אין לעבן, און ווען איך טראַכט איצט, דיינק איך, אויך דער וויכטיקסטער טאָג. זעקס וואָכן צייט בין איך געליגן אין הויז, אַ נערוועזע חורבה, איך האָב געמיינט איך וועל פון זינען אַרונטער, און וואָלט זיכער געלאַנדעט אין אַ משוגעים הויז ווען ניט מיין ווייב. זי איז מיר ווירקלעך בייגעשטאַנען אין אַ שלעכטער שעה. איך בין דאָס איבערגעקומען, און ווען איך קוק זיך איצט אום אויף יענער צייט דיינק איך אַז דאָס בעסטע וואָס איך האָב ווען עס איז געטון איז וואָס איך האָב פאַרקויפט מיין ווינטשעסטער. ניט זעלבסטמאָרד, ניט דאָס, אָבער, איר פאַרשטייט, די ביקס דאָס איז געווען דער סימוואָל פון יאָגד, זיך יאָגן, יאָגן זיך נאָכן ווינט, נאָך רעגנבויגנס, יאָגן, יאָגן... און פון אָט דער יאָגעניש בין איך פטור געוואָרן. איצט האָב איך אַ הודקע. אין אַ זונטיק, אַ יום טוב, גיי איך אַרויס, זיץ שטונדן לאַנג און כאַפּ פיש, און עס איז ניט די פיש, עס איז דאָס זיצן, טראַכטן. יאָ, דאָס טראַכטן, איך האָב זיך אויסגעלערנט צו טראַכטן.

— און צו וואָס האָט איר זיך דערטראַכט?

מר. הענדערסאָן, וועלכער איז געווען אַזוי צופרידן מיטן אויסריידן זיך אַז ער האָט שוין כמעט פאַרגעסן ער רעדט צו עמיצן, האָט זיך איצט געכאַפּט אַז עמיצער הערט אים, הערט אים אָבער מיט פאַרשטאָפּטע אויערן. ער האָט אין זיך אַ שמייכל געטון איבער אָט דער פאַרשטאָפּטקייט און מיט אַ שטילן טאָן פון אַ וויסער וואָס באַדויערט דעם ניט וויסנדיקן געענטפערט:

— די שענסטע זאַך איז וואָס איך האָב אויסגעפינען אַז מ׳דאַרף זיך ניט דערטראַכטן. טראַכטן יאָ, אָבער ניט דערטראַכטן. פריער האָב איך זיך געמוזט דערטראַכטן צו עפּעס, פּלאַנעווען, דרייען, דורכפירן, קורץ — זיך יאָגן, מיט דער ביקס אויף יאגד. פיש כאַפּט מען אָבער זיצנדיק, שטייענדיק, רוענדיק, טראַכטנדיק, און עס איז די רו, דאָס טראַכטן וואָס שטעלט מיך צופרידן. וואָס איך טו איצט, איך מיין אויף צו מאַכן אַ לעבן איז ניט די אידעאַלסטע באַשעפטיקונג, ווייט ווייט ניט אידעאַל, אָבער, איר וועט מיר גלויבן, אפילו צו דער אַרבעט באַצי איך

זיך, איך וואָלט זאָגן, פילאָזאָפיש. פאַרקויף איך עמיצן אַ זשורנאַל אָדער ביכער — גוט, פאַרקויף ניט, איז אויך ניט אַזוי שלעכט. פאַקטיש האָב איך אַמאָל הנאה פון ניט פאַרקויפן אויך, ווען איך טראַכט נאָכדעם איבער וועגן דעם מענטשן וואָס האָט מיר אָפּגעזאָגט, זיין רייד, זיין מינע דערביי, זיין גאַנץ לעבן. די מייסטע קונים מיינע קען איך נאָך פון פריער...

— פונדעסטוועגן אַז מ׳פאַרקויפט יאָ פילט זיך אַביסל בעסער, וואָס?

— פאַרשטייט זיך. גאַנץ איינפאַך — איך דאַרף די פאָר דאָלאַר, אָבער...

— האָט איר עפּעס נייעס?

— דאָ אַ נייער זשורנאַל, אַ זשורנאַל, אַזוי צו זאָגן, פאַר מענער. זעט אויס צו זיין אַ גאַנץ ערנסטער זשורנאַל. וואָלט אים געוואָלט זען? דאָ...

— יאָ, זעט אויס ניט שלעכט. גוט, רעדט זיך דורך מיט מיס קריין, זי גיט שוין אַכטונג אויף די געשעפטן.

אַ קלאָרע אָנדייטונג דער געשפּרעך איז געענדיקט. מר. הענדערסאָן, זשורנאַל און פאָרטפעל אין איין האַנט, האָט זיך געזעגנט מיט מר. דאַנערשטאַג, אַרויסגעגאַנגען צו דער מיס קריין, ביי וועמען, ער האָט געוווּסט, ער וועט שוין קריגן אַן אבאָנימענט, און מר. דאַנערשטאַג האָט אים נאָכגעקוקט, נאָכגעטראַכט: אַ פאַרקויפערס פאַררעדע. אויפגעגעבן יאַגד, כאַפּט פיש. נו יאָ, געכאַפּט אַ פיש, דעם מר. דאַנערשטאַג. ניט קיין שלעכטע סטראַטעגיק. אַ גוטער פאַרקויפער. אים אפשר געדאַרפט אַריינעמען. ווען איך קום אַרויס מיט לשון: מר. הענדערסאָן! דאָ האָט איר פּופציק דאָלאַר אַ וואָך, געהאַלט, ניט קיין פּראָצענטן, און אַ באָנוס דערצו, אָבער, פאַרשטייט זיך, מיר דערוואַרטן איר זאָלט אַריינברענגען געשעפט, וואָלט ער זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט, וואָלט זיך נאָכגעיאָגט ניט נאָר נאָך אַ רעגנבויגן, נאָך אַ ט כ ו י ר וואָלט ער זיך נאָכגעיאָגט: אַלע יאָגן זיך. און אפשר... ער זעט אויס אַ ל ט. און איך בין, איך בין מיד, טויט מיד, גאָט ווייסט דעם אמת, מיד...

מר. דאַנערשטאַג האָט זיך אָנגעלענט אויף זיין דריי שטול, געצויגן פאַמעלעך דעם ציגאַר, געקוקט אין פענסטער. די דרויסנדיקע וועלט, די באַוועגונג דאָרט — אַ שטילע מוווי. קיינע רירנדיקע סצענעס, דער פילם ציט זיך, ציט זיך... און אינווייניק? אָט האָט האַטשינסאָן שוין געזאָגט זיין גוטן טאָג דער מיס קריין, פריינק האָט שוין פאַרהאַקט זיין שרייב טיש,

גייט שוין אויך אַוועק, די מיס קריין פּודערט שוין מסתם איר נעזל... אַוועקגעגאַנגען. אַלע אַוועקגעגאַנגען.

אַ טעלעפאָן קלונג האָט אַ טרען געטון די שטילקייט אינעווייניק. דער פילם אין דרויסן האָט זיך איבערגעריסן, אָפּגעהאַקט. מר. דאַ־נערשטאַגס האַנט האָט זיך אַ צי געטון צום געשעפטס טעלעפאָן, פאַרוווּנדערט אַ קוק געטון, זיך געכאַפּט דאָס קלינגט זיין פּריוואַטער טעלעפאָן. בלויז געציילטע מענטשן ווייסן דעם נומער, אין טעלעפאָן בוך איז ער ניטאָ. ווער?

— העללאָ! אָה, העללאָ, גרייס! נישקשה.. יאָ. ניין, איך מוז דאָ וואַרטן, איך וואַרט אויף אַ טעלעפאָן. נאָכדעם? נאָכדעם גייען מיר ערגעץ. ניט געזונט פאַרברייינגען. געשעפט. קען ניט העלפן. קען ניט קומען. ניין, איך קען ניט. אפשר שפּעט אין אָוונט. זיכער קען איך ניט זאָגן. איך קען ניט, גרייס, איך זאָג דיר, איך קען ניט, — מר. דאַנערשטאָג האָט אַ לייג געטון דעם ציגאַר, די פינגער האָבן נערוועז זיך גענומען וויגן, אַרום מויל האָט זיך געשניטן אַ פּאַראַכטונגס שמייכל. — אויב דו האָסט מיט ווּעמען אויסצוגיין דעם אָוונט גיי. האָסט געהערט וואָס איך האָב געזאָגט. יאָ. ניין, איך וועל ניט קומען. ניין. איך וועל דיר אָנקלינגען. גו... ביי...

— סוקע. מסתם איינגעלאַדן עמיצן, געוואָלט זיין זיכער איך וועל ניט אַריינפאַלן מיטן דרינען. כאַפּט עס... ווידער פּאַרלאַשן. פאַרדאַמט. ווי קומט שוין דער מייערס. ווי שפּעט איז. דאַרף שוין באַלד זיין. אפשר ניט געדאַרפט געוועזן אים רופן. ניט היינט. אַוועקגיין אַהיים, זיך אַוועקלייגן. די בתולה פון בית לחם, די בראַונס... מר. דאַנערשטאָג האָט ווידער אָנגעצונדן דעם ציגאַר, זיך אָפּגעלייגט אויף זיין דריי שטול. דער פילם אין דרויסן האָט זיך געצויגן פאַר די אויגן, זיך געצויגן, געצויגן, אויטאָמאָבילן, טראַמוואַיען, אַ פּאָליציסט מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס, אים אָנגעמען, אים אַרויפציען אין דער לופט, אַט אַזוי מיט די אויסגע־שטרעקטע אָרעמס אין דער לופט — קאָמיש, און מענטשן, מענטשן, מענטשן... די אויגן האָבן זיך צוגעמאַכט.

די דרויסנדיקע טומל כוואַליע האָט זיך אָנגעקלאַפּט אָן דעם ווערטי־קאַלן טונעל, דער טונעל איז געשטאַנען אַ ליידיקער, אַ אויסגעהוילטער, און אין דעם אויסגעהוילטן טונעל איז האַלב געליגן מר. דאַנערשטאָג, אַ מידער, אַ אויסגעהוילטער. דער ציגאַר, אַ אויסגעלאָשענער, האָט זיך אַרויסגעגליטשט, זיך אַרונטערגעקייקלט אויפן שטול און געפונען אַ מקום

מנוחה לעבן מר. דאַנערשטאַגס דיך, די ווענט, אויסגעצויגענע, העכער געוואָרענע — שטומע שומרים — זיינען געשטאַנען, געהיט, דער שרייב טיש, אַ פּאַרלאַזטער, איז איינגעשרומפּן, בלויז דער טעלעפאָן אַ פּאַר־טאַיעטער הונט, די מאָרדע אויסגעצויגן איז געליגן, געוואַרט, אַ שאָרך, און ער וועט אויפשפּרינגען.

דער פּאַרטאַיעטער הונט האָט זיך אַ צאַפּל געטון, אַ שרילער געביל האָט זיך צעשאָטן, צעשפּליטערט די שטילקייט. מר. דאַנערשטאַג האָט זיך ראַפּטאַם אַ וויג געטון מיט זיין שטול, אַ פאַל געטון צום שרייב טיש. — מייערס — האָט אַ שוועב געטון אַ געדאַנק, צוגעדעקט די צעשפּלי־טערטע שטילקייט, איין האַנט שוין געהאַלטן דאָס טעלעפאָן טרייבל, גלייכצייטיק האָט זיך ערגעץ אינעווייניק אַ צאַפּל געטון דאָס האַרץ, אַ וואָרף געטון, געקלאַפּט אָן דער ריפּן טיר, אָט אָט פאַלט עס אַרויס.

העללאָ! העל...

די צווייטע האַנט האָט אַ כאַפּ געטון די זייט, די האַנט פלאַך האָט געפּרעסט די זייט, די פינגער האָבן זיך געגראָבן אין ברוסט.

— העללאָ, העל...

ניט אַרויסלאָזן דאָס האַרץ. אָפּשטעלן דאָס קלאַפּן, דאָס וואַרפן זיך, אָפּשטעלן... עס האָט זיך אָפּגעשטעלט...

די ברוסט האָט זיך אַ קלאַפּ געטון אָן קאַנט פון שרייב טיש, דער קאָפּ איז געזונקען, דאָס טעלעפאָן טרייבל האָט זיך אַרויסגעגליטשט, בלויז די פינגער זיינען געבליבן רוען, פאַרגליווערט געוואָרן אויפן טעלעפאָן טרייבל.

אָט אַזוי האָט מען געפונען מר. דאַנערשטאַג.

ביים ברעג

ער האָט געאַנט, געפילט, געוווּסט אַז ער שטאַרבט, און אַט די געוויסקייט האָט אים געבראַכט רויקייט, די רויקייט פון אַ מענטשן וואָס וואַלגערט זיך שוין טעג אויפן וואָקזאַל, האָט שוין פאַרלוירן די אומגעדולד פון וואַרטן אויף דער באַן, אַ רויקער ליגט ער אויף זיין פּעקל: די באַן וועט קומען וועט מען אַוועקפאָרן, פּטור ווערן פון דעם וואָקזאַל, פון דעם... מאַרג.

יאָ, מאַרג איז דאָס ריכטיקע וואָרט. צוויי און דרייסיק מתים, ער אַריינגערעכנט. זיי ליגן נישט אויף שטיינערנע טישן, אויף בעטן ליגן זיי, און ניט נאַקעט, אַזוי אומפאַרשעמט טויט זיינען זיי נאָך ניט, אָבער מתים זיינען זיי, אויב אפילו זיי רירן זיך, ריידן אפילו.

— אויף נומער צוועלף דאָ אַ נייער פּאַרשוין.

— יאָ, געזען.

יענעם האָבן זיי געמוזט טראַנספּערירן אין אַן אַנדער מקום.

— יאָ, מ׳האָט אים אַרויפגעזעצט אויף דעם צוועלף זיבן און פערציק עקספּרעס.

— וואָס פאַר עקספּרעס?

— צוועלף זיבן און פערציק גייט אָפּ אַן עקספּרעס צוג פון דאַנען גלייך אין גן עדן, איר ווייסט גאָרניט?

— גייט שוין גייט, איר מיט אייערע וויצן.

— איך שפּאַס ניט. דאָ אַ דירעקטע ליניע פון דאַנען גלייך אין הימל. פרעגט וועמען איר ווילט וועט ער אייך זאָגן.

— נומער צוועלף איז ניט געווען אַזוי קראַנק. ערשט נעכטען האָט ער געהאַט אַ באַזוכער.

— אַזוי, אַ באַזוכער. זייט איר זיכער?

— הער אַ מעשה! איך האָב אים אַליין געזען, און איר האָט אים אויך געזען.

— ניין, איך האָב קיין באַזוכער ניט געזען.

— האָט איר ניט געזען ווי אַ מענטש איז אַריינגעקומען, געשטאַנען לעבן זיין בעט?

— געזען אַ מענטשן, אָבער דאָס איז ניט געווען קיין באַזוכער.

— וואָס מיינט איר?

אָט דער בעט שכן דערגייט אים די יאָר. טויב ווי די וואַנט, און רק ער רעדט.

— ווייזט אויס איר זייט ניט נאָר טויב, איר זייט בלינד אויך. אַ באַזוכער. האָט איר געזען ער זאָל האָבן געבראַכט עפּעס? אַ שאַכטל צוקערקעס, אַ פּעקל ציגאַרעטן, אַ... שוועבעלע?

— ניין, דאָס האָב איך ניט געזען.

— האָט איר אים געזען דערלאַנגען די האַנט? ניט געזען. דאָ האָט איר עס.

— סיי ווי, עמיצער איז געקומען אים זען!

— אוי, רבונו של עולם, עמיצער איז אים געקומען זען! נאָכן זעקל ביינער איז ער געקומען, פאַרשטייט איר שוין? ווען איינער האַלט ביים אויסציען די פּיס, זוכן זיי אויף אַ קרוב, אַ גואל, ער זאָל קומען צונעמען דאָס פּעקל פון זייערע הענט, זיי איינשפּאָרן זעקס פוס ערד, אַ טרונע אָדער גאָר געבן אַ חתימה אַז מ׳מעג פון אים שניידן שטיקער. איז ער געקומען, נאָר אַ פּאָר שעה צו פרי, נאָך ניט געווען שטייף... ער האָט אָבער לאַנג ניט געדאַרפט וואַרטן, אייער באַזוכער... באַזוכער! דעם ניין און צוואַנציקסטן ווערט פינף חדשים אַז איך בין דאָ אין דעם שטאַל, און אין דער גאַנצער צייט האָב איך נאָך ניט געזען דאָ קיין איין באַזוכער. „קאָונטי פאַרם״ — רופן זיי עס, אַ הינטאַרניע איז עס, אַ שטאַל וווּ מ׳קלייבט צענויף אַלע בלודנע הינט און קיין באַלעבאָס קומט ניט אַרויסנעמען זיין הונט, אים זוכן דאָ אפילו, דער איינציקער וואָס קומט איז דער... היצעל.

— גוט געזאָגט. בלודנע הינט. איר ווייסט, ווען אַ הונט האַלט ביים שטאַרבן פאַררוקט ער זיך אין זיין קאַנורע, אַ מענטש אָבער, ער וויל זען נאָך אַ מענטשן, אַ נאָענטן, עמיצער וואָס זאָל אים זאָגן אַ גוט וואָרט, דערלאַנגען די האַנט. ווען אַ געזונטער מענטש דערלאַנגט דיר די האַנט פילסטו אַז דו האָסט אַ פאַרבינדונג מיט דעם מענטשן, מיט דער וועלט, מיטן לעבן, דאָ, אַז קיינער קומט נישט, פילט מען אַז מ׳שטאַרבט אינגאַנצן,

אָבער טאָקע אינגאַנצן... איר כאַפּט וואָס איך מיין? דערלאַנגען די האַנט...

— יאָ יאָ, איך פאַרשטיי, האַלטן הענט... נו, פונמיינעטוועגן קענען זיי מיך האַלטן פאַרן פוס, קימערט מיך זייער שטאַרק.

דער טויבער יאָץ! ניט אויסצוהאַלטן פון אים. הענט האַלטן... ער האָט אים אין... ניט גוט פון אים, ווען ער זאָל כאָטש ניט ריידן אַזוי פיל. ער האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, ער וויל מער ניט ריידן, הערן. אויף דער זייט בעט אויך דאָ איינער. זאָל ער זיין. אים גייט עס ניט אָן, פון זיינעטוועגן איז ער ניטאָ, קיינער ניטאָ, גאָרניטאָ, דער דאָך, די ווענט, די בעטן — ניטאָ, גאָר ניטאָ, אַ חורבה, אַן אָפּגעברענטע חורבה, בערגלעך אַש ליגן, אונטער איין בערגל אַש טליעט נאָך אַ פונק, אין אַ צווייטן דאָס אויך ניטאָ, בלויז אַ ביסל וואַרימקייט געבליבן, אַ ווינטל טוט אַ בלאָז...

אַ פונק האָט זיך צעבלאָזן...

פּעט... פערצן יאָר אים שוין ניט געזען... יאָ, פערצן יאָר. וואַרט, ווען ער איז געווען ביי אים האָט ער געפּייערט זיין... זיבן און דרייסיק־סטן געבוירנטאָג. ריכטיק, דעם דריטן מערץ איז זיין געבוירנטאָג, דאָס מיינט ער איז שוין איצט איין און פופציק יאָר. איין און פופציק יאָר! אַ ווויל יינגל געווען. זיין ערשטער זון. אַ געזונט קינד געווען. מייבל האָט זיך באַקלאָגט ער בייסט איר די ברוסט. יאָ, מייבל, זי אויך געווען אַ געזונטע, אַ . . . ניין, ער האָט קיין פאַראיבל אויף איר, זי האָט אים אויפגעהאָדעוועט, דערצויגן זיינע קינדער, פּעטריק, דזשאהן, דזשוליא, אדעלייד. ניט קיין שלעכטע קינדער, ווי קינדער גייען... אַלע אויסגע־געבן, האָבן קינדער, ער — אַ זיידע... בלויז איין אייניקל האָט ער געזען — פּעט׳ס גווענדאלין. אַ מחיהדיק קינד . . .

— פאַרוואָס פאַרסטו אַוועק? פּאַ! זאָג דעם זיידן ער זאָל בלייבן דאָ!

— זיידע מוז אַוועקפאָרן...

יאָ, געמוזט אַוועקפאָרן. שוין געטרונקען, און פּעט האָט געדאַנקט גאָט וואָס דער טאַטע פאָרט אַוועק: אים פאַרשוואַרצט דאָס פּנים, אים ניט אָנגעשטאַנען אַ טאַטע אַ שכור. און ער איז געווען גערעכט. פּעט איז אַ גוטער זון. יאָ, ער איז אַ גוטער זון. ווען ער שרייבט אים איצט אָן אַ פּאָר ווערטער: דער טאַטע האַלט ביים שטאַרבן, קום! וואָלט ער געקומען? נאָך די אַלע יאָרן? יאָ, ער איז געקומען. פּאַ! אָט בין איך דאָ! נו, פּעט מיין זון, גוט האָסטו געטון וואָס דו ביסט געקומען. איידער איך

מאַך צו די אויגן דיך געוואָלט זען, דיר זאָגן: פּעט! ביסט אַ גוטער זון. און פּעט לייגט אַרויף זיין האַנט צון אים אויפן אַקסל...

— האָ? פּעט? מיין איך, פּיט? געבראַכט וועטשערע? נו...

— אַ גוטע וועטשערע היינט, — האָט פּיט, דער שפּיטאָל באַדינער, צוגעוואָרפן, אַוועקשטעלנדיק די טאַץ אויף לעסלים טישל. פאַרקנייטשנדיק איין אויג האָט ער רמאיש צוגעווונקען — אייער באַליבטער מאכל — אייריש סטיו״ — און אַוועקגעאײלט צום וועגעלע מיט די עס־טאַצן.

דער פּיט! אייריש סטיו. צי די „סטיו״ איז אייריש ווייסט ער ניט, אָבער דער פּיט איז זיכער אייריש, האָט דעם זאַפטיקן איירישן הומאָר, ער ווייסט גאַנץ גוט אַז ער, לעסלי, קען ניט אַרונטערשלינגען אַ ביסן, אָבער פּיט דאַרף ברייגגען עסן, דאָס איז זיין אַרבעט. און ער איז אַ ווילער מענטש, דער איינציקער מענטש אין גאַנצן מקום דאָ. יאָ, פּיט איז אָלרייט, פּאַקטיש דערמאָנט ער אים אָן פּעטן, בלויז אַ ביסל עלטער. אַ ביסל וואַסער אַ זופּ טון.

ער האָט אַ זופּ געטון אַ ביסל וואַסער, פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט געהערט זיינע צוויי בעט שכנים עסן און ער האָט נאָך שטאַרקער פאַר־קוועטשט די אויגן לעדלעך. ניין, ער דאַרף שוין ניט עסן, ער דאַרף... פּעט... פּיט, פּיט... פּעט...

— וואָס איז דער מער מיט דער סטיו?

פּיט — אַ באַלעבאָסטע, וועמעס מאכל האָט ניט אויסגענומען.

— די סטיו איז אָלרייט, פּיט, עס האָט טעם גן עדן.

— טאָ פאַרוואָס האָט איר ניט געגעסן?

— כ׳האָב געגעסן, פּיט, בנאמנות, געגעסן. איך האָב געגעסן מיט די... אויגן...

— גאָר אַזוי? נו, לאָמיך האָפן איר׳ט ניט קריגן קיין אויגן ווייטיק...

טייערער פּיט! וואָס וואָס, נאָך קיין וואָרט אין קעשענע דאַרף ער ניט קריכן. אויגן ווייטיק... גוט געזאָגט. אויגן, אויגן... — וואָרט, פּיט! איידער איר נעמט צו די טאַץ, העלפט מיר זיך אויפזעצן. אָט אַזוי. אַ דאַנק. אַזוי איז בעסער. אויגן ווייטיק, האָט איר געזאָגט? ניין, קיין אויגן ווייטיק וועל איך ניט קריגן, מיינע אויגן זיינען פּערפעקט, אָבער די ברילן... די ברילן טויגן ניט. — מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער אַרונטערגענומען די ברילן. בלויז איין אויער איז געווען אַ דראָטענער, דער צווייטער אויער איז געווען אַ שטריקל, ווי עס איז צוגעבונדן,

צוגעפעסטיקט. ער האָט איינגעלייגט דעם איינעם אויער, פאַרוויקלט דאָס שטריקל אַרום די ברילן — נעמט זיי!

— וו־אַ־ס...?

— נעמט זיי!

— אויב די ברילן טויגן ניט, טוט אַ רעד מיטן דאָקטאָר, זיי׳ן אייך געבן אַנדערע.

— ניין, איך דאַרף מער ניט קיין ברילן, מיינע אויגן זיינען אין בעסטן צושטאַנד, איך קען אויסקומען אָן ברילן, וויל איך זיי אייך אָוועקגעבן, האַלט זיי!

אין זיין לאַנגיאָריקער אַרבעט אין שפּיטאָלן האָט פּיט שוין געזען אַלערליי אויגן. אויגן — צוויי פּאָלירטע מירמעלעך, וואָס האָבן מיט מירמלשטיינערישער קאַלטקייט געקוקט דעם... טויט אין די אויגן און אים ניט געזען; צעשראָקענע, אויפגעריסענע אויגן ווי ביי אַ קאַץ אַנטקעגן דער ליכט פון אַן אָנפאָרנדיקן אויטאָמאָביל: איז דאָס דער מלאך המות? אַנט־לויף! אַנטלויף! און ניט אַנטלאָפן... אָבער דעמ׳ס אויגן! ניט וואָס זיי זיינען וואָסערדיק, דאָס קען מען זען ביי יעדן זקן, זיינע אויגן זיינען... צעקנייטשט! צעקנייטשט איז דאָס וואָרט. ער קען זען די פּעלבעלעך, וואָסער פּעלבעלעך, און אָט אָט רינען זיי אויס, בלייבן ניט. און אָט די אויגן קוקן, בעטן רחמים — נעם די ברילן! נעם! ער האָט פאַרזיכטיק אָנגענומען די ברילן, נאָך פאַרזיכטיקער זיי אַריינגעשטעקט אין דער אויבערשטער קעשענע פון ווייסן רעקל. — אַ דאַנק.

אַ דאַנק א י י ך! — האָט לעסלי אַרויסגעפּלאַצט, זיין ציטערנדיקע האַנט האָט זיך געצויגן צו פּיטן. פּיט האָט אָנגענומען די האַנט און לעסלי האָט געדריקט פּיטס האַנט, אַרויפגעלייגט זיין צווייטע האַנט אויף פּיטס האַנט, געפּעטשלט זי, געגלעט. — אַ שיינעם דאַנק. פּיט! איר זייט אַ גוטער פריינד! איך... איך... — די הענט האָבן זיך אָפּגעטיילט פון פּיטס האַנט, ציטערנדיקע זיינען זיי געקראָכן, איבער די באַקן, די אַנווייזנדיקע פינגער פוןביידע הענט האָבן דערגרייכט די אויגן, זיי אַ ווישׁ געטון אין די ווינקלען, די פּלייצע האָט זיך אַ וויג געטון, זיך אַ לייג געטון צו דער קישן, די אויגן האָבן זיך פאַרקלעמט, די ליפּן איבערן ציינלאָזן מויל האָבן זיך געקנייטשט, אָט זיך איינגעצויגן אויף אינעווייניק, אָט אַ בלאָז געטון אויף אַרויס.

— ער איז אַ פּאַרטיקער... — האָט פּיט שיר נישט אַרויסגעזאָגט אין

דער הויך, אַ נעם געטון די טאַץ און מיט אַ געאײלטן טראַט זיך אָפּגעטראָגן פון בעט.

ערשט ווען פּיט איז שוין ניט געווען אין צימער האָט לעסלי אָן עפן געטון די אויגן, אַ דין שפּעלטעלע, אַ דרײ געטון מיטן קאָפּ און צוריק פאַרמאַכט די אויגן. אַ שמייכל האָט געגומען שפּילן אַרום זײן מויל. פּיט־פּעט, פּעט־פּיט, פּעט... גוועגדאַלין... סאַראַ ליב קינד...

— זײדע! לאָמיר שפּילן פערד און וואָגן. דו'סט זײן דאָס פערד...

— און דו דער וואָגן.

— ניין, ניט דער וואָגן, איכ'ל פאָרן רײטנדיק.

— אָה! דו ווילסט פאָרן רײטנדיק אויפן זײדן! דאָס וואָס דו ווילסט? נו גוט. — און ער לאָזט זיך אַרונטער אויף די קני, אויף אַלע פיר.

— גיי, פערדעלע, גיי!

איר קערפּערל הויבט זיך, לאָזט זיך אַרונטער, אירע שײנקלען דריקן אים די זײטן, ער גייט, קריכט, דאָס בלוט טוט אים אַ זעץ אין פּנים, ער פאַלט צו צו דער ערד.

— שטיי אויף, פערדעלע! שטיי אויף! זי שמייסט אים, שלאָגט אים.

— גוועני טײערע, דאָס פערדעלע איז מיד, דאָס פערדעלע וויל שלאָפן. לאָמיר גיין שלאָפן, גוועני. יאָ? — און ער קערט זיך איבער אויפן זײט.

— דו, גוועני, גייסט אויך שלאָפן מיטן זײדן, יאָ? אָט אַזוי, לייג דײן קעפּעלע צום זײדנס קאָפּ, דײן בעקעלע צו מײן באַק, אָט אַזוי. טײערע גוועני. איצטער פאַרמאַך די אויגעלעך, אָט אַזוי, און שלאָף, דער זײדע גייט אויך שלאָפן, יאָ, דער זײדע גייט אויך שלאָפן, ער איז מיד, זייער מיד, און ער...

⁂

— ער איז געווען זאָל ער מיר מוחל זײן, אַ האַרטער פאַרשוין. ערשט נעכטן ליגן מיר אַזוי און מיר רײדן וועגן דעם אַז פאַר אַ קראַנקן מענטשן איז גוט אַז עמ'יצער קומט צו אים, אַ ווייב, אַ קרוב, אַ פרײנט, וואָס זאָגט אַ גוט וואָרט, דערלאַנגט די האַנט... „פונמיינעטוועגן", מאַכט ער, „קענען זיי מיר האַלטן מײן פוס". מיט די ווערטער: זיי קענען מיר האַלטן מײן פוס. יאָ, ער איז געווען אַ האַרטער מענטש, און איז אַוועקגעגאַנגען אײנס און צוויי.

— ווי אַלט איז ער געווען?

— אָה, ער איז ניט געווען זייער אַלט. געמוזט זײן אַ יאָר דרײ,

אפשר פיר און זיבעציק, ניט מער, און אפשר דאָס אויך ניט, אָבער, פאַרשטייט איר מיך, עס איז ניט די עלטער, עס איז דער גייסט, אויב איר זייט אין גוטן מוט, אויב איר פילט ווי צו לעבן... נעמט מיך. איך ביז שוין כמעט זיבן און זיבעציק, דעם זעקסטן אַפּריל ווערט מיר זיבן און זיבעציק, אָבער איך פּיל ניט די עלטער, מיין כלל איז — לעבעדיק! פריילעך! און דאָס העלפט. עס העלפט זייער אַ סך. וואָס דיינקט איר?

— יאָ, דאָס העלפט, — האָט דער נייער בעט שכן צוגעשטימט, כאָטש אים איז גאָרניט געווען אזוי פריילעך צו הערן אַז פון דער בעט האָט מען ערשט נעכטן, אפשר גאָר היינט פאַרטאָג, אַרונטערגענומען אַ טויטן מענטשן, און דער שכן זיינער, די פריילעכקייט אַליין, אַ האַלבער מת. אַן אויסזען דאָס האָט. און עס רעדט... קענטיק טויב, שרייט אַז מ׳קען... טויב ווערן.

— יאָ, דאָס העלפט זייער אַ סך, — האָט ער איבערגעחזרט, צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ, און צוגעגעבן — איר׳ט מיר אַנטשולדיקן, איך בין אַ ביסל מיד... די נסיעה פון שטאָט אַהער...

—אוודאי, אודאי...

ביידע האָבן צוגעמאַכט די אויגן. איבער דער פּאַלאַטע האָט זיך פאַרשפּרייט אַ גאז פון שווייגן, דורך דעם גאז האָבן זיך טונקל געזען די צוויי און דרייסיק בעטן, צוויי און דרייסיק שיפלעך אין אַ טומאַן, פון אָפּענעם ים שוין לאַנג צוריקגעפאָרן, צום ברעג אָבער ניט צוגעקומען, פאַרנעפּלט... ערשט ווען אַ כוואַליע טוט אַ שטויס, טוט זיך אַ שיפל אַ וויג — האָ? דער ברעג?...

רעגנבויגן

אַ זון־האָזליקל לויפט אַרום איבער זיין צימער, און דאָס גאַנצע צימער — אַ ליכטיקער ספּעקטאַקל.

וואָס ווייסן ז י י, די וואָס גייען אַרום, לויפן, האָווען, שמייען, וואָס ווייסן זיי פון דער זון? זיי זעען זי דאָך אפילו ניט, סיידן זי טוט זיי אַ ברען און זיי זוכן צו באַהאַלטן זיך פון איר. ז י י ן זון — ליכט, וואַרעמקייט, פרייד!

און וווּ איז דער פאַרטראַכטער פאַרנאַכט!

איבער די רוקנס פון די בערג אַ גאָלדענע ליניע, אַ סטעזשקע, נעם און לאָז זיך גיין אין... דער אומענדלעכקייט, און די בערג גופא, אָט גליען זיי מיט אַ טונקעלן ראָז, גייען איבער אין פורפור, רויך גרוי טוט זיך אַ שפּרייט, דאַן בלוי, ביז צו דער גאָלדענער ליניע. פאַרשווונדן די ליניע. ניטאָ. די זון האָט זיך מיישב געווען — גיין שלאָפן. נאַכט.

פינצטערע נאַכט, מרה שחורהדיקע מחשבות.

קראַנק זיין, ווייטיקן — מענטשלעכע אָנשיקענישן. אַ לייב רייסט דער קאָפּ פון ציין ווייטיק, לויפט ער אַריין צום לייב־דענטיסט: רייס! רייס אַרויס דעם צאָן, אַלע ציין, אַבי פּטור ווערן פונם ווייטיק. ווּעסט מיר מאַכן אַ נייעם מויל ציין, גוטע, בעסערע ציין, זיי זאָלן ניט ווי טון. אַ בער מיט אַ צעבראָכענעם פוס גייט אויף קוליעס. אַ עלפאַנט מיט ברילן אויפן נאָז. אַ טיגער מיט אַ ראַק אין מאָגן. קאָמיש. טאַקע ממש קאָמיש. קרענקען, ליידן — דער מענטשלעכער גורל, דער גורל פון דער שוואַכער דעגענערירטער חיה. די ווילדע חיה שטאַרבט אויך. אודאי. נאָר רב לייב גייט ניט צו רב בער'ס לוויה, אַ טיגער זעט אַמאָל אַ טויטן טיגער, דאָס הייסט אַ באַשעפעניש וואָס באַוועגט זיך ניט, רירט זיך ניט און שמעקט ניט ווי עס דאַרף צו זיין, אָבער אים גייט עס ניט אָן. ער וועט אויך אַמאָל אַזוי ליגן? אַמאָל! ער ווייסט ניט פון קיין אַמאָל. די ברכה פון בורות (ניט וויסן), בלויז דער מענטש ווייסט אַז ער שטאַרבט און,

ניט אויסגערעדט זאָל זיין, ער האָט מורא פאַרן טויט, ער קריינקט, ליידט און... היילט זיך. מיט זיין וויסן האָט ער אָבער זיך אויך דערוווסט פון כירורגיע און אנעסטעזיע; מאָרפין און אָפּיום צו שטילן ווייטיקן; באַקטעריעס און אַנטיביאָטיקס; ער האָט אפילו אויסגעטראַכט אַ גאָט און אומשטערבלעכקייט. טאָקע ניט מער ווי אויסגעטראַכט... איז וואָס? האָט ער דאָך אויך אויסגעטראַכט אַזאַ וואָרט ווי ליבע. וואָס איז „פאַללישע רעאַליטעט, סעקסועלער קאָנגרעס" אָן אָט דעם אויסגע־טראַכטן וואָרט? אַ קערפּערלעכע פונקציע ווי... בקיות. און בעטהאָווען האָט „אויסגעטראַכט" אַ קאָנטשערטאָ, און — נעענטער אַ ביסל — הירש גליק האָט „אויסגעטראַכט" זיין „זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג". און די נאַכט איז ניט די לעצטע נאַכט, ניט די אייביקע נאַכט, און זי איז גאַרניט אַזוי שוואַרץ, ווען מע ווייסט, אויב אַפילו אויסגעטראַכט, אַז ס'איז דאָ אַ מאָרגן.

פרימאָרגן.

יענע פרימאָרגנס זיינען פאַרגאַנגען, וועלן שוין מער ניט קומען. די אויגן עפענען זיך קוים, הענט און פיס ברעכן פון אַ נאַכט זיך דרייען אויף אַלע „זיבן זייטן", די אָפּענע אויגן זעען: אָט דערפאַר איז אים אַזוי שווער! ניט אומזיסט האָט אים אַזוי געצויגן דער רעכטער אַקסל. וואָלקן געמישט מיט נעבל קריכן, קלעטערן אויף די בערג. האַרטע, שטאָלצע בערג, וויכע קריכנדיקע וואָלקנס, און די קריכער זיינען גובר, אויף די קעפּ קריכן זיי אַרויף, ניטאָ מער קיין בערג, ברודיקע וואָלקנס פאַראייניקן זיך מיטן קויטיקן הימל, פון דעם קויטיקן הימל לאָזן זיך אַרונטער צו דער ערד וואַסער־גרויע רעגן־שטריק. וועלן זיי אַרויפציען די ערד צום הימל, וועט די ערד אַרונטערשלעפּן דעם הימל אין דער נידער?

— נו אַ רעגן, אַ מבול!

מבול.

„וארבות — און די פענצטער, השמים — פונם הימל, נפתחו — האָבן זיך געעפנט..."

וויפל יאָר שוין אין דעם אַז ער האָט עס געלייענט, ניין, געלערנט מיט אַ ניגון. דוקא די פענצטער, ניט די טירן אָדער די טויערן פון הימל, היינט איז, דוכט זיך, דער דנאָ פון הימל ארויסגעפאַלן. אַ מבול. דאָס וואַסער ביי די זייטן פון גאַס — ריטשקעס גאַנצע, זיך שוין אויסגעגלייכט מיטן טראָטואַר, זאָל כאָטש ניט אַריין אין שטוב. ניין, זיין תבה איז

זיכער, קיין וואַסער וועט ניט אַריין, זי וועט אויך ניט אַוועקשווימען און ער דאַרף אפילו ניט אַרויסשיקן קיין טויב. דער ראַדיאָ נייס ברייגגער: אַ גאַס רעגן האָט היינט איינדערפרי זיך אַרונטערגעלאָזט אויף דער שטאָט און הונדערטער מיילן אַרום, פון... ביז... וועגן זיינען פאַרפלייצט געוואָרן, די גאַסן אין די נידעריקע טיילן פון שטאָט זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָזערעס און טייכן, אויטאָמאָבילן זיינען געבליבן שטעקן, עראָפּלאַנען זיינען גרונטפעסטיקט געוואָרן, זיך ניט געקענט אויפהייבן. דערווייל איז קיין שאָדן ניט באַריכטעט געוואָרן, עס איז אָבער זיכער אַז דער ראַשיקער גאַס רעגן האָט אָנגעטון אַ סך שאָדן אויף די פעלדער. אין איינע דריי שעה איז אויסגעפאַלן צוויי צאָל רעגן. דער וועטער מאַן זאָגט אָבער צו אַז נאָכמיטיק וועט דער הימל זיך אויסלייטערן, כאָטש אין אָוונט, זאָגט ער, וועט ווידער רעגענען.

דער וועטער מאַן האָט, אין אַ נאָווינע, דאָך געטראָפן!

זון און וואָלקן אויף שטעך מעסער. דאָס זוניקע אויג האָט דורכגע־שטאָכן דעם וואָלקן. ניט קיין רויטאַפּל, ווי געוויינלעך, די פּופּילע — ווייס גאָלד, די איריס — רויך גרוי, און ניט קיילעכיק נאָר עפּעס צעפּאָרן. דאָ אַ שפּיץ, דאָרט אַ שפּיץ, דאָס אויג טוט אָבער אַ ווונק, דער ווינט הייבט אָן קערן דעם הימל, די פּופּילע ווערט גרעסער, שאַרפער, רויטער, די בלויע לינזע ווערט גרעסער און גרעסער. דאָ און דאָרט קריכט נאָך אַרויס אויף דער בלויער לינזע אַ וויס־גרויע וואָלקן־בעלמע, דער ווינט נעמט זי פלינק אַרונטער, און דאָס אויג לויכט, שיינט און וואַרעמט. דער שינדל דאַך אויף דער זייטיקער הויז וואַרעמט זיך אָנטקעגן דער זון אַז עס גייט אַזש אַ פּאַרע; די בערג שטייען ווידער מיט פאַררייסענע קעפּ, אויסגעצוואגן, אויסגעוואַשן: מיר האָבן גאָרניט צו טון מיט דעם ביסל ברודיקע וואָלקנס דאָרט אין טאָל, וואָס פּרוּוון זיך דראַפּען אויף די גלייכע ווענט, מיר זיינען בערג! בערג! דאָס ביסל וואָלקנס, גרוי־בלוי־אָפּגעלאָשן אייזן, אויף זיי הורבעס ווייסע וואָל, רוקן זיך, שפּאַרן זיך, קענען זיך קיין אָרט ניט געפינען, אַז ווו זיי זאָלן זיך ניט קערן שמייסט זיי די זון, טרייבט זיי דער ווינט. זון, ווינט און וואָלקן, און זע — אַ רעגנבויגן. אַ ר ע ג נ ב ו י ג ן! דאָס איז דאָך טאַקע די אמתע איריס פון דער זונס אויג. דער וועטער נביא האָט ניט געטראָפן. עס וועט שוין מער ניט רעגענען.

„. . . והיה — און עס וועט זיין, בעננִי — ווען איך וועל וואָלקענען, ענן — אַ וואָלקן, על הארץ — אויף דער ערד, ונראתה — וועט זיך

באַוויזן, הקשת — דער בויגן, בענן — אין דעם וואָלקן . . . און דאָס וואַסער וועט מער ניט ווערן אַ מבול אומצוברייננגען אַלע לייבער."

אַ רעגנבויגן! אַזוי שיין אַז . . . עס ווילט זיך אַ הייב טון, אַ פלי טון, זיך אַוועקשטעלן אויפן סאַמע מיט פון רעגנבויגן, פון דאָרט אַ קוק טון אויף דער ערד. ככ״ם, דאָס איז שוין אַ ביסעלע צופיל, מ׳קען נאָך קריגן קאָפּ שווינדל . . . אָבער ווער לאָזט אים ניט ליגן אויפן בעט און אַ ר ו י ס ק ו ק ן צום רעגנבויגן? אַ שיינע, ריינע, ניי־געבוירענע וועלט. גוט צו לעבן אויף דער וועלט, אײ, ווי גוט! אַזוי גוט, אַז ער קען שוין עסן, טרינקען און אפילו . . . פאַררויכערן.

דער וועטער נביא האָט י אַ געטראָפן. אויס רעגנבויגן, וואָלקן, וואָלקן, וואָלקן. ניטאָ קיין בערג, קיין הימל, קיין זון. גרוי. זאַק־גרוי. גראַפיט־גרוי, שוואַרץ־גרוי, אָונט, רעגן. ניט קיין גאַס רעגן ווי אײנדערפרי, די וואָלקן — אַ געדיכטע זיפּ, וואָס לאָזט דורך נאָר דיניַנקע, דינינקע רעגן גרייפּעלעך, ער הערט זיי אפילו ניט ווי זיי לאָזן זיך אַראָפּ אויפן דאַך, מער ניט, אין דער רינווע זשורעט און זשורעט. די רינווע — אַ פּייפל ביי רב גשם צווישן די ליפּן, און ער פייפט אויס אַ מאָנאָטאָנעם שלאָף ניגון.

— ווילסט עפּעס נעמען פאַרן שלאָפן?

— עפּעס נעמען ? איך וואָלט גענומען אַ גוט ביסל סקאָטש, „העיג און העיג".

— וואָס דיר קען איינפאַלן!

— איז ניט קיין סקאָטש, וואָס איז מכוח אַ גלעזל שאַמפּאַניער?

— אַ גיי, מאַך זיך ניט נאַריש. ווילסט נעמען אַ גלאָז מילך?

— נאַרישע מיידל, ווער מאַכט עס קידוש אויף מילך?

— קידוש! וואָס פאַר אַ יאָנטעוו אויף דיר?

—יום טוב איז ריכטיק. געוועזן אַ יום טוב, און עס קען אויך זיין אַ ליל טוב, אַלץ וואָס דו דאַרפסט טון דערצו איז מיר געבן אַ קוש . . .

— נאַריש ייִנגל . . .

זי האָט, פונדעסטוועגן, אַ קוש געטון דאָס נאַריש ייִנגל, ער האָט געענטפערט און נאָכדעם ייִנגליש־שטיפעריש אויסגעזונגען: אַ גוט־טע נאַ־כט!

יענע נאַכט, מיטן ניגון פון רעגן אין די אויערן, מיט דעם רעגנבויגן פאַר די אויגן, איז ער איינגעשלאָפן...

דער הונט

בין השמשות.

אין הימל האָט זיך שוין געפּיקט דער אָוונט־שטערן, אין דער לופט האָט זיך געוויגט די פאַרנאַכטיקע שטילקייט, אויף דער ערד האָבן זיך שוין געשפּרייט די נאַכטיקע שאָטנס, דער מענטש צווישן הימל און ערד — אויך אַ שאָטן, אַ סילועט, וואָס באַוועגט זיך קוים, וואַטאָווע טריט אויף אַ וואָלענער ערד, פונדעסטוועגן האָט ער ניט דערהערט, נאָר דערפילט אַז עמיצער, עפּעס גייט אים נאָך. ער האָט שאַרף אַ דריי געטון דעם קאָפּ, זיך אָפּגעשטעלט. מענטש און הונט האָבן זיך אָנגעקוקט.

דער הונט איז אים ניט געפעלן געוואָרן. ניט קיין בייזער הונט, דאָס האָט ער געזען. די מאָרדע אַ שפּיציקע, אַ שאַרפע, אָבער נישט קיין שלעכטע. מיט אַזאַ מאָרדע טאָרעט דער הונט די שאָף, העלפט דעם פאַסטוך האַלטן, פירן די טשערעדע, אַ פרידלעכער, פריינטלעכער הונט, דאָך איז ער אים ניט געפעלן געוואָרן. אַזאַ באַוואָקסענער! אַ בער ממש, און די האָר — רויט־ברוין, עפּעס ווי פאַרזשאַווערט, און ניט קיין איינצלנע האָר, נאָר פלעכטלעך, טראָלדן, מוז זיין געפּערלעך שמוציק. ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — גיי אַוועק!

דער הונט האָט זיך זייטיק אַ שאַר געטון, געבליבן שטיין, געקוקט דעם מענטשן אין די אויגן: ׳ט׳דיר ניט העלפן דיין טרייבן . . . און דער מענטש האָט זיך דערפילט הילפלאָז. האָט ער זיך אומגעדרייט און זיך געלאָזט גיין זייער פּאַמעלעך, אַזוי פּאַמעלעך, אַז דער הונט האָט קוים געקענט אָנהאַלטן אַזאַ גאַנג, ער איז אָבער נאָכגעגאַנגען.

וואָס אַרט עס דיך אַז דער הונט גייט נאָך? אַ הונט וואָס בילט בייסט ניט. ד ע ר הונט בילט נ י ט, אַ „פּאָטאַינער" הונט, שטילערהייט טוט ער אַ כאַפּ פאַר דער ליטקע . . . ביסט אַ טיפּש! האָסט׳אָך געזען — אַ „קאָללי", ער בייסט ניט. דאָס האָט דער ייד אין דיר מורא געקראָגן פאַרן הונט. אַ גוי וואָלט אים אַ גלעט געטון איבערן קאָפּ, גערעדט צו אים, זיך געשפּילט

מיט אים. אָנרירן אָט דעם שמוציקן הונט! ער איז שמוציק, אַזוי שמוציק, אַז . . . ער גייט נאָך אַלץ נאָך? זיך אָפּשטעלן, זען וואָס׳ט ער דאַן טון.

ע ר האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט דער הונט זיך אויך אָפּגעשטעלט. שטיל־שטאַנד. אַ פּאַרמעסט, ווער וועט פריער אויסשטיין . . . שמונה עשרה. ער קוקט ניט אויפן הונט, אויפן הימל קוקט ער, דריי שטערן זעט ער שוין. אפשר גאָר זיך אומקערן, גיין אַהיים? טויג ניט: דער הונט וועט נאָכגיין. אָבער אַזוי שטיין טויג אויך ניט. דער הונט האָט דערזען אַ בוים און אים האָט אַ צי געטון אַהין. אָט האָט ער אונטערגעהייבן אַ פיסל... גוט! פיין! ער האָט זיך ראַש אַ קער געטון און אויף גיך זיך געלאָזט גיין אויף צוריק, אַהיים! עטלעכע טריט, און ער האָט דערפילט אַז דער הונט לויפט אים נאָך. פאַרפאַלן. זאָל ער נאָכגיין. ער׳ט קומען אַהיים...

געקומען אַהיים, האָט ער זיך אַ ר י י נ ג ע כ אַ פּ ט אין שטוב, געשטאַנען, זיך איינגעהערט. ער האָט פאַרנומען אַ גראַבלען אין טיר, אַ: לאָז מיך אַריין!

וועגן אַריינלאָזן איז אָפּגערעדט. עפענען די טיר, אים אַוועקטרייבן? ניין. ער׳ט אַליין אַוועקגיין. גראַבלט שוין ניט. אַוועקגעגאַנגען? ער האָט פאַרשאַרט אַ פאָרהאַנג פון פענסטער, אַ קוק געטון אין איין זייט, דער צווייטער, ניטאָ. אַוועקגעגאַנגען מסתם. קענטיק אַ בלודנער הונט, פאַרלאָרן זיין באַלעבאָס. אפשר אים גאָר געדאַרפט נעמען: אַ הונט קען זיין אַ שומר, אַמאָל אפילו אַ גוטער חבר. ער האָט פיינט הינט! ברוך שפּטרני.

ער האָט אַ קוועטש געטון דאָס ליכט קנעפּל. די ליכט איז אויפגעשפרונגען, דער הונט איז אָפּגעשפרונגען, ניט געבליבן, גאָר ניט געווען קיין הונט, נאָר אַז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, אַ קוק געטון אויפן זייגערל, געזען ס׳איז צוועלף מינוט נאָך זיבן, אַ טראַכט געטון: האַרבסט, דער טאָג שוין קורץ און די נאַכט — אַ לאַנ—גע נאַכט . . . האָט ער מיט אַמאָל זיך אַ צאַפּל געטון, מורא געהאַט אַ קוק צו טון אָן דער זייט פון שטול: ער האָט ממש ג ע פ י ל ט אַז דאָרט ליגט דער הונט... נערוון. ער האָט אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבער די האָר. די האָר, גאַנץ געדיכט לויט זיין זיבן און פופציק יאָריקן עלטער, זיינען געווען גלאַט איינגעלייגט, די נערוון . . . ער האָט דערזען אַ בוך אויפן טיש, גענומען אים אין האַנט. די פאַרקנייטשטע בלאַט האָט געזאָגט: דאָ האַלטסטו, איצט לייען ווייטער. האָט ער גענומען לייענען. די אותיות — הינטישע אויגן, דאָס וואָרט — אַ שפּיציקע מאָרדע, די שורות — האָר־טראָלדן. ער האָט אַ לייג געטון דאָס בוך, אַ שפּאַן געטון אין צווייטן צימער, אין דער פינסטער אַ דריי

געטון אײן ראַדיאָ קנעפּל, בײ דער ליכט פון ראַדיאָ לעמפּל, גענומען דרײען אַ צװײט קנעפּל, צופירן דעם װײזער צו דער סטאַנציע „קמפּס", זײ שפּילן טאַקע רעקאָרדס, אָבער גוטע מוזיק.

אין דער מוזיק האָט דער הונט זיך ניט אַרײנגעמישט. שפּעטער, אין שלאָף, איז דער הונט יאָ געקומען, און אין חלום איז ער שוין גראָדע געװען אַ בײזער הונט, האָט געביסן . . . ער האָט זיך אַזש אױפגעכאַפּט מיט אַ געשרײ. — טפּוי זאָל עס װערן! — האָט ער אױסגעבײטלט אַלע בײזע חלומות צום הונטס קאָפּ, געפּרוּװט װידער אײנשלאָפן, ניט געקענט מער, איז ער געװען אין כעס אױפן הונט. פונדעסטװעגן, אַז די הױז פרױ איז געקומען אײנדערפרי אױפראַמען, צוגרײטן עסן, און זי האָט אים אַ פרעג געטון: װער איז ד ע ר הונט? האָט ער כלומרשט פאַרװונדערט געענטפערט מיט אַ פראַגע: װאָס׳ער הונט?

— דאָ לעבן הױז. עפּעס אַ שמוציקער הונט. מוז זײן אַ בלודנער. האָט ניט קײן בלעכל אױפן האַלז. ער געפעלט מיר ניט.

— איז װאָס האָט איר געטון?

— אים אַװעקגעטריבן!

— גוט געטון, — איז אַרױסגעקומען פון מױל און אין די אױגן האָט אױפגעשײנט אַ ספק שמײכל: ביסטו זיכער? א י ך בין נ י ט אַזױ זיכער.

די פרױ האָט, װי דער שטײגער, זיך גענומען צו דער אַרבעט, צוגרײטן עסן, אױפראַמען.

די פלײש שירײם, נאָך מיסט האָט זי אַרױסגעטראָגן, אַרײנגעלײגט אין מיסט־קאַן.

װען זי איז נאָכדעם אַרױסגעגאַנגען אין הױף אױפהײנגען אַ קאָלדרע זיך אױסלופטערן, האָט ער דערהערט אַז זי רעדט, שרײט אױף עמיצן. ער איז אַרױסגעגאַנגען.

— זעט װאָס ער האָט געטון, דער שמוציקער הונט!

ער האָט געזען. די מיסט־קאַן איז געליגן, דאָס מיסט פון אינעװײניק אַרױסגעשאַרט.

— זײט איר זיכער אַז דאָס האָט ער געטון?

— װער דען? איך האָב עס געטון! קוקט אומישנע, אָט אַ שטײט ער, דער שמוציקער הונט. אַװעק פון דאַנען! דו שמוציקער הונט!

דער הונט איז ניט נתפּעל געװאָרן פון אירע געשרײען, אפילו ניט פון אירע באַװעגונגען אים אַװעקצוטרײבן.

— ער מוז זיין הונגעריק.

— הונגעריק! זאָל ער גיין צו זיין באַלעבאָס, ניט זיך ריען אין מיסט־קאַנען, פֿאַרפֿאַסקודיען דעם הויף.

— איר האָט דאָך געזאָגט: אַ בלודנער הונט, האָט ניט קיין באַלעבאָס.

— איכ׳ל אים שוין געפֿינען אַ באַלעבאָס. איכ׳ל רופֿן די פּאָליציי, די שטאָטישע היצליעס. זיי׳לן אים שוין טון זיין רעכטס.

און זי האָט אַזוי געטון.

ער איז געזעסן און געהערט ווי זי האָט גערעדט, ניין, געשריען אין טעלעפֿאָן, די הינט כאַפּער זאָלן ג ל י י ך קומען און ער האָט געטראַכט פֿון בלודנע הינט אין אַ ציוויליזירטער געזעלשאַפֿט, וואָס פֿאַרטראָגט ניט אַזעלכע זאַכן. מענטשן טאָרן ניט בעטלען אין די גאַסן, סיידן זיי זיינען פּריווילעגירטע . . . קאַליקעס, געוועזענע סאָלדאַטן, און אויך זיי דאַרפֿן פֿאַרקויפֿן . . . בלייפֿעדלעך, שיך בענדלעך, סוחרים, הייסט עס, זאָל זיין אין אַ קליינעם פֿאָרמאַט . . . אָבער ניט קיין פּושט ביד, און דאָ קומט אַ הונט, אָן אַ בלעכל, און נעמט זיך די פּריווילעגיע בעטלען ביי דער מיסט קאַן . . . וואָס בעטלען! ער באַראַבעוועט זי! ווערן די געזעץ היטער, די היצליעס, טאַקע קומען נאָך אים?

זיי זיינען געקומען. די פֿרוי איז אַרויסגעגאַנגען צו זיי, ער איז נאָכגעגאַנגען ווי אַ קינד נאָך דערוואַקסענע, נייגעריק צו זען, הערן. ער האָט געהערט:

— ער איז געווען אָט דאָ אין הויף בעת איך האָב אייך גערופֿן!

— איז עס אַ „קאָללי״, מיט זשאַוור קאָליר האָר?

— זשאַוור, איז ריכטיק. ער איז אינגאַנצן אַ פֿאַרזשאַווערטער. אַזאַ שמוציקער הונט.

— דאָס איז אמת, שמוציק איז ער, ער איז אָבער אויך קלוג.

— קלו־ג!

—מאַ־דאַם! איר זייט די זעקסטע פֿרוי, וואָס האָט אונדז שוין גערופֿן כאַפּן אָט דעם הונט, אָבער ער איז אַזוי פֿאַרדאַמט קלוג, אַז ווי נאָר ער דערזעט אונדז, ער דערשמעקט דעם וואָגן, אַנטלויפֿט ער ווי אַ האָז, ווי אַ . . . הירש.

— קענט איר אים ניט כאַפּן? — האָט די פֿרוי געפֿרעגט, און איר טאָן: שיינע היצליעס זענט איר!

— איך זאָג דאָך אייך, ער לויפֿט ווי אַ האָז . . .

— קענט איר אים ניט שיסן?

— הם . . . יאָ, מיר וואָלטן געקענט, אָבער דאָס געזעץ דערלויבט נישט. מ׳קען שיסן אויפֿן הונט און טרעפֿן אַ מענטשן, אַ פֿאַרבייגייער. ניין, דאָס קענען מיר ניט טון. אָבער מיר׳ן אים פּאַקן. איר זאָלט זיך נאָר ניט זאָרגן. מיר׳ן אים שוין כאַפּן, און איר קענט אונדז אַרויסהעלפֿן. יאָ, איר קענט העלפֿן. נאָכאַמאָל, אַז ער׳ט קומען, טרייבט אים ניט אַוועק, אדרבה, גיט אים עסן, פֿאַרנאַרט אים אַהער אָ, אין פּאָדער־הייזל, האַלט אים, ד ע מ ל ט קלינגט אונדז אָן.

דעם היצעל איז אַזוי געפֿעלן געוואָרן זיין סטראַטעגיע, אַז ער האָט אַ שמייכלענדיקער געקוקט אויף דער פֿרוי: ווי געפֿעלט דיר מיין איינפֿאַל?

דער פּרויס קוק — ביסט אַ בריה. אַז איכ׳ל האַלטן דעם הונט וועסטו אים כאַפּן, פֿונדעסטוועגן האָט זי צוגעזאָגט אַז זי וועט עס טון.

דער היצעל האָט אַ זאָג געטון: טוט עס! נאָכאַמאָל אַז מיר׳ן קומען, וועלן מיר שוין מיט ליידיקן ניט אַוועקפֿאָרן. ער האָט אַ שמייכל געטון, געזאָגט אַ גוטן טאָג און אַוועקגעפֿאָרן.

— שיינע הינט־שלעגער! — האָט די פֿרוי קאָמענטירט. דער מאַן האָט אַ שמייכל געטון. ווען דער הונט קומט איצטער צו וואָלט ער אים אַ גלעט געטון: קלוגער חברה מאַן!

דער הונט איז ניט געקומען. אַ טאָג, צוויי, אַ וואָך, צוויי וואָכן — ניטאָ דער הונט. די ערשטע עטלעכע טעג, ביים אַרויסגיין אויף זיין פֿאַרנאַכטיקן שפּאַציר, האָט ער זיך נאָך אומגעקוקט, אפֿשר גייט ער אים נאָך, נאָכדעם האָט ער שוין אפֿילו דאָס אויך ניט געטון, ער האָט שוין פֿאַרגעסן אינם הונט, ביז איין פֿאַרנאַכט.

דעם גאַנצן טאָג האָט ער געפֿילט ניט אַזוי גוט, פֿונדעסטוועגן האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אויף זיין פֿאַרנאַכטיקן שפּאַציר, וואָס איז אין משך פֿון יאָרן געוואָרן ביי אים אַ מין ריטואַל. דוקא גייענדיק, אמת זייער פֿאַמעלעך, האָט ער אין דער בין השמשותדיקער ליכט, אין דער שטילקייט, דערפֿילט זיך ווי אַ טייל פֿון דער וועלט, זיך מתיחד געווען מיט איר, דערפֿאַר האָט דער מינדסטער שאָרך געקענט שטערן זיין יחידות מיט דער וועלט, און ער איז געווען אַזוי סענסיטיוו אַז ער האָט געקענט דערהערן, ניין, דערפֿילן אַז אַ בלעטל איז דאָ ניט ווייט אַרונטערגעפֿאַלן פֿון אַ צווייג. דערפֿילט אַז „עפּעס" גייט אים נאָך, האָט ער זיך אַ צאַפּל געטון, אַ מחשבה איז דורכגעפֿלויגן: דער הונט! פֿונדעסטוועגן, אַז ער האָט זיך אַ דריי געטון, דערזען אים, איז ער פֿאַרחידושט געוואָרן: ווידער געקומען? ער האָט זיך דערמאָנט אָנ׳ם הונטס חכמה, ווי ער האָט איבערגעקליגט די

היצליעס, אָבער אַנשטאָט אים צורופן, אים אַ גלעט טון: ביסט אַ קלוגער חברה מאַן, האָט ער געקוקט אויף אים און געטראַכט: איז ער טאַקע אַזוי קלוג? האָט ער אים דערקענט? קען זיין אַז מיטן נאָז האָט ער אים דערקענט, דערשמעקט דעם זעלבן גערוך, האָט ער אים אויך דערקענט מיטן „קאָפּ“? האָט ער אים דערקענט ווי דער מענטש, וואָס האָט גערופן די היצליעס, כאָטש גערופן האָט ניט ער, און וויל ער דאָס איצט זיך אויסטענהן, זיך אָפּרעכענען מיט אים?

פון דעם הונטס שטיין, פון זיינער אַ באַוועגונג מיט דער מאָרדע, האָט ער גאָרניט געקענט אַרויסנעמען, נאָך טונקעלער איז געווען פאַר אים די נ י ט־באַוועגונג פונם הונטס עק. איז דאָס אַ סימן פון שנאה? פון...?

צי דער הונט איז געווען פריינטלעך אָדער פיינטלעך, ער צום הונט איז זיכער געווען פריינטלעך. „נאָכאַמאָל, אַז דער הונט וועט קומען, נאַרט אים אַריין און לאָזט אונדז וויסן“. ניין, ער האָט ניט בדעה אים פאַרטרייבן, אָבער אויך ניט פאַרנאַרן, און אודאי ניט רופן די הינט־שלעגער. ער'ט אים נאָכגיין? זאָל ער. אדרבה...

ער איז געקומען צום הויז, איז ער ניט אַריינגעגאַנגען דורך דער פאָדערשטער טיר. ער האָט אַריינגעלאָזט דעם הונט אין הויף, אַליין אַריין אין שטוב דורך דער הינטערשטער טיר, אין קיך אַריין. די ווייסע טיר פונ'ם קעלטער האָט אַ בלענד געטון פאַר די אויגן. האָט ער געעפנט די טיר און, ביי דער שיין פונם קליינעם לעמפּל אינעווייניק, געפונען אַ שטיקל פלייש, אַ קאַרטאָפליע, וואָס נאָך? ברויט. ער האָט פאַרמאַכט דעם קעלטער, געעפנט די שאַפע, וואו דער ברויט איז געליגן. צוזאַמענגעשטעלט דעם מאָלצייט, האָט ער אים אַרויסגעטראָגן און ניט אַ וואָרף געטון, נאָר אַוועק־געלייגט אויף דער ערד, אָנגעוויזן מיט דער האַנט: דאָס איז פאַר דיר, אָדער גאָר: גיי צום טיש...

אַ קנאַק מיט די ציין, און דער טיש... איז געווען אָפּגערייניקט, די פאַרריסענע מאָרדע האָט געפרעגט: האָסט נאָך? מער קיין עסן האָט ער ניט געהאַט פאַרן הונט, האָט ער אים אָנגעוויזן אויפן גראָז — אָפּגעגעסן, איצט לייג זיך שלאָפן. דער הונט האָט אַ שמעק געטון דאָס גראָז, אַ שאַר געטון מיט איין לאַפּע, אַ קוק געטון: ניטאָ דאָרטן גאָרניט, הייסט עס. האָט דער מענטש אַ שמייכל געטון: שכל האָסטו, נאָר צוזאַמענגריידן זיך מיט דיר איז ניט אַזוי גרינג. מילא. ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — האָב מיר אַ גוטן, אַריין אין שטוב און פאַרקייטלט די טיר.

ער איז געזעסן אין דער פינסטער און געטראַכט: אַ הונט האָט שכל,

דאָס איז קלאָר. ער דערקענט זאַכן, מענטשן, דאָס מיינט ער געדיינקט. נו, יאָ, ער דערשמעקט, אָבער זיין באַלעבאָס דערקענט ער שוין ניט דווקא לויטן גערוך. ער האָט געלייענט וועגן געטריישאַפֿט פֿון הינט צו זייערע באַלעבאַטים, צו קינדער, ער האָט אפילו געלייענט ווי אַ הונט איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד נאָך דעם ווי זיין באַלעבאָס איז געשטאָרבן. נו, דאָס איז שוין „ליטעראַטור" . . . אָבער אַז ער זאָל פֿילן דעם באַלעבאָס' אָפּוועזנהייט, דאָס לייגט זיך שוין יאָ אויפֿן שכל, מיטן באַלעבאָס איז דאָך פֿאַרבונדן עסן... קען דער הונט מאַכן אַ פֿאַרבינדונג? פֿאַוולאָווס הונט האָט יאָ געקענט. פֿאַוולאָווס הונט. קען ד ע ר הונט מאַכן אַ פֿאַרבינדונג, פֿאַר־בינדן ד ע ם הויף מיט די היצליעס? זעט אויס אַז ניט. אַי פֿאַוולאָוו? נו יאָ, מיט שווערער האָרעוואַניע איז אים געלונגען צו שאַפֿן אַ. . . רעפֿלעקס. זיינען געקומען חכמים און איבערגעטראָגן אָט דעם רעפֿלעקס אפילו אויפֿן מענטשן, אָבער אָט די חכמים זיינען, במחילה, גרויסע טפּשים. מיר קענען געדיינקען „מיטן מאָגן" ווען עס איז צייט צו עסן נאָר פֿאַרוואָס און ווי אַזוי, האָט ער זיך, אָט איצטער אָ, דערמאָנט אין שייע מיכל כאַסיעס? יאָ, געלייענט אַ ביסל וועגן דעם, כלומרשט וויסנשאַפֿטלעכע ביכער, אָבער, אין תוך, אויך ליטעראַטור . . . „מיר געדיינקען דאָס גוטע, פֿאַרגעסן דאָס שלעכטע". פֿאַלש, רב פֿרויד. אַ גוט וואָרט פֿאַרגעסן מיר, זאָל אָבער עמיצער זאָגן אַ שלעכט וואָרט, וועלן מיר עס געדיינקען ביזן טויט אַריין. „אַ פּאַטש פֿאַרגייט, אַ וואָרט באַשטייט". אָבער אויך דעם „פּאַטש" גע־דיינקען מיר. ביז היינט צו טאָג געדיינקט ער ווי דעם ערשטן טאָג פּסח איז ער אַרויסגעגאַנגען שפּילן אין ניס, נאָכן שפּילן האָט מען זיך צעריסן, און שימציע ביק, אַזוי האָט מען אים גערופֿן, האָט אים אָפּגעריסן אַ קעשענע פֿונם נייעם גאַרניטור. ניט נאָר דאָס, צוליב אָט דער אָפּגעריסע־נער קעשענע געדיינקט ער דווקא יענעם פּסח פֿון אַ יאָר פֿופֿציק צוריק. דאָס געדיינקט ער, אָבער וואָס ער האָט געגעסן אייערנעכטן געדיינקט ער ניט. איז ווי געדיינקט עס אַ מענטש? וואָס איז דאָס פֿאַר פּראָצעס? ווי „אַרבעט עס"? אויף דער עלטער געדיינקט מען די קינדהייט, גירסא דינקותא לא משתכחי, טאָ פֿאַרוואָס האָט ער פֿאַרגעסן „זאָגן" אשרי, ער, וואָס האָט געקענט דאָס דאַוונען אויסווייניק צו זעקס יאָר?

ווערטלעך דאַרף מען ניט נעמען ווערטערלעך און טעאָריעס זיינען ניט קיין תורת משה. ספּעקולאַציעס. וואָס זאָגט די לאַבאָראַטאָריע?

די לאַבאָראַטאָריע?

עלעקטראָענסעפֿאַלאָגראַף. ער האָט עס קיינמאָל ניט געזען, ער איז

זיך אָבער משער, עפּעס ענלעכעס צום קאַרדיאָגראַף. אַ קאַרדיאָגראַם האָט ער יאָ געזען. טאַקע פון זיין אייגענעם האַרץ. דער דאָקטאָר איז געווען פריינטלעך געגנוג אים דאָס ווייזן. האָט ער געקוקט: ליניעס, פּלאַכע, שפּי־ציקע, פונזיינעטוועגן האָט עס געקענט זיין אַ דיאַגראַם פון בערג און טאָלן, אָדער גאָר די ניו יאָרקער הימל־קראַצער־ליניע. ער האָט עס געזאָגט דעם דאָקטאָר. האָט יענער אַ שמייכל געטון: עס איז פון אייער האַרץ, און עס ווייזט אַז אייער האַרץ איז נאָרמאַל, דאָס בלוט קורסירט נאָרמאַל. זאָל אָבער זיין אַ שטערונג, לאָמיר זאָגן, קאָראָנאַרי טראָמבאָזיס . . . וואָס עס מיינט? עס פאָרמירט זיך אַ בלוט־קנופּ אין דער קאָראָנאַרי, דאָס בלוט דאַרף „אַרומגיין דעם קנופּ", דעמלט וועט דער קאַרדיאָגראַם זיין אַ גאַנץ אַנדערער. פאַרשטייט זיך, אַ קאַרדיאָגראַם דאַרף מען קענען לייענען.

דאָס האָט שוין געזאָגט דער תלמיד חכם דעם הדיוט . . .

ער האָט שוין מער ניט געפרעגט. ער איז דאָך ניט געקומען צום דאָקטאָר לערנען דאָקטאָריע. ער איז זיך משער אַז אויפן זעלבן אופן דער־קלערט דער פּסיכיאַטאָר דעם סעפּאַלאָגראַם, אָדער דעם פּסיכאָגראַם, צי דעם פּסיכאָ־מעטער, אויב עס זיינען שוין דאָ אַזעלכע „מאַשינקעס", אַזאַ און אַזאַ ליניע מיינט עס דער געדאַנק לויפט נאָרמאַל. אָבער וואָס פאַר אַ „פליסיקייט" איז עס אַט דער געדאַנק? און וואָס איז נאָרמאַל?

„געדאַנקען־כוואַליעס, מאַרך־שטורם".

איינשטיין זיצט און טראַכט וועגן דער פאַראייניקטער עלעקטראָמאַג־נעטישער פעלד טעאָריע און אַ מאַרקעס פאַרקויפער זיצט און פאַרקויפט מאַרקעס, ביידע טוען זייער נאָרמאַלע אַרבעט און זייערע געדאַנקען לויפן נאָרמאַל; אָדער, איינשטיינען איז „איינגעפאַלן" די ענערגיע־מאַטעריע פאָרמולע $E=MC^2$ און אַ קאַרטיאָזשניק איז איינגעפאַלן אַ נייער אופן ווי צו מאַכן אַ פּעקל, ביי ביידן, הייסט עס, איז פאָרגעקומען אַ „מאַרך־שטורם". לעכערלעך. און יאָ, האָט דער איינפאַל געבראַכט דעם שטורם, אָדער דער שטורם האָט גורם געווען דעם איינפאַל? די אַלטע מעשה, דאָס איי און די הון . . .

וועגן דעם „קאָפּ", דעם „אַלץ־וויסער" ווייסט מען אַזוי ווייניק, אָבער דער זעלבער קאָפּ האָט זיך שוין דערוווסט אַ סך זאַכן. ניט נאָר זיך דערוווסט, נאָר טאַקע אויפגעטון, געשאַפן אַ מאַשין, וואָס ניט נאָר מאַכט זי קאָמפּליצירטע חשבונות אַ סך שנעלער ווי דער מענטש מיט זיין מאַרך, נאָר זי געדיינקט אפילו. אַ מאַשין מיט אַ זכרון! נו יאָ, דעם זכרון האָט דער מענטש אַליין אַריינגעבויט אין דער מאַשין, ער ווייסט וועלך קנעפּל

ער דאַרף אַ קוועטש טון אַרויסצורופן דעם זכרון. ווו איז דאָס „קנעפּל״ ביים מענטשן, ווער, וואָס טוט עס אַ קוועטש? ד י „מאַשין״ איז אַ ביסעלע צו קאָמפּליצירט, אפשר טאַקע דערפאַר אַזוי פיל „מאַשיניסטן״ — פּסיכאָ־לאָגן, פיזיאָלאָגן, ביאָלאָגן, פיזיקער, כעמיקער, און וואָס? ממשותדיקס! אָה, מ׳האָט אויפגעטון אַ סך זאַכן, די אַלע וואַקסינען, די אַנטיביאָטיקס, באַזייטיקט אַזוי פיל פּלאָגן, און מ׳וועט נאָך אויסגעפינען אַ סך זאַכן, אָבער אַז מ׳וועט שוין אויסגעפינען אַ רפואה פאַר יעדער מכה, וועט מען פּטור ווערן פון דער מכת מות? און אַז מ׳וועט שוין אין דער לאַבאָראַטאָריע שאַפן לעבן, וועט מען אָפּשאַפן דעם טויט?

אָפּשאַפן טויט? ניין, דאָס ניט. מ׳דאַרף עס גאָרניט אָפּשאַפן. אייביק לעבן?

שרעקלעך אפילו צו טראַכטן. ביליאָנען, טריליאָנען מענטשן . . . שטאַרבן מ ו ז מען. יאָ, י ע נ ע ר! איך . . .

איך וויל אויך ניט לעבן אייביק, אפילו ניט די טראַדיציאָנעלע יידישע הונדערט און צוואַנציק, איינגיין אויף אַ ביסל ווינציקער . . . איך וויל נאָר ניט שטאַרבן פּ אַ מ ע ל ע ך, קריינקען. אויב ניט אַרויסגיין הינטערן שטאָט, זיך אַוועקזעצן אויף אַ שטיין און ניט אויפשטיין, איז זיך אַריינלייגן אין בעט, אַנשלאָפן ווערן . . .

און ווען זאָל עס פּאַסירן?

פאַרשטייט זיך, ניט היינט . . .

נו יאָ, ניט היינט און ניט מאָרגן, און ניט . . . היפּאָקריט!

„דער קמצן, וויפל גאָלד ער זאָל ניט פאַרמאָגן,
האָט נאָך אַלץ מורא ער׳ט שטאַרבן אַן אָרימאַן;
דער חולה, ווי אַלט און קראַנק ער זאָל ניט זיין,
האָט נאָך אַלץ מורא ער׳ט שטאַרבן אַ יונגערמאַן״.

ניין, ער האָט ניט מורא.

נאָר וואָס?

עס טראַכט זיך.

טפּש! ווילסט עס אַלץ אויסטראַכטן בישיבה אחת, דערטראַכטן ביזן סוף? לא עליך המלאכה לגמור. אפילו אַז דו וועסט שוין דערטראַכטן ביזן סוף, וועסטו קומען בלויז צו ד י י ן סוף, אינם וועלט סך הכל קען אָבער דיין סוף זיין דער אָנהייב פון . . . ווערים, פון דער שוואַרץ יאָר ווייסט וואָס, איז וואָס וועסטו אויסטראַכטן?

ער האָט אַרויסגענומען אַ טיכעלע, אַ וויש געטון דעם פּנים, דעם האַלז.

אַ שווייס האָט אים באַשלאָגן. — ווי אַ מענטש טראַכט, ווי אַזוי ער געדיינקט איז ווייט פון צו זיין קלאָר, קענטיק אָבער אַז טראַכטן איז אַ גאַנץ שווערע אַרבעט, — האָט ער ניט אָן אַ שמייכל אַ טראַכט געטון. און אַלץ צוליב אַ הונט . . . און אפשר האָט עס ניט צו טון מיטן הונט, מיטן טראַכטן, פשוט מיד, כאָטש וואָס האָט ער געטון חוצן טראַכטן? אפשר גאָר נעמען עפּעס לייענען, כדי ניט צו טראַכטן? שוין בעסער זיך אַוועקלייגן, און טאַקע אין בעט. מאַכן נאַכט. ניט שלאָפן? דאָך דאָ דאָס אַפּטייקל. קודם — די ניטראָגליצערין פּילן; אַ פּיל צום שלאָפן; אַ גלאָז וואַסער. וואָס נאָך? אפשר אַ שטיקל שאָקאָלאַד, אויב ער'ט ניט שלאָפן, עס וועט אַ צי טון דאָס האַרץ, נעמען עפּעס אין מויל. אפשר גאָר נעמען גלייך דעם „קאַרביטאַל", איינשלאָפן. ניין, נאָך צו פרי. אפשר אַזוי איינשלאָפן. מיד. זייער מיד.

ווי לאַנג ער איז געשלאָפן האָט ער ניט געוווסט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט-פון אַ הינטישן וואָיען. לכתחילה האָט ער געדיינקט אַז דאָס האָט זיך אים געחלומט. וואַרט נאָר, וואָס האָט זיך אים געחלומט? ער האָט געגומען ציען די לויזע חלום-פעדים, ערשט ער האָט דייטלעך דערהערט אַ וואָיען פון אַ הונט, אַ לאַנגע, לאַנגע תרועה גדולה, און אָט דער ציטערנדיקער הונט-געהייל האָט זיך צעשאָטן איבער זיין רוקן-ביין. ער האָט זיך אַ צאַפּל געטון. „כלבים בוכים, מלאך המות בא לעיר". שאַ, אויפגעהערט. ווידער אַמאָל! דער הונט אין הויף. אַ מיתה משונה אויף אים. פונם ערשטן קוק איז ער אים ניט געפעלן געוואָרן. ניט געדאַרפט געווען אים געבן עסן, געדאַרפט אַוועקטרייבן. אויפגעהערט. אפשר וועט ער שוין . . . ווידער אַמאָל!

ער האָט געמאַכט ליכטיק, אַרויפגעצויגן דעם כאַלאַט, אָן עפן געטון די טיר און גענומען רעדן, ניט צו הויך, אָבער אינטענסיוו — גיי אַוועק! גיי אַוועק! די באַוועגונג פון האַנט — גיי דיר! גיי...! — דער הונט האָט זיך ניט אַ ריר געטון. ער האָט אַ נעם געטון דעם בעזים וואָס איז געשטאַנען אין פּאָדערהייזל, אַרויסגעגאַנגען, אַ פּאָכע געטון. דער הונט האָט זיך אַ ריר געטון, געביטן זיין זיצנדיקע פּאָזיציע אויף אַ שטייענדיקער, אָבער זיך ניט גערירט פון אָרט, געשטאַנען שטיל, ניט געוואָיעט.

פּאַסקודסטוּוער הונט. געדאַרפט אים אַוועקהרגענען, נו, אים גוט דערלאַנגען, אים פאַרטרייבן, פונדעסטוועגן האָט ער זיך אומגעקוקט צי זעט ניט עמיצער ווי ער האַלט מלחמה מיטן הונט, ער מיט אַ בעזים-ביקס... די פינסטערניש אין די שטיבלעך דערביי, די געדיכטע שטילקייט האָט אים

געזאָגט: קיינער זעט ניט, מוז שוין זיין גאַנץ שפּעט, אָבער עפּעס האָט ער זיך אַליין אויסגעזען קאָמיש, אין שלאָף ראָק, מיטן בעזים, האָט ער שטיל אַ זאָג געטון: גיי אַוועק! דאָס איז שוין אָבער ניט געווען קיין דראָאונג, אפילו קיין באַפעל, נאָר אַ געבעט און, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן בעזים, איז ער אַריין צוריק אין פאָדערהייזל, אין שטוב, אין בעט. ער האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט, געליגן, געוואַרט.

פינף, צען מינוט? דער הונט האָט ווידער גענומען וואָיען. וואָס טוט מען? ווידער אַרויסגיין? וועט ניט העלפן. ער׳ט גאָר נעמען די שלאָף פּיל.

ער האָט שוין געהאַלטן דעם פּיל צווישן די צוויי פינגער, מיט דער צווייטער האַנט אַ הייב געטון די גלאָז וואַסער, ערשט דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלינגען. אָט איצטער אַ אַ טעלעפאָן? ער איז אַרונטער פון בעט, געמאַכט ליכטיק, אויפגעהייבן דאָס טרייבל.

— פאַרוואָס, צון אַלדי שוואַרצע יאָר, פאַרטרייבט ער ניט דעם פאַרדאַמטן הונט?

לויטן קול האָט ער דערקענט — דאָס איז דער שכן זיינער. — אים געפּרוווט פאַרטרייבן, ער גייט ניט אַוועק.

— טאָ פאַרוואָס צו אַלדי שוואַרצע יאָר רופט ער ניט די פאָליציי?

— פאָליציי?

— יאָ! פאָ־לי־ציי! זיי וואָלטן געקומען, אים דערשאָסן, צוגענומען, ניט ער זאָל . . .

— דער הונט באַלאַנגט ניט צו אים. פאָליציי קען ער דאָך אויך רופן.

— ביי וועמען אין הויז איז ער? נו, איז עס ז י י ן לויה!

— וואָס! וואָס האָט איר געזאָגט? מיין . . . לו . . .

דער ווייטיק איז געווען אַזוי שאַרף, אַז די האַנט האָט זיך אַ יאָג געטון צו דער ברוסט: טעלעפאָן טרייבל, טעלעפאָן פאַסטאַמענט; דאָס טעלעפאָן טישל; דאָס ביינקל אויף וועלכן ער איז געזעסן, ער גופא — אַלץ איז געפאַלן, אַ שברים־פאַל און, ווען נאָך דעם שברים איז געקומען די שתיקה גדולה, די שטילקייט, האָט אויסגעפּילט דעם חלל צווישן די שברים, איז אַזוי אויסגעפאַלן אַז דאָס טעלעפאָן טרייבל — אַ טויבער סטעטאָסקאָפּ — איז געליגן אַנטקעגן דעם שטילן האַרץ און שטום באַשטעטיקט — טויט. און אין הויף איז דער הונט איבערסנייי זיך פאַרגאַנגען אין אַ תרועה־געהייל און געוואָיעט, גע־וואָ־יעט: ט ו י ט . . .טוי־ט . . .

דער פּאָליציי אויטאָמאָביל איז ניט צוגעפאָרן, נאָר האָט זיך עפּעס צוגעגליטשט, די לאָמפּן אויסגעלאָשן, די צוויי פּאָליצליים — שאָטנס.

— די אמתע מוזיק, — האָט איינער אַ שעפּטשע געטון.

— נו, לאָמיר אַרויסגיין.

איינער מיט אַ שיין וואָרפער אין האַנט, דער צווייטער מיט אַן אויס־געשטרעקטן רעוואָלווער, האָבן זיי זיך דערנענטערט צום טירל פון הויף.

די ליכט פונם שיין־וואָרפער האָט פאַרבלענדט דעם הונט. דאָס וואָיען האָט זיך אָפּגעהאַקט, זיין גאַנצער קערפּער אַן אַנגעצויגענע שפּרינגע. די שפּרינגע האָט געפּלאַצט — דער הונט האָט אַ שפּרונג געטון אין דער ליכט שיין.

די קויל האָט אים געכאַפּט אין דער לופטן. דער שאַרפער שאָס איז באַגלייט געוואָרן פון אַ טעמפּן פאַל. ער האָט נאָך געלעבט, אָבער געפאַלן איז ער שוין ווי אַ זעקל צעמענט, שווער און טעמפּ. ביים שכן אין הויז האָט זיך געוויזן ליכט, באַלד איז ער אַרויסגעקומען. — אים געפּאַקט, האַ? גוט געטון. ער האָט מיך שיר ניט משוגע געמאַכט מיט זיין וואָיען.

— דער הויף, דאָ, באַלאַנגט צו אייך.

— ניין, דאָס באַלאַנגט צום שכן.

— בראַון, איז דאָס זיין נאָמען?

— ניין, דאָס איז מיין נאָמען. דאָס האָב איך גערופן די פּאָליציי.

— פאַרוואָס האָט ע ר נישט גערופן? דאָך זיין הויף.

— דאָס וואָס איך וואָלט געוואָלט וויסן. אים אָנגעקלונגען, געפרעגט אים, פאַרוואָס רופט ער ניט די פּאָליציי . . .

— וואָס האָט ער געזאָגט?

— גאָרניט.

— איר מיינט ער האָט גאָרניט געענטפערט?

— ווען איך האָב אָנגעקלונגען האָט ער יאָ געענטפערט, ווען איך האָב אים אָבער געזאָגט אַז די פּאָליציי דאַרף ע ר רופן, עס איז ביי א י ם אין הויף, האָט ער אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל. ניין, ניט אויפגעהאַנגען, ער האָט עס געמוזט אַוועקלייגן, ווייל וויפל איך האָב ניט געקלונגען נאָכדעם איז דער סיגנאַל געווען פאַרנומען.

— זייט איר זיכער אַז ער איז דאָ אין הויז?

— דאָך גערעדט מיט אים. און, איר זעט דאָך, דאָ ליכט.

— ער איז ניט אַרויסגעקומען. איז ער טויב?

— טויב? ניין. ער האָט צרות מיטן האַרץ, אָבער . . .

— האַרץ, האָט איר געזאָגט? עמיצער דאָ אין הויז חוץ אים, אַ ווייב?

— ניין, קיין ווייב האָט ער ניט. אַ פרוי קומט אַריין, זי האַלט אויף דאָס הויז.

— שלאָפט זי דאָ?

— נ־י־י־ן! — האָט דער שכן שאַקירט געענטפערט.

— לאָמיר פּרובירן די טיר.

די טיר איז געווען פאַרקייטלט פון אינעווייניק. אַ קלאַפּ, אַ טרייסל, קיין ענטפער.

— איר גייט, פּרובירט די פאָדערשטע טיר. אויב קיינער ענטפערט ניט, ברייינגט מיט דאָס געציג.

ווען די פּאָליצלייט האָבן געעפנט די טיר, זיינען זיי אַריינגעטראָטן אין הויז ווי זיי וואָלטן אַריינגעדרינגען אין אַ באַלאַגערטער פעסטונג, די טריט אַזוי פאַרזיכטיק ווי זיי וואָלטן געטראָטן אויף געמינעוועטן באָדן, דער שכן איז נאָכגעגאַנגען: טאָקע ניט געבעטן, אָבער אַ מחותן ביז איך דאָך . . .

דערזען דעם מענטשן ליגן צווישן איבערגעקערטן בייגקל, טישל און טעלעפאָן, האָט איין פּאָליצמאַן אַ שטרעק געטון דעם אָרעם — אַ מין שלאַגבוים: איר שטייט ווו איר שטייט, און אַליין פאָרזיכטיק אַרומגעגאַנ־גען. צוגעקומען צו דעם מענטשן צוקאָפּנס, האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די ציפּקעס, אַ נייג געטון דעם קאָפּ.

— זעט מיר אויס צו זיין טויט, — האָט ער אַ קער געטון דעם קאָפּ צום צווייטן פּאָליצמאַן. — דער הונט — טויט, דער מענטש טויט, און עס זעט אויס דער טעלעפאָן איז אויך טויט.

— דעם טעלעפאָן קען מען אויספּרובירן.

— הם . . . הם . . . ניט טשעפּען קיין זאַך. קענען עס נאָך דאַרפן פאַר פינגער אָפּדרוקן. לאָזן אַלץ ווי עס איז, אַלץ וואָס מיר דאַרפן איז אָנקלינגען אין הויפּטקוואַרטיר, און דערווייל צוזאַמענשטעלן אַ פאַרלויפיקן באַריכט. איר האָט דאָך אַ טעלעפאָן, — האָט ער מיט אַמאָל זיך געווענדט צום שכן.

— יאָ, אודאי, — האָט דער שכן אייליק אַ זאָג געטון, — איר קענט אים נוצן וויפל איר ווילט, איר׳ט אָבער מוזן צוואַרטן אַ מינוטקעלע. איכ׳ל בלויז ליכטיק מאַכן אין פאָדערשטן צימער, — אים האָט שוין באַנג געטון דער גאַנצער עסק. אפשר ניט געדאַרפט געווען זיך אַריינמישן, רופן די פּאָליציי, צי אפילו רופן דעם שכן . . . איצטער אַ, מ׳עט אים נעמען פרעגן, איבערפרעגן, אויספרעגן . . . אָבער פאַרפאַלן . . .

— גוט, איר גייט מאַכט ליכטיק, מיר'ן דערווייל אַ קוק טון דאָ אין שטוב, צי איז ניטאָ קיין סימן פון איינברוך.

אַ הונט איז דערשאָסן געוואָרן, אַ מענטש איז געשטאָרבן, וועגן דעם איז ניט געווען וואָס צו טראַכטן. טויט איז טויט. צי דער טויט איז אָבער געווען אַ געזעצלעכער, וועגן דעם . . .

די האַנט פון געזעץ האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט . . .

ר ו י ך

דאָס איז געווען מלחמה צייט. עסנוואַרג איז געווען בממצום. קיינער האָט חלילה געהונגערט, ניט אין דער רייכער אַמעריקע, אָבער מ׳האָט געדאַרפט זיין שפּאָרעוודיק. ניט מיט געלט. דאָס איז געווען לרוב, נאָר מיט געוויסע עסנוואַרג, ווי פלייש, פּוטער, צוקער. אויף די אַרטיקלען האָט מען געדאַרפט קופּאָנען, און די ווייב האָט זיך באַקלאָגט אַז יעדער מאָל וואָס זי גייט צום קצב דאַרף זי זיך אַרויסנעמען די אויגן, ציילנדיק די „אויגן״, פאַר אַזאַ פונט פלייש אַזוי פיל „אויגן״, פאַר אַן אַנדער פונט פלייש אַזוי פיל, און זי איז ניט געווען צופרידן פון דער מלחמה . . .

לערנער איז אויך געווען אַ קנאַפּער קריגס מענטש, פונדעסטוועגן האָט ער די אַלע שוועריקייטן מבטל געמאַכט — קלייניקייטן. אין פאַרגלייך מיט אייראָפּע פרעסן מיר. מיט דעם וואָס מיר וואַרפן נאָך היינט אַרויס וואָלט אַ אייראָפּעאיש לאַנד געקענט לעבן אין לוקסוס. איז ניט קיין פלייש, איז פיש. ניטאָ קיין שטיקלעך צוקער איז זאַמד צוקער, פאַר אַ נויט קען מען טרינקען קאַווע אָן צוקער. און קאַווע? דערווייל האָט נאָך ניט אויס־געפעלט. די מלחמה קען אָנגיין, מוז אָנגיין, ביז . . .

האָט זיך לערנער פאַרטראַכט וועגן דער מלחמה, ווי אַזוי זי איז געקומען, צו וואָס זי פירט, האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן אָן עסן, דער ציגאַרעט אין מויל אָדער צווישן די פינגער האָט אפילו געקענט פאַרלאָשן ווערן, אַזוי פאַרטראַכט איז ער געוואָרן. דערפאַר האָט ער אָפּגענומען נאָכדעם, פאַררויכערט איין ציגאַרעט אָן צווייטן, אַ קייטל ממש, איין רינג געשלאָסן אָן צווייטן. אַ שווערער רויכערער געווען.

ווען ער איז איין טאָג אַריינגעגאַנגען נאָך זיין פּעקל „רעמסס״ ציגאַ־רעטן, ניט דערזען די באַקאַנטע קעסטלעך, האָבן די אויגן געבלאָנזשעט איבער די אַנדערע ציגאַרעטן, געזוכט זיינע, לסוף אַ פרעג געטון: וואָס מכח רעמסס?

— טוט מיר לייד, מיר האָבן זיי מער ניט.

— ווי קומט עס?

— מלחמה, — האָט דער פאַרקויפער געענטפערט מיט אַ מין אויסגעזאַנג. מיט אָט דעם „זינג" האָט ער געזאָגט: ווען דו ווייסט וואָס מלחמה מיינט!

— טאָ גיט מיר... גיט מיר...

ער האָט ניט געקענט באַשליסן וואָס צו בעטן. שוין יאָרן אַז ער האָט גערויכערט רעמסס, קיין אַנדער ציגאַרעט קען ער ניט רויכערן.

— נו, גיט מיר... מאַרלבאָראָה.

פאַרוואָס דוקא מאַרלבאָראָה, האָט ער אַליין ניט געוווּסט. ער האָט געוווּסט אַז די פּאָפּולערע אַמעריקאַנער ציגאַרעטן האָט ער ניט געקענט רויכערן. אפשר איז אין מאַרלבאָראָה דאָ אַ ביסל טערקישער טאַבאַק. ווען ער האָט שוין געקויפט דאָס פּעקל, האָט ער אַ טראַכט געטון אַז אפשר האָט עס ווינסטאָן טשוירטשהיל גורם געווען ער זאָל בעטן „מאַרלבאָראָה", ווינסטאָן טשוירטשהיל כמעט אַזוי פּאָפּולער ווי אַ פּעקל „קעמל", און מאַרלבאָראָה זיינער אַ וויטער קרוב. היות ער האָט טשוירטשהילן ניט איבעריק ליב געהאַט, האָט ער אַ פרעג געטון: ווען איר האָבן רעמסס מאָרגן?

— מאָרגן וועלן מיר אפשר די אויך ניט האָבן, — האָט דער פאַרקויפער אַ זאָג געטון מיט אַ שמייכל, אָט ווי אים וואָלט הנאה געטון וואָס ער וועט ניט האָבן וואָס צו פאַרקויפן.

דער ווידערגעפיל פון קונה צום פאַרקויפער — ער נאַרט מיך אָפּ — האָט זיך אויפגעכאַפּט, פאַרשאַרפט געוואָרן. אַ תקיף געוואָרן. פאַראַיאָרן, פאַראַכטאָגן האָט ער געשמייכלט מיטן פאַלשן פאַרקויפער שמייכל: ווילט א י י ע ר רעמסס?

פאַרוואָס נעמט איר ניט אַ גאַנץ שאַכטל? איצטער... מלחמה... לערנער האָט שוין געהערט דעם צוזינג אין דעם וואָרט „מלחמה" אַנדערש ווי פריער, האָט שוין אַריינגעטייטשט אין אים. שיטן זיך אָן מיט גאָלד. זייער שניט. אַ מיתה משונה אויף זיי. לערנער איז ניט געווען צופרידן פון דער מלחמה...

די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן אויך פאַר אים. אַ פּאָר וואָכן, און צו קריגן אַ פּעקל ציגאַרעטן האָט מען באַדאַרפט אָנווענדן סטראַטעגיקע, קויפן בדאי פאַר אַ דאָלאַר הוסט צוקערלעך אַבי אַרויסקריגן אַ פּעקל

ציגאַרעטן, און וועלכע ציגאַרעטן! אין מויל ניט צו נעמען. וועלכן סאָרט האָט ער ניט אויסגעפּרוווט? אויסגעפּרוווט. אַ ברירה האָט ער געהאַט? וואָס ער האָט געקראָגן האָט ער גערויכערט, היינט דעם סאָרט, מאָרגן אַ צווייטן, פאַררויכערט, אַוועקגעוואָרפן און ווידער פאַררויכערט. דער רעזולטאַט — ער האָט געדאַרפט שיר צוויי פּעקלעך אַ טאָג, און קריגן ציגאַרעטן האָט מען ממש געדאַרפט באַגיין אַ פאַרברעכן — צאָלן הויכע פּרייזן, קויפן אויפן שוואַרצן מאַרק. יאָ, געוואָרן אַ שוואַרצער מאַרק. ער האָט זיך געוועדט. ער׳ט עס נ י ט טון. ניט ווייל ער איז געווען אַזוי פרום... אים האָט פּשוט געעקלט פון אָט די שוואַרצע געשעפטן, פון די טונקעלע פּאַרשוינען, און אים האָט פּשוט פאַרדראָסן — אויף ציגאַרעטן אויך אַ שוואַרצער מאַרק? ניט דערלעבן וועלן זיי! און ווי גיט מען זיך טאַקע אַזוי נאָך די שמד? מ׳קען דאָך אויפהערן רויכערן. לעבן דאָך מענטשן וואָס רויכערן ניט. אפשר גאָר זיין צום בעסערן, אויפהערן רויכערן. מעז יצא מתוק, זיך אָפּגעוווינען.

ער האָט נ י ט אויפגעהערט. יעדן טאָג איז ער געווען אויף יאַגד נאָך אַ פּעקל ציגאַרעטן, בדאי געשטאַנען אַ האַלבע שעה אין אַ רייע ביז ער האָט געקראָגן אַ פּעקל פּאַסקודנע ציגאַרעטן. איין טאָג, ווען נאָך שטיין אין דער רייע, האָט דער פאַרקויפער אַ זאָג געטון: אויס! מער ניטאָ, איז לערנער אַזוי אין כעס געוואָרן אַז ער האָט זיך ממש צעשריען: וואָס מיינט איר ניטאָ? איך בין געשטאַנען אין רייע אַ...

דער פאַרקויפער האָט געפרעגט אַ צווייטן קונה: וואָס ווילט איר? אויף לערנערן האָט ער אפילו זיך ניט אומגעקוקט.

לערנער האָט געקויפט טאַבאַק און פּאַפּיראָס פּאַפּיר, נאָכדעם אַ ליולקע, איינע, אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ פערטע, ער האָט פאַרפּלייצט די שטוב מיט ליולקעס און טאַבאַק קערנדלעך. ער האָט ניט געקענט פאַר־טראָגן דאָס זויגן, דאָס כריפּען פון דער ליולקע, דאָס צינדן אַלע מאָל, און רייניקן די ליולקע איז גאָר געווען אַן אָפּקומעניש, שטינקט! די ווייב האָט געהאַלטן אין איין זאָגן: פיפקעס שוין.

— נו, לאָמיך זען דו זאָלסט קריגן ציגאַרעטן.

זי האָט געקראָגן. ניט איין פּעקל, אַ שאַכטל אַ גאַנצס. ביליקע ציגאַ־רעטן, אין מויל ניט צו נעמען, אָבער ציגאַרעטן, מ׳קען פאַררויכערן, אַוועק־וואַרפן און ווידער פאַררויכערן. אַ פּאָר וואָכן, און ער האָט שוין ניט אַוועקגעוואָרפן, ער האָט גערויכערט. אַ פּאַסקודנער ציגאַרעט, רייסט אין

האַלז, דער גערוך אַזאַ שווערער, זיין „זילבערנער צונג", דאָס איז פון די פּאַסקודנע ציגאַרעטן, אָבער פּאַרפּאַלן, נאָך גוט וואָס זי קריגט די. ווי קריגט זי זיי? דאָס איז געווען איר סוד. ער האָט פּאַרשטאַנען — שוואַרצער מאַרק, צאָלט אַ היזכן פּרייז, ער האָט אָבער מער ניט געפרעגט, ער האָט געררויכערט, געביינקט נאָך אַ רעמסס ציגאַרעט און געטראַכט . . .

— אַריסטאָקראַטן. דער דלות פּייפט, אָבער אַ בלום אין לאַץ מוז זיין. אַריינזעצן אָט די אַריסטאָקראַטן אין אַ קאָנצענטראַציע לאַגער . . . וואָלטן שוין אויסגעקומען אָן אַ בלום . . . אין זיין רויכערן רעמסס אויך געווען אַ מין אַריסטאָקראַטיע . . . אפשר גאָר סנאָביזם, א י ך רויכער ניט קיין פּשוטע ציגאַרעטן, איצטער . . . וואָס אַ געוווינהייט איז? דאָך ניט מער ווי אַ געוווינהייט, אַ שלעכטע געוווינהייט דערצו, און ווי פאַרשקלאָפט, אָט ממש ווי אַ שכור צום פלעשל. אויפן שכור קוקט מען קרום, מיט וואָס איז רויכערן בעסער? אַלקאָהאָל מער שעדלעך? אָבער דער עצם — זיין פאַרשקלאָפט צו עפּעס — איז דאָך דערזעלבער. אַ שכור טרינקט בדאַי רויען אַלקאָהאָל, און ער רויכערט „יאַלעפּ" ציגאַרעטן. און . . . זיך צוגעוווינט, עס האָט אַ טעם, אַן אַנדער טעם, אַ גראָבער, אַ . . . וואָלגאַרער, אָבער אַ טעם. און ער האָט זיך ווידער פאַרטראַכט . . .

די מלחמה, זיינע טראַכטונגען, זעאונגען, פילונגען, — הלואי ענדיקט זיך שוין די מלחמה, — האָט ער אַ זאָג געטון אין דער הויך און גענומען אַרומשפּאַנען.

צוויי מאָל האָט די מלחמה זיך געענדיקט פאַר דער גאָרער וועלט, ווען דייטשלאַנד האָט זיך אונטערגעגעבן, ווען יאַפּאַן האָט קאַפּיטולירט, און אַ דריטן מאָל האָט די מלחמה זיך געענדיקט פאַר לערנערן, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס און האָט אויף דעם ציגאַרעט געשטעל דערזען אַ פּעקל רעמסס ציגאַרעטן.

— איך זע איר האָט שוין רעמסס ציגאַרעטן.

— יאָ, די מלחמה איז פאַריבער, — האָט דער פאַרקויפער אַ זאָג געטון מיט אַ זיפצל.

אָט דאָס זיפצל האָט לערנערן געקלונגען ניט ווי אַ דערלייכטערונג, נאָר ווי אַ באַדויערונג און לערנער האָט געשמייכלט. זינגט שוין מער ניט — מלחמה . . .

— יאָ, די מלחמה איז פאַריבער. נו, גיט מיר אַ פּעקל.

— דאָ האָט איר עס.

— וואָס מכח נאָך איינעם ?
— ניט היינט. מאָרגן אפשר.
— גוט, זיך זען מאָרגן, — האָט לערנער אַ צופרידענער אַ זאָג געטון.

לערנער איז געווען צופרידן. די מלחמה — דער גאַנצער אומגליק, דער גאַנצער פּלאַנטער — דאָס איז אַן ענין פאַר זיך, אָבער די שיריים, אַט די סוחרים און סוחרימלעך, די זשעדנעקייט, דאָס וואַרימען די הענט ביים וועלט פייער, דאָס וועט אויפהערן, וועט שוין זיין פליש, צוקער און שוין דאָ ציגאַרעטן, ער האָט שוין געקראָגן זיין רעמסס.

לערנער האָט אויפגעריסן דעם באַנדעראָל, אַרויסגענומען אַ ציגאַרעט, באַקוקט, באַטאַפּט, אַ קנייטש געטון מיט די פינגער צו מאַכן לויזער, צוגעטראָגן צו די ליפּן און צוריק אַרויסגענומען. ניט אין גאַס. אין גאַס פאַרלירט זיך דער טעם. דעם ערשטן רעמסס וועט ער פאַררויכערן אין שטוב.

ער האָט פאַררויכערט, פאַרצויגן טיף דעם רויך, פּאַמעלעך אַרויסגע־לאָזט, זיך אַ י נ ג ע ה ע ר ט צום טעם... יאָ, דאָס איז עס. דער צונג האָט דערקענט, אָבער... אָבער... ער האָט אַ צי געטון איין מאָל, אַ צווייטן... שטשיפּעט עפּעס אין צונג... ער האָט באַטראַכט דעם ציגאַרעט, פאַרצויגן נאָך אַ מאָל.

רייסט עפּעס אין האַלז... שיקט זיך עס זיי זאָלן געבן ערגערן טאַבאַק ? פאַלשעווען ? נאָך אַ מאָל אַ צי געטון. רב בער, נאָר ניט דער. ער האָט גענומען באַטראַכטן דאָס קעסטל, די ציגאַרעטן. און אפשר... אפשר איז זיין צונג, זיין גומען קאַליע געוואָרן, בייגקט שוין נאָך די ביליקע...

— אָה, האָסט שוין דיינע רעמסס! — האָט די ווייב ניט אָן איראָניע אַ זאָג געטון, כאַפּנדיק אים ווי ער האָט זיך „געשפּילט" מיטן פּידעלע פּאַפּיראָסן. ער האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ, דערזען זיין ווייב, און די ווייב איז געווען אָט די פון איצט, וואָס איז געשטאַנען און אים באַטראַכט מיט אַ שמייכל, אין דערזעלבער צייט איז זי אויך געווען די ווייב פון יענער נאַכט, ווען ער איז געווען מיט איר דאָס ערשטע מאָל.

— אַלטע ליבע זשאַווערט ניט, — האָט לערנער אַ זאָג געטון, און ער איז ניט געווען זיכער וועלכער לערנער האָט עס געזאָגט, דער וואָס איז געזעסן דאָ און זיך געעסקט מיט די ציגאַרעטן, אָדער יענער לערנער פון יענער נאַכט. ער איז געווען אַזוי ניט זיכער, אַז ער האָט געקראָגן אַ חשד

די פרוי זיינע זעט אָט יענעם לערנערן, און צו פֿאַרשטעלן יענעם האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט: ווילסט פֿאַרזוכן?

— אַ מעלאַקרינאַ וואָלט איך אפשר פֿאַרזוכט.

זי איז ניט געווען קיין רויכערין. אַמאָל, אַמאָל, ווען זי איז געווען „טרוימעריש געשטימט”, האָט זי געקענט פֿאַררויכערן און מער זיך צוקוקן צום רויך ווי פּילן אים. איר האָט געפּאַסט דאָס רויכערן, די רויכערישע פּאָזע, ניט ווי די מיידלעך, וואָס שלינגען דעם רויך, פּיפּקען סתם, איר רויכערן — אַ ווינער וואַלץ, און דעם איינציקן ציגאַרעט וואָס זי האָט געקענט פֿאַרטראָגן איז געווען אַ מעלאַקרינאַ.

— גערעכט, געדאַרפֿט געווען קויפֿן אַ מעלאַקרינאַ. אַ שאָד. ניט געטראַכט דערפֿון. שאַ, גייסט דאָך אין גאַס, קויף אַ פּעקל מעלאַקרינאַ. קויף אַ פּעקל, מיר'ן מאַכן אַ רויך פֿאַרטי. יאָ? וועסט קויפֿן?

דער ווייבס גרויע אויגן האָבן זיך אַ מיניע געטון פֿון גרוי צו בלוי און צוריק צו גרוי. ווי קאָמיש איר לוזער איז מיט זיין ציגאַרעט „באַגייסטע־רונג”. און אפשר? אפשר . . .

לערנערס ברוינע אויגן האָבן שטיפעריש געפרעגט: וועסט קויפֿן? מעלאַקרינאַ?

— קויפֿן, — האָט די ווייב גאַרנישט שטיפעריש געענטפֿערט. זי האָט ניט געוווּסט פֿאַרוואָס, נאָר איר איז ניט געפֿעלן געוואָרן זיין באַגייסטערונג, זיין קוק. האָט זי מיט עפּעס אַן אינעווייניקסט אויג דערזען די . . . מעלאַקרינאַ?

די ווייב איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס. לערנער האָט איר נאָכגעקוקט. ווען די דינע שלאַנקע פֿיגור איז פֿאַרשווונדן פֿון אויג איז לערנער נאָך אַלץ געשטאַנען, געקוקט, כאָטש ער האָט גאָרניט געזען, זיין קוק געווענדט אין זיך. מאָדנע, ער האָט איר געבעטן קויפֿן מעלאַקרינאַ. פֿון איר'ט־וועגן . . . וואָלט ער געוואָלט זי זאָל . . . האָבן אַ מעלאַקרינאַ? ס'אַראַ מאָדנע באַשעפֿעניש דער מענטש . . .

איינגעהילט אין רויך, האָט לערנער געזען זיך, זיין לענגלעכן קערפּער, אינגאַנצן אַ נאַקעטן, ווי ער זעט זיך אין באַד צימער. דער קערפּער אַ קערפּער פֿאַר זיך, דאָך עפּעס ניט מער ווי אַ שיידל פֿאַר אַנדערע זאַכן, דער קאָפּ אַ שיידל פֿאַרן מאַרך. דער מאַרך? ער האָט געזען אַ מענטשלעכן מאַרך, אינם פֿאַלמעס קעלער, ווען ער האָט געדיינקט ווערן אַ דאָקטאָר, איצט האָט ער אים ווידער דערזען. די „גרויע מאַטעריע” — גרוי, זאָגט

גאָרניט, דערפֿאַר די „קנייטשן" . . . וויפֿל סודות דאָרט ליגן באַהאַלטן, און רייסט זיך אַרויס אַ סוד קומט ער אַרויס אָנגעטון אין אַ מאַסקע — אַ וואָרט, ווערטער. קויף אַ מעלאַקרינאַ.

— יאָ, אַזוי איז עס, — האָט ער אַ זאָג געטון אין דער הויך. — אָט אַזוי זיינען מיר שוין באַשאַפֿן געוואָרן . . .

לערנער האָט פֿאַררויכערט, גענומען אַרומשפּאַנען. דאָס פּייערל פֿון פּאַפּיראָס האָט אויפֿגעפֿליקערט, אַ געדאַנקען פֿונק האָט אַ פֿינקל געטון, רויך האָט זיך געקנוילט, געקרייזלט, זיך צעגאַנגען.

רויך . . .

דרויב

רוחם ש(אַ)פּיר האָט אָפּגעדרוקט זיין טויזנטסטע דערציילונג. די צענדליקער טויזנטער לייענער פון דער צייטונג, ווו שאַפּירס דערציילונגען האָבן זיך געדרוקט וואָך איין וואָך אויס, האָבן ניט באַמערקט די געשעעניש און שאַפּיר האָט ניט געהאַט קיין פּאַראיבל אויף זיי: לייענער זיינען דאָך ניט מחויב צו זיין ליטעראַרישע בוכהאַלטערס, פירן אַ חשבון און וויסן אַז דאָס איז געווען זיין טויזנטסטע דערציילונג. די קריטיקער, די שפּיר־הינט פון דער ליטעראַטור, זיי האָבן יאָ געמעגט באַמערקן, ווייסן זיי דאָך אַז ער האָט שוין אַרויסגעגעבן ניינצן ביכער, פּופציק דערציילונגען אין אַ בוך, און אַז דאָס צוואַנציקסטע האָט ער שוין אַריינגעגעבן אין דרוק, זיי האָבן יאָ געדאַרפט וויסן און פאַרצייכענען, אָבער מה־לי (מאַלע) וואָס זיי האָבן געמעגט, דער פּאַקט איז, זיי האָבן ניט באַמערקט. אָבער אויך אויף זיי האָט שאַפּיר ניט געהאַט קיין פּאַראיבל. וואָלט ער טאַקע געוואָלט זיי זאָלן באַמערקן, און ניט נאָר זיי, אַלע זאָלן וויסן, וואָלט ער פּשוט צוגעגעבן אַ שורה (מיין טויזנטסטע דערציילונג) אָדער, נאָך בעסער, ער וואָלט אַ וואָך פאַר דעם באַצייכנט (דערציילונג נומער 999). ער האָט עס ניט געטון, ווייל ער איז ניט אויסן געווען קיין פּירסום, פאַר זיך גופא איז אָבער דער נומער טויזנט געווען זייער וויכטיק, די דערציילונג אַ גרענעץ ליניע — ווייטער גייט ער ניט, מער קיין דערציילונגען שרייבט ער ניט.

פאַר וואָס ?

יעדע דערציילונג פאַר זיך איז געווען אַ זייט, אַ ווינקל פון לעבן, אָבער די „זייטן", די „ווינקלען" זיינען גאָרניט אַזוי אומבאַגרענעצט ווי מ'דיינקט. ער האָט זיך געכאַפּט אַז אין אַ סך דערציילונגען מערקט זיך אַ קרובהשאַפט — ברידער אָדער שוועסטער פון איין טאַטן, קלאָרער — ער חזרט זיך איבער. איז אַזוי, ער האָט ניט געוווסט, זיך קיינמאָל ניט גענומען די מי איבערציילן וויפל דערציילונגען מאַפּאַסאַן אָדער טשעכאָוו האָט אָנגעשריבן, קען זיין אַז מער ווי טויזנט, אָבער פון מאַפּאַסאַנען איז דאָך אָפּגערעדט,

יענער האָט זיין גאַנצן לעבן געשריבן איין טעמע — פּרוי, געווען פּשוט משוגע אויף אָט דער רויטער טעמע, ביז ער איז טאַקע געוואָרן פאַרמאַלנע משוגע, נאָר אפילו טשעכאָוו, דער שרייבער פון דער ג ר ו י ע ר טעמע, דער מאָלער פונם גרויען מענטשן, ער האָט זיך אויך געמוזט איבערחזרן: וויפל שאַטירונגען קען עס האָבן גרוי? דאָס איבערחזרן זיך ניט אַזאַ אומגליק, אים האָט געקימערט אַן אַנדער זאַך: צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד געשריבן דערציילונגען, וואָך איין וואָך אויס, אין משך פון דער צייט האָט ער אַ סך געלערנט, זיינע אַ דערציילונג איז אַ כלי שלמה, ער האָט פיינט זיך שפּילן אין עניוות, אפילו די קריטיקער האָבן עס צוגעגעבן, און ער ווייסט בעסער פון זיי, ער שרייבט אַ ג ו ט ע דערציילונג, אָבער אין משך פון די אַלע צוואַנציק יאָר האָט ער געפילט אַז ער צעבּרעקלט זיך, בייט אויס זיין טאַלאַנט אויף קליין־קונסט, ער, מיט זיין טאַלאַנט — „בלויז לומפּן זיינען באַשיידן" — קען אויפבויען אַ גרויסע קינסטלערישע געביידע, אָנשרייבן אַ גרויסן ראָמאַן, ד ע ם ראָמאַן, וואָס איז עד היום נאָך ניטאָ אין דער יידישער ליטעראַטור. נו יאָ, דאָ ראָמאַנען, די קריטיקער באַלעקן זיך מיט זיי, אָבער ער ווייסט ס'איז גאָרניט, ד ע ם' ראָמאַן דאַרף ע ר אָנשרייבן. ער האָט אים ניט אָנגעשריבן צוליב די דערציילונגען. קודם האָבן זיי צוגענומען צייט. אָנשרייבן יעדע וואָך אַ דערציילונג איז גאָרניט אַזאַ גרינגער עסק ווי אַנדערע קענען זיך דיינקען, ער ווייסט וואָס דאָס מיינט. דאָס וואָלט ער פונדעסטוועגן געקענט בייקומען, צייט וואָלט ער שוין ווי עס איז געפונען, דאָ אַ וויכטיקערער ענין — אויסבריען! די הון זיצט אויף אייער, זי טוט גאָרניט, זיצט . . . אָבער אַ דאַנק דעם זיצן אַנטוויקלען זיך, וואַקסן די הינדעלעך. די טעמע האָט ער! איין טעמע? דאָ געגוג, אָבער אויסזיצן, אויסבריען, זיך אַריינלעבן אין אַ געמיט צושטאַנד, אין אַן אַנדער וועלט, און זיך אַרויסלעבן — אַרויסכאַפּן עס אויפן פּאַפּיר, מיט אַ שעה היינט אַ שעה מאָרגן קען מען עס ניט באַווייזן, דאַרויף דאַרף מען אפשר יאָרן, איז אים איינגעפאַלן: אויפגעבן דאָס שרייבן אין צייטונג, די ווייב וועט אויפגעבן איר אַרבעט, פאַרלאָזן די שטאָט, קויפן אַ הינער פאַרם. אַ ביסל געלט האָבן זיי אָפּגעשפּאָרט, ביידע זיינען אין גוטן געזונט, זיי וועלן אַליין אַכטונג געבן אויף דער פאַרם, מיט חיונה באַזאָרגט, וועט ער קענען שרייבן וואָס ער וויל. תּחילת האָט די ווייב זיך געקווינקלט, איר האָט געשראָקן די פאַרם, דאָס ניט זיין אין שטאָט, האָט ער מיט איר איינגעטענהט, איר אויפגעוויזן אַז די שטאָט שטערט אים, פאַר אַ ראָמאַן דאַרף ער האָבן שטילקייט, רויקייט, ער זאָל

קענען זיך קאָנצענטרירן, פּלאַנעווען, בויען, ביז זי האָט סוף כּל סוף נאָכ־געגעבן. וואָס וועט זי ניט טאָן פון זײַנעטוועגן? אַ טײַערע ווײַב!

האָט ער פאַרטרויט דעם פּלאַן צו זײַנע צוויי בעסטע פרײַנט — ניט קיין שרײַבער — און זיי ניט נאָר האָבן זיי אים געהאָלפן זוכן, געפינען אַ פּאַסיקע פּאַרם, זיי האָבן אים אויך אַרויסגעהאָלפן מיט אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר, בתורת הלוואה פאַרשטייט זיך, און דער מסחר איז געשלאָסן געוואָרן. ווען ער האָט שוין געוווּסט גענוי אַז אין פיר וואָכן אַרום נעמט ער איבער די פּאַרם, האָט שאַפּיר באַשלאָסן אַז ער מוז מגלה סוד זײַן, ערשטנס, לאָזן וויסן דער צײַטונג, צווייטנס, טאַקע אויך דערציילן די חברים שרײַבער, פון די נאָענטערע, וואָס קומען אַמאָל אַרײַן. זיי האָט ער געוואָלט דערציילן ניט נאָר וועגן דער פּאַרם, נאָר אויך זיי עפּעס זאָגן, טאַקע וועגן זײַן טויזנטסטער דערציילונג, וועגן זײַן שרײַבן . . .

צווישן די שרײַבער איז זײַן נאָענטסטער פרײַנט געווען דער דיכטער מיגדאַל. דערהערט די מעשה מיט דער פּאַרם, אַז ס׳איז שוין אַן אָפּגעטוענע זאַך, האָט עס אים אַ ביסל פאַרדראָסן: נו יאָ, ער איז ניט קיין בקי אין הינער־צוכט, אָבער ווי דערציילט מען עס נישט, זיך ניט מיישב? מ׳איז דאָך עפּעס גוטע פרײַנט. נאָר מילא, בדיעבד איז עס אַ גלײַכע זאַך, אי דאָס אַוועקגיין פון שטאָט, און אודאי און אודאי דער געדאַנק וועגן אָנשרײַבן עפּעס גרויסעס. דאַרף מען טאַקע מאַכן אַ שטיקל שמחה, זיך געזעגענען. אפשר אין אַ רעסטאָראַן?

— ניין, — האָט שאַפּיר קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט. — אין אַ רעס־טאָראַן איז עס שוין אַן עפנטלעכע פאַרזאַמלונג, דער, יענער וועט נאָכדעם אַוועקגיין, באַשרײַבן אין זײַן צײַטונג ווי מ׳האָט זיך ג ע ז ע ג נ ט מיט שאַפּירן פאַר זײַן אַוועקפאָרן ווערן אַ פאַרמער און עס וועט שוין אויסקומען אַז ניט נאָר האָט מען זיך געזעגנט מיט מיר, נאָר איך האָב זיך שוין גע־זעגנט מיט דער יידישער ליטעראַטור, און איך געזעגן זיך נ י ט. געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך עפנטלעך ג ע ג ט מיט דער ליטעראַטור, זיי ניט געפעלן דער נדן, די קעסט . . . נאָכדעם האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, חרטה געקראָגן. איך גט זיך ניט, געזעגן זיך ניט מיט דער ליטעראַטור, אַ מסיבה פון נאָענטע מענטשן, טאַקע ביי מיר אין שטוב. זיך פּאַמעסטיען. וויפל וועלן דאָס זײַן? אַ צוועלף, פופצן מענטשן . . .

— און די ווײַבער?

— די ווײַ־בער? גערעכט. וועגן די נשים ניט געטראַכט. סיי ווי, שוין געפינען פּלאַץ. לאָמיר אָקאָרשט אַ רעכן טאָן: מי ומי?

שאַפּיר האָט גערעכנט, מיגדאַל האָט פאַרצייכנט. — און וואָס איז מכּח קאַפּלען?

— קאַפּ־לען? איך ווייס ניט . . .

— מ׳דאַרף אים רופן, אַניט וועט אויסקומען . . . — מיגדאַל האָט ניט פאַרענדיקט וואָס עס וועט אויסקומען, שאַפּיר האָט אָבער פאַרשטאַנען: קאַפּל איז געווען זיין שטאַרקסטער „קאָנקורענט״, האָט געשריבן דערציי־לונגען אין אַ צווייטער צייטונג.

— נו גוט, אים אויך רופן. ער זאָל נאָר ניט קומען אַ פאַרטיקער . . . ווייסט׳אָך, ער, אַז ער נעמט אַ גלעזל . . .

— ניט געפערלעך. ער נעמט אַמאָל אַ גלעזל צופיל, אָבער ער האַלט זיך אין דער מעלה. בלייבט עס אַזוי. אַרום און אַרום פופצן, דאָס מיינט אַ דרייסיק מענטשן. ווער וועט צוגרייטן?

— וואָס הייסט ווער? חיה, איך. וועגן דעם קימער זיך נישט. וואָס איך וויל איז, דו זאָלסט עפענען דעם אָוונט, געבן דעם טאָן . . .

— דאָס פאַרלאָז זיך שוין אויף מיר.

— בלייבט עס אַזוי.

(2)

מיגדאַל ממש אַ דיריגענט מיט אַ באַטאָן. ער האָט אָפּגערעדט, האָט יעדער איינער „גענומען אַ וואָרט״. יעדער איינער איז געווען איבערראַשט, יעדער איינער האָט זיך געווונטשן הלוואי קען ער דאָס טון און יעדער איינער איז געווען זיכער אַז ערשט דאָרטן אויפן פאָרם וועט שאַפּירס טאַלאַנט קריגן דעם ריכטיקן תּיקון, ער׳ט אָנשרייבן דאָס גרויס ווערק אויף וועלכן יעדער איינער וואַרט.

אַזוי יעדער איינער, חוץ קאַפּלען.

קאַפּל וועליטשאַנסקי — קורץ, דאַר און שוואַרץ, האָט פון אים געווייניט מיט מרה שחורה. זיין אָוואַל פּנים, דער לאַנגער נאָז איז געווען שאַרף געשניטן, די אויגן, אויך לייַנגלעכע, האָבן געקוקט ביסטרע, דער קליינער מויל מיט די דינע ליפּן — אַ מויל פון אַ קאַפּריזנע קינד, די ליפּן זיינען כמעט אַלע מאָל געווען אויסגעקרימט פון דעם ציגאַרעט וואָס האָט געשטעקט דאָרטן. אַ שווערער רויכערער, האָט גאַנץ אָפּט אָנגעצינדן איין ציגאַרעט אָן צווייטן, האָט ער פאַרן שטיקל ציגאַרעט נאָך געזוכט אָן אַש שיסעלע ווו דאָס צו דערשטיקן, פאַרן אַש פון דעם זיך רויכערנדיקן

ציגאַרעט האָט ער זיך ניט געקימערט, אַ דריי מיט די צוויי לאַנגע פאַר־ברוינטע פינגער, און זאָל דאָס אַש פאַלן אויפן טעפּיך, שטול, צי גאָר אויף יוּעמעס הויזן אָדער קליידל.

אים „אויפגערופן צו דער תורה", האָט ער זיך אַ שטעל געטון, אַ צי געטון רויך, אַ טרייסל געטון דעם ציגאַרעט און, פון מויל האָט זיך נאָך געצויגן רויך, האָבן ווערטער גענומען זיך שפּאַרן דורכן רויך־פאַרהאַנג.

— דאָס וואָס קאָלעגע שאַפּיר הערט אויף שרייבן דערציילונגען איז גוט. יעדער שרייבער דאַרף זיך אַמאָל אָפּשטעלן און זאָגן: גענוג!

שאַפּיר האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ, אַ וואָרף געטון אַ קוק אויף קאָפּלען, פון אים האָבן די אויגן אַ שפּרונג געטון צו מיגדאַלן: נו, האָט מען אים געדאַרפט רופן?

— טויזנט דערציילונגען! אַיין קלייניקייט! דאָס מיינט דאָך אַן ערך צוויי מיליאָן ווערטער. צ ו ו י י מ י ל י א ָ ן ו ו ע ר ט ע ר! גרינג אויסצורידן. אין גאַנץ שעקספּיר איז דאָ אַן ערך אַ מיליאָן ווערטער, און ער איז ניט רעדאַקטירט געוואָרן; דער תנ"ך, שוין יאָ רעדאַקטירט, האַלט אַן ערך אַ האַלבן מיליאָן ווערטער, און וואָלט געקענט רעדאַקטירט ווערן נאָך אַ ביסל, רעדוצירט ווערן צו אַ פערטל מיליאָן. איך וואָלט דעריבער געזאָגט: קאָלעגע שאַפּיר! איר'ט זיך איינשטעלן אויפן פּאַרם, איר'ט האָבן פרייע צייט, אַ פרייען קאָפּ — ווערט אַ רעדאַקטאָר. פון די טויזנט דער־ציילונגען קלייבט אָפּ די בעסטע, די סאַמע בעסטע, דעם קרן, דעם תמצית, און דאָס אָפּגעקליבענע אַרויסגעבן אין איין באַנד. ד אָ ס וואָלט באמת געווען אַן אויפטו. איך האָף אַז איר'ט עס טון. — ער האָט אַ פּיפּקע געטון דעם ציגאַרעט און זיך אָוועקגעזעצט.

שאַפּיר איז ממש אויפגעשפּרונגען. ער האָט זיך קאָנטראָלירט. סוף כל סוף איז דאָך עס אַ שמחה, און ביי אים אין שטוב. האָט ער קודם באַדאַנקט יעדן איינעם פאַר די גוטע ווינטשעוואַניעס, ווייל ער ווייסט אַז זיי קומען פון גאַנצן האַרצן. ביי די ווערטער האָט קאָפּל וועליטשאַנסקי אָנגע־צונדן אַ נייעם ציגאַרעט. דאָס פייער פון שוועבעלע האָט באַלויכטן אַ צעקרימט מויל, און אָט די צעקרימעניש — אומשולד: אַ מענטש פאַר־רויכערט, און אַ גרימאַסע: „די ווינטשעוואַניעס קומען פון גאַנצן האַרצן" און ער דאַנקט זיי . . . דער פליקער פון שוועבעלע — אַ סעקונדע, פונדעסט־וועגן איז ער אַרויסגעקומען ווי אַן אויסגעשריי פון עמיצן ביי דער שטילער שמונה עשרה, איניקע האָבן אַ דריי געטון די קעפּ, שאַפּירס קוק: פאַרד איינער! קען זיך ניט איינהאַלטן. און ער האָט גענומען „וואַשן דעם פאַרד".

— אָפּשטעלן וועל איך זיך, — האָט ער גענומען אַ העכערן טאָן, — אויף קאָלעגע וועליטשאַנסקיס ווונטש, בעסער געזאָגט, זיין עצה, איך זאָל ווערן מיין אייגענער רעדאַקטאָר, אָפּקלייבן מיינע בעסטע דערציילונגען. — שאַפּיר האָט אַ שטרעק געטון זיין האַנט צום שאַרפן קין, אַט ווי ער וואָלט געוואָלט אַריינגעמען די באָרד, אַ תנועה איבערגענומען פון זיין פאָטער דעם למדן, זיך אַ וויג געטון און שיר ניט אויסגעזונגען — דער געדאַנק איז אַ גוטער, שוין אַליין אַמאָל אַ טראַכט געטון וועגן דעם, אָבער לאָ — עס גייט ניט. לאָמיר זען. רעדאַקציע. שעקספּיר איז ניט רעדאַקטירט. עס קלינגט ווי קאָלעגע וועליטשאַנסקי באַדויערט עס. איך ניט. אויב אפילו אין גאַנץ שעקספּיר זיינען דאָ עטלעכע זאַכן ניט קיין „שעקספּירישע" איז מה רעש? קאָלעגע וועליטשאַנסקי, צי עמיצער אַנדערש, האָט אַ ברירה ניט צו לייענען די זאַכן, זיי מבטל זיין. הלואי וואָלט מען דעם תנ"ך נ י ט געוווען רעדאַקטירט.

האָט דאָך געהאַלטן דערביי מ'זאָל אַזאַ וווּנדערלעכן ספר ווי איוב ניט אַריינגעמען. יעדע רעדאַקציע האָט זיך איר רעאַקציע. נאָר וואָס דען, דער שרייבער אַליין דער רעדאַקטאָר? פרעגט זיך: איז ער טאַקע דער בעסטער רעדאַקטאָר? פון מיין אייגענער דערפאַרונג זאָג איך: ניין! איך ווייס אַז פאַר אייניקע דערציילונגען, וואָס איך אַליין האָב געהאַלטן פאַר שוואַכע, האָב איך געקראָגן אַ סך קאָמפּלימענטן און דערציילונגען, וואָס איך באַטראַכט ווי גוטע זיינען פאַרביי אומבאַמערקט. פרעגט זיך: ווער איז גערעכט? אויף וועמען זיך פאַרלאָזן? און מיין ענטפער איז: אלו ואלו, שעקספּיר, דער תנ"ך איז טאַקע איינער, אָבער יעדער איינער לייענער האָט זיך ז י י ן שעקספּיר, ז י י ן תנ"ך, ער נעמט אים אויף אויף זיין שטייגער. מיינע דערציילונגען, ניט קיין שעקספּירישע דראַמען און אודאי ניט קיין תנ"ך קאַפּיטלען, ווערן אויך אויפגענומען פאַרשידן פון פאַרשידענע לייענער, לכן, איז ניט איך, ניט ווער עס איז קען זיין ד ע ר רעדאַקטאָר, דער איינציקער רעדאַקטאָר איז... די צייט, פאַר איר לאָזן אַ ל ץ און זאָל זי אָפּקלייבן. חוץ דעם, וואָס איז דאָס פאַר אַ ווערטער ציילעניש? האָט טאָלסטאָי געציילט ווערטער? האָט באַלזאַק געציילט ווערטער? איך רעד שוין נישט פון אַלעקסאַנדער דיומאַ . . . שיין וואָלט ער אויסגעזען ווען ער, צי . . . קאָלעגע וועליטשאַנסקי זאָל נעמען ציילן זיינע ווערטער. דאָס ווערטער ציילעניש — אַן אַמעריקאַנישע קרענק. איך האָב ניט געציילט קיין ווערטער, אפילו ניט די דערציילונגען, איך האָב געציילט די י אָ ר ן! איך, מיין ווייב זאָל מיר געזונט זיין, זיינען אין די פריע פופציקער, אויב

איך זאָל איצט זיך ניט אַרויסרייסן פון שטאָט, פּרווון ציען חיונה ניט פון דער פּען, וועט עס באַלד ווערן צו שפּעט. ביז אַהער איז מיין שרייבן געווען אַ קרדום לחפּור בה, ניט קיין עבירה חלילה, איר זייט אַלע שרייבער און איר ווייסט וואָס דאָס מיינט, אין די אַלע יאָרן האָט אָבער געשוועבט פאַר מיינע אויגן דער געדאַנק וועגן ציען חיונה פון אַן אַנדער קוואַל, ניט מוזן שרייבן די קליינע דערציילונג, כדי איך זאָל קענען שרייבן דעם גרויסן ראָמאַן. די קורצע דערציילונג איז אַ קונסט פאַר זיך, ווער ווער, איך מאַך זי ניט אַוועק מיט דער האַנט, זי איז אָבער פאָרט ניט מער ווי אַ קליין בילדל און איך האָב געבייגקט נאָכן גרויסן לייוונט. איצטער, באַזאָרגט מיט חיונה פון יגיע כפּי, וועל איך מיט אַ רויקן געמיט קענען אויסמאָלן דאָס גרויס בילד, אַ בילד, וואָס זאָל קענען פאַרנעמען אַ פּלאַץ אויף דער מזרח וואַנט פון דער יידישער ליטעראַטור.

אַ פּאַטשעריי פון די געסט האָט געזאָגט: יפה דרשת! עס האָט אָבער אויך געקענט הייסן: געגנוג גערעדט. שאַפירן גופא זיינען געפעלן זיינע רייד, ער וואָלט זיך שוין אַנידערגעזעצט, ער האָט זיך אָבער געכאַפּט ער דאַרף נאָך עפּעס קלאָר מאַכן זיינע געסט, דער עיקר דעם קאָפּלען. האָט ער אַ וויש געטון דעם שטערן, אַ שטעל געטון אַן אָפענע האַנט. — נאָך איין באַמערקונג. זעגענענדיק זיך מיט אייך היינט אָוונט, וויל איך אייך זאָגן: מיינע פריינט! איך געזעגן זיך מיט אייך ניט אויף תמיד, מיר׳ן זיך נאָך זען, איך וועל פון צייט צו צייט זיך אַרונטערכאַפּן אין שטאָט, איר, ווידער, כאַפּט זיך אַמאָל אַריבער צו אונז, דער מהלך איז ניט אַזאַ גרויסער, און איך פאַרזיכער אייך אַז יעדער איינער פון אייך וועט זיין אַן אָנגעלייג־טער גאַסט. — זיין קוק דערביי האָט אַ פּיק געטון קאָפּלען און ס׳איז שווער געווען צו זאָגן צי האָט ער געמיינט: אפילו דו, אָדער: יעדער כלל האָט אַן אויסנאַם. — און אודאי און אודאי געזעגן איך זיך ניט מיט דער יידישער ליטעראַטור. איך האָב נאָך עפּעס צו זאָגן און, מיט גאָטס הילף, איך וועל עס נאָך טון.

דער „מיט גאָטס הילף" אַ תפילה, און די געסט האָבן געענטפערט: אָמן — זיי האָבן ווידער געפּאַטשט, צופרידענע פון דער רעדע, צופרידן, וואָס דאָס רעדן האָט זיך געענדיקט. דער עולם, וואָס איז ביז איצט געזעסן, ווער אויף דער געבעטער קאַנאַפּע, ווער אויף אַ שטול, אַ ביינקעלע, אַ קישעלע, אָדער גאָר אויפן דיל, האָט זיך אויפגעהויבן, זיך אַריינגעלאָזט אין עס צימער און ממש באַפאַלן דעם טיש, דעם „בופעט", ווו עס איז געווען אָנגעשטעלט צום עסן און טרינקען. דער עולם איז ניט געווען אַזוי

הונגעריק אָדער דורשטיק, ער האָט זיך פשוט צוגעכאַפּט צום ביסל עולם הזה ווייל ער האָט געהאַט צופיל עולם הבא. — צופיל גערעדט, — האָבן באַמערקט אַ פּאָר מענטשן, וואָס האָבן גראַדע אויך „געגומען אַ וואָרט". דאָס האָבן זיי ניט קריטיקירט זיך חלילה, זיי האָבן עס „גראַדע" געזאָגט בתחום קאַפּל וועליטשאַנסקיס אויער. ער האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ, אַ בלאָז געטון רויך, דער מויל האָט זיך אַ קנייטש געטון. — פאַרשטאָפּן די מיילער, — האָט ער אַ זאָג געטון צו קיינעם ניט, אָנגענומען אַ פלעשל ווײַן, באַטראַכט דעם עטיקעט און אָנגעגאָסן אַ גלעזל. ער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, גלעזל ווײַן אין איין האַנט, ציגאַרעט אין דער צווייטער, ווען מיגדאַל, פריי פון זײַן „פאַרזיצערישער פליכט" איז צוגעגאַנגען צו אים. קאַפּלס עטלעכע ווערטער האָבן אים געגרופּעט. ער האָט דאָך עס צוגערעדט שאַפּירן מ'זאָל אים רופן, געקומען? גאַנץ פיין, אָבער צי אַזוי ריידן? אָן הקדמות האָט ער פאַרדראָסיק אַ פרעג געטון: זאָגט מיר, קאַלעגע וועליטשאַנסקי, פאַרוואָס זײַט איר אַזוי אַנטאַגאָניסטיש צו שאַפּירן?

— וואָס פאַרשטייט איר ניט? קאָנקורענטן. דער ג ר ע ס ט ע ר שרײַבער מוז דאָך זײַן איינער, צוויי קייסאָרים קענען אויף איין טראָן ניט זיצן.

מיגדאַל האָט געוויגן די ווערטער: איראָניע? ציניזם? ער מיינט עס ניט.

— די ליטעראַטור איז ניט קיין מאָנאַרכיע, גיכער אַנאַרכיע, על כל פנים אַ פרייע רעפּובליק, און אין אַ פרייער רעפּובליק איז דאָ פּלאַץ פאַר מער ווי איין מיניסטער.

— גערעכט, ווי איך בין אַ ייד, נו, ווייזט אויס אַז איך בין אַ שלעכטער אויסערן מיניסטער . . . וואָס איך האָב געזאָגט האָב איך באמת געמיינט, איך בין געווען אויפריכטיק . . . — זײַן קוק דערבײַ: ניט ווי די, וואָס האָבן געגאָסן שמן זית . . .

— איך צווייפל ניט אין אייער אויפריכטיקייט, עס איז אָבער אויסגעקומען ווי איר וואָלט אָפּגעזאָגט שאַפּירן דאָס לעבן, לויט אייערע רייד דאַרף שאַפּיר שוין מער ניט שרייבן, ער איז אויסגעשריבן . . .

קאַפּלס ליפּן — אַ העלזל פון אַ פלעשל, איין אויג פאַרזשמורעט, דער קאָפּ אַ ביסל אָן אַ זײַט, האָט ער נאָכגעקוקט דעם דינעם שטראָם רויך וואָס ער האָט נאָר וואָס אַרויסגעלאָזט. — אויס-געשריבן! — אין דעם אויסרוף ממש אַ געלעכטער. — זאָל ער נאָר קומען אויפן פאָרם, אַ שמעק טון איין

הינערשע שטייג, וועט ער גלייך נעמען מעלקן די הינער, שרייבן דערציי־לונגען וועגן זיי.

— דאָס, זאָלט איר מיר מוחל זיין, רעדט איר שוין גלאַט אין דער וועלט אַריין. אַ מענטש גייט אויף אַ שטעלע, גייט אַוועק פון שטאָט, בפירוש צוליב דעם ער זאָל קענען אָנשרייבן עפּעס גרעסערס, קומט איר צוגיין... איר קענט ניט שאַפּירן, ער אַז ער נעמט זיך עפּעס אונטער . . .

— נו יאָ, איר זייט דאָך זיינער אַ נאָענטער פריינד, קענט אים בעסער פון מיר, איך קען אָבער מיינע שרייבער . . .

קאַפּלס מויל האָט זיך אַ קרים געטון, אין דעם קרים האָט זיך ממש געקאָרטשעט די איראָניע. מיגדאַלן האָט עס שוין פאַרדראָסן. — ווילט זיך וועטן? — האָט ער שאַרף אַ פרעג געטון. אויף קאַפּלען האָט מען גערעדט אַז ניט נאָר האָט ער ליב דעם ביטערן טראָפּן, נאָר אַז ער שפּילט אויך אויף פערדלעך. דער „ווילט זיך וועטן?" אַ מין אַרויסרוף: מיט דיר דאַרף מען ריידן אין דער שפּראַך וואָס דו פאַרשטייסט, ווייל שאַפּירן פאַרשטייסטו נ י ש ט.

— אין אַ פלעשל וויין. — קאַפּל האָט אַ דריי געטון דאָס גלעזל אין זיין האַנט, אויסגעטרונקען דאָס ביסל וואָס איז דאָרטן געווען.

— גייט עס! — מיגדאַל האָט שיר נישט אויסגעשטרעקט די האַנט — צוקלאַפּן.

— איך גיב אייך פיר וואָכן, — האָט קאַפּל ממש אַ וואָרף געטון, אַ שטעל געטון דאָס ליידיקע גלעזל אויף אַ טישל דערביי און זיך אַרומגע־קוקט. — איך גלויב אַז איכ'ל גיין.

— שוין? וואָס האָט איר קיין צייט ניט?

— גיבן דער חברה אַ געלעגנהייט מיר וואַשן די ביינער. — זיין מויל האָט זיך ווידער אַ קרים געטון. — זעט כאָטש מ'זאָל נוצן כשרע זייף...

— איר'ט דאָך ניט אַוועקגיין אָן אַ זיי געזונט. כ'מיין שאַפּירן.

— פאַר אַזאַ גראָביאַן האַלט איר מיך?

קאַפּל האָט זיך געזעגנט קודם מיט דער באַלעבאָסטע, נאָכדעם מיט שאַפּירן. האַלטנדיק שאַפּירס האַנט, האָט ער אַ זאָג געטון: איר פאָרט דאָך ניט מאָרגן, זיך אפשר נאָך זען, געוואָלט זיך דורכשמועסן מיט אייך.

— מיר'ן זיך נאָך זען, — האָט שאַפּיר פאַרעוו געענטפערט און קאַפּל האָט פאַרשטאַנען, דערפילט — מיט, דיר האָב איך נישט וואָס צו רעדן. מיט אַ ביטערן שמייכל האָט ער פאַרלאָזט די שמחה.

צינגער האָבן געגומען קלאַפּן. קאַפּלס לינקער אויער האָט געמוזט

פלאַקערן פון די אַלע רייד וועגן אים. מיגדאַל האָט ניט צוגעלייגט קיין שטיקל פריסעק צום פלאַקער, ער האָט בלויז געלאָזט פאַלן — אַ ביטערער ייד.

(3)

— איר האָט געוווּנען! — מיגדאַל, שולדיק, דאַך האָפערדיק: איך האָב טאַקע פאַרלאָרן, אָבער איך בין אַ ספּאָרט.

— אודאי האָב איך געוווּנען. — קאָפּל וועליטשאַנסקי, גוטמוטיק: אַ נאָווינע ביי מיר געווינען, אָבער איך מאַך זיך ניט קיין צימעס דערפון. — זייט איר גרייט צו צאָלן?

— זכרתי איז פּקדתי . . .

— גוט, דאָ דערביי איז בערנשטיינס קעלער. ביי אים קריגט מען אַ גוט ביסל וויין און אַ געשמאַק שטיקל קעז צום פאַרבייסן, אָדער גאָר אַ פּאָר קאַרנאַצלעך.

אויפן וועג צו בערנשטיינס קעלער האָט קאָפּל מסביר געווען. — איר האָט מסתם געהערט אַז איך טרינק. נו, ווי דען? שמן טוב . . . זאָלט איר וויסן אַז דאָס איז בלויז אַ האַלבער אמת. איך האָב ליב אַ ביסל בראָנפן, טרינק אַ גלאָז וויין, אָבער איך טרינק קיינמאָל ניט אַליין און אַז איך טרינק בייס איך אַלע מאָל עפּעס צו. וואָס איז דער חילוק? אַ גרויסער חילוק. אַז אַ מענטש זעצט זיך אַנידער איינער אַליין און זשליאָקעט אויס אַ פלאַש וויין, איז ניט ער וויסט וואָס וויין איז, ניט ער האָט הנאה פון זיין טרינקען. דאָס זעלבע מיט בראָנפן. איך האָב שוין געזען שיכורים וואָס האָבן זיך אָוועקגעלאָזט אויף אַ „זאַפּאַי", ווי די רוסן רופן עס, צוויי דריי וואָכן האָבן זיי געקענט טרינקען און די גאַנצע צייט ניט פאַרזוכן קיין עסן, געלעבט אויפן אַלקאָהאָל. דאָס איז אַ שיכור. איך האָב ליב אַ ביסל וויין מיט אַ גוטן צובייס, אָבער אויסגערעדט: פאַרן צובייס צאָל א י ך! — האָט ער פאַרשייט אַ ווונק געטון. — און דאָ איז בערנשטיינס.

ווען מ'האָט שוין פאַרזוכט דעם וויין, אַ ביס געטון, האָט מיגדאַל זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטן. — זאָגט מיר, קאָלעגע וועליטשאַנסקי, ווי האָט איר געטראָפן?

קאָפּל האָט געזויגן פון גלעזל שיר ניט מיט פאַרמאַכטע ליפּן. דער־הערט די פראַגע, האָט ער אַ שטעל געטון דאָס גלעזל, אַ קרים געטון דעם מויל. — קודם לאָזט צורו דעם „קאָלעגע" און הערט מיר אויף מיט אייער

„יעווא וועליטשעסטוואָ״, דער וועליטשאַנסקי — אַן אומגליק, מיין נאָמען איז קאַפּל! טאַ־פּע־לע טו־טע־רי־טו, געדיינקט איר? דאָס איז עס. פרעגט איר ביי קאַפּלען ווי האָט ער עס געטראָפן אַז שאַפּיר וועט אָנהייבן מעלקן די הינער, דאָס וואָס איר פרעגט. איז דער תירוץ:

אַז איינער האָט רומאַטיזם דאַרף ער ניט זיין קיין מעטעראָלאָג צו וויסן אַז דאָס וועטער בייט זיך. איך בין אַ שרייבער, ווייס איך, אַז אויב עס איז דאָ אַ קראַנקייט פאַר וועלכער שרייבער ציטערן, איז עס — סקריוועז־ראַסקלעראָזיס. פון אַרטעריאָסקלעראָזיס האָט איר דאָך געהערט? שרייבער ליידן זייער שטאַרק פון געדיכטן דרוק בלוט. כדי אָט דאָס שרייבערישע בלוט זאָל ניט פאַרקליאַקנעט ווערן מוז מען אָפּט „שלאָגן צו אָדער״, אַרויסלאָזן אַ ביסל דאָס געדיכטע בלוט, שרייבן.

— דאָס פאַרשטיי איך. — מיגדאַל, פאַרדריסלעך: רעדט צו מיר אָט ווי איך וואָלט גאָר ניט געהאַלטן קיין פען אין האַנט. — אַז ער׳ט שרייבן האָב איך געוווסט, האָט ער דאָך אַליין געזאָגט אַז ער גייט אַוועק אויפן פאַרם כדי צו שרייבן, ער האָט דאָך אָבער גערעדט וועגן שרייבן אַ ר אָ מ אַ ן, דאָס האָט איר נביאות געזאָגט אַז ער׳ט שרייבן אַ דערציילונג, טאָ ווי דער־קלערט איר אייער נביאות?

— לא נביא אנוכי ולא בן נביא, און איך וועל זיך אפילו ניט איבער־נעמען מיטן באַרימטן: נו, וואָס האָב איך געזאָגט! דערקלערן? — ער האָט פאַמעלעך אַ זופּ געטון וויין, אָפּגעביסן אַ ברעקל קעז. — קודם די מורא פאַרגעסן צו ווערן. מאַכט עס ניט אַוועק מיט דער האַנט. איר, פּאָעטן, זייט ניט אויסגעשטעלט צו דער מחלה ווי מיר פּראָזאַיקער, וואָס שרייבן אין אַ צייטונג. אַ פּאָעט, אַז ער דרוקט זיך אין די קליינע זשורנאַ־לעכלעך, ווייסט ער אַז ער שרייבט פאַר עטלעכע מנינים לייענער, על פּי רוב שרייבער, און ז י י , ניט נאָר וועלן זיי ניט פאַרגעסן זיין נאָמען, זיי׳לן געדיינקען, ציטירן שורות, אויב ניט גאַנצע לידער. ווען הייבט מען אים אָן פאַרגעסן, ווען ער ווערט פּאָפּולער, מ׳הייבט אָן זינגען זיינס אַ ליד, דעמלט איז אָדער עס ווערט דעם קאָמפּאָזיטאָרס ליד, אָדער גאָר אַ פאָלקס ליד. אַז דאָס פ אָ ל ק שרייבט לידער, ווייסט איר דאָך... איר׳ט מיך פרעגן איז עס אַ קנאַפּער אומגליק.

ווען איך בין ליטעראַרישער קייסער וואָלט איך באַפוילן אַז אַלע פּאָעטן זאָלן חוץ זייערע פּיוטים צום זאָגן (אין יידיש איז דאָ אַ וואָרט „געדיכטע״ אָבער עס טויג נישט, עס איז דייטש) אויך שרייבן לידער, טאַקע צום זינגען. היינע האָט געשריבן בעסערע לידער ווי „די לאָרעליי״, געדיינקען

געדיינקט מען דוקא דאָס ליד, ווייל מ׳זינגט עס. — קאָפּל האָט אַ זופּ געטון וויין, פֿאַררויכערט, אַ בלאָז געטון דעם רויך. — איז ווו האַלטן מיר? יאָ,ביים פֿאַרגעסן. דער פּראָזאַיקער, וואָס שרייבט אין אַ צייטונג, ער איז אויף צרות, ער ווייסט ניט ווער זיין לייענער איז. ער שרייבט כלומרשט פֿאַר צענדליקער טויזנטער, לייענען לייענען אים אפשר עטלעכע הונדערט, פֿון די, לייענען אַ היפּש ביסל די מ ע ש ה, ווער דער שרייבער איז, פֿרעג זיי בחרם, וואָס גייט ער זיי אָן? און די, וואָס לייענען שוין דעם שרייבער, איז אויך, צען־צוואַנציק יאָר קענען זיי אים לייענען, וויסן זיין נאָמען, זאָל ער אָבער אַ צען צוואַנציק וואָכן ניט שרייבן, פֿאַרגעסט אים דער לייענער. דערמאָנסט אים: שאַפּיר! „אָה, יאָ! טאַקע, ווו איז ער אַהינגעקומען? געשטאָרבן?" און ווער וויל עס שטאַרבן? דאָס איז נומער איינס.

קאָפּלס אָנווייזנדיקער פֿינגער האָט גענומען קרייזן אַרום ראַנד פֿון גלעזל, פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, מיגדאַלן האָט עס דענערווירט: ער׳ט אַמאָל אויפֿהערן? — און נומער צוויי? — די פֿראַגע — אַ רויטער סיגנאַל: שטעל זיך אָפּ! הער אויף פֿאָרן אַרום דער וועלט . . .

קאָפּל איז צוריקגעקומען פֿון זיין וועלט רייזע. — נומער צוויי? — ער האָט האַסטיק אַ זופּ געטון פֿון גלעזל. — אַז מ׳אַרבעט אָפּ אַ לעבן לאַנג מיט אַ מיסקראָסקאָפּ קען מען ניט מיט אַמאָל איבערגיין צום טעלעסקאָפּ, און מיט אַ מיקראָסקאָפּ קען מען אין הימל ניט קוקן. — ער האָט אַ קוק געטון אויף מיגדאַלן: פֿאַרשטייסט וואָס איך מיין? אודאי פֿאַרשטייט ער ניט, ע ר שוועבט אין די הימלען אָן אַ טעלעסקאָפּ, און קיין מיקראָסקאָפּ דאַרף ער אודאי ניט, אַ פּאָעט, מוזע, איז דאָך ניט שייך . . .

ער האָט דערגאָסן זיין גלעזל וויין, געוואָלט דערגיסן מיגדאַלס אויך, ווען יענער האָט אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויפֿן גלעזל, האָט קאָפּל אַ שמייכל געטון: ניט? איז ניט. — איר פֿאַרשטייט? מיט דעם וואָס דער טאָפּ ברענט זיך אָן מיט דעם שמעקט ער. אַ מענטש שרייבט אַ לעבן לאַנג קורצע דערציילונגען קען ער ניט, מיר ניט דיר ניט, נעמען שרייבן ראָמאַנען. אַן אויסגעטראָטענע סטעזשקע, מ׳גייט שוין אויף איר מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. אפֿילו ווען ער זאָל שוין אָנשרייבן אַ ראָמאַן וואָלט עס אויך געווען ניט מער ווי אַ דערציילונג נאָר צעצויגן, די אַלטע יענטע נאָר ערגער געשלייערט.

— דאָס זאָלט איר ניט זאָגן. אפֿילו ד י דערציילונג איז אויך אַ נייע.

— מיט וואָס איז זי אַזוי ניי?

— אַ נייע טעמע! הינער! מיר האָבן יידישע הינער־פֿאַרמער, איך געדיינק אָבער נישט אַ יידישער שרייבער זאָל האָבן געשריבן וועגן הינער.

— הו־וואַ, הינער! אוי, אונזערע יידישע פּראָווינציאַלן! איך געדיינק, מיט אַ יאָר פערציק, פינף און פערציק צוריק האָט זיך געיאָוועט אַ יידישער שרייבער משה סטאַווסקי. איצט שרייבט ער העברעאיש. האָט ער אָנגעשריבן אַ דערציילונג „לבן ארמי", אַ מעשה מיט אַ פערד. נו נו, פרעגט שוין נישט, עס איז געווען הימל און ערד און פערד. איין קלייניקייט, אַ יידישער שרייבער האָט אויסגעמאָלן אַ פערד, ניט קיין קליאַטשע, אַ משל, נאָר טאַקע פשוט אַ פערד. זיינען מיר דאָך שוין, הייסט עס, מיט לייטן גלייך. איז מילא דעמלט, פאַרשטיי איך נאָך, אָבער אפילו שפּעטער, שוין דאָ אין אַמעריקע, האָט מען זיך געציאַצקעט מיט אייזיק ראַבאָיס פערד. דאָס וואָס ער האָט אָנגעשריבן, אויסגעמאָלן אַ ייד מאַנעס אַז ס'איז אַ מחיה אַ קוק צו טון אויף אים, דאָס איז גאָרניט, דער עיקר — די פערד! אוי, די פערד . . . איצט קומט איר מיט אייערע הינער.

— געפעלט אייך ניט די דערציילונג?

קאָפּל האָט אויסגעליידיקט דאָס גלעזל, אַ שטעל געטון מיט אַ קלאַפּ און עס האָט אויך אַ קלאַפּ געטון איין וואָרט — דרויב.

מיגדאַל האָט דערהערט, דערפילט דעם קלאַפּ. אַרויסרופעריש, מיט רוגזה האָט ער אַ פרעג געטון: און וואָס מיינט עס?

— דרויב. איר ווייסט ניט וואָס דרויב איז? פּיסלעך, פליגעלעך, פּופּקעלעך . . .

— זאָלט איר מיר מוחל זיין, דאָס איז גלאַט גערעדט. שאַפּיר האָט ניט געשריבן וועגן פּיסלעך, פליגעלעך און פּופּקעלעך, ער האָט געשריבן וועגן ה י נ ע ר.

— נו יאָ, וועגן הינער. — קאָפּל האָט פאַררויכערט, אַ קוק געטון אויף מיגדאַלן: דאָ מיט וועמען צו רעדן? ניטאָ. ער האָט אַרויפגעשאָסן דעם רויך. נאָר גאָרניט, זאָל זיינס איבערגיין. מיטן קאָפּ אַ ביסל אָן אַ זייט, האָט ער גענומען רעדן. — איך האָב פריער דערמאָנט דעם טעלעסקאָפּ און מיקראָסקאָפּ. דער אַסטראָנאָם, אַסטראָפיזיקער אַרבעט מיטן טעלעסקאָפּ, ער באַקוקט די גאָר גרויסע וועלט און פונם איניווערסאַלן קומט ער צום פּאַרטיקולאַרן, דעם פרט; דער כעמיקער אין דער לאַבאָראַטאָריע, ער אַרבעט מיטן מיקראָסקאָפּ, ער האָט פאַר זיך אַן איינצלנעם טראָפּן, אָבער אין דעם איינצלנעם טראָפּן זעט ער אַ גאַנצע וועלט, פון דעם איינצלנעם גייט ער צום אוניווערסאַלן. איך ווייס ניט צי האָב איך עס אַרויסגעבראַכט קלאָר, וואָס איך וויל זאָגן, איז אָט וואָס — אַ שרייבער פון קורצע דערציילונגען אַרבעט, אַזוי צו זאָגן, מיטן מיקראָסקאָפּ, ער דערציילט וועגן אַן

איינצלנער פּאַסירונג מיט איין מענטשן. אויב זיין . . . מיקראָסקאָפּ אַרבעט גוט, ער האָט געפּאַקט דעם טראָפּן ריכטיק, דערפילט איר גלייך אַז דער טראָפּן דאָס איז אַ וועלט בזעיר אנפּין, די פּאַסירונג איז ניט קיין צופעליקער עפּיזאָד מיט עפּעס אַ מענטשן אַ טשודאַק, נאָר דאָס איז געשען, קען געשען היינט און מאָרגן, ניט נאָר מיט יענעם מענטשן, נאָר אויך מיט מיר, מיט אייך, מיט יעדן איינעם. אויף אַזאַ דערציילונג מעג מען מאַכן אַ ברכה, זאָגן דעם שרייבער: יישר כוחך. דאָס איז דער רעאַליסטישער לייטער, וואָס מיט די פיס שטייט ער אויף דער ערד און די הענט ציען זיך צו די הימלען. אָבער אויף אַזעלכע דערציילונגען איז ניט אַזאַ גוואַלדיקע גערעטעניש. ביי קיינעם נישט. אפילו ביי די גרעסטע. אין אייער שאַפירס דערציילונג איז דאָ די שטייג, די הינער, רעאַליסטיש ביז גאָר, נאָר אַז איר האָט עס איבערגעלייענט פרעגט איר זיך: איז מה בכן? צו דערוויסן זיך אַז הינער עסן, טרינקען, טשובען זיך דאַרף מען ניט פאָרן קיין פּאַרטערוויל, ווערן אַ פּאַרמער, איר און איך ווייסן עס פונקט אַזוי גוט. איך בין ניט קיין הינער פּאַרמער, מיט הינער קיינמאָל ניט געהאַט צו טון, און אַז איכ׳ל אייך דערציילן וועגן הינער מיט ברילן אויפן נאָז וועט איר מיר ניט גלויבן, איר׳ט לאַכן. איז עס ניט קיין געלעכטער. איך האָב געזען אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ הון מיט ברילן. וואָס איז די מעשה? אַ הון, דוכט זיך אַזאַ מילדע באַשעפעניש, נאָר אַז זי טוט אַ פּיק אַ צווייטער הון אין קעפּל און דער פּיק איז שאַרף געגוג, עס ווייזט זיך אַ טראָפּן בלוט, צעשפּילט זיך די רציחה אין איר אַזוי שטאַרק, אַז זי קען שוין דערפיקן איר קרבן צום טויט. טוט מען דאָס איר אָן טונקעלע ברילן, זי זאָל ניט דערזען קיין בלוט. איין טראָפּן בלוט פאַרגאָסן, רופט ער שוין צו ווייטערע שפיכת דמים. אָט ד ע ר טראָפּן בלוט איז שוין גוט פאַרן שרייבערישן מיקראָסקאָפּ . . . ווייל דאָס איז ניט נאָר ביי דער הון, עס איז אויך ביים אָקס (דער רויטער טוך) און, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, אויך ביים מענטשן, אָבער אייער שאַפירס מיקראָסקאָפּ האָט קיינמאָל ניט געאַרבעט צו גוט. פונדעסטוועגן האָט ער עטלעכע גוטע דערציילונגען, ווען ער פּאָלגט מיך, קלייבט זיי אָפּ, בעסערט זיי אויס, אויב נייטיק, גיט זיי אַרויס אין איין בוך, וואָלט עס געווען אַ סך בעסער ווי צוגעבן נאָך אַ ביסל . . . דרויב.

— ווי איך זע האַלט איר ניט אַזוי שטאַרק פון שאַפירס שרייבן, פונדעסטוועגן ראַט איר אים אַרויסגעבן אַ באַנד געקליבענע דערציילונגען, פון אייער שרייבן האַלט איר דאָך מסתם יאָ, איר שרייבט שוין אויך אַ שיינע פּאָר יאָר, אפשר לייגער ווי שאַפּיר, פאַרוואָס טוט א י ר עס ניט?

— איך? איר קענט מיך פונקט אַזוי גוט פרעגן פאַרוואָס איך האָב ביז אַהער ניט אַרויסגעגעבן קיין איין בוך.

— פרעג איך טאַקע.

— איז דער תירוץ: מיך וועט מען אַריינלאָזן אויף יענער וועלט אָן אַ בוך אונטערן אָרעם.

— וואָסי גאָר יענע וועלט? מ׳גיט ניט אַרויס קיין ביכער צוליב יענער וועלט.

— צוליב וואָס דען? אַן אַמעריקאַנער שרייבער אַז ער גיט אַרויס אַ בוך, טוט ער עס קודם צוליב עולם הזה, ער׳ט פאַרדינען דערביי עטלעכע טויזנט דאָלאַר, ער שאַפט זיך אויך אַ פּאָזיציע, מ׳שרייבט וועגן אים — דאָס איז שוין עולם הבא — וועט ער קענען אַרויסגעבן נאָך אַ בוך, מאַכן נאָך געלט, ווידער עולם הזה. די עולם הזה וואָס אַ יידישער שרייבער קען פאַרדינען פון אַ בוך ווייסט איר דאָך, בלייבט די עולם הבא — דריי קריטיקער וועלן אָנשרייבן דריי אַרטיקלען, איינער וועט זאָגן גוט, אַ צווייטער וועט זאָגן שלעכט, אַ דריטער ני בע ני מע, און דאָס דאַרף עס זיין מיין „זאַגראַניטשני פּאַספּאָרט״ אַריינצוקומען מיט אים אין ליטעראַרישן גן עדן אָדער גיהנום, איז מוחל, איך גיי ניט אין קיינס פון די ערטער, פאַר מיר איז כּף הקל ווי אַנגעמאָסטן.

— ווען חלילה, חלילה אַלע שרייבער זאָלן אַזוי דיינקען וואָלט געווען אַז אָך און ווי צו דער יידישער ליטעראַטור.

— די יידישע ליטעראַטור . . . איר׳ט נעמען נאָך אַ ביסעלע? ניין? וועל איך שוין אַליין מאַכן דעם סיום אויפן פלעשל. — ער האָט אַ זופּ געטון וויין. — די יידישע ליטעראַטור . . . דאָ שרייבער וואָס רייסן זיך ממש אונטער פון טראָגן די אחריות פאַר דער יידישער ליטעראַטור, אַז איינער פון זיי זעצט זיך אַריין אין אַ אויטאָמאָביל אָדער עראָפּלאַן ציטערט ער ממש, ניט טאָמער וועט פלוני בן פלוני, חלילה, דערהרגעט ווערן, נאָר טאָמער קומט חלילה אום די יידישע ליטעראַטור. זיי, אָט די שרייבער, וואָלטן בדאַי צענויפגעקליבן זייערע נעגל וואָס זיי האָבן אָפּגעשניטן אין משך פון זייער לעבן און זיי אַריינגעגעבן אין ליטעראַרישן אַרכיוו אָדער מוזעי. איין קליינקייט, די נעגל פונם הייליקן רב ברוכל אָדער רב זרחל... איך קלייב ניט מיינע נעגל און אויך ניט מיינע שריפטן, איך שרייב, פאַרדין גאַנץ גוט און פאַרלעב ביז אַ סענט, קיין ירושה האָב איך ניט וועמען צו לאָזן, ניט אין געלט, ניט אין ליטעראַטור.

— געלט אפשר טאַקע ניט, אָבער ליטעראַטור. אויב עס קען צוקומען

נאָך אַ גוט בוך, פאַרוואָס פאַרטאַכלעווען? די יידישע ליטעראַטור איז עס אַזוי רייך אין גוטע ביכער?

— די יידישע ליטעראַטור . . . איר קענט זי, די דאַמע? וואָלט זי געקומען צו מיר און מיר געזאָגט אַז זי מוז האָבן אַ קינד פון מיר, זי באַשטייט דאַרויף, נו, קען זיין איך וואָלט איר געטון די געפעליקייט. דערווייל האָט זי מיר נאָך ניט אָפּגעשטאַט קיין וויזיט, און איך זאָל זי גיין זוכן, איר בגוואַלד אָנוואַרפן אַ ממזר, דאַרויף בין איך שוין צו אַלט.

— ווי אַלט זייט איר עס, מישטיינס געזאָגט?

— נאָך אַ פיר חדשים וועל איך שוין האָבן אויף זיך אַ שאָק מיט יאָרן, ווערן אַ זעכציקער.

— איר זעט עס ניט אויס. און וואָס איז היינטיקע צייטן זעכציק יאָר? „דאָס לעבן הייבט זיך אָן פון זעכציק”.

— יאָ, כך היה אומר, אָבער פון כך היה אומר ביז כך היה עושה איז די שטרעקע אַ גאַנץ גרויסע.

— וואָס, פילט ניט גוט?

— וואָס פאַלט איך איין? הלואי ווייטער, האָב זיך ניט אויף וואָס צו באַקלאָגן. דער דאָקטאָר קנעלט מיט מיר איך זאָל ניט רויכערן, ניט אַזוי פיל.

— איר רויכערט טאַקע אַ ביסל צו פיל.

— נו יאָ, אַלע קעגן רויכערן. געפרעגט דעם דאָקטאָר וואָס פאַר אַ שאָדן טוט עס אָן באמת. האָט ער אַ קנייטש געטון דעם שטערן, מיר געגעבן אַ גאַנצע לעקציע אַז ווען אַ מענטש פאַררויכערט ציען זיך איין די אַרטעריעס, לאָזן ניט פליסן דאָס בלוט פריי, דערפאַר אַז מ׳נעמט אַ ביסל בראָנפן צעציען זיך די אַרטעריעס. האָב איך אים פאָרגעלייגט אַז נאָך יעדן ציגאַרעט זאָל איך נעמען אַ ביסל בראַנפן, וויל ער ניט איינגיין אויף דעם מסחר: איין שלעכטע געוווינהייט איז שלעכט גענוג. אפשר איז ע ר גערעכט. נו, זיך שוין טאַקע גענוג אָנגערויכערט, אויך גענוג אָנגעטרונקען — איר האָט אַ ביסל אונטערגעפּאַנפּעט — און, מיר דוכט, זיך שוין גענוג אָנגערעדט אויך, שוין אפשר אַ ביסעלע צופיל . . .

— איך האָב באמת הנאה געהאָט. ניט ווייל איך בין איינשטימיק מיט אייך, דאָס ניט, אָבער טאַקע דערפאַר זייער אינטערעסאַנט און איך האָף אַז מיר׳ן זיך נאָך דורכשמועסן וועגן די ענינים.

— איך האָף אויך אַזוי.

די האָפענונג איז ניט מקוים געוואָרן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט

מיגדאַל דערזען אין צייטונג אַז קאַפּל וועליטשאַנסקי איז געשטאָרבן פּלוצ־לונג, זיצנדיק ביים שרייב טיש.

מיגדאַל האָט זיך אויך דערוווּסט אַז אָט דער קאַפּל וועליטשאַנסקי האָט אין משך פון דרייסיק יאָר צוגעשטעלט יעדע וואָך אַ דערציילונג; אונטערן נאָמען טוביה טאַטאַרעסקו — אַ ווייטער גלגול פון טאַפּעלע טוטע־ריטו — האָט ער יעדע וואָך געשריבן אַ הומאָרעסקע; דערצו נאָך האָט ער, אונטערן נאָמען פּיקאָלאָ — אַ וואַריאַציע פון קאַפּל — גאַנץ אָפט געשריבן אַ פעליעטאָן אין גראַמען. פון דעם אַלעמען האָט ער פאַרדינט גאַנץ גוט און כמעט דאָס גאַנצע געלט זיינס איז אַוועקגעגאַנגען אויף . . . ביכער. געוווינט האָט ער איינער אַליין אין צוויי צימערן מיט אַ קיך, איז איין צימער געווען פאַרפולט מיט ביכער, פון לידער ביז ביכער וועגן אַסטראָנאָמיע, פיזיקע און פילאָזאָפיע, אפשר דריי טויזנט ביכער און אויף יעדן בוך זיינען געווען זיינע באַמערקונגען, דאָס מיינט אַז ער האָט זיי טאַקע געלייענט. די ביבליאָטעק האָט אים געמוזט אָפּקאָסטן אַ צען טויזנט דאָלאַר, לכל הפחות.

— אַבי מ׳האָט געזאָגט אַז ער האָט געשפּילט אויף פערדלעך.

— מה לי וואָס מ׳האָט געזאָגט. דער מענטש האָט געליטן פון שלאָפ־לאָזיקייט, איז ביי אים געווען רעכט בייטאָג איינקויפן אַ בוך און דורך דער נאַכט עס איבערלייענען. די איראָניע דערביי איז, ער אַליין האָט ניט אַרויסגעגעבן קיין איין בוך.

— ווי קומט עס טאַקע? — אין דער פראַגע אַ הינטערגעדאַנק: הערן וואָס עמיצער אַנדערש זאָגט.

— אַנומלט מיט אים אַ רעד געטון וועגן דעם (מיר זיינען געווען גאַנץ נאָענט), האָט ער מיר, אויף זיין שטייגער אַ זאָג געטון: מיינסט טאַקע אַז אַלץ וואָס אַ מענטש שרייבט אָן דאַרף אויסגעקריצט ווערן אויף שטיינערנע לוחות? האָב איך אים געזאָגט: שטיינערנע לוחות טאַקע ניט, אָבער צוויי טאָוולען וואָלטן ניט געשאַדט.

— וואָס זשע, עס פעלן אויס ביכער?

— קיין ביכער פעלן ניט, אָבער ג ו ט ע ביכער קריגט מען נישט דרייצן אויף אַ טוצן, אַרויסגעבן אַ גוט בוך צי צוויי, אסור מיר אויב דאָס וואָלט דיר געשאַדט. מאַכט ער צו מיר: איכ׳ל דיר דערציילן אַ גוט וואָרט פון ביאַליקן. געווען אַ קלוגער ייד, כ אָ ט ש אַ גרויסער פּאָעט... האָט ביאַליק געזאָגט: ווען אַ יידישער שרייבער גיט אַרויס אַ בוך איז ער קודם אַ מ ד פּ י ס, נאָכדעם אַ מ פ ס י ד, לסוף אַ מ ס פּ י ד. גוט געזאָגט.

האָ? איך קען אַרויסגעבן אַ בוך דערציילונגען, און אפשר אפילו צוויי, גוטע דערציילונגען, אָבער איך זאָל זיי אַליין אַרויסגעבן, אַליין זיי דאַרפֿן פֿאַרקויפֿן, און ערשט נאָכדעם זאָלן זיי בלייבן ליגן, מיר אַנמוליען די אויגן און איך זאָל זיך פֿאַרשעלטן דאָס געביין, הם . . . הם . . . ניט קאָפּל! איך האָב עס אין ד׳רערד!

מיגדאַל האָט עס פֿאַרגליכן מיט דעם וואָס קאָפּל האָט אים געזאָגט און עס האָט כמעט ווי געשטימט, וואָס עס האָט געפֿעלט איז דער ירושה מאָטיוו. האָט ער אַ פֿרעג געטון: און וואָס וועט ווערן פֿון זיין ביבליאָטעק? כ׳מיין האָט ער זי אָפּגעזאָגט עמיצן?

— כ׳ווייס ניט.

— ניט געלאָזט קיין צוואה?

— דערווייל האָט מען ניט געפֿונען. געזוכט אפשר האָט ער אָנגעזאָגט עפּעס וועגן אַ לויה, ניט געפֿונען. וועט מען אים שוין באַגראָבן ווי עס דאַרף צו זיין . . . דאָ דריי רעדנער . . . דאָ איז עס.

צווישן די פּאָר מנינים שרייבער וואָס זיינען געקומען צו דער לויה האָט מיגדאַל דערזען אויך שאַפּירן. מיגדאַל האָט פֿאַרחידושט אַ קוק געטון אויף אים, מיט אַ קער פֿון איין האַנט אַ פֿרעג געטון: ווי קומסט־ו אַהער? און שאַפּיר האָט בלחש געענטפֿערט: געדאַרפֿט סיי ווי זיין אין שטאָט, איינקויפֿן, האָב איך געטראַכט — שוין אַריינכאַפּן . . .

גייענדיק פֿון דער קבורה, האָט שאַפּיר אַ זאָג געטון: געווען אַ נישקשהדיקער שרייבער, אָבער, זאָל ער מיר מוחל זיין, אַ ביטערער ייד, האָט ניט פֿאַרגינען יענעם כי הוא זה, — האָט ער אָנגעוויזן אויפֿן שפּיץ פֿינגער.

— הם . . . יאָ, — האָט מיגדאַל מסכים געווען מיט אַ האַלבן מויל, ס׳הייסט, ביטער אפשר יאָ, אָבער ניט פֿאַרגינען? שאַפּיר איז טאַקע געווען זיין פֿריינד, אָבער דער ניט פֿאַרגינער איז, דוכט זיך, געווען ניט קאָפּל. ער האָט דאַריבער אַ פֿרעג געטון: וואָס הערט זיך ביי דיר? שוין איינגעשטעלט?

— כמעט. ווערן אַ פֿאַרמער כדבעי נעמט צייט. די פֿאַרם אַ גוטע פֿאַרם, אַלץ איינגעאָרדנט, אָבער פֿאַר מיר, חיהן איז אַלץ ניי. איך זאָג דיר — איינגאַנצן אַ נייע וועלט! שאַ! האָסט׳אַך געלייענט מיין „דער רויטער קאַם". ניי, האַ? אַ נייער טאָן! אַז ווו דו גיסט זיך אַ קער איז אַלץ ניי און יעדער זאַך בעט זיך ממש: דרשני! איז וואָס מיינסטו? איך האָב שוין פֿאַרצייכנט אַ צען־צוועלף דערציילונגען, זיי ליגן מיר שוין,

ווי זאָגט מען עס, אין די ביינער, איך וואָלט זיי שוין אַרויפגענומען אויף פּאַפּיר, איז אָבער אַ צרה — צייט. אַי, ווען איך האָב צייט!

מיגדאַל האָט אַ קוק געטון אויף זיין פריינד שאַפּיר, געוואָלט האָט ער אים פרעגן: און וואָס איז מכוח דעם ראָמאַן? קאָפּל מיט זיינע אויסגע־קרימטע ליפּן האָט זיך באַוויזן — „מעלקן די הינער". מיגדאַלן האָט אַ קלאַפּ געטון אין אויער „דרויב", און ער האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ. ער האָט דערהערט. — אָט אפילו איצט, וואָלט געוואָלט אַריינכאַפּן אַ שעה, צוויי, זיך דורכרעדן, אָבער איך דאַרף נאָך גיין אין עטלעכע פּלעצער, איינקויפן, באַזאָרגן זאַכן, איז . . .

מיגדאַל האָט נאָכגעקוקט זיין פריינד שאַפּיר ווי ער האָט זיך דער־ווייטערט, דערווייטערט און דערפילט אַז קאָפּל, דער פאַרביטערטער קאָפּל מיט זיינע אויסגעקרימטע ליפּן, מיט זיין „דרויב" ווערט אים נעענטער, נעענטער . . .

ביכער פון ש. מיללער

ערציילונגען 1921
בלעטער פאַלן 1926
די שמאַלץ־גרוב 1933
אַ בליאַסק אויף טאָג 1935
מאַטיוון 1940
רויט און שוואַרץ 1945
דור הפלגה 1946
שטויב 1948
דור המדבר 1951
אין די שוואַרצע פינטעלעך 1953
נעכטן 1956
חי־געלעבט 1959
סקעפּטישע מחשבות 1959